STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09299

# DZSHEBELYE

Itzjok Perlow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק פערלאָוו

# דזשעבעליאַ

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Copyright by:
**I. Perlow (Israel)**

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

---

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 30 DE JUNIO DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

יצחק פּערלאָוו


# דזשעבעליאַ


פאַרלאַג "ייִדבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפט פאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס

1955

## אין פאַרלאַג „יידבוך“ זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געצכטיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
(אויספאַרקויפט)

3) י. י. טרונק — כעלעמער חכמים
(יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט)
מיט קאַריקאַטור, געצייכנט פון י. שלאָס.

3) שלמה סיימאָן — אַמאַליקע יידן
געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה.

5) פראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
געקליבענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס.

6) יצחק פערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
דערציילונגען פון לעבן אין מדינת ישראל.

7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

8) ש. סיימאָן — תוך־יידישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
פרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
פרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פרעמיע
פון „די אידישע צייטונג“, בוענאָס־איירעס.

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע (2 טיילן)

14) יצחק פערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן)

## אין דרוק:

ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
יעקב פּאַט — די לערערין אסתר
משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן.
מלכה לי — מיין קינדהייט (פּראָזע)

---


וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

Editorial ''IDBUJ''
Boulogne Sur Mer 671/75 — T. E. 62-9566 — Buenos Aires
República Argentina

# אינהאַלט:


פאָרוואָרט — 7


## ערשטער טייל


קאַפּיטל — שורה

1 זכריה קאַרלסבאַך — 13
2 טאַטע און זון — 28
3 צווײ ברידער — 45
4 עס האָט זיך אָנגעהויבן... — 61
5 לוטס טעכטער — 76
6 די פּאָליציי־פּעסטונג „עיראַק־סואיִדאַן" — 92
7 אין דער שלאַכט פאַר „עיראַק־סואיִדאַן" — 105
8 עזריאלס ווידערגעבורט — 118
9 אילנה — 130
10 אויס פּאַלאַץ — אויס פּריץ — 146
11 פּערל־ליבעס נעכט — 172


## צווייטער טייל


1 דער „יודאַנער" מיטן „קלאַנג־פּילם" — 193
2 לייביש ווערט אַ לייט — 214
3 „עולים" און „יורדים" — 231
4 טעאַטראַליאַ... — 245
5 נאָכן מבול — 263
6 פּאַראַדיע — 286
7 צוליב אַ הון — 302
8 קאָנצערט — 325
9 שאַנעמאַקעם, שאַנעמאַזל... — 339
10 פאַרגעסן ליב צו האָבן... — 353
11 אַדיע, דזשעבעליאַ — 369

# פאָרװאָרט

דזשעבעליאַ (ג׳בליה) איז אײנע פון די פאַרלאָזענע אַראַבישע שטעט אין ישראל װאָס זענען אין יאָר 1948 באַזעצט געװאָרן מיט עולים־חדשים.

„ג׳בליה" איז דער אַראַבישער נאָמען און ער באַדײַט: אַ בערגל. שפּע־טער איז אָט דער אַראַבישער נאָמען אָפיציעל פאַרביטן געװאָרן אויפן ענלעך־קלינגענדיקן און ענלעך־באַדײַטנדיקן העברעיִשן נאָמען: גבעת־עליה (גיװאַט־אַליאַ) און דאָס הייסט: דאָס בערגל פון דער עליה, אָדער דאָס בערגל פון עולה־זײַן אויף דעם, פון אַרויפגײן. דאָס פאָלק, אָבער, רופט װײַטער די שטאָט מיטן אַלטן אַראַבישן נאָמען „דזשעבעליאַ".

דזשעבעליאַ, מיט אירע גאַסן און געסלעך, מיט אירע פּרדסים און בתי־קברות, מיט אירע פּאַלאַצן און נעבעכדיקע הײַזקעס, איז טאַקע צע־שפּרייט און צעװאָרפן איבער אַ קילאָמעטער־לאַנגן באַרג, װאָס ציט זיך לענגאויס דעם ים־ברעג פון יפו, ביז בת־ים.

די שטאָט בת־ים האָט אין די מלחמה־טעג געהאַט באַזונדערס אויסצו־שטײן פון די אַראַבישע כנופיות אין דזשעבעליאַ. ביזן הײַנטיקן טאָג זעט מען אויף די בת־ימער גרענעץ־גאַסן צעשעדיקטע הײַזער און חורבות, װאָס שטאַרצן מיט שנאה אַנטקעגן דזשעבעליאַ.

בײַ הײַנטיקן טאָג איז דזשעבעליאַ אַ הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שטאָט און כמעט דורכאויס באַזעצט מיט נײַע עולים. דזשעבעליאַ, יפו און אַלע דערבײַיאיקע שכונות, זענען לעצטנס פאַראײניקט געװאָרן מיט תל־אביב, אונטער אײן שטאָט־פאַרװאַלטונג. אָבער פאַקטיש פאַרװאַלטעט מיט דזשעבעליאַ דער „אַפּוטרופּוס" איבער די פאַרלאָזענע אַראַבישע גיטער. און כאָטש דזשעבעליאַ איז פאַראײניקט מיט תל־אביב לעבט זי אַ באַזונ־דער, אײגנאַרטיקן לעבן. בײדע שטעט זענען צװײ באַזונדערע װעלטן. באַ־זונדער לויט דער אַרכיטעקטור און לויט דער מענטאַליטעט פון די אײַנװוי־נער, לויט דער קליידונג און מנהגים און, איך װאָלט געזאָגט, אַפילו לויטן קלימאַט...

ווער זענען זיי, די איינוווינער פון דזשעבעליאַ?

דאָס זענען ייִדן פון פאַרשידענע לענדער, געראַטעוועטע פון אַלע וועלט־קאַטאַסטראָפעס. געוועזענע פון פאָגראָמען און שחיטות, פון געטאָס, קאַצעטן, תפיסות און פאַרשיקונגען. מענטשן פון פאַרטיזאַנער־וועלדער און פון דער „אַרישער זייט״.

מיטן גרעסטן טייל פון אָט די מענטשן האָב איך זיך געטראָפן בעת מיינע וואַנדערונגען און וואָגלענישן איבער אַ האַלבער וועלט. איך האָב זיי געזען אין די בהלהדיקע געלאַפן פון דייטש, אונטער אַ האָגל פון באָמבעס און מאַשין־געווער־קוילן. איך האָב זיי געזען אין ברענענדיקע שטעט, ביי אויפגעריסענע וואָקזאַלן און בריקן. איך האָב זיי געטראָפן אין די וויטסטע רעפובליקן פון ראַטנפאַרבאַנד, אין די פאַרוואָרפנסטע פּאָשאָלקעס, קאָל־כאָזן און אַאולן. אין פאַרשיקונגס־עשאַלאָנען און אין רעפּאַטריאַנטן־עשאַ־לאָנען. איך האָב זיי געטראָפן אויף די חורבות פון זייערע היימען אין וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט אין פוילן. מיר האָבן צוזאַמען גרענעצן געגנבעט: קיין דייטשלאַנד, קיין עסטרייך, קיין פראַנקרייך. צוזאַמען געווען אין די די־פּי־לאַגערן און אין די העפלה־לאַגערן. זיך געגנבעט אין פּאָרטן אויף אומלעגאַלע שיפן. מיט פיר טויזנט פינף הונדערט פון זיי, בין איך געשווומען אויף דער טרויעריק־באַרימטער שיף „יציאת־אירופה תש״ז״, „עקזאָדוס 1947״. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ גרויליקע ים־שלאַכט אינמיטן דער נאַכט מיט זיבן ענגלישע קרייצערס. באַזיגט־געוואָרן, פאַרטריבן־גע־וואָרן פון די ישראל־ברעגעס און חדשים־לאַנג געוואָגלט איבער ימען: אי־בערן מיטללענדישן ים, אין גיבראַלטאַר, אַטלאַנטישן אָקעאַן, ענגלישן קאַנאַל, צפון־ים און פון דאָרט — מיט דער עלבאַ קיין האַמבורג, ווו מיר זענען ווידער פאַרשפאַרט געוואָרן אין אַ דייטשישן לאַגער. און ווידער האָבן מיר גרענעצן געגנבעט און ווידער געשווומען אומלעגאַל... ביז מיר האָבן דאָך דערגרייכט די ישראל־ברעגעס. דאָ זענען מיר צוזאַמען געלעגן אין די געצעלטן פון עולים־לאַגער און פון דאָרט — געקומען קיין דזשעבעליאַ.

יעדער שרייבער האָט געהאַט זיין קינדהייט, זיין היים, זיין שטעטל. און אַ גאַנץ שעפעריש לעבן שעפּט ער יניקה פון זיין קינדהייט, פון זיין היים, פון זיין שטעטל.

איך האָב אָט די אַלע דריי גוטע זאַכן נישט געהאַט. פון מיין ערשטער לעבנס־וואָך אָן בין איך אַ וואָגלער. שטעטלעך האָב איך נאָר געזען דורכ־פאָרנדיק, אָדער זייענדיק דאָרט אַ גאַסט אויף אַ ווייל. איך האָב נישט געגלויבט, ווען מען פלעגט מיר אָנווייזן אַ הייזקע, אין וועלכער עס זענען אויף דער וועלט געקומען און זיך דאָרט אויסגעלעבט פינף־זעקס דורות. אָדער ווען מען פלעגט מיר אָנווייזן זעכציק־זיבעציק־יעריקע ייִדן, וועלכע זענען נאָך נישט געפאָרן מיט קיין באַן אָדער אויטאָ און זענען בכלל פון זייער שטעטלדיקן גבול קיינמאָל נישט אַרויס. מיר איז פרעמד דאָס געפיל

פון ירושה, פון איינגעזעסנקייט, פון איינגעוואָרצלטקייט. אין אַלע מיינע דערציילונגען און ראָמאַנען זענען טאַקע אַזעלכע שטעטלעך און אַזעלכע ייִדן נישטאָ. מיינע אַלע העלדן זענען אויסגעוואָרצלטע, רייזנדיקע, וואַנ־דערנדיקע. כמעט אַלע זענען זיי אָדער נאָרוואָס געקומען פון ערגעץ, אָדער גרייטן זיך אין וועג אַריין. אַלנפאַלס זענען זיי תמיד אין דער פרעמד, אויף דערוויל, מיט אַ פאַרפּאַקטן טשעמאָדאַן... אַפילו מיינע וואַרשעווער העלדן. וואָרעם אין וואַרשע, וווּ איך האָב געלעבט עטלעכע יאָר, האָב איך געקענט נאָר אַנגעפּאַרענע, פּראָווינצער, סובלאָקאַטאָרן. דער גאַנצער ליטעראַטן־פּאַריין איז באַשטאַנען פון שרייבער פון דער פּראָווינץ. איך האָב אין וואַרשע כמעט קיין וואַרשעווער נישט געקענט...

און דאָך האָב איך זיך דערנענטערט, צוזאַמענגעלעבט און באַפריינ־דעט מיט שטעטלעך, מיט קהילות, מיט עדהס. דאָס זענען, אָבער, געווען לויפנדיקע שטעטלעך, וואַגלענדיקע שטעטלעך, פאָרנדיקע און שווימענ־דיקע שטעט און שטעטלעך...

אויף די ימען און אויף די גרענעצן, אויף די פּליטים־וועגן און אין די לאַגערן האָבן אַט די שטעטלעך געפּראַוועט שמחות, חתונות און בריתן, געפּייערט יום־טובים און טרויער־טעג. מען האָט געפּירט ליבעס און דורכ־געפּירט גטן. מען האָט זיך געריסן צו גבאות, געקעמפּט אַרום אַ קהלישער ש״סל און פאַרטייען און פאַרטייעלעך האָבן זיך געריסן ביי די נעז... אויך דאָ זענען געווען עולים און יורדים, מיוחסים און פּאַלקסמענטשן, כלי־קודש, פירער און פאַרפירער...

אַט די אויסגעוואָרצלטע ייִדן, זענען מיינע ייִדן. אַט דאָס וואַנדערנדיק שטעטל, איז מיין שטעטל.

און ווייל מיינע אויסגעוואָרצלטע ייִדן האָבן זיך געפּרוּווט פאַרוואָרצ־לען אין דזשעבעליאַ און ווייל מיינע וואַגלענדיקע קהילות האָבן דאָ גע־שלאָגן זייערע געצעלטן, — איז מיר דזשעבעליאַ נאָנט, איז מיר דזשעבע־ליאַ אייגן.

וועגן צעריסענע משפחות האָב איך שוין געשריבן אין פריערדיקע ווערק. איך שילדער זיי אויך דאָ, אין „דזשעבעליאַ״. דאָס איז אַ טעמע וואָס פאַרפאָלגט מיך. וואָרעם כאָטש דער גורל איז איינער, איז די איבערלעבונג ביי יעדן אַן אַנדערע. אַלע מאַמעס זענען גוטע, אָבער איין מאַמע איז צו דער צווייטער נישט ענלעך. נישטאָ קיין צוויי די זעלבע פּאָר אויגן אויף דער וועלט. און נישטאָ קיין צוויי די זעלבע טראַגעדיעס.

ריכטיק האָט דער קריטיקער אברהם ליס באַמערקט:

„דאַכט זיך, אַזוי ענלעך זענען די איבערלעבונגען פון ברוך קאַהאַן, אין דער דערציילונג „מאַטילדאַ לעבט״ צו דעם העלד בעריש קופּערשמיד, פון זיין ראָמאַן „דער צוריקגעקומענער״, נאָר ווי אַנדערש קאָנען פּאַסירונגען

קירעווען דאָס לעבן... פערלאָוו מיט זיין געזונטן, שרייבערישן אינסטינקט דערפילט די דאָזיקע פּאָסידונגען. ער ווייסט, אַז נישט זעלטן, בפרט אין דער משונהדיק־טראַגישער צייט, ווערן צופעליקייטן — דער רוקנביין פון אַלע געשעעניש". („היינט", תל־אביב).

אין ראָמאַן „דזשעבעליאַ" שילדער איך די שטאָט פון דעם טאָג־אָן, ווען דאָרט האָט זיך באַזעצט דער ערשטער ייד, דער ערשטער עולה־חדש. דאָס הייסט: פון די ערשטע חדשים פון דער פּראָקלאַמירטער יידישער מדינה.

אין די נעכט איז די יונגע מדינה נאָך געלעגן אין פינצטערניש: שטעט און ישובים האָבן זיך מאַסקירט פאַר די אַראַבישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. עס זענען אָנגעגאַנגען קאַמפן אין נגב, אַרום ירושלים און אין פיל אַנדערע טיילן פון לאַנד. דזשעבעליער זין און טעכטער האָבן אָנטייל־גענומען אין אַט די קאַמפן, געפאַלן און פאַרווונדעט געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער. אין ראָמאַן „דזשעבעליאַ" ווערן דעריבער געשילדערט די קאַמפן אין נגב, די באַרימטע שלאַכט פאַר דער פּאָליציי־פעסטונג „עיראַק־סואַידאַן".

און דער עיקר ווערן דאָ געשילדערט די מענטשן: די אויסגעוואַרצלטע, די צעבראָכענע, די נע־ונדע, וואָס זענען ענדלעך געקומען צו אַ ברעג. מענטשן וואָס האָבן אויפסניי אָנגעהויבן בויען זייער לעבן, בויען זיך אַ היים און אַ פאַמיליע. צופרידנקייט און אומצופרידנקייט, באַגייסטערונג און אַנטוישונג, ביים באַגעגענען זיך מיט דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט. פּערזענלעכע טראַגעדיעס און נאַציאָנאַלע פרייד. און איבער אַלץ — דאָס געפיל פון יידישן שטאָלץ, פון אַ פריי לעבן אין אייגענעם לאַנד.

צום סוף וויל איך באַמערקן, אַז דער ראָמאַן „דזשעבעליאַ" האָט זיך פריער געדרוקט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אונטערן נאָמען „צו אַ נייעם לעבן".

**יצחק פערלאָוו**

תל־אביב, אויגוסט 1954.

# ערשטער טייל

# זכריה קאַרלסבאַך

## קאַפּיטל איינס

נאָך האַלבער נאַכט איז, פאַרן טויער פון בית־עולים „רעננה״, פאַרפאָרן אַ מיליטערישער דזשיפּ מיט אויסגעלאָשענע לאַמטערנעס. דער גערויש פון דזשיפּ־מאָטאָר האָט צעציטערט דער טינטיקער פינצטערניש און אויפגעוועקט אַ צערייצט בילעריי פון די הינט פון דער גאַנצער געגנט. די טויער־וואַך האָט זיך תיכף אַ שטעל־געטון אויף די פיס.

פון דזשיפּ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שלאַנקער חייל (זעלנער), וועלכער האָט זיך אַ לאָז־געטון צום טויער מיט אַ סטען *) אין די הענט.

די טויער־וואַך האָט באַפוילן:

— עמוד! מי שם? (שטיי! ווער איז דאָרט?).

דער חייל האָט באַוויזן אַ פּאַפּירל און די טויער־וואַך האָט אים דורכגעלאָזן.

מיט אויגן געוווינטע צו פינצטערניש און מיט דער זעלנערישער געניטקייט צו באַוועגן־זיך אין מיליטערישע לאַגערן, האָט דער חייל מיטן סטען געהיפּערט איבער די אָנגעצויגענע שטריק און איבער די אין דער ערד פאַרזעצטע פּלעקלעך, וואָס צווישן די געצעלטן. געהיפּערט און מיט אַן אומרויק־פאַרכריפּעטער שטים גערופן איבער דער אין שלאָף פאַרזונקענער מחנה:

— „קאַרלסבאַך! זכריה קאַרלסבאַך!!!

זיין אומרויק־פאַרכריפּעטע שטים האָט זיך אומהיימלעך געטראָגן איבער דער שלאָפנדיקער מחנה און פון נאָענטן פּרדס האָט זיך צוריקגעטראָגן אַ נאָך־מער אומהיימלעך־פאַרכריפּעטער ווידערקול. אָבער פון די

---

*) סטען, אַ קליינע מאַשין־ביקס, אַ ישראלדיקע דערפינדונג, פון היימישער פּראָדוקציע. אַ געווער פאַר פּנים־אל־פּנים־קאַמפן. זי שיסט נישט אויף קיין וויטן מרחק, אָבער דערפאַר מיט געדיכטע סעריעס.

צענדליקער שפּיציקע געצעלטן, ווי די זעגל־שיפלעך אויף אַ פינצטערן ים, האָט זיך נאָר געהערט אַ כאָראַלער כראָפּען און קרעכצן פון פאַרמאַ־טערטע מענטשן אַריינגעפאַלענע אין אַ טיפן, האַרטן שלאָף.

„קאַרלסבאַד! זכריה קאַרלסבאַד!!! — האָט דער חייל ווייטער גע־היפערט און נאָך הייזעריקער געררופן.

איינס פון די זעגלמעסיק־שפּיציקע געצעלטן האָט זיך האַסטיק אַ וויג־געטון, ווי געשטויסן פון אַ פינצטערער כוואַליע. פון אינעווייניק האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ קנויל פינצטערניש וואָס האָט זיך באַלד צעוואָקסן אין אַ סילועט פון אַ הויכער, מעכטיקער מענער־פיגור מיט צעשפּרייטע הענט און ברייט־צעשטעלטע פיס. דער סילועט האָט צוריק אַ כריפּע געטון פון פאַרשלאָפנקייט — נאָך הייזעריקער און אומרויקער:

— ווער איז דאָרט? עזריאל? עזריאל, דאָס ביזטו?

— טאַטע! יאָ, טאַטע, דאָס בין איך!... — איז דער חייל צוגע־שפּרונגען און אַריינגעפאַלן אין די ברייט־צעשפּרייטע אָרעמס.

טאַטע און זון האָבן זיך פעסט אַרומגענומען, זיך באַטאַפּט מיט פיבערנדיקע הענט. זכריה קאַרלסבאַד האָט געקלאַפּט זיין זון אין די פּלייצעס, געשמעקט זיין צעווינטיקטע און באַשטויבטער טשופּרינע. און עזריאל האָט, נאָך אַנדערהאַלבן יאָר, ווידער דערפילט דעם ניקאָטין־טעם פון דעם טאַטנס פאַררויכערטע וואָנצעס...

— וואָס מאַכסטו, עזריאל?

— אַט, מען מאַכט... אַבי דו ביזט שוין דאָ, טאַטע!...

— שוין דריי טעג, — האָט זכריה קאַרלסבאַד באַטאָנט מיט אַ נישט־באַהאַלטענעם פאַריבל.

— כ׳וויס, טאַטע. בשום־אופן נישט געקענט קומען. מלחמה. אַ סאָלדאַט.

— און ווו איז לייביש?

— וועסט אים זען, טאַטע. ער איז דאָ... נישט ווייט פון תל־אביב.

— האָט ער אויך נישט געקענט קומען?

— ניין, ער קאָן נישט... אָבער דו וועסט אים זען... דו ציטערסט, טאַטע. ס׳איז דיר קאַלט?

— יאָ. כ׳וועל עפּעס כאַפּן אויף זיך.

— ניין, טאַטע. טו זיך־אָן אינגאַנצן און קום מיט מיר. איך בין ספּעציעל געקומען דיך נעמען.

— אינמיטן דער נאַכט?

— אַנדערש נישט געקאָנט, טאַטע. אַ סאָלדאַט. זיך קוים אַרויסגע־ריסן אויף אַ פּאָר שעה. טו זיך אָן און קום.

— וווהין?

— מירן רעדן אויפן וועג. עס וואַרט אַ מאַשין.

זכריה קאַרלסבאַך איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. אַן אַרויסגעריסע־נער פון דעם ערשטן, סאַמע־געשמאַקסטן שלאָף, האָט ער נאָך אַלץ נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן חלום און ווירקלעכקייט. מיט צוועלף טעג צוריק איז ער נאָך געווען אין דייטשלאַנד. די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין פראַנקרייך איז געקומען פלוצלונג. אין סאַמע לעצטן טאָג, ווען ער האָט שוין אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען און אויפגעהערט צו מאַכן באַמיִונגען. אין מאַרסעל האָט שוין געוואַרט אַ גריכיש שיפל, וואָס האָט זיך אַכט טעג געשליידערט אין קדחת אויפן מיטללענדישן ים און דאָך אָנגעקומען קיין חיפה. עס איבלט אים נאָך אַלץ פון דער רייזע, מישט אין קאָפּ און ער גייט אויף דער יבשה, ווי אויף דער זיך־וויגנדיקער שיף. אין פּאָרט האָט אים קיינער נישט דערוואַרט. דריי טעג האָט זיך צו אים קיינער נישט גע־וויזן. פּערל־ליבע, מילא, דאָס איז אַ זאַך פאַר־זיך. אָבער וועגן ביידע זין האָט ער שוין נישט געוווסט וואָס איבערצוקלערן. און אָט, פּלוצלונג, אינ־מיטן דער נאַכט...

ער האָט זיך גענומען אָנטאָן, שוידערנדיק פון קעלט. ער האָט זיך בסדר געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און געווישט דאָס געגרונצלט גע־זיכט. מיט פיבערנדיקע הענט האָט ער געטאַפּט אין דער פינצטערניש, געזוכט זיינע רוקזעק, די וואַליזע. די קני האָבן אים געציטערט און ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— איך ווייס נישט, צי די נעכט זענען דאָ אַזעלכע קאַלטע, צי...

— שוין דווקא הייסע נעכט, טאַטע... מיר האָבן דאָ היינט שוין איינ־מאָל הייסע נעכט...

— המ... און...?

— גאָט וועט העלפן, טאַטע. גאָט איז אַ פאָטער... קום.

דער פעסט־געבויטער זכריה האָט קוים גענומען אין רוקזאַק. דער שלאַנקער עזריאל, האַלטנדיק דעם סטען, האָט גענומען דעם צווייטן רוק־זאַק מיט דער וואַליזע און זיי זענען אַרויס פון געצעלט. דער טאַטע האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן זונס אַקסל, טאַפּנדיק מיט די פיס אין דער פינצטער און פאַטיקענדיק־זיך אָן די אָנגעצויגענע שטריק און פלעקלעך, וואָס צווישן די געצעלטן.

— אַ חושכניש! אַז איך קען אפילו נישט זען, ווי דו זעסט אויס!...

— ווי אַ יונג, טאַטע... און אַלע יונגים האָבן איין פּנים...

דעם פינצטערן הימל האָבן גענומען באַטאַפּן לאַנגע, אומרוּיקע רעפ־לעקטאָר־פּאַסן און דאָרט אַרומגעזוכט דאָס פאַרטייעטע פינטעלע, וואָס

קרייזט אַרום אַ רווישנדיקס ערגעץ אין די הויכן. און כאָטש מען האָט דאָס פּינטעלע נישט געזען, האָט דאָך ערגעץ געגומען קלאַפּן אַ זעניט־אַרטי־לעריע און עס האָט זיך דערהערט אַ ווייטער, טעמפּער אויפּרייס.

— מען גיט קאָנצערט, טאַטע...

— יאָ, אַ פריילעכע נאַכט, מען קען נישט זאָגן...

אין מזרח־זייט האָט אויפגעבליצט אַ ראַקעטע און ס'האָט זיך דער־טראָגן אַ וויטע שיסערייַ.

— דאָס איז שוין אין אייגענעם לאַנד, ווו איך בין, נאָך אַלע מלחמות און מהומות, געקומען נאָך אַ ביסעלע רו... אַ פיינער קבלת־פּנים!...

— מיר וועלן דאָס אויך איבערקומען, טאַטע. וואָס זאָל מען מאַכן?

זיי זענען אַרויס פון לאַגער־טויער, ווו דער דזשיפּ האָט געוואַרט. עזריאל האָט אַריינגעוואָרפן די רוקזעק מיט דער וואַליזע און האָט זיך אַוועקגעזעצט צום רעדל, מיטן סטען אויף די קני.

— זעץ זיך דאָ, נעבן מיר, טאַטע. — האָט עזריאל געזאָגט און אָנ־געצונדן דעם אויסגעלאָשענעם מאָטאָר.

דער גערויש האָט ווידער אויפגערייצט די הינט פון דער געגנט, וואָס האָבן זיך געריסן פון די קייטן מיט אַ ירגזונדיק בילעריי.

— פון ווען אָן פירסטו דאָס אַליין אַן אויטאָ, עזריאל?...

— זיך אויסגעלערנט אין צבא. נישט קיין גרויסע תורה. צוויטנס, נישט איך פיר דעם אויטאָ, נאָר דער אויטאָ פירט מיך...

— איז וווהין פירט ער אונדז?

— קיין דזשעבעליאַ. דאָס איז צווישן יפו און בת־ים. די אַראַבער זענען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזן אַ ליידיקע שטאָט. קיין לעבעדיקער נפש איז דאָרט נישטאָ. בקרוב וועט מען דאָרט באַזעצן די מענטשן פון בית־עולים. איך האָב דאָרט אויסגעקליבן פאַר אונדז אַ דירהלע — אַ פּאַלאַץ!... אַ קראָם דערנעבן איז אויך דאָ... אַז גאָט וועט העלפן, טאַטע, וועלן מיר זיין איינגעאָרדנט מיט אַ היים און מיט אַ פּרנסה...

— אָבער וואָס הייסט: דו האָסט זיך אויסגעקליבן? ווער האָט דיר דערלויבט?

— דער סטען, טאַטע... — האָט עזריאל אַ הייב־געטון דאָס געווער פון זיין שויס און באַוויזן — דערווייל איז הפקר־פּיעטרושקע, טאַטע!... איך ווייס שוין ווי מען באַזעצט דאָ מענטשן. פּראָטעקציע, טאַטע, וויטאַמין פּע... אונדזערע חיילים וואַרטן נישט אויף קיין יושר. ווער עס נעמט נישט זיך אַליין, דער האָט נישט. אַלע נעמען, נעם איך אויך. נישקשה, מיר האָבן דאָ טייער באַצאָלט דערפאַר! מיט בלוט האָבן מיר באַצאָלט! סיי איך און סיי לייביש...

— לייביש?! וואָס איז מיט לייבישן?!

— שוין בעסער, טאַטע. ער האָט מיט אַ פוס צו־טון... ער ליגט אין „הדסה".

— אַ פוס?! ער האָט דעם פוס?!

— יאָ, אין גיפּס. ער וועט שוין בקרוב אַרומגיין. אַלץ בעסער...

— וואָס, בעסער?

— כל־זמן ער גייט נאָך נישט אויפן פוס, איז ער כאָטש זיכער מיטן קאָפּ...

— אַזוי! ווען קען איך אים זען?

— איך וועל דיך שוין ברענגען צו אים. עס מוז געדויערן אַ טאָג־צוויי.

— ער איז דאָך נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט. ווי האָט ער געמעגט גיין אין דער אַרמיי?

— אַז מען האָט נישט קיין היים, גייט מען אין צבא.

— ס'הייסט?! און די מאַמע?!

— די מאַמע!... — האָט עזריאל אַ בורטשע געטון און אַנטשוויגן געוואָרן.

עזריאל האָט געשפּיזט זיינע שאַרפע בליקן פאָראויס, אין דער פינצ־טערקייט, זיך קלאַמערנדיק אָן רעדל. דער דזשיפּ האָט זיך געשליידערט איבער אַ צעלעכערטן אַספאַלט. אַ קאַלטער ווינט האָט געפּאַטשט אין פלאַ־מיקן פּנים אַריין, געפייפט אין די אויערן און געריסן די טשופּרינע. ער האָט נישט געזען, עזריאל, דעם טאַטנס טרערן. דער ווינט האָט אויך פאַר־רוישט דעם טאַטנס שליוכצן. פון דעסטוועגן האָט ער געוווּסט, אַז דער טאַטע וויינט. ער האָט עס מיט זיין רעכטן אָרעם דערפילט, לויטן קאָנ־ווולסיוון צאַפּלען זיך פון טאַטנס האַנט און אַקסל. ער האָט, אָבער, נישט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט דעם טאַטן צו טרייסטן.

זכריה קאַרלסבאַך איז נישט קיין יידענע, וואָס גיסט מיט טרערן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געוויינט, ווען דער דייטש איז געשטאַנען הינטער וואַרשע, פון וואַנען ער האָט געמוזט אינמיטן דער נאַכט אַנטלויפן מיט די זין און זיך צעשיידן מיט פּערל־ליבען. במשך די גאַנצע מלחמה־יאָרן, ביי אַלע צרות, האָט ער קיינמאָל נישט געוויינט. אָבער איצט זיצט ער אַ צעבראָכענער און שליידערט זיך פון יסורים. אַ שאַרפער ווייטיק שניידט אים דאָס האַרץ, אַז ער שטשעמעט אַזש די ציינער. קינדער צוויי, יינגלעך נאָך! ווען ער האָט זיך מיט זיי צעשיידט אין דייטשלאַנד, פאַר זייער עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, איז לייביש קוים זעכצן יאָר אַלט געווען און ער, עזריאל — קוים אַכצן. פון אַלע אומגליקן און געפאַרן האָט ער זיי אויס־געהיטן במשך די זיבן גרויליקע מלחמה־יאָרן. איצט ליגט לייביש מיט אַ

צעשאָסענער פוס און עזריאל... אַז ער דערקענט אים גאָרנישט! ווען האָט דאָס ייִנגל אַזוי גערעדט?! ווען איז ער געוואָרן אַזאַ רייפער מענטש? ער פילט דאָך אין זיינע רייד אַזויפיל פאַרביטערונג, אַזויפיל אַנטוישונג און יאוש! ער האָט דאָ געמוזט דורכמאַכן קאַלטס און וואַרעמס. בלויז אַ מענטש וואָס איז אַנגעטרונקען מיט גאַל, וואָס האָט דורכגעלעבט געפאַר און פאַרצווייפלונג, קען רעדן מיט אַזאַ טאָן, מיט אַזאַ סאַרקאַסטישן טאָן. און געשיקט האָט ער זיי דאָך צו דער מאַמען. די קינדער האָבן זיך דאָך געריסן צו דער געראַטעוועטער מאַמען, נאָך זיבן יאָר!... וואָס טוט זיך עס מיט איר? וואָס איז עס מיט דער פערל־ליבען געוואָרן? — — — וואָס פאַר אַ שמחה זיי האָבן עס איבערגעלעבט אין לאַגער, צוריקקומענדיק פון רוסלאַנד, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז פערל־ליבע האָט זיך געראַטעוועט. „אייער פרוי לעבט!"... „אייער מאַמע איז אין תל־אביב"!... — ער האָט דאַן געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע, אָבער אַנגעקומען איז אַ בריוו נאָר „צו מיינע ליבע קינדער"... ער האָט עס דאַן נאָך נישט גוט געהאַט צעקייט און ווידער געשריבן. אָבער ווידער איז געקומען פערל־ליבעס ענטפער נאָר „צו מיינע ליבע קינדער"... ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. אָבער די ליבע קינדער זענען דאָך געפאָרן צו זייער ליבער מאַמען. איז... — וואָס הייסט עס?!

ביי טאָג וואָלט דער שטאָלצער זכריה קאַרלסבאַך שוין מער נישט געפרעגט. נאָר איצט, אינדערפינצטער, ווען דער זון זעט נישט דעם טאַטנס פּנים און דער גערויש פון דער מאַשין באַרעכטיקט דאָס ציטערן פון דער שטימע, דערלויבט זיך זכריה קאַרלסבאַך נאָך אַמאָל צו פרעגן, שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער:

— און דער מאַמען זעט איר אַמאָל?

— אַמאָל. — ענטפערט עזריאל קורץ.

— און ביי לייבישן איז זי געוועזן?

— כ׳ווייס נישט.

— ס׳הייסט?

עזריאל שווייגט. זכריה ווייסט נישט, צי דער זון האָט נישט דערהערט די פראַגע, צי ער מיידט אויס אַן ענטפער, אָדער ער איז דאָס אַזוי פאַרנומען מיט דער מאַשין און שטרענגט־אָן זיינע אַלע חושים צו זען אין דער פינצטערניש דעם כביש.

— זעט איר זיך נישט, הייסט, מיט דער מאַמען? — קרעקט ער זיך ווידער מיט די רייד.

— דו זעסט דאָך, טאַטע: מלחמה... נישטאָ קיין צייט... — ענטפערט עזריאל מיט סאַרקאַזם.

— נישט גוט. וואָרעם וואָס־וואָס... אָבער אייער מאַמע איז זי דאָך. אַ מאַמע איז דאָך אַ מאַמע...

זכריה קאַרלסבאַך זאָגט עס מיט אַ פאָטערלעכן מוסר־טאָן. דערביי, אָבער, טראַכט ער, אַז עזריאל איז גערעכט. ער איז דאָך ביי איר געווען. ער ווייסט עפּעס מער... ער האַנדלט ווי ער פילט, אָדער ווי מען האָט אים געגעבן צו פילן...

— מירן נאָך רעדן דערוועגן, טאַטע. ס'איז נישט אויף איצט. ווילסט רויכערן, טאַטע? איז אין אַרבל... פאַרזיכטיק, מען זאָל נישט זען קיין פונק.

דעם זונס וואָרענונג האָט זכריה קאַרלסבאַכן געמאַכט עטוואָס פאַרגעסן זיין אינטימען ווייטיק און ווידער אָנגעיאָגט אויף אים דעם פּחד פון סכנה אין דער אומהיימלעכער נאַכט. ער האָט געגלאָצט אין חושך אַריין און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז פאַרטייעטע שאָטנס באַוועגן זיך. שאָטנס פון אַראַבישע באַוואָפנטע באַנדעס, וואָס לויערן מיט ביקסן און מעסערס. אין חושך האָבן זיך גענומען אויסטיילן סילועטן פון הייזער. מען דערנענטערט זיך צו אַ שטאָט.

— וווּ זענען מיר, עזריאל?

— מיר פאָרן אַריין אין תל־אביב.

— און דער „הדסה"? כ'מיין, ווו לייביש איז... איז ווייט פון דאַנען?

— ווייט? וואָס קען דאָ הייסן ווייט? ס'גאַנצע לאַנד איז גרויס ווי אַ גענעץ... ס'איז נישט רוסלאַנד, ווו מען פאָרט מיט דער באַן אַ פּאָר חדשים אין איין ריכטונג...

— אָבער וואָס מאַכט ער? ווי פילט ער זיך? ער ווייסט אַז איך בין דאָ?

— ער ווייסט, טאַטע. ער פילט זיך גוט און וואַרט אויף דיר מיט אומגעדולד!...

— הם... איך חלש אים שוין צו זען. און די מאַמע וווינט ווייט?...

— ווי פאַר וועמען... ווּעסט דאַרפן, וועל איך דיר געבן איר אַדרעס. דאָס איז דער כביש תל־אביב־יפו. אין אַ...

ער האָט נישט פאַרענדיקט, עזריאל. אַ טאַשן־לעמפּל האָט אַ פינקלגעטון, אַלס אַ צייכן שטיין צו בלייבן. און ווען דער זון האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין, האָט זיך ביים טאַטן אָפּגעשטעלט דער אָטעם. פון חושך האָבן זיך אויסגעטיילט די סילועטן פון אַ באַוואָפנטן פּאַטרול:

— לאַן? (וווהין?).

— לג'בליה. (קיין דזשעבעליאַ)

— סיסמה? (פּאַראָל?)

— ישקני! (קוש מיך!) — האָט עזריאל געענטפערט.

זכריה איז פאַרציטערט געוואָרן:

— עזריאל! ווי וואַגסטו? ריזיקירסט דאָך מיטן קאָפּ! וואָס זענען דאָס פּאַר אַ רייד?

— בסדר... — האָט אַ חייל פון פּאַטרול אַ לאַך־געטון — פּאַר...

— זעסטו שוין, טאַטע... — האָט עזריאל געלאַכט, לאָזנדיק די מאַשין אין גאַנג — אַז איך זאָג „ישקני‟ ענטפּערט ער מיר „בסדר‟... ס׳איז אַ פּאַראָל, טאַטע... אַ מיליטערישער פּאַראָל...

אָפּפאָרנדיק אַ הונדערט און פופציק מעטער, האָט זיך ווידער אַ הוידע־געטון אַ טאַשן־לעמפּל. ווידער אַ מחסום. ווידער איז אַ חייל מיט אַ סטען צוגעקומען און געפרעגט דעם פּאַראָל. עזריאל האָט זיך גוט איינ־געקוקט און געענטפערט:

— עמוס? ישקני, עמוס!... וואָס הערט זיך? ס׳איז שטיל?

— אָ, דאָס ביסטו, עזריאל? יאָ, ס׳איז שטיל און לאַנגווייליק... נו? האָסט געפונען דעם טאַטן דיינעם? זייער גוט!... מיין טאַטע זיצט נאָך אויף ציפּערן. איך האָב דאָ צוגעגרייט אַ דירהלע און האָב נישט וועמען אַריינצו־זעצן. מ׳עט זי מיר נאָך צוכאַפּן אויך! אַלע טאַטעס קומען און מיינער נישט! שלום־עליכם אייך...

— עליכם־שלום! — האָט זכריה געדריקט דעם זעלנערס האַנט — ער וועט קומען, דער טאַטע אייערער, מיט גאָטס הילף.

— לייג זיך שלאָפן, עמוס!... — האָט עזריאל געשפּאַסט — ביזט אַליין?

— ניין, מיט אַ חיילת... סע... פאָרט בשלום!

ביי יעדע פּאַר הונדערט מעטער האָבן שוין איצט פּאַטרולן אָפּגע־שטעלט דעם אויטאָ. אומעטום האָט דער „ישקני‟ געווירקט ווי אַ כישוף־וואָרט אין אַ צויבער־מעשהלע. אָבער וואָס עס האָט נאָך מער איבעראַשט זכריה קאַרלסבאַכן, איז דאָס וואָס אומעטום קען מען עזריאלן און אַלע ווייסן, אַז ער איז געפאָרן זוכן זיין טאַטן... אַלע פרעגן זיך אויפן טאַטן, באַגריסן אים און לייכטן אים מיט די לעמפּלעך אין פּנים אַריין, אים אָנצו־קוקן...

דער שטיפערישער פּאַראָל „ישקני‟ האָט אויפגעהייטערט זכריה קאַרלסבאַכס געמיט. דער מיליטערישער סוד האָט זיך ביי אים אין אַ לייכט־זיניקער שפּיל פאַרוואַנדלט. ער האָט געשמייכלט צו זיך און געשמייכלט אין דער נאַכט אַריין. די פינצטערע נאַכט, די אומהיימלעכע און געפאַר־פולע איז אים איצט מילד און היימיש געוואָרן, ווי אַ שבת־צו־נאַכטס, ערב הבדלה, ביי זיין טאַטן אין שטוב... ער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן קיין פאַרדעכטיקע שאָטנס פון פאַרטייעטע אַראַבער, וועלכע לויערן אויף אים מיט געווער. ניין: — די נאַכטיקע וועגן זענען פול מיט ייִדישע ייִנגלעך,

מיט טאַטעשע זין... עזריאל קען זיי אַלע און אַלע קענען עזריאלן... און אַלע ווייסן, אַז עזריאל פירט דאָ זיין טאַטן... אַן אַרמיי אַ גאַנצע ווייסט, אַז עזריאל פירט דאָ זיין טאַטן, אים, זכריה קאַרלסבאַכן... איז עס דאָך טאַקע אַן אייגענע, אַ היימישע אַרמיי... אַן אייגן לאַנד, היימישע וועגן און אַן אייגענע, היימישע פינצטערע נאַכט... ער האָט זיך דערפילט פלוצלונג היימיש מיט דער געפאַר, מיט די קרבנות און מיט די נצחונות. די אַרמיי קען דאָך אים!... ער האָט דאָך דאָ אַ שייכות מיט אַלץ און אַלעמען, דורך זיינע קינדער... אָט, ווען עזריאל איילט נישט אַזוי, וואָלט ער דאָ איצט אויסגעשטיגן אַ ביסל און זיך צעשמועסט מיט די חיילים, טאַקע ווי אַ טאַטע מיט זין...

— סיסמה?

— ישקני!...

און אַזאַ אנגענעמע ביטערקייט קומט זכריה קאַרלסבאַכן אין דער נאָז און אַזעלכע אנגענעמע טרערן פאַרכוואַליען זיינע שוואַרצאַפּלען...

אָבער באַלד דערפילט ער אַ שניט איך האַרצן און עס פאַרשווינדט דער שמייכל פון זיין פנים: דער שטיפעריש־פילעוודיקער „ישקני״, דער „ישקני״ פון שיר־השירים דערמאָנט אים ווידער אָן פערל־ליבען. איר ישקני איז שוין מער נישט פאַר אים. פאַר ווינאָגראַדן איז עס פאַר דעם אינזשיניערל, דעם קאָרטן־שפּילער, דעם הולטיי. ער אַליין איז אַן אַוועקגעוואָרפענער, אַן אויסגעשפיגענער, אַ... אָבער וואָס האָט עס מיט די קינדער צו טון?! אַפילו פון די „ליבע קינדער״ האָט זי זיך, צוליב דעם לאָבוז דאָרטן, דערוויטערט! אַ צויג אַפילו ליידט דאָך, ווען מען נעמט פון איר די הינטעלעך אַוועק! און זי? וואָס איז דאָס מיט איר געוואָרן? — — —

— דאָ, טאַטע, ענדיקט זיך יפו און עס הייבט זיך אָן דזשעבעליאַ. און דאָ, איבער די שטעכל־דראָטן, איז דאָס אַראַבישע געטאָ.

— וואָס הייסט „אַראַבישער געטאָ״?

— דו ביזט נאָר געוווינט צו יידישע געטאָס? האַ, טאַטע?... דאָ האָבן יידן אַרומגעצוימט אַן אַראַבישן געטאָ... ס׳איז איצט זיכערער אַזוי, סיי פאַר אונדז און סיי פאַר זיי...

— אַך, ווי דאָ שמעקט!... בעז... דאָ מוזן אַוודאי וואַקסן בעז־ביימער. אַ פאַרק?

— ניין, טאַטע, אין ארץ־ישראל וואַקסן בכלל נישט קיין בעז־ביימער. דאָס שמעקן די מאַראַנצן־ביימער פון די אַרומיקע פרדסים...

און ווידער אַ מחסום. עזריאל וואַרט נישט מער אויף קיין פראַגע און שרייט:

— כאַצקעלע?! ישקני, כאַצקעלע!... מיין אַלטיטשקער איז דאָ דורכ־געפאָרן, צי נישט?

— ווער? יצחק? ער איז נאָרוואָס דורכגעפאָרן. וועסט אים דאָרט טרעפן! — האָט אַ יונג, קוויטשיק שטימעלע געענטפערט.

— ווער איז דאָס דיין אַלטיטשקער, עזריאל? דער יצחק?

— מיין קאָמאַנדיר, טאַטע. אַן אלוף איז ער. אַ טייערער ייִד.

— וואָס הייסט עס „אלוף״?

— אַ גענעראַל. נישטאָ קיין סך אַזעלכע ייִדן אין לאַנד. חברה האָט אים ליב און ס׳איז דאָ פאַרוואָס ליב צו האָבן! — האָט עזריאל אַ זאָג געטון און פלוצלונג אַ לאָז געטון דעם דזשיפּ מיט דער גרעסטער שנעל־קייט.

— וואָס איז, עזריאל? וואָס יאָגסטו אַזוי?

— מיר האָבן דאָ פון איין זייט אַן אַראַבישן בית־הקברות און פון דער צווייטער זייט — אַ פּרדס. נישט אַלץ איז נאָך ווי געהעריק קאָנטראָ־לירט. איז געזינטער צו פאָרן שנעלער...

באַלד, אָבער, האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין אַ געסל און זיך פאַר־האַלטן ביים דריטן הויז.

— דאָ איז דאָס, טאַטע...

עזריאל האָט אויפגעשלאָסן אַן אייזערנעם טויער און זיי זענען אַריין אין אַ גאָרטן. פון טויער האָט אַ טראָטואַר געפירט צו דער טעראַסע פון אַ אין גרינס באַטונקענער ווילע. מיטן זעלבן שווערן בונט שליסלען האָט עזריאל אויפגעשלאָסן די הויפּט־טיר פון הויז. זיי זענען אַריין אין דער שטוב, ווו אין דער פינצטער האָט די פוסטקייט עפּעס מאָדנע געהילכט. אויף יעדן אייגענעם טראָט, האָט זיך געדוכט, אַז עס ענטפערט עמיצער אַ צוויי־טער, אַ באַהאַלטענער אין ווייטע חדרים. זכריה קאַרלסבאַד האָט דאָ דער־פילט גערוכן פון פייכטן מאָך, קאַלך און שאַרפע דעזינפעקציע־פליסיקייטן. ער איז שטיין־געבליבן אין מיטן פינצטערן צימער און נישט געוווסט אין וועלכער ריכטונג צו גיין. עזריאל, דאַקעגן, האָט אָנגעטאַפּט אַ בעט, אַוועק־געשטעלט די וואַליזע און אַרויפגעוואָרפן דערויף די רוקזעק. נאָכדעם האָט ער דעם טאַטן אָנגענומען ביים אָרעם, אים צוגעפירט צום בעט און אַני־דערגעזעצט.

— זיץ, טאַטע. איך האָב דאָ ערגעץ אַ לאָמפּ מיט נאָך כלים. איך וועל זיי גיין ברענגען. איך מוז אויך געוויר־ווערן ביי חברה, ווען יצחק, מיין אַלטיטשקער, וויל צוריקפאָרן. איך מוז פאָרן צוזאַמען מיט אים. זיץ דאָ, אָדער לייג זיך בעסער. שפּאַר זיך־צו. מעגסט זיך דרייסט צושפּאַרן. ס׳...

אַ פֿריש בעט מיט מאַטראַצן און כ׳האָב עס היינט באַשאָטן מיט די־די־טי...
איך קום באַלד צוריק. — האָט עזריאל געזאָגט און איז אַרויס.

זכריה קאַרלסבאַד איז ווידער געבליבן אַליין. אַליין אויף אַ פֿרעמד בעט, אין אַ פֿרעמד, אויסטערליש הויז, אין אַ פֿאַרלאָזענער, פּוסטער שטאָט, ווו אויסער אַ פּאַטרול און אפשר באַהאַלטענע אַראַבער אויפֿן נאָענטן בית־הקברות, צי אין פּרדס, איז מער קיינער נישטאָ. אַליין אין אַ פּעכיק־פֿינצטערער, אומהיימלעכער נאַכט. מאָדנע ווינטן טראָגן זיך דאָ אַרום. עס בלאָזט, ווי די פֿענצטער וואָלטן קיין שויבן נישט געהאַט. זכריה שוידערט פֿון קעלט, פֿון אומהיימלעכקייט און פֿון נישט־אויסגעשלאָפֿנקייט. דער דזשיפּ־מאָטאָר רוישט אים נאָך אַלץ אין מידן קאָפּ. און דאָס בעט הוידעט זיך אים, ווי דאָס וואָלט נישט קיין בעט געווען, נאָר אַ פּליט אויפֿן וואַסער. יאָ, אויפֿן וואַסער... זיין שיף איז אים צעבראָכן געוואָרן, אונטערגעגאַנגען. די גאַנצע משפּחה ראַטעוועט זיך יעדערער ווי ער קען. מען שווימט צעשליידערטע איבער פֿינצטערע, צעבושעוועטע וואַסערן. פּערל־ליבע האָט זיך געראַטעוועט אין אַ רעטונגס־שיפֿל צוזאַמען מיט ווינאַגראַדן. דערשווימען צו אַ ברעג און קימערן זיך נישט וועגן אים און די קינדער. לייביש שווימט ערגעץ אויף אַ קלאָץ, מיט אַ צעבראָכענעם פּוס! און עזריאל — אָט איז ער דאָך געווען נעבן אים און אָט איז ער פֿאַרשווונדן! — — — מאָדנע ווינטן! עס קלאַפּן טירן־פֿענצטער. עס קלימפּערן בלעכן. עס קלינגען און טראַסקען לאַדנס, קליאַמקעס און פֿרענטן. עפּעס ווי נישט קיין ווינטן, נאָר מחנות דעזערטירן וואָלטן באַפֿאַלן און ראַבעווען אַ פֿאַרלאָזענער שטאָט.

זיינע אויערן האָבן באַנומען קולות. די קולות זענען געקומען פֿון ערגעץ ווייט און זיך כסדר דערנענטערט. קולות ווי פֿון אַ ווייבער־שול ביי כל־נדרי. ניין, דאָס זענען היסטערישע, ספּאַזמאַטישע קולות פֿון אַ מחנה געיאָגטע פֿרויען און קינדער. דער יאָמער און קלאָג ווערט וואָס אַמאָל שאַרפֿער און שפּיציקער און שרויפֿן זיך אים אין די אויערן אַריין, אין די געהירן אַריין. עס גרונצלט אים דאָס לייב, עס גליווערט דאָס בלוט און עס שטעכן די האָר־וואָרצלען אין קאָפּ. אפשר זענען דאָס אַראַבער באַפֿאַלן שוצלאָזע פֿרויען און קינדער?! דאָס זענען דאָך קולות, ווי מען וואָלט זיי דאָרט געשאָכטן! אַ מינוט איז שטיל און דער כאַראַלער יאָמער קומט שטאַרקער, ספּאַזמאַטישער, פֿון גאָר נאָענט! אַ קאַלטער שווייס באַדעקט זכריהס שטערן. ער רייסט זיך אויף פֿון בעט און לויפֿט־צו צו דער טיר. אינדרויסן איז אַלץ פּעכיק־פֿינצטער. ער לויפֿט־צו צום טויער — דאָס טויער איז אָפֿן. די קולות הערט ער און זעט נישט קיינעם. וואָס טוט ער, טאָמער קומען זיי אַן אַהער? ער איז איינער אַליין און האָט גאָרנישט מיט

וואָס זיך צו פּאַרטיידיקן. און ווו איז עזריאל? עזריאל האָט כאָטש אַ ביקס. ווהין האָט ער עס אים געבראַכט און איבערגעלאָזן אויף הפקר?!

די כאַראַלע קולות קומען אָן און שטילן זיך איין, גייען אויף און פאַרשטומען. אַזוי כסדר מיט קליינע אינטערוואַלן. און אינצווישן רוישט ערגעץ נאָענט דער ים, ווי די כוואַליעס וואָלטן שטיקער בערג געריסן. דער ווינט טראַסקעט מיט טירן־פענצטער און קלימפּערט מיט אייזן און בלעך. אָבער אָט, דאַכט זיך אַז ער הערט טריט. יאָ, דאָס זענען טריט. דרייסטע טריט פון אַן איינצלנעם, מוטיקן מענטשן. אפשר אַ פּאַטרול? זכריה וויל שוין אַריינלויפן און פאַרהאַקן דאָס טויער. אָבער באַלד דערהערט ער עזריאלס רויִקע שטים:

— ווער איז דאָרט? טאַטע?

— עזריאל? דאָס ביסטו?

— יאָ, טאַטע, איך. וואָס שטייסטו אינדרויסן?

— וואָס שרייט מען דאָרט אַזוי, עזריאל?

— ווו שרייט מען?

— הערסט נישט, ווי מען יאָמערט, ווי מען קלאָגט?

עזריאל האָט זיך איינגעהערט אַ רגע און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דאָס זענען דאָך שאַקאַלן, טאַטע... שאַקאַלן... האָסט זיך דער־שראָקן?

— דערשראָקן? אַוודאי דערשראָקן! ווער זענען דאָס די שאַקאַלן?

— דאָס זענען אַזעלכע חיהלעך, טאַטע... אַזעלכע קליינע פּיקסלעך. אין די פּרדסים זענען זיי. זיי טראָגן זיך דאָרט מחנותווייז, הונגעריקע און זוכן עסן. אין שטאָט אָבער קומען זיי נישט און פאַר מענטשן האָבן זיי מורא, אַנטלויפן.

— טפו זאָלן זיי מיר ווערן! — האָט זכריה אויסגעשפּיגן — דאָס האַרץ האָבן זיי מיר אַרויסגענומען!

— איך פאַרשטיי... פאַרגעסן דיר אָנצוזאָגן... דאָס ערשטע מאָל ווען מען הערט זיי און מען ווייסט נישט וואָס דאָס איז, מאַכט עס אַ זייער פּאַס־קודנעם איינדרוק... איך האָב זיך אויך דערשראָקן דאָס ערשטע מאָל. מען געוווינט זיך צו... קום־אַריין טאַטע, איך האָב געבראַכט אַ לאָמפּ, אַ נאַפט־מאַשינקע, אַ ביסל כלים און שפּייז...

— ווו האָסטו דאָס אַלץ גענומען?

— איך האָב עס געהאַט אָנגעגרייט דאָ נישט ווייט, ביי מיין אלוף אויפן הויף. דאָרט שטייט אַ שמירה, אַ וואַך. איך וועל באַלד מאַכן טיי און מיר וועלן אָפּעסן. קיין סך צייט האָב איך נישט. יצחק גרייט זיך שוין אין וועג אַריין און אין אַ האַלבע שעה אַרום פאָרן מיר.

— ווער איז דער יצחק?

— נו, מיין גענעראַל. ער וועט וווינען דאָ נישט ווייט פון דיר. דאָס איז דאָס לעצטע הויז ביים ים. אַ פּרעכטיקע ווילע!...

— און ווו איז דיין דזשיפּ?

— דאָרט ביי יצחקן. ער וועט אַהערקומען מיך נעמען.

זיי זענען אַריין אין שטוב. עזריאל האָט פּאַרזיכטיק פאַרהאָנגען דאָס פענצטער מיט אַ מיליטערישן קאָץ. גוט קאָנטראָלירט, צי קיין שטראַל ליכט וועט זיך נישט אַדורכרייסן דורך קיין שפּאַרונע אין דרויסן־אַרויס און האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ.

ערשט איצט, ביים בלייכן ליכט פון רויכערנדיקן נאַפט־לאָמפּ, האָבן זיך טאַטע און זון רעכט אָנגעקוקט. ערשט איצט האָבן זיי זיך רעכט געזען, נאָך אָנדערהאַלבן יאָר צעשיידטקייט. עזריאל האָט דערזען, אַז דעם טאַטנס שלייפן זענען גרויער, בלישטשענדיקער געוואָרן. דאָס ברייטלעך־ענערגיש געזיכט איז צעקנייטשט און אונטער די וויינענדיקע אויגן הענגען אָנגעשוואָלענע טאָרבעס... דאַקעגן זכריה האָט דערזען, אַז זיין זון איז אַ סך מענלעכער געוואָרן, כאָטש ער איז ענלעך צו דער מאַמען. אַ צאַרט בחורל איז ער דאָך נאָך געווען אין לאַגער היידענהיים, פאַר זיין עולה־זיין מיט דער אומלעגאַלער עליה. איצט איז ער אַן ענערגישער סאָלדאַט מיט אַן אָפּגעברענט ברוין געזיכט און צעווינטיקטער טשופּרינע.

— עך, דו יינגל!... סאָלדאַט מיינער!... — האָט דער טאַטע אַרויפגע־לייגט זיינע צוויי שווערע דלאָניעס אויף דעם זונס שמאָלע אַקסלען, אים אַ טרייסל־געטון און צוגעדריקט צו זיך. ער האָט אים באַשמעקט זיין צע־ווינטיקטע, פאַרשטויבטע טשופּרינע און אים געקושט אין קאַרק.

עזריאל האָט געקושט דעם טאַטנס הענט. און ווען זיי האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט, האָבן ביידע געהאַט פייכטע, פאַררויטלטע אויגן.

— איך וועל מאַכן טיי, טאַטע. מיר וועלן עפּעס אָפּעסן און דו וועסט זיך לייגן שלאָפן.

— איך? און דו?

— איך, טאַטע... — האָט עזריאל אָפּגעהאַקט, דערהערנדיק דעם גע־רויש פון אָנפאָרנדיקן דזשיפּ, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער, — אָט איז ער שוין געקומען נאָך מיר... אַ שאָד...

באַלד האָט זיך טאַקע דערהערט אַ הייזעריקע שטים פון דרויסן:

— חבר עזריאל!

עזריאל איז אַרויסגעלאָפן און באַלד צוריקגעקומען מיט זיין גענע־ראַל, וועלכער האָט זיך נאָך פון דרויסן געלאָזן הערן מיט אַ ליטווישן יידיש:

— ווו־זשע איז ער, דער טאַטע דײַנער? לאָמיר טאַקע באַקענען און באַגריסן אַ טאַטן פון מײַנעם אַ סאָלדאַט!...

— אָט דאָס איז מײַן טאַטע... און דאָס, טאַטע, איז מײַן גענעראַל... אלוף יצחק...

— שלום־עליכם אײַך, עזריאלס טאַטע... ברוך־הבא! — האָט דער אלוף אויסגעשטרעקט בײדע הענט. — איך באַגריס אײַך צו אײַער קומען אין לאַנד און צום ווערן מײַן שכן... און איך באַגריס אײַך אַלס דעם ערשטן בירגער אין דזשעבעליאַ....

— אַלס דעם צווייטן... דער ערשטער בירגער זענט איר דאָך, הער גענעראַל...

— ניין... איך בין נישט קיין הער, נאָר אַ סאָלדאַט... און אַ בירגער זענט איר. דער ערשטער בירגער פון דער באַפרײַטער שטאָט...

— עס פרייט מיך און איך בין באמת גערירט... איך דריק די האַנט פון אַ ײדישן גענעראַל... פון מײַן זונס עלטסטן... — האָט זכריה קאַרלסבאַך געזאָגט — אַ שהחיינו דאַרף איך מאַכן, אַ שהחיינו!...

— איר ווייסט דאָך, וואָס דער ווילנער גאון האָט געזאָגט: „וויל נאָר, ועסטו זײַן אַ גאון"... און צו מײַן גוטן סאָלדאַט עזריאל זאָג איך: וויל נאָר, וועסטו זײַן אַ גענעראַל... — האָט דער אלוף געלאַכט און פאַרענדיקט אויף רוסיש: — „דזשיערזשיס קאָזאַק, אַטאַמאַנאָם בודיעשו!"... דאָס לאַנד נויטיקט זיך איצט אין מוטיקע זין, אָבער עס נויטיקט זיך אויך אין מוטיקע טאַטעס...

זכריה קאַרלסבאַך האָט אים באַטראַכט, דעם גענעראַל: אַ מיטל־וווקסיקער מאַן, אַ ברייטער און אַ היפּש־בייכיקער. אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ גרויער באָרד און לומדישן שטערן. אַזאַ יידן דאַרף מען דאָך זאָגן „רעב" און נישט סתם „יצחק", ווי צו אַ בחורל. אַפילו זײַנע לעבעדיקע, קלוגע אויגן פון הינטער די ברילן־גלעזער האָבן דעם גלאַנץ פון אַ תלמודיסט, אַ חריף. ווען נישט דער מיליטערישער מונדיר מיטן רעוואָלווער אָן דער זײַט אָנגעהאָנגען, וואָלט ער אויסגעזען ווי אַ רב, אָדער רבי. אַזאַ ייד דאַרף זיצן איבער ספרים, פּסקענען דין־תורות. ווי קומט ער צו מיליטער און מלחמות?

— אַז די צײַטן וועלן ווערן רויקער און מיר וועלן זײַן שכנים, וועט מען זיך, האָף איך, אָפטער זען און שמועסן. אָבער דערווייל זייט נישט בייז אויף מיר, וואָס איך האָב עזריאלן געגעבן אַזוי ווייניק צײַט, זיך אָנצופרייען מיט זײַן טאַטן. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך אים באַפרייען אויף אַ גאַנצן טאָג, ער זאָל אײַך העלפן זיך אײַנאָרדענען. איצט, לײדער,

מוז איך אים צונעמען. ראַדינאַ זאַוויאַט... וואַינאַ!... פּאַנימאַיעטיע פּאַ רוסקי?...

— פּאַנימאַט, טאַ פּאַנימאַיו... נאָר ברענגט מיר אים צוריק... — האָט זכריה קאַרלסבאַך געשפּאַסט.

— לאָמיר האָפן... נו, אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, טאַטע. לייג זיך שלאָפן און זיי רויק. די שטאָט איז פּאַטרולירט און גוט באַוואַכט פון אַלע זייטן. האָסט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. קיין אַראַבער זענען נישטאָ. די שאַקאַלן וועלן נישט קומען אַהער... דאָ האָסטו די שליסלען. פאַרשליס דאָס טויער און די טיר. די פענצטער זענען מיט קראַטן...

— גייט געזונטערהייט און זייט מצליח! קום געזונטערהייט צוריק! — האָט זכריה געקושט דעם זון אין קאָפּ.

און ווען ביידע זענען אָפּגעפאָרן מיטן דזשיפּ, איז נאָך זכריה קאַרלסבאַך לאַנג געשטאַנען ביים טויער און געעקבערט זיינע בליקן אין דער נאַכט אַריין. אָבער דאָס געפיל האָט ער איצט געהאַט, ווי ער וואָלט איבערגעגעבן זיין זון נישט אין די הענט פון אַ פראָנט־פירער, וועלכער שיקט אים אין געפאַר, נאָר אין די הענט פון אַ פאָטערלעכן ראש־ישיבה, מדריך צו זיין...

## קאַפּיטל צוויי

# טאַטע און זון

צומאָרגנס, ווען זכריה קאַרלסבאַד איז אויפגעשטאַנען, האָט ער באַמערקט אַז דער זייגער איז אים שטיין־געבליבן. ער האָט זיך געערגערט דערפון, וואָס ער ווייסט נישט צי עס איז פרי, צי עס איז שפּעט.

לויט די פּערטהאַלבן טעג וואָס ער איז אין לאַנד, דאַכט זיך אים, אַז דאָ איז כמעט נישטאָ קיין בין־השמשות. נישטאָ קיין פאַרנאַכט און נישטאָ קיין באַגינען. די זון גיט זיך דאָ האַסטיק אַ לאָז־אַראָפּ אין ים־אַריין און עס ווערט נאַכט. עס פאַלט־צו אַ פינצטערניש און עס נעמען בלאָזן קילע ווינטעלעך. און קוים באַוויזט זיך, ווי אַ גילדערנער דראַטל די דין, אַ צעשימערטער רונד פון דער אויפגייענדיקער זון אין מזרח, ווערט תיכף אַ ליכטיקייט און אַ חמימה ווי אין סאַמע מיטן טאָג.

אויך דאָסמאָל, ווען ער האָט די אויגן אויפגעעפנט, איז שוין די גאַנצע שטוב, מיט די העל־געקאַלכטע ווענט, פאַרפלייצט געווען מיט בלענדיק ליכט, וואָס האָט אים אַזש געשטאָכן אין די אַפּלען. געגעצנדיק האָט ער זיך לאַנג די אויגן געריבן, ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו דער בלענדיקער זוניקייט און געגומען באַטראַכטן די ווינונג אין וועלכער ער געפינט זיך.

דער צימער אין וועלכן ער איז געשלאָפן איז נישט אַזוי גרויס, ווי עס מאַכט דעם איינדרוק צוליב אומנאַטירלעך־הויכן סופיט. אַזעלכע הויכע סופיטן האָט זכריה קאַרלסבאַד נאָר געזען אין אַ שול. די פענצטער זענען דאָ מיט קראַטן. איין פענצטער — צפון־זייט, צום טויער און דער צווייטער — מערב־זייט, צום ים. אויסער ניקלענע בעט מיט די פרישע, ווייכע מאַטראַצן, געפינט זיך דאָ אַ שווערע, מאַסיוו־דעמבענע שאַנק. אַ פיר־טיריקע, אַ ברייטע, מיט אַלטמאָדישע שניצונגען און קאַרניזן. די טיר פון צימער פירט אין אַ גרויסן האַל, וואָס איז גרעסער ווי דער צימער גופא. דאָס ערשטע, וואָס האָט דאָ פאַרכאַפּט זיין בליק, איז דער האַלב־לבנהדי־

קער פענצטער איבער דער פראָנט־טיר, מיט די צענדליקער קרום־געשניטענע שייבעלעך פון אַלע רעגנבויגן־קאָלירן. דורך אָט די שייבעלעך גיסט זיך דאָ אַריין די זון־שיין פאַרביק־צעשפּילט און מיסטיש־געדעמפּט, ווי אין אַ קלויסטער, אָדער להבדיל — אין אַ קאָר־שול... אַ פאַרכטיקער ציטער לויפט־אַדורך זיין לייב. לאַנג־לאַנג קאָן ער נישט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דעם שטראַלן־שפּיל, וואָס שפּיזלען זיך דורך די פאַרשיידנקאָליריקע שייבעלעך. און ווען ער רייסט די בליקן ענדלעך אָפּ, פאַלן זיי אויף די באַלאַטן*). דאָ זענען די קאָלירטע באַלאַטן פון דער פּאָדלאָגע קונציק אויסגעלייגט אַזוי, אַז זיי אימיטירן אַ גרויסן פּערסישן טעפּיך.

דער האָל פאַרמאָגט עפּעס אָן אַ שיעור טירן, ווי דער קאָרידאָר פון אַ האָטעל: דריי טירן צו דריי צימערן און טירן צו דער קיך, צום באָד־צימער, צום אשר־יצר־צימערל, צו צוויי קעמערלעך און די טיר פון הויפּט־אַריינגאַנג. גאַנצע ניין טירן! מען דאַרף דאָך האָבן אַ מיניסטער־קאָפּ — טראַכט זכריה קאַרלסבאַך — צו געדענקען ווהין וועלכע טיר עס פירט...

דער צווייטער צימער איז אינגאַנצן אַ פּוסטער. דער איינציקער קעגנשטאַנד וואָס געפינט זיך דאָ און שטייט אויף דער פּאָדלאָגע, אָן דער וואַנט אָנגעשפּאַרט, איז אַ גרויסער געשליפענער שפּיגל אָן אַ ראַם, ווי מען וואָלט אים אַראָפּגעשרויפט ערגעץ פון אַ שאַנק־טיר. דער שפּיגל האָט זכריהן צוגעצויגן זיך אָנצוקוקן. ער האָט זיך טאַקע אָוועקגעשטעלט פאַר אים און, אָנשטאָט דער ווינונג, גענומען באַטראַכטן זיך אַליין, פון קאָפּ ביז די פיס...

— ביסט געעלטערט, זכריה קאַרלסבאַך, געעלטערט!... — האָט ער געשאָקלט דעם קאָפּ צו יענעם, אין שפּיגל, ווי צו אַ צווייטן. און דער צווייטער, פון שפּיגל, האָט צוריק געשאָקלט:

— יאָ־יאָ, נאָך קיין פופציק יאָר נישט אַלט און אַ פּנים פון אַ זקן...

ער האָט עס געזאָגט מיט היפּש־איבערגעטריבענעם זעלבסט־באַדויער. וואָרעם כאָטש זיין אַמאָליקער שטאָלץ־פאַרריסענער קאָפּ מיט די מולאַטיש־געקרייזלטע פעך־שוואַרצע קרויזן, איז איצט געדיכט באַזילבערט, זענען אָבער די קרוינען געבליבן געדיכט ווי אַמאָל, נישט דורכצוקוקען... קיין פּליך, ווי ביים אינזשינירל אירן, איז נישטאָ און וועט אַזוי גיך נישט זיין... אויך די זילבער־בלישטשענדיקע שלייפן, ווי ביי אַ פּראָפעסאָר, זענען דאָך מער פון צרות ווי פון יאָרן. די פיר־טאָגיקע באָרד וועט ער באַלד אָפּראַזירן. דערקעגן די וואָנצעס זענען דאָך שוואַרץ און געדיכט, ווי אַמאָל... דער איינציקער צירונג וואָס איז אים געבליבן: די באַראָן הירש־וואָנצעס וואָס פלעגן תמיד צי׳ען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט... זכריה קאַרלסבאַך

*) באַלאַטן — צעמענטענע מאָזאַיק־טאָפלען וואָס באַדעקן דעם דיל.

גיט אַ גלאָץ מיט זיינע גרויסע פלוימען־אויגן און איבערצייגט זיך, אַז זיי האָבן נאָך זייער יוגנטלעכן גלאַנץ נישט פאַרלוירן... אלא די טאָרבעס אונ־טער זיי און די צעקנייטשטקייט פון פּנים. — איז עס פון מידקייט. אַ שלעכ־טע רייזע געהאַט און שלעכט געשלאָפן דאָ די עטלעכע נעכט. ער וועט זיך אויסרוען און זיך אָפּפרישן ווי געהעריק, וועלן די קנייטשן און די טאָרבעס פאַרשווינדן. זיין פול געזיכט איז דאָך נאָך פריש און ענערגיש און דער עיקר: די וואָנצעס ראַטעווען זיין גאַנצן אויסזען... היינט דער גאַנצער גע־שטעל, די פיגור, דער „דעמבענער געבוי״, ווי זי פלעגט אים רופן, איז דאָך ווייט נישט פון קיין צעבראָכענעם עולה־חדש... אַז ווו זעט מען עס גאָר אַן עולה־חדש מיט אַזעלכע אַטלעטישע פּלייצעס? מיט אַזאַ פעסטן קאַרק?... מיט אַזאַ ברייטן ברוסטקאַסטן און מיט אַזעלכע מוסקולן?... דאַכט זיך, אַז נאָך אַלע צרות, זענען אים נאָך צוגעקומען אַ שיינע עטלעכע קילאָ... זיך צופיל אויסגערוט דאָרט, אין דייטשישן לאַגער, אויף דער קעסט פון דער טאַנטע „אונרראַ״ און אַנקל „דזשוינט״!...

און טראָץ דעם פּריַערדיקן „ביזט געעלטערט״, באַשליסט איצט זכריה קאַרלסבאַך, אַז:

— עט! איך בין נאָך נישט אַרויסצוּוואַרפן!... וואָס איז ער אַנטקעגן מיר, דער פאַרדאָסטער אינזשיניערל אירער? אַן אויסגעווייקטער הערינג, נישט מער... וואָס זאָג איך „אַ הערינג״? אַ שיליאָווקע איז ער, קיי־און־שפּיי!... אדרבה, זאָל זי אונדזביידן אָוועקשטעלן זייט־ביי־זייט און אָנ־קוקן, כע־כע־כע...

באַלד, אָבער, כאַפּט ער זיך, זכריה קאַרלסבאַך, אַז ער טראַכט נאַ־רישע, ייִנגלשע געדאַנקען, וואָס פּאַסטן גאָרנישט פאַר אים. ער גיט אַ האַסטיקן שפּיי־אויס, אַ פאַררייב מיטן פוס און מיט אַ זויער־פאַרקרימט פּנים גייט ער אַריין אין דריטן צימער.

אין דריטן צימער איז, ווי אין גרויס איילעניש, אָנגעשטעלט און אָנ־געוואָרפן מעבל וואָס קען קלעקן אויסצומעבלירן דריי וווינונגען: אַ פיר־קאַנטיקער טיש, דריי קיילעכדיקע טישן און עטלעכע קלענערע טישלעך. אַ הויכער, אַלטמאָדישער בופעט, אַ דעמבענער און געשניצטער, ווי די שאַנק אין ערשטן צימער און נאָך צוויי קלענערע בופעטן מיט אַ קאָמאָד אַלס צוגאָב. אַ ניי־מאַשין, אַן עטאַזשערקע, צוויי סאָפעס, זעקס פאָטעלן מיט אַ צוויי טוץ ווייך־געבעטע שטולן, באַצויגענע מיט אַ גרינעם פּליוש מיט גרויסע, רויטע קווייטן. אויסער דעם — אַ וואַלד מיט טאַבורעטקע־לעך, בלומען־טישלעך און בלומען־טעפּ מיט פאַרשיידענע קאַקטוסן און אַנדערע געוויקסן. אויף דער צימער האָט צוויי פענצטער מיט קראַטן און

אַ צווייטע טיר, וואָס פירט צו אַ גרויסער, טונקעלער טעראַסע, אַ קיל־באַ־שאָטנטער מיטן געדיכטן געצווייג פון צוויי שפּעדיקע וויינטרויב־בוימער.

זכריה קאַרלסבאַך איז אַרויס אין גאָרטן. אויסער צוויי שלאַנקע פּאַל־מען, אַ ברייטן, שאָטנדיקן פייגנבוים און דריי באַנאַנען־בוימער, וואָס יע־דעס בלאַט זייערס איז גרעסער פאַר זכריה קאַרלסבאַכן אינגאַנצן, — וואַקסן דאָ נאָך אַ זעקס בוימער, וואָס זייער מין איז אים אומבאַקאַנט און ער ווייסט אַפילו נישט, צי זיי זענען פּרוכט־ביימער. אויסער די ביימער, זענען דאָ פאַראַן בלויז בלומען־בייטן און בלומען־קוסטן, וואָס אַזעלכע האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען און ער ווייסט אַפילו זייערע נעמען נישט. אין גאָרטן איז אויך דאָ אַ געמויערט שטעלכל, אַ מאָדערנע הינער־שטייג און אַ הילצערנע אַלטאַנע מיט אַ קיילעכדיקן טיש און בענק אינעווייניק. זכריה קאַרלסבאַך טראַכט, אַז דער פּאַלאַץ מיטן בלומען־גאָרטן האָבן זי־כער געהערט צו אַ רייכן עפענדי, אַ מאַהאַראַדזשאַ מיט זיין האַרעם ווייבער, צווישן וועלכע ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי אַ האָן צווישן אַ מחנה הינער... איז ווי־זשע קומט ער, דער וואַרשעווער דרוקער זכריה קאַרלס־באַך, צו אַזאַ ווילע ביים ים, וואָס אַזעלכער זעט מען נאָר אין קינאָ, אָדער מען לייענט וועגן דעם אין מעשה־ביכלעך וועגן פּרינצן און גראַפן?!... אין די בעסטע יאָרן אין וואַרשע, האָט ער געחלומט וועגן אַ שטיקל דאַטשע אויף דער ליניע, צווישן פאַלעניץ און מיעדזעשין. אָבער וועגן אַזעלכע פּאַלאַצן?!... — און דווקא איצט, נאָך אַלע וויסטע מלחמה־יאָרן, נאָך אַלע וואָגלענישן און פאַרשיקונגען, נאָכן אויסגעוואָרצלט, צעבראָכן און רו׳נירט ווערן, אָן האָפענונג זיך צוריק צו שטעלן אויף די פיס, זאָל דאָ פּלוצלונג געשען מיט אים אַזאַ נס?... זכריה קאַרלסבאַך — אַ פּריץ!... נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן... פּערל־ליבע וואָלט אים געדאַרפט דאָ אָנקוקן, דעם נייעם אינהאַבער פון אַ ווילע ביים ברעג פון ים... עס איז דאָך טאַקע עפּעס ארץ־ישראל... און טאַקע משיחס צייטן!...

אָבער פאַר וועלכע מעשים־טובים? פאַרוואָס קומט עס אים? וואָרעם כאָטש ער פלעגט קויפן אַ שקל און האַלטן סיי אין שטוב און סיי אין דער דרוקעריי קרן־קימת־פּושקעס, ר׳ מאיר בעל־הנס־פּושקעס און פּושקעס פון פאַרשיידענע ירושלימער ישיבות, האָט ער דאָך קיינמאָל גאָר נישט גע־טראַכט אַפילו אַהער צו קומען... פון וואַנען האָט ער געזאָלט וויסן, אַז ער וועט דאָ פּלוצלונג געפינען אַזאַ אוצר? אַז עס וועט פּשוט שטיין און וואַרטן אויף אים?...

אָבער וואָס קומט אַרויס? — דערפילט ער פּלוצלונג אַ מענטאַל־טעם אין דער נאָז — אַז זיין גאַנץ געמיט איז נישט דערצו. ווײַנען אין אַ פּאַלאַץ און אַליין זיין אַ חורבה. לייביש ליגט אין שפּיטאָל, עזריאל איז אין כסדר־

דיקער סכנה און פערל־ליבע — — — אַפילו ביי לייבישן אין שפּיטאָל איז זי נישט געווען! וואָס די צייט קען מאַכן פון אַ מענטשן! אַזאַ הייסע מאַמע געווען און איצט, — קומט אַפילו נישט געוויר־ווערן, וואָס דער פאַר־וווּנדערטער לייביש מאַכט. גאָט ווייסט, וואָס מיט זיין פוס איז דאָרטן! אַזאַ טייערער, ליכטיקער יונג! אַזאַ צאַרט ייִנגל, אַ קינד נאָך! נישט קומען צו...

און באַלד ווערט ער בייז אויף זיך אַליין: זי? פערל־ליבע? און ער אַליין איז דען בעסער?!

פאַרוואָס דרייט ער זיך דאָ איצט אַרום אין זיין וויינגאָרטן און לויפט נישט זען זיין אומגליקלעך קינד?! ער שפּילט דאָ דעם פריץ און האָט מורא אַז מען וועט אים דעם פּאַלאַץ צוכאַפּן! אַ פּאַלאַץ אָן בויך־ווייטיק, נישט געפּאָקט און נישט געמאָזלט! איז דער פּאַלאַץ אים טייערער ווי לייבישל?! טפו זאָל עס ווערן!

אָבער ניין... עס איז דאָך נישט דאָס... ער ווייסט דאָך פּשוט נישט. ווו אײַן און ווו אויס. עזריאל האָט דאָך אים געזאָגט, אַז ער וועט ספּעציעל קומען און אים אַוועקפירן. ער וואָלט דאָך נאָך נעכטן, אינמיטן דער נאַכט, צו אים געלאָפן! היינט אָדער מאָרגן, און אפשר טאַקע באַלד וועט עזריאל אָנקומען. אָן עזריאלן קען ער דאָך אַפילו פון אָט דער פּוסטער שטאָט נישט אַרויס! נישט בלויז דערפאַר ווייל עס איז נישטאָ קיין קאָמוניקאַציע, — צופוס וואָלט ער געלאָפן, געבלאָנדזשעט און אָנגעקומען. אָבער ביי די ראָ־גאַטקעס שטייען דאָך פּאַטרולן. ביי יעדע הונדערט מעטער — אַ פּאַטרול! מען דאַרף דאָך זיי זאָגן, ווי הייסט עס דאָרט ביי זיי? אַ מין נייעם „ישקני“. ווייזן זיי עפּעס אַ פּאַס, אַ פּראָפּוסק, אַ דערלויבעניש. עס איז דאָך קריגס־צושטאַנד. אָן די אַלע זאַכן, וועט מען אים דאָך נישט אַרויסלאָזן און נישט אַריינלאָזן!

ער איז צוגעגאַנגען צום טויער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. די שטאָט איז פּוסט און לער, ווי נאָך אַ מגיפה. בלויז אַ פאַרוואָרלאָזטער קודלאַטער הונט שמעקט און נישטערט אין אַ קופּע מיסט. טראָץ דער בלענדיקער זוניקייט, גלאָצן די ליידיקע גאַסן הייזער מיט עפּעס אַזאַ אַנגס־טיקער אומהיימלעכקייט. דורך אויפגעפּראַלטע טירן־פענצטער שטומט־אַרויס צום זוניקן דרויסן עפּעס אַ מיסטישע טונקלקייט, וואָס הויערט אין די ליידיקע חללס פון די פאַרלאָזענע היימען. שאָטנס צאַפּלען־זיך דאָרט ווי דערוואָרגענע קולות וואָס גוסטן, לעשן־זיך. זכריה דערפילט דאָ ערשט אויפסניי זיין אַליינקייט. ערשט איצט באַנעמט ער, װאָס דאָס הייסט: זיין אַליין, ווייט פון מענטשן. אַליין ווי אויף אַן אומבאַוווינט אינדזל. ניין, ער וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן לאַנג! ווען ער וואָלט פאַרמשפּט געוואָרן דאָ

צו בלײַבן אַלײן, װאָלט ער דאָ זיכער משוגע־געװאָרן. עזריאל, אָבער, האָט געזאָגט, אַז עס װעט לאַנג נישט געדויערן. מען װעט דאָ באַזעצן די מענטשן פֿון בית־עולים. איז װי לאַנג װעט עס דאַרפֿן געדויערן ביז מען װעט די מענטשן אַהערברענגען און באַזעצן? ביז די גאַסן און הײַזער װעלן פֿול און באַלעבט־װערן? אויף װאָס אײגנטלעך װאַרט מען? — — —

די אומהיימלעכקייט האָט אים צוריק אין שטוב אַרײַנגעטריבן. ער האָט אַרויסגענומען פֿון רוקזאַק אַ צעקנייטשטן האַנטוך, אַ שטיקל זייף, דאָס צאָן־בערשטל און ראַזיר־געצייג. ער װעט זיך גיין װאַשן און אָנטאָן. טאָמער קומט־אָן עזריאל, זאָל ער טאַקע באַלד זײַן גרייט און פֿאַרטיק אין װעג־אַרײַן. צום אַלעם־ערשט מוז ער פֿאַרן זען לײַבישן. אַזאַ טײַער ייִנגל! פֿון קאָפּ ביז די פֿיס װעט ער אים אויסקושן!...

זכריה האָט געעפֿנט די טיר און פֿאַרקרימט מיט דער נאָז:

— אַ פּאַלאַץ, דאַכט־זיך און... צום שטיק גאַר! אײַנגאַנצן אויפֿן רוסישן שטייגער. ט'האָסטו דיר אַ װילע, אָן אַ זיץ־בענקעלע! דאָס הייסט, אַזיאַטן! און נאָכװאָס איז דאָ דער קראַן אַזוי נידעריק, ביי דער פּאַדלאָגע?

ער איז אַרײַן אין באָד־צימער. דער באָד־צימער איז אים שוין יאָ געפֿעלן. אין זײַן װאַרשעװער, אײראָפּעיִשער װוינונג האָט ער דאָך קיין באָד־צימער נישט געהאַט. אין קיך, איבערן זלעװ האָט מען זיך געװאַשן. בלויז איין מאָל אַ װאָך, פֿרײַטיק איז מען געגאַנגען אין באָד אַרײַן. און דאָ — אַזאַ בלאַנקענדיקע, קאַכלנע װאַנע און אַ דוש... ער װעט זיך נאָר געבן אַ ראַזיר־אָפּ, װעט ער זיך טאַקע באַלד מאַכן אַ קאַלטן דוש און זיך אָפּפֿרישן. ער עפֿנט די קראַנען, — יאָ, דאָס װאַסער פֿלייצט... און װאַרעם איז עס, װי מען װאָלט עס פֿאַר אים ערגעץ אונטערגעהייצט...

אויסער דעם שפּיגל אויף דער װאַנט, איבער די קראַנען, דערזעט זכריה אין אַ װינקל נאָך אַזאַ גרויסן, געשליפֿענעם שאַנק־שפּיגל, װי אין דעם פּוסטן צימער. ער װוּנדערט זיך:

— פֿון װאַנען און נאָכװאָס האָט עס עזריאל צונויפֿגעטאַשטשעט אַזוי פֿיל טישן מיט אַזוי פֿיל שפּיגלען?... נאָכװאָס?...

פֿון דעסטװעגן, װען זכריה האָט זיך אויסגעטאָן, האָט ער זיך אַ נאָקעטער װידער אָװעקגעשטעלט פֿאַרן שפּיגל, זיך צו באַטראַכטן. יאָ, ער איז געװאָרן דיק. שוין צו־דיק! עס איז אָבער נישט דאָס שטײַפֿע, קרעפֿטיקע פֿול־לײַביקייט, װי געגאָסענער בראָנדז. עפּעס אַ װייך, שיטער פֿלייש האָט ער באַקומען, מיט שיכטן שמאַלץ דורכגעװאָקסן. און דער בויך! װאָס טויג אים אַזאַ בויך? פֿון לײַדיקגײַן איז עס, פֿון צופֿיל כאַליען! ער װעט דעם בויך אַראָפּװאַרפֿן. בכלל זיך נעמען אין די הענט־אַרײַן. סוף־כל־סוף איז ער דאָך פֿאַרט נאָך נישט אַזוי אַלט. ענערגיע פֿאַרמאָגט ער נאָך

פאַר אַנדערע צען... נישקשה, זאָל נאָר אָנקומען זיין באַגאַזש, די עטלעכע קאָסטנס און ליפּטן מיט מאַשינען, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט פון דייטש־לאַנד. די שענסטע דרוקעריי אין לאַנד וועט ער אויפשטעלן! זכריה קאַרלס־באַך גיט אַזוי לייכט נישט־אויף... און דאָס אינזשיניערל אירס וועט ווידער גיין אין צעריסענע הויזן... פּערל־ליבע וועט נאָך טאַפּן ביי אים אַ וואַנט... זי וועט חרטה־האָבן? וועלן צוריק? — נו, דאַרף ער דאָך אויך וועלן... נאָך איידער זי וועט זיך דערוויסן אַז ער פאַרמאָגט עפּעס, נאָך איידער ער וועט אויפשטעלן די דרוקעריי, וועט ער מיט איר מאַכן אַ סוף. שוין די אַנדערע וואָך וועט ער זיין אין ראַבינאַט, דערציילן די גאַנצע געשיכטע: אַן אשת־איש, לעבט מיט אַ צווייטן. מען וועט זי אַרויסרופן און, צי זי וויל יאָ, צי נישט, באַקומט זי אַ גט... נישט־קשה, קיין קליינע קינדער זענען נישטאָ. דערוואַקסענע בחורים, זעלנער. דאַרפן שוין אַליין באַלד חתונה־האָבן. זיי וועלן ווייסן און פאַרשטייען אַלץ. נישט קיין טראַגעדיע. ער וועט עס אַראָפּפּטרן ווי אַ יאַך פון קאָפּ. אויפהערן צו קלערן וועגן איר. ווערן אַ פרייער מענטש, אַ... פּע! צו־דיק געוואָרן! אַ שיטער לייביקייט און אַ בויך מיט פעטס. מ׳עט מוזן עפּעס טון דערצו! — — —

ער האָט זיך אָפּגעראַזירט, אָפּגעפרישט זיך אונטערן דוש און, אָנ־טוענדיק זיך, דערפילט אַז ער איז הונגעריק.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עזריאל האָט נעכטן געבראַכט אַ נאַפּט־מאַ־שינקע און כלים. אין רוקזאַק האָט ער אַ וווּרשט, קאָנסערוון־פּושקעס, צו־קער און פּוטער. ער וועט צושטעלן טיי און עסן פרישטיק.

זכריה קאַרלסבאַך איז אַריין אין קיך און אַ האַסטיקן שפּרונג געטון צוריק צו דער טיר, באַגעגענענדיק זיך מיט אַ פּאָר ברענענדיקע, וועלפּישע אויגן. אַן אַנגסטיקער ציטער איז אים אַדורך איבערן לייב און שטעקן־געבליבן אין ביידע קני.

אויפן קרעדענץ איז געשטאַנען אַ גרויסע, שוואַרצע קאַץ מיט אַ דיקן ווידל, ווי ביי אַ פוקס. זכריה האָט נאָך אַזאַ טייוולאָנישע שוואַרצ־קייט פון אַ קאַץ נישט געזען. און ווי קומט צו אַ קאַץ אַזעלכע וועלפּישע אויגן און אַזאַ דיקער, פוקסענער ווידל? וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה?!

— אַפּשיק! — האָט ער זי פון דעסטוועגן פאַרטריבן מיטן היימישן קאַצן־לשון — אַפּשיק־קאַטאַ!

די אַראַבישע קאַץ האָט זיך, אָבער, פאַר זכריהס „אַפּטשיק־קאַטאַ" גאָר־נישט דערשראָקן. פאַרקערט, זי האָט זיך אָנגעהאָרבט און פאַרמעסטנדיק זיך אַ שפּרונג צו טון גלייך אויף אים, האָט זי אויסגעשפּיזט פאַרויס אירע לאַנגע, שאַרפע וואַנצעס. ערשט נאָכדעם האָט זי אויסגעשטשירעט אירע פאַרצוקערישע, שאַרפע ציין און אַרויסגעלאָזן אַזאַ מין אימהדיקן „מיאַ־ו־ו!",

אַז דאָס גאַנצע לייב איז זכריהן געגרונצלט געוואָרן און באַדעקט מיט קאַלטן אַנגסט־שוויס. ער האָט זיך ריזיקירט אויסצוטון אַ לאַטש און אַ שליידער צו טון.

געטראָפן האָט ער נישט דער קאַץ, נאָר אַ ליימענעם קרוג, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראַזגעט געוואָרן אויף שערבלעך. די וועלפישע אויגן האָבן נאָך ווילדער אַ גלאָץ־געטון, פון וואָס דער דרעשטש אין זיינע ביינער איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. אָט־אָט און... — ניין, זי איז אַוועק...

די קאַץ איז נישט אַנטלאָפן, נאָר לאַנגזאַם און פויל זיך קוים אַדורכ־געשטופּט דורך די פענצטער־קראַטן, בלייבנדיק אויף יענער זייט פּאַראַ־פּעט. זכריה האָט מיט אַ שטעקן צוגעמאַכט דאָס פענצטער און דאַן איז די קאַץ אַראָפּגעשפּרונגען און פאַרשוווּנדן. נאָר ווייל זי איז אים אַזוי אומגעריכט־שנעל פאַרשוווּנדן און ער האָט נישט געוווּסט, ווי זי האָט זיך באַהאַלטן, איז אים דער פראָסט געבליבן אין די ביינער.

— ווּ איז זי אַהינגעקומען? טפו זאָל זי מיר ווערן! אָט אַ באַגע־געניש אויפן ניכטערן מאָגן, נו! — האָט זכריה אויסגעשפּיגן — אַ ווּיסטע שוואַרצקייט פון אַ ווילדער קאַץ!

מיט נערוועז־ציטערנדיקע הענט האָט ער אָנגעצונדן די נאַפּט־מאַ־שינקע און צוגעשטעלט טיי. זיין פרי־ערדיקע מונטערע שטימונג איז שוין געווען אַ געפּטרטע. די קאַץ איז אים פון זינען נישט אַרויס. דאַכט זיך פענצטער מיט קראַטן און, וואָס העלפט עס? זי קען שפּרינגען אַריין און אַרויס. און צומאַכן די פענצטער קען מען נישט. מען קען דאָ דערשטיקט ווערן אָן לופט!

— אַן אָנשיקעניש, נו! — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין — דער נייער באַלעבאָס געפעלט איר נישט... מיטן פרי־ערדיקן איז זי געווים היי־מישער געווען...

עס איז אים איינגעפאַלן, אַז פון דער קאַץ וועט ער אַזוי גיך נישט פּטור־ווערן. זי פילט זיך דאָ ווי די אמתע באַלעבאָסטע... ווי אַן איבער־געלאָזענער שומר, צום פּילעווען די פאַרלאָזטע וווינונג... אַן אַראַבישער שליח. ער האָט אַ טראַכט־געטון, אַז עס איז גאָר אַ חרפּה צו דערציילן דאָס פּאָר מענטשן. מען וועט אים אויסלאַכן: אַ דערוואַקסענער מענטש און ציטערט פאַר אַ נאַרישע קאַץ!... אַפילו עזריאלן נישט דערציילן. יע־נער איז אין גרעסערע געפאַרן און האָט עפּעס ערגערס פאַרוואָס מורא צו האָבן! צווייטנס, קען זיין, אַז נישט די קאַץ איז גאָר שולדיק, נאָר ער אַליין: די קאַשמאַרנע מלחמה־איבערלעבונגען האָבן איבערגעלאָזט אַ פּחד אין זיין בלוט. וויפל מאָל כאַפּט ער זיך־אויף פון שלאָף מיט אַ גרויליק געשריי? אַז אַלע חלומות זענען ביי אים מיט דייטשן, מיט נ.ק.וו.ד., מיט

פאַגראַמטשיקעס, מיט... און איצט — מיט אַראַבער! סיי טאָג און סיי נאַכט איז וואַך אין אים אַ צעטראַגעוודיקייט, אַ פּחד פאַר געפאַר. ער דאַרף גאָר האָבן אַ סאַנאַטאָריע, אויסצורוען די צעשויבערטע נערוון. אַלע עולים חדשים וואָלטן געדאַרפט האָבן אַזאַ סאַנאַטאָריע אויף אַ שטיקל צייט. אַלע זענען גייסטיק צערודערט, קראַנק. ווער עס האָט נישט דורכגעמאַכט דעם גיהנום אין אייראָפּע, דער וועט עס נישט פאַרשטיין. — — —

פון דעסטוועגן באַשליסט ער, אַז:

— אַלץ איינס! מען וועט זי דאַרפן פּטרן, די קאַץ! אַז איך האָב בכלל פיינט קעץ! בפרט נאָך, אַזאַ טייוולאָניש־שוואַרצע! מיט אַזעלכע וועלפישע אויגן און ציין!

זיינע אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן באַנומען אַ רוישן. זידט עס שוין דער טשייניק? אָדער רוישט עס אַזוי דער ים? ניין, דאַכט זיך אַז גאָר אַן אויטאָ. יאָ, אַ דזשיפּ. עזריאל?

יאָ, דאָס איז עזריאל!... דער דזשיפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טויער. עזריאל איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ פאַרשטויבטער און פאַרברענטער פון דער נגב־רייזע, אָבער אַ מונטערער און פריילעכער:

— וואָס מאַכסטע, טאַטע?...

— נו, גאָט צו דאַנקען. אַבי איך זע דיך, עזריאל...

— טאַטע, דו ביסט דאָך מיר עפּעס יינגער געוואָרן אויף אַ צוואַנציק יאָר!... מען וועט דאָך דיך באַלד דאַרפן נעמען אין דער אַרמיי אַריין...

— און קיין גענעראַלן דאַרף מען נישט?... איך זע דאָך, אַז מען נעמט זקנים אויך...

— באמת, טאַטע... דו שיינסט דאָך, קיין עין־הרע!...

— אָט, איך האָב זיך אָפּגעראַזירט, אַראָפּגעסקראָבעט פון זיך די זיקנה... ביזטו כאָטש אויף לאַנג געקומען, עזריאל?

— אויף אָנדערהאַלבן מעת־לעת, טאַטע!... יצחק האָט מיך פריי גע־לאָזן ביז מאָרגן אין אָוונט. איך זאָג דיר: אַ טייערער אַלטיטשקער!... איז ווי האָסטו זיך דאָ געפילט, טאַטע?

— ווי אויף אַ בית־עולם... מילא, נו... איז פאָרן מיר צו לייבישן, האָ?

— יאָ, טאַטע. געגעסן האָסטו שוין?

— נאָך נישט. טיי איז שוין דאָ.

— נאָך נישט געגעסן? פאַרוואָס??

— ווי שפּעט איז דען? מיין זייגער איז מיר שטיין־געבליבן.

— דער זייגער איז שוין צען, טאַטע!... און אַז דער זייגער איז שטיין־געבליבן, איז דער אַפּעטיט אויך שטיין־געבליבן?...

— איך וויל, קודם־כל, זען לייבישן.

— דו מוזט דאָך, אָבער, פריִער נעמען עפּעס אין מויל אַריין! מען גייט נישט קיין ניכטערער אין שפּיטאָל. איך האָב נאָך אויך נישט געגעסן. קום, וועלן מיר פרישטיקן צוזאַמען.

זכריה האָט ווידער באַטראַכט עזריאלן און האָט זיך עפּעס נישט צוגעגלויבט. עפּעס גאַרנישט דער זעלבער. אַן אויסגעוואַקסענער, אַ רייפער, אַ מענלעכער און ענערגישער. אין זיין אַנוועזנהייט האָט זיך דער דער טאַטע פלוצלונג דערפילט ווי אַ יינגל... יאָ, ווי אַ יינגל אַקעגן אַן עלטערן, דערפאַרענעם און ענערגיש־באַפעלערישן מענטשן. די גאַנצע איניציאַטיוו סיי אין רעדן און סיי אין טון, איז איצט אַלץ געווען ביי עזריאלן. דער טאַטע איז איצט אַפּהענגיק פון זון ,ער זאָל אים פירן. דערקלערן, ווייזן און דערלאַנגען. און זיין גאַנצער אַרט רעדן איז טאַקע ווי פון איינעם, וועלכער האָט די איבערהאַנט... ער האָט דערפון הנאה, זכריה, כאָטש אַ ביסל פאַרדריסט עס אים. דערווייל איז ער דאָך דער טאַטע. איז וואָס הייסט? ער וועט אים טאַקע צוריק זאָגן. זאָל ער זיך נישט צופיל גרויסלען...

— מילא, איך. און פאַרוואָס האָסטו נישט געגעסן? דיין אַפּעטיט איז אויך שטיין־געבליבן, ווי דער זייגער?...

— נישט דער אַפּעטיט, נאָר דער דזשיפּ... אַנדערהאַלבן שעה געשטאַנען אין וועג. אַז ער שפּאַרט זיך איין, דער דזשיפּ, איז שלעכט. ער איז אַן עקשן. אָבער איך בין אַ גרעסערער.

—פון ווען אָן?...

— זינט איך בין געוואָרן זעלבשטענדיק, טאַטע... און זינט איך שמעק דאָ פּולווער... נו, זעץ זיך, טאַטע. איך גיס אָן טיי.

עזריאל האָט דערלאַנגט טיי און זכריה האָט אַרויסגענומען פון זיין רוקזאַק אַ דייטשישן ווורשט, אַ שאַכטל סערדין, אַ האַלב ברויט און צוקער.

— אַהאַ, טאַטע!... דאָס איז דאָך עפּעס אַ פרישטיק כיד־המלך... ווען אונדזערע חיילים קריגן אַזעלכע פרישטיקן, וואָלטן זיי געטריבן די אַראַבער ביז קאַיר און ביז רבת־עמון... אַ קייזערלעכער פרישטיק, טאַטע!...

— און ווי זעט עס טאַקע אויס דאָרט ביי אייך?

— מען מאַכט זיך האַרץ... אַ נס וואָס אַראַבער זענען פּחדנים. מיר קעמפן איינער קעגן זעקס, קעגן צען. זיי לויפן ווי די האָזן... כאָטש האָבן, האָבן מיר קדחת. נישט קיין געווער און נישט קיין אַמוניציע. אָבער וועגן דעם וועלן מיר נאָך צייט האָבן צו רעדן. עס, טאַטע. די טיי ווערט קאַלט.

דעם „קייזערלעכן״ פרישטיק האָבן זיי געגעסן אויפן נאַקעטן טיש, אָן אַ טישטוך, אָן טעלער, לעפל, גאָפּל. זיי האָבן געשניטן שטיקער פון דעם ברויט און דעם ווורשט אויף אַ בחורישן שטייגער. זכריה האָט זיך געשטיקט מיט די ביסנס און זיך געבריט מיט די שלוקן הייסן טיי, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו דער באַן. דער טאָן־געבער און פראַגע־שטעלער איז אַלץ געווען עזריאל:

— טאַטע, זיי מוחל פאַר דער פראַגע... דאָס איז דיין גאַנצער באַגאַזש?... — האָט ער אַ ווונק־געטון צו די רוקזעק און דער גרויסער שווערער וואַליזע.

— דערווייל יאָ...

— נו, די וואַליזע איז אַ גאַנץ שווערע וואַליזע... קיין שטיינער פירסטו דאָך דאָרט נישט?...

— קיין גאָלד אויך נישט... אָבער דאָס ריכטיקע דאַרף ערשט אָנקומען. עטלעכע ליפטן.

— עטלעכע ליפטן?!...

—און קאַסטנס אויך!... — האָט זכריה געפּונען דעם שעת־הכושר זיך צו רעהאַביליטירן אין זונס אויגן — אַ דרוקעריי אַ גאַנצע!... צוויי לינאָטיפּן, אַ ראָטאַציע־מאַשין, אַ קלענערע, אַ פּעדאַל, אַ שנייד־מאַשין, אַ מאַטריצן־פּרעס, שריפט, מאַטעריאַלן און הכל־בכל־מכל־כל!... און מעבל מיט אַ פּיאַנינע אַלס צולאָג...

— טאַטע!... — איז עזריאל אַזש אויפגעשפּרונגען — ביסטו דאָך אויפן פערד!...

— ניע סקאַזשי האָפּ!... אַז עס וועט אַלץ אָנקומען אין אָרדענונג, דאַן...

— טאַטע, ביסט אַ געמאַכטער מענטש!... מאָלאָדיעץ, טאַטע!...

— וואָס־זשע דען האָסטו געמיינט? דיין טאַטע איז שוין אַרויסצוּוואַרפן? אַ בטלן?... זכריה קראָלסבאַך וועט ווידער זיין זכריה קאַרלסבאַך!.. און דערווייל האָב איך אייך אויך עפּעס געבראַכט... צוויי פּאָטאָ־אַפּאַראַטן, „לאַיקעס״... פאַר דיר אַ גאָלדענעם „שטאָפּער״ און פאַר לייבישן אָן אַקאָרדעאָן אויף הונדערט און צוואַנציק באַסן... דאָס האָט געקאָסט עטלעכע שטאַנגען אַמעריקאַנער סיגערעטן און עטלעכע קילאָ קאַווע... גיי נאָר צו צו דער וואַליזע...

אָנשטאָט צו דער וואַליזע, איז עזריאל צו צום טאַטן, אים אַרומגעכאַפּט און געקושט:

— גוט אַזוי, טאַטע!... גוט!... גלויב מיר, איך פיל עס נישט אַזוי פאַר זיך, ווי איך דאַרף עס, אַז עמעץ אַנדערש זאָל פּלאַצן!...

זכריה האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס און וועמען עזריאל מיינט... און כאָטש ער האָט געוואָלט זיך מאַכט נישט־פאַרשטייענדיק, דאָך, ווייל עזריאל פילט און פאַרשטייט אַזוי ווי ער, איז ער אים צענפאַך ליב און טייער געוואָרן. ער האָט אים צוריק געקושט אין קאַרק און געקלאַפּט אין דער פּלייצע:

— עס וועט נאָך גוט זיין, עזריאל, עס וועט נאָך גוט זיין!...

עזריאל האָט געעפנט די וואַליזע, זיך ענטציקט מיט די מתנות און זיך געפרייט מער מיט לייבישעס מתנות, ווי מיט זיינע:

— ווייסט וואָס, טאַטע? מיר וועלן עס אים ברענגען אין שפּיטאָל אַריין!...

— מען מעג ?

— חיילים מעגן אַלץ!... אויך דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט וועלן מיר אים ברענגען, זאָל ער דאָרט פאָטאָגראַפירן זיינע אַלע קראַנקן־שוועסטער... איינע ווערט דאָרט פאַר אים באַזונדערס די כפרה...

— לייביש האָט שוין איינע?...

— זי קושט אים מער אויס אין איין טאָג, ווי זיין מאַמע האָט אים געקושט דאָס גאַנצע לעבן!...

— עפּעס רעדסטו מיר גאָר ווי... מילא, נו... קום. — האָט זיך זכריה אָפּגעווישט די וואָנצעס און אויפגעהויבן פון טיש. דערביי האָט ער געטאַפּט די קעשענע, צי ער האָט מיטגענומען די פאָר ברעטלעך שאָקאָלאַד. — מען דאַרף קויפן וויינטרויבן.

— שוין געקויפט, טאַטע. עס ליגט אין דער מאַשין... — האָט עזריאל אַ נעם־געטון דעם אַקאָרדעאָן מיט די פאָטאָ־אַפּאַראַטן.

עזריאל האָט פאַרשלאָסן טיר און טויער, איבערגעבנדיק דעם טאַטן די שליסלען. ער האָט זיך געזעצט צום רעדל און דער טאַטע נעבן אים. זכריה האָט דערביי געטראַכט וועגן דעם מעמד אין וועלכן ער וועט טרעפן לייבישן. דאָס האַרץ האָט אים נישט געזאָגט קיין גוטס.

דער דזשיפּ האָט זיך ווידער צערוישט איבער די פּוסטע און טויב־שטומע גאַסן פון דער פאַרלאָזענער שטאָט. אַ רגע האָט זיך זכריהן גע־דאַכט, אַז ער מיט זיין זון זענען דאָ די איינציקע געוועלטיקער, ווי ראָבינ־זאָן קרוזאָ אויפן אומבאַוווינטן אינדזל... פאַר אים זענען דאָס אויסגע־כישופט געוואָרן די אָריענטאַלישע פּאַלאַצן מיט די פּלאַטשיקע דעכער און ברייטע טעראַסן, וואָס טונקען זיך אין עקזאָטישע בלומען און הילן זיך אין קלעטער־פלאַנצן... די שלאַנקע זיילן און די געשניצטע קאַרניזן מיט מזרח־אָרנאַמענטן, די בלוי־גאָלדענע מעטשעט־קופּאָלן צווישן פּאַל־מען און פייגנבוימער. פאַר אים גרינען די פּרדסים, פאַר אים רוישט דער

שפּיגלדיקער ים און אויף אים וועט עס וואַרטן דער זוניקער בית־הקברות, וואָס גלאָצט מיט די מצבות אים אַנטקעגן... פאַר וועמען דען? — אַז קיינער, אויסער אים, איז דאָ מער נישטאָ!...

אָבער אַרויספאַרנדיק אויף דער הויפּט־גאַס האָט ער דערזען, אַז די שטאָט איז שוין נישט אַזוי ליידיק, ווי ער האָט געמיינט: ווו־נישט־ווו שטייען שוין אַרבעטער, וועלכע רעמאָנטירן און רייניקן די וווינונגען. עס אַרבעטן מאַליאַרעס און מוליאַרעס, סטאָלערס און קאַנאַליזאַטאָרן, שלאָסערס און גלעזערס.

דורך אָפענע טירן־פענצטער ווערט אַרויסגעשליידערט דאָס אַלטע אַראַבישע באַלעבאַטישקייט, דאָס אויף הפקר־פאַרלאָזענע האָב־און־גוטס: מעבל און כלים, מלבושים און בעטגעוואַנט, פאַך־געצייגן און אַנדערע חפצים. בערג מיט מעבל! בערג מיט כלים! בערג מיט בעטגעוואַנט און מלבושים. דערביי פלאַצן שפּיגלען און גלאָזוואַרג, טישן און שטולן צעברעכן די פיס, קישנס צעטרענען־זיך. אַלץ וואַלגערט זיך אין שטויב, פון אַלץ ווערט אַ תל, ברוכוואַרג און שמאַטעס. ווו־נישט־ווו ברענען שייטערס, אין וועלכע די אַרבעטער שליידערן פאַרפוילטע שיך, מיסט און פאַרשיידענעם אַלטוואַרג. אַ געדיכטער, פעטער רויך צעטראָגט דעם איבלדיקן געשטאַנק פון סמאַלינעס.

סאַניטאַר־אָנגעשטעלטע גייען פון הויז צו הויז און באַשפּריצן די וווינונגען מיט שאַרף־געשמאַקיקע דעזינפעקציע־פליסיקייטן.

דאָ־און־דאָרט שליאַיען־זיך חיילים און איינציקע ציווילע עולים־חדשים פון די בית־עולים־געצעלטן, וואָס ווער־ווייסט מיט וועלכע ניסים זיי האָבן זיך דאָ אַריינבאַקומען און זוכן צו פאַרכאַפּן באַצייטנס אַ לייטישע וווינונג, נאָך איידער מען וועט אָנהייבן צו פאַרטיילן מיט אַ סדר. דערביי נישטערן זיי אין די אָנגעהויפנטע בערג פון מעבל און כלים און כאַפּן מציאות פון דער אויף הפקר־צעשליידערטער באַלעבאַטישקייט.

פון דעם שטויב און רויך, פון דעם סמאַלינעס־טשאַד און געשטאַנק פון די שאַרף־גערוכיקע דעזינפעקציע־פליסיקייטן, מוז אַזש זכריה די אויגן פאַרמאַכן און מיטביידע הענט פאַרשטעלן־זיך דאָס פּנים, דאָס מויל און די נאָז.

ביי דער ראָגאַטקע וויזט עזריאל אַ צעטל און זיי פאָרן־אַריין אין יפו. איצט איבערצייגט־זיך זכריה, אַז אָן עזריאלן מיט אָט דעם צעטל, וואָלט מען אים טאַקע נישט אַדורכגעלאָזן און ער וואָלט אַליין נישט געקענט קומען צו לייבישן אין שפּיטאָל.

זכריה קוקט אין אַלע זייטן און עס וווּנדערט אים אויף זיך אַליין, פאַרוואָס עס וווּנדערט אים גאָרנישט: ער איז דאָך אין ארץ־ישראל! דאָס

ערשטע מאָל אין זיין לעבן געפינט ער זיך אין יפו, דער אַלטער שטאָט פון תב״ד! אַלץ דאַרף דאָך זיין פּאַר אים ניי, עקזאָטיש און צום סוף דאַכט זיך אים גאָר אויס, אַז סיי די לאַנדשאַפט, סיי דער קלימאַט איז אים היימיש, ווי ער וואָלט, נישט אין האַרץ פון אייראָפּע, נאָר דווקא דאָ געוווינט אַלע זיינע יאָרן... די פּאַלמען און פייגנבוימער, די גויאוועס, טוטאָווניקעס און באַנאַנען־בוימער, — ווו האָט ער זיי געזען און פון וואַנען ווייסט ער זיינע נעמען? די אַלטע, שמאָלע געסעלעך, די מעטשעטלעך און די הייזער מיט פאַרשיידנקאָליריקע שייבעלעך און קראַטן איבער זיי, — ווי קומט עס, וואָס דאָס בילד איז אים אַזוי באַקאַנט?

באַלד דערמאָנט ער זיך פון וואַנען ער קומט און ווו ער איז אָפּגעווען, אָדער אָפּגעוואָגלט גאַנצע זיבן יאָר: יפו איז דאָך ענלעך צו די פּעריפעריעס אַרום טאַשקענט, צו די גאַסן און געסלעך אין מאַרי, טשאַרדזשוי, בוכאַראַ, סאַמאַרקאַנד, דזשאַמבול און דעם גאַנצן טאָל פון פערגאַנאַ. עס פעלן דאָ נאָר די אוזבעקן, טורקמענער און טאַדזשיקן מיט זייערע קעמלען און אייזעלעך... אָבער אָט זענען זיי דאָך, הינטער די שטעכל־דראָטן פון דעם אַרומגעצוימטן אַראַבישן געטאָ!... אָט זיצן זיי דאָ שלעפעריקע און רויכערן זייערע נאַרגילעס. די פרויען אין שוואַרצן, מיט פאַרדעקטע פּנימער, די מענער — כמעט אַלע — מיט פאַרגאָסענע, באַבעלמעטע, האַלב און גאַנץ־בלינדע טראַכאָם־אויגן. אַ הענדלער מיט אַן אָפּגעפוילטער נאָז פאַרקויפט סאַברעס. אַ צווייטער, מיט קרעציקע הענט, רויכערט שאַשליק. מען האַנדלט דאָ מיט זיסע געבעקסלעך און גרינלעכע, קאַלטע געטראַנקען. אַ קאַליקע דרימפּלט אויף אַן אײן־סטרוניקן אינסטרומענט, וועלכנס טענער מען הערט נישט, ווייל פון אַ ראַדיאָהילכער־אַרויס קלאָגט אַ זיך־וועדגנדיקע אַראַבישע פרויען־שטים, ווי אויף דער שכינה וואָס איז אין גלות. זכריהן דוכט־זיך אַז דאָס איז דאָס קלאָגליד פון הגרן וועלכע וואַלגערט זיך אַ פאַרטריבענע אין דער מדבר מיט ישמעאלן, וועלכער שמאַכט און גייט־אויס פון דורשט. אָבער אָנשטאָט אַ מלאך פון הימל, וועלכער זאָל זי רופן און אָנווייזן אַ וואַסער־קוואַל, — צעשרייט־זיך אַ דאַר אייזעלע מיט אַ צעשונדענער פעל, אויף וועמענס ווונדן עס ראַיען זיך מחנות פליגן. דאָס אייזעלע צעשרייט־זיך מיט באַנומענע קולות, וואָס גרילצן ווי פאַרזשאַווערטע טויער־זאַוויאַסעס.

— און דאָס זענען אונדזערע „לייבלעכע" קוזינען, טאַטע?... אַז מיר גלויבט־זיך גאַרנישט־צו, אַז דאָס זענען אונדזערע קרובים!... — האָט עזריאל פלוצלונג אַ זאָג־געטון, ווי ער וואָלט אַ נביא געווען און געלייענט דעם טאַטנס געדאַנקען. — הגרס אייניקלעך, האַ?...

— פאַרוואָס בלויז הגרס? די זעלבע אייניקלעך פון אברהם אבינו,

ווי מיר, עזריאל! די זעלבע יחסנים... כאָטש דער זעלבער אומגערעכטער גורל חזרט זיך איבער...

— וועגן וועלכן אומרעכט רעדסטו, טאַטע?

— וועגן דעם אומרעכט, וואָס אברהם אבינו האָט געטון צו זיין קעפּס־ווייב הגר, פאַרטרייבנדיק זי מיטן קינד אין דער מדבר. און אָט היינט, — ווידער... נאָך טויזנטער יאָרן, די זעלבע געשיכטע און דער זעלבער גורל חזרט זיך איבער...

— דעמאָלט, טאַטע, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, כ׳מיין בעת דער מעשה פון אברהם מיט הגרן, בין איך נישט געווען דערביי... אָבער היינט איז נישט דער זעלבער גורל און נישט די זעלבע געשיכטע. ס׳איז שוין גאָר אַן אַנדער געשיכטע, טאַטע!...

— דהיינו?

— ערשטנס זענען זיי נישט אַוועק אין דעם מדבר, נאָר אין זייערע אַראַבישע לענדער. צווייטנס האָבן זיי זיך אַליין פאַרטריבן, מעסטנדיק אונדז מיט זייער מאָס פון רשעות. די מלחמה האָבן זיי דאָך אָנגעהויבן; באַשאָסן, באַרויבט און חרוב־געמאַכט קיבוצים .געוואָלט גיין אויף תל־אביב. שוין געמאַכט חשבונות, ווי נאָכן אויסקוילען און אַריינוואַרפן די ייִדן אין ים־אַריין, וועלן זיי זיך צעטיילן מיט די ייִדישע ווייבער און מיטן ייִדישן האָב און גוטס...

— אַזוי?... און דערביי ביסטו שוין יאָ געווען?... געזען זייערע חשבו־נות, האָ? — איראָניזירט זכריה.

— אַזוי דערציילט מען. די אַראַבער האָבן עס געזאָגט אָפן. און ווייל זיי האָבן געוווסט וואָס זיי ווילן טון מיט אונדז, האָבן זיי געמיינט, אַז מיר וועלן דאָס זעלבע טון מיט זיי... זענען זיי טאַקע באַלד, נאָך די ערשטע מפּלות, אַנטלאָפן אין פּאַניק!...

— און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן צוריק־קומען?

— וואָס הייסט, זיי וועלן צוריקקומען? ווער וועט זיי אַריינלאָזן?

— איך מיין, נישט איצט, אין דער צייט פון קריג. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, נאָך אַ שלום־אָפּמאַך. עס איז דאָך פּאָרט זייערס. באַלעבאַטים פון הייזער, פון פּרדסים, פון פאַבריקן און פעלדער. דאָס איז דאָך פּריוואַט־אייגנטום, „ניערוכאָמאָשטש״!

— ווער־זשע טשעפּעט עס?... עס וועט בלייבן „ניערוכאָמע״, אומבאַוועגלעך...

— רעדסטו דאָך שוין ווי אַ קאָמוניסט, עזריאל! ווי קומט דאָס צו צו דיר?... און איך מוז דיר זאָגן, אַז איך דריי זיך דאָרט אַרום, אין דעם פּאַלאַץ וואָס דו האָסט מיר געגעבן, מיט אַ גאַנץ פּאַסקודנעם געפיל... און

אַז איך זע ווי מען שליידערט דאָס מעבל און מען צעברעכט עס, ווי חיילים און ציווילע פּלינדערן און שאַבערוועז, דערמאָנט עס מיר אָן זיי אויסגע־ליידיקטע יידישע געטאָס אין פּוילן. מיט וואָס־זשע זענען מיר עס בעסער פּאַר?...

— פּאַר עשון, האַ?...

— יאָ פּאַר די עמלקס?! מיר זענען דאָך אַן אתה־בחרתנו־פאָלק, בני־רחמנים!...

— איז זוכסטו דאָך דעם יושר, טאַטע? איז זאָג איך דיר, אַז ער איז דאָ! און איך האָב אַ רויקן און ריינעם געוויסן! דיין יושר איז, אַז גויים מעגן און מיר טאָרן נישט... אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען אונדז געשאָכטן, פּאָגראָמירט, באַרויבט און פאַרטריבן. איך רעד ווי אַ קאָמוניסט, זאָגסטו?... און דו, טאַטע, זאָלסט מיר מוחל זיין, רעדסט דאָך עפּעס ווי עמלקס אַן אַדוואָקאַט... אין דער גאַנצער וועלט האָבן מיר קיין שטיקל מקום־מקלט נישט געפונען. וווהין־זשע זאָלן מיר גיין, אויב נישט צו זיך אַהיים? האָסט דאָך שטענדיק געזאָגט אין דאַווענען „בשובך לציון ברחמים"...

— ברחמים... ברחמים... טאַקע אין דעם רחמים גייט עס מיר... — האָט זיך זכריה אָנגעכאַפּט אין דעם וואָרט, ווי אָן דעם סאַמע פּאַסיקסטן, וואָס ער האָט געזוכט און נישט געקענט געפינען... — אָן רחמים, איז מיר עפּעס דער גאַנצער „בשובך לציון" נישט אין אָרדענונג...

— אָבער מיט רחמים האָט נאָך קיינער קיינעם נישט אַנטקעגן־גע־טראָגן קיין מדינה... — האָט עזריאל שלאָגפערטיק געענטפערט — אַ לאַנד מוז מען אויסקעמפן. אונדזערע אבות האָבן אויך געקעמפט. אַז משה רבינו האָט געבראַכט די יידן פון מצרים, האָט ער זיי אַריינגעפירט אין לאַנד אַריין מיט רחמים, צי מיט מלחמות?... דאָס איז אונדזער לאַנד און מיר זענען די באַלעבאַטים!

— באַלעבאַטים? אַוודאי באַלעבאַטים! מיט היסטאָרישע רעכט! וועגן דעם שפּאַרן מיר זיך דאָך נישט... באַלעבאַטים איבערן לאַנד, אָבער נישט איבער יענעמס פּריוואַט־אייגנטום.

— און וואָס איז מיטן יידישן פּריוואַט־אייגנטום אין גאַנץ אייראָפּע, טאַטע? און מיטן יידישן פּריוואַט־אייגנטום אין די אַראַבישע לענדער? אדרבה, קוק־אָן די יידן פון תימן, פון איראַק, סיריע, לבנון. נאַקעט און באָרוועס קומען זיי אַהער! באַרויבט פון אַלץ און פון אַלעמען! קוים מיטן נפש אַנטלאָפן! אַז מען מאַכן אַמאָל אַ ריכטיקן חשבון, טאַטע, וועט אונדז נאָך זייער פיל אַרויסקומען!

— סיידן אַזוי...

— יאָ! און וואָלטן מיר געקאָנט רעאַליזירן און אָפּנעמען דאָס גאַנצע ייִדישע פאַרמעגן פון די קדושים אין אייראָפּע, וואָלטן מיר דאָ היינט גע־האַט די רייכסטע מדינה אין דער וועלט!... און אומקערנדיק זיך צו די אַנט־לאָפענע אַראַבער: מיר האָבן זיי געטריבן אין דעם מדבר? זיי זענען געלאָפן קיין מצרים און עבר־הירדן. דער מופטי, די אַראַבישע ליגע האָבן גע־העצט, דער אַראַבישער לעגיאָן האָט דאָך דאָ געקעמפט און געצוווּנגען די היגע אַראַבער צו קעמפן. זאָלן זיי איצט טראָגן די אחריות. זאָלן זיך איצט די אַראַבישע לענדער האַלטן מיט די פּליטים...

זכריה איז שוין לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן און נישט בלויז דערפאַר, ווייל דער זון האָט אים איבערצייגט און באַזיגט. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ קליין ביסעלע פאַרדראָס, אָבער דערפאַר אויך — מיט אַ גרויסער הנאה: עזריאל, זיין נאַיוו, געהאָרכזאַם ייִנגל, וועלכער האָט שטענדיק אין אַלץ מסכים געווען מיטן טאַטן און יעדעס וואָרט זיינס געהאַלטן פאַר דער גרעסטער חכמה, — ער איז היינט אַ זעלבשטענדיקער מענטש, אַ רייפער מאַן, דענקט, האָט זיין אייגענע מיינונג און איז זיך שוין מתווכח מיטן טאַטן... אָט, נעכטן נאָך אַ שוואַך קורטשאַקל געווען און איצט קרייעט ער שוין ווי אַ האָן!... און דער עיקר: ער רעדט פון דערפאַרונג און ער רעדט צו דער זאַך... און לייבישל?... צי ווייסט ער שוין אויך אַזוי־אָ צו רעדן — — —

## קאַפּיטל דריי

# צוויי ברידער

אַזוי ווי עזריאל האָט געירשנט די שלאַנקע פיגור מיט די שמאָלע אַקסלען און דעם צאַרטן פּנים פון דער מאַמען, דערקעגן די ענערגישקייט און פעסטן כאַראַקטער — פון טאַטן, — פונקט אַזוי האָט לייביש געירשנט דאָס פאַרקערטע: די קערפּערלעכע געזונטקייט, ברייטפּלייציקייט און צעוואַקסנקייט פון טאַטן און דעם ווייבלעך־קאַפּריזנעם און ווייבלעך־היסטעריש כאַראַקטער פון דער מאַמען.

לייבישעס מענלעך־רייפע באַלייבטקייט און זיין איבערגעוווירעוועער וווּקס האַרמאָנירן אַבסאָלוט נישט מיט זיין יינגלש־קיילעכדיקן פּנים מיט די גלאַטיק־רויטע בעקעלעך און מיט זיי זיך־בייטנדיקער שטימע, וואָס איז נישט מענלעך און נישט ווייבלעך, נאָר הייזעריקלעך־פאַרקרייעט ווי ביי אַ יונג הענדעלע...

עס האָט דעריבער געמאַכט סיי אַ דערשיטערנדיקן און סיי אַ קאָמישן איינדרוק, ווען אָט דער צעוואַקסענער, באַלייבטער מאַן איז אַריינגעפאַלן אין זכריהס אָרעמס מיט אַ היסטערישן געיאָמער פון אַ פאַרבלאָנדזשעט יינגל, ווען דער טאַטע האָט ענדלעך צוריקגעפונען...

עזריאל האָט זיך אַזש געגומען בעטן ביי אים:

— לייביש!... ביסט דאָך אַ סאָלדאַט!... עס פּאַסט דאָך פאַר אַ ייִדענע און נישט פאַר קיין חייל!...

אָבער לייביש האָט עזריאלן נישט געהערט און נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך געמוזט אויסהעשען אויף דעם טאַטנס ברוסט. ער האָט געמוזט אויסהעשען אַלע זיינע עוולות און באַליידיקונגען, אַלע זיינע ווייטיקן און יסורים, די גרויליקע געפאַרן וואָס ער איז אַדורך און זיין עלנט פאַר דער גאַנצער צייט. העשענדיק האָט ער טאַקע געפילט, ווי עס ווערט אים לייכטער און לייכטער, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעוויינט און באַרויִקט.

דאָן ערשט, האָט ער זיך צעשמייכלט מיט אַ פאַרשעמט שמייכעלע פון אַ יינגל, וואָס האָט אָפּגעטון אַ גרויס נאַרישקייט...

זיין וויינען איז געווען ווי אַ האָסטיקער, געשמאַקער זומער־רעגן אויז זיין צעשמייכלען־זיך, — ווי נאָכן אויסרינען פון דער כמאַרע, וואָלט זיך די זון צעשטראַלט.

אָט דאָס פּלוצלונגדיקע צעשמייכלען זיך, נאָכן געשמאַקן געוויין, האָט אַלעמען געמאַכט לאַכן. אַלעמען און אים אַליין... אָבער אַמהילכיקסטן האָט זיך צעלאַכט רעניאַ, די קראַנקן־שוועסטער אין ווייסן כאַלאַט מיטן ווייסן טשעפּיק, וועלכע האָט לייבישן אַרויסגעפירט צו די געסט, אַהער אויף דער וועראַנדע. אויך זי, רעניאַ, האָט זיך תיכף פאַרשעמט פאַר איר צו־הילכיקן געלעכטער, וואָס האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און זי איז באַלד אַנטלאָפן. זי האָט נאָך אָבער באַוויזן צו באַמערקן, ווי לייביש דראָט איר מיט דער קוליע, אַז ער וועט זיך שוין דערפאַר מיט איר אָפּרעכענען...

בעת־מעשה האָט עזריאל אַ פּילדייטיקן וווּנק־געטון צום טאַטן, אַז דאָס איז זי טאַקע... אַז איר האָט ער עס געמיינט...

זכריה, „דער דעמבענער געבוי״, ווי פערל־ליבע פּלעגט אים רופן, איז איצט געשטאַנען אַ געבויגענער, טאַקע ווי אַן אַלטער דעמב אין וועלכן אַ דונער האָט געטראָפן: אַ צעבראָכענער פון דעם מעמד אין וועלכן ער האָט זיין זון געפונען. לייבישעס אַרויסקומען מיט דער קראַנקן־שוועסטער, פון וועלכערס אָרעמס ער האָט זיך קאַפּריזנע געריסן, כדי צו ווייזן אַז ער קען גיין אַליין, און זי האָט אים דווקא, בגוואַלד געהאַלטן... זיין אַריינהינקען מיט דער קוליע אונטער איין אָרעם און מיט זיין שטייף־פאַרגיפּסירטן פוס פאָראויס, פון ח׳עלכן עס האָבן נאַקעט אַרויסגעקוקט די וואַקסן־געלע פינ־גער מיט די שוואַרצע נעגל, — האָט אונטער זכריהן די ערד אַ וויג־געטון. פון דעם יונגנס כליפּען, האָבן זיך אין טאַטן די אינגעווייד געקראַמפּט. און אַפילו איצט, ווען נאָך דער קראַנקן־שוועסטערס אַרויסשיסן מיט איר קלינגענדיק געלעכטערל, לאַכט שוין לייביש אויך, — קען זכריה נאָך אַלץ צו־זיך נישט קומען. עס דוכט זיך אים, אַז דער שאַרפער קאַרבאָל און אַלע איבעריקע שפּיטאָל־גערוכן קומען נאָר פון דער טויטער שטייפקייט און בלענדיקער בלייכקייט פון לייבישלס פאָראויסשטאַרצנדיקן פאַרגיפּסירטן פוס מיט די אַנטבלויזטע, וואַקסן־געלע שפּיץ־פינגער מיט די שוואַרצע נעגל. זכריה האָט אַזש באַקומען אַ ציטער אין די אייגענע קני:ען און זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק.

— לייבישל... איז וואָס־זשע מאַכסטו, לייבישל?... וואָס איז מיטן פוס? עס טוט דיך ווייִ? האַ?

זכריה האָט עס גערעדט און דערביי נישט געגלויבט, אַז ער אַליין רעדט עס וואָרעם די שטימע פון זיין פאַרשטיקטער קעל, האָט זיך איב אויסגעוויזן ווי נישט זיינע, ווי גאָר עפּעס אַ פרעמדע שטימע. אַ שטימע פון אַן אָפּגעלאָזטן, פאַרטלומעטן פאַרטעפּיאַן...

— עט, בלאָטע, טאַטע!... — האָט זיך שוין איצט לייביש געמאַכט האַרץ — דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אַלץ איז בסדר... דו זעסט, אָט דאָ האָט עס מיך געטראָפן... אָט דאָ איז די קויל אַריין און דורך דאַנען איז זי אַרויס... בעת־מעשה האָב איך אַזוי נישט געפילט, נאָר ערשט שפּעטער... אָבער איצט איז שוין דער ביין צוריק איינגעוואַקסן. נאָכן אַראָפּנעמען דעם גיפּס, וועט מען נאָך דאַרפן מאַכן מאַסאַזשן. חברה זאָגט, אַז דאָס איז אויך אַ וואַזשנער טעם... מילא, כ׳וועל עס מוזן אויסהאַלטן... — לאַכט לייביש אַ צעשראָקן, ליידנפולן געלעכטערל, וואָס שניידט דעם טאַטן דאָס האַרץ און שטיקט אים אַרויס טרערן — אַ שטיקל צייט וועל איך נאָך מוזן גיין מיט אַ שטעקן און שפּעטער, זאָגט דער דאָקטער, וועל איך אפשר שוין קענען גיין אָן אַ שטעקן אויך... דערוויילי שפּרינג איך שוין און טאַנץ... זעסט: האָפּ־האָפּ!... האָפּ־האָפּ!... האָפּ־האָפּ!...

דאָסמאָל איז לייביש באמת געווען מענלעך און סאָלדאַטיש־העלדיש. וואָרעם שפּרינגענדיק האָט אים דער פוס גאַנץ לייטיש וויי־געטון. ער האָט אַזש געשטשירעט די ציינער פון ווייטיק. אָבער די יינגלשע אַמביציע האָט אים געגעבן קוראַזש צו וויזן פאַרן טאַטן זיין מוטיקייט... אָן דער קוליע האָט ער געהאָפּקעט איבער דער לענג פון דער וועראַנדע און אונטערגע־קרייעט ווי אַ הייזעריק הענדעלע:

— האָפּ־האָפּ!... האָפּ־האָפּ!... האָפּ־האָפּ!...

— נו, גענוג שוין, לייבישל... גענוג שוין... קום אַהער, זעץ זיך... — בעט זיך זכריה. — שטרענג זיך נישט אָן...

— עט, בלאָטע, טאַטע!... איך שטרענג זיך גאָרנישט אָן!...

— אַזוי... און ווי פילסטו זיך דאָ, אין אָט דער סביבה?...

— דאָ איז שוין גוט, טאַטע... דאָ איז שוין פריילעך... אַ היימישע חברה, כמעט אַלע מעפּילים און עולים־חדשים. אַ סך פון פוילן. אַפילו די מיידלעך, די קראַנקן־שוועסטער, זענען אויך אונדזערע, פוילישע מיידלעך מיט אייגענע איז גאָר עפּעס אַנדערש. אָבער דאָרט...

— דאָרט, טאַטע, אויפן שלאַכטפעלד, הערסט... — זענען לייבישעס אויגן ווידער פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. זיין גאַמבע האָט נערוועז גע־ציטערט און דאָס זיך־בייטנדיק שטימעלע האָט זיך קאַפּריזנע צעקרייט:

— פון דער שיף־אַראָפּ, גלייך אין שלאַכט! נאָך רעכט דאָס לאַנד נישט אָנגעקוקט! נישט געלערנט ווי צו האַלטן אַ ביקס, נישט געוויזן ווי מען

לייגט־אַריין אַ קויל און ווי מען שיסט, ווי מען דאַרף זיך באַהאַלטן און זיך באַשיצן, — גאָרנישט! גלייך אין פייער! אַלץ מעפּילים, אַלץ ניי־געקומענע וועגען מיר געוועז. זיי שרייען איצט, אַז נאָר די סאַברעס האָבן באַפרייט דאָס לאַנד. און די עטלעכע סאַברעס וואָס איך האָב דאָרט געזען, זענען בלויז געוועזן די מפקדים, די קצינים... קיין וואָרט ייִדיש האָבן זיי נישט געוואָלט רעדן, נאָר עבֿרית. „לך לעזאזל" און „חמורים!". אַז אַליין ווייסט מען נישט ווי מען לייגט־אַריין אַ קויל אין ביקס, און די וואָס ווייסן שוין, האָבן קיין קוילן נישט... און די אַראַבער פּולעמיאָטעווען און קאָשיען אונדז ווי היי! די בעסטע חברים מיינע זענען דאָרט געפאַלן. איך טרעף מער קיינעם נישט פון זיי! עלנטע קינדער, אָן טאַטעס און אָן מאַמעס. וועמען אינטערעסירט דאָס, וויפל עס זענען פון אונדז געפאַלן? ביי די היגע ווייסט מען, עס זענען דאָ עלטערן, וואָס באַוויינען. דעריבער זאָגן זיי, אַז נאָר זיי, די סאַברעס!... „חמורים!", „לך לעזאזל!". הערסט, טאַטע!... — האָט זיך לייביש ייִנגלש פאַרקלאָגט, אונטערשליוכצנדיק און ציִענדיק מיט די צעשפּרייטע, פיבערנדיקע נאָזלעכער.

זכריה האָט אים אַרומגענומען דריקנדיק פעסט צו זיין פאַרקלעמט פאַטערלעך האַרץ. נישט האָבנדיק קיין טרייסט־ווערטער, האָט ער אים צערטלעך געקלאַפּט אין דער פּלייצע, דורכגעקעמט מיט די פינגער זיינע צעשויבערטע האָר און געקושט אים אין לינקן אויער, וואָס האָט געפּלאַמט ווי דער קאַם פון אַ האָן.

עזריאל דערקעגן, נישט דערפאַר ווייל ער האָט, חלילה, געוואָלט רייצן לייבישן און אויך נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט אויפהייטערן די שטימונג, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט טאַקע געהאַט אַן אַנדער מיי־נונג וועגן דער יונגער ייִדישער אַרמיי און גאַנץ אַנדערע דערפאַרונגען פון צבא־הגנה־לישראל, — ער האָט איצט גענומען דערציילן גאַנץ אַנדערע פאַקטן, פאַסירונגען און קוריאָזן פון זיינע קאַמפּס־דערפאַרונגען און וועגן זיינע שלאַכט־חברים:

— אַ שלאַכט־פעלד איז נישט קיין טאַנץ־זאַל, טאַטע... אַ מפקד צע־רעמאָניעט זיך דאָ נישט מיט קיין איידעלע ווערטער... קיין שום אָפיציר, בעת אַ שלאַכט, וועט נישט זאָגן, למשל: „חשובער חבר סאָלדאַט, זייט אַזוי פריינטלעך, טוט מיר אַ טובה און שיסט, זייט מוחל, אַט אַהין, צום נישט־העפלעכן שונא"... אָדער: „חשובער זעלנער, איר האָט דאָך אַ טעות און איר שיסט נישט אין דער געהעריקער ריכטונג"... ניין! צו זעלנער רעדט מען אויף אַ זעלנערישן אופן. אין אַלע אַרמייען אַזוי. בפרט נאָך בעת אַ שלאַכט, ווען די אָפיצירן זעען, אַז די צעשראָקענע רעקרוטן מאַכן־אָן, זאָלסט מיר מוחל זיין, אין די הויזן... פאַרקערט, דווקא אַט די ברוטאַלע ווענדונגען און

באַפֿעלן שטאַרקן דעם סאָלדאַט, לאָזן אים נישט צעקראָכן ווערן און צווינגען אים, זיך צו אָריענטירן. אמת, עס ווענדט זיך אויך, ווו ווער עס פֿאַלט־אַריין... אָט איך, צום ביישפּיל, בין אַריינגעפֿאַלן צווישן אַ חברה פּאַלמאַכ־ניקעס (פּלמ״ח)... איך האָב פֿון זיי קיין זידל־ווערטער אויפֿן אַדרעס פֿון די עולים־חדשים נישט געהערט. דערקעגן בין איך אַליין אַן עדות פֿון ברי־דערלעכער געטריישאַפֿט און קרבנות־גרייטקייט פֿאַר אַנדערע. דווקא סאַב־רעס וואָס רעדן עבֿרית! נישט איינמאָל האָבן זיי די אייגענע קעפּ איינגע־שטעלט, צו ראַטעווען און אַראָפּשלעפּן פֿון שלאַכט־פֿעלד אונדזערן אַ פֿאַר־ווונדעטן!... טאַטע, דו ביסט דאָך אויך געווען אַמאָל אַ סאָלדאַט... דו דאַרפֿסט דאָך פֿאַרשטיין...

— איך פֿאַרשטיי... איך פֿאַרשטיי...

— און איצט הערט אַ שיינע געשיכטע, וואָס עס האָט אונדז געטראָפֿן מיט יצחקן...

— מיט דיין גענעראַל?

— יאָ, מיט מיין אלוף... דו ווייסט, טאַטע, וואָס עס קומט פֿאַר שלאָפֿן אין די אָקאָפּעס, אויף די ערשטע פּאָזיציעס?... שטעל זיך פֿאָר, אַז מיט אונדז האָט עס פּאַסירט... נאָך אַ דריי־טאָגיקן קאַמף און נאָך דריי נעכט נישט שלאָפֿן, ווען עס איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, האָבן זיך די אויגן גענומען קלעפּן... איינער האָט זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן אַנדערן, אַז ער וועט וועקן ווען סע וועט נויטיק זיין... דער סוף איז געווען, אַז אונדזער גאַנצע גרופּע האָט געכאַפּט אַ געשמאַקן שלאָף... קיינער האָט נישט געוועקט און עס איז זיך געשלאָפֿן, ווי אונטער דער מאַמעס פֿערענע... פֿאַרטאָג, איך עפֿן־אויף די אויגן און ווער אַ דערציטערטער: פּונקט אַנטקעגן מיר זיצט, נישט קיין אַנדערער, נאָר ער אַליין... דער אלוף יצחק! ער זיצט און וואַכט איבער אונדז, ווי אַ קוואָקע איבער הינדעלעך... קיין פֿאַרענטפֿערונג איז נישטאָ און וואָס אונדז קומט דערפֿאַר, ווייסן מיר אַלע. שטייען מיר פֿאַרשולדיקטע און שווייגן. און יצחק פֿרעגט אונדז מיט אַ שמייכל: „נו, חברה? זיך גוט אויסגעשלאָפֿן?... איר האָט דאָך שוין געקענט אַזוי איינשלאָפֿן אויף אייביק! ווייסט איר כאָטש? די אַראַבער וואָלטן אייך אויסגעשאָכטן און קיין האָן וואָלט נישט געקרייט! און הינטער אייך, וואָלטן אויך אַנדערע געליטן! ווע־מען וואָלט מען אין דעם באַשולדיקט? — מיך, איצט, זאָגט אַליין חברה, ווי באַשטראָפֿט מען אייך? טראָגט אַליין אַרויס אויף זיך אַ פּסק!״... פֿאַר־שטייט זיך, מיר אַליין האָבן אויף זיך קיין פּסק נישט אַרויסגעטראָגן, נאָר יעדער איינער האָט געשוויגן ווי יורקעס הונט... מיר האָבן זיך גוט גע־שראָקן פֿאַרן פּסק וואָס ער וועט אויף אונדז אַרויסטראָגן. אָבער ער האָט אויך נישט אַרויסגעטראָגן... ער האָט בלויז אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט:

„נו, דאָסמאָל שענק איך אייך, חברה... אָבער אויף ווייטער, געדענקט!... היט אייערע קעפּ!״. און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אונדז נאָך אי־בערגעלאָזן אַ שמעק טאַבאַק... פּאַפּיראָסן צום רויכערן... אַ באַלוינונג צום שלאָפן...

— כאַ־כאַ־כאַ...

— נו, טאַטע?... — האָט עזריאל זיגעריש פאַרענדיקט — פרעג איך דיר: אין וועלכער אַרמיי האָסטו נאָך אַזאַ גענעראַל?... ער איז דאָך אויך אַ וותיק און פון דעסטוועגן האָבן מיר אים אַלע ליב!...

לייביש האָט שוין געוווסט אָט די געשיכטע. ער האָט עס שוין געהערט פון עזריאלן עטלעכע מאָל. דערפאַר האָט אים איצט מער אינטערעסירט דער שאָקאָלאַד און די וויינטרויבן, מיט וועלכע ער האָט זיך איצט זייער אינטענסיוו באַשעפטיקט...

זכריה האָט געקוקט ווי לייביש נאַשט דעם שאָקאָלאַד און ווי גיריק ער פליקט און שלינגט די וויינטרויבן, האָט ער זיך ווידער נישט איינגע־האַלטן אַ פרעג צו טון:

— מען שיקט דיר נישט אַריין קיין פרוכטן, האַ?...

לייביש האָט פאַרשטאַנען וועמען דער טאַטע מיינט מיטן „מען״ און געענטפערט:

— יאָ, זי שיקט דווקא גאַנץ אָפט, כמעט יעדן צווייטן טאָג. שאָקאָ־לאַד און טשאַסטעס אויך. אָבער איך ריר עס נישט אָן... צוריקשיקן איז נישטאָ מיט וועמען, איז עסט עס חברה אויף. איך האָב באַפוילן, אַז זי זאָל מער נישט שיקן און זי...

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי באַפוילן?... — האָט זכריה געפרעגט, אַליין נישט־וויסנדיק פאַרוואָס ער פרעגט עס...

— ווייל שיקן, שיקט אַ שטיף־מאַמע! — האָט לייביש אַרויסגעשאָסן — און אַן אמתע מאַמע קומט אַליין! אַן אמתע מאַמע...

— לייביש!... זע בעסער, וואָס דער טאַטע האָט דיר געבראַכט... — האָט עזריאל אים ספּעציעל איבערגעריסן די רייד, באַווייזנדיק דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט און דעם בלוי־ווייס־־באַזילבערטן אַקאָרדעאָן מיט די פערלמו־טערנע קלאַווישן און קנעפּעלעך.

די מיניענדיקע קאַלירן האָבן רייצנדיק אַ שפּיל־געטון פאַר לייבישעס אויגן.

— אַ־וואַ!... — איז ער אויפגעשפּרונגען אַ באַגייסטערטער און גע־נומען קושן דעם טאַטן — קלישן זענען דאָ? וועלן מיר זיך טאַקע באַלד פאָטאָגראַפירן!...

— אוי, פֿאַרגעסן... — האָט זיך זכריה פֿאַרענטפֿערט אַ שולדיקער — איך האָב קלישן אין שטוב, אַנגעגרייט און... פֿאַרגעסן... אַ צווייט מאָל וועל איך עס מיטברענגען!...

— גוט!... יופּי!... ווייז נאָר אַהער דאָס אַקאָרדעאָנדעלע...

לייביש האָט אַ כאַפּ געטון דעם אַקאָרדעאָן, אים אָנגעטאָן, מיט ייִנגלשער אַנטציקונג און געגלעט און געצערטלט. אַ טאַפּ־געטון די באַסן־קנעפּעלעך, אַ ציִ־געטון הין־און־צוריק און אויפֿגעשפּילט די מעלאָדיע פֿון רוסישן ליד „טיאָמנאַיאַ נאָטש"...

אין די פֿענצטער האָבן זיך באַוויזן קעפּ פֿון די קראַנקע. פֿון די פּאַרקאַלעען האָבן זיך געצומען צונויפֿזאַמלען די שפּאַצירנדיקע חולאים. פֿון די קאָרידאָרן האָבן זיך אָנגעפּלאַטערט, ווי ווייסע גענדז, די קראַנקן־שוועסטער אין די ווייסע כאַלאַטן. לייביש האָט שטאָלץ און גדלותדיק געצויגן הין־און־צוריק דעם זיך־מיניענדיקן אַקאָרדעאָן, וואָס האָט אַרויסגעברומט אַזעלכע ברוסטיקע באַס־טענער, אונטערזינגענדיק מיט זיין זיך־טוישנדיק שטימעלע:

אי קטאָ יעוואָ זנאַיעט,
טשעוואָ אָן מאַרגאַיעט?...
טשעוואָ אָן מאַרגאַיעט?...
אי קטאָ יעוואָ זנאַיעט?...

פֿאַראויס די קראַנקן־שוועסטער, האָט זיך אַרויסגערוקט די בלאָנדקרויזיקע רעניאַ מיט די שוואַרצע ברעמען איבער די שטענדיק לאַכנדיקע, שקאָצישע אויגלעך. איצט האָבן אירע שעלמישע אויגלעך געבליצט פֿון איבעראַשונג. זי האָט זיך אַ צעשטראַלטע דערנענטערט צו לייבישן, וועלכער האָט אָבער איבערגעריסן דאָס שפּילן:

— דו פּיסקאַטע מויד... וואָס האָסטו געלאַכט, האַ?... — האָט ער געפֿרעגט מיט ייִנגלשער טענה — קום אַהער, דו כעלעמער גאַליציאַנערין... באַקען זיך מיט מיין טאַטן...

— זייער העפֿלעך שטעלסטו פֿאָר אַ דאַמע... — האָט רעניאַ געלאַכט, אויסשטרעקנדיק איר האַנט מיטן בלוי־אויסטאַטוירטן קאַצעט־נומער — רעניאַ הייס איך... איך קען אים שוין, אָבער, צו־גוט, אַז איך זאָל זיך באַליידיקן אויף אים... שוין לאַנג אין לאַנד?

— אָ, ניין... ווען איך וואָלט געווען לאַנג אין לאַנד, וואָלטן מיר זיך שוין דאָ לאַנג געהאַט באַקענט... — האָט זכריה געשמייכלט.

— דאָס איז אמת... אָבער לייביש איז דאָך גאָרנישט ענלעך צו אייך...

— נישט ענלעך? דווקא ער איז אינגאַנצן געראָטן אין מיר...

— ניין... איר זעט נישט אויס צו זיין קיין קאַפּריזנער בן־יחידל...

— דו פּיסקאַטע! דו כעלעמער גאַליציאַנערין! אַז איך געפֿיל דיר נישט...

— ווער זאָגט, אַז דו געפֿעלסט מיר נישט?... אָבער דיין טאַטע געפֿעלט מיר בעסער... — האָט רעניאַ געלאַכט און זיך גערייצט.

— און ווער געפֿעלט דיר נישט?... דו רעד ווינציקער און עס בעסער וויינטרויבן... — האָט איר לייביש געשטופּט אַ שטענגל וויינטרויבן צום פּאָז...

זכריה און עזריאל האָבן גוטמוטיק געלאַכט. עזריאל האָט דערביי געמוזט אַריינוואַרפֿן אויף פּויליש:

— גדזיע שיען טשוביאָן, טאַם שיען ליוביאָן...

אויף ייִדיש הייסט עס: „ווּ מען ציפּט־זיך, דאָרט מען ליבט־זיך“...

רעניאַ, אַ פֿאַרוויטלטע, האָט זיך געמאַכט נישט־הערנדיק... דערקעגן לייביש האָט אויך עזריאלן אַ וואָרף־געטון אַ שטענגל וויינטרויבן, מיט גוטמוטיקן געבייזער:

— דו... וועסט מיר שוין אויך אַ כעלעמער גאַליציאַנער!... עס וויינטרויבן און חכמה זיך נישט!... מירן שוין אַדורכקומען צווישן זיך....

— יאָ... — האָט עזריאל געשפּאַסט — איך דאַרף זיך צווישן אייך נישט אַריינלייגן...

— עס וויינטרויבן, זאָג איך דיר!...

— איך עס... איך עס...

אָט דער יוגנטלעך־שטיפֿערישער דורכוואָרטלען־זיך האָט זכריהן גרינג געמאַכט דאָס געמיט. מיט לייבישן איז דאָך עס גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט... ער וועט נאָך גיין אויפֿן פּוס און זיין אַ מענטש מיט מענטשן־גלייך... די רעניאַ איז דווקא אַ וווּיל מיידל. זייער אַ ווווילע, אַן אַרבעטזאַמע און נישט קיין נאַר... יאָ, זי געפֿעלט אים: עס וואָלט דווקא געווען אַ שיינע פּאָר... און עזריאל האָט דאָך שוין אויך מן־הסתם עמיצן, נאָר ער רעדט נישט... נו, גאָט צו דאַנקען: אָט זיצט ער שוין ווידער צוזאַמען מיט ביידע זין... ער וועט נאָך פֿון זיי, מיט גאָטס הילף, האָבן נחת!... און שוין איצט ווער איז צו אים גלייך? — זיין גאַנצע משפּחה איז דאָך אין ארץ־ישראל... די גאַנצע!... עס איז דאָך טאַקע אַן אויסטערלישער פֿאַל אין די היינטיקע צייטן, אַן אויסערגעוויינלעכער מזל! אייך משפּחה פֿון טויזנטער וואָס האָט זיך געראַטעוועט און איבערגעלעבט דעם גאַנצן גיהנום! גאָט און לייט זענען דאָך אים מקנא... ער דאַרף זיך דאָך גליקלעך שעצן: די גאַנצע משפּחה!... די גאַנצע? — שלינגט ער פּלוצלונג אַרונטער אַ ביטערקייט, ווי אַ טאַבלעטקע כינע — אָך־און־וויי צו דער גאַנצקייט! מילא, נו... און צוריק גערעדט: ווען פּערל־ליבע וואָלט זיך נישט געראַטעוועט, וואָלט דען געווען בעסער? אַז וואָס אייגנטלעך האָט ער צו

איר? מען קען עפּעס צווינגען אַ מענטשן צו... און פאַר דער מלחמה זענען דען נישט געשען אַזעלכע זאַכן? אַז עס איז באַשערט אַזוי, איז פאַרפאַלן! שלום־מאַכן מיטן געדאַנק און פּטור, אַראָפּ פון מאַרק! ער וואָלט, אָבער, נאָר געוואָלט וויסן איין זאַך: פאַרוואָס? ניין, ער האָט צו איר גאָרנישט. זאָל זי לעבן ווו און ווי זי וויל. אָבער... — — —

ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, טיף אַריינגעצויגן אין די לונגען אַריין און צוריק אַרויסגעלאָזן צוויי האַסטיקע שטראָמען רויך דורך ביידע נאָזלעכער.

ער האָט איצט אויפסניי באַשלאָסן, צו נעמען זיך אין די הענט אַריין, ער מוז זיך איצט אויפבויען דאָס לעבן פון פונדאַמענט־אָן. ענערגיע צו פּראַצעווען האָט ער נאָך אַלץ פאַר צען! און דער עיקר: ער האָט צו וואָס און ער האָט פאַר וועמען. אַ פּאַלאַץ איז דאָ און אַ מאָדערנע דרוקעריי גייט אין וועג... נישקשה, די פירמע קאַרלסבאַך וועט ווידער זיין א פירמע!... פּערל־ליבע וועט נאָך איינזען, וועמען און וואָס זי האָט פאַרלוירן... אויף וועמען זי האָט אים... מילא, נו. מיט די קינדער איז זי זיך אויך מיאוס באַגאַנגען. זייער מיאוס! זיי וועלן עס איר קיינמאָל נישט... — — —

— טאַטע, עס איז שוין צייט צו גיין... — האָט אים עזריאל אַ ריר־געטוןביים אָרעם.

— האַ? וואָס? — האָט זיך זכריה ווי איבערגעוועקט — אָט באַלד... איז, ווי לאַנג, לייבישל, מער־וויניקער, וועסטו נאָך דאַרפן דאָ זיין?... כ'מיין וועגן, מער־וויניקער, וועסטו זיך שוין קענען אויסשרייבן און אַהיים קומען?

— שוין נישט לאַנג, טאַטע... ביז איצט האָט זיך מיר געוואָלט דאָ ליגן וואָס לענגער... וווהין האָב איך זיך דען געהאַט צו איילן?... אָבער איצט, אַז דו ביסט שוין דאָ... איך וואָלט שוין, די מינוט...

— מיטן גיפּס?... מען וועט דאָך נאָך מוזן מאַכן רענטגען און מאַסאַזשן, זאָגסטו דאָך...

— יאָ, איך מיין, אַז נאָך אַ וואָך־צוויי — האָט לייביש אומעטיק געזאָגט.

— און איך מיין ,אַז אַ מאָנאַט, צוויי... — האָט רעניאַ סודותדיק צו־געגעבן.

— דיך פרעגט מען נישט, פּיסקאַטע! — האָט זיך לייביש אַ קאַפּריז־נעם בייזער־געטון — וועסט מיך וועלן זען, וועסטו קומען צו מיר... אויב נישט, דאַרף מען נישט...

— אָבער דער דאָקטער האָט דאָך אויך וואָס צו זאָגן... — האָט זי געשמייכלט.

— איך לאָך פון דיין דאָקטער מיט אַלע זיינע קראַנקן־שוועסטער... אַז איך וועל דאָ נישט וועלן זיין, וועל איך נישט זיין!

— און אַז מען וועט דיך נישט אויסשרייבן?... — האָט זיך רעניאַ גערייצט.

— וועל איך שפּרינגען דורכן פענצטער, איבערן פּלויט!... כעלעמער גאַליציאַנערין!...

— נו, רעג דיך נישט אויף, לייבישל... — האָט אים דער פאָטער באַרויקט — וועסט מערצעשעם אויסגעשריבן־ווערן. און אַז איך בין שוין דאָ, מעגסטו שוין אומעטום זיין רויק... דעם דאָקטער פאָלגן דאַרף מען... ער איז איצט נישטאָ, אָבער איך וועל מאָרגן־איבערמאָרגן זיך זען מיט אים און רעדן... ווי גיך ער וועט קענען, וועט ער דיך אויסשרייבן און איך וועל דיך אַהיים נעמען. אַ היימעלע האָבן מיר... לוקסוס!... — האָט זיך זכריה אויפגעשטעלט.

— איך ווייס, טאַטע, עזריאל האָט מיר שוין דערציילט... — איז ווען־זשע וועסטו ווידער קומען, טאַטע?

— ווען מען וועט נאָר אַריינלאָזן... כ'וועל קיין איין מאָל נישט פאַר־פעלן... ביז איך וועל דיר אַהיים נעמען און מאַכן אַ שמחה!...

זכריה האָט אַרומגענומען לייבישן. ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט זיין פאַרגיפסירטן פוס, די וואַקסן־געלע פינגער מיט די שוואַרצע נעגל, און אים געקושט אין שטערן.

— זיי געזונט, לייבישל... און מאַנעשעם, נעם זיך גאָרנישט צום האַרצן, הערסט?... רעניאַ איז אַ טייער מיידל. זי וועט זיכער אַכטונג געבן אויף דיר און זען, אַז עס זאָל דיר נישט זיין אומעטיק...

— עס איז דאָ נישט אומעטיק, אדון קאַרלסבאַך... ער...

— שוין, זי גייט שוין ווידער עפּעס זאָגן!... — האָט איר לייביש איבערגעריסן — עס אַ ווייַנטרויב, זאָגט מען דיר!... און דו, טאַטע, גיי געזונטערהייט און ווייז־זיך... עזריאל, אַ דאַנק... קום ווען דו קענסט...

— וואָס דען, איך קום נישט? וויפל ברידער האָב איך דאָ?...

— איז פאָרט געזונטערהייט...

זכריה און עזריאל האָבן זיך געזעגנט מיט רעניען, ווידער אַ דריק־געטון לייבישעס האַנט און זיך געלאָזן מיט דער הויפּט־אַלעע צום טויער, וווּ זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם דזשיפּ.

— עזריאל... איידער דו פירסט מיך ווידער אַוועק אין דיין פאַרכי־שופטן פּאַלאַץ, אין דעם אומבאַוווינטן דזשעבעליאַ, וואָלט איך געוואָלט כאָטש כאַפּן אַ קוק אויף תל־אביב... כאָטש אַ בליק טון אויף אונדזער הויפּט־שטאָט...

— די הויפּטשטאָט, טאַטע, איז אָפיציעל ירושלים... ווּעסט דאָרטן אויך מעגן זיין, כאָטש די אַלטשטאָט איז נישט ביי אונדז און צום כותל־מערבי איז נישט צוצוקומען... מען דאַרף אָבער זען ירושלים און די בערג אַרום ירושלים...

— אמת טאַקע, אָבער ירושלים פאָרן מיר איצט נישט אַדורך און תל־אביב יאָ...

— גוט, טאַטע. כאָטש קיין סך צייט האָב איך שוין נישט... איך וויל נאָך עפּעס אַראַנזשירן אין שטוב אויך. און צושטעלן־זיך צו מיין קצין מוז איך פּינקטלעך. עס איז פאָרט צבא, מיליטער... מיר וועלן אויף שנעל אַ פאָר־טון דורך די הויפּט־גאַסן און דו וועסט קוקן...

זכריה איז איצט געווען גוט געשטימט. ער ווייסט אַליין נישט געבוי, וואָס אַזוינס עס האָט זיין געמיט אַזוי גרינג געמאַכט. וואָרעם סוף־כל־סוף איז דאָך מיט לייבישלס פוס נאָך ווייט נישט אין אָרדענונג. עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי ער וועט קענען גיין אָן אַ שטעקן. אַזאַ ליכטיקער יונג און... עזריאל שמעקט דאָך אויך פּולווער. ער מאַכט זיך האַרץ, אָבער ער איז דאָך פאָרט אין געפאַר! דער אויבערשטער זאָל אים נאָר באַשיצן און באַשירעמען! און אַליין לעבט ער אויך ווי אַן עלנטער הונט, אַ פאַרטריי־בענער... אָן אַ פריינט, אָן אַ... אַליין מאַכט ער זיך זיינע בהורשע מאָלצייטן און ווערגט זיך מיט דעם אין זיין איינזאַמקייט. נאָך ערגער איז אין די נעכט, ווען ער ליגט אַ שלאָפלאָזער און פאַסקודנע געדאַנקען קריכן אים אין קאָפּ אַריין. און דאָך איז ער איצט אַרויס פון שפּיטאָל־פאַרק מיט אַ גרינג געמיט. דער זוניקער דרויסן און דער געטשוויטשער פון אַ מחנה פייגעלעך האָבן אים אויפגעהײטערט. ער האָט איצט געהאַט דאָס געפיל, ווי אַלדאָס בייז האָט ער שוין הינטער זיך און איצט, דערוואַרט אים שוין בלויז דאָס גוטע...

ער האָט געקוקט אויף די זוניקע גאַסן, אויף די ליכטיקע, ווייסע הייזער מיט די באַגרינטע און באַבלימלטע באַלקאָנען און טעראַסן. זכריה האָט נאָך אַזאַ ווייסע, אַזאַ יונגע, אַזאַ ליכטיק־העלע שטאָט נישט געזען. איבער די באַלקאָנען זענען פאַרצויגן מאַרקיזן־דעכעלעך מיט פאַרשיידנקאָ־ליריקע שטרייפן. אָט די קאָלירטע מאַרקיזן, די וואַזאָנען בלומען און גרינסן גיבן צו פיל חן די נייע, ווייסע הייזער אויף די שלאַנקע עמודים (זיילן). די הייזער זעען אויס אין זכריהס אויגן ווי ליכטיק־צעשמייכלטע כלות אין ווייסע חופּה־קליידער... זיי שטייען אויף די שלאַנקע עמודים, ווי אויף יונגע, אומרויִקע פיסלעך וואָס ווילן כאַפּן אַ מצווה־טענצל...

עזריאל האָט געטריבן די מאַשין לענגאויס דער אַלענבי־גאַס, ביז צום ים־ברעג. פון דאָרט איז ער אַריין אין בן־יהודה־גאַס און זיך אַראָפּגעלאָזן

ביזן נמל (האַפּן) אין וויַיטן צפון. צוריק איז ער שוין געפאָרן מיט דער דיזענגאָף־גאַס, אַרומגעקרייזט דעם דיזענגאָף־פּלאַץ, פאַרבײַגעפאָרן דעם גרויסן בנין פון דעם טעאַטער „הבימה" און מיט די ראָטשילד־אַלעען גע־שניטן צו הרצל־גאַס, צום וועג תל־אביב—יפו.

זכריה האָט געלייענט די העברעיִשע שילדן, וואָס האָבן אים נאָכאַמאָל באַשטעטיקט אַז ער איז טאַקע אין ארץ־ישראל... כאָטש דער אויסזען פון דער שטאָט האָט אים איבעראַשט. עס איז געווען איבער אַלע זײַנע דערוואַר־טונגען: פאַרגעשטעלט האָט ער זיך, אַז די תל־אביבער גאַסן דאַרפן אויסזען ווי סמאָטשע, מילע, גענשע און פּאַוויע... אַז די הויפּט־גאַס דאַרף העכסטנס אויסזען, ווי די נאַלעווקעס... עס דאַרפן זײַן טיפע, שמוציקע רינשטאָקן, אָנגעשטעלטע סטראַגאַנעס און אַ געפּילדער פון חסדלעך*) און מאַרק־זיצע־רינס... און דאָ — אַזאַ חן און אַזאַ עלעגאַנץ!... ער איז שטאָלץ זכריה, וואָס זײַן יידישע הויפּטשטאָט איז אַזאַ יונגע און עלעגאַנטע, מיט אַזוי פיל גרינס און מיט אַזוי פיל בלומען... אַז ווי קומט עס גאָר צו אונדזערע שטעטלדיקע תכלית־יידן און צו די פאַרהאַוועטע און פאַרשמייעטע נאַלעווקי־יידן, זיי זאָלן האָבן אַזאַ חוש פאַר גרינסן און בלומען?... און בלומען און גרינסן, צוזאַמען מיט טייבעלעך, פלעגט ער דאָך בלויז דרוקן אויף די לשנה־טובה־קאַרטן און חתונה־איינלאַדונגען... אויסער דעם, האָבן יידן נאָר געוווּסט פון סכך פאַר די סוכות, פון הושענות, לולבים און אתרוגים. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע גרינס פאַר יידן... אין גאַנצן וואַרשעווער יידישן קוואַרטאַל האָט מען געזען אַ ביסל גרינס בלויז אויף צוויי ערטער: אין קראַשינסקיס גאָרטן און אויפן גענשער בית־עולם... כ'לעבן, פאַליאַקן מעגן אַהערקומען אַ קוק־טון... נישטאָ וואָס צו שעמען זיך פאַר די גויים!... זיי מיינען דאָך אַוודאי אַז די שענסטע בלומען בײַ יידן זענען ציבעלעס... איז זאָלן זיי טאַקע קומען, זען און שמעקן... זיי מיינען דאָך, אַז יידן קענען נאָר האַנדלען־וואַנדלען, שווינד־לען און אָפּנאַרן, אָבער אַרבעטן — נישט... ווי האָבן זיי געזונגען: „זשיד מאַשעניק, וואָר אי פלוט"... און דאָס אַלץ האָבן געבויט און געשאַפן יידישע הענט!... אַזעלכע מאָדערנע הייזער מיט טעראַסן, ווילעס ווי אין עלעגאַנטע קור־ערטער... און די קאַפעען, — ממש ווי אין פּאַריז... טישלעך און שטולן אויף די טראָטואַרן... ממש אויף די טראָטואַרן זיצט מען!... אונטער קאָ־לירטע מאַרקיזן און פּאַראַסאָלן... מיט אַ געמיטלעכקייט, ווי טאַקע בײַם טאַטן אין וויַינגאָרטן, ווי בײַ זיך אין דער היים... ווער וועט דאָ איצט זאָגן: „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני!"?... וועלכע קאַפּע וועט דאָס אויפהענגען אַ שילדל: „דליאַ זשידוו אי פּסוו וסטעמפּ וזבראָניאָני"? (פאַר יידן און הינט

*) חסדלעך — אַ וואַרשעווער לאָקאַלער טערמין פאַר די גאַסן־הענדלער, וועלכע פלעגן זייערע סחורות אַרומפירן אויף האַנט־וועגעלעך.

איינגאַנג פֿאַרבאָטן). ייִדן האָבן געבויט די שטאָט, די הייזער, די גאַסן, געפּלאַסטערט כבישים, פֿאַרצויגן עלעקטרי, פֿאַרפּלאַנצט אַלעען — אַלץ ייִדן! נישט שוין־זשע טאַקע ייִדן? דאָס פֿאָלק פֿון האַנדל־וואַנדל? די חלוצים זיצן דאָך אין קיבוץ. זיי האָבן דאָך דאָרט עפּעס אַנדערש געשאַפֿן. אויך נישט קיין ייִדישע זאַכן... פּויערישע...

— עזריאל... און קיין גויים זענען דאָ טאַקע נישטאָ?...

— אַפֿילו אויף קיין רפֿואה, טאַטע...

— איז מיט וועמען־זשע האַנדלען ייִדן?... פֿון וועמען האָט מען פּרנסה?...

— ווייס איך טאַקע נישט... מען לעבט דערווייל מיט נסים... אָבער מען באַגייט־זיך יאַקאָש אָן דעם „זשיד פּאַרכאַטי, פּשיאַ־קרעוו"... און קיין עליה פֿון גויים, אַז ייִדישע קרעמער זאָלן האָבן מיט וועמען צו האַנדלען, טראַכט מען דערווייל נישט צו מאַכן...

— נייַן?... המ...

זיי זענען דורכגעפֿאָרן דעם פּאַטרול ביי דער יפֿוער ראַגאַטקע און ווידער אַריינגערוישט אין דער טויב־שטומער פּוסטקייט פֿון דער פֿאַרלאָזענער שטאָט. הייסע ווינטן האָבן דאָ נאָך הייסער און שטויביקער געפּלאַטערט, ווי זיי וואָלטן אויפֿגעפּיבערט די אַנגסט פֿון אויסגעליידיקטער הויל־קייט, אין וועלכער עס לויערן פֿאַרטייעטע שאָטנס.

און כאָטש זכריהן האָט געלאָקט זיין פּריצישער פּאַלאַץ ביים ברעג פֿון ים, די נחלה פֿון וועלכער ער האָט אַפֿילו נישט געחלומט, איז אים דאָ ווידער באַפֿאַלן די מרה־שחורהדיקע אומהיימלעכקייט פֿון אַ ראָבינזאָן־קרוזאָ אויפֿן אומבאַוווינטן אינדזל. ער וואָלט שוין איצט גערן פֿאַרטוישט זיין פּאַלאַץ ביים ברעג פֿון ים, אויף אַ באַקוועמער דירה מיט אַ טעראַסע אין איינער פֿון די הייזער אין תּל־אָבֿיבֿ... סוף־כּל־סוף איז ער דאָך אַ שטאָט־מענטש, שטענדיק געלעבט אין וואַרשע און קיינמאָל נישט געווען קיין פּריץ פֿון קיין פּאַלאַץ, ערגעץ אין אַ דאָרף... אלא דער ווייַנגאָרטן, די בלומען, דער ים?... — נישקשה, תּל־אָבֿיבֿ פֿאַרמאָגט אויך געגנוג גרינס און בלומען און ים. אַ לעבעדיקע שטאָט! אַ צענטער! און דער עיקר — צווישן ייִדן און נישט צווישן אַראַבישע קעץ, שאַקאַלן און פֿאַרדעכטיקע שאָטנס.

עזריאל האָט פֿאַרהאַלטן דעם דזשיפּ פֿאַרן טויער און פֿאַרענדיק זיך מיט די שליסלען, אַ זאָג־געטון:

— טאַטע, דו ביזט דאָך עפּעס אַ מייסטער אויף שנעלע, בחורשע מי־טאָגן... — האָט ער געלאַכט און מיט זיין געלעכטער פֿאַרטריבן זכריהס מרה־שחורה, וואָס איז אים באַפֿאַלן ביים אַריבערטרעטן די שוועל פֿון דעם ליידיקן פּאַלאַץ.

— נו?...

— איז וואָרעם־אָן, אויב עס איז דיר נישט שווער, אַ פּושקע פליישׂ. אַ פּושקע געמיזע און אַ גלעזעלע טיי... זיי מוחל, טאַטע, איך וואָלט דאָס אַליין געטון, נאָר איך וויל פאַר דער צייט, מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אין די צימערן... אויסשטעלן ווי געהעריק דאָס ביסל מעבל...

— נו־נו... יאָ, און אגב... נאָכוואָס האָסטו דאָס אָנגעשלעפּט אַזוי פיל מעבל, האָ? נאָכוואָס דאַרפסטו אַזוי פיל טישן מיט אַזוי פיל שפּיגלען, עזריאל?...

— עס וועט צונויף קומען, טאַטע... פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר לייבישן... אַז איך וועל נישט שלאָפן, וועלן דאָך דאָס אַנדערע צעשלאָפן... צעשלעפּט וועט עס ווערן סיי־ווי־סיי... איז פאַרוואָס טאַקע זאָל איך נישט צוגרייטן אַ היים פאַר דיר? פאַר מיר? פאַר לייבישן מיט רעניען?

— מיט רעניען?... וואָס, דו מיינסט, אַז עס האַלט שוין טאַקע ביי זיי אַזוי ווייט?...

— אַזוי נאָענט, מיינסטו... דאַכט זיך אַזוי... אַלץ איינס, ווען איך האָב צייט, וואָלט איך נאָך געשלעפּט און געשלעפּט!... לעולם תקח... אַז מען כאַפּט ניט, האָט מען נישט... פאַר געוויסן, קריגט מען היינט נישט קיין ביסן...

— יאָ־יאָ... נאָר מיר באַקומט עס נישט... גאָט זאָל מיר נישט שטראָפן פאַר די רייד: עס מאַכט אויף מיר דעם זעלבן איינדרוק ווי דאָרט, ווען מען האָט געשלעפּט אונדזערס... אונדזער האָב־און־גוטס... פרעמדס וואָרעמט נישט און ברענגט נישט קיין מזל־ברכה, עזריאל! נאָר — אייגענע פּראַצע קען געשמאַק און גליקלעך מאַכן אַ לעבן!...

— מיר האָבן דאָך שוין גערעדט וועגן דעם, טאַטע... די אַראַבער האָבן מער אָנגערויבט אונדזערס, ווי זיי האָבן זייערס איבערגעלאָזט! גע־רויבט דאָ אין לאַנד און באַרויבט די ייִדן אין זייערע לענדער. נעם, צום ביישפּיל, די אַלטע שטאָט ירושלים. ווייסטו וואָס פאַר אַ פאַרמעגנס ייִדן האָבן דאָרט איבערגעלאָזט? און צענדליקער אַנדערע ישובים און קיבוצים וואָס ליגן היינט אין זייערע הענט?! דו ווילסט זיך זיין סענטימענטאַל, טאַטע? איז געזונטערהייט... אָבער קיין מאָראַל פּרעדיק מיר נישט, ווייל מיין געוויסן, זאָג איך דיר, איז ריין. געוויסן זוכט ער אין דער היינטיקער וועלט... האָסט פאַרגעסן אין וואָס פאַר אַ וועלט דו לעבסט? ווו איז געווען דער וועלטס געוויסן, ווען מען האָט געהאַלטן אין שעכטן זעקס מיליאָן ייִדן? ער איז געשלאָפן!... דו אַליין ביסט דאָך אַן אויסגעוואָרצלטער, אַ באַרויב־טער, אַ פאַרטריבענער. ווו איז דיין היים? דיין שטוב? דיין דרוקעריי? דיין האָב־און־גוטס? נו, פאָדער גערעכטיקייט פון דער וועלט, פאָדער געוויסן... זאָל מען דיר עס אַלץ צוריקגעבן, וועסטו זיין אַן איינגעפונדעוועטער מענטש

פון אייגענער, ערלעכער פּראַצע וואָס מאַכט געשמאַק און גליקלעך דאָס לעבן... און דאַן וועסטו אויך קענען האָבן אַ טענה צו דיין אייגענעם געוויסן!..

— לאָגיש רעדסטו, כ׳וועל נישט לייקענען... — איז זכריה אַ באַזיג־טער אַריין אין קיך צוגרייטן דאָס מיטאָג.

עזריאל האָט געררוקט די שענק און בופעטן, די טישן, קאַנאַפּעס און פאָטעלן. ער האָט דאָס מעבל צעשטעלט אין אַלע צימערן, ווי זיין פאַנטאַזיע האָט אים דיקטירט. דערווייל איז דאָ נישטאָ קיין פרוי, האָט ער געטראַכט, מיט איר פאַנטאַזיע, מיט אירע איינאַפּלן, מיט איר געשמאַק און מיט אירע קאַפּריזן, וועט עס זיין גוט אַזוי... ער האָט אויך צעשטעלט די בלומען־טישלעך מיט די וואַזאָנען און באַשלאָסן, אַז עס איז ערשטקלאַסיק און שע־נער קען גאָר נישט זיין...

דאַן האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ רויטן בליישטיפט פון זיין מיליטע־רישער טאַש און אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות צוויי צעטלען:

„נישט עפענען! נישט אַריינגיין!
דאָס הויז איז באַשטימט פאַר קריגס־אינוואַלידן,
לויטן באַפעל פון קצין איקס״

דעם נאָמען פון קצין און זיין אונטערשריפט האָט עזריאל אויסגע־דריידלט אַזוי, אַז ער אַליין האָט עס נישט געקאָנט איבערלייענען... עס איז אָבער געווען אַן אונטערשריפט פון אַ מיניסטער, וואָס האָט געקענט אַרויס־רופן דרך־ארץ... די צעטלען האָט ער אויפגעקלעפּט איינס פאַרן טויער און דאָס צווייטע — אויף דער פראָנט־טיר.

פאַרן טאָטן האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן צעטל, וואָס ער האָט זיך פאַרזאָרגט טאָקע מיט דער אמתער אונטערשריפט און סטעמפּל פון זיין קצין. דעם צעטל האָט ער איבערגעגעבן דעם טאָטן, צום ווייזן נאָר אָפּי־ציעלע פּערזאָנען, וועלכע וועלן עווענטועל קומען קאָנטראָלירן ווער עס וווינט דאָ און מיט וועלכע רעכט ער האָט זיך דאָ באַזעצט.

ער האָט אים אויך געגעבן אַ באַסטעמפּלט צעטעלע, אַ דורכלאָז־שיין פאַר די פּאַטרולן ביי די ראָגאַטקעס פון יפו און דזשעבעליא.

— מיט דעם, טאַטע, ביסטו דאָ מער נישט אַרעסטירט... מיט דעם קאָנסטו פאָרן קיין תל־אביב און צוריק ווען און ווי פיל מאָל דיין האַרץ גלוסט...

— און מיט וואָס פאָרט מען?... קיין אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע איז דאָך דאָ נאָך נישטאָ.

— מיט טרעמפּן, טאַטע... דו גייסט דאָ צו ביזן הויפּט־כביש און דו וואַרטסט... דאָרט פאָרן כסדר אַדורך מיליטערישע אויטאָס פון בת־ים

קיין תל־אביב און צוריק. וועסט אויפהויבן די האַנט אַט־אַזוי־אַ... וועלן זיי זיך אָפּשטעלן און דיך אויפנעמען...

— אַט־אַזוי־אַ, פּשוט?... מיליטערישע אויטאָס? און אומזיסט?...

— יאָ, טאַטע... וועסט נאָר באַווייזן אַט דאָס צעטעלע, אויב מען וועט דיר פרעגן...

טאַטע און זון האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. עזריאל האָט זיך שוין געאײַלט. מיט אַ שטענגל ווייַנטרויבן איז ער אַרויס אויפן הויף און זכריה האָט אים באַגלייט.

עזריאל האָט באַטראַכט דעם גאָרטן און געזאָגט:

— מילא, זאָלן דאָ דערוויַיל וואַקסן בלומען... ווען איך וועל צוריק קומען און האָבן צייַט, וועל איך דאָ פּאַרזייען פּראַקטישערע זאַכן... אַ רעטעכל, אַ פּאָמידאָר, אַ מייערל און אַ ציבעלע שמעקן אויך... עס איז שיין פאַרן אויג און עס מאַכט זאַט... בלומען וועלן מיר לאָזן וואַקסן בלויז פאָרנט, אַט דאָ, ביים אַרייַנגאַנג... און די אַלטאַנע דאָרטן איז אַ ווונדערבאַרע זאַך... דאָמאַנטיש ביז גאָר!... לייביש וועט זיך דאָ גוט דערהאַלן און רעניאַ וועט אים נישט לאָזן זיך־לאַנגווייליקן...

— וואָס רעדסטו מיר עפּעס נאָר וועגן לייבישן מיט רעניען?... און וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר, עזריאל?... דו ביסט דאָך עלטער!...

— ביי מיר, טאַטע... מ׳עט נאָך רעדן וועגן דעם... נאָך דער מלחמה, ווען איך וועל פריי ווערן פון מיליטער... — האָט זיך עזריאל אַרייַנגעזעצט אין דזשיפּ, האַלטנדיק מיט איין האַנט דאָס שטענגל ווייַנטרויבן איבערן מויל און מיט דער צווייטער — געלאָזן דעם מאָטאָר... — זיי געזונט, טאַטע!...

דער דזשיפּ האָט אַוועקגערוישט איבערלאָזנדיק אַ וואָלקן שטויב געמישט מיט גאַז־געשטאַנק און זכריה קאָרלסבאַך איז ווידער געבליבן אַליין.

## קאַפּיטל פיר

# עס האָט זיך אָנגעהויבן...

צומאָרגנס איז זכריה קאַרלסבאַך אויפגעשטאַנען זייער פרי. ער האָט זיך קוים דערוואַרט עס זאָל אָנהייבן טאָגן. און ווייל ער האָט זיך די נאַכט געשליידערט אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, מער ווי ער איז געשלאָפן, האָט ער זיך קודם־כל געמאַכט אַ קאַלטן דוש, וואָס האָט אים אַפּגעפרישט דאָס לייב און אויפגעמונטערט דאָס געמיט. ער האָט זיך דאָסמאָל דריי מאָל ראַזירט און טאַקע גלאַטיקער אויסראַזירט די פולע באַקן. אונטערגעשוירן די צעוואַקסענע באַראָן־הירש־וואָנצעס, זיך באַגאָסן מיט פראַנצויזישן קעלניש־וואַסער און, כאָטש זיין געדיכטע טשופּרינע איז שוין היפּש באַזילבערט, האָט ער זי, ווי אַמאָליקע יאָרן פאַרן פאַרקעמען, באַשמירט מיט בריליאַנטין צום גלאַנצן...

דאָסמאָל האָט ער אויך אַרויסגענומען צום באַנייען זיין שענסטן אַנצוג פון דעם טייערן ענגלישן שטאָף, וואָס ער האָט זיך געלאָזן אויפּ־נייען אין מינכען, פאַרן עולה־זיין קיין ישראל און האָט אים נאָך ביז היינט נישט אָנגעטאָן. דאָס איז געווען אַ העל־גרויער שטאָף אַדורכגע־וועבט מיט רויטע פעדעמלעך און דעריבער האָט טאַקע צו דעם געפּאַסט דער העל־רויטער קראַוואַט מיט די זילבעריקע פּינטעלעך. דעם קראַוואַט האָט ער פאַרפלאָכטן מיט אַ דרייפאַכן קנופּ און האָט זיך זייער באַמיט, אַז אָט דער דיקער קנופּ זאָל טאַקע זיצן אין סאַמע מיטן פון גלאַנציק־ווייסן קאָלנער...

נאָך אָט די אַלע זאָרגפעלטיקייטן האָט ער זיך אָבער־און־ווידער געשטעלט פאַרן שפּיגל און אָבער־און־ווידער פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי גוט, אַזוי עלעגאַנט און אינ־טערעסאַנט, ווי היינט...

ער האָט געשמייכלט צו זיך און געשמייכלט אין שפּיגל אַריין מיט דער אויפגעלייגטקייט פון אַ דערפּאָלגרייכן מאַן, װעלכער שטייט אין גוטע שדוכים און גרייט זיך איצט צו גיין אויף אַ „זעאונג״...

יאָ, אַזאַ געפיל האָט איצט זכריה קאַרלסבאַך געהאַט, כאָטש דאָ האָט זיך װייט נישט געהאַנדלט װעגן קיין שידוך.

דעם באַשלוס האָט ער געפאַסט נאָך נעכטן ביינאַכט, אַרומטראַכטנ־דיק דעם ענין פון אַלע זייטן. און װי תמיד װען ער פאַסט אַ װיכטיקן באַשלוס, איז ער אויפגעשטאַנען פרי, כדי אַ נעם צו־טון זיך ענערגיש און דעם פּלאַן צו רעאַליזירן.

זכריה קאַרלסבאַך האָט שטענדיק פיינט געהאַט אָפּצולייגן באַשלאָ־סענע זאַכן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן, עס זאָל זיך פאַרשלעפּן און אָפּ־קילן. אַלץ װערט געטון ביי אים נאָר אויף דער הייסער מינוט, ענערגיש און אימפּעטיק. און נאָר אין אַזעלכע פאַלן איז ער תמיד מצליח. האָט ער נאָך ביינאַכט באַשלאָסן, װעט ער שוין איצט אַ פאָר־טון קיין תל־אביב אין ראַבינאַט־אַריין, „אַזוי און אַזוי, איך פאָדער אַ גט״, זאָל מען זי תיכף אַרויסרופן און אָפּפּטרן! דאַרף עס קאָסטן, װעט ער זיך לאָזן קאָסטן, אַבי נישט צו פאַרשלעפּן עס איז דער לאַנגער באַנק. די זאַך איז דאָך קלאָר און דייטלעך: אַן אשת־איש...

עס האָט אויפגעזידט דער טשייניק. און כאָטש עס איז נאָך געװען צו־פרי צו פאָרן אין ראַבינאַט און ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן רו:ק און געמיטלעך אָפּצועסן פרישטיק, האָט ער דאָך בלויז געטרונקען טיי. קיין עסן איז אים נישט געקראָכן אין האַלדז־אַריין. נישט חלילה צוליב עגמת־נפש. ער האָט עס איצט נישט געהאַט. נאָר תמיד אַזוי, װען ער האָט עפּעס װיכטיקס און דרינגענדס צו דערליידיקן, קריכט אים נישט קיין עסן אין האַלדז אַריין. אַ גאַנצן טאָג קען ער אַזוי אַרומהאַװען און נישט פילן קיין הונגער, ביז ער האָט זיינס דורכגעפירט .אָבער די שטאַרק־פאַרבריטע גלאָז טיי האָט אים איצט באַזונדערס געשמעקט. עס איז געװען אַראָמאַטיש און הייס, װי ער האָט ליב און ער האָט עס געטרונקען מיט האַרטן צוקער צוגעביסן, אויפן רוסישן שטייגער.

ער האָט געזופּט די טיי מיט אַ טאָפּלטער הנאה: סיי פון דעם גוטן אַראָמאַט און סיי פון דעם געדאַנק, אַז באַלד װעט מען זי אַרויסרופן, פּערל־ליבען, און זי װעט אים אָנקוקן... רויט און בלאַס װעט זי װערן... נישט װיסן װוּ די אויגן אַהינצוטון... װעט אפשר װיינען, רעדן װעגן חרטה און בעטן מחילה...

יאָ, מוחל־זיין װעט ער איר. אַפילו װינטשן אַלדאָס גוטס. װאָס האָט ער דען צו איר? אָבער אויף איר חרטה װעט ער ענטפערן: „צו שפּעט״...

ער האָט אָנגעטאָן דעם הוט און פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט. און כאָטש עס איז נאָך אַלץ געווען צו־פֿרי, איז ער אַרויס פֿון שטוב, פֿאַרשלאָסן טיר און טויער, נאָכאַמאָל אַ קוק־געטון אויפֿן צעטל וואָס עזריאל האָט אויפֿ־געהאָנגען פֿאַרן אַריינגאַנג און זיך געלאָזן צום הויפּט־כביש, אָפּצוּוואַרטן אַ טרעמפּ קיין תל־אביב.

אין זוניקן לאַנד איז דער האַרבסט נאָך זומערדיקער פֿאַרן זומער. אין האַרבסט זענען אָפֿטער די כאַמסינען. דער ים און דער הימל ווערן זאַמדיק־געל. הייסע ווינטן טראָגן זיך מיט דינעם, אומזעבאַרן מדבר־שטויב, וואָס טריקנט די אויגן, די נאָזלעכער, דעם גומען. די הייסע ווינטן ברענגען, אָבער, אויך מיט דעם סובטעלן אַראָמאַט פֿון די צעבליטע מאַראַנצן־ביימער אין די אַרומיקע פּרדסים. זכריה קאַרלסבאַך האָט מיט הנאה געשלונגען דער אַראָמאַט, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ געמיש פֿון בעז־ביימער און בינשטאָק־האָניק. דערפֿאַר טאַקע האָט ער אַ טראַכט־געטון, אַז אַזעלכע געשמאַקע אַראָמאַטן קענען זיך טאַקע טראָגן נאָר אין אַ ארץ זבת חלב ודבש...

גייענדיק האָט ער זיך געזאָרגט וועגן דעם, ווי לאַנג עס וועט אים אויסקומען צו וואַרטן אויף אַ טרעמפּ. אָבער וואָס נענטער ער איז גע־קומען צום הויפּט־כביש, אַלץ דייטלעכער האָט ער באַנומען אַ רוישן פֿון אַ סך שווערע לאַסט־מאַשינען, וואָס עס האָט אים דערפֿרייט. ער האָט צוגעאיילט די טריט און קומענדיק צום כביש דערזען, אַז דאָס זענען נישט קיין מיליטערישע מאַשינען, נאָר איבערגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס מיט מענטשן און געפּעק.

דאָס איז אָנגעקומען אַ קאַראַוואַן פֿון צענדליקער איבערגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס. איין מאַשין האָט אָנגערוישט נאָך דער אַנדערער און שטיין געבליבן לענגאויס דעם כביש, ווי איין לאַנגער פּראַכט־צוג מיט פֿאַר־אייניקטע וואַגאָנען בלייבט אַמאָל שטיין ביי אַ פֿאַרמאַכטן סעמאַפֿאָר.

זכריה קאַרלסבאַך האָט באַלד דערקענט ווער די מענטשן זענען. לויט די צו־וואַרעמע פֿאַרשטויבטע מלבושים מיט שטיוול און ספּאָרט־היטלען, לויט די צעפּלאָמטע געזיכטער מיט די אומרויִק־צעטראָגענע בליקן, לויט דער הייזעריקער צעשריגנקייט און דעם נערוועזן אַרומפּלאָטערן און וועל־כולם — לויטן געמיש פֿון שפּראַכן און דיאַלעקטן. ער האָט זיי דערקענט די עולים־חדשים מיט וועלכע ער האָט זיך חדשים־לאַנג אַרומגעוואַלגערט איבער לענדער און גרעניצן, איבער לאַגערן און פּאָרטן און אויף דער שיף, מיט וועלכער ער איז ענדלעך אַהערגעקומען. יאָ, דאָס זענען די מענטשן פֿון בית־עולים, וואָס די סוכנות האָט ענדלעך אַהערגעבראַכט דאָ צו באַזעצן...

לויט אַ באַפעל האָבן זיך אַלע גענומען אויסגרוזעווען פון די אויטאָס, צומערשט זענען אַראָפגעשפרונגען מענער, וועלכע האָבן איבערגענומען די קינדער און קינדער־וועגעלעך, וואַליזן, קעסטלעך, זעק און פעק, וואָס די פרויען האָבן זיי אַראָפדערלאַנגט. צום סוף האָבן די פרויען זיך זעלבסט אַראָפדערלאַנגט אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון די מענער. אַלע זענען געווען צעקנייטשט און פאַרשטויבט, פאַרשוויצט און צעפאַרעט.

פקידים מיט פאָרטפעלן האָבן געטריבן פון כביש. באַפוילן אָפּצורייניקן דעם וועג און זיך אויסזעצן אָן דער זייט, אין אָנגעכוואַליעטן זאַמד און וואַרטן. האָט מען זיך ווידער געשלעפּט מיטן געפּעק פון כביש אַראָפּ. פאַרשמאַכטע, צעפּרייעטע קינדער האָבן זיך געריסן, פרויען האָבן היסטעריש געקוויטשעט און מענער זענען געלאָפן מיט כלים נאָך וואַסער.

דאָס האָב־און־גוטס וואָס מען האָט פון ווייטע לענדער געבראַכט צו־שלעפּן, איבער ימען און איבער גרענעצן, האָט איצט אין דעם זאַמד און שטויב באַקומען אַן אויסזען פון אַרויסגעוואָרפן אַלטוואַרג, פון ברוכוואַרג און שמאַטעס. און נישט נאָר די זאַכן — די פרויען און קינדער וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט אין שטויב, אין דער כאַמסיניקער חמימה, האָבן אויסגעזען ווי אַרויסגעוואָרפענע, ווי אַלטוואַרג און ברוכוואַרג, ווי פלאַטערנדיקע, צעשויבערטע שמאַטעס.

די אויסגעליידיקטע אויטאָס האָבן באַלד צוריק אַוועקגערוישט. צוריק־געפאָרן אין די בתי־עולים אויפצונעמען ווייטערדיקע פאַרטיעס טויטע און לעבעדיקע שמאַטעס. און נאָך איידער אָט די אויטאָס האָבן זיך דערווייטערט פון דער שכונה, האָט שוין אָנגערוישט אַ צווייטע אויטאָקאָלאָנע, אַ דריטע און אַ פערטע.

— יאָ, עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן... — האָט זכריה קאַרלסבאַך אַ זאָג־געטון צו זיך אַליין — עזריאל איז גערעכט געווען... שוין אויס ראָבינזאָן קרוזאָ אויפן אומבאַוווינטן אינדזל... היינט־מאָרגן וועלן די גאַסן פון שטאָט ווערן פול, די הייזער — באַוווינט און באַלעבט... די אומהיימלעכע שוואַרצע לעכער פון טירן־פענצטער וועלן פאַרהאַנגען־ווערן מיט גאַרדינען... עס וועלן לייכטן זשיראַנדאָלן, ראַדיאָס וועלן הילכן, קינדער וועלן זינגען און פרויען וועלן לאַכן... די שמאַטעס וועלן באַלד אויפלעבן און ווערן צוריק מענטשן מיט לייטן־גלייך... מען וועט פאַרגעסן אָן די וואָגלענישן, אָן די ווייטיקן און יסורימס. מען וועט פראַווען שמחות און פרוכפּערן־זיך און מערן ווי גאָט האָט געבאָטן... עס וועט ווערן אַ שטאָט, אַ לעבעדיקע, פריילעכע שטאָט... אָבער עזריאל, אַ געזונט אים אין די

ביינער אַריין, ער האָט געוווּסט וואָס ער טוט... אָט די אַלע מענטשן דאַרפן ערשט קריגן וווינונגען און איך האָב שוין!...

אַ העכערער פּקיד האָט אויסגערופן אַ צענדליק פאַמיליע־נעמען פון אַ רשימה־אַרויס. עס האָבן זיך תיכף פאַרזאַמלט אַרום אים די קעפּ פון אַ צענדליק משפחות.

דער העכערער פּקיד האָט איבערגעגעבן די מענטשן צו אַ נידעריקערן פּקיד. ער האָט אים אויך געגעבן אַ צעטל מיט אַדרעסן און גענויע אָנווייזונגען, ווו וועמען צו באַזעצן. דער נידעריקער פּקיד האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזן מיט די מענטשן און רשימות אין אַ זייטיקער גאַס. דער העכערער פּקיד האָט דאַן פאָרגעזעצט אויסצורופן ווייטערדיקע פאַמיליע־נעמען. ווידער האָט ער אויסגערופן צען און זיי איבערגעגעבן צו אַ צווייטן פּקיד, וועלכער האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ צווייטער ריכטונג. אַזוי האָט ער כּסדר צעשיקט זיינע געהילפן מיט צען־פערזאָניקע גרופּעס אין פאַרשיידענע גאַסן און ריכטונגען פון דער שטאָט.

עטלעכע אַוועקגעשיקטע מענער זענען באַלד צוריקגעקומען צופרידענע, געכאַפּט דאָס געפּעק, די פרויען און קינדער און גליקלעכע אַוועקגעאיילט צו זייערע באַקומענע וווינונגען, אין וועלכע זיי וועלן פון היינט אָן אָנהויבן צו לעבן ווי זעלבשטענדיקע מענטשן, פאַר אייגענער פּראַצע, ווי אין נאָרמאַלע צייטן... אָן די אומזיסטיקע קעסט פון „דזשוינט" און „אונרראַ", „איראָ" און סוכנות...

באַלד דערנאָך האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען אַנטוישטע, פאַרביטערטע און אויפגערעגטע. איינער האָט געטענהט און געבעטן זיך רחמים. אַ צווייטער האָט געפאָדערט יושר און אַ דריטער האָט געזידלט און געשאָלטן.

דער העכער פּקיד האָט, אָבער, איצט קיינעם נישט געוואָלט אויסהערן:

— איצט נישט! — האָט ער געשריִען — איצט טייל איך צו וווינונגען לויט אַ פּלאַן און לויט אַ סדר. טענות וועל איך אויסהערן שפּעטער, אין משרד!

— דריי משפּחות אין איין וווינונג מיט איין קיך?! — האָט זיך איינער געריסן אַזוי, אַז די אָדערן אין זיין רויטן האַלדז זענען אים אַזש אָנגעדראָלן געוואָרן.

— זעקס פּערזאָן מיט אַ קראַנקער מאַמע אין צוויי צימערלעך? — האָט אַ דאַרער יונג מיט אַ יעוונוכן־שטימעלע נאָכגעקוויטשעט.

— אויב שוין יאָ וווינען מיט נאָך אַ פאַמיליע צוזאַמען, איז גיט מיר אַ פּוילישע פאַמיליע — האָט אַ רויטער ייִד זיך באַמיט צו רעדן זייער

אינטעליגענט — איך קען נישט וווינען מיט קיין מאַדזשאַרן און מיט קיין רומענישע ציגיינער. איך בין אַ פּוילישער, איז גיט מיר צוזאַמען מיט פּוילישע.

— שפּעטער, האָב איך געזאָגט! אין משרד! — שרייט דער הויכער פּקיד און רופט־אויס ווייטערדיקע נעמען.

די אַנטוישטע טרעטן אָבער נישט אָפּ, לאָזן נישט צו־רו: שוין, באַלד, די מינוט זאָל מען זיי געבן נייע אַדרעסן!

— מענטשן! לאָזט מיך טון מיין אַרבעט! — רעוועט שוין הייזעריק דער פּקיד — איר זעט? דאָ איז דער משרד! — גיט ער אַ ווייז מיט דער האַנט צו אַ גרינער, הילצערנער וועראַנדע — ווער עס האָט אַ טענה, דער וועט זיך דאָרט שפּעטער קענען ווענדן צום חבר וויניצקי. און ווער עס האָט באַקומען אַ וווינונג, דער זאָל זיך ווענדן צום חבר זעליצקי. יעדער איינער באַקומט זיין תעודת־עולה, אַ בעט, אַ מאַטראַץ, אַ קאָץ און די עטלעכע לירעס סדור־ראשון. מיט אַלע טענות, נאָר אין משרד! דאָ וועל איך קיינעם נישט הערן!

— טפו זאָל ער מיר ווערן! — שפּייט־אויס איינער פון די אַנטוישטע

— באַלד וועל איך זיך אַוועקזעצן וואַרטן און זיך פאַרלאָזן אויף זיין יושר! זיין ווייב מיט די קינדער וואַלגערן זיך נישט דאָ אין זאַמד און ווערן נישט צעפּרעגלט אויף דער זון!

און ער לאָזט זיך אַוועק אַליין אויסזוכן אַ וווינונג, וואָס וועט אים געפעלן...

באַלד שטייען־צו צו אים אויך אַנדערע, וועלכע באַשליסן נישט צו וואַרטן אויף יושר און נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט. מיט אַ דעצידירטער אימפּעטדיקייט לאָזן זיי זיך אַוועק דווקא איבער די שענסטע הייזער פון דער הויפּט־גאַס און קומען באַלד נאָך אימפּעטיקער צוריק. מען כאַפּט די פּעקלעך מיט די זעקלעך, די ווייבער מיט די קינדער און מען טראָגט זיך שנעל אָפּ, פאַרכאַפּן די אויסגעקליבענע וווינונג.

אַ פּקיד רופט זיי נאָך און וואָרנט:

— כאַפּט נישט אַליין קיין וווינונגען! געדענקט, מען וועט אייך צוריק אַרויסזעצן און איר וועט בלייבן אויף דער גאַס!

— ער סטראַשעט די וואַנצן!... — רופט איינער צוריק.

— ער דאַרף די דירות פאַר פּראָטעקציע־לייט!... — שרייט אַ צווייטער.

— פאַר זיינע פאַרטיי־מענטשן!...

דער גרעסטער טייל עולם וואָרט געהאַרכזאַם און געדולדיק אויסגערופן צו ווערן און אָפּגעשיקט צו ווערן לויט דער רשימה. אָבער די

ערשטע דיסציפּלין־ברעכער האָבן שוין אַריינגעפּירט אַ דעמאָראַליזאַציע און היפּשע גרופּעס מענטשן טוען שוין נאָך זייער ביישפּיל און לאָזן זיך אַוועק זוכן און פאַרכאַפּן וווינונגען אויף דער אייגענער האַנט. זכריה קאַרלסבאַך דערקענט אויף אָט די מענטשנס געזיכטער, אַז זיי זענען גרייט אויף אַלץ, אויף סקאַנדאַלן און אַוואַנטורעס. און כאָטש ער האַלט, אַז גע־רעכט איז דער פּקיד, איז אָבער זיין סימפּאַטיע דאָך אויף זייער זייט: „אַ שטאָט אַ גאַנצע שטייט דאָך נאָך ליידיק! — טראַכט ער — פאַרוואָס־זשע זאָל מען עס טאַקע האַלטן בעסערע דירות פאַר די וועלכע וועלן ערשט קומען שפּעטער? — כל הקודם זכה!”...

עס אינטריגירט אים, אָבער, וווהין זיי גייען און וואָס זיי טוען, — גייט ער זיי נאָך.

און זכריה קאַרלסבאַך דערזעט דאָ, צו זיין איבעראַשונג און באַ־אומרויקונג, אַז עזריאל איז נישט געווען דער איינציקער חכם און וועט מן־הסתם נישט בלייבן דער איינציקער נאַר: אויף אַ סך הייזער הענגען אָט אַזעלכע אויפגעשריבענע צעטלען, ווי יענץ וואָס עזריאל האָט אויפ־געהאָנגען פאַרן טויער... מיט נומערן פון מיליטערישע איינהייטן און מיט צווייפלהאַפטע אונטערשריפטן פון קצינים... ווען די דירות־כאַפּערס לייע־נען־איבער אַזאַ צעטל, קווענקלען זיי זיך טאַקע אַ ביסל, אָבער באַלד דעצידירן זיי זיך און רייסן עס אַראָפּ! אַ שטופּ — און דאָס טויער איז אָפן! זיי גייען אַריין, באַקוקן און עס געפעלט זיי... לאָזן זיי שוין איבער אינעווייניק אַ פּאָר שומרים און איילן־אַוועק נאָך די משפחות מיטן גע־פּעק!...

— אוי, שלעכט! פוי, פאַסקודנע! — רעדט ער צו זיך אַליין — אַ מיאוסע מעשה!... הייסט דאָך עס, אַז איך בין דאָך מיט מיין פּאַלאַצל אויך נישט זיכער!...

און ער באַשליסט, אַז ער קען שוין היינט קיין תל־אביב נישט פאָרן. וואָרעם ווער עס וועט זיך אַריינכאַפּן אין זיין ווילע, דער וועט דאָרט זיצן און זיין באַלעבאָס! ער וועט זיי שפּעטער נאָר קענען רופן „קנאַקניסל”!...

ביין, ער קען שוין מער זיין פּאַלאַץ נישט לאָזן אויף הפקר, ער מוז זיך שוין דאָרט אַוועקזעצן און זיצן! די כאַפּערס פאַרשטייען איבערצולאָזן שומרים, מוז ער אויך זיצן און פּילעווען. אונטערגענומען־זיך אַ וואַזשנעם פּאַדראַד!... ס'איז פּונקט פאַר אים, טראַכט ער, אַוועקצוזעצן זיך און זיצן ווי אַ קוואָקע אויף אייער... אָבער פאַרפאַלן, נישטאָ קיין ברירה. ער מוז זיך אומקערן אין שטוב אַריין.

אַוודאי איז אים אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס ער קען איצט נישט פאָרן קיין תל־אביב. דער גאַנצער פּלאַן איז אים צעשטערט געוואָרן און

דאָס יום־טובדיקע סאַטיספאַקציע־געפיל, צו וועלכן ער האָט זיך געגרייט, וועט ער היינט שוין נישט האָבן... מילא, זי וועט אים נישט אַנטלויפן, פערל־ליבע, דערקעגן איז דאָס פּאַלאַצל יאָ אין געפאַר... ער האָט זי נישט געזען אַזוי לאַנג, איז נאָך אַ וואָך. און וואָס שטעכט אים אַזוי דער האָבער מיטן גט? עס וואַרט דען אויף אים אַ צווייטע, מיט וועלכער ער גייט שוין מאָרגן חתונה־האָבן?

יאָ, איז כאַפּט איר דאָרט דער וואַטעמאַכער, דער גאַנצער פּערל־ליבען! אָבער ביי לייבישן האָט ער דאָך היינט געזאָלט זיין; ווי־זשע קען ער? און מאָרגן וועט ער דען קענען? און איבערמאָרגן? — אַז ווער ווייסט ווי לאַנג די בהלה און דאָס דירות־כאַפּעניש וועט דאָ אָנגיין! און דאָ איז ער אינגאַנצן אַליין, ווי אַן אַרעסטירטער! אַליין און ער קען זיך נישט צערייסן!

— אוי, לייבישל, לייבישל!... — רעדט ער צו זיך אַליין — דער יונג וועט דאָרט, נעבעך, נישט וויסן וואָס איבערצוקלערן. און איך האָב דאָך היינט געזאָלט זיך זען מיטן דאָקטער! רעדן מיט אים און זיך דערוויסן דעם גאַנצן אמת וועגן לייבישעס פוס. ווי האַלט עס? ווען וועט מען אַראָפּ־נעמען דעם גיפּס? און צי וועט ער — — —

ביז איצט האָט זכריה קאַרלסבאַד בלויז געפילט אַז עס איז אים זייער הייס, אַז ער פאַרעט. אָבער איצט האָט ער פּלוצלונג דערפילט, אַז ער איז אויסגעווייקט אין שווייס. ווען האָט ער אָנגעהויבן צו שוויצן? ווען איז דאָס אים אַזוי נאַס געוואָרן דאָס העמד? — ער פילט אַז ריטשקעס שווייס רינען אים אונטער די אָרעמס און לענגאויס דעם רוקן. ריטשקעס שווייס רינען אים פון אונטערן קאַפּעליוש און פון האַלדז אין קאָלנער אַריין. דער שטייפער קאָלנער איז אים געוואָרן ווייך און נאַס, ווי אַ האַלדז־קאָמפּרעס. צו וועלכן שוואַרצן יאָר האָט ער זיך דאָ אָנגעטאָן אַזוי וואַ־רעם! דאָ איז וואַרשע, וואָס?

ער האָט אויסגעטאָן דעם זאָרגפעליק־אויסגעבונדענעם קראַוואַט און אים אַריינגעלייגט אין קעשענע. אויך דעם נאַסן קאָלנער האָט ער אויס־געדרענגט פון שווייס און אַ צעקנאָדערטן אַריינגעלייגט אין קעשענע פו־נאַנדערגעקנעפּלט־זיך דאָס רעקל און דאָס העמד. אויס מיט דער עלע־גאַנץ און מיט דער חתן־בחורשער פּראַנטישקייט! אומזיסט זיך אויסגע־שטראָנצלט צום גט. כאַפּט עס דער וואַטעמאַכער!

אַן אומרויִקער און פאַרסאָפּעטער, טראָגנדיק דאָס אויסגעטאָענע רעקל אויף איין האַנט און מיטן קאַפּעליוש, מיט וועלכן ער פעכערט־זיך דאָס צעפלאַמטע געזיכט, אין דער צווייטער האַנט, — איילט ער צוריק אַ היים.

— איך זאָל, חלילה, נישט האָבן שוין פּאַרשפּעטיקט! מען זאָל זיך נאָך, חלילה, נישט האָבן אַריינגעכאַפּט! אַ חמימה! פוי!

ער קומט צו זיין געסל, — דאָס געסל איז נאָך פּוסט און טויב־שטום ווי געוועזן. ניין, אַהערצו זענען זיי נאָך נישט דערגאַנגען!... — אָטעמט ער אָפּ מיט דערלייכטערונג — אַ כאַפּעניש אויף זייערע קעפּ! קענען נישט אויסוואַרטן, אַז מען זאָל זיי געבן!...

עזריאלס צעטעלע הענגט... דאָס טויער איז פאַרשלאָסן... ער האָט דעם פּאַלאַץ זיינעם, ער האָט אים... עס ווערט אים פריילעך און קאַלע־מוטנע צוזאַמען; ער האָט טאַקע דעם פּאַלאַץ, אָבער ער האָט נישט זיין פרייהייט. פון איצט־אָן וועט ער דאָ מוזן זיין צוגעבונדן ווי אַ הונט אויף דער קייט. נישט טאָרן אָפּטרעטן אויף קיין מינוט. און אָפּלייגן די באַגע־געניש מיט פּערל־ליבען און דעם גט גלוסט זיך אים זייער נישט. נישט דערפאַר ווייל ער דאַרף אים אַזוי נייטיק האָב דעם גט, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט בכלל פיינט אָפּצולייגן באַשלאָסענע זאַכן. און לייבישן וועט ער נישט קענען זען און נישט רעדן מיטן דאָקטער. ער וועט זיך דאָרטן אויפפרעסן, דער יונג, נעבעך! און קיין חיפה דאַרף ער דאָך שוין אויך צופאָרן. שוין צייט געוויר צו ווערן דאָרט, וואָס עס הערט זיך מיט זיין באַגאַזש. און דאָ איז ער איינער אַליין און קען זיך נישט צערייסן. עזריאל האָט אים דאָ שוין איינמאָל איינגעזייפט? אַהאָ! איז וואָס־זשע טוט מען? ווי גיט מען זיך דאָ אַן עצה? — — —

אין שטוב האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן יום־טוב און אַרויפגעצויגן צוריק די וואָכעדיקע הויזן.

— אויס כלה, צוריק מויד!... — האָט ער זיך אַ זאָג־געטון מיט גאַל.

ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז ער איז הונגעריק, אַז ער האָט אַ וועלפישן אַפּעטיט. ער האָט ווידער צוגעשטעלט טיי און גענומען צוגרייטן זיך זיין בחורשן פרישטיק.

***

די אַקציע פון באַזעצן די באַפרייטע שטעט איז צוגעגאַנגען מיט אַ האַסטיקן טעמפּאָ. טאָג נאָך טאָג, פון פרי ביז נאַכט האָבן געדווישט די מאָטאָרן פון די אויטאָ־קאָלאָנעס, וואָס האָבן כסדר געבראַכט אַלץ פרישע פּאַרטיעס פון די בתי־עולים (אימיגראַנטן־לאַגערן). הויז נאָך הויז איז באַזעצט געוואָרן, גאַס נאָך גאַס און די שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט מענטשן.

אויך אין זכריה קאַרלסבאַכס גאַס האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן צו באַזעצן. אָבער דאָ זענען געקומען גאָר אַנדערע מענטשן, ווי לויט אַ ספּע־

ציעלער באַשטימונג. דאָס זענען נישט געווען קיין עולים־חדשים און נישט פון קיין לאַגערן. מענער און פרויען מיט קורצע כאַקי־הויזלעך, מיט אויס־דעקאָלטירטע, אָן־אַרבלדיקע לייבעלעך אנשטאָט בלוזקעס און „טעמבעל״־היטעלעך אויף די קעפּ. אָפּגעברענטע קיבוצישע פּנימער און פאַרשטויבטע פיס אין סאַנדאַלן. דאָס זענען חלוצישע טיפּן, כאָטש זיי געהערן שוין לאַנג נישט צו קיין קיבוץ. דאָס זענען ירושלימער. חיפהער און תל־אביבער משפחות, וועמענס הייזער און וווינונגען עס זענען צעבאָמבאַרדירט גע־וואָרן און זיי זענען געבליבן דאַכלאָז. דאָס זענען שאָפערן און פקידים פון דער קריה און סוכנות, אַ דאָקטער פון דער קראַנקן־קאַסע „קופת־חולים״, אַן אינזשיניער, אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאַר. אויסער זיי איז טאַקע פאַראַן אַ באַזונדערע גרופּע, וועלכע האַלט־זיך אָפּגעטיילט פון אַלע. דאָס זענען די געראַטעוועטע משפּחות פון דעם פאַרניכטעטן קיבוץ „דורות״. אין די שלאַכטן זענען פיל מענער געפאַלן און גענומען געוואָרן אין געפאַנגע־שאַפט. די עוואַקואירטע משפחות זענען אַהער געבראַכט־געוואָרן צו באַ־זעצן זיי דאָ צייטווייליק, ביז זיי וועלן באַקומען ערגעץ פרישן באָדן אויף אויפצושטעלן אויפסניי דעם קיבוץ. אָט די משפחות פון קיבוץ „דורות״ האָבן זיך דאָ באַזעצט אין דריי הייזער און צוויי הייזער זענען פאַרנומען געוואָרן פאַר אַ „בית־חלוצים״ און „בית־חלוצות״, וווּ עס וועלן וווינען בחורים און פריילגס. דערוויל זענען נאָך אין אָט די צוויי לעצטע הייזער קיין מענטשן נישטאָ, בלויז שילדן הענגען שוין, וואָס שרעקן־אָפּ די די־רות־כאַפּערס... וואָרעם אַ געמאָלענע שילד איז פאָרט נישט קיין אָנגע־שריבן צעטעלע מיט קיין נאָכגעמאַכטער אונטערשריפט...

זכריה קאַרלסבאַך אָבסערווירט עס און דערוויסט זיך אַלץ, שטייענ־דיק פאַר זיין טויער, פון וועלכן ער טרעט נישט אָפּ...

אָט דאָ, פאַרן טויער, האָט ער שוין אַפילו געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ טייל פון זיינע נייע שכנים. מיט איניקע — זיך שוין אַפילו באַ־פריינדעט און צוזאַמען געטרונקען טיי...

און כאָטש איין שכן קומט גערן דעם אַנדערן צו־הילף: מיט אַראָפּ־גרוזעווען דעם באַגאַזש פון אַן אויטאָ, מיט אונטערשטעלן אַ פּלייצע אונ־טער אַ שווער שטיקל מעבל, מיט שטיין אויף דער וואַך און אַכטונג געבן אויפן שכנס זאַכן און דירה, ווען יענער מוז אַוועקגיין אויף אַ מינוט, — דאָך, ריזיקירט נישט זכריה קאַרלסבאַך זיך צו דערווייטערן פון זיין געסל...

עס איז שוין דער דריטער טאָג זינט עזריאל איז אַוועק. דריי טעג שוין ווי ער קומט נישט. און צו זכריהס עגמת־נפש וואָס ער מוז דאָ זיצן ווי אַן אַרעסטירטער, איז צוגעקומען די פרישע זאָרג און געהירן־עקבער־

ניש וועגן עזריאלן. די לעצטע נאַכט איז שוין זכריה, פון האַרץ־ווייטיק, איינגעאַנצן נישט געשלאָפן. אמת, ער פאַרשטייט אַז אַ סאָלדאַט קען זיך נישט באַפרייען ווען ער וויל. ער איז אָפּהענגיק פון זיין קצין. מיליטערישע דיסציפּלין. וואָלט עס געווען בלויז דאָס... אין נגב איז דאָך איצט זייער נישט היימלעך! און ווי האָט עזריאל געזאָגט? — „אַ שלאַכטפעלד איז נישט קיין טאַנץ־זאַל"... יאָ, און וואָס איז דאָרט מיט לייבישן?

מיט איינעם פון זיינע נייע שכנים, אַ שאָפער, האָט זכריה נעכטן אָפּגעשיקט אַ בריוועלע צו לייבישן. דער שכן אָבער זאָגט, אַז ער האָט דאָס בריוועלע איבערגעגעבן אַ צווייטן שאָפער, אַ קאָלעגע זיינעם, וועל־כער אַרבעט טאַקע אין יענעם שפּיטאָל. און כאָטש דער שכן פאַרזיכערט אים, אַז זיין קאָלעגע האָט עס זיכער דערליידיקט פּונקט ווי ער אַליין, איז דאָך זכריה נישט זיכער, צי דאָס בריוועלע איז צו לייבישן דערגאַנ־גען.

שפּרייזט ער זיך אַזוי, זכריה קאַרלסבאַך, פון זיין טויער ביז צום ראָג פון געסל. ער שפּרייזט הין־און־צוריק און אָבסערווירט ווי דער „אומ־באַווינטער אינדזל" ווערט באַוווינט און באַלעבט...

— „אַרבעטזאַם ווי די בינען" — זאָגט דאָס פאָלק... „אַרבעטזאַם ווי די מוראַשקעס"... טראַכט זיך זכריה און דערווידערט: — די בינען און די מוראַשקעס מעגן זיך קומען לערנען ביי די עולים חדשים!... אָט טאַקע ווי מוראַשניקעס זענען זייערע היימען צעטראָטן געוואָרן! און טאַקע ווי מוראַשקעס האָבן זיך אָט די אַלע מענטשן געוואַלגערט צעריבענע אונטער די פאַרניכטנדיקע שטיוול פון רשעות און טאָטאַלער פאַרניכטונג. און אָט... — מיט אימפּעט און עקשנות בויט מען זיך נייע נעסטן, נייע היימען, נייע לעבנס...

ער זעט ווי פרויען וואַשן טירן־פענצטער, פאַרהענגען די שויבן מיט געבלימלטע פאָרהענגלעך. זיי לופטערן די צעקנאָדערטע מלבושים און וועש פון די געפּעק אַרויס. מענער שלעפּן מעבל־שטיקער און כלים, גע־צייגן און פאַרשיידענע אַנדערע חפצים, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער גאַס. אַפילו קינדער זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מציאות־זוכעריי, ווי אין דער פריילעכסטער האַזאַרד־שפּיל. אין אַנגעוואַליעטע בערג מעבל און קופּעס שמאַטעס נישטערן זיי און שלעפּן אין די שטיבער אַריין. איבער אַלע גאַסן און געסלעך איז אַ געגיי מיט מעבל־שטיקער אויף די קעפּ, אויף אַקסלען, אויף פּלייצעס. דערביי זעען שוין די מענטשן נישט אויס ווי קיין מענטשן, נאָר ווי אויסטערלישע באַשעפענישן מיט אָן אַ שיעור פיס... פיס פון אונטן און פיס פון אויבן... די אויבערשטע פיס זענען פון שטולן און פאָטעלן, פון טישן און קאַנאַפּעס, פון עטאַזשערקעס און טאַבורעטקעס. עס

וויגן זיך שאָפּעס און קאָמאָדן, עס שימערן שפּיגלען און ניקלנע בעטן. אוןביימער גאַנצע באַוועגן זיך אויף דינע, רירעוודיקע, קינדערשע פיס־לעך. דאָס שלעפּן די קינדער וואַזאָנען און בלומען־טעפּ, שטרויענע טעפּיכ־לעך און קיך־געשיר.

און זכריה טראַכט, אַז דאָס פאָלק ישראל איז, צום וויפלטן מאָל, ווידער אַרויס פון קנעכטשאַפט, מעבדות לחרות... און דער, וועלכער האָט אַמאָל אין דער מדבר, געשפּייזט מיטן מן און מיט קוראָפּאַטוועס, ער שפּייזט איצט די בני־ישראל מיט מעבל און כלים, מיט געצייגן און נוצ־לעכע חפצים, וואָס וואַלגערט זיך אין זאַמד... דאָס פאָלק גייט און קלויבט פראַנק און פריי, אָן אַ מאָס און אָן אַ מעסטל... נישט וויפל ער דאַרף, נישט וויפל מען מעג, נאָר וויפל ער קען און וויפל עס לאָזט זיך... יעדערער קלייבט און ברענגט עס צו זיך אין געצעלט אַריין...

און אַ גוטע דירה איז גוט און אָן אויסגעשטאַטע דירה איז נאָך בע־סער... אָבער צו דעם דאַרפן אויך ייִדן האָבן פּרנסה!... — איז טאַקע אין שעת־הכּושר פון מציאות־כאַפּעריי, אין יעדן איינציקן וואָך דער זין פאַר תּכלית: די עטלעכע געוועלבער אויף דער הויפּט־גאַס זענען שוין פאַרכאַפּט. און אויך אין די געוועלבער־אַריין טאַשטשעט מען איצטער וואָס עס לאָזט זיך: פּושקעס און פלעשער, גאַנשערס, סלאָיען און קאָלירטע סיפאָנען, צום באַשטעלן די ליידיקע פּאָליצעס... אויף דער גאַס געפינט מען אויך וואָגשאָלן און געוויכטער, קעסטעלעך און פעסעלעך און דאָס אַלץ, וואָס אין אַ קראָם קען אַלץ צונוץ־קומען. אַפילו קופּערנע סאָדעוואַסער־באַלאָנען און קליינע אייזקעסטלעך האָט איינער געכאַפּט.

אין צוויי געוועלבער איז שוין אַפילו פאַראַן סחורה צום פאַרקויפן: איינער האָט אָנגעריסן גרינע פּאָמעראַנצן אין אַ פאַרטריקנטן פּרדס און אַ צווייטער האַלט, אויף אַ שטיק אייז, וואָס ער האָט געבראַכט אַזש פון בת־ים, אַ גאַנשער ראָזעווע וואַסער אין וועלכן עס שווימען אַרום צעשניטענע ציטרינען.

— אַ קאַלטס און אַ גיטס!... אַ קאַלטס און אַ גיטס!... אַ כּפּרה תּל־אביבער מיץ פאַר מיין אַ קאַלטס און אַ גיטס!... רופט ער פריילעך.

און צוויי ייִדענעס וועלכע זעען אויס ווי מאַרק־זיצערינס נישט פון נעכטן־אייערנעכטן, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט מיט טישלעך אויף דער גאַס. איינע האָט „זיסע געבעקטס", וואָס זי האָט שוין אַליין באַוויזן אָפּצובאַקן און די אַנדערע האָט „הייסע פאַנטשקעס" וואָס זי קאָכט טאַקע דאָ, אויף דער גאַס, אין אָן אומריינעם אייל, וואָס צעטראָגט אַ רויך און אַ טשאַד איבערן גאַנצן אַרום.

ייִדן האַנדלען שוין... ייִדן זוכן שוין פּרנסה...

און זכריה קאַרלסבאַך טראַכט, אַז ער אַליין האָט געבונדענע הענט. ער וואָלט דאָך אויך געדאַרפט אַ זוך־טון עפּעס אַ לייטישן לאָקאַל פאַר זיין דרוקעריי. נו, האָט ער מורא אַז צוליב דעם לאָקאַל, וועט ער נאָך פאַרלירן דעם פּאַלאַץ... יעדער איינער האָט דאָ עמיצן: אַ ווייב, אַ קינד, אַ קרוב. איינער העלפט דעם אַנדערן און יעדערער טוט זיך דאָס זייניקע. און ער, זכריה קאַרלסבאַך, איז אַליין און קען זיך נישט צערייסן!

יאָ, עזריאל האָט דאָך אים אָנגעזאָגט, אַז עפּעס אַ געוועלב ערגעץ פאַרנט איז אויך דאָ... איז ווו איז דאָס, דאָס געוועלב? וועלכעס געוועלב האָט ער עס געמיינט? אַוודאי דאָס, וואָס דער רומענער האָט פאַרכאַפּט און ער שטעלט דאָרטן אויס די ליידיקע פלעשער און בלעכענע פּושקעס אויף די פּאָליצעס! פאַרפאַלן! פאַרלוירן אַזאַ טייער געשעפט! דאַכט זיך, דער ערשטער בירגער וואָ געוועזן אין דעם דזשעבעליאַ און שלימזלדיק פאַר־פאַסט אַזאַ געשעפט! ממש אַרויסגעלאָזן עס פון די אייגענע הענט־אַרויס! שמייסן דאַרף מען אים דערפאַר! נאָר קאַטעווען! — — —

פאַר זיין נאָז האָט פאַרבייגערוישט אַ טענדער מיט פינף צעלאַכטע מיידלעך.

— יוגנט... עס איז זיי גוט אויפן האַרצן... — האָט ער אַ טראַכט־געטון.

דער טענדער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים הויז מיטן שילד פון „בית־חלוצות“. די פינף מיידלעך האָבן גענומען אַראָפּפּלאַטערן איינע נאָך דער אַנדערער, ווי הינער פון אַ שטאַכעט אַראָפּ, צופאַלנדיק איינע צו דער אַנ־דערער מיט קוויטשיקע געלעכטערלעך. איינע פון זיי, אַ בלאָנד־געקרויזטע מיט טונקעלע ברעמען, האָט געפּאַנגען זכריה קאַרלסבאַכס בליק:

— עפּעס זייער אַ באַקאַנט פּנים! ווער איז דאָס? — האָט ער זיך געפרעגט — איך האָב זי זיכער ערגעץ באַגעגנט. ווו האָב איך זי געזען?

ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט דערמאָנען. אָבער ער האָט ריזיקירט צו דערווייטערן־זיך פון זיין טויער און פון ראָג פון זיין געסל און צוצואיילן צום טענדער ביים „בית־חלוצות“.

און נאָך איידער ער איז צוגעקומען אַהין, האָט שוין דאָס מיידל צו אים פריידיק אויסגערופן, פאָכענדיק מיט אַ האַנט:

— אדון קאַרלסבאַך! אדון קאַרלסבאַך!... גוט וואָס איך האָב אייך גע־טראָפן... איך האָב אַ גרוס פאַר אייך... פון לייבישן...

ערשט איצט האָט ער דערקענט: דאָס איז דאָך רעניאַ, די קראַנקן־שוועסטער פון שפּיטאָל, לייבישעס מיידל... די כּעלעמער גאַליציאַנערין, ווי ער רופט זי... אין דעם ווייסן שפּיטאָל־כאַלאַט און אין דעם ווייסן טשעפּיק איבער דער צעכוואַליעטקייט פון אירע זוניקע קרויזן, זעט זי זכריה קאַרלס־

באַכן אינגאַנצן נישט אויס ווי קיין קראַנקן־שוועסטער... עפּעס גאָר נישט שפּיטאָל־מעסיק... דערפאַר האָט ער זיך נישט־תיכף געכאַפּט, ווער דאָס איז, כאָטש ער האָט זי געזען קוים מיט דריי טעג צוריק...

— אָ, פריילן רעניאַ... איר זענט דאָך מיר צוגעשיקט געוואָרן, ווי אַ מלאך פון הימל. אַ דאַנק אייך. איז וואָס מאַכט ער, לייבּיש? איך האָב בשום־אופן נישט געקאָנט זיין ביי אים נעבּטן. נישט געקאָנט אַוועק פון דאַנען. איר זעט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך... — גיט ער אַ ווייז מיט דער האַנט אויפן אָנגעלאָפענעם עולם, וואָס האַלט אַלץ אין איין שלעפּן — אָבער איך האָב געשיקט אַ בריוועלע דורך אַ געלעגנהייט, ווייס איך נישט, צי ער האָט עס דערהאַלטן.

— דערהאַלטן, דערהאַלטן... ער ווייסט אַלץ און ער איז רויק... געבעטן אייך אויפזוכן און גריסן...

— איז וואָס־זשע מאַכט ער טאַקע? וואָס הערט זיך דאָרט ביי אים?

— זייער גוט... מען האָט אים שוין נעכטן אַראָפּגענומען דעם גיפּס...

— גאָט צו דאַנקען!... נו?...

— ערשטקלאַסיק!... דער דאָקטער האָט זיך אַליין נישט געריכט... איך גלויב, אַז אינגיכן וועט ער שוין זיין מיט אייך... יאָ, איז ווו וווינט איר דאָ?

— אָט דאָרט, אין יענעם הויז... דער אייזערנער טויער...

— אויב איר האָט נישט דערקעגן, וועל איך שפּעטער זיין ביי אייך...

— האָט רעניאַ זשענירט געשמייכלט — אַ קוק טון ווי איר האָט זיך איינ־געאָרדנט...

— אָך, אדרבה... הערסט אַ מעשה... און איך וויל זיך טאַקע מיט אייך דורכרעדן... שיקן לייבּישן אַ גרוס און עטלעכע פונט...

— גוט, איך וועל באַלד זיין ביי אייך. ע... באַקענט זיך מיט מיינע חברטעס... מיידלעך, דאָס איז אדון קאַרלסבאַך... לייבּישעס פאָטער...

— וועלכן לייבּישעס? — האָט אַ טלענירטע שאַטינקע אויסגעשטאַרצט אַ געפאַרבט, פאַרחידושט פּנים.

אָט דאָס פּנים איז זכריה קאַרלסבאַכן זייער נישט געפעלן. מיט די צופיל לעקעלעך וואָס האָבן זיך געהוידעט איבערן שטערן, מיט די צו־גרויסע אויריינגען וואָס האָבן זיך געבאָמבלט ביז די קינבאַקן, מיטן חן־פינטעלע די גרויס ווי אַ גראָשן, מיט די געפאַרבטע ברעמען, ווי:עס און ליפּן, האָט זי אים אויסגעזען פּראָוואָצירנדיק־פּרעך, ווי אַ פאָרטעניצערין אין אַ נאַכט־לאָקאַל...

— נו, לעאָן... — האָט רעניאַ פּילדייטיק באַטאָנט.

— אָך, דיין לעאָנס?... — האָט די קאָקעטע אויסגערופן.

זי האָט דעם „דייך" אַזוי באַטאָנט, אַז רעניאַ איז רויט געוואָרן...

— איך הייס ליובאַ... — האָט זי אַ שטרעק־אויס געגעבן די האַנט, מיט דער היימישקייט פון אַ מחותנתטע וואָס פּאַטשט חסידים אין די פּליי־צעס... — זייער אנגענעם...

נאָך איר, האָט זיך צוגעוויגט אויף עטוואָס אַ קירצער פיסל, אַ פּו־לינקע ברונעטקע און אויסגעשטרעקט אַ פולכנע הענטל, ווי דאָס לאַפּ־קעלע פון אַ קעצל:

— טאַמאַראַ... זייער אַנגענעם...

אַ רויטע מויד מיט אַזויפיל זון־שפּרענקעלעך אויפן פּנים, אַז מער האָט שוין נישט געקאָנט אַרויפגיין, איז צוגעקומען מיט אַ מאַנצבילשן גאַנג און עפּעס אומצופרידן, ווי אָפּצוקומען, זיך פאָרגעשטעלט:

—מרים הייס איך.

אָפּגעטון אירס, האָט זי זיך תיכף אויסגעדרייט מיט אַ דאַרער פּלייצע און מאַנצבילש אָוועקגעשפּרייזט צום אַראָפּגענומענעם געפּעק.

די לעצטע איז אויך געווען אַ ברונעטקע, אָבער מיט אַ לענגלעך־שמאָל, סובטעל פּנימל און מיט אַ חנעוודיקן שמייכל.

— מלכה... — האָט זי זיך העפלעך פאָרגעשטעלט — זייער אַנגענעם...

די רויטע, אומצופרידענע, בחורשע מויד האָט זיך זייער געאיילט. זי האָט ממש געטריבן אירע חברטעס אַרויפצונעמען זייערע זאַכן, וואָרעם זי וועט פאַר קיינעם נישט שלעפּן. און אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ. צו זכריה קאַרלסבאַכן האָט זי גאַנץ אומפריינטלעך און אומהעפלעך אַ זאָג־געטון „סליחה"! (ענטשולדיקט!).

די מיידלעך האָבן איר געפאָלגט, ווי סאָלדאַטן פאָלגן זייער אָפיציר. זיי האָבן זיך אָבער פיל העפלעכער ענטשולדיקט.

— עס מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט... איך פאַרשטיי... — האָט זכריה פריינטלעך געענטפערט. — אָבער איר, פריילין רעניאַ, וועט שפּעטער זיין ביי מיר?

— זיכער... לייביש האָט עס מיר געבעטן... איך וויל דאָך אים ברענ־גען אַ געגנויעם גרוס...

קאַרלסבאַך האָט זיך צוריקגעאיילט אין שטוב אַריין.

— נו, גאָט צו דאַנקען!... — האָט ער געריידט צו זיך הויך, אויפן קול. — שוין אַראָפּגענומען דעם גיפּס... „ערשטקלאַסיק" זאָגט דער דאָקטער... ער האָט זיך עס אַליין נישט געריכט... דאָס בריוועלע האָט ער דערהאַלטן... און איצט וועט אים רעניאַ ברענגען אַ לעבעדיקן גרוס. נו, גאָט צו דאַנ־קען. אינגיכן וועט ער שוין זיין מיט מיר... און ווען עזריאל קומט אויך צוריק... — יאָ, וואָס קען עס דאָרטן זיין מיט עזריאלן? — — —

## קאַפּיטל פינף

# לוטס טעכטער...

ווער איז רעניאַ און ווער זענען אירע חברטעס?

„לוטס טעכטער" האָט מען זיי גערופן אין דייטשלאַנד, — „לוטס טעכטער אין פּעלדאַפּינג"...

ווען זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון די דייטשע פרויען־לאַגערן און געבראַכט געוואָרן אין „אונררא"־לאַגער פּעלדאַפּינג, זענען זיי געווען לע־בעדיקע סקעלעטן. זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די דאַרע פיס, ווי אויף דינע, טרוקענע שטעקנס. און געדאַכט האָט זיך, אַז די געלע, אויסגע־טריקנטע פּאַרמעט־הויט אַרום דעם בינטל דאַרע סקעלעטן־ביינער וועט בישט אויסהאַלטן ביי די ריפּן, ביי די שלעסער און געלענקען און ביי דער מינדעסטער באַוועגונג — פּלאַצן. ביים בויג פון אַ קני, אָדער עלנבויגן, וועלן זיך די ביינער אַדורכרייסן דורך דער הויט, ווי דורך אַ פּאַפּיר. די שאַרבנס זייערע זענען געווען נאַקעט, מיט דינע „טרעפּ" וואָס זענען אי־בערגעבליבן נאָך אַ טעמפּער שער. די בריסטן — איינגעטאַכניעט, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע ריפּן, ווי די רייפן אַרום צעטריקנטע פעסלעך. נאָר די אויגן, אין די גריבער פון די סקעלעטן־פּנימער, האָבן געגליט מיט אַ מוטנער פאַרלאָפנקייט ווי ביי וואַנזיניקע, אָדער ווי ביי טיפוס־קראַנקע מיט הויכער טעמפּעראַטור. עס איז שווער געווען צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז מען וועט זיי נאָך דערראַטעווען, אַז זיי וועלן נאָך זיין מענטשן.

אָבער נאָך וואָכן רו, זאָרגפעלטיקער מעדיצינישער באַהאַנדלונג און גוטער דערנערונג, האָבן זיי דאָך אָנגעהויבן צו קומען צו די כוחות פון מילך, קאַקאַאָ, פּוטער און אייער, פון פלייש און פעטס, פון צוקער, פרוכטן און שאָקאָלאַד לרוב, האָבן די סקעלעטן־ביינער אָנגעהויבן אַרויפּצוציען אויף זיך לייב. די געלע פּאַרמעט־הויט האָט באַקומען אַ לעבעדיקן, מענטשלעכן קאָליר. די נאַקעטע שאַרבנס האָבן זיך גענומען באַדעקן מיט האָר, מיט

דער נאַטירלעכער פּרויען־צירונג. די אויסגעסאָכניעטע בריסטן האָבן זיך, ווי רייפע פּרוכטן וואָס גיסן זיך־אָן מיט זאַפטן, ענטוויקלט צו זייער נאָר־מאַלן אויסזען. און זיי האָבן ווידער דערפילט, אַז זיי זענען מענטשן און דערפילט, אַז זיי זענען פרויען.

נאָך קאָשמאַרנע יאָרן פון פּיין און טויט־שרעק, הונגער און איבער־מענטשלעכער שקלאַפן־אַרבעט, איז איצט יעדער טאָג פון פרייהייט און רו געווען פאַר זיי דער בעסטער דאָקטער. מיט יעדן טאָג האָבן זיך די לייבער אַלץ מער אויסגעפילט און אָנגעריזלט־זיך מיט פרישן בלוט, וואָס מאָנט און פאָדערט דעם חוב פון דער נאַטור. די אויגן, וואָס האָבן ערשט נעכטן נאָך, געגליט ווי פון טיפוס־היץ, האָבן שוין איצט גאָר אַן אַנדערן גלאַנץ באַקומען. וואָרעם דאָס לייב וואָס האָט ביז איצט בלויז געוווּסט פון מאָגן־הונגער, האָט איצט דערפילט אַ נייעם הונגער: דעם הונגער פון מין.

נאָר ווי לוטס טעכטער, נאָך דער איבערקערעניש פון סדום ועמורה, האָבן געמיינט אַז קיין מענער זענען שוין נישטאָ אויף דער וועלט, און אום צו ווערן ווייב, האָבן זיי געמוזט אָנשיכורן דעם אייגענעם טאַטן, — אַזוי האָבן אָט די באַפרייטע קאַצעטלערינס געמיינט, אַז עס איז שוין מער נישטאָ קיין ייִדיש פאָלק און עס זענען שוין מער נישטאָ קיין ייִדישע מענער, וועמען צו געהערן און ווערן ווייב לויטן סדר פון דער וועלט.

דאַן האָבן זיי דערזען לוטן אין דער געשטאַלט פון יעדן „אונרראַ"־אָפיציר, אָדער באַאַמטן, וועלכער איז נאָר אַרויף אויפן שטח פון פעלדאַ־פינגער לאַגער.

זיי האָבן שוין איצט געהאַט שפּיגעלעך און קעמעלעך, פּודער, שמינקע און פּערפומען. און מיט אַלע לילית־רייצן האָבן זיי,ביים לאַגער־טויער און ביים איינגאַנג אין יעדן בלאָק, אָפּגעוואַרט לוטן, אין וועלכער גע־שטאַלט ער זאָל נאָר נישט קומען.

זינד? — אַז הפקרדיקער האָס איז קיין זינד נישט, טאָ פאַרוואָס זאָל הפקרדיקע ליבע זיין אַ זינד?

און דער גאָט וואָס האָט רויִק צוגעזען די שאַנד פון שמייסן נאַקעטע פרויען, די שאַנד פון גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, — זאָל ער איצט זען די שאַנד פון באַפרייטע קאַצעטלערינס, וועלכע ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַזוינס „זינד"...

אַך, מאָראַל ?... — די מאָראַל איז אַוועק אין אויוון־אַריין צוזאַמען מיט די טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער. צוזאַמען מיט לערער און מלמדים, מיט די רבנים און רביים, — צוזאַמען מיט אַלע צדיקים, דערציִער און פירער פון פאָלק. נישטאָ קיין מאָראַל מער נאָך אַזאַ וועלט־אונטערגאַנג.

עס וועט דיך קיינער נישט לייגן אין חרם־אַריין, נישט אויסשליסן פון דער עדה, וואָרעם די חרם־לייגער און די עדה איז נישטאָ. און קיין טאַטע וועט מער נישט שטראָפן און קיין מאַמעס מוסר־רייד וועט מען מער נישט הערן. נישטאָ פּאָר וועמען צו זיין אָרנטלעך און צניעותדיק, נישטאָ די אויגן אין וועלכע מען וויל געפינען חן, נישטאָ די שכנים וואָס זאָלן מיט דיר שטאָלצירן און מיט דיר זיך בענטשן. איצט הערט מען נישט קיין שטים פון מאַראַל, מען הערט נאָר דאָס הייסע געשריי פון דורשטיקן בלוט. — — —

פעלדאַפינג איז גיך פּאָפּולער געוואָרן. וועגן פעלדאַפינגער טערקישן גן־עדן מיט די ווילדע הוליאַנקעס און אויסטערלישע פּאַרגעניגנס האָבן זיך שוין מענער, איבער גאַנץ בייערן, געסודעט מיט פילדייטיקע שמיי־כעלעך. און גרופּעסווייז, פּאַרטיעסווייז האָט מען זיך געלאָזן צו דעם ווייבערשן „דיפּי״־לאַגער.

די פּאָרלעך האָבן זיך געליבט אין די צימערן, זיך געליבט אויף די שטיגן, אינדרויסן, ביי די ווענט פון די הייזער־בלאָקן, באַלד ביים טויער. די תאווה האָט דער בושה דערשטיקט און אין פּאָרל האָט זיך נישט קרעמ־פּירט פאַרן אַנדערן. — — —

שפּעטער איז דער „אונרראַ״־לאַגער, פעלדאַפינג, אויסגעברייטערט געוואָרן. מען האָט דאָרט אָנגעבראַכט הונדערטער ייִדן, סיי מענער און סיי פרויען, באַפרייטע פון פאַרשיידענע קאַצעטן. עס זענען אויך אָנגעקומען רעפּאַטריאירטע משפחות פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָבן זיך איבער דער פּויליש־דייטשישער גרענעץ געגנבעט, מיט דער האָפענונג צו קומען אין אַ פרייער וועלט.

און ערשט איצט האָבן זיך די פרויען איבערצייגט, אַז בעת דער איי־בערקערעניש פון איינראָפּעיִשן סדום־ועמורה, איז נאָך נישט דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק אומגעקומען. ניין, עס זענען נאָך פאַראַן ייִדישע מענער אויף דער וועלט...

אָנגעזעטיקטע מיט קערפּערלעכע ליבע, האָבן זיי זיך שוין איצט געצוימט און באַהערשט. וואָרעם זיי האָבן געזען אַז ייִדישע מענער, ווי פריִער — זייערע טאַטעס און זיידעס, טראַכטן נאָך אַלץ פון בויען זיך פאַמיליעס, לייגנדיק די הויפּט־געוויכט אויף טהרת־המשפחה. און פּונקט ווי נאָכן מבול, ווילן זיי זיך פּרובירן און מערן און אויפשטעלן פרישע דורות.

צו אָט דעם דראַנג האָבן מיטגעווירקט אַ סך סיבות, ווי צום ביי־שפּיל: צו להכעיס די שונאים, די פּאַרטיליקער אונדזערע, וואָס האָבן אונדז געוואָלט אָפּווישן פון פּנים פון דער ערד; אויפשטעלן לעבעדיקע דענקמע־

לער די פּאַרשניטענע משפּחות, קינדער וואָס זאָלן טראָגן זייערע נעמען; דער געוואַלדיקער, יתומדיקער עלנט פון יעדן איינעם; דאָס וועלן געפינען אַ זין אין לעבן און אַ שטויס־קראַפט צום וועלן זיך ראַנגלען פאַר דער עקזיסטענץ. און יאָ... די פּאַראבלטע נשמות האָבן שוין געבענקט נאָך אַ ביסעלע יום־טוב.

האָט מען טאַקע אָנגעהויבן פּראַוּוען יידישע שמחות אין דעם „אונרראַ״־לאַגער, חתונות און בריתן. און טאַקע אויפן אַלטן שטייגער: מיט קלעזמער־מוזיק און מיט טענץ, מיט כלה־קליידער און כלה־שלייערס, מיט געדעקטע טישן און מיט דרשה־געשאַנקען. קיין טאַטע־מאַמע און מחותנים זענען טאַקע נישטאָ, אָבער קאַצעט־חברטעס זענען משמח דער כלה און קאַצעט־חברים זענען משמח דעם חתן. שיקט מען מתנות און האַרציקע ווינטשע־וואַניעס.

און די ערשטע איינוווינערינס פון פעלדאַפינג שטייען הינטער דער טיר, פון קיינעם נישט געבעטענע... זיי קוקן־אַריין דורך די פענצטער, הערן זיך־צו צו דער מוזיק און צו דער בדחנות ביי כלה־באַזעצנס. אי־נעוויייניק גייען זיי נישט אַריין. זיי ווייסן ווי מען קוקט אויף זיי. זיי ווייסן, אַז זיי זענען באַקרוינט מיטן נאָמען „לוטס טעכטער״ און פאַרשטייען די באַדייטונג, כאָטש זיי ווייסן נישט ווער לוט איז געווען און וואָס עס האָבן געטון זיינע טעכטער... זיי ווייסן אויך, אַז צוליב זיי, האָט מען דעם דיפּי־לאַגער פעלדאַפינג אויך משנה־שם־געווען אויף „פעלד פון זנות״.

און זיי האָבן ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז זיי טאָרן לענגער אין אָט דעם לאַגער נישט בלייבן. זיי דאַרפן זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע אַנדערע לאַ־גערן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, ווו מען קען זיי נישט. דאָרט וועט מען נישט ווייסן וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט און נישט וויסן פון וואַנען זיי זענען געקומען.

און אַזוי האָבן זיי געטון. יעדע איינע האָט זיך אָוועקגעלאָזן אין איר באַזונדערן וועג, אַנטקעגן־גייענדיק איר אומבאַקאַנטן גורל.

מיט דער צייט האָט אַ טייל פון זיי חתונה־געהאַט. געוואָרן געטרייע ווייבער און גוטע, הייסע מאַמעס. אַ גרויסער טייל האָט עמיגרירט אין די אַמעריקאַנער לענדער. אַ קליינער טייל האָט זיך אומגעקערט אויף די חורבות פון זייערע היימען אין פּוילן, ליטע און רומעניע, אָדער גאָר פאַר־בליבן אויף תמיד אין פאַרשאָלטענעם עמלק־לאַנד. דער גרעסטער טייל, אָבער, איז געקומען קיין ישראל.

צו אָט די „לוטס טעכטער״ האָבן אויך געהערט ליובאַ, טאַמאַראַ, מרים, מלכה און רעניאַ...

צוזאַמען זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון קאַצעט, צוזאַמען געקומען קיין פעלדאַפינג, צוזאַמען שפּעטער אַוועק קיין מינכען, ווו זיי האָבן געגור־מען אַ וווינונג פון דריי צימערן. שפּעטער האָבן זיי צוזאַמען עולה־געווען קיין ישראל, געלעגן אין איין געצעלט פון בית־עולים און איצט, — געקור־מען קיין דזשעבעליאַ, ווי צו דער לעצטער געמיינזאַמער סטאַנציע. געקומען מיטן פּאַראויסיקן געדאַנק, אַז זיי בלייבן דאָ צייטווייליק און פון דער אַ סטאַנציע וועלן זיך שוין זייערע וועגן צעגיין.

מרים, די רויטע, מאַנצבילשע מויד, די בייזלעך־אומצופרידענע, מיטן געדיכטן אָנשיט פון זון־שפּרענקלעך אויפן פּנים, האָט באַשלאָסן צו גיין אין קיבוץ. געגנוי וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קיבוץ, ווייס זי נישט. זי האָט זיך אָבער אַנטשלאָסן צו גיין אַהין, מיט אַ געפּיל פון אַ דערפּאַלגלאָזער פרוי, וועלכע גייט אַוועק ביי גויים אין אַ מאַנאַסטיר...

ליובאַ לאַכט פון מרימען. לויטן צאַפּלען־זיך פון אַלע טלענירטע רייץ־לעקעלעך איבער איר שטערן און לויטן שליידערן־זיך פון אירע לאַנגע אויערינגען, קען מען באמת מיינען אַז דאָס איז אַ האַרציק געלעכטער. אָבער דאָס נערוועזע ציִען דעם „קעמל״־סיגאַרעט ,וואָס זי באַקומט פון אַ „פריינט״ מסרט, אַז דאָס איז אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס...

— מיר האָבן שוין אַלע גענוג געאַרבעט!... און אויב נאָך דעם, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט, איז אונדז נאָך באַשערט עטלעכע יאָר לעבן, דאַרפן מיר פון זיי געניסן... האַרעווען גאָר!... איך האַלט, אַז די פרוי איז באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר פאַרגעניגן!... נישט עס לוינט מיר און נישט איך וויל שפּילן פאַר אַ צנועה. מענער אַליין האָבן פיינט צנועות... זיי האָבן פיינט אויסגעהאָרעוועטע און צו־ערנסטע פרויען... זיי האָבן ליב צאַרט־קייט, לייכטזיניקייט, קעצלדיקע שפּילעוודיקייט... צרות, עגמת־נפש, ערנסטע פּראָבלעמען, דאָס האָט יעדערער גענוג! די פרוי דאַרף קענען מאַכן פאַר־געסן אָן דעם... אויפהייטערן אַ שטימונג... מיט אַ לאַך, מיט אַ שמייכל, מיט אַ מילדן בליק מאַכסטו זיך און אים דאָס לעבן זיס... די איינציקע אַרבעט וואָס אַ פרוי דאַרף טון איז: מאַסאַזש, קאָסמעטיק, ספּאָרט, אויפהאַלטן־זיך פריש און יוגנטלעך... באַמיִען־זיך צו זיין עלעגאַנט און אָנציִענד... אויף דעם אַלץ גיבן זיי, די מענער... די שענסטע מתנות... און מיט חכמה קען מען לעבן אויף זייער חשבון אַ גוטן טאָג!... אַ טייער פאָלק, די מענער: אי דו האָסט פון זיי פאַרגעניגן, אי זיי צאָלן דיר נאָך צו... נו, פרעג איך אייך, מיידלעך... — שאָקלט ליובאַ מיט אַ קאָקעטיש פיסל, וואָס איז אָפּגעדעקט ביז איבער די קני — לוינט זיך צו גיין האָרעווען, כל־זמן עס זענען דאָ מענער אויף דער וועלט?...

טאַמאַראַ, די פּולינקע ברונעטקע, וואָס וויגט־זיך אויף עטוואָס אַ קירצער פּיסל, — זי איז נישט מסכּים מיטביידן. נישט מיט ליובען און נישט מיט מרימען. זי איז קעגן קיבוץ, ווייל דאָרט איז מען נישט זעלבשטענדיק. עס איז אַ קאָלעקטיוו לעבן, אַ צוזאַמענדיקס, אַ איינדרויסנדיקס... נישטאָ די אינטימקייט פון אַן אייגענער היים, צווישן אייגענע פיר ווענט... אַ מענטש קען נישט פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת לעבן קאָלעקטיוו, בפרט נאָך אַ פרוי. זי, טאַמאַראַ, וואָלט בשום־אופן נישט געקענט אַ לעבן־לאַנג עסן פון אַ קאָלעקטיוון טאָפּ, דאָס וואָס אַלע עסן. און ווען זי וואָלט געמוזט אַלע טאָג טראָגן די זעלבע צוגעטיילטע קליידער, וואָס אַלע פרויען טראָגן, וואָלט זי געהאַט דאָס געפיל אַז זי טראָגט שפּיטאָל־קליידער. תּפיסה־קליידער, אָדער קאַצעט־פּאַשיאַקעס... דאָס זעלבע — מיטן סטאַנדאַרט־צימערל און סטאַנדאַרט־מעבל וואָס יעדעס פּאָרל באַקומט. יעדע פרוי האָט זיך דאָך איר געשמאַק, אירע קאַפּריזן, אירע אַמביציעס, אירע משוגעתן... אַט, צום ביישפּיל, פאַרגליסט זיך איר אויפצוהענגען אַט־אַזעלכע פאַרהענגלעך... אָדער צוגרייטן פאַרן מאַן עפּעס גאָר אַן אַנדערן מאכל... און אַ קינד וויל אַ מאַמע אויך האָבן ביי זיך און נישט ערגעץ אין אַ קינדער־הויז. און צו דעם אַלעמען, דוכט זיך איר, אַז אַפילו אַ מאַן אין קיבוץ איז אויך נישט קיין באַזונדערער מאַן, קיין באַזונדערע פּערזענלעכקייט מיט קיין באַזונדערן כאַראַקטער, נאָר ווי איינער פון אַ קאָלעקטיוועור מאַסע... ווי אַן אָקס פון אַ סטאַדע... און ווי קען ער דען אַנדערש זיין, אַז ער האָט נישט קיין פּריוואַט־איניציאַטיוו און קיין פּערזענלעכע אַמביציעס?... — ניין, זי האַלט נישט פון דעם!...

און נאָכמער האַלט זי נישט, טאַמאַראַ, פון דעם וועג אויף וועלכן ליובאַ גייט. ערשטנס איז דאָס זייער אַ גליטשיקער וועג. מען ווייסט קיינמאָל נישט מיט וועמען מען האָט צו טון... צווישן אַ יאָ און אַ ניין, קען מען ווערן אַ פּאַציענטקע ביי רעניען אין שפּיטאָל... און דאָס איז דיר נישט קיין גריפּע, אָדער קיין אַנגינע... צווייטנס, ווי לאַנג קען מען עס, ביי אַזאַ אָרט לעבן, זיך האַלטן יונג און פריש? מען ווערט דאָך פאָרט נישט יינגער... און נישט יעדן קנייטש פאַרדעקט קאָסמעטיק... דאַן ווערן שוין אויך די בעלנים אויף דיר אַלץ שיטערער. איז אויב דאַן זענען נאָך אַלץ באַשערט עטלעכע יאָר צום לעבן, איז פון וואָס? מיט וועמען? עלנטע קלויסטער־מייז זענען זיי דאָך!

און דאָ גיט זי זיך אַ ווענד, טאַמאַראַ, דירעקט צו ליובען:

— דו קריגסט, זאָגסטו, טייערע מתנות? צירונג? ברילייאַנטן?... נו, טראָג עס געזונטערהייט. אָבער ווען עס זאָל דיר, חלילה, אויסקומען צו פאַרקויפן עס, אָדער צו פאַרזעצן אין אַ לאָמבאַרד, וועסטו זיך דאַן איבער־

ציינג, וואָס דו וועסט דערפאַר באַקומען און ווי לאַנג דו וועסט דערמיט אויסקומען... און צוויטנס, זע אָקאָרשט צי דיינע בריליאַנטן זענען עכטע...

— וואָס?! — גיט זיך ליובאַ אַ שלײדער.

— ווייל מיר גלייבט זיך גאָרנישט, אַז מען זאָל דאָ געבן אַזעלכע טייערע מתנות...

— עס ווענדט זיך ווען, כאַ־כבאַ־כאַ!... לאַכט ליובאַ סאַרקאַסטיש — זיי ווערן דאָך פשוט משוגע פאַר מיר!... — פאַרשאַרצט זי נאָך העכער דאָס קלייד און שליידערט קאָקעטיש און נערוועז מיטן פיסל.

— יאָ... אָבער דו געפינסט זיך אין ישראל... צווישן ייִדן!... ייִדישע מענער האָבן טאַקע אַ שם פאַר די בעסטע פאַמיליע־מענער אויף דער גאַנ־צער וועלט, אָבער אַלס געליבטע, זענען זיי די ערגסטע ליבהאָבער... ווערט־פולע צירונג וועט אַ ייִדישער מאַן קויפן זיין אייגן ווייב, וועט עס בלייבן אין דער משפחה... ער טוט עס צוליב געוויסנסביסן, וואָס ער האָט זי אָפּגענאַרט... אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרן זייטן־שפּרונג ביי דיר... אָבער דו וואָס באַקומסט? אַ שטוּפּ אין די ציין!... עפּעס אַן אימיטאַציע־בראָשקעלע דאָרטן, פאַר אַ נאַרישע פאַר פונט...

— אַ פאַלשער באַגריף וועגן ייִדישע מענער! — פּראָטעסטירט ליובאַ — און בכלל זענען נישטאָ ייִדישע און נישט־ייִדישע. אַלע מענער זענען פון איין טייג געקנאָטן!... אַהאַ, איך קען זיי שוין גוט!...

— מילא. יעדע לויט אירע דערפאַרונגען... אָבער איך מיין, אַז די בעסטע קאַריערע וואָס יעדע פון אונדז קען מאַכן, איז חתונה האָבן... נע־מען אַ באַשיידענעם מאַן און פירן אַ רויק פאַמיליע־לעבן...

— אַ רויִק לעבן... אָט טאַקע וועגן דער רו, הייסט עס, גייט עס מיר!...

— כאַפּט זיך־אָן די רויט־האָריקע מרים — איך האָב נישט, פאַרשטייט איר מיר, מער קיין כח און קיין ענערגיע זיך צו ראַנגלען פאַר מיין עק־זיסטענץ. איך בין, הייסט עס, שוין מיד און האָב מער קיין נערוון נישט. און איך וויל, פאַרשטייט איר מיר, זיך נישט נאַרן, איך קען זיך, הייסט עס, און וויס, אַז איך בין נישט די שוינהייט, וואָס פאַרבלענדט... און ווען מען וועט, הייסט עס, אויסכאַפּן...

— אַ טעות מרים! דו לעבסט אין אַ גרויסן טעות, שוועסטערל... — ווערט ליובאַ צו איר צערטלעך, טרייסטנדיק געטריי — דאָ איז אַ מאַנגל אין פרויען, אַ דעפיציט!... נישטאָ דאָ קיין פאַרלעגענע סחורה... אַלץ כאַפּט מען אויס!...

— נו, מיך וועט מען נישט אויסכאַפּן... איך קוק זיך־אָן אין שפּיגל און איך זע...

— קאָסמעטיק, טייערע... נאָר קאָסמעטיק!... — לאָזט זי ליובאַ נישט רעדן — רויטע האָר איז היינט מאָדערן... איך וואָלט אָט אַזוי־אָ אַ נעם־געטון דיין פּייערדיקן קאָפּ און אַ מאַך־געטון אָט־אַזאַ־אָ פריזור... אַז די אָקסן זאָלן צערייצט ווערן!... דאַרפסט טראָגן אַ הויכן אַבצאַס, אַ דין ניילאָן־זעקל... אַ פליצקע פּאַרמאַגסטו דאָך, נאָר צום קושן... דאַרף מען טראָגן אַ בלוזקעלע מיט אָט־אַזאַ דעקאָלט... אַ ביטשל קרעלן, אוירינגלעך, אַ בראָש־קעלע, דאָס אַלץ גיט צו ווייבלעכקייט און חן... און דער עיקר: מען דאַרף שמייכלען... מענער האָבן פיינט פאַרזויערטע, פאַרזאָרגטע, ערנסטע געזיכ־טער. אָט, פּרוביר גיב אַ שמייכל... נו, אדרבה, מיידלעך, זעט וואָס פאַר אַ שיינעם שמייכל זי האָט... באַוויזן די ציין...

— לאָז אָפּ, ליובאַ... לאָז אָפּ... — בעט זיך מרים פאַרשעמט — עס שמייכלט זיך מיר נישט. דיינע מעלות, פאַרשטייט זיך, פאַרמאָג איך נישט. און לעבן פון ליבע, אַזוי לייכט און שפּילעוודיק ווי דו, הייסט עס, וועל איך אַוודאי נישט קענען... איך גיי אין קיבוץ. פאַר קיין אַרבעט האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט קיין מורא. איך האָב גיכער מורא פאַר זאָרג. אין קיבוץ וועל איך שוין נישט דאַרפן מער זאָרגן, נישט אויף היינט און נישט אויף שפּעטער. איך וועל דאָרט, פאַרשטייט זיך, זיין פאַרזאָרגט. צוגלייך מיט אַלע, הייסט עס. אַפילו אויף דער עלטער. און וואָס שייך אַ מאַן, הייסט עס, זענען די קיבוץ־מענער אויך ווי דו זאָגסט, פון איין טייג געקנאָטן... איך בין נישט אינטערעסאַנטער, הייסט עס, און שטיי נישט העכער פון זיי. איך האָב נישט, הייסט עס, קיין איינרעדענישן... איך האָף, פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל מיך דאָרטן אָפּזוכן איינעם. יעדעס טעפּל געפינט זיך איר שטערצל... אַפילו אַזאַ רויט־קופּערנער טאָפּ ווי איך... — האָט מרים פאַר־ענדיקט מיט אַ שמייכל.

דאָס איז געווען אַ ביטערער, גאַליקער שמייכל, באַשימערט מיט אַ טרער, וואָס האָט אַלע חברטעס זייער גערירט און אָפּגענומען זיי דאָס לשון אויף אַ פּאָר מינוט.

מלכה, די שלאַנקע ברונעטקע מיטן לענגלעך־שמאָלן פּנימל, האַלט מיט טאַמאַרען, כאָטש זי איז נישט מסכים מיט טאַמאַרעס מיינונג וועגן קיבוץ.

— פאַרוואָס־זשע גייסטו אויך נישט אין קיבוץ? — פרעגט טאַמאַרע.

— ווייל צו אַ קיבוץ דאַרף מען זיין דערוואַקסן! — רופט זי אויס מיט אַן אויטאָריטעטן טאָן פון אַ דערצי׳ערין — מיר זענען צופיל קאַליע, אַז מיר זאָלן זיך קענען אַריינפּאַסן אין וועלכער עס איז אידעי׳שער סביבה, אין אַזאַ אידעי׳שער־ראָמאַנטישער און ריינער אַטמאָספער. אַ קיבוץ שטעלט

פּאָר מיט זיך אַ קאָלעקטיוון לעבנס־פּאָרעם פון אַ נייער געזעלשאַפט, וועל־כע שטייט פיל העכער פון אונדז, מיט אונדזערע קליינלעכע אַמביציעס...

— גאָלדענע רייד!... — רופט אויס ליובאַ — שיינע רייד!... — נאָר איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט... דו האָלטסט דען אַ רעפעראַט?...

— טאַקע ביכל־לשון... — שמייכלט אויך מרים — פראַזן פון צייטונגס־אַרטיקלען, פון אַ בראָשור... מיר רעדן פון האַרץ און דאָס איז... זיי מיר מוחל, פּראָפּאַגאַנדע...

— מיט אַזאַ לשון, גננת טייערע... — שפּאַסט אויך טאַמאַראַ — וועסטו מיט דער צייט קאָנקורירן מיט גאָלדע מייערסאָן...

— איך וויל נישט קאָנקורירן מיט קיינעם — זאָגט מלכה ערנסט — און דאָס זענען נישט קיין פראַזן. וואָס שייך אַ גננת (פּרעבליסטן), וויל איך עס זיין דערפאַר, ווייל איך האָב ליב קינדער. נו, וואָס זאָל איך טון, אַז דערוואַקסענע מאַכן מיך מיד? זייערע קלוגע רייד זענען טוכלע און באַנאַל. זייערע נייעסטע וויצן האָט נאָך מיין עלטער־זיידע דערציילט... דערוואַקסענע זענען אָדער לאַנגווייליק און אומאינטערעסאַנט, אָדער כיטרע־פאַלש און גייציק. אין דער געזעלשאַפט פון קינדער פיל איך זיך גוט. קינדער זענען אויפריכטיק, פשוט, און אָפטמאָל רירנד מיט זייערע חכמות און איינפאַלן. עס ווערט מיר פריילעך אויף דער נשמה ווען איך שפּיל מיך מיט זיי...

— האָט מען אַליין אַ קינד און מען שפּילט זיך דערמיט... — זאָגט טאַמאַראַ מכלומרשט שפּאַסיק, אָבער פאַקטיש פול מיט בענקשאַפט נאָך דעם...

— האָבן אַ קינד? — פרעגט איבער מלכה? — נישט אויסגעשלאָסן. אַז מיר וועט באַשערט זיין, וועל איך האָבן... איך האַלט, אַז יעדע פרוי מוז האָבן כאָטש איין קינד. דאָס איז איר אויפגאַבע פון דער נאַטור...

— נאָך וואָס? כדי צו קאַליע מאַכן זיך די פיגור? אַ נויטיקע זאַך!... — איראָניזירט ליובאַ.

— כל־זמן אַ פרוי האָט נאָך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון מוטער־שאַפט, איז זי נאָך אַלץ קיין פרוי נישט!...

— וואָס? מיר האָט עס נאָך קיין איין מאַן נישט געזאָגט!... כאַ־כאַ־כאַ...

— דאָס דערפילט מען אַליין... אָבער, אַן אַנדער זאַך איז, וואָס איך ווייס נישט צי מיר, געוועזענע קאַצעטלערינס, האָבן איינגאַנצן אַ רעכט צו האָבן קינדער...

— וואָס הייסט?

— פאַרוואָס?

— ווייל אַ קינד פֿאָדערט אַ סך געדולד און מיר, קאַצעטלערינס, זע־נען נערוועז, היסטעריש, מיט צעשויבערטע נערוון. מיר וועלן נאָך די אייגענע קינדער נערוועז מאַכן און דערציִען אַ קראַנקן דור. דערצו נאָך האָבן מיר נישט קיין מאַמעס מיט קיין שוועסטערס, וועלכע זאָלן אונדז אַמאָל בייהילפֿיק זיין, אַפֿילו מיט אַן ערפֿאַרענער עצה, אין אַ דרינגענדן פֿאַל. אַליין זענען מיר עלנט און דאָס קינד וועט אויך נישט וויסן דעם טעם פֿון אַ באָבע, פֿון אַ מומע...

— און נערוועז מאַכן פֿרעמדע קינדער מעגסטו, גננת?... — פֿרעגט ליובאַ.

— ערשטנס זענען קינדער נישט איין קינד... צווייטנס דאַרף איך דאָך זיין צו זיי נאָר אַ גננת און נישט קיין מוטער. מוטערס האָבן זיי דאָך איי־גענע. איך דאַרף נאָר אויפֿפּאַסן אויף זיי אַ פּאָר שעה, געבן זיי שפּיל און פֿריילעכקייט, פֿאַרנעמען זיי מיט געזאַנג, טאַנץ און קינדער־אַרבעטן: קנעטן, שערן, מאָלן, אויסנייען עפּעס, אָדער גאָר שפּאַצירן... דאָס מאַכט נישט נערוועז... רעניאַס אַרבעט איז ערנסטער, פֿאַראַנטוואָרטלעכער. און אויב זי קען טאָן אירס, פֿאַרוואָס זאָל איך נישט קענען טאָן מיינס?... מען דאַרף נאָר ליב האָבן די אַרבעט.

— זייער ריכטיק. — זאָגט רעניאַ — אַז מען האָט נישט ליב די אַרבעט וואָס מען טוט, איז עס אַן אָפּקומעניש.

— פּונקט ווי צו זיין מיט אַ מאַן וואָס מען האָט נישט ליב... — גיט צו ליובאַ.

— אַריינגעפּאָרן מיט אַ פֿאַרגלייך... אָבער דו קלייבסט דאָך נישט איבער...

— ווייל איך האָב זיי אַלעמען ליב, כאַ־כאַ־כאַ...

— אַן אַרבעט וואָס מען האָט ליב, פֿאַרשאַפֿט תמיד פֿאַרגעניגן און פֿרייד. — זעצט פֿאָר רעניאַ —איך, צום ביישפּיל, ווייס אָפֿט נישט ווו דער טאָג אַנטלויפֿט מיר...

— אַזוי אינטערעסאַנט איז ער, דער לעאָן?... — טשעפּעט אַלץ ליובאַ.

אָבער רעניאַ מאַכט זיך נישט־הערנדיק און פֿרעגט טאַמאַרען:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, טאַמאַראַ?

— איך טראַכט וועגן דעם, אַז מיר, קאַצעטלערינס, וואָלטן נאָר גע־דאַרפֿט חתונה האָבן מיט קאַצעטלער. אונדזערס גלייכן. מיר האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל, מיר האָבן אַ געמיינזאַמע שפּראַך, געמיינזאַמע דערלעבונגען און דעם זעלבן צוגאַנג צו געוויסע פּראָבלעמען. ווער נאָך וועט דיך אַזוי פֿאַרשטיין, ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך געקאָכט צוזאַמען מיט דיר אין זעלבן קעסל... מיר האָבן דאָך דעם זעלבן טעם, דעם זעלבן גערוך...

— דערפאַר טאַקע טויג עס נישט! — דערוווידערט רעניאַ — מען דאַרף זיך ווינציקער קענען און ווינציקער וויסן איינער פון צווייטן... עס וועט זיין פיל געזינטער... קאַצעטלער זענען אויף אונדז צופיל מבין... קיין גוטס דערפון קאָן נישט אַרויסקומען. און זיי אַליין ווילן אויך בעסער, ווי ליובאַ זאָגט, „קעצעלעך"... און עס איז טאַקע ריכטיק. אַזוי דאַרף טאַקע זיין. עס איז דאָן גרינגער צו פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע. דו ווילסט דווקא לעבן מיט אָט די געמיינזאַמע דעראינערונגען? ווי לאַנג נאָך? עס פאַרסמט דאָך דאָס לעבן! וואָס גיכער מיר וועלן פאַרגעסן, אַלץ גיכער וועלן מיר זיך אויסהיילן פון אונדזערע קאָשמאַרן און ווערן געזונטע, נאָרמאַלע מענטשן...

— פאַרגעסן... און מיט שערבעלעך אויף די אויגן, הייסט עס, וועל איך פאַרגעסן?... — קרימט זיך מרים.

— דאַרף מען זיך כאָטש באַמיִען צו פאַרגעסן... אַ מאַן אַ קאַצעטלער וועט דיר תמיד דערמאָנען... און דאָס טויג נישט. ניין, מיר דאַרפן מענער מיט גאַנץ אַנדערע דעראינערונגען, מענער וועלכע וויסן נישט...

— נו, דיין לעאָן?... לייבישל, הייסט עס... ער ווייסט טאַקע פון גאָר־נישט... — גיט מרים פלוצלונג אַ שטאָך, ווי מיט אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק אין לייב אַריין.

רעניאַ ווערט רויט. עס גיט זי אַ ברי אונטערן האַרצן. אָבער זי באַהערשט זיך און ענטפערט רויִק:

— יאָ, לעאָן ווייסט... ער ווייסט דאָס וואָס ער דאַרף וויסן... דאָס וואָס עס אינטערעסירט אים צו וויסן... איך האָב אים נישט אָפּגענאַרט און נישט צוגעזאָגט דאָס, וואָס איך האָב נישט... צו דעם וועלכן איך האָב ליב, בין איך ערלעך און אויפריכטיק! לעאָן איז אויך אַזוי. אַ האַרציקער, טייערער יונג! אָבער פון קאַצעט־גיהנום ווייסט ער נישט און וועט מיט מיר וועגן דעם קיינמאָל נישט רעדן. דאָס איז דער עיקר...

— און ער האָט דיך טאַקע אַזוי שטאַרק ליב?... — פרעגט טאַמאַראַ.

— מיט אַלע מיינע חסרונות... מער ווי איך בין דאָס ווערט!... אָבער ער מאַכט דאָס אַלץ אויף אַ יִינגלשן אופן... אַז ער וויל מיך פּיעשטשען, רופט ער מיך „כעלעמער גאַליציאַנערין"... ער איז אָפּטמאָל קינדעריש־קאַפּריזנע, אָבער דווקא דאָס אימפּאָנירט מיך... טאַקע דאָס, וואָס ער איז נישט אַזוי ראַפינירט, נישט אַזוי קאַליִע, ווי אַנדערע...

— אָבער ער האָט דאָך גאָרנישט!... — קרימט זיך ליובאַ — אַ קבצן!... ער האָט דיר שוין עפּעס געקויפט?...

— אַ לופט־באַלאָן פאַר פינף פּיאַסטער... ביסטו צופרידן?...

— וואָס ביסטו בייז? מען טאָר נישט פרעגן?

— איך בין בייז אויף זיך אַליין, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אַריינצי:ען אין דעם געשפּרעך. מיר האָבן דאָך גערעדט אַבסטראַקט, אין אַלגעמיין. נאָכוואָס אַריינקריכן אין יענעמס אינטימע ענינים און אַריינמישן דעם, אָדער יענעם?...

— יאָ, גערעכט, גערעכט מיין קינד... מען דאַרף נישט פּראָפּאַנירן די הייליקע, געטלעכע ליבע, אָך!... — דעקלאַמירט ליובאַ מיט אַ מעלאָדראַ־מאַטיש טענדעלע און מיט אַ חוזקדיק־סענטימענטאַלע מינע, גלייך רעניאַן אין פּנים אַריין. און באַלד דערנאָך צעזינגט זי זיך מיט „געפיל״:

איך קען נישט שלאָאָאָאָפן
אַ גאַנצע נאַכט,
לי—י—י—י—י—י—בע,
ווער האָט עס אויסגעטראַכט ? . . .

און באַלד ווערט זי ערנסט, ליובאַ, און נאָכדעם צעלאַכט זי זיך ווידער:

— איר ווייסט, מיידלעך? איך הער זיך אַזוי־צו צו אונדזער שמועס און טראַכט, אַז מיר זענען גאַנצע פילאָזאָפקעס... מיר באַהאַנדלען ערנסטע לעבנס־פּראָבלעמען... מיר ווייזן זיך אַרויס אַלס וואַזשנע פּסיכאָלאָגן... מיר רעדן אַזוי אינטעליגענט וועגן כאַראַקטער, מענטאַליטעט, טעמפּעראַמענט...

— וועגן טעמפּעראַמענט האָבן מיר נישט גערעדט...

— ניין? עס האָט זיך מיר געדאַכט... אָבער וועגן מאָראַל און אי־דעי:שקייט און נאָך אַזעלכע טיפע זאַכן... און איך הער און שטוין: פון וואַנען קומט דאָס צו אונדז? פון וואַנען ווייסן מיר אַזוי פיל?... ווו האָבן מיר עס געלערנט? אין וועלכע אוניווערזיטעטן?... ווו האָבן מיר בכלל גע־זען „לעבן״, וואָס מיר ווייסן אַזוי פיל וועגן לעבן?...

— ווו מיר האָבן געלערנט?... אין היטלערס קאַצעטן, ליובאַ... דאָס זענען געווען די אמתע אוניווערזיטעטן!... — לאַכט רעניאַ — קיין סך פלייש און שמאַלץ איז אויף אונדזערע ביינער נישט געווען, האָבן מיר געקענט לייכט זען יעדנס נשמה... מיטן לייב האָבן „מיר״ נאָך דאַן נישט שטאָלצירט... סיי־ווי נישט געווען אויף וואָס צו קוקן... מיט וואָס צו רייצן... האָט מען זיך אויסגעלערנט צו דערקענען זיך אויף כאַראַקטערן, צו פאַר־שטיין מענטאַליטעטן... נאַטירלעך, נישט יעדער האָט געלערנט דאָס זעל־בע... אויך לויטן כאַראַקטער און מענטאַליטעט... יעדע פון אונדז האָט גע־לערנט עפּעס אַנדערש...

— און דאָך, געטון האָבן מיר שפּעטער אַלע דאָס זעלבע, כאַ־כאַ־כאַ...

— רייצט זיך ליובאַ.

— אמת. איינמאָל געטון שלעכט. געטון אַ נאַרישקייט. אָבער קיין פּראָפעסיע דערפון האָבן נישט אַלע דערפון געמאַכט...

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז... דו אַלנפּאַלס, האָסט שוין היינט צופיל געזאָגט!

— גענוג, מיידלעך! הערט אויף! איך זע, אַז עס פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַ קריגעריי — רייסט איבער מרים דאָס געשפּרעך. — אונדזערע וועגן, הייסט עס, צעגייען זיך טאַקע, אָבער מיר מוזן דאָך, פאַרשטייט זיך, נישט צעשיידן זיך צעקריגטע!... טאָמער איז אונדז נאָך געבליבן, הייסט עס, צו זיין עטלעכע וואָכן צוזאַמען...

— אַז ווער קריגט זיך, חלילה?

— קיינער קריגט זיך נישט...

— און אַז מען זאָגט שוין אַ וואָרט?...

— איך האָב עפּעס צו איר?

— און איך האָב דען עפּעס געמיינט?...

— נו, שוין, לאָזט שוין אָפּ. לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש... — זאָגט טאַמאַרא.

און ליובאַ כאַפּט אַרויס פון איר האַנט־בייטל אַ ברעטל שאָקאָלאַד, צעברעכט עס און טיילט עס פאַנאַנדער צווישן אַלע:

— נאַט, מיידלעך, עסט שאָקאָלאַד און האָט אַ זיס לעבן!...

מיט אָט דער שאָקאָלאַד האָט זי, מער ווי מיט איר געלעכטערל און גוטע רייד, דערוויזן, אַז זי איז נישט ברוגז און חלילה נישט באַליידיקט, נאָר פאַרקערט און אדרבה...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט דעם שמועס האָבן די געוועזענע „לוטס טעכטער" געפירט אין זייער, לעצטער צוזאַמענוווינונג אין דזשעבעליאַ, זיצנדיק יעדע אויף איר בעטל.

זיי האָבן אָפט געהאַט צווישן זיך ענלעכע שמועסן. אָבער היינט האָבן זיי, מער ווי ווען־עס־איז, געפילט אַ באַדערפעניש זיך דורכצורעדן און אַראָפּצורעדן־זיך אַלץ פון האַרצן. יעדער איינער קוועלט עפּעס, יעדער איינער מאַטערט אַ באַזונדער געדאַנק, ספיקות און אומקלאָרע פאַרשטעלונגען. און דער עיקר: יעדע איינע שרעקט זיך עפּעס פאַר דער צוקונפט, ווי פאַר אַ ווילדן וואַלד וואָס זי מוז איצט אַדורכגיין אַליין.

ביז איצט זענען זיי זיך געווען נישט בלויז חברטעס, נאָר שוועסטערס איינס דאָס אַנדערע. טאַקע ווי טעכטער פון איין טאַטן און זאָל דער טאַטע

אַפֿילו האָבן געהייסן: לוט... און ווייל אויך פֿון זייערע מאַמעס איז געוואָרן זאַלץ, — זענען זיי זיך אויך געווען מאַמעס איינע צו דער אַנדערער. — איך געטרייע, געקניפּט און געבונדענע משפּחה.

אָבער איצט ווייסן זיי שוין, אַז די משפּחה צעפֿאַלט זיך. נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און זיי וועלן זיך צעגיין, יעדע אין איר באַזונדערן וועג.

מרימען איז אין צוקונפֿט קלאָר. אַן אילוזיעס און אַן פּרעטענסיעס. זי האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק און מיט איר גורל. רעניאַ און מלכּה האָבן כאָטש פּראָפּעסיעס. יעדע האָט אַ פֿאַך אין האַנט, צו טון אַן אַרבעט וואָס זי האָט ליב. זיי וועלן שוין נישט פֿאַרלוירן־גיין. מער־ווייניקער פֿאַרזאָרגט. ליובאַ טראַכט נישט וועגן דער צוקונפֿט. זאָל עס גיין ווי עס גייט. זי לעבט מיטן טאָג, מיט דער נאַכט. היינט האָט זי דאָס פֿלעשל פּערפֿיום, דאָס שאַכטל שמינקע, דאָס ברעטל שאָקאָלאַד און דעם אָונטברויט אין נאַכט־לאָקאַל מיט דעם, אָדער מיט יענעם. און מאָרגן? — זי וויל גאָרנישט וויסן פֿון קיין מאָרגן. אַפֿילו אָפּצושפּאָרן אַ לירע טראַכט זי נישט. וויפֿל זי האָט, גיט זי אויס, קויפֿט זיך שמאָכטעס און נאַשט. ביי דעם אַלעמען, פֿילט זיך עפּעס קיין איינע נישט זיכער מיט זיך. יעדע באַזונדער איז זייער אומרויִק און שרעקט זיך פֿאַר דאָס אומבאַקאַנטע וואָס דערוואַרט זי.

אָבער מער פֿון אַלע איז צעטרעוואָגעט טאָמאַראַ. זי איז טאַקע חנעוודיק, זי איז טאַקע שיין, אָבער אַ קורץ פּיסל האָט זי... אָט וועלן איר צעקריכן די פֿאַר פֿונט וואָס זי האָט באַקומען ביים פֿאַרלאָזן דעם בית־עולים און קיין פֿאַך האָט זי נישט. זי שמייכלט אַן אומעטיק־חנעוודיק שמייכל און ווייזט נישט אַרויס פֿאַר אירע חברטעס די צעדרודערטקייט אין איר געמיט. אָבער ווייַנען גלוסט זיך איר. ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעט מיידעלע שרעקט זיך ביינאַכט פֿאַר איר אייגענעם שאָטן, אַזוי שרעקט זי זיך פֿאַר איר עלנט אין די נאָענטסטע טעג.

און אַלע צוזאַמען ווייסן, אַז דאָס „משפּחהלע" האָט היינט איינעם פֿון די לעצטע שמועסן... וועמ ווייסט, צי אין דער צוקונפֿט וועט מען זיך אָפּט זען? צי מען וועט זיך טרעפֿן אַמאָל... צי איינע וועט נאָך וועלן באַגעגענען דער צווייטער?... דאָס מזל קען זיך אַמאָל צו איינע אַזוי צעשמייכלען און עס זאָל איר אַזוי גוט זיין, אַז זי זאָל אירע אַמאָליקע חברטעס נישט דערקענען... אָדער נישט וועלן קענען... און ווען אַפֿילו יאָ, — וועט מען דען נאָך דעמאָלט אויך זיין אַזוי אָפֿנהאַרציק ווי איצט?...

אַ וועג איז מען דורכגעגאַנגען צוזאַמען... אַזאַ משונהדיקן, גרויליקן וועג! אַזאַ מהומהדיקן, קאָשמאַרנעם גיהנום־וועג! און איצט? — — —

ליובאַ האָט אַלעמען טראַקטירט מיט סיגאַרעטן. זיי האָבן נערוועז

פאַרצויגן און אַרויסגעלאָזן דעם רויך, קוקנדיק פאַרחלומט, ווי ער קרייזלט־זיך, קרייזלט־זיך מילכיק־בלוי, בלוילעך־גרוי און צערינט...

מלכה האָט פלוצלונג פאַרצויגן דאָס ליד:

צען ברידער זענען מיר געווען,
האָבן מיר געהאַנדלט מיט וויין.
איז איינער פון אונדז אַוועקגעפאָרן,
זענען מיר געבליבן ניין...

און אַלע פינף חברטעס, מיט אַ ביטערקייט אין די נעזלעך און מיט פייכטע, פיבערדיקע, פאַרויטלטע וויִעס, האָבן אונטערגעהאַלטן:

אוי, יידל מיטן פידל,
שמערל מיטן באַס,
שפּילט־זשע מיר אַ לי—י—ידל
אויפן מיטן גאַס...

די ערשטע איז אַוועק מרים.

פאַרטאָג איז דאָס געווען. קיין אויטאָס זענען נאָך נישט געפאָרן און זי איז אַוועק צו־פוס.

איר גאַנץ „האָב־און־גוטס" איז באַשטאַנען פון איין מאָגערן רוקזאַק, וואָס זי האָט גענומען אויף די פּלייצעס.

די גאַנצע נאַכט פריִער זענען אַלע חברטעס נישט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט גערעדט און גערעדט. פאַרטאָג האָבן זיי צוזאַמען געטרונקען טיי און געגאַנגען זי באַגלייטן.

עס איז נאָך געווען צו־פרי צו קריגן אַ טרעמפּ. די חברטעס האָבן זי באַגלייט ביז צו דער דזשעבעליער ראָגאַטקע. דאָרט האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל צעקושט און אָנגעבעטן, צו שרייבן...

לאַנג־לאַנג האָבן זיי נאָכגעקוקט דעם רויטן קאָפּ מיטן מאָגערן רוק־זעקל... דורך די פרימאָרגנדיק פוסטע גאַסן פון יפו איז מרים געגאַנגען מיט אַ מאַנצבילשן טראָט, ווי אַ פאַרשפעטיקטער זעלנער — צו די קאַ־זאַרמעס. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך אומגעקוקט, געוויזן איר רויט־געפּיִעגט פּנים מיט נאָך רויטערע, גאָרנישט קיין זעלנערשע און גאָרנישט קיין מאַנצ־בילשע פאַרוויינטע אויגן...

פון ווייט־ווייט האָט זי נאָך געוואָרפן דעם לעצטן לופט־קוש און פאַר־שלונגען־געוואָרן אין אַ זייטיקער גאַס.

זי איז געגאַנגען צו־פוס קיין תל־אביב, כדי דאָרט, אויף דער צענט־ראַלער אויטאָבוסן־סטאַנציע „תחנה מרכזית", געפינען דעם אויטאָבוס וואָס פירט צו איר אין קיבוץ.

די צווייטע איז אַוועק ליובאַ.

ליובאַ איז אייגנטלעך נישט אַוועק. זי איז גאָר נישט צוריקגעקומען... נישט געקומען אַ נאַכט און צוויי און דריי...

צום אָנפאַנג האָבן זיך די מיידלעך זייער באַומרויקט. מען האָט אַפילו געקלונגען צו דער משטרה (פּאָליציי) און צום מגן־דוד־אדום (דער רויטער מגן־דוד, גיכע הילף). אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז יעדע נאַכט טרעפט מען ליובאַן אין תל־אביב, אויף דער גאַס הירקון. מען טרעפט זי דאָרט אין די נאַכט־לאָקאַלן און ביי די טוריסטן־האָטעלן. זי רויכערט סיגאַרעטלעך און איז כמעט תמיד בגילופין...

די דריטע איז אַוועק טאַמאַראַ.

זי האָט זיך באַקענט מיט אַ פאַבריקמאַכער, אַן עולה־חדש, אַ שטיקל אינוואַליד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, הינטער סטאַלינגראַד איז ער קאָנטוזשעט געוואָרן. דערפאַר האָט ער דאָ איצט באַקומען אַ רשיון (דער־לויבעניש) צו עפענען אַ רעזורע. טאַמאַראַן האָט ער אָוועקגעשיקט צו זיינער אַ קוזינקע אין רמת־גן, זי זאָל זיך דאָרט ביי איר אויסלערנען מאַכן מאַ־ניקור. אָנדולאַציע וועט ער זי שפּעטער אַליין אויסלערנען. איצט רעמאָנ־טירט ער דאָס געשעפט וואָס ער האָט באַקומען צוזאַמען מיט אַ וווינונג. ווען אַלץ וועט זיין פאַרטיק, וועלן זיי שטעלן אַ חופה און עפענען דאָס געשעפט...

געבליבן זענען פאַרלויפיק צוזאַמען מלכה און רעניאַ.

צוזאַמען, כאָטש זיי זענען־זיך זייער זעלטן. מלכה אַרבעט שוין אין אַ גן־ילדים ביים „אירגון אמהות עובדות״, אַ קינדער־גאָרטן ביי דער אָרגאַ־ניזאַציע פון אַרבעטנדיקע מוטערס. אַזוי, אַז זי איז שוין דאָרט פאַרנומען גאַנצענע טעג. רעניאַ, דערקעגן, האָט לעצטנס כסדר נאַכט־דיזשור, וואָרעם עס איז דאָ אַ מאַנגל אין קראַנקן־שוועסטער. אַזוי אַז זי פאַרבלייבט גאַנצע נעכט אין שפּיטאָל.

אָבער אָט האָט זיך געמאַכט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויך צוגע־איילט רעניאַס אַוועקגיין. די לעצטע צוויי חברטעס האָבן זיך צעשיידט און פון אַלע פינף, איז מלכה אַליין געבליבן. די בעטלעך זענען טאַקע נישט געבליבן ליידיק, וואָרעם באַלד זענען אָנגעקומען פרישע מיידלעך אין דעם בית־חלוצות. מלכה האָט זיך מיט זיי באַקענט, עטוואָס דערנענטערט. אָבער דאָך געבליבן איינזאַם, אַ פרעמדע צווישן פרעמדע.

און צוגעאיילט רעניעס אַוועקגיין האָט דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן דער משפחה קאַרלסבאַך.

## קאַפּיטל זעקס

# די פּאָליציי־פּעסטונג „עיראַק־סואיִדאַן"

אויפן וועג קיין באר־שבע, אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון ייִדישן דאָרף נגבה (נעגבאַ), אויף אַ ברייטן און נאַקעטן באַרג, דערהויבט־זיך די מעכטיקע, אייזנבעטאָניקע פּאָליציי־פּעסטונג עיראַק־סואידאַן.

די פעסטונג מיט אירע טורעמס, איבערהויפּט — דעם העכסטן, דעם דרום־מזרחדיקן טורעם, אויף וועלכן עס פלאַטערט די מצרישע פאָן אויף אַ הויכן שטאַנג, זעט מען קילאָמעטער־ווייט אין נגב.

און פון די פילצאָליקע פענצטערלעך, עפענונגען, שפּאַלטן און ריצן אין די דיקע, אייזנבעטאָניקע ווענט און טורעמס, זעט אויך דער שונא די גאַנצע סביבה אַרום, אויף אַ מרחק פון אַ סך קילאָמעטער. וואָרעם דער שטח אַרום דער פעסטונג, וואָס הויערט אויפן רוקן פון דעם ברייטן באַרג, איז אַ נאַקעטער און אַן אָפענער.

פאַרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָבן די ענגלענדער געזאָרגט דערפאַר, אַז די פּאָליציי־פּעסטונג עיראַק־סואיִדאַן זאָל באַזעצט ווערן דורך אַן אָרטיקער אַראַבישער כנופיא. אָט די אַראַבישע כנופיא האָט, אָבער, נישט געהאַט קיין אינטערעס צו זיצן אַן אָפּגעשלאָסענע צווישן די מויערן פון דער פעסטונג. דאָס איז נישט געווען קיין מיליטערישע איינהייט וואָס שאַצט־אָפּ די וויכטיקייט פון אַזאַ סטראַטעגישן פּונקט. עס איז איר דאָרט געווען לאַנגווייליק און זי האָט זיך געריסן צו דעם, צו וואָס זי האָט זיך אייגנטלעך אָרגאַניזירט: צו זאַקרויב פון ייִדיש האָב־און־גוטס. אירע הויפּטצילן און אַמביציעס זענען געווען: באַפאַלן אַ שוצלאָזן ייִשוב, אונטערגנבענען שאָף און רינדער, תבואה און מלבושים. צענעמען די וואַסערדערן און פאַרשלעפּן עטלעכע ווייבער.

האָט אָט די אַראַבישע כנופיא איבערגעגעבן עיראַק־סואיִדאַן צום פרעמדן, מצרישן מיליטער.

האָבן טאַקע די מצרים אַרויפגעצויגן אויפן הויכן שטאַנג זייער מצרישע פאָן און האָבן־זיך אין טאָוול פון די דיקע, אייזנבעטאָניקע ווענט פאַרפונדעוועט, ווי העלדישע דעראָבערער.

זיצן זיי אינעווייניק, פּרעהס אייניקלעך און קאָנטראָלירן דעם וועג קיין באר־שבע, דעם הויפּט־וועג צום נגב, צו ייִדישע ישובים און צו די בערגלעך און משלטים, וואָס זענען דורכן יונגן ייִדישן מיליטער ערשט נישט לאַנג דעראָבערט געוואָרן.

און ווי אַ טיגער איבער אַ שעפּעלע, וואָס ער האָט שוין צעביסן, צע־שונדן, אָבער נאָך נישט באַוויזן עס צו פאַרצוקן, — אַזוי שטייט עיראַק סו־איִדאַן איבערן ייִדישן דערפל נגבה וואָס בלוטיקט צופוסנס דער פעסטונג.

די בנינים פון דערפל זענען שוין חרוב געוואָרן, די גאַנצע ווירט־שאַפט — פאַרוויסט. דאָס דאָרף איז שוין מער קיין דאָרף נישט, נאָר אַן אונטערערדישע פּאָזיציע. דאָס גאַנצע לעבן דאָרט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און פאַרגראָבן אין אונטערערד. אַראָפּ אין די היילן, אין בונקערס, אין שפּיטאָל. אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד איז מער גאָרנישט געבליבן פאַר דער פאַרצוקערישער פייער־צונג פון עיראַק־סואיִדאַן. און וויפל מאָל עס דאַכט זיך דער מצרישער היִענע אַז דאָס ייִדיש שעפּעלע איז שוין טויט און זי קען עס שוין אויפפרעסן, באַווייזט נאָך נגבה אַז עס לעבט... עס שטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד... וויפל מאָל די מצרישע חיילות, מיט טאַנקען, קייטן־פאַנצערס און ברען־טראָגערס, האָבן זיך צום דערפל דערנענטערט, האָט נגבה אַלץ געהאַט דעם כוח זיי צוריקצושטויסן...

זיבן מאָל האָבן שוין ייִדישע חיילות דער פעסטונג געשטורעמט. און אַלע זיבן מאָל זענען די אָנגריפן אָפּגעשלאָגן־געוואָרן מיט גרויסע פאַר־לוסטן.

די מצרים האָבן, הינטער די דיקע, אייזנבעטאָניקע ווענט, געהאַט גאַנץ ווייניק קרבנות, אָבער די ייִדישע חיילות האָבן צעזייט זייערע גע־פאַלענע צופוסנס דעם פאַרשאָלטענעם באַרג און אין די הייסע פאָלדן פון דעם אָנגעכוואָליעטן מדבר־זאַמד אויפן גאַנצן שטח אַרום.

עיראַק־סואיִדאַן איז אַלץ געבליבן שטאַרצן ווי אַ שטעכעדיקער דאָרן אין לייב פון ייִדישן נגב.

און די פאָן, די פאַרהאַסטע מצרישע פאָן אויפן לאַנגן שטאַנג, איבערן העכסטן טורעם, — זי פלאַטערט ווייטער צום רום פון פּרעהס אייניקלעך און צו דער דערדריקטער שטימונג, צו אויפרעגונג און שנאה פון די זין פון ישראל.

די פאָן פלאַטערט און רייצט־זיך, חוזקט און דראָט. דער ווינט שפּילט זיך מיט איר, פאַרוויקלט זי און וויקלט זי אויף. און ייִדישע חיילים, פאַר־

גראָבענע אין די אַרומיקע טראַנשייען, קוקן־אַרויף, גלאָצן צו איר און שטשירען מיט די ציין:

— ווי קומען די מצרים אַהער? — פרעגן זיי זיך. — וואָס פאַר אַ שייכות האָט די פאַרהאַסטע פאָן זייערע מיט אונדזער נגב, וואָס מיר האָבן מיט מסירת־נפש אָנגעהויבן אויפצולעבן?

יאָרטויזנטער איז דער מדבר געלעגן אַ נאַקעטער און בלויז שיטערע דערנער האָבן ווו־נישט־ווו געוואַקסן אויף זיין זשאַווערדיק־ברוינעם און שימלדיק־גראָען לייב, אָדער אין די פאַלדן פון די זאַמד־כוואַליעס. ערשט מיר האָבן דאָך אים באַוויזקט מיט אונדזער שווייס און באַפרוכפּערט מיט אונדזער עקשנות. דער מדבר האָט זיך אין פרוכטבאַרן פעלד פאַרוואַנדלט, אָנגעהויבן צו ברענגען ברכה פאַר אַלץ וואָס לעבט אַרום...

„נו, ווילן נישט פרעהס אייניקלעך קיין ברכה פאַר די קינדער פון ישראל. מיט אומאויפהערלעכן פייער ווילן זיי די ברכה צוריק פאַרוואַנדלען אין אַ קללה. צוריק פאַרוויסטן די שפּעדיקע פעלדער, צוריק פאַרוואַנדלען די אויפגעלעבטע ערד אין מדבר, אין זאַמדיקן, דערנערדיקן מדבר!

„וואָלטן דאָס כאָטש געווען אָרטיקע אַראַבער, היגע, אַלט־איינגעזע־זעסענע, וועלכע האָבן דאָ וועלכע עס איז אינטערעסן, פּרעטענסיעס! אָבער מצרים? וואָס ווילן דאָ די מצרים?!“.

— זיי האָבן זיך פאַרבענקט נאָך די צען מכות...

— דאַרף מען זיי טאַקע געבן!...

— נו, גיבן!... אַז זיי זיצן אין דער פאַרשאָלטענער פעסטונג!

— ווי רייסט מען אים אויס, אָט דעם שטעכעדיקן דאָרן, פון דעם נאַקעטן באַרג־רוקן?!

***

אַ טינטיק־פינצטערע נאַכט.

אלוף יצחק פאָרט אין זיין דזשיפּ פאָראויס זיין קאַראַוואַן טאַנקען און קייטן־פאַנצערס. ער פאָרט פאַרביי עיראַק־סואידאַן, אויפן וועג קיין באר־שבע. ער איילט צו־הילף דער קעמפנדיקער איינהייט דאָרטן, וואָס געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע.

דער קאַראַוואַן באַוועגט־זיך איבער בערגלעך און טאָלן, איבער אויס־געטריקנטע וואַדיס (טייך־קאָרעטעס ווו ווינטער־צייט שטראָמט רעגן־וואַ־סער), און משלטים וואָס זענען ערשט נישט לאַנג דעראָבערט געוואָרן. און נישט געקוקט אויף דער שטרענגסטער פאַרזיכטיקייט, נישט קיין שימער צו טון מיט קיין זיך־רויכערנדיקן סיגאַרעט אַפילו, — פילט דער געניטער מיליטערמאַן בחוש, אַז דער שונא הערט זיך־צו צו יעדער באַוועגונג, צום

רויש פון די מאָטאָרן, צום גרילצן פון די שפּרינג־פּעדערן און צום שאָרכן פון די קייטן־רעדער אויף ערד און אַספּעלט. דורך די לעכער אין די דיקע, אייזנבעטאָניקע ווענט, לויערן מענטשן מיט אָפענע אויגן! זיי דיסטאַנצירן דאָס געוועער צו אים! לויטן פייפן פון די קוילן און לויט די נאָענטע אויפ־רייסן, שאַצט יצחק אָפּ די פּרעציזקייט פון דעם מצרישן געוועער, דאָס צילן און דיסטאַנסירן.

— זיי שפּירן נאָך, ווי זיי וואָלטן מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט!... — וויצלט ער זיך מיט זיינע לייט — אַט דאָס הייסט געצילט!... — אַט דאָס הייסט געשאָסן!... לערנט זיך, חברה!...

יאָ, ער וויצלט זיך, דער אלוף. אין די סאַמע געפּאַרפּולסטע און גורלדיקסטע מאָמענטן פאַרלירט ער נישט זיין געמיטלעכקייט, זיין הומאָר. ווען זיין אָפּטיילונג האָט זיך איינמאָל געפונען כמעט אינגאַנצן אָן ארומגע־רינגלטע דורכן שונא און קיין אַמוניציע איז שוין נישט געווען און אַפילו נישט קיין מעגלעכקייטן אים צו דערלאַנגען, — האָבן אים אַרומגערינגלט זיינע פאַרצווייפלטע אָפיצירן מיט דער פראַגע:

— וואָס טוט מען איצט?!

אויף דעם האָט זיי דער אלוף יצחק צוריקגעענטפערט, אויף זיין יידישלעכן שטייגער, אויך מיט אַ פראַגע:

— וואָס טוט מען ביי אונדז יעדן טאָג, אין אַט דער צייט?

די צעטומלטע אָפיצערן האָבן נישט פאַרשטאַנען די פראַגע פון אלוף און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. דאַן האָט ער עס אַליין פאַרענטפערט:

— אַלע טאָג, אין דער צייט, קאָכט מען קאַווע... טוט איצט דאָס זעלבע, וואָס אַלע טאָג, אין דער צייט!...

שווער צו זאָגן, וואָס די אָפיצערן האָבן געטראַכט אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן באַקומען אַט דעם באַפעל. קאַווע גאָר קאָכן אין אַזאַ קריטישן מאָמענט! אָבער דער באַפעל פון אלוף איז אויסגעפירט געוואָרן. מען האָט געקאָכט קאַווע און מען האָט געטרונקען... און טרינקענדיק, כלומרשט זייער געמיטלעך די קאַווע, האָט דער יונגער קאָפּ פון דעם אַלטן מאַן געאַרבעט און עפּעס אויסגעאַרבעט... דווקא מיט אַט דער געמיטלעכקייט האָט ער נישט נאָר געפונען אַן אויסוועג פון דער לאַגע, אַרויסצוגיין פון דער אַרומ־רינגלונג, נאָר ער איז ראַפּטום באַפאַלן דעם שונאס אַ פליגל איז. בלויז מיטן אָפּשרעקנדיקן מאָטאָרן־געררויש, אים באַהערשט...

אויך איצט וויצלט ער זיך, כאָטש דאָס פייער וואָס עיראַק־סואיזדאַן האָט געעפנט אויף אים קימערט אים ווינציקער ווי עפּעס אַנדערש: אויסערן באַ־שיסן, פירט־אויס עיראַק־סואיזדאַן נאָך אַ וויכטיקערע אויפגאַבע. דער שונא אין דער פעסטונג שפּירט־אויס יעדן ריר, יעדן קער־און־ווענד אויפן גאַנצן

שטח אַרום און גיט עס צו ווּיסן זיין שטאָב! דאָרט ווייסט מען שוין, אַז אַזאַ קאַראַוואַן קומט אָן! מען ווייסט כמעט געניי, מיט וויפל און וואָסערע מאַשינען, מיט וואָס פאַר אַ כוח דער קאַראַוואַן קומט אָן!

אלוף יצחק וויצלט זיך... אָבער ער ווייסט דאָס, וואָס אַ סך געפּרווּטע דאָ ווייסן: עיראַק־סואַידאַן באַדראָט דעם הויפּט־וועג פון דרום צום נגב, — די הויפּט־אַרטעריע וואָס איז איינגענומען געוואָרן מיט אַזוי פיל איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונגען! און ער ווייסט, אַז: די מינדעסטע ענדערונג פון דער לאַגע קען אינגאַנצן אָפּשניידן דעם וועג! און ווען דאָס, חלילה, געשעט, דאַן, — דאַן איז אויך די שלאַכט פאַר באר־שבע פאַרלוירן! — — —

דער קאַראַוואַן איז בשלום אַדורכגעפאָרן עיראַק־סואַידאַן. יאָ, בשלום, כאָטש יצחק ווייסט, אַז אויב זיי האָבן אים נישט געטראָפן און נישט באַשעדיקט קיין מאַשינען, איז דאָס נישט ווייל זיי קענען נישט, נאָר דערפאַר ווייל זיי ווילן נישט... ווייל זיי האָבן דערביי אייגענע אויסרעכענונגען... זיי האָבן אים געגעבן אַן אַדורכגאַנג „פון חסד־וועגן"...

אָבער איידער נאָך ער איז אָפּגעפאָרן אַ פאָר קילאָמעטער, דערהערט ער, אַז ווידער האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט הינטער אים. נאָכאַמאָל אַ שלאַכט מיט עיראַק־סואַידאַן. ווער זאָל עס דאָרטן זיין?... דובי?... איז אפשר טאַקע דאָסמאָל?...

און ווי נאָר ער האָט דערגרייכט די קאָמאַנדיר־פּאָזיציעס ביי באר־שבע, קומט מען אים שוין אַנטקעגן מיט שמחה און מען דערציילט אים:

— דאָס געשפּענסט איז געפאַלן!...

יצחק ווייסט, אַז עס איז בלויז אַ שמועה, אַ קלאַנג... ער וויל אָבער נישט אַנטמוטיקן דער חברה. זאָלן זיי זיך פרייען אַ ביסל... זאָל עס זיי געבן קוראַזש...

אַ ביסעלע שפּעטער קומט טאַקע אָן די ריכטיקע ידיעה:

— עט!.. פּוסטע מעשיות!

— דער אַנגריף איז ווידער אָפּגעשלאָגן געוואָרן!

— ווידער פאַרלוסטן!

און די פאַרשאָלטענע מצרישע פאָן פלאַטערט ווייטער אַ זיכערע איבערן העכסטן טורעם פון דער פּאָליציי־פעסטונג עיראַק־סואַידאַן.

**
*

דער גרוס, וואָס דער אלוף יצחק האָט איבערגעגעבן זיין שכן, זכריה קאַרלסבאַכן, פון זיין זון, איז דווקא געווען אַ גוטער, אַ פריילעכער:

— ערשט היינט באַגינען האָב איך אים געזען און גערעדט מיט אים, מיט אייער עזריאלן. ער איז געזונט און מונטער!... איר זאָרגט זיך דאָ פֿאַר אים און ער זאָרגט זיך דאָרט פֿאַר אייך... נו, אויף דעם זענען מיר דאָך ייִדן, אַז מיר זאָלן זיך זאָרגן... — האָט ער גוטמוטיק געלאַכט.

— איז ווען־זשע וועל איך האָבן די זכיה אים צו זען?... — האָט זכריה נישט באַהאַלטן זיין פֿאָטערלעכע בענקשאַפֿט, אומרו און זאָרג.

— בקרוב, בקרוב... ער איז דאָרט איצט אַ ביסעלע פֿאַרנומען... ער גרייט דאָרט צו אַ ספּאָרט־פּלאַץ פֿאַר די אַראַבער, אַז זיי זאָלן דאָרט קענען שיין שפּרינגען... ער קען די אַרבעט אויסגעצייכנט!...

— און וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט טאַקע זיין אַרבעט? אויב, נאַטירלעך, עס איז נישט קיין סוד און אַ טאַטע מעג וויסן...

— דיווערסיע — האָט זיך יצחק אַרויסגעכאַפּט.

— הם... — האָט זכריה אָפּגעזיפֿצט און פֿאַרביסן די ליפּן.

לויט זכריהס „הם...״ האָט דער אלוף פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ פֿאַר זיך אַן אויסגעדינטן און אויסגעפּרוּווטן סאָלדאַט, וועלכער ווייסט וואָס דיווערסיע איז אַזוינס... ער האָט באַלד חרטה געקראָגן, וואָס ער האָט עס אים דערציילט און זיך באַמיט צו פֿאַרפֿירן דעם שמועס אויף אַנדערע וועגן:

— איז שוין דזשעבעליִא, הייסט עס, באַפֿעלקערט?... כן ירבו... און שכנים האָבן מיר שוין אויך. ווער זענען זיי?

— גאַנץ ווױלע שכנים. נעבן אייך וווינט דער דאָקטער פֿון קופּת־חולים, הלוואי מיר זאָלן אים נישט דאַרפֿן... קעגנאיבער אייך וווינט אַן אינזשיניער פֿון סוכנות. אים שאַדט נישט אַז מען זאָל אַמאָל יאָ באַדאַרפֿן... עטלעכע פּקידים, אַ פּאָר שאָפֿערן און דער קיבוץ „דורות״.

— זייער גוט. איך וועל עס איבערגעבן עזריאלן, זאָל ער דאָרט האָבן אַ לעבעדיקן גרוס...

— איר זאָגט דאָך, פּריינט יצחק, אַז די טעג זאָל ער דאָ זיין? — פֿרעגט זכריה אַ באַאומרויקטער.

— יאָ, איך האָף — זאָגט דער אלוף פֿאַרטראַכט — איך מוז נאָר גובר זיין דאָס געשעפֿענסט!

זכריה קאַרלסבאַד קוקט אים אָן, דעם אלוף, ווי ער וואָלט גערעדט פֿון שלאָף... עפּעס רעדט ער דאָך דאָ נישט צו דער זאַך... אַ פֿאַרשטויבטער, אַ מידער, אַ נישט־אויסגעשלאָפֿענער, וואַרפֿט ער פֿון זיך אַרויס נאָך עטלעכע אַזעלכע אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער:

— וועלכן טעות האָט מען עס געמאַכט זיבן מאָל נאָכאַנאַנד? קען מען דען זיבן מאָל מאַכן כסדר דעם זעלבן טעות? אַ שליסל מוז דאָך דאָ זיין! ווו־זשע איז די לייזונג? — — —

— זייט מיר מוחל, אלוף יצחק... — זאָגט זכריה פאַרשעמט, ווי ער וואָלט אומגערן אונטערגעהערט אַ פרעמד, אינטים געשפרעך — איר פרעגט מיך עפּעס?...

— האָ? — וואַכט אויף דער אלוף — אַנטשולדיקט... עס איז פוי־מידקייט...

— איך פאַרשטיי אַז איר האָט זיך איבערגעאַרבעט... צופיל אָנגע־שטרענגט. — גיט צו זכריה — איר דאַרפט איצט אַ ביסל רו...

— יאָ... דער מענטש, פאַרשטייט איר מיך, איז דאָ... און דער קאָפּ זיינער איז גאָר דאָרטן... קיין פּראָבלעמען פעלן נישט... — הויבט ער זיך אויף אַ מידער אָבער אַ שמייכלענדיקער און לאָזט זיך צו דער טיר. — איך וועל זיך טאַקע אַ ביסל צושפּאַרן, כאָטש עס איז נישטאָ איצט קיין צייט צו רוען... אויסרוען וועל איך זיך שוין נאָך דער מלחמה... און עזריאלן וועט איר דאָ האָבן די אַנדערע וואָך, מיין איך...

זכריה האָט פאַרשלאָסן די טיר און געגאַנגען דעם אלוף באַגלייטן.

„אַז אַ ייִד אין די יאָרן איז טאָג־און־נאַכט אין געפאַר און האָט נישט קיין צייט זיך אויסצורוען, — האָט ער געטראַכט — איז ווי־זשע קען איך פון אים פאַרלאַנגען, ער זאָל מיר עזריאלן באַפרייען? פאָרט אַ יונגער בחור און טוט דאָרט זיין אַרבעט, זאָגט ער, אויסגעצייכנט...“

זיי זענען צוגעקומען צו יצחקס ווילע. דאָ איז איצט אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט פון צענדליקער מענטשן: אונטער דער וואַך פון באַ־וואָפנטע חיילים, האָבן אַראַבישע געפאַנגענע צעגראָבן דעם גאַנצן באָדן אויפן הויף און דעם גאַנצן באַרג־אַראָפּ וואָס פון דער ווילע, ביז צום ים. איצט האָבן זיי געבראַכט פון ערגעץ לאַסט־אויטאָס מיט שוואַרץ־ערד, וואָס זיי צעשיטן איבערן גאַנצן שטח און אַ לאַסט־אויטאָ מיט קי־מיסט פון קיבוץ־שטאַל. טאַקע פון דעם קיבוץ, אין וועלכן יצחק איז אַ מיטגליד.

מיט אַ מידן אָבער שטיפערישן שמייכל דורך די אויסגעווישטע ברילן־גלעזער, פאַרטרויט ער זכריה קאַרלסבאַכן, וואָס ער פּלאַנט צו־טון:

— אָט דאָ, אַרום און אַרום, וועל איך פאַרזייען בלומען... און דאָ, אין צענטער, וועט זיין אַ דשאַ, אַ גראָז־טעפּיך... אין יענער זייט, הינטערן הויז, וועל איך פאַרפלאַנצן עטלעכע פרוכט־ביימער. אָבער דער עיקר איז דאָס פעלד דאָרטן און דער גאַנצער באַרג־אַראָפּ צום ים... דאָס פעלד וועט טאַקע זיין אַ פעלד, מיט די אַלע פּראַקטישע ירקות וואָס זענען גוט אין קיך אַריין, אויפן טעלער אַרויף... און דעם גאַנצן באַרג־אַראָפּ וועל איך באַוואַלדיקן... אַ סאָסנע־וועלדל וועל איך דאָ פאַרפלאַנצן... די נאָדל־ביימער נעמען זיך גוט אָן ביים ים, זענען ווידערשטאַנד־פעיִק און וועלן שיצן דעם בלומען־גאָרטן פון געזאַלצענעם ים־ווינט... און דאָ, מיטן שפּאַלט צווישן

ביידע בערג, האָט מיר די נאַטור אַליין געהאָלפֿן: דאָרט וועל איך טאַקע לאָזן אויסהאַקן טרעפּ, — אַן אַראָפּגאַנג צום ים, צום באָדן־זיך... איר קענט שווימען?...

— אַ ביסל...

— איז גוט!... וועלן מיר זיך דאָ באָדן אין ים און נאָכדעם — רוען אין שאָטן פֿון מיין סאָסנע־וואַלד...

— וועלכער איז נאָך דערווייל אַ חלום?... ווען וועט ער זיין דער וואַלד?... וויפֿל דאַרף עס געדויערן ביז סאָסנעס וואַקסן־אויס, אויף צום געבן שאָטן?... — לאַכט זכריה.

— אין דריי יאָר אַרום וועלן שוין די ביימער זיין אַזוי הויך!... וואָס איז דריי יאָר? עס פֿליט אַדורך... איידער איר וועט זיך גוט אַרומקוקן, וועט דאָ זיין אַ געדיכטער וואַלד מיט אַ געדיכטן שאָטן!...

זכריה קאַרלסבאַך קוקט אים אָן, דעם זעכציק־יעריקן אלוף, וועלכער מאַכט חשבונות אויף יאָרן און יאָרן... געקומען פֿון איין שלאַכט און פֿאַרט באַלד אין אַ צווייטער און דאַך, אָנשטאַט דער געפֿאַר, זעט ער נאָר דעם גרינעם שאָטן פֿון אַ וואַלד, וואָס איז נאָך נישט פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן... מיטן טאָג נישט זיכער און מאַכט חשבונות אויף יאָרן... וויפֿל דאַרף מען האָבן מוט און לעבנסלוסטיקייט, אַזוי צו חשבונען?... — טראַכט זיך זכריה, באַוווּנדערנדיק זיין גרויסן שכן. וואָרעם כאָטש ער אַליין, זכריה קאַרלסבאַך, איז מיט איבער אַ צענדליק יאָרן יינגער פֿון דעם אלוף, מאַכט ער נישט אַזעלכע ווייטע חשבונות. אמת, עס ווילט זיך אים נאָך אַריינכאַפּן עטלעכע גוטע יאָר, וואָרעם איצט דוכט זיך אים, אַז ער האָט נאָך זיינע „זיבן גוטע יאָר" נישט געהאַט... אָבער דער עיקר טראַכטן און זאָרגן איז דאָך שוין נישט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר די זין, פֿאַר די קינדער. כאָטש אַ ביסל נחת אויף דער עלטער...

פֿון דער ווילע איז אַרויסגעקומען אַ שלאַנקע פֿרוי אין אַן אָפֿיצירן־מונדיר, מיט אַ קינד ביי דער האַנט. זכריה האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דעם אלופֿס טאָכטער און אייניקל. די אָפֿיצערין — אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר עט־לעכע און דרייסיק און דאָס קינד — אַ יינגעלע פֿון אַ יאָר פֿיר. אָבער דאָ איז זכריה קאַרלסבאַך אויפֿסניי איבערראַשט געוואָרן: דאָס יינגעלע איז מיט אַ פֿריידיק געשריי „אבא, אבאלה!" (טאַטע, טאַטעלע!) אַרויפֿגעשפּרונגען דעם אלוף אויף די הענט... הייסט עס, אַז דאָס איז נישט קיין אייניקל, נאָר זיין קינד... דער זעכציק־יעריקער מאַן האָט אַ פֿיר־יאָריק קינד!... און די פֿרוי? זאָל דאָס זיין?...

יאָ, דער אלוף האָט אים פֿאָרגעשטעלט:

— מאַרגאָט, דאָס איז אונדזער שכן... עזריאלס טאַטע... דאָס איז מיין פרוי...

די אָפּיצערשע האָט זיך אַריינגעזעצט אין דזשיפּ און געניט געלאָזן דעם מאָטאָר. זי האָט גערופן איר זונעלע, ער זאָל זיך אויך אַריינזעצן, אָבער דאָס יינגעלע האָט נישט געוואָלט גיין. ער האָט געשלעפּט אַן אַראַבישע ביקס וואָס איז גרעסער פון אים איינגאַנצן. דעם טאַטנס אַ טראָפּעע פון נגב איז עס. ער האָט די ביקס געצילט צו די געפאַנגענע, אַרבעטנדיקע אַראַבער און געשריען מיט אַ פריילעך שטימעלע:

— פּיף־פּאַף! פּו! פּו! פּו!...

טייל אַראַבער האָבן געלאַכט, אַנדערע האָבן געשטשירעט די ציין און עפּעס געוואָרטשעט. אָבער יצחק האָט זיין זונעלע געשטראָפט, ער זאָל אַזוי נישט טון.

— פּיף־פּאַף מאַכט מען צו אַ באַוואָפנטן שונא, ווען מען שלאָגט זיך... אָבער מיט קיין געפאַנגענע טאָרף מען זיך נישט רייצן...

און ער האָט אים אויפגעהויבן, דעם פיר־יעריקן שיסער און, צוזאַמען מיט דער טראָפּעע־ביקס, אַריינגעזעצט צו דער מוטער אין דזשיפּ, וואָס איז באַלד אָפּגעפאָרן.

די אַראַבער, כאָטש האַלב־מיליטעריש געקליידט, האָבן בכלל נישט אויסגעזען ווי קיין זעלנער. איינער האָט געטראָגן אַ מיליטעריש רעקל און אַ פּאָר קורצע גאַטקעס, וואָס זענען אַמאָל וויס געווען...אויסטערלישע גאַטקעס! אונטן, ביים געזעס, הענגט אים נאָך אַ טיפע, געלאַטעטע טאָרבע. די טאָרבע איז אַ פּוסטע, אָבער אַ געדיכט־געפאַלדעוועטע, מיט אַ סך לאַטעס... אַ צווייטער טראָגט מיליטערישע הויזן און אַ לאַנגע, ברייטע, אַראַבישע אַבאַיע. אַנדערע טראָגן שוואַרצע הויזן פון אַ דינעם, גלאַנציקן סאַטין־שטאָף. אייגנטלעך זענען דאָס אויך נישט קיין הויזן, נאָר אַזעלכע שוואַרצע גאַטקעס, ווי דעם ערשטנס ווייסע, אויך מיט אַזעלכע נאָכהענגענדיקע טאָרבעס הינטן, פון געזעס... און די אויבערשטע העלפטן קערפּערס, ביז צו די לענדן — נאַקעט. טונקל־ברוינע און פעך־שוואַרצע לייבער. דער גרעסטער טייל איז באָרוועס, אָבער דערפאַר די קעפּ — מיט פאַרשיידנקאָלירירקע טיכער אַרומגעוויקלט, ווי אַמאָליקע יידן אין די אילוסטרירטע הגדות... כמעט אַלע זענען באַוואַקסן און איניקע — מיט היפּשע בערד. און וואָר זכריה קאַרלסבאַכן האָט באַזונדערס געוווּנדערט, איז די גרויסע צאָל פון אויגן־קראַנקע: כמעט יעדער צווייטער האָט רויטע און פאַרגאָסענע, פאַרבעלמטע, אָדער האַלב־פאַרקלעפּטע טראַכאָם־אויגן. איז ווי־זשע האָט מען עס גענומען אַזעלכע צום מיליטער? און ווי קען מען עס מיט אַזעלכע אויגן צילן און שיסן?! נישט שוין־זשע איז די גאַנצע אַראַבישע אַרמיי אַזאַ?

די געפֿאַנגענע האָבן געאַרבעט לאַנגזאַם און פֿויל, נישט־לייגנדיק אַכט אויף די באַוואָפֿנטע חיילים, וועלכע האָבן זיי אונטערגעטריבן אויף אַראַביש:

— יאַללאַ! יאַללאַ!

עס האָט זיי אויך נישט געקימערט די אָנוועזנהייט פֿון ייִדישן גענעראַל. זיי זענען געקראָכן הין־און־צוריק ווי די טשערעפּאַכעס.

פּלוצלונג, ווי לויט אַ געהיימען סיגנאַל, האָבן זיי אַלע אַוועקגעוואָרפֿן די אַרבעט. אַ קוק־געטון צו דער אונטערגייענדיקער זון אין ים־אַריין און אַ פֿאַל־געטון כורעים צו דער ערד. זיי האָבן זיך גענומען בוקן אויף אַלע פֿיר, אין דער ריכטונג צו דרום־מזרח, באַרירנדיק מיט די שטערנס די ערד. אַנדערע האָבן אַפֿילו איינגעניורעט די פּנימער טיף אין הייסן שטויב. טייל זענען לאַנג אַזוי געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי הרוגים, ווי בערגלעך שמאַטעס אין שטויב. אַנדערע האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן, געהויבן און אַראָפּגעלאָזן, שלאָגנדיק קעפּ אָן ערד. און די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך לאַנגזאַם געלאָשן אויף זייערע צוקנדיקע רוקנס.

זכריה קאַרלסבאַך איז דערשיטערט געוואָרן פֿון אָט דער אַראַבישער תּפֿילה. ער איז זיכער געווען, אַז די ייִדן האָבן אַמאָל־אַמאָל אויך אַזוי מתפּלל־געווען. אַזוי זענען מן־הסתּם די אבֿות געלעגן נאָכן חורבן בית־המקדש... און אַזוי זענען זיי מן־הסתּם געלעגן ביי די טייכן פֿון בבֿל... וויפֿל צער ליגט אין דעם בוקן פֿון די געהויקערטע רוקנס פֿון די זיך־בוקנדיקע אין שטויב; וויפֿל צער ליגט אין די שקיעה־אויגן פֿון געפֿאַנגענע אויף אייגענער ערד, נעבן זייערע היימען וואָס זענען שוין באַזעצט מיט די משפּחות פֿון די זיגער! — — —

זכריה קאַרלסבאַך האָט עפּעס געוואָלט זאָגן וועגן דעם אלוף, אָבער דאָ האָט ער דערזען, אַז יענער איז גאָר נישטאָ נעבן אים... ווען איז ער אַוועק? — האָט ער זיך געפֿרעגט — האָט ער עפּעס געזאָגט פֿאַרן אַוועקגיין? ער איז שלעפּעריק, דער אַלטיטשקער, מיד, געגאַנגען זיך צו־שפּאַרן... אַ ייִדישער גענעראַל... אַ גענעראַל ווי אַלע גענעראַלן!... אַ וואָך פֿאַרן הויז... געפֿאַנגענע אַרבעטן אין זיין גאָרטן, פֿעלד און וואַלד, ווי תּמיד און אומעטום געפֿאַנגענע... ער, זכריה, איז דאָך אויך געווען אַמאָל אין דער זעלבער לאַגע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה... אויך געאַרבעט אונטער אַ וואָך. עס איז יענער טעם!... נו, זאָל ער דאָרט שלאָפֿן, דער אַל־טיטשקער... — האָט זיך קאַרלסבאַך פֿאַרנומען אַהיים.

דער אלוף יצחק איז טאַקע געווען מיד, דערשעפּט, אָבער צוגעשפּאַרט האָט ער זיך נישט. ער האָט זיך שווער געזעצט צום טיש און זיך אַריבער־

געבויגן איבער די אויסגעשפרייטע מיליטערישע מאַפּעס, איבער וועלכע ער זיצט שוין אַזוי טעג און נעכט — וואָכן גאַנצע!

דאָס זענען פאַרשיידענע מיליטעריש־טאָפּאָגראַפּישע מאַפּעס פון דער געגנט אַרום דער פעסטונג עיראַק־סואַידאַן.

ער נעמט אין מויל אַריין אַ שפּיץ פון זיין גרויער באָרד און קייט עס פאַרטראַכטערהייט, ווי דאָס האָבן זיינע אבות, די תלמידי־חכמים געטון, זיצנדיק איבער זייערע ספרים.

און פּלוצלונג העלט אים עפּעס אויף אין זיין מידן, שלעפעריקן קאָפּ. די מידע אויגן, אונטער די שפּיגלדיק־אויסגעווישטע ברילן־גלעזער, גיבן זיך אַ צעבליץ און אַ צעשמייכל:

— עס איז דאָ!... עס איז דאָ אַ וועג!... די ליניע וואָס פירט צו דער פעסטונג פון צפון־מערבֿ!... דער גוף פון דער פּאָליציי־פעסטונג זעלבסט וועט דאָך מיט זיך פאַרשטעלן דעם שטח פון אונדזער פאַרמאַרש... דער גוף פון דער פעסטונג עיראַק־סואַידאַן... די פעסטונג זעלבסט וועט דאָ איצט זיין בלויז אַ שטער פאַרן אייגענעם אַנטי־טאַנקישן אַנגריף... צו אָט דעם דאָזיקן פאַרמאַרש־וועג איז דאָך נישטאָ קיין גלייכע ליניע, נישט פון דאָרף עיראַק־סואַידאַן און נישט פון בית־עפה. און היות אַנטי־טאַנקיש גע־ווער שיסט נאָר אין אַ גראַדער לופט־ליניע, וועט עס טאַקע בלייבן בלינד, נישט עפעקטיוו, לגבי אָט דעם וועג. אַן אייזנבעטאָניקע פעסטונג, כאַ־כאַ־כאַ... ווי אַ ליימענער גולם וועט זי שטיין די מצרים אין וועג...

פון צופרידנקייט גיסט ער זיך אָן אַ גלעזעלע בראַנפן, זופט עס אויס, פאַרבייסט און גיסט זיך אָן אַ צווייטס... ער נעמט אַרומשפּאַנען איבערן צימער, קעמענדיק מיט די פינגער די באָרד און רייבנדיק זיך די הענט פון צופרידנקייט. דערביי הייבט ער אָן מיט אַ גמרא־ניגון איינצוטענהן מיט זיך אַליין:

— און אויב דו ווייסט, אַז דו וועסט קומען מיט אָט דעם וועג פון צפון־מערבֿ, בעט זיך דאָך אַליין נאָך אַ געדאַנק: אַז קומען זאָלסטו קומען אַהין, ווען די זון גייט זיך זעצן... וועט די אונטערגייענדיקע זון דאַן פאַר־בלענדן די אויגן פון די פעסטונג־פאַרטיידיקער... אמת, טאַקע, — נעמט ער העכער דעם גמרא־ניגון — דעם דאָזיקן שיקול־הדעת נעמט מען אין באַטראַכט דער עיקרשט ביי ים־ און לופט־שלאַכטן. אָבער אויך אין דעם פאַל, קאָן מען און עס לוינט זיך אויסצונוצן אָט דעם דאָזיקן גורם... עס איז דאָך נאָך אַ גורם לטובת אונדז... וואָרעם מען דאַרף דאָך זאָרגן, אַז דעם שונא זאָלן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן און עס זאָל אים שווער זיין צו זען...

ער טרינקט אויס נאָך אַ גלעזעלע און לאָזט זיך ווידער אַראָפּ אויף דער שטול, איבער די מאַפּעס ,נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן און דורכקאָנטראָ־לירן די ריכטיקייט פון דעם פּלאַן. אָבער פון סאַמע צענטער פון דער מאַפּע, אנשטאָט דער פּאָליציי־פעסטונג, טויכט גאָר אַרויס דאָס פּנים פון זיין שכן זכריה קאַרלסבאַך, עזריאלס טאַטע... און דאָס פּנים קוקט אויף אים מיט אַ פּאָר פרעגנדיקע, פאַרשנדיקע אויגן, וועלכע זענען גלייכצייטיק פול סיי מיט צוטרוי און סיי מיט געבעט...

— אַ ווילער ייד... — זאָגט יצחק צו זיך אַליין — זייער אַ ווילער. אָבער פיל בעסער וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אים באַקענט נאָך דער מלחמה און נישט איצט!...

זייער פיינלעך איז אים,דעם אלוף, ווען ער באַגעגנט זיך מיט טאַטעס, וועמענס זין עס זענען אויפן פראָנט. פיינלעך, ווי ער אַליין וואָלט די מלחמה געמאַכט און זיי אין דער אַרמיי געגומען. פיינלעך, ווי נאָר ער אַליין וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס די טאַטעשע זין וואַלגערן זיך אין די שוץ־גראָבנס. אין געפאַר.

איך אַליין בין דאָך אַ סאָלדאַט, כאָטש איך בין אַ טאַטע פון קינדער! און מיין פרוי איז אַ מאַמע און פון דעסטוועגן — אויך אַ סאָלדאַט! — רעדט ער צו דער מאַפּע — מיר ליגן דאָך אויך אין די שוץ־גראָבנס און זענען ביידע טאָג־טעגלעך אין געפאַר.

ניין, דעם אמת געזאָגט, איז עס דאָך בלויז אַ תירוץ פאַר דער מאַפּע... וואָרעם דער אלוף וויסט נישט וואָס דאָס הייסט אַזוינס שרעק פאַר גע־פאַר, כאָטש ער האָלט די שרעק פאַר אַ נאַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַפילו ביי די גרעסטע, מוטיקסטע העלדן. ווען ער פאָרט מיט זיין דזשיפּ צו די פראָנט־פּאָזיציעס, טראַכט ער נישט פון דעם האָגל וואָס שיט זיך אויף אים פון עיראַק־סואידאַן, צי פון די אנדערע פונקטן דעם שונאס. ער טראַכט נישט וועגן קיין מינעס, אויף וועלכע זיין דזשיפּ קען אַרויף און פליען אינדערלופטן, ווי צענדליקער אַנדערע מאַשינען פאַר אים און הינטער אים, וואָס וואַלגערן זיך דאָ איצט צעריסענע. וועגן דער חברה אין די שוץ־גראָבנס טראַכט ער. וועגן די טייערע קעפּ פון דער האַרציקער חברה, צעשאָטענע אין דער לענג און אין דער ברייט פון גאַנצן פראָנט־אָפּשניט.

נאָך יעדער אויפגאַבע וואָס ער גיט ווען עס איז אויף, פילט ער, ווי ער וואָלט זיינס אַן אייגן קינד געפירט צו דער עקידה. יאָ, אַלע זענען זיי אים טייער ווי אייגענע זין, כאָטש יעדערער פון אָט די זין פאַרמאָגט אַ טאַטן, וואָס זאָל איבער אים ווייטיקן. און אָט די טאַטעס, טראַכט ער, וואָלט גוט געווען צו באַגעגענען אין יאָרן אַרום, ווען דאָס לאַנד וועט לעבן אין

דו און אין פרידן און אַלע ווונדן וועלן פון לאַנג שוין זיין פאַרהיילט... אין יאָרן אַרום, אָבער נישט איצט... וואָרעם די טאַטעס, אַפילו ווען זיי פרעגן גאָרנישט מיט קיין ווערטער, פרעגן זיי אָבער מיט די אויגן... און אויף אַ פרעגנדיקן בליק איז פיל שווערער נישט צו ענטפערן, ווי אויף קאָנקרעטע ווערטער־פראַגן...

ענטפערט ער מיט אַ וויק, מיט אַ גלייכוווערטל, מיט אַ שפּאַס. און דאַן געשעט אַ פאַרקערטע געשיכטע: די טאַטעס גייען טאַקע אַוועק פון אים מיט אַ לייכטער געמיט, אָבער ער אַליין פאַרלירט זיין הומאָר.

אַט, עזריאל, צום ביישפּיל... עזריאלן האָט ער ליב באַקומען פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן. ער האָט אים פון אַ סך בחורים אָפּגעקליבן און עזריאל האָט אים שפּעטער באַגלייט אין אַ סך געפאַרפולע וועגן און מיט־געמאַכט פאַרשיידענע סיטואַציעס. עזריאל האָט שוין מיט אים אַפילו קאָווע געטרונקען, ווען קיין אַנדער זאַך איז שוין מער נישט געווען צום טון... אַ טשיקאַווער בחור, אַ קלוגער, אַ פיל־געפּרוּווטער און דערפאַרענער. מעשיות האָט ער אַ וועלט. ער אָריענטירט זיך שנעל, פאַרשטייט, שאַצט אָפּ אַ סיטואַציע. איז ער העלדיש און מוטיק? — שווער אויף אים אַזוינס צו זאָגן, כאָטש ער אַרבעט רויִק אין יעדער געפאַר. זאָל עס זיין רעזיגנירט־קייט? אַפּאַטיע? — גיכער פון אַלץ איז עס די פילגעפּרוּווטקייט און דער־פאַרנקייט זיינע, וואָס זאָגט אים אונטער „נישטאָ קיין ברירה״... און ער מאַכט שלום מיט זיין גורל. דערפאַר איז ער תמיד, אין יעדער סיטואַציע, אַ האַרציקער חברהמאַן!...

עזריאלס אויפגאַבע, ביי דער אַקציע וועגן עיראַק־סואַידאַן, איז שוין אַ באַשטימטע. איז וואָס אַ שטייגער קען ער, דער אלוף, זאָגן איצט עזריאלס טאַטן? איצט, ערב דעם דעצידירנדיקסטן אָנגריף אויף דער פעסטונג, ווען פריִערדיקע זיבן־אַכט אָנגריפן זענען אָפּגעשלאָגן געוואָרן מיט אַזויפיל פאַרלוסטן? — — —

## קאַפּיטל זיבן

# אין דער שלאַכט פאַר עיראַק־סואידאַן

עזריאלס דיוויזיע־איינהייט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ דרום־מערבדיקן פּונקט פון דער פעסטונג.

אַט די איינהייט האָט אויף זיך גאָר אַ באַזונדערע אויפגאַבע דורכצופירן. זי וועט נישט אָנטייל־נעמען אין אַלגעמיינעם אָנגריף אויף דער פעסטונג עיראַק־סואידאַן, נאָר וועט אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאָרף עיראַק־סואידאַן. די איינהייט דאַרף צושמידן דאָס דאָרף, וואָס זאָל נישט קאָנען קומען צו־הילף דער פעסטונג.

די דיוויזיע־איינהייט וועט ווירקן אינגאַנצן זעלבשטענדיק, לויט אַ באַשטימטן צייט־קאַלענדאַר.

אַלע איינהייטן זענען שוין אויף זייערע פאַרנומענע פּאָזיציעס. חברה ליגט אין די שוץ־גראָבנס געשפּאַנט און וואַרט אויפן באַפעל.

די שעהן קריכן. פון נערוועזיטעט באַקומען טייל חיילים עפּעס אַ מאָדנעם הונגער. עפנט מען די קאָנסערוון־פּושקעס און מען פּראָבירט אַ מאָלצייט. און וועלנדיק „זיך מאַכן האַרץ״, וויצלט מען זיך דערווייליע אויפן חשבון פון דעם שייגעם מין, וועלכן מען האָט שוין לאַנג נישט געזען און נאָך וועלכן מען איז אויסגעבענקט... מען וויצלט זיך אויך אויפן חשבון פון די מיליטערישע פּאָסט־קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע דרייען זיך דאָ אַרום מיט די פאָטאָ־אַפּאַראַטלעך, אָנשטאָט געווער און מאַכן פאַרשיידענע אויפנאַמען. און כאָטש מיטן פאָטאָ־אַפּאַראַט איז דער פראָנט־קאָרעספּאָנדענט דאָ נישט ווייניקער איינגעשטעלט ווי מיט דער ביקס, האָט ער עפּעס אַ פּנים פון חוזק ביי די קעמפער:

— שפּילן זיך איז ער געקומען אַהער...

— ער טרייבט דאָ ספּאָרט, דער פראָנטל...

— וועמער דאַרף אים דאָ, דעם אַרטיסט?...

צווי אַ זייגער בייטאָג איז געקומען דער באַפעל. דער „אָרקעסטער" האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף אַלע כּלים...

פון אָנהייב זענען די טרעפּערס ווייניקע, זעלטענע. אָפּטמאָל — געגוג ווייט פון ציל.

— מיט אַזאַ „גוטן" צילן, וועלן זיי נאָך טרעפן אין אונדז... — וויצלט זיך עזריאל, האַלטנדיק זיין מאַשין־געווער געווענדעט צום דאָרף. — סימן־טוב, זאָג, סימן־טוב, פאַרוואָס שווייגן דאָרט די מאַשין־געווערן?

סימן־טוב, וועלכער ליגט נעבן עזריאלן, לאַכט פון אים:

— דאָס הייסט געשוויגן, עזריאל? אַ שיינער שווייגן?...

— איך הער דאָך זיי נישט!

— עס דוכט זיך דיר, עזריאל... אין רעש פון די האַרמאַטן און מינען־וואַרפערס, שפּירט מען זיי ווייניק. אָבער הער זיך נאָר גוט צו...

עזריאל לייגט צו דאָס אויער צו דער ערד און האָרכט זיך גוט איין:

— יאָ, ביסט גערעכט... די מאַשין־געווערן אַרבעטן...

— עזריאל האָסט געזען? די דריי־אינטשיקע מינען־וואַרפער האָבן געטראָפן כמעט... אָבער די שראַפּנעלן טרעפן געגוג נאָנט!...

— „געגוג"... — קרימט זיך עזריאל — קיין שום „געגוג" איז נישט געגוג!... מיר מוזן האָבן דירעקטע טרעפערס! אין סאַמע הויף פון דער פעסטונג! אָט, סימן־טוב!...

— דאָס הייסט געטראָפן!... אין דאַך!...

— שווערע מינען־וואַרפער!

— יאָ. די שראַפּנעלן מוזן איינברעכן די באַלקנס...

— ווידער!...

— דערנעבן...

— בראַוואָ!... גוט געטראָפן!...

— זע, עזריאל! דער גאַנצער בנין איז שוין איינגעהילט אין רויך!...

דאָס פייער ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, געדיכטער און טרעפלעכער. חברה אין די שוץ־גראָבנס מוזן זיך אַזש צוהאַלטן מיטביידע הענט די אויערן.

דערקעגן ווערט אַלץ שטילער דער „ענטפער" פון דער פעסטונג און אַלץ שיטערער — אירע געשאָסן, פון די דעכער און פענצטער. דאָס ידיש פייער האָט אָפּגעקערט זייערע דעכער, האָט אָפּגעבראָטן די שיסער און שטום געמאַכט פיל פון זייערע „כּלים". אָבער די פאָן פלאַטערט אַלץ! די מצרישע פאָן אויפן דרום־מזרחדיקן טורעם!

נאָך אַ שעה פון געשפּאַנטן פּוסט־און־פּאַסעווען פון דער דיוועזיע־איינהייט, וועלכע האָט דערווייל אָבסערווירט דאָס אומאויפהערלעכע פייער

פון אַנדערע איינהייטן, איז ענדלעך אָנגעקומען אַ מעלדונג און אַ באַפעל:
— מצרים אַנטלויפן פון דער פעסטונג אין דאָרף אַריין! פייער!
און די דיוועַרסיע־איינהייט האָט אָנגעהויבן.
דער פייער האָט נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדיקע מצרים און זיי דער־יאָגט. דערביי האָבן זיך חברה אַ לאָז־געטון פאַראויס, צום אַראַבישן דאָרף. זיי האָבן זיך דערנענטערט מער וויפל עס איז נויטיק געווען, מער וויפל מען האָט באַדאַרפט. ווייל קיין גענויער באַפעל פון אלוף איז נישט געווען און די איינהייט האָט געהאַנדלט אויף איר אייגענער האַנט, לויט איר איי־גענעם איינזען. און אפשר נישט לויטן איינזען, נאָר לויט דער צעהיצטקייט פון די טעמפּעראַמענטפולע חיילים, וועלכע זענען מיטגעריסן געוואָרן אין האַזאַרד.
דער דאָרף עיראַק־סואידאַן, ווו עס שטייט די אַראַבישע איינהייט פון אַנטי־טאַנק־געווער, אַן אָפּהענטיקע צוליב דער פעסטונג וואָס פאַרשטעלט איר דעם פאַרמאַרש פון ייִדישן מיליטער, — האָט איצט דעם גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזן צו דער דיוועַרסיע־איינהייט.
דער „שמועס״ צווישן דעם אַראַבישן דאָרף און דער ייִדישער איינ־הייט, איז געוואָרן אַלץ הייסער און הייסער.
און כאָטש עזריאל און סימן־טוב זענען פון די סאַמע אַרויסגערוקסטס־טע אויף זייערע פּאָזיציעס, האָבן זיי נאָך געענוג „קאַלטבלוטיקייט״ און ניכ־טערקייט, צום אָבסערווירן דעם „הויפּט־ענין״, דעם „אינטערעסאַנטן ספּעק־טאַקל״ אַרום דער פעסטונג...
— די פעסטונג פּרעגלט־זיך, סימן־טוב!...
— יאָ... עס קאָכט און עס זידט אַלץ אַרום!...
די פעסטונג האָט זיך געהילט אין רויך־וואָלקנס. אַ גרויער וואָלקן ווערט פאַרשלונגען פון אַ שוואַרצן. און איידער נאָך דער רויך פון איין אויפרייס צעריננט, הויבט זיך שוין אויף דער רויך פון אַ פרישן אויפרייס. און די מאַשין־געווערן אַרבעטן טאַקע אויך. אָהאָ, ווי זיי אַרבעטן!... נאָך ווי!... מיט געדיכטע סאַלוועס קערן זיי אָפּ די דעכער, זיי טרעפן אין די ווענט, אין די פענצטער, נישעס, לעכער און ריצן.
אָט האָט אַ רויך־וואָלקן אַרומגעהילט דעם דרום־מזרחדיקן טורעם.
— מאַלאַדצי, רעביאַטאַ!... — שרייט עזריאל באַגייסטערט.
און ווען דער רויך־וואָלקן איז פאַרשוווּנדן, האָט עזריאל דערזען, אַז צוזאַמען מיטן וואָלקן איז אויך פאַרשוווּנדן די פאָן!...
— די פאָן!...
— די מצרישע פאָן!...
— נישטאָ מער!... הוררררראַאַאַאַ!...

— געטראָפן אין שטאַנג און מען זעט זי נישט מער!...

— מאַלאַדצי רעביאַטאַ!...

— מה זה „ציצי ביאַטאַ"? — פרעגט סימן־טוב —דבר עברית! תגיד בעברית: „אייזן־בעטאָן"!... (וואָס איז דאָס „ציצי־ביאַטאַ"? רעד העברעיִש, זאָג אויף העברעיִש: אייזן־בעטאָן!...).

— אייזן־בעטאָן זה גם כן ייִדיש, סימן־טוב... הוררראָ!...

— יאָ? איך האָב נישט געוווּסט... ציצי ביאַטאַ! הוראַ! — שרייט סימן־טוב...

אין די שוץ־גראַבנס ברעכט־אויס אַ שמחה. אַלע האָבן שוין דערזען אַז די מצרישע פאָן איז געפאַלן. חברה שפּרינגען־אַרויס אינדרויסן און כאַפּן אַ טענצל. זיי לייגן נישט קיין אַכט אויפן קוילן־האָגל וואָס שיט זיך איבער זייערע קעפּ. שווער קומט אָן די אונטער־אָפיצירן, דאָס אַריינטרייבן זיי צוריק אין די שוץ־גראַבנס.

— די פאָן איז געפאַלן!... — קושט מען זיך און מען קלאַפּט זיך אין די פּלייצעס.

— געפאַלן די מצרישע פאָן!...

די פאָן — דער סימבאַל פון דער מצרישער אומבאַזיגבאַרקייט... און די שמחה איז גרויס, ווי נישט בלויז די פאָן, נאָר ווי די פעסטונג וואָלט שוין געפאַלן... אלא וואָס, די פעסטונג איז נאָך נישט געפאַלן? — אָבער דער סימן איז דאָך אַ גוטער!... דעם גאַנצן נצחון האָט מען שוין אין קעשענע...

ביסלעכווייז באַרויִקט מען זיך. די שלאַכט גייט ווייטער אָן. דאָס פייער אַרום דער פעסטונג ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

עזריאל ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז נאָך בלויז אַ פאָרשפּיל, אַ צוגרייטונג צום אמתן אָנגריף, וועלכער וועט באַלד נאָכפאָלגן...

אָבער דאָס דאַרף עיראַק־סואַידאַן לאָזט אים מער נישט אָבסערווירן און טראַכטן. זייער פאָן איבער דער פעסטונג איז געפאַלן. צו־הילף קומען די ברידער אין דער פעסטונג, קאָנען זיי נישט. — פייערן זיי צו דער דיוויזיע־איינהייט און גייען־אַריבער אין אַן אָנגריף.

עזריאל און סימן־טוב שיצן־זיך אונטער אַ קייטן־פאַנצער. אָבער די זעקספונטיקע פונעם שונא טרעפן אין די קייטן־פאַנצערס! אַט איז שוין צעשמעטערט געוואָרן איינער און אַ צווייטער!

— סימן־טוב, אפשר? סימן־טוב, ווו ביסטו?!

עזריאל זעט, ווי סימן־טוב ליגט איבער אַ פאַרוווּנדעטן און באַנדאַזשירט אים. אָבער דאָס בלוט רינט דאָך נישט פון דעם פאַרוווּנדעטן, נאָר פון סימן־טובן אַליין! די פּיס? וואָס איז מיט זיינע פּיס?!

— סימן־טוב, וואָס איז מיט דיר?!

— אין דבר, עזריאל... גאַרנישט... טו דיינס!... דערלאַנג זיי!

עזריאל האָט געטון זיינס און האָט די מצרים דערלאַנגט. ער האָט געשטעפּט מיט זיין מאַשין־געווער, געשטעפּט מיטן גאַנצן צאָרן. ער האָט שוין איצט נישט בלויז געוואָלט אָפּשלאָגן דעם אַנגריף פון שונא, נאָר באַצאָלן אים כפל־כפלים פאַר סימן־טובן און אַלע פאַרווונדעטע ייִדישע בחורים. ער האָט געשטעפּט צום שונא און גערופן צו סימן־טובן:

— סימן־טוב! דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט! סימן־טוב! פאַרביי!...

אַן אויפרייס פון אַ זעקספּונטיקן האָט פאַרדונערט זיין שטים. די ערד האָט זיך אַ וויג־געטון הינטער אים, אַ שליידער־געטון אים אינדערלופטן און, צוזאַמען מיטן וויטיק, האָט עזריאל דערפילט אַז ער פליט. באַלד איז ער צוריקגעפאַלן צו דער ערד און נישט געזען מער ווי שטויב־וואָלקנס און רויך געמישט מיט בלוט און פייער. די ערד אונטער אים וויגט זיך, שליידערט־זיך ווי אַ שיפל און איבער אים קנוילן־זיך גרוי־שוואַרצע וואָלקנס באַשמירטע מיטן רויט פון פלאַמען־צונגען, ווי אַ לאַווינע פון אַ ווולקאַן־אויסברוך, וואָס שיט זיך אויף אים און פאַרשיט אים מיט קאָכעדיק־הייסע און שטיין־שווערע שיכטן! — — —

*****

דוב, דער קאָמאַנדיר פון גדוד, ווענדט זיך צום אלוף און פרעגט אים, פון אָנשטענדיקייטס־וועגן:

— יצחק, איך וויל אָנהייבן דעם אַנגריף אַ פערטל שעה פריִער, ווי מיינסטו?...

— עס איז דיין זאַך... — שמייכלט דער אלוף, זעענדיק אין דובס אויגן, אַז עס ענדיקט זיך שוין ביי אים דער „עסק“...

און די איינהייט האָט זיך אַ לאָז־געטון פאָראויס, לויט אַלע באַשטימטע פאָרזיכטיקייטס־כללים.

די טאַנקען באַוועגן זיך אויף זייער ליניע. אַ לאַנגע ריי קייטן־פּאַנצערס שלענגלט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, באַווייזט זיך און פאַרשווינדט אין די פאַלדן פון דעם זאַמדיק־געבערגלטן באָדן. זיי קומען אַלץ נענטער און נענטער.

יצחק דוכט זיך אַפילו, אַז די קייטן־פּאַנצערס באַוועגן זיך צו לאַנגזאַם. אָבער דער זייגער ווייזט אים, אַז זיי רוקן זיך פאָראויס מיט דער פולער געשווינדקייט... אָט האָבן זיי זיך שוין אויסגעשטעלט אויף אַ פּאָזיציע און איינער און אַ צווייטער גיט פייער...

פאַראויס דער ריי קייטן־פּאַנצערס, גייען צוויי מענטשן: די חבלנים (צעשטערער). זיי איילן צו דער צוים פון שטעכל־דראָט, וואָס רינגלט־אַרום דער פעסטונג און רייסן זי אויף מיט אַ „בונגאַלאָ״־באָמבע. און אָט זענען זיי שוין ביי דער וואַנט! ביי דער וואַנט פון דער פעסטונג!... יענע וואַנט, וואָס אַזוי פיל מוטיקע בחורים האָבן זייערע לעבנס אָוועקגעגעבן, ביים פּרוּוון זי דורכצוברעכן!

די חבלנים צי׳ען־זיך איליק צוריק. עס דערהערט זיך אַ מעכטיקער אויפרייס. אַ שווערער, פעטער, טונקעלער וואָלקן הייבט זיך אויף און בלייבט שטיין לאַנגע סעקונדן ווי אַ פאַרגליווערטער זייל.

און ווען דער וואָלקן לאָזט זיך דאָך אַראָפּ, דערזעט מען אַ גרויסן אויסבראָך אין דער וואַנט!...

— דורכגעבראָכן!...

— ענדלעך דורכגעבראָכן!...

די אַנגרייפער־איינהייטן דערנענטערן־זיך. זיי גרייטן־זיך צו שטורע־מען די פעסטונג דורך אָט דעם אויסבראָך אין דער וואַנט.

די קייטן־פּאַנצערס רוקן־זיך פאָראויס מיט אַ שווינדלענדיקער שנעל־קייט. די טאַנקען פייערן אומאויפהערלעך און מעכטיק. — אָט באַלד וועלן זיי אינגאַנצן די וואַנט צעלייגן!

די חיילים פון די אַנגרייפער־איינהייטן זענען ספּרוזשינעדיק גע־שפּאַנט: איצט קומט דער שוידערלעכסטער מאָמענט מאָמענט! דער מאָמענט פון דעם אכזריותדיקן קפ״פ. דאָס איז דער אכזריותדיקער קאַמף פּנים־אל־פּנים, וועלכן מען רופט: „דער קאַמף פון די מוטיקע״!...

אָבער פּלוצלונג:

— וואָס טוט זיך דאָרט?

— וואָס קומט דאָרט פאָר?

— ביים אויסברוך רודערט זיך עפּעס!...

— חבריא!... די מצרים גייען־אַרויס פון דער פעסטונג!...

— די מצרים גייען־אַרויס אָן געווער!...

— זיי הייבן די הענט!...

— נצחון!... הורראַאַאַ!...

דער אלוף יצחק שפּרינגט־אַרויס פון זיין שוץ־גראָבן. ער זעצט זיך אין דזשיפּ און לאָזט זיך צו דער פעסטונג.

אַוודאי זענען דאָ מינעס אויפן וועג. אָט טרעפט ער דאָך אויפן כביש אַ קייטן־פּאַנצער און נאָכדעם — אַ ברען־טרעגער, וואָס זענען אַרויף אויף מינעס. אָבער ווער טראַכט איצט וועגן דעם?.. — ער מיידט־אויס די צע־שטערטע מאַשינען און טראָגט זיך פאָראויס.

און אַט איז ער ביי דער פעסטונג. די מצרים קנ:ען דערשראָקן און צעטומלט. רויטע אויגן, געזונקענע קעפּ און אויפגעהויבענע הענט. דער פעסטונג־קאָמאַנדיר קניט אויך צווישן זיי. אַזאַ אַנגסטיקן טויט־פּחד אויף פּנימער און אין אויגן פון געפאַנגענע, האָט נאָך יצחק ביז היינט נישט געזען...

אַרום איז אַן אַנגעלויף פון מענטשן. מענטשן פון נגבה און פון אַלע אַרומיקע משלטים, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צום גאַנג פון דעם „ספּעק־טאַקל": צום אַנגריף אויף עיראַק־סואיִדאַן אינמיטן העלן טאָג!... איצט האָבן זיי זיך אַדורכגעריסן דורך דעם קאָרדאָן פון מיליטער־פּאָליציי און געקו־מען זען דעם ביטערן סוף פון פרעהס אוראייניקלעך... אַן אַנגעלויף אַזאַ, אַז די מיליטער־פּאָליציי קען אַזש נישט באַהערשן די לאַגע...

דוב, דער הויכער, בלאָנדער דוב, דער קאָמאַנדיר פון דער אַנגריי־פער־איינהייט מאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, צו פאַרטיידיקן די געפאַנגענע, זיי זאָלן נישט באַקומען אַ זעץ מיט דער ביקס־קאָלבע פון אַ צעהיצטן חייל... און ווער פון די חיילים איז איצט נישט צעהיצט?... — שטעלט ער אַוועק וואַך־פּאָסטנס אַרום די געפאַנגענע און שטעלט אויך אוועק וואַך־פּאָסטנס אין און אַרום דעם בנין פון דער פעסטונג.

די פעסטונג איז איינגענומען, אָבער דעם עולם געסט, סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער גאַנצער סביבה, געקומענע אין די טויזנטער!... — איז עס נישט איינצונעמען און נישט צו באַהערשן!... אַ טייערע „פאַרשטעלונג" האָבן זיי געהאַט און איצט, ווען דער „פאַרהאַנג" איז געפאַלן, מוזן זיי אָנקוקן די נעבעכדיקע „פאַרגרימירטע אַקטיאָרן" און אַ פּאַטש טון זיי „בראַוואָ"!... די אַוועקגעשטעלטע וואַך צום היטן די געפאַנגענע, שפּילט איצט טאַקע די ראָל פון טעאַטער־בילעטיאָרן, וועלכע פאַרקוקן, ווי עמיצער גנבעט זיך דורך און טוט זיך זיינס...

דער אלוף גייט אַריין אין דער פעסטונג. מיט איין האַנט מוז ער זיך צוהאַלטן די נאָז און מיט דער צווייטער — ווישן די אויגן. דער ריח פון די אויפרייס־גאַזן און דער רויך מאַכן טרערן די אויגן. פון דעסטוועגן זעט ער: צעבראָכענע חפצים, צעריסענע בגדים, פּגרים, פּגרים און פּגרים. דאָס בלוט איז פאַרגליווערט. פונעם פייער האָט זיך אָפּגעזעצט אַ סאַדזע און פון אַלץ פּילט זיך רויך און טשאַד. אין די צימערן איז אַ וויסטער מיש־מאַש. די ווענט זענען צעלעכערט. אין די באַלקנס סימנים פון גע־דיכטע טרעפערס איינע נעבן די אַנדערע. דעם געשטאַנק איז נישט אויס־צוהאַלטן!

— אַן אימה! — זאָג ער צו זיינע באַגלייטער־אָפיצירן — דאָ האָט מען מער נישט געקאָנט שטעלן קיין שום ווידערשטאַנד!

ער גייט אַרויס. און ווידער דערזעט ער די אומגליקלעכע מצרים. ער גייט־צו צו זייער קאָמאַנדיר, וועלכער קניט צווישן די קני־ענדיקע, מיט אויפגעהויבענע הענט.

— שטיי־אויף. — זאָגט ער אים — האָסט געטון דאָס, וואָס עס איז געווען דיין פליכט אַלס סאָלדאַט, אַלס קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג. האָסט גוט געקעמפט און מוטיק זיך פאַרטיידיקט. אַפילו איבער אייערע כוחות! איצט איז אַלץ געענדיקט. אָבער ווייס, אַז איצט דראָט נישט מער קיין סכנה דיין לעבן. פון איצט אָן ליגט אויף אונדז די זאָרג פאַר דיר און דיינע מענטשן.

דער מצרישער קאָמאַנדיר באַרויִקט־זיך און גלייכט זיך אויס ווי אַ סאָלדאַט.

ער איז העכער פון אלוף יצחק און נישט־ווינציקער באַלייבט. ער איז פון דעם טיפּ, וואָס די ענגלענדער רופן: "Bully"

— אַזעלכער קען זיין אַ תקיף און אַן אכזר! — זאָגט דער אלוף צום קאָמאַנדיר דוב — נישט גוט צו זיין אַ געפאַנגענער ביי אַזעלכן ווי ער...

— איז טאַקע גוט, וואָס אונדזערע ראָלן זענען איצט אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע... — לאַכט דער בלאָנדער דוב.

פון אַלע זייטן שטופּן זיך צו זיי מענטשן. אָפיצירן פון פאַרשיידענע ראַנגען. אַלע שטרעקן די הענט און גראַטולירן מיטן גרויסן נצחון.

אלוף יצחק שמייכלט טאַקע ווי אַ זיגער. מיט זיין תלמיד־חכמדיקער גוטמוטיקייט:

— אַלע, פון דעם קלענסטן, ביז דעם גרעסטן, האָבן בייגעשטייערט צום זיג... יעדערער מיט זיינע מעגלעכקייטן און אויף זיין אופן... במילא איז עס אונדזער אַלעמענס נצחון!... פון דעם לעצטן סאָלדאַט, ביז מיר... עס איז אונדזער אַלעמענס שמחה!...

און דערביי ווייסט ער, דער אלוף, נאָך עפּעס:

וואָלט מען ביי די פריערדיקע אָנגריפן אויף דער פעסטונג פאַרמאָגט אָט די כלים, מיט וועלכע ער האָט היינט דיספּאָנירט און אָפּערירט, וואָלט שוין לאַנג דער „ענין" געווען אַ דערליידיקטער... עס וואָלט נישט געקאָסט אַזעלכע טייערע אָנשטרענגונגען פון זיבן אָנגריפן מיט אַזויפיל פאַרלוסטן! ווארעם ראשית־כל האָט מען דאָך געמוזט „אָפּקערן" דעם דאַך פון דער

פעסטונג, שטיל מאַכן זייערע מאַשין־געווערן. און מיט ליידיקע הענט האָט מען עס, ביז היינט, נישט געקאָנט מאַכן...

דער בלאָנדער דוב קומט־אַרויס פון דער פעסטונג אַ נערוועז־צע־שטראַלטער, מיט עפּעס אַ צוזויפגעקנאָדערטער שמאַטע אין דער לינקער האַנט און מעלדעט:

— זי איז דאָ!... איך האָב זי געפונען!...

— וועמען?

— נו, די פאָן!...

אלוף יצחק דערמאָנט זיך דעם באַפעל, וואָס ער האָט אים געגעבן:

— יופי!...

ער נעמט די פאָן און זעצט זיך אַריין אין דזשיפּ, אָפּצופאָרן אין שטאָב. מיט אים צוזאַמען זעצט זיך אַריין דער בלאָנדער דוב.

אַ וואַרעם מדבר־ווינטל צעפלאָשעט דובס בלאָנדע טשופּרינע און יצחקס זילבערנע באָרד. עס גלעט און צערטלט די מידע, נערוועז־שמייכלענדיקע פּנימער...

— און אָט, ענדלעך, האָט זיך פאַרענדיקט דאָס, וואָס איז אַזוי נייטיק געווען עס זאָל זיך ענדיקן!... — זאָגט יצחק אָן ענטשפּאַנטער צו זיין באַגלייטער — אַכט אָנגריפן האָט עס אונדז געקאָסט!... אַכט אָנגריפן!...

— אָבער ווען נישט די דיוועריסיע־איינהייט — זאָגט דוב — וואָלט עס דאָך בכלל געווען אַ זעלטענע שלאַכט אין דער געשיכטע פון שלאַכטן!... וואַרעם מיר האָבן דאָך בכלל קיין פאַרלוסטן נישט געהאַט!... אַפילו קיין ערנסט פאַרוואונדעטע זענען דאָך נישטאָ!... נאָר די דיוועריסיע־איינהייט...

— וואָס, די דיוועריסיע־איינהייט?

— נו, זיי זענען נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק... האָבן זיך אַ רוק־געטון פאָראויס, מער וויפל מען האָט געדאַרפט... פאַרשטייט זיך...

— וואָס פאַרשטייט זיך? — האָט זיך דער אלוף, ביי זיין גאַנצער מידקייט, געגעבן אַ ספּרוזשינעדיקן צאַפּל.

— אַז זיי האָבן געהאַט פאַרלוסטן.

— הרוגים?

— זיבן... און אַ סך פאַרוואונדעטע.

אלוף יצחק פאַלט צוריק צו זיין אָנלען. ער הערט דעם באַריכט מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער הערט וועגן דער זעלטענער העלדישקייט פון סימן־טוב, וועלכער זייענדיק שווער פאַרוואונדעט אין ביידע פיס, האָט ער באַנ־דאַזשירט און געמונטערט אַנדערע פאַרוואונדעטע. ער האָט באַוויזן זיך צו

פאַרבינדן דורכן ראַדיאָ־אַפּאַראַט, צו וויסן־טון וועגן דער לאַגע און רופן הילף. און במשך פון פינף מיט אַ האַלבער שעה, ליגנדיק אין יסורים און אָפּגייענדיק מיט בלוט, האָט ער מיט זיין מאַשין־געווער צוריקגעשטויסן די אָנגריפן פון די מצרים.

די רשימה פון די זיבן הרוגים האָט אלוף יצחק נישט אויסגעהערט ביזן סוף, כאָטש דוב דאָס האָט דייטלעך געלייענט. וואָרעם דער דריטער נאָמען אויף דער רשימה איז געווען: עזריאל קאַרלסבאַך...

דאָס ערשטע מאָל, זינט ער קען אים, האָט דוב געזען, אַז דער אלוף זאָל זיך ווישן מיט אַ נאַזטיכל די אויגן אונטער די ברילן־גלעזער.

**

ביי דער גאַנצער שמחה פון גרויסן נצחון, האָט זיך אלוף יצחק היינט, אַ גאַנצן אָוונט קיין אָרט נישט געפונען.

אין גבעת־ברנר (גיוואַט ברענער), אויפן צוזאַמענפאָר פון די פלמ״ח־אָפּיצירן, האָט מען אים אויפגענומען מיט ליבשאַפט, דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג. די פאָן וואָס ער האָט געבראַכט, די פאָן פון דער איינגענומענער פעסטונג איז אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף דער טריבונע פון צוזאַמענפאָר. עס האָבן זיך געשאָטן אויף זיין אַדרעס באַגריסונגען, לויב און ברכות. אָבער איינזיצן דאָרט האָט ער נישט געקאָנט.

ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ביינאַכטיקן תל־אביב.

תל־אביב, וואָס תמיד בלענדט זי אין די נעכט, שימערט און מיניעט מיט פאַרשיידנקאָלירי̇קע עלעקטרי־לאָמפּן און נעאָן־ליכט־רעקלאַמעס און דערמאָנט דערמיט די פּאַריזער שפּאַציר־גאַסן, — תל־אביב איז היינט פינצטער, פאַרמאַסקירט פאַר דעם שונאס עראָפּלאַנען. שוין חדשים אַזוי, פון דער אַנטשטייונג פון דער מדינה אָן. עס קליידט איר נישט, תל־אביב, דער יונגער, העלער, חנעוודיקער שטאָט, צו טראָגן אויף זיך אָט דעם שוואַרצן טרויער־שלייער און הילן־זיך אין אָט דעם שטאָק־פינצטערקייט.

אָבער אין די פינצטערע גאַסן רוישט אָן אימפּעטפול לעבן. דער געדיכטער מענטשן־שטראָם פון די שפּאַצירנדיקע ווערט נישט איבערגעריסן פאַר האַלבער נאַכט. יוגנט גייט פון טעאַטערן און קינאָס, יוגנט גייט צום ברעג פון ים. אין קאַפעען קיבעצט מען ביי טונקל־בלויען ליכט, אין וועלכן יעדער מאַן איז אינטערעסאַנטער און יעדע פרוי — רייצנדער... און די שטאַם־געסט ביי די דרויסנדיקע טישלעך, אויפן טראָטואַר, פאַר דער קאַפע „כסית״ איילט זיך נישט אַהיים צו גיין פאַר צוויי אַ זייגער ביינאַכט.

ווען אַלוף יצחק קומט־אָן מיט זיין דזשיפּ, ווייסן שוין אַלע פון זיין גרויסן נצחון. די „כּסית"־ציגאַנעריע נעמט אים אויף מיט אָוואַציעס. מען רוקט תּיכּף צוזאַמען אַ האַלב טוץ טישלעך און עס ווערט איין לאַנגער באַנקעט־טיש, אויף וועלכן עס צעפּינקלען־זיך פלעשער און גלעזלעך. אין בלויען מאַסקירונגס־ליכט זעען־אויס די גלעזלעך ווי אליהו־הנביא־כּוסות ביים סדר... דער אינהאַבער פון „כּסית" וואַרט איצט נישט, מען זאָל באַ־שטעלן און ער רעכנט זיך נישט מיטן פּרייז. דער נצחון איז אויך זיינער און די שמחה איז אויך זיינע, — שטעלט ער פלעשער אויף זיין אייגענעם חשבון:

— לחיים!...

מאַכט מען אַ כּוסה און דווקא אַ גרויסע... לכּבוד דעם זיגער. טרינקט מען איינע, אַ צווייטע און אַ דריטע פאַרן ענדגילטיקן נצחון, פאַר דער באַפרייונג פון דער מדינה, פאַר פרידן, רו און ווילשטאַנד דאָ און אויף דער גאַנצער וועלט!

יאָ, ווילשטאַנד אויף דער גאַנצער וועלט!... וואָרעם אַז פלעשער אויפן טיש שטייען גענוג און מען טרינקט שוין אויפן חשבון פון דעם „כּסית"־אייגנטימער, איז וואָס וועט מען דאָ גיין זשאַלעווען?...

נאָך אַט די אַלע לחיימס, האָט זיך שוין דער אלוף קוים דערשלעפּט צו זיין דזשיפּ און שפּעטער — פון דזשיפּ אין שטוב־אַריין. ער האָט זיך אַ וואָרף־געטון אויפן געלעגער און, נאָך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט פון זאָרג און פון עקבערן זיך די געהירן צו געפינען אַ לייזונג, — איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

אָבער צומאָרגנס באַגינען איז ער שוין ווידער געזעסן אין דזשיפּ און געאיילט צום פראָנט.

מען האָט געוואָרט אויף אים מיט דער קבורה פון די זיבן קרבנות און ער האָט זיי באַגלייט צו זייער רו.

זיבן קרבנות! ווי דער טייוול וואָלט אָפּגעמאָנט אַ צולאָג צו די פאַר־לוסטן פון די פריערדיקע דורכגעפאַלענע אַנגריפן. פאַר יעדן אַנגריף — אַ קרבן! זיבן אַנגריפן — זיבן קרבנות! אַ יסורימדיקער, אַ בלוטיקער לעצט־געלט.

און ווען דער לעצטער רידל זאַמד האָט שוין געהאַט צוגעדעקט דעם ברידער־קבר, איז נאָך אַלוף יצחק לאַנגע מינוטן געשטאַנען מיט אַ געזונ־קענעם קאָפּ.

ער האָט געקענט אַלע חברה, אַלע זיבן. און איצט האָט ער יעדן איינעם, יעדן באַזונדער ווידער געזען. די אויגן וואָס האָבן ערשט נעכטן געבליצט

מיט מוטיקייט און געוואַגטקייט, זענען איצט געווען געשלאָסן. פאַרגלי־ווערטע פּנימער מיט פאַרגליווערטע גרימאַסן וואָס די לעצטע יסורים האָבן אויף זיי אויסגעקרימט.

און צווישן אָט די פאַרגליווערטע טויט־מאַסקעס, האָט אויפגעטויכט פאַר יצחקן דאָס לעבעדיקע געזיכט פון זיין שכן זכריה קאַרלסבאַך, עזריאלס טאַטן. ער גלאָצט צו אים מיט ווייפולע אויגן וואָס פרעגן, וואָס פאָדערן, וואָס מאָנען! — — —

*****

נגבה (נעגבאָ) איז אַרויס פון דער אונטערערד. נגבה האָט איצט געוואָרט אויפצונעמען אירע באַפרייער און דריקן די הענט פון די אָפיצירן, די באַזיגער פון דער געשפּענסטיקער פּאָליציי־פעסטונג עיראַק־סואידאַן. אויפן פעסטונג־טורעם זעט מען שוין פלאַטערן די ייִדישע פאָן, וואָס זאָגט אָן זיכערקייט, רו און פרידן פאַר דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. אָבער די פאַרהאַסטע מצרישע פאָן, וואָס האָט דעם ייִדישע דאָרף אַזויפיל יסורים פאַרשאַפט, פאָדערט איצט נגבה אַלס פאַרגיטיקונג פאַר זיך. יאָ, זי פאָדערט די מצרישע פאָן, וואָס האָט אַזוי לאַנג געפלאַטערט אויפן דרום־מזרחדיקן פעסטונג־טורעם צו נגבהס ווייטיק, צער און צאָרן.

נגבה פאָדערט און דער שטאַב האָט באַשלאָסן, אַז עס קומט איר...

אַלוף יצחק מיט זיינע שטאַב־אָפיצירן האָבן זי טאַקע איצט געבראַכט, די מצרישע פאָן פון עיראַק־סואידאַן, און אויף אַ פייערלעכן אופן, איבער־געגעבן אין די הענט פון די נגבה־קעמפער.

און מאָדנע: די זעלבע נגבה־מענטשן, וואָס ביי זייערע גרעסטע פאַר־לוסטן און ווייטיקן האָבן זיי בלויז מיט די ציינער געקריצט און קיין שום סענטימענטן זיך נישט אונטערגעגעבן, — איצט האָבן זיי נאָכגעלאָזן די נערוון... ביים איבערנעמען די מצרישע פאָן, שטייען זיי אַלע מיט פאַר־רויטלט־פייכטע אויגן...

די נגבה־קעמפער דריקן די הענט פון די שטאַב־אָפיצירן און זיי זאָגן־צו ווייטער צו קעמפן, נישט מיט קיין געווער, ווי ביז איצט, נאָר: מיט אַר־בעטס־געצייג , ווי פריער... מיטן טראַקטאָר, מיט דער דרעש־מאַשין, מיט אַלע כלים פון דער דאָרפישערווירטשאַפט...

נגבה וועט צוריק אויסגלייכן די ביינער. נגבה וועט פאַרהיילן אירע וווּנדן און ווידער ווערן אַ שפּעדיק ייִדיש דאָרף מיט ייִדישע דערפער צו־גליק, וואָס ברענגען ברכה פאַרן לאַנד!

די שטאַב־אָפּיצירן געזעגענען־זיך און לאָזן זיך ווידער אַרויס אין וועג. די מלחמה איז דאָך נאָך נישט געענדיקט. די מלחמה גייט דאָך ווייטער־אָן. זיי זעצן זיך אין זייערע דזשיפּן און רוישן־אַרויס פון דאָרף.

ווּהין?

זיי וויסן נאָך אַליין נישט. עס איז נאָך נישטאָ קיין באַפעל. אָבער דאָס וואָס זיי וויסן יאָ, איז, אַז דער וועג פירט פאָראויס, אויף דרום...

דער זעלבער וועג איז איצט פאַרפלייצט מיט מיליטערישע קאַראַוואַנען. באַוואָפנטע און פאַרשטויבטע בחורים, מיט צעפלאָשעטע טשופּרינעס און גליענדיקע אויגן, שטייען ענג צונויפגעדרענגט אויף די לאַסט־אויטאָס, זיך־האַלטנדיק איינער אָן אַנדערן האַנט און אַקסל, האַנט אויף אַקסל און פאַר־הילכן דעם נגב מיט געזאַנג:

הי, דרומה!
הי, דרומה!
הי, דרומה לאילת!...
העי, אויף דרום!
העי, אויף דרום!
העי, אויף דרום, קיין אילת... (עילאַט)

## קאַפּיטל אַכט

# עזריאלס ווידערגעבורט

ווי שנעל אלוף יצחק האָט געיאָגט זיין דזשיפּ אויף דרום, האָט אים דאָס געשטאַלט פון זכריה קאַרלסבאַך כסדר באַגלייט, דעריאָגט און אי־בערגעיאָגט. ווי אַ בלייכע לבנה איז אים זכריה קאַרלסבאַכס געזיכט כסדר פאַראויס־געשוועבט. אַפילו אין די שוץ־גראָבנס פון די קאָמאַנדיר־פּאָזי־ציעס האָט ער אים געזען און זיך כסדר באַגעגנט מיט זיינע פרעגנדיקע, מאָנענדיקע אויגן.

„מען טאָר אים איצט, דעם צעבראָכענעם טאַטן, נישט איבערלאָזן איינזאַם, אַליין״ — האָט דער אַלוף אַ טראַכט־געטון.

און טאַקע דאָ, אין דעם קאָמאַנדירישן שוץ־גראָבן, איז אים איינגעפּאַלן דער געדאַנק: ער וועט אים ברענגען לייבישן פון שפּיטאָל... דער בכור, עזריאל, איז נישטאָ, — טאָ זאָל דער יינגערער, לייביש, אים פאַרטרעטן. אַ זון זאָל זיין נעבן אים, וועלכער זאָל אים מונטערן און טרייסטן.

און ווי דער אלוף וואָלט געהאַט אַדורכצופירן אַ דרינגענדע מילי־טערישע אויפגאַבע, האָט ער דעם זעלבן טאָג געיאָגט זיין דזשיפּ צוריק קיין תל־אביב.

פאַרבייפאָרנדיק עיראַק־סואי־דאַן און דערזעענדיק אַן אָנגעהויפּנטן באַרג שטיינער, ביים דורכבראָך אין דער פעסטונג־וואַנט, האָט ער באַפוילן, מען זאָל אים אַזאַ שטיין אַרויפדערלאַנגען אין דזשיפּ. פיר חיילים האָבן תיכף דעם באַפעל אויסגעפירט און ער איז ווייטער געפאָרן.

ער האָט געהאַט אַ לענגערן שמועס מיטן הויפּט־דאָקטער פון שפּי־טאָל, וועלכער איז מסכים געווען אויסצושרייבן לייבישן, כאָטש ער האָט אים נאָך געוואָלט האָבן אונטער זיין אָבסערוואַציע. ער וועט לייבישן אויס־שרייבן מיטן באַדינג, אַז יעדע וואָך זאָל ער קומען און זיך ווייזן פאַר אים... און קומען זאָל ער טאַקע מיט זיין אַקאָרדעאָן, מיט וועלכן ער גיט דאָ אָפט קאָנצערט און הייטערט אויף די חברה אין שפּיטאָל...

לייביש, דערוויסנדיק־זיך וואָס עס איז געשען, וואָס עס איז די סיבה פון דעם פּלוצלונגדיקן אויסשרייבן אים פון שפּיטאָל, האָט זיך אַזוי היס־טעריש צעיאָמערט, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אים איינצונעמען. ער האָט זיך ממש געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, צעפּליקט דאָס קישעלע אויף זיין בעטל און געקלאָגט.

די קראַנקע אין אַלע פּאַלאַטעס, מיינענדיק אַז מען באַקלאָגט דאָס עמיצן וואָס איז „געבליבן אונטערן מעסער", האָבן באַקומען אַ געגרונצלטע הויט און זענען ליגן־געבליבן בלייכע און אַנטשטומטע. אַזוי שטיל ווערן אַרעסטאַנטן אין אַ תפיסה, ווען זיי דערוויסן־זיך אַז דער תליון איז גע־קומען און עס וועט איצט אויסגעפירט אַן עקזעקוציע.

געראַטעוועט די לאַגע האָט רעניאַ. זי האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע אָרעמס, צוגעטוליעט צו איר ברוסט, לאַזנדיק אים אַזוי אריינ־כליפּען און אַריינהעשען אין איר בוזעם אַריין. זי האָט געפילט ווי זיינע הייסע טרערן־שטראָמען און גאַוועד רינען צווישן אירע בריסטן, צום בויך אַראָפּ. עס האָט איר שרעקלעך געקיצלט דאָס לייב. זי האָט געחלשט צו נעמען אַ טיכעלע און אָפּווישן זיך. זי האָט עס, אָבער, נישט געטון אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך אויסגעשליוכצט און שטיל געבליבן, ווי אַן אַנט־דרימלט קינד, וואָס איז שוין מיד פון וויינען.

דער אלוף האָט שוין געהאַט חרטה־געקראָגן אויפן גאַנצן עסק, פאַר־שטייענדיק אַז דאָס יינגל וועט נישט בכוח־זיין דעם טאָטן צו מוטיקן און טרייסטן, נאָר פאַרקערט. אָבער זעענדיק ווי רעניאַ האָט לייבישן איינגע־נומען, האָט ער אַ וווּנק־געטון צום דאָקטער.

דער הויפּט־דאָקטער האָט יצחקס וווּנק פאַרשטאַנען און הסכמהדיק צוריקגעשמייכלט; פאַרפאַלן... ער וועט אים מוזן אויך „אויסבאָרגן" די קראַנקן־שוועסטער אויף אַ טאָג־צוויי...

אין דער צייט ווען לייביש האָט זיך אויסגעטון זיינע שפּיטאָל־קליי־דער און איז ווידער אַריינגעקראָכן אין זיין מיליטערישן מונדיר, אין וועלכן מען האָט אים דאָ אַהערגעבראַכט, האָט רעניאַ אינזינען געהאַט צונויפצו־זאַמלען אַלע זיינע זאַכן. זי האָט עס איינגעבונדן אין אַ פּעקעלע און צוזאַמען מיטן אַקאָרדעאָן, אריינגעלייגט אין דעם אלופס דזשיפּ. דאַן האָט זי אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם ווייסן כאַלאַט און זיך ווידער אַ נעם־געטון צו לייבישן: איצט זעט זי, אַז ער איז אַ מאַן... אַז ער קען זיך נעמען אין די הענט אַריין... זי איז שוין זיכער, אַז אינדערהיים וועט ער זיך האַלטן שטאַרקער און בכוח־זיין צו טרייסטן דעם טאַטן... זי האָט עס באַלד פאַר־שטאַנען... וואָס דען? זי קען דאָך אים אַזוי גוט!... און דערפאַר האָט זי דאָך אים אַזוי ליב!...

לייביש, נאָך אַלץ אונטערשליוכצנדיק, האָט געטראַכט אַז דאָס זענען „כיטרע, כעלעמער־גאַליציאַנישע ריידעלעך“, אים איינצונעמען... ער האָט עס גוט פאַרשטאַנען. פון דעסטוועגן, האָט עס אים אַריינגעשלאָגן אין דער אַמביציע, צו האַלטן־זיך מעגלעך...

און אַזוי האָט ער זיך טאַקע געהאַלטן דעם גאַנצן וועג, ביז אין שטוב־אַריין.

זכריה קאַרלסבאַך האָט שוין געוווּסט פון זיין אומגליק.

דער שטענדיק־עלעגאַנטער, פּעדאַנטישער, שמעקנדיק־געפּוצטער ייִד האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אַלטער צעשויבערטער בראָדיאַגע וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ משוגעים־שפּיטאָל. אין זיין עלנטקייט און אָבלדיקייט, איז ער נישט איינגעזעסן אויף קיין אָרט, נאָר איז כסדר אַרומגעלאָפן הין־און־צוריק איבערן גאַנצן הויף, רונד־אַרום דער ווילע. זיינע שטיפּע באַראָן־הירש־וואָנצעס וואָס האַלטן זיך תמיד אינדערברייט, ווי די ווייזערס אויף אַ ציפערבלאַט ווען עס איז דרייפערטל־דריי, זענען אים איצט נאָכגעהאָנגען ווי אַ פלאָנטער פון צעדריוולטן וואָל.

ווען לייביש האָט דערזען דעם טאַטן אין אָט דעם קלאָגעדיקן אָבל־מעמד, האָט ער תיכף פאַרגעסן וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם דאָקטער, רעניען און יצחקן און דאָס, וואָס ער האָט זיך אַליין אונטערגענומען צו האַלטן־זיך מעגלעך. דערזעענדיק דעם טאַטן, האָט ער תיכף אַרויסגעפּלאַצט מיטן זעלבן געוויין, ווי אין שפּיטאָל. אין שפּיטאָל האָט ער נאָר כסדר געיאָמערט: „עזריאל! אוי, עזריאלז!“, דערקעגן דאָ:

— אוי, טאַטע! אוי־אוי־אוי, טאַטעעע! — — —

זכריה קאַרלסבאַך האָט נישט געוויינט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אויפן זונס אַקסל און זיי האָבן זיך ביידע אַראָפּגעלאָזן אויף אַ טרעפּל פאַרן הויז. לייביש האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם טאַטנס שויס. דער טאַטע האָט אים געגלעט מיט דער לינקער האַנט דעם קאָפּ און מיט דער רעכטער האָט ער געפאָכעט ווי מיט אַ צעבראָכענעם פליגל, טענהנדיק:

— פאַרוואָס האָט עס מיך נישט געטראָפן? איך בין דאָך עלטער פון אים! ער האָט דאָך נאָך גאַרנישט געלעבט! מיר דאַרף דאָך שוין קיינער נישט. איך בין דאָך סיי־ווי אַן איבעריקער! אַן אַלטע ,אומנייטיקע שמאַטע! מיין קאָפּ האָט דאָך געדאַרפט זיין גרוב פאַרלייגן! נישטאָ עזריאל, נישטאָ! עזריאל איז נישטאָ און איך לעב! צו וואָס לעב איך נאָך איצט, אַז עזריאל איז נישטאָ? צו וואָס?! — — —

רעניאַ האָט נישט געקאָנט צוהערן די רייד. זי איז אַריין אין שטוב און גענומען זיך פאַרען אין דער באַלעבאַטישקייט, ווי אַ גוטע שכנה, אָדער ווי אַ דאַמעלע פון שטעטלדיקן „לינת־הצדק“...

לויט זכריהס מילך־בלויע ליפּן און פאַרשמאַכטן, קלייסטערדיקן אַרט רעדן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נאָך היינט קיין ביסן אין מויל נישט געהאַט. זי האָט צוגעשטעלט טיי און געזוכט צו מאַכן אַ לייכטן צובייסן.

זכריה קאַרלסבאַך האָט נישט באַנומען וואָס רעניאַ רעדט צו אים. אין שטוב האָט ער נישט געוואָלט אַריינגיין. אָבער אַז רעניאַ האָט אים דאָ, אויפן טרעפּל זיצנדיק, אַריינגעשטופּט אַ גלאָז טיי, האָט ער גענומען און געטרונקען. און אַז זי האָט אים דערלאַנגט אַ זעמל, האָט ער, ווי נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, געגעסן.

דאַן האָט שוין רעניאַ אַ ווונק־געטון צו לייבישן, אַז דער טאַטע איז מער מענטש פון אים און ער זאָל זיך נעמען אַביישפּיל פון טאַטן... לייביש האָט געענטפערט מיט אַ ברוגזלעך־בייזער מינע, אָבער געפאָלגט האָט ער. ער האָט געטרונקען און געגעסן, פון וואָס רעניאַ האָט געשמייכלט אין זיך אַריין. זי האָט אויך אַרויסגעבראַכט טיי פאַרן אלוף און פאַר זיך און אַלע האָבן עס געטרונקען זיצנדיק אויף די טרעפּלעך, פאַרן אַריינגאַנג אין שטוב־אַריין.

נאָכן אָפּטרינקען די טיי, האָט זיך דער אלוף אָן עפּעס דערמאָנט. ער האָט זיך ענטשולדיקט אויף אַ מינוט און איז אַוועק. באַלד, אָבער, איז ער צוריק געקומען מיט אַ לאָפּאַטע. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט דערשטוינט: „וואָס וויל ער דאָ מאַכן? וואָס גייט ער דאָ טון? גראָבן? וואָס גראָבן? פאַר וועמען?".

אלוף יצחק האָט אויף קיינעמס פרעגנדיקע בליקן נישט געענטפערט און זיך געטון זיינס: אין סאַמע מיטן פון בלומען־גאָרטן האָט ער צעגראָבן אַ היפּשן, קיילעכדיקן בייט. ער איז דאָס אפשר נישט אויסן־געווען, אָבער אַרויסגעקומען איז דאָס בייט־בערגל אין מיניאַטור, ווי אַ מאָקעט פון דעם באַרג, אויף וועלכן עס שטייט די פעסטונג עיראַק־סואידאַן...

נאָכדעם האָט ער זיך לאַנג געפּאָרעט ביי זיין דזשיפּ, פון וועלכן ער האָט קוים אַרויסגעשלעפּט דעם גרויסן, שווערן שטיין, וועלכן ער האָט געבראַכט צו פירן פון עיראַק־סואידאַן. דאָס איז דער זעלבער שטיין, וואָס דאָרטן האָבן עס פיר חיילים געמוזט טראָגן און אויפן דזשיפּ אַרויפלייגן. פיר יונגע חיילים! און איצט האָט אים דער אַלטער אלוף געשלעפּט איינער אַליין... פון שטוינונג זענען אַלע געפּלעפט געוואָרן אַזוי, אַז קיינער איז אים נישט אַנטקעגן־געלאָפן העלפן... אַליין האָט ער דעם שטיין דערטראָגן און אַוועקגעלייגט אין סאַמע מיט פון דעם בייט־בערגל. און מאָדנע: אויך דער שטיין, אויפן בייט־בערגל האָט אויסגעזען ווי די איינגענומענע פעס־טונג עיראַק־סואידאַן, ווי מען וואָלט געקוקט אויף איר פון ווייט־ווייט, דורך אַ שפּאַקטיוו...

דאַן איז ער ווידער אַוועק און צוריק געקומען מיט אַן אַראַבער, וועלכער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ גרויסע שיסל. די שיסל איז פול גע־וועץ מיט פרישע שתילים (יונגע פלאַנצן).

און ביידע, דער ייִדישער אלוף און זיין אַראַבישער געפאַנגענער, האָבן אַנידערגעקניט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן אויפן בייט־בערגל, פאַר־זעצנדיק די יונגע בלומען־פלאַנצן...

נישט זכריה, נישט לייביש און נישט רעניאַ האָבן געוווּסט, צו וואָס דאָס בערגל מיטן שטיין זענען געגליכן, וואָס זיי אימיטירן. איינס האָבן זיי געוווּסט: דאָס איז אַ סימבאָלישער קבר, אַ דענקמאָל, אַ מצבה עזריאלן.

זכריה איז געוואָרן דערפון אי גערירט, אי עטוואָס אײפּערזיכטיק, ווי דער אלוף וואָלט דאָ קאָנקורירט מיט אים אין טאַטעשקייט און אין דעם טאַטיש־אָבלדיקן ווייטיק. דאָך, ווען ער האָט געזען ווי דער אלוף, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דאָס פלאַנצן, האָט זיך מיליטעריש אויסגעגלייכט און שטיין געבליבן פאַרן בייט־בערגל מיט אַן עטוואָס געזונקענעם קאָפּ, — איז ער צוגעקומען און זיך אויך אַזוי אַוועקגעשטעלט נעבן אים.

אויך לייביש און רעניאַ זענען צוגעקומען און אַלע פיר זענען אַזוי אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען שטומע, מיט פייכטע שקיעה־אויגן.

ווען דער אלוף האָט זיך ענדלעך אָפּגעקערט, האָט אים זכריה, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, וואַרעם געדריקט די האַנט.

ערשט איצט האָט זיך יצחק איבערצייגט, אַז זכריה טראָגט נישט אויף אים קיין פאַרדרוס און האָט נישט צו אים פערזענלעך קיין טענות. ביידע מענער האָבן, בעת אָט דעם האַנט־דרוק, דערפילט אַ קרובהשאַפט איינער צום אַנדערן, אַן אינטימע פריינטשאַפט.

זיך לאָזנדיק צום טויער, האָט דער אלוף אַ ווונק־געטון צו רעניען, זי זאָל אים נאָכגיין.

ער האָט איר אַרויסדערלאַנגט פון דזשיפּ עזריאלס פאָטאָ־אַפּאַראַט, דעם זייגער, אַ ביטעלע קליינגעלט און אַ פּאָרטפעל מיט בריוו און דאָקו־מענטן, וואָס מען האָט ביים דערהרגעטן געפונען.

***

רעניאַ איז שוין אין קאַרלסבאַכס פּאַלאַץ פאַרבליבן. דאָס איז לייביש צוגעשטאַנען, אַז זי זאָל אַריבערברענגען איר וואַליזע פון „בית־חלוצות" און זיך איינאָרדענען דאָ אין אַ צימער.

רעניען איז די ווילע זייער געפעלן. זי האָט זיך דאָ צעפלאַטערט ווי אַ פייגעלע אין וואַלד. זי האָט נישט נאָר באַהערשט די ראָל פון אַ גוטער

באַלעבאָסטע, נאָר זי האָט זיך שוין דערפילט און זיך געפירט ווי אַ צו־קונפטיקע שנור, ווי אַ יורשטע.

און כאָטש לייביש איז דערווייל געשלאָפן צוזאַמען מיטן טאַטן, האָט רעניאַ איר צימער אויסגעשטאַט ווי פאַר אַ פּאַרפאַלק, אַריינגעמענדיק אַהין דאָס שענסטע און בעסטע מעבל, וואָס עזריאל האָט אַנגעגרייט.

דער פּאַלאַץ האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ פּאָר געניטע פרויען־הענט און רעניאַ האָט זיך טאַקע גוט אויסגעטויגט. אין משך פון איין טאָג האָט די גאַנצע ווילע אויפגעלעבט מיט אַלע חנען. רעניאַ האָט געוואַשן די באַלאטן פון דער פּאַדלאָגע, געוואַשן טירן־פענצטער, פאַר וועלכע זי האָט אויך פאַרהענגלעך געפונען. זי האָט אַראָפּגעווישט דעם שטויב פון די מעבל פון אַלע חפצים, וואָס האָבן אַ פרישן גלאַנץ באַקומען. זי האָט באַגאָסן די וואַזאָנען און אויסגעשטעלט אַלץ אויפן געהעריקן פּלאַץ. פון דער קיך האָבן זיך גענומען טראָגן די געשמאַקע גערוכן פון געקאָכטע מיטאָגן און קאַווע, וואָס זכריה האָט שוין לאַנג נישט פאַרזוכט. געגעסן האָבן זיי צוזאַמען, אָבער שוין נישט מער אויף קיין נאַקעטן טיש. רעניאַ האָט אַ בלאַנקענדיק־ווייסן טישטוך אויסגעשפּרייט און צעלייגט פאַר יעדן דאָס נייע, דייטשע געשיר, דעם „בעשטעק״, וואָס זכריה האָט אין מיבכען באַקומען געטוישט פאַר אַ פּאָר שטאַנגען „קעמל״־סיגאַרעטן.

אויסער דעם אַלץ, האָט נאָך רעניאַ צייט־געהאַט צו באַגיסן דעם בלומען־גאָרטן, אַנצוטרינקען די בוימער, אויסצורייסן די ווילד־געוויקסן און צו זיצן אין אָוונט מיט לייבישן אין דער טונקעלער אַלטאַנע, ווי עזריאל האָט עס דעם טאַטן פאַראויסגעזאָגט...

אויך זכריהן האָט רעניאַ צוגעזען, ער זאָל טראָגן אַ פרישׂ, געפּרעסט העמד, מיט אַ צוגענייט קנעפּל. ער זאָל עסן און טרינקען צו דער צייט און אַרויסגיין אויף לופט.

אַרויסגעגאַנגען איז זכריה פון שטוב, אָבער נישט פון הויף. ער האָט דאָ געהאַט גענוג לופט, אַרומשפּרייזנדיק אַ פאַרוואַלקנטער און שטומער רונד־אַרום דעם בייט־בערגל מיטן שטיין פון עיראַק־סואיזדאַן. אַנצאַליקע מאָל, ביז קני־ברעכעניש, האָט ער אַזוי אַרומגעקרייזט דעם בייט רונד־אַרום, רונד־אַרום, ביז רעניאַ האָט אים אַנגענומען ביים אָרעם און אין שטוב אַריינגעפירט, ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

איינמאָל, נאָך זון־אונטערגאַנג, ווען זכריה האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אַזוי אין כסדרדיקן אַרומקרייזן אַרום בייט־בערגל, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ פאַרדעכטיקטער שאָטן שלייכט זיך פאַרן טויער. ער האָט תיכף צוגע־איילט און געזען, אַז אַ פרוי דערווייטערט זיך. אַ פרוי מיט אַ שוואַרצן שאַל אויפן קאָפּ, ווי די מאַמע זיינע — צו כל־נדרי. אויך דאָס געזיכט, וואָס זי

האָט שנעל אָפּגעקערט, איז געווען פאַרשלייערט מיטן שאַל, ווי מיט אַ וואָל. און כאָטש ער האָט דאָס פּנים נישט געזען, האָט עס אים דאָך אַ קלאַפּ־געטון אין האַרצן:

פּערל־ליבע!...

ער וואָלט געשווירן, אַז דאָס איז זי, כאָטש ער האָט זי שוין באַלד אַ יאָרצענדליק נישט געזען און האָט אויך איצט רעכט נישט געזען איר געזיכט. ער דערקענט זי לויט איר פיגור, לויט איר גענגעלע...

„נאָכוואָס־זשע איז זי געקומען? — פרעגט זיך זכריה — און פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן? אַריינגעקוקט פאַרטייעטערהייט דורך די טויער־קראַטן, אַריינגעקוקט און נישט אַריין! וואָס־זשע האָט זי געזוכט? ווען האָט זי דאָ געוואָלט זען? מאָדנע!” — — —

און אָט איצט, שלייכט זיך דאָרט ווידער עמיץ ביי די טויער־קראַטן. זכריה רייסט־איבער דאָס אַרומשפּרייזן און קוקט זיך איין: אַ פרוי? — יאָ, אַ פרוי. אָבער דאָס איז, דאַכט זיך, נישט די זעלבע. ס'הייסט, נישט פּערל־ליבע. און דאָך, עפּעס פּאַרט אַ באַקאַנט פּנים. ווער־זשע זאָל דאָס זיין? — איילט ער צום טויער נייגעריק.

פאַרן טויער שטייט אַ מאַנצבילש־דאַרע פרוי מיט אַ רויטן קאָפּ האָר און מיט אַ געדיכטן אָנשיט פון זון־שפּרענקעלעך אויפן בייזלעך־אומצו־פרידענעם פּנים. עפּעס האָט ער דאָך ערגעץ אַזאַ פּנים באַגעגנט און דער רויטער קאָפּ האָר...

— שלום אדון קאַרלסבאַך — זאָגט די מאַנצבילשע פרוי שטיל און אומדרייסט, מיט אַזאַ שטילקייט און אומדרייסטקייט, וואָס עס קליידט איר נישט צו אָט דעם פּנים — איר דערקענט מיך נישט? איך בין רעניאַס חברטע, מרים...

— יאָ, יאָ, איך דערקען. קומט אַריין.

מרים איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן אומדרייסטע פאַרן טויער, ווי זי וואָלט זיך נישט געקאָנט דעצידירן: יאָ אַריינצוגיין, צי נישט אַריינצוגיין. זכריהן האָט עס שוין דענערווירט און ער האָט אַ זאָג־געטון, נישט־איבע־ריקס העפלעך:

— וואָס־זשע דאַרפט איר שטיין אינדרויסן און אַריינקוקן? איר קענט דאָך בעסער אַריינגיין אינעווייניק און אַרויסקוקן!...

נאָך אָט דעם זאָג, איז מרים אַריין און שטיין געבליבן אַלץ ביים טויער.

נאָר דאָ האָט רעניאַ דערזען מרימען דורכן קיך־פענצטער און איז תיכף צו איר אַרויסגעלאָפן.ביידע חברטעס האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און צעקושט.

— פון וואַנען האָסטו געוווסט, וווּ מיך צו געפינען?... — האָט זיך רעניאַ געוווּנדערט.

— איך בין געווען אין „בית־חלוצות‟, האָט מען מיר גזעאָגט, אַז דו ביזט שוין דאָ... — האָט מרים געכריפּעט מיט אַן אומסימפּאַטיש געל שטימעלע.

— יאָ, איך בין דאָ, מרים... וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס דיר?

— אַזוי... אין קיבוץ, דו ווייסטאָך... גאַנץ גוט.

— צופרידן?

— אַזוי... גאַנץ צופרידן. מעגסט זיך אַמאָל אַראָפּכאַפּן צו מיר, זען ווי איך לעב...

— יאָ, מרים, ביסט גערעכט... איך וועל מיך זיכער אַראָפּכאַפּן צו דיר. אָבער נישט איצט. דו ווייסט דאָך... — האָט רעניאַ אַ ווונק געטון אויף זכריהן.

— יאָ, איך ווייס אַלץ. — האָט מרים אַ זיפּץ־געטון. — איך בין טאַקע געקומען אין שייכות מיט דעם... ס'הייסט, איך האָב דאָ אויסצופירן אַ שליחות...

— דו?... מיט אַ שליחות אַהער?... — האָט זיך רעניאַ געוווּנדערט.

— ששש... — האָט מרים געבעטן און איינגערוימט רעניאַן אַ סוד אויפן אויער.

ביידע חברטעס האָבן זיך אַרויסגעשלייכט אויף דער גאַס. זיי האָבן זיך דאָרט לאַנג געשושקעט פאַרן טויער און דאַן — צוריקגעקומען פאַר־רויטלעכע און עטוואָס אויפגערעגטע. רעניאַ האָט זיך אַ היפּשע ווײַלע גע־וואַקלט, ביז זי האָט געפּועלט ביי זיך אָפּצושטעלן זכריהן אין זיין גאַנג אַרום דעם בייט־בערגל. זי האָט אים אומדרייסט אָנגענומען ביים אָרעם און אַ פּאָר מאָל אַ הוסטל־געטון. דאָס הוסטל האָט געהאַט פאַר זיך צוויי צילן: איינס — צום באַזייטיקן דאָס נערוון־פּלעגמעלע וואָס האָט זיך איר געלייגט אויף די שטים־בענדער און צוויי — דער פּאַרמרה־שחורהטער זכריה זאָל זיך קאָנצענטרירן און זי אויסהערן:

— פּאַניע קאַרלסבאַך... הם... אדון קאַרלסבאַך...

— וואָס?

— הם... מרים האָט אַ גרוס פאַר אייך...

—מרים? אַ גרוס פאַר מיר?

— הם... יאָ, זי וויל מיט אייך עפּעס רעדן...

זכריה האָט אָנגעקוקט מרימען, דער רויטער, מאַנצפּערשווינישער מויד, מיט זיינע גרויסע, אומעטיקע אויגן.

— ווילסט מיר עפּעס זאָגן, נו, זאָג.

זכריה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, וואָס פאַרן הויז, מיט רעניען און מרימען אין ביידע זייטן.

— הם!... — האָט רעניאַ געהוסטלט איר נערוועזער פאַרכריפּעטקייט.

— הם!... — האָט מרים געטון דאָס זעלבע...

— איך הער אייך, קינדער. איר קענט רעדן. — האָט זכריה געזאָגט, פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— נו, רעד, מרים... — האָט רעניאַ געזאָגט.

און די רויטע מויד האָט זיך אָנגענומען מיט מאַנצבילשן מוט און מיט אַ געל, מאַנצבילש שטימעלע אָנגעהויבן:

— אין מיין קיבוץ... אין רמת־החמישה, איז דאָ אַ מיידל... עס הייסט, נישט קיין מיידל אייגנטלעך... נאָר אַ חברה... אילנה הייסט זי... (אילאַנאַ), זייער אַ ווויל מיידל... ס׳הייסט, זייער אַ ווילע חברה... איז זי, אילנה הייסט עס, געווען אייער עזריאלס כלה...

— וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט זכריה איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט נישט דערהערט, אָדער נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים און בלויז „עזריאל״ און „כלה״ האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין זיין געהער.

מרים איז נאָך צעטומלטער געוואָרן און זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט מיט דער צונג:

— ס׳הייסט, אייגנטלעך איז זי נישט געווען קיין אָפיציעלע כלה, אילנה הייסט עס, נאָר אַ חברה זיינע. אָבער מען קען זאָגן, אַז נאָך נענטער ווי אַ כלה, ס׳הייסט פיל מער ווי אַ כלה... עס הייסט, קען מען זאָגן...

— מען קען זאָגן און מען קען זאָגן און זי זאָגט נישט!... — האָט זיך שוין זכריה דענערווירט און אַ רוף געטון צו לייבישן: — לייביש! קום נאָר אַהער, לייביש. וואָס רעדט זי, לייביש? איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך באַנעם נישט, איך פאַרשטיי נישט וואָס זי רעדט.

לייבישן האָט דער טאַטע נישט געדאַרפט רופן. ער איז דאָך געשטאַנען נעבן אים און אויך אַזוי געהערט און נישט באַנומען דאָס געהערטע. „אַ כלה, אַ חברטע, און מען קען זאָגן: מער ווי אַ כלה״ — עפּעס אויסטערליש האָבן די ווערטער געקלונגען אין די אויערן פון טאַטן און זון, ווען עזריאל איז נישטאָ... סיי דער טאַטע און סיי דער ברודער האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז עזריאל זאָל עמיצן האָבן. עזריאל האָט דאָך קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם און קיינמאָל קיין נאָמען „אילנה״ נישט דערמאָנט. אוודאי וואָלט דאָס געווען נאַטירלעך, אַז אַזאַ בחור ווי עזריאל זאָל האָבן זיינס אַ מיידל, צי אַ כלה. אָבער פאַרקערט: עזריאל האָט דאָך גאָר דעם טאַטן פאַרזיכערט, בעת זייער לעצטן געשפּרעך, אַז איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן, טראַכט ער גאָרנישט דערוועגן... און ווייל זכריה געדענקט גוט עזריאלס לעצטע ווערטער, איז טאַקע אָט דער גרוס פאַר אים אַ רעטעניש. און ווייל אַ רעטעניש, האָט זכריה אַ צעשפּרייט געטון ביידע הענט און

געוואָרפֿן אַ פֿרעגנדיקן בליק צום שטיין אויפֿן בייט־בערגל, ווי דער שטיין וואָלט אים, אָנשטאָט עזריאלן, געקאָנט קלאָר מאַכן דעם גאַנצן ענין...

לייביש, וועלכער איז געווינט־געווען תמיד צו שווייגן ווען דער טאַטע רעדט, האָט איצט אָבער, ווען דער טאַטע האָט געשוויגן, אַליין לשון באַקומען:

— ווי, זאָגט איר, הייסט זי?

— אילנה.

— נישט געהערט אַזאַ נאָמען. אין אייער קיבוץ? אין גבעת־השלשה?

— רמת־החמישה הייסט מיין קיבוץ...

— און זי איז געווען עזריאלס כלה?!

— זי איז געווען, קען מען זאָגן, זיין בחורה (באַכוראַ)...

— אַהאַ... נו, לאָמיר זאָגן... איז וואָס איז מיט איר איצט? מיט דער אילנה?

— האָט זי געבוירן אַ קינד. — האָט מרים אַרויסגעזיבענקעט און איז נאָך רויטער געוואָרן ווי געווען. די האָר, די אויגן, דאָס גאַנצע פּנים מיט די זון־שפּרענקעלעך, דער האַלדז — אַלץ האָט זיך ביי איר ווי אָנגעצונדן און אַרומגעכאַפּט געוואָרן אין פֿלאַמען...

— האַ? — האָט לייביש אַ פֿרעג־געטון, נישט קענענדיק מער ווי די איינע זילבע אַרויסברענגען דורך זיין קעל און אויך רויט־ווערנדיק ווי זי.

— זי האָט זיך דערוווּסט וועגן עזריאלן און האָט, הייסט עס, באַקומען ווייען... מען קען זאָגן, פֿאַר דער צייט... עס איז אַ יינגל, דאָס קינד הייסט עס...

— איר רעדט עפּעס מאָדנע... — האָט לייביש געשמייכלט נאַרעשע־וואַטע — אַ מיידל, נישט קיין מיידל, אַ בחורה, אַ כלה, מער ווי אַ כלה. און אַז זי האָט זיך דערוווּסט וועגן עזריאלן, האָט זי באַקומען ווייען... וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס דערוויסן־זיך מיטן געבוירן?...

—וואָס פֿאַרשטייסטו נישט? — האָט רעניאַ אַקצענטירט מיט פֿאַר־וווּרף — זי איז געווען שוואַנגער פֿון עזריאלן! אין זיבעטן מאָנאַט. דאָס אומגליק האָט צוגעיאָגט דעם געבורט. זי האָט זיך שרעקלעך איבערגענו־מען. דאָס קינד איז פֿון עזריאלן. אַ זון.

— פֿון עזריאלן??? — האָט זכריה איבערגעפֿרעגט און געוואָרפֿן אַ פֿאַרשנדיקן בליק צום שטיין אויפֿן בייט־בערגל.

— יאָ, פֿון עזריאלן! — האָט איצט מרים מוטיק פֿאַרזיכערט, ווי זי וואָלט אַן עדות געווען... — עס איז אינגאַנצן געראָטן אין עזריאלן און עס הייסט טאַקע אַליין אויך עזריאל, ווייל זי, אילנה הייסט עס, האָט אים אַ נאָמען געגעבן עזריאל, נאָך זיין טאַטן, נאָך עזריאלן הייסט עס, עזריאל...

— אַזוי? — האָט זיך זכריה אַ שטעל אויף געגעבן — הייסט עס, אַז...

ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און נישט געוווּסט וואָס צו טון, כאָטש געפילט האָט ער, אַז ער מוז איצט עפּעס זאָגן און ער מוז עפּעס טון און דווקא זייער וויכטיקס. פון פאַרלעגנהייט און נערוועזיטעט, האָט ער גענומען שנעל־שנעל אַרומשפּאַנען אַרום דעם בייט־בערגל, ווי אַנצוויאָגן דאָס וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט מיטן פריִערדיקן אויפהערן אַרומצושפּאַנען... נאָך עטלעכע אַזעלכע קרייזן, האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אַ זאָג־געטון צום שטיין:

— עזריאל?! — — —

לייביש, דערקענען, האָט זיך איצט אַרויסגעשטעלט מעשה־מאַנצפּערשוין, אויף וועלכן עס ליגט די פליכט צו באַהאַנדלען אַן ערנסטן משפּחה־פּראָבלעם:

— עס קען זייער זיין, אַז זי האָט זיך געקענט מיט עזריאלן, אילנה. עס קען אויך זיין אַז זי איז געווען זיינע אַ בחורה. און עס קען אַפילו זיין, אַז דאָס קינד איז אַ געראָטן קינד. אָבער פון וואַנען איז דאָס געדרונגען, אַז דאָס קינד איז טאַקע פון עזריאלן?...

— ערשטנס איז עס געראָטן! — האָט מרים אַ זאָג־געטון מיט אַ טאָן, וואָס שטעלט פעסט, אַז זי איז מער מאַנצפּערשוין פאַר לייבישן — געראָטן אין עזריאלן! אַ פאָטאָגראַפיע! צווייטנס האָט זי, אילנה הייסט עס, בריוו פון עזריאלן. בריוו פון פראָנט, פון נגבֿ! דער לעצטער בריוו זיינער, עזריאלס הייסט עס, זאָגט אַלץ קלאָר און דייטלעך!...

— אַזוי!... — האָט לייביש נאָכגעביק און שטיל אַ זאָג־געטון און זיך אַ לענגערע ווײַלע פאַרטראַכט. דאַן האָט ער נאָך שטילער געפרעגט: — און... וואָס פאַרלאַנגט זי?

מרימען האָט די פראַגע באַליידיקט. עס האָט איר אַ ברען־געטון אין האַרצן. פונקען האָבן זיך באַוויזן אין אירע געל־געפינטלטע אויגן. זי האָט זיך אַ שטעל־געטון אַנטקעגן לייבישן, ווי אַ רויטער האָן מיט אַ שאַרפן שנאָבל:

— גאָרנישט!!! קיבוצניקעס פאַרלאַנגען גאָרנישט!

— איך מיין... — האָט לייביש גענומען אַ מילדן טאָן פון פאַרענטפערן זיך — אַז עפּעס דאַרף זי דאָך פאַרלאַנגען?... איך מיין, נו...

— זי וויל, אַז דאָס קינד זאָל נישט זיין עלנט! דאָס איז דאָס איינציקע וואָס זי וויל. זיי זענען אין קיבוץ און עס פעלט זיי דאָרט גאָרנישט. נאָר... אַז קיין טאַטן האָט נישט דאָס קינד און עס איז אַ יתום, הייסט עס, טאָ זאָל עס כאָטש האָבן אַ זיידן... אַ פעטער... זי קומט דאָך אויך פון קאַצעט,

אילנה הייסט עס. אַן עלנטער שטיין! אַ משפחה פאַרן קינד וויל זי, הייסט עס, מער גאָרנישט.

— זייער ריכטיק. — האָט רעניאַ אַ פאַרכריפּעטן זאָג־געטון און אָפּגעווישט אַ טרער.

— אַוודאי. — האָט לייביש צו געגעבן, זעענדיק רעניאַס טרער. — ווען קען מען זיי זען?

— וועגן דעם, הייסט עס, האַנדלט זיך דאָך... — האָט מרים אויפֿגעלעבט — וועגן דעם טאַקע בין איך דאָך געקומען... איר דאַרפֿט זיך זען און זיך אַדורכשמועסן, הייסט עס. לייענען עזריאלס בריוו, אָנקוקן זיין פאָטאָגראַפיע, דאָס קינד הייסט עס...

— היינט וועט שוין אויסקומען צו־שפּעט? — האָט רעניאַ געפֿרעגט.

— אַוודאי, ביז מען וועט אַהין קומען, וועט שוין היינט, הייסט עס, זיין צו־שפּעט. אָבער מאָרגן אינדערפֿרי איז געוווּנטשן...

שווער צו זאָגן, צי זכריה, אַרומשפּרייזנדיק אַרום דעם בייט־בערגל, האָט געהערט אָט דעם שמועס, צי נישט. אָבער צוגעקומען איז ער אַ דעצידירטער, אַן אויסגעגניכטערטער און געטרייסטער. ער האָט פּאַטערלעך אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף מרימס שמאָלע אַקסל און מיט פֿייכטע אויגן און מיט אַ וואַרעם־געדעמפּטער שטים געזאָגט:

— אַ דאַנק דיר, טאָכטער! אַ שיינעם דאַנק... גיב איר איבער אַ גרוס. אַ האַרציקן גרוס פֿון עזריאלס טאַטן!... און אַ רפֿואה שלימה.

— און אַ מזל־טוב — האָט לייביש אַריינגעקרייעט אינמיטן...

— זאָג איר... ווי הייסט זי דאָרט?

— אילנה...

— אילנה... — האָט זכריה איבערגעחזרט מיט אַ שמייכל — זאָל זי זיך גאָרנישט זאָרגן, אילנה! מיינע אַ טאָכטער וועט זי זיין, אילנה! און דאָס קינד... עזריאל, זאָגסטו, הייסט עס?

— יאָ... עזריאל הייסט עס...

— עס איז מיין קינד!... — האָט זכריה פֿעסט געזאָגט, קלאַפּנדיק זיך אין דער ברוסט מיט פֿאַרזיכערונג — עס איז מיין קינד! און מאָרגן אינדערפֿרי, מערצעשעם, וועלן מיר ביי איר זיין!

## קאַפּיטל ניין

# אילנה

צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך זכריה ראַזירט, געוואַשן און זיך אָנגעטון, ווי אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן צום תל־אביבער ראַבינאַט, וועגן דעם גט מיט פּערל־ליבען.

בעת־מעשה האָבן זיך געראַנגלט אין אים דער אומגליק פון טאַטן און דער נחת פון זיידן. דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט, אָבער אויפן מידן, פאַרגרינטן פּנים האָט שוין געבלייכט אַן אומעטיקער שמייכל.

אויך לייביש און רעניאַ האָבן זיך אָנגעטון מיטצופאָרן אין קיבוץ, צו אילנהן.

— לייביש נעם מיט עזריאלס פאָטאָ־אַפּאַראַט. עס איז עזריאלס, עליו־השלום. טאָ זאָל עס עזריאלקע, אים צו לאַנגע יאָר, האָבן... אַן אָנדענק פון זיין טאַטן, עליו־השלום.

— גוט, טאַטע. איך פּאַק עס איין.

זכריה האָט זיך עפּעס דערמאָנט און איז שטיין־געבליבן אינמיטן צי־מער פאַרטראַכט: אין דייטשלאַנד, ווען עד האָט זיך דערוווּסט, אַז פּערל־ליבע האָט זיך געראַטעוועט און זי לעבט, האָט ער געקויפט אַ גאָלדענעם בראַסלעט און אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ קייטעלע. נישט געוואָלט קומען צו פּערל־ליבען מיט ליידיקע הענט... ער וועט דעם בראַסלעט אַוועקגעבן אילנהן. זאָל זי זיך נישט פילן עלנט. זאָל זי זען, אַז זי איז געליבט ווי זיין טאָכטער און ווי די מאַמע פון זיין אייניקל... פון אַן עזריאלן... ניין, נישט דעם בראַסלעט וועט ער איר געבן. וואָס טויג אַ קיבוצניצע אַ בראַסלעט? זיי האַלטן דאָך נישט פון די שמאָכטעס... דעם בראַסלעט וועט ער שענקען רעניען, ווען זי וועט מערצעשעם אַ כלה ווערן פאַר לייבישן. אילנהן וועט ער שענקען דאָס זייגערל מיטן קייטעלע. אַ זייגערל מעג דאָך אַ קיבוצניצע אויך האָבן... עס איז דאָך פּראַקטיש, נוצלעך און דערביי — ווערטפול און שיין...

און פאַר עזריאלקען וואָס ברענגט מען? — וואָס קען מען דען ברענגען פאַר אַזאַ קימפּעט־קינד? — יאָ, ער וועט אים באַלד, אין תל־אביב, קויפן אַ קינדער־אויסשטייער... ער וועט אויסקלייבן אַ שיינעם קאַליר... וואָס פאַר אַ קאַליר? — בלוי וועט ער קויפן. פאַר מיידעלעך קויפט מען אַ ראָזאַ קאָמפּלעט און פאַר אַ יינגעלע — בלוי... עזריאלקע... און אַ צאַצקע דאַרף מען עפּעס קויפן, אַ גלעקעלע, אַ קלינגערל וואָס גלאַנצט... אוי, עזריאל, עזריאל! — כאַפּט זיך זכריה ביים האַרץ — פאַרוואָס האָסטו דאָס נישט דערלעבט? — — —

זיי האָבן פאַרשלאָסן טיר־און־טויער און זענען אַרויס אויף דער גאַס.

פאַרן טויער איז נאָך אַלץ געהאַנגען דאָס צעטעלע מיט עזריאלס האַנטשריפט. דאָס ווייסע פּאַפּיר איז שוין געווען צעטריקנט און פאַרגעלט פון דער זון און די בליי־שריפט אָפּגעבליאַקעוועט, שוין קוים לעזבאַר. און זכריה האָט אַ טראַכט־געטון, אַז דער טויט, וואָס האָט אָפּגעווישט עזריאלן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד, באַמיט זיך דאָס איצט אָפּצווישן אויך זיין האַנטשריפט און יעדן זכר זיינעם. און טאַקע דערפאַר האָט ער זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט, צו־להכעיס דער פאַרווישונג, דווקא איבערצו־לייענען דאָס צעטעלע מיט עזריאלס האַנטשריפט. ער האָט אָבער געניאַרט זיך אַליין: עס איז שוין קיין האַנטשריפט נישט געווען און מען האָט שוין קיין אותיות נישט דערקענט. דאָס האָט ער אויסנווייניק געלייענט די עטלעכע שורות, וואָס ער האָט געדענקט...

— קום, טאַטע, עס ווערט דאָך שפּעט...

דער „עס ווערט דאָך שפּעט" איז קוים געווען זיבן אַזייגער אינדערפרי. די זון האָט שוין געגליט ווי מיטאָגצייט. דער ים וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געראַשט, איז איצט געלעגן אַ מידער און רויקער און קוים זילבעריק אָפּגעגלאַנצט פון אונטערן געלבלעך־גרוילעכן נעפּל. עס איז נישט געווען דאָס ווינטעלע, וואָס זאָל אַ וועלעכל צום ברעג צוטרייבן און נאָכדעם — אַ פּייטש און פרישס איבער דער יבשה אַ פּלאַטער־טון. פון דעסטוועגן האָט זיך דאָ געפילט אין דער גליִיקער לופט דער עיפּושדיקער גערוך פון די אַרויסגעכוואַליעטע ים־גראָזן און פון אַלץ וואָס פוילט און שימלט ביים ברעג פון וואַסער. אָט דער גערוך איז זיי נאָכגעגאַנגען און באַגלייט די פאָר גאַסן ביז דער נייער אויטאָבוסן־סטאַנציע פון דער געזעלשאַפט „דרום־יהודה". צו דעם גערוך איז נאָך צוגעקומען אַ צווייטער: פון פוילנדיקע פּאָמעראַנצן אויף די פּלאַטשיקע דעכער.. דאָס האָבן די נייע עולים אָנגע־ריסן גרינע, נאָך נישט־צייטיקע פּאָמעראַנצן אין די פאַרלאָזענע, פאַר־טריקנטע פּרדסים און אויסגעלייגט אויף די דעכער און טעראַסן, מיינענדיק, אַז זיי וועלן זיך צייטיקן אויף דער זון, ווי פּאָמידאָרן ,עפּל און באַרנעס.

אָבער נאָך עטלעכע טעג, האָבן די פּאָמעראַנצן געגומען פּוילן און פּאַר־עיפּושן די שטאָט. איצט קען מען דערפון נישט פטור־ווערן. מען וואַרפט עס אין ים, אויף פּוסטע פּלעצער, אין מיסטקאַסטנס. אָבער ווו מען זאָל עס נישט וואַרפן, בלייבט דער געדוך אין דער גלי־יקער לופט און רייצט אין די נאָזלעכער צום איבלען.

זכריה האָט שוין פון פריער געוווּסט, אַז דזשעבעליאַ איז שוין איבער־געפּאַקט. אַז קיין ליידיקע דירות זענען שוין לאַנג נישטאָ. מענטשן האָבן זיך שוין אַריינגעכאַפּט אין נישט קיין פאַרענדיקטע בנינים, אין אַן אויטאָ־גאַראַזש, אַפילו אין אַן אוהל פון אַ רייכן עפענדי, אויפן אַראַבישן בית־עולם — אַבי אַ דאַך איבערן קאָפּ. גאַנצע טעג שלייכן זיך דאָ אַרום איינציקע און גאַנצע גרופּעס מענטשן פון די בתי־עולים, וועלכע האַלטן נאָך אַלץ אין איין זוכן אַ מקום־מקלט. זיי גלויבן קיינעם נישט און גייען גאַס־אויס, גאַס־איין, קלאַפּן אין טיר־און־טויער און פרעגן אויף אַ פרייען צימער כאָטש. אַנדערע לייגן פאַר געלט פאַרן אָפּטרעטן אַ צימער, אָדער פאַר אַנווייזן, ווו מען קען זיך אַריינכאַפּן... אויך ביי זכריהן אין טויער קלאַפּט מען פון באַגינען ביז ביינאַכט. מען באַנוגנט זיך נישט מיטן ענט־פער, אַז עס איז שוין פאַרנומען. מען וויל וויסן געגוי: פון וויפל משפחות און פון וויפל נפשות די דירות זענען פאַרנומען... טאָג־טעגלעך זענען דאָ פאַלן פון אַריינרייסן־זיך אין אַ דירה מיט גוואַלט. בולגאַרן און רומענער באַנוצן זיך דערביי מיט מעסערס. קיין פּאָליציי איז דאָ נאָך נישטאָ און קיין טעלעפאָן — אויך נישט. ווער עס איז שטאַרקער, דער זיגט און שריי חי־וקים! הפקר־פּיעטרושקע. מען קען זיך דאָ אויסקוילענען, ביז עס וועט קומען אַ פּאָליציאַנט פון בת־ים, אָדער פון תל־אביב. יעדע ווילע הערט מען דאָ געוואַלדז פון אַן אַנדערער גאַס, הילפס־רופן און היסטערישע גע־שרייען. און עולם לויפט זיך צוזאַמען פון די גאַסן און מען צעטיילט זיך באַלד אין צוויי מחנות, פאַר בײדע צדדים: פּוילישע האַלטן מיט פּוילישע, בולגאַרן — מיט בולגאַרן און רומענער — מיט רומענער. מען שרייט אויף אַלע שפּראַכן. כלים און שטיקער מעבל פליען איבער די קעפּ. באַלד ווערן העמדער צעפליקט, די לייבער — צעשונדן. פאַרשוויצטע פּנימער ווערן פאַרשמירט מיט סאַדזע און שטויב, מיט אונטערגעהאַקטע לאַמטערנעס אונטער די אויגן. עס גיסט זיך בלוט און ס׳גיסט זיך שוויס און עס גיסן זיך פאַרשיידענע פליסיקייטן פון צעבראָכענע גאַנשערס און טעפּ.

זכריה ווייסט וועגן דעם. אָבער פון וויסן, ביז זען מיט די אייגענע אויגן, איז אַ מהלך. כאָטש ער האָט אַלץ געוווּסט, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט צוגלויבן אַז די אומהיימלעך־פּוסטע שטאָט, דער „אומבאַוווינטער אינדזל״, איז שוין אַזוי איבערבאַפּעלקערט. ער איז דאָך די לעצטע וואָך

כמעט פון שטוב נישט אַרויס. איצט, גייענדיק צום אויטאָבוס, קען ער זיך גאָר נישט אָפּחידושן פון די שוואַרצע מענטשן־שטראָמען, פון דעם ימיקן מענטשן־אָנגעפּלייץ.

מענער און פרויען איילן צו דער אַרבעט. ווער צו פּאָסטנס און ווער — צו אַ צופעליקן אַרבעטס־טאָג, געקראָגן דורך דער לישכּת־עבודה (אַר־בעטס־ביוראָ). כמעט גאַנץ דזשעבעליִאַ אַרבעט אויסער דער שטאָט און מען מוז פאָרן מיט אויטאָבוסן צו דער „תחנה־מרכזית" אין תל־אביב, כדי דאָרטן צו נעמען אַ צווייטן אויטאָ, צום אַרבעטס־פּלאַץ.

ביי דער נייער אויטאָבוסן־סטאַנציע דאָ, אין דזשעבעליִאַ, ראַיעט־זיך אַ פערטל־קילאָמעטערדיקע ריי פון צעפּאַרעטע, פאַרשוויצטע, אויפגערעגטע און צעשריגענע מענטשן. אַזעלכע לאַנגע, צעשריגענע רייען שלענגלען־זיך צו אַלע געוועלבער: פון שפּייז און פון גרינס, פון פיש און פון פרוכטן און צו די אָנגעפּאַרענע פערד־און־וועגעלעך מיט נאַפט און מיט אייז. דער נאַפט־ייִד האָט אַ גלאָק און דער אייז־ייִד האָט אַ גלאָק. קופּערנע גלאָקן וואָס קלינגען קילאָמעטערן ווייט. פון דעסטוועגן פאַרלאָזן זיי זיך נישט אויף די גלאָקן און רופן מיט הייזעריקע שטימען:

— נעפט! נעפט! נעפט!

— קרח! קרח! קרח! (אייז!).

קומט מען טאַקע באַלד צו לויפן פון דער גאַנצער געגנט, מיט פאַר־שיידענע כלים, און די רייען אַרום די וועגעלעך וואַקסן.

— איינגאַנצן רוסלאַנד! — זאָגט זכריה צו לייבישן — רייען און רייען! אַ האַלב לעבן מוז מען דאָ פּטרן שטייענדיק אין די רייען! וואָס איז דאָס געוואָרן פאַר אַ וועלט?

— עס איז דאָך מלחמה. — זאָגט לייביש.

— עס וועט זיך, מיט דער צייט, איינרעגולירן... — וויל אים אויך רעניִאַ באַרויִקן.

ענדלעך קומען־אָן דריי אויטאָבוסן מיטאַמאָל. אַן אויטאָבוס פאַר־מאָגט אַרום דרייסיק זיץ־פּלעצער, אָבער ער נעמט־אויף אַרום הונדערט־און־דרייסיק פּערזאָן. דער עולם פּאַקט זיך אַריין, שטויסנדיק־זיך מיט די עלנבויגנס. אינעווייניק שטייט מען צעפּאַרעטע, צונויפגעדרענגטע און שווייסיק־צוגעקלעבטע איינער צום אַנדערן. די פּנימער פלאַמען. די אויגן גליִען. דיקע מענטשן פרייכן. דער שווייס רינט פון איינעם אויפן אַנדערן. מען שטייט אויף יענעמס פיס און מען קען די אייגענע האַנט נישט אַרויס־שלעפּן. דער אויטאָבוס איז פול מיט רויך, מיט פּאַרע, מיט אַריינגעדרונ־גענעם מאָטאָר־גאַז און מיט פאַרשיידענע געדעמפּטע גערוכן. אין אָנפאַנג איז מען נאָך גליקלעך אַפילו מיט דער ענגשאַפט, אַבי מען איז שוין אינע־

ווייניק, אַבי מען פֿאָרט און מען וועט צו דער אַרבעט נישט פֿאַרשפּעטיקן. אָבער באַלד הייבט זיך־אָן אַ שטויסעניש און אַ זידלעניש. דעם גאַנצן צאָרן לאָזט מען אויס צו דער אויטאָבוסן־געזעלשאַפֿט „דרום־יהודה" און צום שאָפֿער.

— פֿריִער שרייען זיי קיבוץ־גליות! עליה! און דאָ באַהאַנדלט מען די נייע עולים ווי די הינט! הינט פֿירט מען דאָ נישט אַזוי, ווי מען פֿירט דאָ מענטשן!

— נישט אַלע מענטשן! אין תל־אביב פּאַקט מען נישט אָן אַזוי קיין אויטאָבוס! נאָר אין דזשעבעליאַ דערלויבן זיי זיך אַזוי! מיר זענען קיין מענטשן נישט!

— ווינציק וואָס איך האָב געהאַט אַ קאַצעט, מוז איך נאָך איצט האָבן אַ „דרום־יהודה" אויף מיין קאָפּ! אַ „דרום־יהודה", אַז ברענען זאָלן זיי!

דער שאָפֿער איז נישט קיין פֿאַרשלאָפֿענער, נישט פֿון הינטערן אויוון־אַפּיר. ער באַוויזט וואָס ער קאָן און זידלט צוריק:

— ווער האָט געשיקט נאָך אייך?! פֿון מיינעטוועגן האָט איר געקענט בלייבן דאָרטן, ווו מיין משפּחה איז געבליבן! מען האָט געשיקט נאָך זיי! מען האָט זיי דאָ נייטיק געדאַרפֿט!

— יאָ! געשיקט! הונדערטער שליחים האָט איר נאָך אונדז געשיקט! איינגערעדט גליקן:

— די שליחים זיצן נאָך איצט אין דייטשלאַנד! זיי פּרעדיקן דאָרט עליה און האַנדלען זיך איין מציאות... לעבן דאָרט אַ גוטן טאָג!...

— און אַ מדינה וואָלט איר דאָ געהאַט, ווען נישט אונדזער חורבן? און ווען נישט די שארית־הפליטה?!

און איינע, אַ דיקע פֿרוי, מאַכט זיך דאָ איר אייגענעם חשבון:

— וואָס האָט מיר דאָרטן געפֿעלט? צוויי דייטשקעס האָב איך דאָרט געהאַט. אַ דינסט און אַ באָנע צו די קינדער. צוויי דייטשקעס מיט אַ פּאַר־טעפּיאַן!

— האָט איר דאָרט געקענט בלייבן מיט אייערע דייטשקעס און מיטן פּאַרטעפּיאַן! — ענטפֿערט דער שאָפֿער — און אַז עס געפֿעלט אייך דאָ נישט, קאָנט איר צוריק־פֿאָרן! קיינער האַלט אייך דאָ נישט צו!

— מען האַלט! מען האַלט! — שרייט אַ יונגערמאַן — מען גיט נישט קיין „היתר־יציאה"! (אַרויספֿאָר־דערלויבעניש).

— אַן ערב־רב מען האָט עס דאָ אָנגעבראַכט! אַ דור־המדבר! — וואָרפֿט זיך דער שאָפֿער — נאָר גיב זיי! נאָר דערלאַנג זיי! נאָר טראָג זיי אונטער! ווער האָט אונדז געגעבן? ווען איך בין אַהערגעקומען איז דאָ נאָך אַפֿילו קיין כביש (שאָסיי) נישט געווען! זאַמד און זאַמד! שאַקאַלן זענען

דאָ אַרומגעלאָפן! איך אַליין בין קילאָמעטערן געגאַנגען צו־פוס צו דער אַרבעט! פון יפו, ביז רמת־גן! געדאַנקט גאָט, אַז איך האָב נאָר אַרבעט, און היינט, אַז מען דאַרף נאָר וואַרטן אַ פּאָר מינוט, געפעלט זיי נישט, די פּריצים! דער באָבעס ירושה האָבן זיי דאָ דערלייגט!

— אַנדערהאַלבן שעה צייט, הייסט ביי אים „אַ פּאָר מינוט"!

— אין תל־אביב שטופּסטו אויך אַזוי אַן דעם אויטאָ?

— דאָס איז מיינס אַ זאַך! און איר, זייט צופרידן מיט דעם! איך ליג שוין צען יאָר אין אַ צריף (הילצערן ביידל) און אייך האָט מען תיכף געגעבן אַזעלכע דירות פּאַלאַצן! נאָר מען איילט זיך! צו דער אַרבעט... וואַזשנע אַרבעטער! וואָס דאָס לאַנד קאָן שוין האָבן פון אַזעלכע באַלמעלאָכעס! איך בין יאָרן לאַנג געווען אַרבעטלאָז און געהונגערט! געפּגרט אויפן פּיסקן!

— אַ שאָד וואָס דו האָסט נישט געפּגרט אויף אַן אמת! וואָלט געווען מיט איין מנובל ווינציקער!...

— וואָאָאָס??!! — גיט זיך אַ קער אום דער שאָפער, לאָזנדיק לויפן די מאַשין אויף גאָטס באַראָט.

— דאָס וואָס דו הערסט, דו געלער ים־קאָטער, האַלט דאָס מויל און פּאָר!

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון אים? אַ באַלעגאָלע!...

— דער אונטערשייד פון אַ באַלעגאָלע ביז אַ שאָפער איז דער — זאָגט דער שאָפער — וואָס אַ באַלעגאָלע האָט דאָס פערד פון פאָרנט און איך האָב די פערד פון הינטן!...

— ווער זענען פערד, האַ? — רייסט זיך צו אים אַ שטאַרקער און אויפגערעגטער יונג. — איך צעטראַסקע דיר די חזירשע פּיסקעס! איך עפּן דיר דעם קאָפּ!

עס האָט זיך פאַרנומען אויף אַ געשלעג, אָבער דאָ האָבן זיך דערהערט שפּיציקע קולות פון עטלעכע פרויען מיטאַמאָל:

— זי חלשט! זי חלשט! וואַסער! שטעלט־אָפּ די מאַשין!

מען האָט די מאַשין נישט אָפּגעשטעלט. קיין וואַסער איז נישט געווען. אַן אַרבעטער האָט מקריב געווען זיין פלעשל טיי וואָס ער האָט זיך מיטגענומען און דערמיט האָט מען געמינטערט דער געחלשטער. עמיץ האָט איר געשטופּט אַ פּאָמעראַנץ אין מויל. דער שאָפער האָט שוין איצט געשוויגן און געיאָגט די מאַשין איבער די גאַסן פון תל־אביב.

אַז זכריה האָט דערלעבט אויסצושטייגן אויף דער „תחנה־מרכזית" (צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַנציע), האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שוין איבערגעקומען חיבוט־הקבר. ווי פון אַ פייערדיקן גיהנום איז ער אַרויס.

דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געטון נאָכן אויסשטייגן, איז געווען דאָס

אָנטרינקען־זיך מיט קאַלטן „גזוז״. אַרום אַ טוץ גלעזער האָבן זיי אויס־געטרונקען אַלע דריי. און נאָכן אָפּרוען זיך אין שאָטן, אויף אַ באַנק, זע־נען זיי געגאַנגען איינקויפן דעם קינדער־אויסשטייער. זכריה האָט זיך דאָרט לאַנג געיישובט, צי ער זאָל פאַר דער קיבוצישער קימפּעטאָרין קויפן אַ פלעשל פּערפום, אָדער נישט. ער האָט עס יאָ געקויפט טראַכטנדיק, אַז אויב אילנה וועט עס נישט אָננעמען, וועט ער עס אַליין נוצן. ער איז אויך אַ מענטש...

אין אויטאָבוס צום קיבוץ איז דווקא געווען געדרוים. אַפילו ליידיקע זיץ־פּלעצער זענען דאָ געווען. און כאָטש דאָס ווינטל וואָס האָט אַריינגע־פלאַטערט דורך די צעעפנטע פענצטער, איז געווען אַ וואַרעמס, האָט עס, אָבער, געטריקנט די פייכטע העמדער פון די צעפּאַרעטע לייבער.

דער אויטאָ איז נישט אַריינגעפאָרן אין קיבוץ גופא. ער איז געפאָרן ערגעץ ווייטער. ער האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט אינמיטן כביש, ביי אַ ליי־מיק שטעגל וואָס שלענגלט זיך אַוועק ווייט אין טאָל, צו אַ גרינער וואַנט פון שלאַנקע ברושים (ציפּרעסן) און ברייט־צעצווייגטע עוקאַליפּטוס־ביימער.

—דאָרט, — האָט מען זיי אָנגעוויזן — איז דער קיבוץ. גייט גלייך!

און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צו־פוס מיטן שטעגל אין טאָל.

זכריה איז געגאַנגען פאָראויס, מיט די הענט פאַרלייגט אַהינטער. ער איז געגאַנגען און געטראַכט, אַז מיט אָט דעם שטעגל, צו יענער גרינער וואַנט פון די עוקאַליפּטוס־ביימער, איז אָפּט געגאַנגען עזריאל... דאָרט האָט ער זיין זיווג געפונען... אַהער פלעגט ער קומען אויף זיינע ליבעס־באַגעגענישן און דאָ פאַרפלאַנצט אַ ניי לעבן, אַ זכר נאָך זיך... אַ לעבעדיקע מצבה... דור הולך ודור בא — — —

הינטער אים זענען געגאַנגען געאָרעמט לייביש מיט רעניען, טראָ־גנדיק דאָס איינגעקויפטע פּעקעלע און דעם פּאָטאָ־אַפּאַראַט.

דער ערשטער איינדרוק וואָס דער קיבוץ האָט געמאַכט אויף זכריהן, באַלד ביים אַדורכגיין דאָס טויער, איז געווען: אַן „אונרראַ״־לאַגער אין דייטשלאַנד... די הילצערנע שטיבעלעך מיט די ווערענדעס, די בוימער און קלעטער־פלאַנצן, די בלומען־בייטן און סטעזשקעס און ועל כולם — די ציכטיקייט האָבן אויף אים אַזאַ איינדרוק געמאַכט. אַפילו דער גרויסער חדר־האוכל האָט אים אויסגעזען ווי די לאַגער־קיך. בלויז איין בנין, דער וואַסער־טורעם האָט דאָ אויסגעזען ווי צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אַהער... אָבער באַלד האָבן זיך דערטראָגן צו זיין נאָז דאָרפישע גערוכן פון פריש־געשניטענעם היי, פון שטאַל־מיסט און מילכוואַרג און ער האָט אַ שמייכל־געטון: ניין, דאָס איז נישט קיין לאַגער... אַ מאָדערנער דאָרף איז עס... אַ קיבוץ...

„דריי וועלטן!... — האָט זכריה אַ טראַכט געטון — דזשעבעליאַ מיטן ערב־רב, מיטן „קיבוץ־גליות", די צעבראָכענע, אויסגעוואָרצלטע, אומהייל־באַר־ווונדיקע און נערוועז־צעשרויפטע שארית־הפליטהניקעס, וואָס אַפילו אַ סאַנאַטאָריע וועט זיי נישט העלפן... תל־אביב, וואָס לעבט אַ נאָרמאַל, שטאָטיש־אימפּולסיוו לעבן... און דאָ, דער קיבוץ... דריי אַזעלכע וועלטן אין איין קליינעם לענדעלע... ווי רויִק דאָ איז!... ווי דאָרפיש־שטיל, ווי אי־דיליש... עד, וואָלט איך נאָר אַ ביסל יינגער געווען!... אָבער נייִן, עס איז סיי־ווי נישט פאַר מיר... אין אַ דאָרף איז גוט צו פּראַווען דאַטשע, אָבער אַ שטאָט־מענטשן וועט זיך דאָ קיינמאָל נישט קענען איינלעבן!"...

פון דער ווייטנס האָט אַ פלאַקער־געטון מרימס קופּער־רויטער קאָפּ. זי האָט זיי אַנטקעגן־געאײַלט מיט ברייטע מאַנצבילישע שפּרייזן. אַלע זון־שפּרענקעלעך אויף איר פּנים האָבן זיך געפּרעגלט אין אַ גלאַנציקער צע־שמייכלטקייט.

— שלום!.. קומט וועל איך אײַך אַרײַנפירן צו איר, צו אילנהן, הייסט עס...

מרים האָט זיי פאַרבייגעפירט פאַרביי אַ גערטנדל, ווו אין שאָטן פון אַ צווייגן־דאַך זענען געשטאַנען אַרום אַ צענדליק הילצערנע שטייגן, ווי די לולים פאַר עופות. אָבער אַנשטאָט ווייסע אינקובאַטאָר־הינדעלעך, האָבן אין אָט די שטייגעלעך אַרומגעפּוויזעט צען־עלף־ און צוועלף־חדשימדיקע קינדערלעך, ווי די מאַמעס האָבן זיי געהאַט... אין זעלבן גערטנדל האָבן זיך אויך געשפּילט דריי, פיר און פינף־יעריקע קינדערלעך אונטער דער אויפזיכט פון אַ פרעבליסטן. אַ שפע פון קינדערלעך, קיין עין־הרע...

דאָס שפּיטאָלעכל איז אַ קליין הייזעלע מיט אַ קאָרידאָרל צווישן פיר צימערלעך, — די פיר פּאַלאַטעס... די געסט האָבן אַ לענגערע ווײַלע גע־מוזט, צוליב אַ סיבה, צו־וואַרטן אויף דער וועראַנדע, ביז די קראַנקן־שוועסטער האָט זיי ענדלעך דערלויבט אַרײַנצוגיין.

אין צימער זענען געשטאַנען צוויי בעטלעך. אין איינער איז געלעגן אַן עלטערע פרוי, אין דער צווייטער — אילנה.

פון דעם זוניקן אָנשיט פון העל־בלאָנדע האָר, האָט אַרויסגעשמייכלט אַן איידל, בלוטלאָז־בלייך געזיכט מיט אַ פּאָר העל־בלויע אויגן, ווי די פעלד־בלימלעך. עס איז געווען עפּעס מער ווי אַ שעמעוודיקער שמייכל פון אַ שוואַכער קימפּעטאָרין. דאָס איז געווען סיי דער שמייכל פון אַ גע־שטראָפט קינד, וואָס מען איז שוין מוחל און סיי דער שמייכל פון אַ דער־וואַקסענעם מענטש, וואָס האָט אין זיין פאַרלוירנקייט געפונען אַ שטיקל האָפענונג.

— דאָס איז זי, אילנה הייסט עס... — האָט מרים אַ זאָג־געטון. כאָטש מען האָט עס גאָרנישט געדאַרפט — און דאָס איז אדון קאַרלסבאַך, עזריאלס טאַטע, הייסט עס... — האָט מרים אָפּגעטון אירס און איז אַוועק.

— איז וואָס־זשע מאַכסטו, טאָכטער? — האָט זכריה געפרעגט, ווי ער וואָלט אילנהן אַ פּאָר טעג נישט געהאָט געזען.

— אַ דאַנק... זיצט... — האָט אילנה געוויזן אויף צוויי טאַבורעט־קעלעך נעבן איר בעט.

זכריה האָט באַמערקט, אַז אויף אילנהס טישל שטייען צוויי איינגע־רעמטע בילדער: איינע פון אילנהן מיט עזריאלן, כמעט אין דער זעלבער פּאָזע, ווי ער אַליין האָט זיך, חתן־כלה־וויז, פאָטאָגראַפירט מיט פּערל־ליבען... און דאָס צווייטע בילד איז טאַקע פון אים אַליין, ווי מרים זאָגט: פון זכריהן הייסט עס... דאָס בילד איז נאָך פון דייטשלאַנד. עזריאל האָט עס מיטגענומען, ווען ער איז עולה־געווען קיין ארץ־ישראל. האָט ער דאָס איר גאָר אַוועקגעשענקט? און זי האַלט עס ביי זיך אויפן טישל, אַפילו אין שפּיטאָל?

— פון מיין אייגענעם טאַטן האָט זיך קיין בילד נישט אויפגעהיט...

— האָט אילנה ווי זיך פאַרענטפערט, זעענדיק זכריהס קוקן אויף זיין בילד

— פון קיינעם פון מיין משפחה איז קיין בילד נישט געבליבן. און איך האָב געוואָלט האָבן אַ בילד פון אַ קרוב, פון זיין טאַטן... איצט איז דאָס... עזריאלקעס זיידע...

זכריה האָט געהערט אילנהן, געקוקט אויף זיין בילד און עס איז אים ביטער געוואָרן אין דער נאָז. אין דעם מאָמענט איז אים אילנה נאָענט און טייער געוואָרן טאַקע ווי אַן אייגענע טאָכטער. ער האָט זיך איינגעבויגן און זי אַ קוש געטון אין בלייבן שטערן.

אילנה האָט דאַן גענומען זיין האַנט צו אירע ליפּן און צוויי זילבערנע שטראָמלעך האָבן זיך צעפלייצט איבער אירע בלייכע באַקן.

— גוט וואָס איר זענט געקומען... — האָט זי געפּליסטערט — אַזוי גוט!...

— ווי דען אַנדערש, קינד?... — האָט זכריה געגלעט אירע האָר — קומט אַהער, קינדער, באַקענט זיך... דאָס איז לייביש, מיין יינגערער... און דאָס...

— מזל־טוב, אילנה! — האָט לייביש אַ קריי־געטון, מאַכנדיק־זיך מאַנצבילש־דרייסט...

— און איך בין רעניאַ... מרימס אַ חברה...

— אַ... איך ווייס, איך ווייס...

— און אָט דאָס, טאָכטער, איז פאַר דיר... — האָט זכריה אַרויסגע־נומען דאָס גאָלדענע זייגערל און אָנגעטאָן אויף אילנהס האַנט, פון וואָס רעניאַ האָט באַקומען אַ פּאָר גרויסע אויגן און פלאַמען אין די באַקן... אויך דעם פלאַקאָנטשיקל פּערפום האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף אילנהס טישעלע, נעבן זיין בילד...

אילנה האָט נישט געקאָנט באַדאַנקען. די טרערן וואָס האָבן זי גע־שטיקט, האָבן נישט דערמעגלעכט אַ וואָרט אַרויסצוברענגען.

אויך רעניאַ האָט זיך אַ פּאָרע־געטון ביי אילנהס טישעלע און עס איז אויסגעוואַקסן אַ בוקעטל בלומען אין אַ גלאָז וואַסער. זכריה האָט זיך גע־וווּנדערט: ער האָט דאָך דאָס בוקעטל ביי רעניען נישט באַמערקט! ווען האָט זי דאָס געקויפט? ער האָט דאָך גאָרנישט געזען דעם גאַנצן וועג, אַז זי זאָל טראָגן מיט זיך בלומען!... זי האָט עס גוט געמאַכט, די שעלמע!... און אפשר האָט עס לייביש?

— און דאָס איז פאַר עזריאלקען!... — האָט לייביש געזאָגט מיט זיין זיך־ברעכנדיקער שטים און אַוועקגעלייגט דאָס פּעקעלע אויפן בעט, אילנהן צו־פוסנס. — ווו איז ער, דער בחורעץ?... לאָמיר אים אָנקוקן... זיך באַ־קענען מיט אים!...

— מען וועט אים באַלד ברענגען...

זכריה און רעניאַ האָבן זיך געזעצט אויף די צוויי טאַבורעטקעלעך און לייביש האָט זיך געשטעלט היטער זיי, ווי צו אַ פאָטאָגראַפיע...

— דו דאַרפסט זיך גאָרנישט זאָרגן, טאָכטער! — האָט זכריה געזאָגט מיט אַ געדעמפּטער שטים. עס האָט זיך אים כסדר געגלוסט צו רופן זי ביי איר נאָמען, אילנה, אָבער ער האָט ספּעציעל באַטאָנט דאָס וואָרט „טאָכ־טער", צו מאַכן איר זיך פילן היימישער, אינטים־משפּחהדיקער, צו פאַר־טרייבן פון איר דאָס געפיל פון עלנט און איינזאַמקייט. — דער עיקר איז איצט: גאָרנישט טראַכטן. דערהאָלן־זיך און קומען צו די כוחות!...

— אַ דאַנק... מער האָב איך גאָרנישט געוואָלט... — האָט אילנה זיך געווישט די אויגן מיט אַן עלפאַנטביין־בלייכער האַנט, פון וועלכער עס האָט אַראָפּגעגרינט דער אויסטאַטויִרטער אוישוויץ־נומער מיטן דרייעק. — עס פעלט מיר דאָ גאָרנישט אין קיבוץ. איך האָב דאָ אַלץ וואָס איך באַדאַרף... אויך דאָס קינד איז דאָ פאַרזאָרגט. אָבער... אַז קיין טאַטן האָט ער נישט... זאָל ער כאָטש האָבן זיין טאַטנס משפּחה... איך האָב קיינעם נישט אויף דער וועלט און איך ווייס שוין גוט דעם טעם דערפון... איז וויל איך, אַז ער זאָל כאָטש האָבן... דאָס איז אַלץ... פאַר אים... פאַרן קינד...

— פאַר ביידן! — האָט לייביש אַריבערגעקרייט איבערן טאַטנס קאָפּ.
—וועסט זיין מיין שוועסטער, וועסטע זיין!

אילנה האָט צו אים אַ דאַנקבאַרן שמייכל־געטון און אירע העל־בלויע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט פליסיקן פּערלמוטער:

— אַ דאַנק... עס איז גוט, וואָס איר זענט געקומען... אַזוי גוט!... אַזוי שיין!... ווען נישט, וואָלט קיין טרייסט נישט געווען אין מיין צער, ווען... איר פאַרשטייט דאָך: נישט קיין מאַמע, נישט קיין באָבע, נישט קיין שוויגער, קיין שוועסטער, קיין מומע... — קיינער נישט! אַ הונט איז דאָך נישט אַזוי עלנט!... אַ נס — דער קיבוץ... אַ חברטע קומט אַריין... אַ חברטע, מער קיינער... אין אַזאַ אומגליק, אין אַזאַ לאַגע...

— עס איז אַ קנאַפּע טרייסט, אילנה, אָבער עס דאַרף זיין פאַר דיר אַ שטיקל טרייסט... — האָט רעניאַ געזאָגט — דאָס, וואָס דו ביסט נישט די איינציקע אין אַזאַ לאַגע... דו זעסט?... — האָט זי איר אַ ווייז־געטון דעם קאַצעט־נומער אויף איר האַנט — איך קום אויך פון דעם זעלביקן „גן־עדן"... טויזנטער זענען דאָ אַזעלכע ווי איך און אַזעלכע ווי דו... אַן עלנטער דור, ווי נאָך אַ וועלט־אונטערגאַנג...

— דאָס איז אמת...

— און פאַר דעם וואָס האָט איצט געטראָפן, איז אויך אַ קנאַפּע טרייסט... אָבער דאָך, הונדערטער טרעפט עס היינט, טאָג־טעגלעך... מען מוז זיך שטאַרקן. פאַרפאַלן. אַזאַ איז אונדזער היינטיקער גורל. דער פינצטערער יידישער גורל! און דאָך, ביסטו, אילנה, איצט אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע: אַז מען האָט נאָר אַ קינד, איז מען שוין נישט עלנט... עס איז שוין דאָ פאַר וועמען צו לעבן אויף דער וועלט... און פון איין זייט האָסטו דעם קיבוץ און פון דער צווייטער — אַ משפחה... יאָ, די מענטשן וואָס דו זעסט איצט, זענען דיין משפחה!... איז נעם זיך אין די הענט אַריין און זיי געזונט!...

קיינער וואָלט אַזוי נישט געקאָנט טרייסטן אַ געוועזענע קאַצעטלערין, ווי אַ גורל־חברטע אירע... רעניאַס רייד האָבן אויסגעטריקנט אילנהס טרערן און האָבן זיך באַרויִקט.

— ביסט געגרעכט, רעניאַ... עס איז געווען אַ שוואַכער מאָמענט... אַ דאַנק...

פון אונטער אילנהס קישן האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ קאָנווערט. דער קאָנווערט איז געווען צעקנייטשט און איינגעלייגט אין צווייען, פון דעסטוועגן האָט זכריה דערקענט אויף אים עזריאלס האַנטשריפט... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער בריוו, וועגן וועלכן מרים האָט גערעדט... ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אין דעם בריוו געפינט זיך דער שליסל צום סוד... דער בריוו, האָט זיך אים געדוכט, איז נאָך וואַרעם... עס פלאַ־

טערט מיט וואָרעמען הויך פון עזריאלס אָטעם... און אפשר האָט ער עס טאַקע געשריבן אין טאָג פון זיין לעצטן אָטעם־צוג? — — — —

זכריה האָט געפירט זיין בליק פון אילנהן צום בריוו און פון בריוו — צוריק צו אילנהן, וועלכע איז דורך עזריאלן געוואָרן אים אַזוי אייגן, אַזוי נאָנט, ווי בלוט פון זיין בלוט און פלייט פון זיין פלייש. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט אַ לייען־טון עזריאלס לעצטן בריוו, ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט בעטן אילנהן, כדי זי נישט צו שטעלן אין קיין פאַרלעגנהייט... זאָל זי נישט מיינען, אַז ער גלייבט איר נישט און וויל זי קאָנטראָלירן... און אפשר זענען דאָרט פאַראַן אינטימע סודות, וואָס...

די קראַנקן־שוועסטער האָט אַריינגעבראַכט דאָס קינד צום זייגן. זכריה און רעניאַ האָבן זיך אויפגעשטעלט. די קראַנקן־שוועסטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד נעבן אילנהן און איז אַוועק. און ווען אילנה האָט עס אָפּגעדעקט, פאַרן זייגן, האָבן אַלע דערזען פאַר זיך עזריאלן... אַ פּיצעלע, אַ קליין עזריאלקע...

דאָס קינד איז געווען אַזוי ענלעך, אַז אַלע דריי זענען אַזש שטיין געבליבן אָן לשון און געהערט דאָס קלאַפּן פון די אייגענע הערצער...

דאָס קינד האָט אַ רגע געעפנט די אייגעלעך און געקוקט אַרום זיך מיט יענעם פאַרבלאָנדזשעטן בליק פון קימפעט־קינדער, וואָס זעען נאָך גאָרנישט. אָבער זכריהן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז עזריאלס רייפער, קלוגער בליק. אַז דאָס האָט צו אים זיין זון עזריאל אַ ווונק־געטון: „טאַטע, דאָס בין איך!"... איך בין ווידער־געבוירן... איך לעב!"...

און ווען זכריה האָט זיך איינגעבויגן אַ קוש צו־טון דאָס קינד אין קעפּל, האָט ער, אפשר דאָס דריטע מאָל אין זיין באַוווּסטזיניק לעבן, זיך צעכליפּעט... דאָס זעלבע האָט געטון לייביש, קוקנדיק אויפן טאַטן. רעניאַ דערקעגן האָט זיך אָפּגעקערט מיט אַ נאָז־טיכל ביי די אויגן.

אילנה האָט געזויגן דאָס קינד און די געסט האָבן עס צוגעקוקט מיט פאַרטערטן שווייגן. ענדלעך האָט זכריה געפרעגט:

— ווי האָט מען אים פאַרשריבן?

— עזריאל... — האָט אילנה שטיל געזאָגט.

— און... דער פאַמיליען־נאָמען?

— איך ווייס נישט... איך...

— וואָס הייסט?! — האָט זכריה זיך אַ װענד־געטון מיט אַ טענה — קאַרלסבאַך דאַרף ער הייסן! ווי זיין טאַטע! ער איז דאָך אַ קאַרלסבאַך! יאָ, צי ניין?

— אַוודאי...

—איז זאָל מען אים, מאַנעשעם, אַזוי פאַרשרייבן, הערסט? קאַרלסבאַך!

— אַוודאי...

די קראַנקן־שוועסטער איז אַריינגעקומען און איבערגעגעבן די געסט: לײדער קענען זיי דאָ לענגער נישט בלייבן. די קראַנקע דאַרפן רוען. זיי קענען קומען אַלע טאָג אין דער זעלבער צייט...

זכריה האָט זיך אויפגעהויבן, ווידער געקושט דאָס קינד און אילנהן אין שטערן און אַנגעזאָגט:

— מאַנעשעם טאַכטער, זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן! מיר וועלן קומען אָפט. און טאָמער וועסט עפּעס וועלן ,וועסט עפּעס דאַרפן, זאָלסטו זאָגן. זיי געזונט!... אילנה...

אויך לייביש האָט געקושט עזריאלקעס קעפּל און אילנהס האַנט. און רעניאַ האָט זיך מיט איר געזעגנט.

אינדרויסן האָט זיי אָפּגעוואַרט מרים. איר בורשטינענער בליק האָט געפּאָרשט דעם רעזולטאַט פון דעם באַזוך...

— אַ דאַנק, מרים... אַ יישר־כוח!... האָט זכריה געזאָגט, לייגנדיק זיין האַנט אויף איר אַקסל.

— נישטאָ פאַרוואָס... ע... אפשר ווילט איר, פאַר איינוועגס, אַנקוקן אונדזער קיבוץ?... איך קען אייך ווייזן...

— אָך, אדרבה...

— מרים האָט זיי, קודם־כל, געפירט פאַרביי די וואַרשטאַטן: אַ שוסטער־פאַבריקל, אַ שניידעריי, אַ וועשעריי, אַ סטאָלעריי, אַ שלאָסער־מעכאַנישער וואַרשטאַט און אַ שמידעריי. עס זענען דאָ נאָך וואַרשטאַטן, אָבער מרים האָט באַמערקט, אַז זכריה קאַרלסבאַך האָט דאָ נישט קיין אינטערעס פאַר קיין שטאָטישע פּראָפעסיעס. זי האָט זיי אַוועקגעפירט צו די שטאַלן, אָבער די שטאַלן זענען איצט געשטאַנען פּוסטע. די בהמות און פערד זענען איצט אויפן פעלד. דערפאַר זענען די הינער־שטייגן אָנגעפּאַקט מיט עופות. הונדערטער. הונדערטער ווייסע הינער מיט רויטע קאַמען — אין ענגע שטייגלעך, צו צוויי אין אַ שטייגל. זכריה האָט געקוקט אויף די עופות מיט רחמנות פון אַ צער־בעלי־חיימניק: זיי שפּאַצירן דאָ נישט פריי, ווי אין אַ פוילישן דאָרף... אין ענגע תפיסה־צעלן זיצן זיי און האָבן אַפילו נישט קיין אָרט זיך אויסצודרייען. בלויז דעם שנאָבל קענען זיי אַרויסשטעקן דורך דער דראָטן־נעץ, נאָך אַ ביסל שפּייז און וואַסער, דערקעגן, עלעקטרי איז דאָ פאַראַן...

— נאָכוואָס איז דאָ די עלעקטרי? די הינער לייענען ביכער בײ־נאַכט?...

— די עלעקטרי ברענט דאָ ביינאַכט — האָט מרים דערקלערט —

כדי די הינער זאָלן וויניקער שלאָפן און מער עסן. וועלן זיי לייגן מער אייער...

— אַז אייער־פאַבריק, הייסט עס?...

— יאָ.

— און אַז עס ווערט קאַליע אָט אַזאַ שרייפל פון דער מאַשין?...

— גייט עס צום שוחט... און דאָ טוט מען אַרייַן אַ פרישע... אַן אינ־קובאַטאָר איז פאַראַן אַן אייגענער...

זכריה, וועלכער האָט דווקא ליב אַ שטיקל עוף, האָט זיך דאַסמאָל אַ קרים־געטון און זיך אָפּגעקערט. ער האָט פלוצלונג דערהערט אַ געפּיל־דער און דערזען אַ מחנה קינדער זיך אַרויסשיטן פון דער שולע. מיט פריילעכע געשרייען האָבן זיי זיך אַ לאָז־געטון צום שפּיל־פּלאַץ.

„עזריאלקע וועט דאָ אויך אַזוי אַרומלויפן מיט דער צייט... — האָט ער אַ טראַכט־געטון — אַ זאַרגלאָזער, אַ לוסטיקער... גאַנץ גוט וואָס ער איז אין אַ קיבוץ. ער וועט זיך דאָ האָבן זיין חברה, זיך דאָ האָדעווען און וואַקסן אין אַ רויִקער, געזונטער, דאָרפישער סביבה“...

ער האָט דערהערט אַ כניוקען, זיך אומגעקוקט און דערזען אַ בלאָטע מיט חזירים.

— ווי קומען דאָ חזירים אַהער? — האָט ער זיך געוווּנדערט.

— דאָס זענען אונדזערע, קיבוצישע חזירים.

— ווער האָדעוועט זיי?

— מיר.

— ייִדן?

— ייִדן... קיין גויִים זענען דאָ נישטאָ...

— אין ארץ־ישראל? אין הייליקן לאַנד?

— איז וואָס?

זכריה האָט זיך נאָך מער פאַרקרימט און אַ טראַכט־געטון, אַז ניין! דער קיבוץ איז נישט פאַר עזריאלקען! וואָס וועט ער דאָ אויסוואַקסן? אַ פויער־יונג! חזירים וועט ער דאָ פּאַשען! עזריאל קאַרלסבאַך וועט פּאַשען חזירים! ניין, בשום־אופן נישט! ווי ער וועט זיך נאָר איינאָרדענען, נעמט ער אים אַוועק פון דאַנען! אילנהן אויך!

— ווו איז לייביש? — האָט רעניאַ פלוצלונג אַ פרעג־געטון.

זכריה האָט זיך אומגעקוקט:

— ס׳הייסט, ווו ער איז? ווו איז ער טאַקע?

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי ער איז פאַרשוווּנדן.

— דאַכט זיך, אַז ער איז צוריקגעגאַנגען אין שפּיטאָל. — האָט מרים געזאָגט — איך האָב געזען אים גיין אין יענער ריכטונג.

— מיר דאַרפֿן דאָך שוין פֿאָרן!

— איר וועט דאָך פֿריִער עסן ביי אונדז מיטאָג? — האָט מרים גע־פֿרעגט.

— מיטאָג? ביי וועמען?

— וואָס הייסט „ביי וועמען״? אין עס־זאַל... די געסט פֿון אַ קיבוץ־חברה זענען די געסט פֿון קיבוץ... — האָט מרים געשמייכלט מיט אירע זון־שפּרענקעלעך — איר טראַכט וועגן כשר? צי וועגן דעם, אַז עס וועט נישט קלעקן פֿאַר אַלע?...

ניין, זכריה האָט נישט געטראַכט וועגן כשרות און נישט וועגן דעם, צי עס וועט קלעקן. ער האָט זיך נאָר געקווענקלט צי ער זאָל אַריינגיין אין קיבוצישן עס־זאַל, זייענדיק זיכער, אַז אַלע וועלן אים אָנקוקן... מען וועט ווינקען אויף אים און זיך סודען...

— קומט אַריין, אין עס־זאַל, הייסט עס... און איך וועל באַלד אויס־זוכן אייער זון, לייבישן הייסט עס...

— מילא, קומט...

זיי זענען אַריין. צענדליקער מענטשן, מענער און פֿרויען, זענען שוין געזעסן ביי די טישן און עס האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען נאָך און נאָך. פֿיר מענטשן, צוויי פֿרויען און צוויי מענער, דיזשורירנדיקע מסתמא, האָבן זיך געפֿאָרעט ביים דערלאַנגען. ניין, קיינער האָט אויף אים ספּעציעל נישט געקוקט. אַפֿילו ווייניקער ווי ספּעציעל... עס האָט שוין געמאַכט אויף אים דעם איינדרוק, אַז מען זעט אים אינגאַנצן נישט. מען באַמערקט אים גאָרנישט. און צו דעם איז זכריה קאַרלסבאַך, מיט זיינע באַראָן הירש־וואָנצעס אויך נישט געוווינט געווען... וואָס הייסט?...

יעדער אַריינקומענדיקער האָט פֿאַרנומען זיין פּלאַץ, איינגעטונקען אַ שטיקל ברויט אין זאַלץ און אינזינען געהאַט זיך זיינס. יעדער האָט דאָ עפּעס געהאַט מיט זיך צו טון. זכריה האָט נישט געזען, אַז מען זאָל דאָ פֿירן צווישן זיך אַ שמועס ביים עסן. ווער עס האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, ווער אין אַ בוך און ווער — אין טעלער אַריין... דאָס דערלאַנגען צום טיש איז דאָ צוגעפּאַסט מאַשינאַוו־שנעל. מיט רעדל־טישלעך האָט מען צוגעפֿירט די טעלערס זופּ און אַנדערע שפּייזן פֿאַר אַ צענדליק מענטשן מיטאַמאָל. אויך אונטער זכריהס נאָז איז אויסגעוואַקסן אַ טעלער זופּ מיט אַלע צודאַטן... ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, ווער דאָס האָט דערלאַנגט און ווען... דער עולם האָט געגעסן אייליק און שווייגנדיק. און אויך זכריה האָט גענומען זיין לעפֿל צום מויל.

באַלד איז אַריינגעקומען לייביש. דאָס פּנים פאַררויטלט, די אויגן — צעפינקלט. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט געמוזט נאָכאַמאָל אָנ־קוקן דאָס קינד... דעם קליינעם עזריאלקען...

זכריהן איז זייער געפעלן לייבישעס וועלן נאָכאַמאָל אָנקוקן עזריאל־קען, אָבער זיין פאַררויטלטקייט איז אים עפּעס נישט געפעלן...

נאָך ווינציקער איז עס געפעלן רעניען, וועלכע האָט אים באַזונדערס פאַרשנדיק אָנגעקוקט.

געוווינט צו די מיליטערישע קיכן און צו דער קעסט אין שפּיטאָל, האָט זיך דאָ לייביש נישט קרעמפּירט און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, ווי אַ היימישער, ווי איינער פון קיבוץ.

נאָכן עסן האָט זיי מרים אַרויסבאַגלייט פון קיבוץ־טויער און, פון דער ווייטנס, געוויזן ווו עס איז די תחנה, די אויטאָבוסן־סטאַנציע קיין תל־אביב.

## קאַפּיטל צען

# אויס פּאַלאַץ - אויס פּריץ

אין אָוונט, ווען זכריה, לייביש און רעניאַ זענען אַהיים־געקומען, האָבן זיי געטראָפן דעם טויער אויפגעפּראַלט און די טיר פון הויז — אָפן.

אויפן ערשטן בליק האָט עס אויסגעזען, ווי אַ גניבה־איינברוך. באַלד, אָבער, האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז עס איז נאָך ערגער: אין פּאַלאַץ האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ שכן. ער האָט זיך גענומען אַ צימער, אַרויסשטעלנדיק פון דאָרט די מעבל און אַנדערע חפצים אין פּאָדערהויז.

דער שכן — אַ הויכער, ברייטבייניקער יונג מיט אַ צעפּלאַטשיקטער נאָז צווישן די מאָנגאָליש־אויסגעביילטע קינבאַקן, מיט אַ טיפן שראַם איבער זיין גאַנצן פּליך, פון שטערן ביז די פּאַטילניצע, אַ נאַקעטער און באָרוועסער, בלויז אין אַ פּאָר באַד־הייזלעך, מיט אַ ברייטן, אַטלעטיש־אַרויסגעשטאַרצטן און בעריש־באַוואַקסענעם ברוסט־קאַסטן, — איז געשטאַנען אין דער טיר פון זיין פאַרכאַפּטן צימער אין אַ פּאָזע און מיט אַ בליק פון אַן אַטלעט אויף אַ קאַמפּס־רינג, וועלכער איז גרייט זיך צו וואַרפן אויף זיין קעגנער.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט זכריה געפרעגט ציטערנדיק פון אויפרעגונג און שוין גוט פאַרשטייענדיק אַליין, וואָס יענער טוט דאָ.

— איך וווין דאָ! — האָט דער אַטלעט קורץ און זיכער געענטפערט.

— מיט וועלכע רעכט האָט איר זיך אַהער אַריינגעריסן?

— מיט דער זעלבער רעכט, וואָס איר... איך האָב באַצאָלט דעם זעלבן פּרייז...

— נישט דעם זעלבן! — איז זכריה אויסער־זיך געוואָרן, מיט אַ שוים אויף די ליפּן — איך האָב באַצאָלט מיטן בלוט פון מיינע קינדער! ערשט פיר טעג, ווי מיין עלטערער איז געפאַלן ביי עיראַק־סואָידאַן! און דער — האָט ער אַ וויז־געטון אויף לייבישן — איז איצט אַרויס פון שפּיטאָל! מיט בלוט האָבן מיר באַצאָלט!

— אייערער איז אומגעקומען דאָ און מיינע זענען אומגעקומען „דאָרט״... וואָס איז דען דער אונטערשייד? מיר זענען די זעלבע יחסנים!...

— אָבער מיר האָט מען דאָך די וווינונג געגעבן! מיר האָט מען דאָך עס באַשטימט! איך האָב אַ דאָקומענט דערויף!

— פּראָטעקציע... וויטאַמין פּ... איך דאַרף נישט קיין פּראָטעקציע. אָט איז מיין פּראָטעקציע!... — האָט דער אַטלעט באַוויזן זיינע מוסקולן — און אַזעלכע פּאַפּירלעך, שמאַרגאַלן, האָב איך אויך. אַ פּוד אַזעלכע אשר־יצר־פּאַפּירלעך קען איך אייך וויזן... — האָט ער געלאַכט אַ ביטלדיקן געלעכטער, וואָס האָט זכריהן געמאַכט בורטשען אין די אינגעווייד.

— אדרבה, וויזט מיר אַ צעטל, אַז מען האָט אייך געשיקט אַהער! — האָט זכריה פאַרלאַנגט.

— אָט דאָס קען איך אייך וויזן!... — האָט דער אַטלעט אַ וויז־געטון אויף נישט קיין אָנשטענדיק אָרט.

אָט דער באַוויז האָט זכריהן פולשטענדיק איבערצייגט און אָפּגענומען דאָס לשון. ער האָט שוין איינגעזען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון און אַז געווינען וועט ער ביי אים גאָרנישט. קיין כבוד — אוודאי נישט.

דערקעגן איז איצט לייביש אויפגעשפרונגען:

— דרך־ארץ! ווי וואָגט איר אַזוי צו רעדן צו מיין טאַטן? איך רוף שוין אַרויס משטרה־צבאית (מיליטער־פּאָליציי)! טראָגט זיך בעסער אָפּ פון דאַנען באַצייטנס, אַנישט וועט מען אייך אַרויסשליידערן פון דאַנען, אַז איר וועט פליען!

דער אַטלעט האָט נישט תיכף געענטפערט. ער האָט פריער מביניש אָפּגעמאָסטן לייבישן פון קאָפּ ביז די פיס, אַן איראָנישן שמייכל־געטון און ערשט דאַן, אַ צישע־געטון צווישן די אויסגעשטשירעטע ציינער:

— דו הערסט אויף צו קרייען ווי אַ קאַלקוטסקער האָן? אַנישט ברעך איך דיר באַלד איבער דאָס גערגעלע אָט אַזוי־אַ... — האָט ער אַ וויז־געטון מיטביידע הענט, ווי אַזוי מען ברעכט איבער אַ גערגעלע ביי אַן עוף... — איך גיב דיר באַלד אַ שרויף־אַראָפּ דאָס קעפּעלע און דו וועסט ביי מיר די כפרה!...

נאָך אָט דער דערקלערונג, איז שוין אויך לייביש אַנטשטומט געוואָרן ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, צו לויפן רופן די מיליטער־פּאָליציי ווייל ער האָט שטאַרק געצווייפלט, טראָץ זיין פאַרזיכערן דעם אַטלעט, צי די מיליטער־פּאָליציי וועט טאַקע וועלן קומען און צי זי וועט זיך וועלן אַריינמישן אין אַזעלכע ציווילע ענינים. דערקעגן דער אַטלעט, האָט לייביש איינגעזען, נייטיקט זיך נישט אין דער הילף פון קיין פּאָליציי און ער קען זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין. וואָרעם ער איז דאָך באמת בכוח איבערצו־

ברעכן אַ גערגעלע און אַראָפּצושרויפן אַ קעפּעלע... און נישט נאָר האָט ער כוח דערצו, נאָר ער קאָן עס ביי זיך פועלן אויך. מיט אַזאַ פּנים פון דער אונטערוועלט! אַלץ איז אויף אים צו גלייבן.

דער אַטלעט, מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף זיין רויט־פאַרגאָסענעם פּרצוף, האָט אָנגעקוקט לייבישן, פון וועלכנס געזיכט דאָס גאַנצע בלוט איז אָפּגעפלאָסן און ער האָט „איינגענומען אַ שטומעניש"... ער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מינע פון אַ „שטאַרקן", וואָס זאָגט: „מיט איין קלאַפּ, ביסטו אַ פּאַרטיקער... נאָר אויף אַזאַ דרויבע, לוינט זיך די האַנט נישט אַרויפצולייגן!"...

אויך רעניאַ האָט איינגעזען, אַז עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. און אַזוי ווי מען קען נישט אַרויסרייסן אַ שטיק פלייש פון אַ וואָלפס פּיסק אַרויס, אַזוי איז שוין נישט מעגלעך צוריקצונעמען דאָס צימער פון דעם אַטלעט. אַפילו בלוט זאָל זיך גיסן. זי האָט שנעל אָפּגעשאַצט די לאַגע און געזען, אַז עס זענען בלויז דאָ צוויי אויסוועגן: אָדער האָבן אַ בייזן שכן, וועלכער וועט טאָג־טעגלעך אָנטון צרות, אָדער מסכים זיין מיטן געשעענעם פאַקט און עס זאָל זיין שטיל. וועלנדיק, אָבער, אַז זכריה און לייביש זאָלן נישט אַרויס איינגאַנצן פאַרשפּילטע אין אָט דער קריגעריי, האָט זי געזוכט פאַר זיי אַ בכבודיקע קאַפּיטולאַציע, פּרווונדיק זיך אויף אַזאַ מין אופן:

— איר זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש... — האָט זי זיך געווענדעט צום אונטערוועלט־טיפּ באַזונדערס אײדל — ווי־זשע פּאַסט עס גאָר פאַר אייך אַזאַ לשון?... פע...

לייביש האָט דערביי אַ טראַכט־געטון, אַז דאָס זענען „ביטרע, כעלעמער־גאַליציאַנישע ריידעלעך"... אָבער דער אַטלעט איז פון זיי טאַקע ווייכער געוואָרן:

— אַז מען קריגט זיך, קושט מען זיך נישט, פּרוילײן...

— מען קען זיך דאָך דורכרעדן ווי מענטשן. נאָכוואָס דאָס זידלען און באַליידיקן? פאַר אַזאַ אינטעליגענטן מענטשן ווי איר זענט, פּאַסט עס נישט... אייך האָט דאָ נאָך קיינער נישט באַליידיקט און איר דראָט שוין מיט געשלעג. כוח איז נאָך נישט אַלץ...

— דער שכל איז מיר נאָך אויך נישט אויסגעדאַרט, פּרוילײן... — האָט דער אַטלעט פאַרזיכערט — מיט אייך, פּרוילײן, קען איך רעדן אינטעליגענט, אָבער נישט מיט אָט דעם כניאָק!... — האָט ער אַ ווייז־געטון אויף לייבישן — מיט מיליטער־פּאָליציי סטראַשעט ער! די וואַנצן זאָל ער סטראַשען, נישט מיר! איך וועל אים איינמאָל דערלאַנגען אַ סטראַשען, וועט ער שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו האַלטן די צונג צווישן די ציין!

— ער איז דאָך אַ חייל... און אַן אינוואַליד דערצו... — האָט אים

רעניאַ פֿריינטלעך געגעבן צו פֿאַרשטיין — האָט ער דאָך אַ רעכט, אַז זיין מיליטער־פּאָליציי זאָל אים באַשיצן, ווען עמיץ וויל אים טון אַן עוולה... דאָס הייסט נישט געסטראַשעט... ער פֿאָדערט זיינס. ער האָט דאָך ביי אייך גאָרנישט צוגענומען...

— איך ביי אים — אויך נישט! זיין טאַטנס ירושה איז עס? ער האָט דאָ אַ סך אַריינגעלייגט אין דעם געשעפֿט?!

יאָ... ער האָט אַריינגעלייגט זיין פּוס... און דערפֿאַר האָט ער באַקומען די וווינונג. און איר טאָרט זיך נישט שלאָגן, ווייל עס איז גאָר פֿאַר אייך אַליין געפֿערלעך...

— געפֿערלעך? איך פֿייף אויף זיין מיליטער־פּאָליציי מיט זיין מיליטער־פּאָליציייס טאַטנס טאַטן!

— נישט דאָס האָב איך געמיינט... — האָט רעניאַ גוטמוטיק געשמייכלט — איר זענט טאַקע אַ גיבור! אָהאָ!... מעג איך אָנרירן אייער מוסקול?... — האָט זי נישט־וואַרטנדיק אויף זיין ענטפֿער, אָנגעטאַפּט דעם אַטלעטס מוסקולן און זיך געחידושט: — אָך, אָך, אָך!... שטאָל און אייזן!...

דעם אַטלעטס מאַנגאָליש־אויפֿגעביילטע קינבאַקן זענען נאָכמער אויפֿגעלאָפֿן געוואָרן פֿון צופֿרידענער צעשמייכלטקייט אַזוי, אַז זיין צעפּלאַטשיקטע נאָז האָט מען שוין קוים־קוים אַרויסגעזען.

— כע־כע־כע... — האָט ער דערביי הנאההדיק אונטערגעכאָרכלט.

זכריה האָט באַוווּנדערט די געוואַגטקייט פֿון דער מויד. דערקעגן האָט זיך לייביש אויפֿגעפּרעסן: „וואָס טאַפּט זי אים די מוסקולן, די כיטרע כעלעמער־גאַליציאַנישע קאַצעטלעריין?! וואָס חנדלט זי זיך נאָך צו אים אַזוי?! איך וועל איר ווייזן אַ טאַפּן יענעמס מוסקולן און חנדלען זיך!"...

רעניאַ האָט, אָבער, אויף לייבישן קיין אַכט נישט געלייגט. זי האָט נאָך אַ פּעטשל געטון איבערן אַטלעטיש־ברייטן און מאַלפּיש־צעוואַקסענעם ברוסט־קאַסטן און נאָכדעם אַ פּויק־געטון מיט אירע מאַניקירטע פֿינגערלעך אויף יענעמס פּליך, זאָגנדיק:

— אויף דער מיליטער־פּאָליציי קענט איר טאַקע פֿייפֿן, מיין העלד... אָבער נישט אויף דעם אָ... — האָט זי אַ פֿיר־געטון מיט אַ פֿינגער איבער זיין פֿאַרנייטן שראַם לענג־אויס דעם פּליך — איך בין אַ קראַנקן־שוועסטער און איך ווייס וואָס דאָס איז... איר פֿאַרמאָגט טאַקע אַ סך גבורה, אָבער איר טאָרט זיך נישט שלאָגן... עס איז פֿאַר אייך געפֿערלעך!... — האָט זי אים געדראָט מיט אַ פֿינגער, ווי צו אַ קליין ייִנגל...

די צעשמייכלטקייט אויפֿן אַטלעטס פּנים איז צערונען:

— אמת... — האָט ער זיך מודה געווען — אָבער איינמאָל פּגרט אַ קאָזע!... און איידער זייער מיליטער־פּאָליציי וועט מיך אַרויסנעמען פֿון

דאַנען, וועל איך זיי ביידן פריִער די גאָרגלען איבערבייסן. אָט אַזוי־אָ, האַם! — האָט ער אַ דריי־געטון דעם קאָפּ ווי אַ לייב און שטשירענדיק די ציינער, אַ ברום־געטון.

פאַר זכריהן און לייבישן איז עס געווען די לעבעדיקסטע און פּינקט־לעכסטע אילוסטראַציע, ווי מען בייסט איבער אַ גאָרגל... און אינטויִטיוו האָט זיך לייביש אַ כאַפּ־געטון פאַר זיין האַלדז...

— מאַכט נישט אַזוי... — האָט זיך רעניאַ ביים אַטלעט געבעטן אין שפּאַס — איר זענט דאָך נישט קיין חיה... און עס קליידט אייך גאָרנישט צום פּנים אויך... — האָט זי זיך געחנדלט.

— הערן זי, פּרוילין. — איז דער אַטלעט געוואָרן ערנסט און גע־נומען „דברן איידל" — אַז מען רעדט צו מיר מיט גוטנס, בין יאַך אַ פּאַן־בראַט... די נשמה! זי פאַרשטייען?

— איך פאַרשטיי. טאָ לאָמיר זיך דורכרעדן מענטשלעך.

— מיט אין וועל יאַך רעדן מענטשלעך. דאָס צימער איז מיינס. באַסטאַ! עץ האָט נאָך מזל וואָס יאַך בין אַ קאַוואַלער, אָן אַ משפּחה. אַלע זענען מיר אַוועק אין אויוון־אַריין. יאַך בין אַליין. אַנישט וואָלט יאַך נאָך געגומען אַ האַלבע קען אויך. עס קימט מאָ! נאָר יאַך דאַרף עס ניש.

— איר זענט אַ קאַוואַלער? — האָט רעניאַ איבערגעפרעגט, ווי דאָס וואָלטן גאָר געווען אַנדערע ווערטער...

— יאָ, פּרוילין... — האָט דער אַטלעט אַ שמייכל־געטון — יאַך וועל זיין אַ לייכטער לאָקאַטאָר. האָבן זי ניש קאָ מורא...

דער „יאַך" מיטן גאַנצן וואַרשעווער לשון, האָט געהערט צום אַטלעטס „באַנטאַן", דאָס האָט ער פריִער נישט באַנוצט מיט בייזן, נאָר איצט, ווען־דיק ווערן איידל צו אַ זיך־חנדענדיקער דאַמע...

— נו, אויב אַזוי, פּאַניע קאַרלסבאַד... — האָט זיך רעניאַ אַנגעכאַפּט אָן דעם, ווי אָן אַ בכבודיקן אויסוועג פאַר זכריהן — אויב איין מענטש בלויז... אַ קאַוואַלער.. איז אפשר לוינט זיך נישט דער גאַנצער טאַראַראַם?... עס איז דאָך פאָרט נישט קיין גאַנצע משפּחה, מיט קיין קליינע קינדער...

— קאַרלסבאַד הייסן זי? — האָט דער אַטלעט זיך געווענדעט צו זכריהן — באַרדזאָ מי פּשיִעמניע... (עס איז מיר זייער אנגענעם) איך הייס טשיזשיק... — האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

זכריה האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אָפּגעקערט אַוועקצוגיין. טשיזשיק האָט אים נאָכגערופן:

— נישט, איז נישט... — האָט טשיזשיק געלאַכט — איז נישט גע־פידלט... זי זענען בייז? וועלן זי ווערן גימל... כאָטש אָן עלטערן מענטש קען יאַך זאָגן פּשעפּראַשאַם... אייך בעט איך איבער, אויב איך האָב אייך

באַליידיקט... אָבער דער יאָלד! — ווייזט ער אויף לייבישן — זאָל מיך נישט שטראַשען מיט קיין פּאָליציי. יאָך האָב פיינט, אַז מען סטראַשעט מיך!...

*****

קיין אָונט־ברויט האָט שוין זכריה נישט געגעסן. ער האָט אַפילו קיין טיי נישט געוואָלט טרינקען, אַראָפּצושווענקען די ביטערקייט פון זיין גומען. אַ האַלבע נאַכט איז ער געלעגן מיט אָפענע, וואַכע אויגן און גע־גלאָצט דורך די פענצטער־קראַטן צו דער בלייכער לבנה, וואָס וואָגלט אַן עלנטע איבער פאַרוואָלקנטע מרחקים. דער ים האָט היינט שטאַרקער גע־רוישט ווי געוויינלעך. די כוואַליעס האָבן ממש פעלדזן געריסן, ווי זיי וואָלטן זיך פאָרגענומען אונטערצושווענקען דעם באַרג מיטן פּאַלאַץ אויבן־איינעם. מחנות שאַקאַלן האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאָגן אין דער נאַכט אַריין און זכריהן האָט זיך דאַסמאָל געדוכט, אַז דאָס קלאָגן זיי נאָר אויף זיין מזל.

יאָ, פון דעם מזלדיקן זכריהן האָט זיך דאָס מזל פּלוצלונג אָפּגעטון. איינער פון טויזנטער ייִדן איז ער דאָך, וועמענס גאַנץ הויזגעזינט האָט זיך געראַטעוועט פון גיהנום!... אין דייטשלאַנד האָט ער זיך תיכף געשטעלט אויף די פיס. געהאַנדלט און דערגרייכט זיין ציל: איינגעקויפט זיך מאַ־שינען פאַר אַן אייגענער נייער דרוקעריי אין ארץ־ישראל. האָט ער דען געחלומט, אַז ער וועט נאָך צו דעם צוקומען?... און אַז ער איז ענדלעך געקומען אין לאַנד־אַריין, האָט אים עזריאל צוגעגרייט אַ פּאַלאַץ!... וואָס פאַר אַ פּלענער האָט ער דען שוין נישט געמאַכט וועגן אָט דעם פּאַלאַץ?... דאָ וועט וווינען עזריאל מיט זיין באַשערטער... דאָ וועט וווינען לייביש מיט זיינער און...

ניין, דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. דער גורל וואָס האָט זכריהן געשוינט ביז איצט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַרזען און פאַרגעסן במשך די זיבן גיהנום־יאָרן, — אָט דאָ האָט ער אים געפּאַקט! דווקא דאָ, אין איי־גענעם לאַנד, נאָכן אַריבערשווימען אַזויפיל ימען בלוט און טרערן. ער האָט אים דערטאַפּט און באַצאָלט אים שוין פאַר דער גאַנצער צייט. עזריאל... דער טייערער, האַרציקער עזריאל! אַזאַ גאָלדענע נשמה! אַזאַ טייער קינד! דער שטאָלץ, דער נחת און די טרייסט זיינע! — נישטאָ עזריאל! אַזאַ ליכ־טיעקר יונג און אַזאַ פינצטערער סוף! — — — פערל־ליבען קימערט עס נישט. זי לעבט אַ גוטן טאָג און וויל פון זיי נישט וויסן. אַוועקגעוואָרפן האָט זי אים. אַרויסגעשטעלט צוויי פייגן. קען זיין, אַז זי האָט עפּעס אַ טענה. און אפשר אַ גערעכטע טענה. איז דאָך די טענה צו אים, צו איר

געוועזענעם שלעכטן מאַן... אָבער וואָס פאַר אַ טענות קאָן זי האָבן צו אירע אייגענע קינדער? צו איר אייגן בלוט און פליישׁ? — — —

אַ ווילע האָט ער באַקומען.. אַ פּאַלאַץ.. אַ פּריץ האָט זיך אים פאַר־גלוסט צו ווערן, נאָכן גאַנצן גיהנום!... — שוין! ער איז שוין אויס פּריץ און עס איז שוין אויס פּאַלאַץ! דער פּאַלאַץ איז שוין אַ וואָקזאַל, אַ הקדש, אַ גיהנום! בלויז איין צימער וועט מען האָט פאַר־זיך, איז עס אַ וווינונג ווו מען איז מיט זיך אַליין. און דאָ — אַ פרעמדער וועט זיך אַרומדרייען אין קאָרידאָר, אַריינשטעקן די נאָז אין קיך, אַריינקוקן אין די צימערן, קלאַפּן מיט די טירן, אָנמאַכן אין באָד־צימער און דאָרטן... מען וועט דאַרפן ראַמען פון אים, זיך פּילעווען פאַר אים מיט אַ וואָרט. — אַן „אָבשטשע־זשיטשע", אַ וואָקזאַל, אַ הקדש! ניין, ער וועט שוין נישט ברענגען אַהער אילנהן מיטן קינד, ווי ער האָט דאָס גערעכנט. און לייביש מיט רעניען וועלן דאָ שוין אויך קיין נחת נישט האָבן! און ער — אויס פּריץ! אַנטלויפן פון דאַנען ,נאָר אַנטלויפן! געשאָנקענע זאַכן... אומזיסטע... עס האָט נישט קיין האַפט! דאָס וואָס עס דאַרט נישט אויס דיין מוח, וואָס דו האָרעוועסט נישט אויס מיט מאַרך און שווייס, דאָס איז נישט דיינס! פון דעם קען מען קיין נחת נישט האָבן!

אויס פּריץ און אויס פּאַלאַץ! — אַ חלום איז דאָס געווען. אַ חלום פון אַ קראַנקן קאָפּ. דער גורל האָט זיך מיט אים אַ שפּיל געטון. אַ קאַפּריז איז דאָס געווען, זיך אַ רייץ צו טון מיט אַ צעבראָכענעם מענטש, וועלכער ראַנגלט זיך נאָך פאַר זיין עקזיסטענץ. אַ שפּאַס, אַ בלוטיקער שפּאַס! דאָס האַרץ קאָן דאָך פּלאַצן פון אַזאַ שפּאַס!

דאָס האַרץ? אוי, וואָס איז דאָס טאַקע מיט זיין האַרץ? ער האָט דאָך קיינמאָל אויפן האַרץ נישט געליטן. — וואָס שטעכט אים אַזוי דאָס האַרץ?

וואָלט ער שוין כאָטש זיינע מאַשינען באַקומען, די דרוקערייַ זיינע. וואָס איז דאָס מיט זיין באַגאַזש? נאָך אַלץ נישט צייט געווען, עס זאָל אָנ־קומען? אָדער אפשר, צו זיין פאַרדאָסטן מזל, איז די שיף מיט דער דרוקערייַ אונטערגעגאַנגען? אויב אונטערגעגאַנגען — מעג ער אַליין אויך אונטערגיין! אַט גייען אים דאָך אויס די לעצטע פּאָר צענדליק פונט זיינע און דאַן? אַנקומען צו קצבה? צו בעטל־ברויט? — שוין בעסער אין ים אַריין זיך צו וואַרפן! די דרוקערייַ, דאָס איז זיין לעצטע קאָרט! אָדער ער וועט זיך שטעלן אויף די פיס מיט אייגענער מי, אָדער — — — —

זכריהס מידע אויגן־לעפלעך זענען צוגעפאַלן. וואָר האָט זיך גענומען מישן מיט חלום. אָבער אַ טראַסק פון אַ טיר האָט אים אויפגעריסן פון קורצן דרימל. עס האָט שוין געבלייכט דער פרימאָרגן. באַלד איז געקומען אַ צווייטער טראַסק און אַ דריטער.

דאָס איז דער „אײדעלער, אינטעליגענטער" שכן טשיזשיק שוין אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט. ער האָט זיך געדרייט פֿון צימער אין אָפּטריט און פֿון דאָרט — אין וואַננע־צימער, טראַסקענדיק מיט די טירן. די טיר פֿון באָד־צימער האָט ער דווקא געלאָזן אָפֿן. ער האָט זיך דאָרט געוואַשן און געפּליעסקעט הירזשענדיק דערביי פֿון נחת און אַרויסלאָזנדיק אַזעלכע קלאַנגען פֿון צווישן די „צאַרטע" ליפּן, ווי אַ פֿערד ווען ער צעבלאָזט די שעטשקע פֿון זעקל האָבער אַרויס:

— האפּרפּרפּררר!... האפּרפּרפּרפּרפּררררר!...

און ווידער אַ טראַסקען מיט די טירן הין־און־צוריק, ביז ער איז ענדלעך אַוועק און עס איז מאָדנע שטיל־געוואָרן.

אָבער דווקא אָט די שטילקייט האָט זיך איצט צערווישט אין זכריהס קאָפּ, ווי דער פּראָפּעלער פֿון אַן עראָפּלאַן. ער איז זיצן־געבליבן אויף זיין בעט, מיט די פֿיס נעבן די שטעק־לאַטשן, אין וועלכע ער האָט נישט אַריינגעטראָפֿן. דאָס האַרץ האָט אין אים געזיבענקעט, ווי ער וואָלט צו־פֿוס געלאָפֿן אַ קילאָמעטער. אויך אין די שלייפֿן האָט אים געהאַקט און מיט יעדן האַק, — אַנגעיאָגט אַ טעמפּן קאָפּ־ווייטיק.

און דאָך איז, אין צעווייטיקטן קאָפּ זיינעם, רייף געוואָרן אַ באַשלוס: ער פֿאָרט תיכף קיין חיפה! אין פֿאָרט־אַריין פֿאָרט ער, דערוויסן זיך וואָס עס הערט זיך מיט זיין באַגאַזש! די מאַשינען ווו זענען? זיין דרוקעריי ווו איז?!

ער איז אַריין אין באָד־צימער. עס איז דאָרט געווען אָנגעכליאַפּעט און אָנגעבלאָטיקט. דער שפּיגל — באַשפּריצט מיט זייף און ציין־פּאַסטע.

— אַ מיגל! — האָט זכריה אַ זאָג־געטון צו זיך אַליין — דאָס ערשטע בלימעלע פֿון ווינען צוזאַמען מיט אַ שכן. אויב ער וועט אַזוי אַלע טאָג טראַסקען מיט די טירן, וועל איך נעמען ליידן אויפֿן קאָפּ. אַ פּערמאַנענטע מיגרענע וועל איך קריגן! און ווער זאָל דאָס רוימען פֿון אים?!

ער איז אַרונטער אונטערן קאַלטן דוש און געלאָזן פּלייצן די האַסטיקע שטראָמען איבערן קאָפּ, אויף דעם פּלאַץ, ווו דער ווייטיק איז אַמשטאַרקסטן. וואָרעם דער טעמפּער קאָפּ־ווייטיק איז שוין דערגאַנגען ביז אַ נודזשעניש „אונטערן לעפּעלע". דער האַסטיקער, קאַלטער וואַסער־שטראָם האָט טאַקע געווירקט צום גוטן און אַ ביסל געלינדערט דעם טעמפּן ווייטיק.

אַ דערפֿרישטער איז ער אַרויס פֿון באָד־צימער און אַן עפֿן־געטון די צווייטע טיר.

— פֿוי! ווי אָנגעחזרט! ווי איז ער דאָ געקראָכן מיט די פֿיס, דער מנובל?!

זכריה האָט זיך פֿאַרקרימט, אויסגעשפּיגן און איז אַרויס. עס איז אַנטקעגן געקומען רעניאַ, אין שלאָפֿראָק. דער שלאָפֿראָק איז געווען צע־

קנאַדערט, די האָר — צעקודלעט און די אויגן — פאַרשלאָפן. די אויגן און אַרום די אויגן — אַ צעשמירטע בלויקייט. דערקעגן די גאָמבע און ביידע באַקן — צעפּאַטשקעט פון דעם נעכטיקן ליפּן־שמינק. זכריה האָט אַ טראַכט־געטון, אַז די שענסטע פרוי איז נישט אַנגענעם צו זען אין פרי־מאָרגן־ליכט, אין אַזאַ אומעסטעטישן אויסזען. דאַכט־זיך: יונג... דאַכט־זיך: אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס ווייסט וועגן היגיענע... און — אַ ייִדענע!

רעניאַ האָט זיך געריבן די פאַרשמירטע אויגן און זיך געחידושט:

— וואָס איר טוט זיך שוין אָן? עס איז דאָך קוים זעקס אַ זייגער פאַרטאָג.

— יאָ,רעניאַ. איך פאָר באַלד קיין חיפה. איך דאַרף געוווּיר־ווערן אין פּאָרט וועגן מיין באַגאַזש.

— און ווען קומט איר צוריק?

— אין אָוונט, מיין איך.

— אַ מינוט. איך קום באַלד אַרויס, וועל איך צושטעלן טיי.

— אַ דאַנק, רעניאַ. אפשר קענסטו בעסער מאַכן אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע? דער „אדלמאַן"... — האָט ער אַ טייטל־געטון צו טשיזשיקס צימער — האָט מיך, מיט זיין טיר־טראַסקעניש, אַנגעיאָגט אַ קאָפּ־ווייטיק.

— גוט. איך מאַך באַלד קאַווע.

***

פון חיפה איז זכריה צוריקגעקומען אַ נערוועזער, אַ צערודערטער, אַן אויסגערציכיקער.

דער באַגאַזש איז דאָ!... דער גאַנצער באַגאַזש!... מען האָט אים אַפילו אַריינגעפירט אין די פּאָרט־סקלאַדעס און ער האָט עס אַליין אָנגעקוקט מיט די אייגענע אויגן... ער האָט אַליין איבערגעציילט אַלע ליפּטן און קאַסטנס. אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. די זעלבע ליפּטן און קאַסטנס, ווי ער האָט זיי געלאָזן פאַרפּאַקן און אַרויסשיקן. עס פעלט גאָרנישט! אַפילו קיין ברעטל האָט זיך נישט אָפּגעבראָכן!... זי איז דאָ, די דרוקעריי!... אַ דרוקעריי פון דרוקערייען־לאַנד... אַ מאָדערנע, מיט הכל־בכל!...

אָבער נאָכן אָנקוקן זיין פאַרמעגן, נאָכן גאַנצן אָנפרייען־זיך און אָנ־שוויצן־זיך פון נחת, האָבן גענומען פון אים אַרויסשלאָגן גאַנץ אַנדערע שווייסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה דאָקומענטן, דערלויבענישן, פאַ־פירן, צעטלען, חשבונות, אָפּשאַצונגען, אָפּצאָלונגען, סטעמפּלען און אונ־טערשריפטן. צו יעדן באַאַמטן, דאַרף מען וואַרטן אין אַ ריי. איין באַאַמטער שיקט־אָפּ צום צווייטן און דער צווייטער — צו אַ דריטן. יעדער באַאַמטער

חשבונט אויפסניי, מאַכט עפּעס אַ צייכן, קלעבט אַ מאַרקע, שטעלט אַ סטעמפּל, נעמט אַ פּאָר פונט, גיט זיין אונטערשריפט און שיקט אָפּ ערגעץ ווייטער. נאָר נאָך יעדער אונטערשריפט, איז עפּעס דער ענין פון אַרויס־קריגן דעם באַגאַזש געוואָרן דווקא שווערער און קאָמפּליצירטער... נישט נאָר איז געוואַקסן, מיט יעדן באַאַמטנס אבערחשבונען, דער אָפּצאָל, נאָר צום סוף האָט זיך שוין גערעדט וועגן איין־און־פופציק פּראָצענט...

ווען? פאַרוואָס? — ער איז דאָך נישט קיין היגער סוחר, וואָס פירט־אַרויס וואַלוטע און ברענגט דערפאַר אַריין האַנדלס־סחורה! אַן עולה־חדש איז ער! געקומען אַהער מיט זיין פאַרמעגן, וואָס ער האָט זיך דעראָ־בערט אין דייטשלאַנד! עס איז זיין אייגנס! זיין עקזיסטענץ! די מדינה דאַרף עס טאַקע נאָר אַן עליה פון קבצנים, וואָס קומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט נאָר צום נעמען? ער, זכריה, איז נישט קיין שנאָרער, ער האָט זיך ספּעציעל אונטערגעגאַרטלט אין חוץ־לארץ, כדי צו קומען אַהער אויף אַזאַ מין אופן, אַז ער זאָל נאָך אַנדערע קענען געבן פּרנסה! מיט וועלכע־זשע רעכט וויל מען עס ביי אים צונעמען איין־און־פופציק פּראָצענט? איין־און־פופציק פּראָצענט נישט אַנדערש? און פינף פּראָצענט וועט ער דען יאָ געבן? אַן איין־און־פופציק־פּראָצענטיקן שותף הערסטו גאָר!... צו זיין אַ שותף דאַרף מען דאָך עפּעס אַריינלייגן אין געשעפט אַריין. אין זיין געשעפט האָט נאָך דערווייל קיינער גאָרנישט אַריינגעלייגט! אָן בויד־ווייטיק וויל מען דאָ ווערן זיינע שותפים! וואַרט אַ ווילע! כאַפּט נישט קיין הייסע לאָקשן. פריִער פרעגט־אָן ביי אים, ביי זכריהן, צי ער דאַרף גאָר און צי ער וויל גאָר אַ שותף! דערווייל פאַלט עס אים גאָר אַפילו נישט־איין!

ער איז דאָרט געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, זכריה, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט צוימען, זיך נישט גערעכנט מיט קיין ווערטער און אַפילו געשריִען:

— רויבערייי!!!

עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. די באַאַמטע האָבן שוין געזען אַזעלכע העלדן און האָבן שוין געהערט אַזעלכע רייד. דאָס זענען סצענעס טאָג־טעגלעכע, צו וועלכע מען איז שוין געוווינט און מען נעמט זיך דער־מיט נישט איבער. פאַרקערט, עס שלאָגט זיי אַריין אין דער אַמביציע, נאָך מער צו באַשווערן דעם ענין און זאָל יענער שרייען, אויב ער האָט אַ געזונט האַרץ...

אים, זכריהן, האָט מען געהייסן קומען מאָרגן. צומאָרגנס, אָבער, איז דער באַאַמטער נישט געווען און מען האָט אים געהייסן קומען איבערמאָרגן און דאַן — ווידער אין אַ דריי טעג אַרום. זכריה האָט געפּטרט טעג, אויס־

געריסן־געוואָרן אין די אויטאָבוסן־נסיעות און אין די לאַנגע רייען. ער האָט געפּטרט געלט און ער האָט געפּטרט געזונט און נערוון. צום סוף האָט ער גאָר געדאַרפט ווערן אַ וואַיאַזשאָר: אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד. ברענגען אַז אונטערשריפט פון אַ גדול אין ירושלים און צוויי אונטערשריפטן פון גדולים אין תל־אביב. אָבער צו זכריהס שלימזל, איז תמיד דער ירושלימער אין תל־אביב און די תל־אביבער זענען אָדער אין ירושלים אָדער טאַקע אין חיפה גופא...

פון טאָג־צו־טאָג איז זכריהס בוזעם־טאַש געוואָרן אַלץ פולער און שווערער, אָנגעפּראָפט מיט פּאַפּירן און פּאַפּירלעך. דערקעגן פון אים אַליין זענען שוין געוויס אָפּגעפּאַלן היפּשע עטלעכע קילאָ. ער האָט באַקומען אַן אָפּגעמאָגערט געזיכט מיט טאָרבעס אונטער זיינע טאָפּלט־גרויס געוואָרענע אויגן. עפּעס אַ מאָדנעם גלאַנץ האָבן זיינע אויגן באַקומען. אַן אומהיימלעכן בליק פון אַ מענטשן, וועלכער איז גרייט אָפּצוטון עפּעס אַן אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט. אָפּילו זיינע עלעגאַנטע, שטייפע, באַראָן־הירש־וואָנצעס הענ־גען אים שוין איצט אַראָפּ, ווי ביי אַ טאַראַם בולבאַ...

זכריה פּאַלט אַריין אין שטוב אַריין אַ דערשעפּטער. ער וויל זיך צו־שפּאַרן אָפּרוען. אָבער ער געפינט נישט מער קיין רו אין זיין שטוב. ער געפינט זיך דאָרט בכלל קיין אָרט נישט. ער ווייסט נישט וואָס ער עסט און ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט.

טשיזשיק טראַסקעט מיט די טירן, זינגט געמיינע לידלעך, כראַקעט אויף די באַלאַטן און שמוציקט ווי ביי זיין טאַטן אין חזיר־שטאַל. און זכריה קען עס נישט פאַרשטיין: פון וואַנען דערנעמט זיך עס צו רעניאַן אַזוי פיל געדולד אים נאָכצוראַמען?

ביי יעדן טראַסק מיט אַ טיר צאַפּלט זכריה אויף. ער כאַפּט זיך ביים האַרץ און ווישט זיך נאָכדעם דעם שווייס פון שטערן.

און זי, רעניאַ, לויפט תיכף אַריין צו טשיזשיקן אין צימער, אים צו באַרויקן דאָרטן און בעטן ביי אים מיט גוטן, ער זאָל מער נישט טראַסקען.

און מאָדנע: טשיזשיק באַרויקט זיך טאַקע תיכף, ווי נאָר רעניאַ קומט אַריין צו אים אין צימער. זיי רעדן דאָרט זייער שטיל. זי בעט אים דאָרט, הייסט עס, ער זאָל שוינען אַלעמענס נערוון און נישט טראַסקען. אָבער עפּעס צו־לאַנג בעט זי זיך עס דאָרט ביי אים. צו־רויִק און שטיל ווערט שוין ביי אים אין צימער. זכריהן ווערט אָט די שטילקייט אַזוי פאַרדעכטיק, אַז ער וואַרפט אַזש אַ בליק צו לייבישן, וועלכער שטייט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן ביי טשיזשיקס וואַנט און בייסט זיך נערוועז די נעגל און הויט פון זיינע שפּיץ־פינגער...

פון טשיזשיקס צימער קומט נאָכדעם רעניאַ צוריק אַרויס מיט אַ נאָכמער אומשולדיק נאַנע־פּנימל און מיט אַ קראַנקן־שוועסטערישער רויִ־קייט.

—שוין, ער וועט שוין מער נישט קלאַפּן. — זאָגט זי מיט אַ טאָן פון אַ מוטער, וועלכע האָט דאָרט איינגעשלעפערט אַ קינד.

קיינער ענטפערט איר נישט דערויף און אין חלל בלייבט הענגען אַן אַנגעצויגענע, אַ שווער־דריקנדיקע שטילקייט. אָט די שטילקייט זאָגט שאַר־פער אַריין און באַלײדיקט טיפער, ווי אַ ווערטער־געפּעכט אין אַ קריגעריי. עס איז אַ שטומע באַשולדיקונג און גלייכצייטיק — אַ פּייניקן דאָס אייגענע געוויסן: צי עס איז אָט די באַשולדיקונג אַ באַרעכטיקטע, אָדער נישט.

זכריהן טראָגט עס אַרויס פון שטוב. אויף דער גאַס איז הייס און שטויביק. אַפילו דער פייכטער ים־ווינט איז נישט בכוח צו לעשן די צע־גליטקייט פון שטויב און אַספאַלט. די צעפּאַרעטקייט פון ים לייגט־זיך אויפן צעדאַמפּטן לייב, וואָס ווערט טאָפּלט פייכט.

— וווּהין גייט מען?

אין שטויב פון מיטן גאַס האָט זיך צוזאַמענגענומען אַ בינטל ווייבער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט „אויף אַ ווײַל“ אינמיטן קאָכן... אַלע טענהן זיי צוזאַמען, איבערשרייענדיק איינע דער אַנדערער. אַמאָפּטסטן ווערט אי־בערגעחזרט דאָס וואָרט „עוגה“ (אוגאַ: אַ טאָרט). יעדע מיט אַן אַנדער שטימעלע, מיט אַן אַנדער טאָנאַציע: אוגאַ, אוגאַ, אוגאַ...

— אַלץ הייסט אוגאַ... איך מאַך אַן אוגאַ...

— וואָס טוט איר אַריין אין אייער אוגאַ?

— אין מיין אוגאַ? אָט דאָס איז דער רעצעפּט פון מיין אוגאַ...

— אויך מיר אַן אוגאַ! איז שוין מיין אוגאַ אַ בעסערע אוגאַ!

— איך האָב שוין פאַרזוכט אייער אוגאַ. איר מעגט שוין פאַרזוכן מיין אוגאַ...

און זכריהן דוכט זיך, אַז נישט קיין ווייבער שטייען דאָ און רעדן וועגן „עוגה“, נאָר אַ מחנה קראָען האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעפלויגן און קראַקען:

— קראַ־קררראַ־קררראַאַאַ!

צום בינטל ווייבער קומט צולויפן אַ מאָגער, בלייך ייִנגעלע מיט אַ געוויין:

— מאַמע, מאַמע, דאָס העברעיִש ייִנגעלע שלאָגט מיך!

די ווייבער פאַרגעסן באַלד אָן דער „עוגה“ און מען צערעדט זיך וועגן די עלטערן פון דעם „העברעיִשן ייִנגעלע“, שכנים פון דער גאַס. דאָס איז אַ מיטליאָריק פּאַרפּאָלק, וואָס איז אַרויס פון קיבוץ. דער מאַן איז איצט

אַ באַאַמטער און „אַפּוטרופּוס" איבער די פּאַרלאָזענע אַראַבישע גיטער און די פרוי, אַ פּרעבליסטן, אַרבעט אין אַ שולע.

— ער נעמט אין יד אַריין... און זי...

נאָר דאָס דערהערט שוין נישט זכריה, ווייל דאָס שושקעט מען זיך אויפן אויער.

— נו, יאָ... — פאַרקרימט זיך איינע — וואָס דער קיבוץ שפּייט שוין אויס!...

זכריה פאַרקרימט זיך אויך און דרייט זיך אַוועק. ער איז איצט פול מיט ביטול צו זיך אַליין. וואָס הערט ער זיך דאָ אונטער די ווייבערשע רכי־לות? אַ ייִדענע איז ער? — יאָ, ער איז טאַקע געוואָרן אַ ייִדענע! פון לײדיק־גייך, פון פּוסט־און־פּאַסעווען! שוין באַלד צוויי חדשים ווי ער איז אין לאַנד און נאָך נישט איינגעטונקען קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער! ווען איז ער עס, במשך זיין גאַנץ לעבן, אַרומגעגאַנגען צוויי חדשים ליידיק? צוויי חדשים! מען קען דאָך משוגע ווערן! אַז ער פלעגט אַמאָל אַרויספאָרן פון וואַרשע אויף דאַטשע, זיך אָפּצורוען אַ חודש צייט, פלעגט ער, באַלד נאָך דער ערשטער וואָך, נישט אויסהאַלטן און צוריקקומען... און איצט, — שוין באַלד צוויי חדשים! דער גורל פירט אים ביי דער נאָז! פירט אים פון איין אומגליק אַרויס און אין צווייטן אַריין. אַז ער קען גאָרנישט צוזאַמענעמען זיינע געדאַנקען!

— וווּהין גייט מען? אפשר אַראָפּגיין צום ים? אַליין, מיט זיך, אַ שפּאַ־ציר־טון לענגאויס דעם ברעג? — עט!...

ניין, עס פּאַסט דאָך נישט אַרומצודרייען־זיך שלינג־און־שלאַנג אינ־מיטן העלן טאָג, מיט די הענט אין די קעשענעס! ער איז דאָך נישט קיין אַמעריקאַנער טוריסט מיט קיין נאָכהענגענדיקן פאָטאָ־אַפּאַראַטל... מען קען אים דאָך שוין אין דער געגנט. מען וועט באַמערקן אים, דעם „סאָלידן שכן" אַרומדרייען־זיך ביים ברעג פון ים, אינמיטן העלן טאָג, ווען אַלע אַרבעטן, האָרעווען און פאַרצעט. וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער דאַן ביי זיי האָבן? וואָס וועלן זיי טראַכטן וועגן אים? — אַן עובר־בטל!... יעדער מענטש האָט זיין באַשעפטיקונג. און ווער עס האָט נישט קיין באַשעפטיקונג, דער איז דאָך באַשעפטיקט מיט זוכן אַ באַשעפטיקונג! דאָ איז אַ לאַנד פון אַרבעט. מען בויט, מען שאַפט, מען איז פּראָדוקטיוו. אַפילו די אומפּראָדוקטיווע, די פּאַ־ראַזיטישע באַאַמטע און פּאַרטייאישע רעדל־פירער, די אַגיטאַטאָרלעך און נשמה־כאַפּערלעך, זענען דאָך אויך באַשעפטיקט. מען טוט אַלץ אויף צו מאַכן אַ לעבן! אין אָוונט קומט מען אַהיים, צו ווייב און קינדער... עס האָט גאָר אַן אַנדערן טעם... און ער? — אַן עובר־בטלניק בייטאָג און אַן עלנטער הונט ביינאַכט!

נייִן, ער וועט נישט גיין צום ים. אין שטאָט וועט ער גיין. נישט סתם זיך אַרומצושליאָיען איבער די גאַסן, נאָר אָנצוקוקן געשעפטן. אפשר וועט זיך אים מאַכן אַ לייטישער לאָקאַל... סוף־כל־סוף וועט ער דאָך אַרויסקריגן זיינע מאַשינען, איז וווּ־זשע וועט ער זיי אַהינטון? ווּ וועט ער עס טאַקע אַוועקשטעלן?

יאָ, זכריה האָט שוין נאָך וואָס צו גיין אין גאַס. ער האָט שוין אַ ציל. געשעפטלעך גייט ער... זוכן אַ לייטישן לאָקאַל פאַר זיין דרוקעריי...

זיינע אויגן ווערן לעבעדיקער. ער גלייכט־אויס זיינע וואָנצעס, גלייכט־אויס דעם רוקן און הייבט־אָן שטעלן גיכערע און שטייפערע טריט...

פון אַ צווייטן שטאָק דערטראָגן־זיך היסטערישע קולות און הילפס־רופן. דורכן אויפגעפּראַלטן פענצטער מיט אויסגעזעצטע שויבן פליִען טשייניקעס, טעפּ, בענקלעך און קישנס. עס ווערט אַ צוזאַמענגעלויף פון נייגעריקע, דרייסטערע לויפן־אַרויף אויבן, זען וואָס דאָרט טוט זיך. אָבער אויך די, וועלכע שטייען שוין אונטן, מיט פאַרריסענע קעפּ אַרויף, ווייסן שוין:

— דריי משפחות וווינען דאָרט, אין יענער דירה.

— אַ רומענישע, אַ פּוילישע און אַ בולגאַרישע.

— טאָג און נאַכט קריגט מען זיך דאָרט אַרום.

און זכריה טרייסט זיך, אַז ער איז נישט קיין בן־יחיד. גאַנץ דזשעבעלי:אַ איז אַזוי איבערגעפּאַקט. איינער זיצט אויפן אַנדערנס קאָפּ. צו עטלעכע משפחות אין איין דירה. און אַז דריי ווייבער קאָכן צוזאַמען אין איין בשות־פּותדיקער קיך, זיך פּאָרען אונטער איין קראַן, איבער איין זלעווו, — קאָן שוין דערפון קיין גוטס נישט אַרויסקומען. מוז מען זיך שוין רייסן ביי די האָר און רופן די מענער צו־הילף... אַזוי איז מיטן בשותפותדיקן קאָרידאָר, אין וועלכן יעדע משפחה פּרוּווט זיך, צוליב ענגשאַפט, אַרויסצושטעלן אַ טישל, אָדער בענקל... און אַזוי איז מיטן באָד־צימער און מיט די איבע־רקע בשותפותדיקע באַקוועמלעכקייטן.

„שוין איינמאָל באַקוועמלעכקייטן!"... — טראַכט־זיך זכריה — אָפּ־געהיטן זאָל מען ווערן פון אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן! נייִן, אין אַזעלכע שות־פות־ווווינונגען קען שוין קיין רו נישט זיין. קיינער וועט שוין דאָ קיין נחת נישט האָבן. אַז איך ווייס גאָר נישט, צי די אַראַבישע האַרעם־ווייבער זענען דאָ יאָ אַדורכגעקומען צווישן זיך און יאָ געהאַט רו און נחת! אַז איך ווייס נישט!... אמת טאַקע, עס שטראַמט אין לאַנד־אַריין, קיין עין־הרע, אַ גרויסע עליה. טאָג־טעגלעך קומען שיפן מיט טויזנטער עולים. די בתי־עולים זענען איבערפולט. נישטאָ קיין ליידיקער געצעלט און קיין ליידיק בעטל. וויל דעריבער די סוכנות באַזעצן וואָס מער משפחות אין פאַרלאָזענע

אַראַבישע שטעט און דערפֿער. ממש אַ נס איז דאָך געשען, אַ נס און אַ גליק, וואָס די אַראַבער זענען אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזן לײדיקע שטעט מיט לײדיקע הײַזער. ווען נישט דאָס, — ווי וואָלט מען זיך דאָ אַן עצה געטון? ווו וואָלט מען אַהינגעטון אַזויפֿיל ידן, קײן עין־הרע? אויף וואָס, אײגנטלעך, האָט עס די מדינה געדעכנט, אָרגאַניזירנדיק אַזאַ אומאַבגרע־נעצטע עליה? אַז ביי דעם גאַנצן נס פֿון די אַנטלאָפֿענע אַראַבער, האָט די סוכנות קײן ברירה נישט און זעצט אַרײַן עטלעכע משפּחות צוזאַמען!״.

אויפֿן צווייטן שטאָק זענען די קולות געוואָרן גרויליקער, גרילציקער:

— געוואַלד! ער האָט אים געשאָאָאָכטן!!!

— געוואַלד מיט אַ מעעעסער!

— ראַאַאַאַטעוועט!

און באַלד האָבן זיך געגומען אַראָפּשיטן טריט פֿון די טרעפּ. עטלעכע מענטשן האָבן געשלעפּט צוויי מענער: אײנעם מיט אַ צעפּלעטן קאָפּ און דעם אַנדערן, — מיט אַ צעשניטענער באַק. פֿון בײדן איז געפֿלאָסן דאָס בלוט, ווי פֿון געשאָכטענע קעלבער. די הויזן, די העמדער, די שיך — פֿון אַלץ שרײַט בלוט!

נאָך די געשאָכטענע מענער לויפֿן די ווײַבער מיט צעריסענע בלוז־קעס, מיט צעדראַפּעטע פּנימער און צעשויבערטע האָר. מיט איבערגעשרי־גענע העלדזער כאָרכלען זיי קוים:

— ראַטעוועט! צום דאָקטער!

— מערדער! געשאָכטן!

— ראַטעוועט!

— ווו איז אַ דאָקטער? — פֿרעגן די, וועלכע טראָגן די פֿאַרוווּנדעטע

— ווו וווינט דער דאָקטער?

דער דאָקטער פֿון קופּת־חולים וווינט דאָ, דערנעבן. ער איז אַ רע־ליגיעזער ייִד. אַ מזרחיסט. זכריה זעט אים שבת גײן מיטן טלית־זעקל אין שול־אַרײַן. אַ סוכה האָט ער זיך אויך געבויט אויף זײַן טעראַסע. נאָר קײן קראַנקע וויל ער בײַ זיך אין שטוב נישט אויפֿנעמען. ער זאָגט, אַז די „קופּת־חולים״ (קראַנקן־קאַסע פֿון דער הסתדרות) פֿאַרווערט אים אויפֿצונעמען פּאַציענטן פּריוואַט, בײַ זיך אין שטוב. זכריה ווייסט שוין פֿון דרײַ דרינ־גענדע פֿאַלן, אומגליקס־פֿאַלן: ווען מען האָט אים געבראַכט אַן איבער־געפֿאָרן קינד, אַ פֿאַרחלשטער פֿרוי פֿון חאַמסין און ווען מען האָט אים גערופֿן צו אַ שכן, וועלכער האָט געקראַגן אַ האַרץ־אַטאַקע. דער פֿרומער דאָקטער האָט קײנעם נישט אויפֿגענומען און קײנעם נישט געגעבן די ערשטע, דרינגענדע הילף. בײַם לעצטן מאָל, האָט ער טאַקע געהאַלטן אינמיטן לייגן דעם סכך אויף דער סוכה און ער האָט אַראָפּגעשריגן פֿון

לייטערל, אַז ער האָט גאָרנישט אין שטוב קיין אינסטרומענטן און קיין מעדיקאַמענטן. גאָרנישט האָט ער! אַפילו נישט קיין שטיקל וואַטע מיט קיין ביסל יאָדינע. אָט האָט ער זיך אַליין אַ פינגער צעבלוטיקט און האָט נישט מיט וואָס צו באַשמירן...

איצט, ווען דער המון מיט די געשאָכטענע האָבן זיך דערנענטערט צו זיין הויז, איז די פרוי זיינע אַרויסגעקומען:

— מיין מאַן איז נישטאָ אינדערהיים.

מען האָט אים, אָבער, דעם דאָקטער, דעם מאַן אירן, דערזען דורכן פענצטער. דער עולם האָט זיך אַריינגעריסן און געוואָלט אים לינטשן.

— שעכט! הרגעט! — האָט ער געשריגן אַ בלייכער — אַז איך האָב גאָרנישט! מיט וואָס? מיט וואָס זאָל איך זיי העלפן? מיט ליידיקע הענט? איך קען אייך נאָר העלפן צו טראָגן זיי אין שפּיטאָל אַריין.

העלפן טראָגן די קראַנקע, האָט מען דעם דאָקטער נישט באַדאַרפט. מען האָט אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין און די בלוטיקע פּראָצעסיע האָט זיך צוריקגעקערט, אויפן וועג צום מיליטערישן שפּיטאָל.

זכריה איז אַוועק מיט אַ שווער געמיט. ער האָט איצט געטראַכט וועגן טשיזשיקן, וועגן רעניען און מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? קיין רו און קיין נחת וועט שוין דאָ קיינער נישט האָבן. אַן אומגליקלעכע שטאָט וועט עס זיין! פריִער איז עס געווען אַ שטיל, אומבאַוווינט אינדזל און איצט איז דזשעבעליאַ געוואָרן אַ בלוט־ און טרערן־אינדזל! און די מענטשן, — געוועזענע מענטשן... און אפשר אַפילו געוועזענע לייטישע מענטשן? — דאָ זענען אַלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מענטשן־פרעסער! איינער פרעסט דעם אַנדערן! — — —

זכריה האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיט דער הויפּט־גאַס, אַראָפּצו, צו יפו. ער איז שוין איצט נישט געגאַנגען מיט זיין שנעלן, שטייפן טראָט, „גע־שעפּטלעך"... ער האָט שוין איצט פאַרגעסן אָן אַלע זיינע געשעפטן... מיט אַ ביטערקייט אויפן גומען און אין דער קעל און מיט אַ שווער געמיט, האָט ער שליאַבערדיק געשלעפּט זיינע פיס איבער דעם מיט זאַמדן פאַרכוואַ־ליעטן אַספאַלט.

יעדער קלאַפּ, יעדער קוויטש, יעדער גרילץ האָט אים איצט נערוועז און בייז געמאַכט. און דאָ איז דזשעבעליאַ דווקא אַזוי צערוישט און צע־שריגן געוואָרן, ווי אין אַ הייסן מרחץ ערב שבת, ווו מען רייסט זיך אַרום איבער אַ שעפל... מען קריגט זיך און מען שעלט זיך אין די רייען צו די אויטאָבוסן, אין די לאַנגע רייען צו די קראָמען, צו די נאַפט־און אייז־וועגעלעך. שכנים קריגן־זיך אין יעדן צווייטן הויז און די קולות טראָגן זיך דורך טיר־און־פענצטער. דורך טיר־און־פענצטער טראָגט זיך אויך

מוזיק. עפּעס אַ טויבע קאַליקע מאַכט איבונגען אויף קלאַוויר, אונטער־ברומענדיק מיט אַ באַס־שטימע: „דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי". דער חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט גאָרגלט־זיך אויף אַ פּאַטעפאָן, ווי אין די דאַטשעס פון פּאַלעניץ־מיעדזעשין... „ומפני חטאינו גלינו מארצנו"...

— פוי! וואָס איז דאָס פאַר אַ רויך? פאַר אַ שטיקנדיקער חלב־טשאַד? וואָס סמאַליעט מען דאָרט אַזוינס?

זכריה ווישט זיך די אויגן און דערזעט, ווי פון שטויב און רויך אַרויס קומט אָן אַ מחנה קינדער מיט געזאַנג. אַרום אַ פופציק קינדערלעך פון אַ גן־ילדים (קינדער־גאָרטן), אָנגעפירט פון צוויי לערערינס. איינע פון די לערער־ינס באַגריסט אים העפלעך. ער ענטפערט, כאָטש ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווער זי איז. זי איז אים עפּעס יאָ באַקאַנט, נאָר ער געדענקט נישט ווען און ווו ער האָט זי געזען. ערשט ווען די מחנה קינדערלעך מיט די לערערינס פאַרקירעווען־זיך צו די פּרדסים אַראָפּ, דערמאָנט ער זיך: אַך, דאָס איז דאָך איינע פון רעניאָס חברטעס... מלכה, דוכט זיך, הייסט זי... עטלעכע מיידלעך זענען זיי דאָך געווען, פאַרוואָס קומען זיי נישט אַמאָל צו רעניען? וואָס ווייזן זיי זיך נישט?

און פּלוצלונג דערזעט זכריה אַ גרופּע שוטרים (פּאָליציאַנטן). ער קוקט זיי אָן פאַרחידושט: קומען זיי דאָך יאָ אַמאָל קיין דזשעבעליאַ!... דאָרט ווו מען שעכט זיך און מען קוילעט־זיך, זענען זיי נישטאָ, איז וואָס טוען זיי דאָ?

— הער קאַרלסבאַד? אויב איך האָב נישט קיין טעות?... דוכט זיך אַז... יאָ!... וואָס מאַכט איר פאַניע קאַרלסבאַד?...

זכריה קוקט זיך אום און דערזעט פאַר זיך זיידמאַנען, זיין מיטשלאָפער אין געצעלט פון בית־עולים „רעננה".

— אַך, זיידמאַן!... — דערפרייט ער זיך מיט אים — וואָס מאַכט איר?..

זיידמאַן, דער באמת זיידענער, שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, דער געוועזענער איינרייסערישער מאַנופאַקטור־סוחר פון די נאַלעווקעס, האָט דאָ זיין הומאָר נישט פאַרלוירן:

— אָט, מען מאַכט... מען טוט צו־להכעיס... איר זעט די משטרה (פּאָליציי)? דאָס זענען זיי אַהערגעקומען צוליב מיר...

— צוליב אייך? — וווּנדערט זיך זכריה.

— יאָ, צוליב מיר און נאָך אַזעלכע ווי איך...

— וואָס האָט איר דאָ צעשטערט? וואָס האָט איר דאָ קאַליע געמאַכט?

— גאָרנישט. פאַרקערט: מיר בויען דאָס לאַנד, די מדינה... נאָר מיר בויען אָן אַ רשיון (דערלויבעניש)... איר זעט די הילצערנע ביידלעך דאָ? די קיאָסקן? דאָס האָבן מיר אַליין צונויפגעקלאַפּט.. .איך בעט אייך, אַז אַלע

געשעפטן זענען שוין אויסגעכאַפּט! ווער עס האָט וויטאַמין פּ., פּראָטעקציע הייסט עס, דער האָט געקראָגן אַ געשעפט. מיר זענען שוין געקומען אַ ביסל צו־שפּעט . און קיין פּאַרטיי־לייט זענען מיר אויך נישט... אַ געשעפט האָבן מיר מיט די פּאַרטייען! און דערפאַר האָבן מיר קיין געשעפט נישט... נו, האָבן מיר אַליין גענומען בויען די מדינה... צונויפגעקלאַפּט אָט די קיאָסקן און מען האַנדלט!... ווילן „זיי" פון אונדז אַ רשיון, אַ דערלויבעניש הייסט עס. איז פון וואַנען זאָלן מיר עס נעמען ,אַז זיי אַליין גיבן נישט?... איצט זענען זיי געקומען אַראָפּוואַרפן די קיאָסקן. עס וועט זיי העלפן דאָס וואַרפן!...

— און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? כ׳מיין, פון אַזאַ קאַץ־און־מויז־שפּיל?...

— איצט האַנדלט מען שוין אונטער... איר זעט דאָרט, יענעם זאַמדיקן שטח? דאָרט גייט מען אויפשטעלן אַ שוק, אַ מאַרק הייסט עס. און ווער עס האָט דאָ אַ ביידל, דער וועט אויטאָמאַטיש אַריבערגעטראָגן ווערן אויף יע־נעם מאַרק, מיט אַ רשיון... נו, אַז ייִדן האָבן זיך דאָס דערוווּסט, האָט מען גענומען קלאַפּן קיאָסקן... איבער נאַכט וואַקסן־אויס אַ צוואַנציק ביידלעך... ווי הינטישע שוואָמען וואַקסן זיי... די פּאָליציי קען זיך קיין עצה נישט געבן... זי וואַרפט־איין אַ דריי־פיר קיאָסקן און צומאָרגנס שטייען פרישע צען!...

— אַזוי איז די מעשה?... — שמייכלט זכריה — צוליב דעם זענען זיי געקומען?...

— צוליב דעם און צוליב נאָך עפּעס...

— און וואָס שפּאַצירן זיי דאָרטן, אין דעם פּרדס?

— דאָס איז דאָס טאַקע... עס האָט זיך דאָ פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עטלעכע גאַסן־פרויען האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט אַ טערקישן גן־עדן...

— אין פּרדס?

— יאָ, דאָ אין פּרדס... אַ דריי אונגאַרישע און צוויי טערקישע שוינ־הייטן... מען זאָגט, אַז אַ פּויליש מיידל איז אויך צווישן זיי... נו, האָבן זיך דאָ מענער אויסגעשטעלט אין אַ תור (ריי)... אָבער איינעם האָט מען דאָ לייטיש באַגנבעט און ער האָט עס איבערגעגעבן אין דער משטרה. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס האָבן אונדזערע אָנשטענדיקע ,צניעותדיקע פרויען געמסרט דער פּאָליציי דערפאַר, וואָס די אָפּיציעלע גאַסן־פרויען מאַכן זיי קאָנקו־רענץ...

— איי, זיידמאַן, זיידמאַן!... דער זעלבער לץ!... מיט די אַלטע וויצן!...

— באַלד וועל איך זיך אַוועקזעצן קלאָגן!...

— נו, האָט מען זיי דאָרטן טאַקע געפּאַקט?...

— וועמען? די שוינהייטן? — אַ נעכטיקער טאָג! זיי האָבן, אָבער,

דאָרט געכאַפּט עפּעס בעסערס... אָנשטאָט לעבעדיקע בהמות, האָבן זיי דאָרט געפּאַקט טויטע... אַ שעכט־הויז האָבן זיי דאָרטן אַנטדעקט...

— אַ שעכט־הויז?

— דאָס וואָס איר הערט!... מען האָט דאָרט געפונען פּערדס־פליייש, אייזל־פליייש, קעמל־פליייש, הינט און אַנדערע שוואַרציאַרן! וואָס דער עולם־גולם קויפט דאָ אַלץ און פרעסט אין זיך אַריין!... אָט דאָס זעט איר?... פון וואָס, מיינט איר, איז דאָס געמאַכט?

זיידמאַן האָט אַ וויַיז־געטון אויף די עטלעכע טישלעך און געשטעלן לענגאויס דעם שטיקל טראַטואַר, ווו פרעגנקן און טערקן רויכערן שאַשליק. זיי פּרעגלען קאָטלעטן אין אַ טונקעלן, שטינקענדיקן אייל, פליייש־קייקעלעך און פליייש־פּלעכטלעך. דער געדיכטער, פעטער רויך מיטן חלב־טשאַד פאַר־הילט די גאַנצע גאַס. זכריה צעהוסט־זיך, ווישט זיך די טרערן פון די אויגן און פאַרשטעלט־זיך מיטן טיכל די נאָז.

— איך זע, אַז די טערקישע קאָטלעטן געפעלן אייך נישט... — לאַכט זיידמאַן.

— פאַרוואָס רופט איר עס „טערקישע“?

— ווייל דער הונט, פון וועלכנס פליייש מען מאַכט עס, האָט געהייסן: סולטאַן...

— בררר! איך מוז טרינקען אַ גלאָז וואַסער!...

— קומט אַריין אין דער קאַפע, אין „גן־תמר“. איר האָט דאָך אַ ביסל צייט? לאָמיר אַ שמועס טון...

די קאַפע „גן־תמר“ איז אין אַ גאָרטן מיט דיקע, ברייט־צעצווייגטע פאַלמען־ביימער. דאָס איז אין סאַמע לעצטן ראָג, אויף דער גרענעץ דזשע־בעליאַ־יפו. דער גאָרטן איז אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט, ווייל ער געהערט אייגנטלעך צום אַרומגעצוימטן שטח פון דער אַראַבישער געטאָ, וואָס ווערט נאָך אַלץ געהיט פון אַ פּאַטרול. דער פּאַטרול באַשטייט פון ייִדישע זעלנער און אַראַבישע פּאָליציסטן. אָבער דער אַריינגאַנג אין „גן־תמר“ איז שוין אָפן אויך פאַר דרויסנדיקע. זיצן דאָ טאַקע אַראַבער און ייִדן צוזאַמען. די אַראַבער קוקן גיריק אויף די געשמינקטע פנימער, דע־קאָלטן און הויך־אָפּגעדעקטע פיסלעך פון די ייִדישע מיידלעך־קאָנסומענטינס. דער אינהאַבער פון קאַפע איז אַ דיקער אַראַבער מיט אַ בעלמע אויפן לינקן אויג. די קעלנער, מוזיקער און זינגער זענען אַראַבער. דער ראַדיאָ־הילכער יאָמערט אַראַביש און קלאָגט מיט אַ פּרויען־שטים אויף דער שכינה פון אַללאַ, וואָס איז אין גלות. זכריהן דאַכט זיך, אַז אַזוי האָבן אַמאָל געקלאָגט די טעכטער פון ציון, ביי די טייכן פון בבל. גרופּעס יונגע אַראַבער שפּילן דאָ אין שטיינדלעך, דאַמקע, דאָמינאָ, אָדער בילאַרד. די עלטערע

— הערן נישט אויף צו ציילן די קרעלן אויף די שוואַרצע קרענצלעך וואָס אין זייערע הענט. קיילעכדיקע בייטשלעך קרעלן ציילן זיי און ציילן אָן אויפהער, דרייענדיק עס כסדר אין איין ריכטונג. אַנדערע רויכערן נאַר־גילעס. די נאַרגילעס שטייען אויף דער ערד און די לאַנגע רערלעך דער־גרייכן זיי ביז צום מויל. זויגן זיי דעם רויך מיט מעלאַנכאָליש־פאַרגלאַצטע, אָדער מיט הנאהדיק האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי זינקענדיק אין אַ זיסן דרימל. דער ראַדיאָ־הילכער קלאָגט און יאָמערט, זיך שטיקנדיק און ווער־גנדיק מיט נאָז און גאַרגל־טענער און פאַרגייט־זיך און פאַרקייכט־זיך אין אַ היסטערישן כליפּען, וואָס צופּט זכריהן ביים האַרץ. די אַראַבער וויגן־זיך דערביי ווי נישט־דאָיקע, פאַרשיכורטע אין עקסטאַז. יוער עס ברומט מיט דאָס קלאָג־ליד און ווער עס זויגט נאָך נערוועזער די נאַרגילע. און ביי יעדן רויך־ציי, בולבעט־זיך דאָס וואַסער אין דער נאַרגילע: בולבולבולבול... בולבולבולבול... בולבולבולבול... ווי אַן אַקאָמפּאַניאַמענט צום קלאָג־ליד פון ראַדיאָ־הילכער.

פּלוצלונג מאַרשירט־אַריין אַ קליינער קאַראַוואַן אין קאַפע־גאָרטן אַריין: צוויי אייזעלעך און דריי קעמלען. די קעמלען גייען־פאַרביי שטאָלץ, מאַיעסטעטיש, צווישן די טישלעך מיט די קאָנסומירנדיקע, זיי פאַרהויבן גאַווהדיק איבער אַלעמען די קעפּ, ווי זיי וואָלטן דאָ געווען די אמתע תושבים און נישט די צוויפיסיקע, די בלייכע... דער קאַראַוואַן האָט גע־בראַכט פּראָדוקטן, פרוכט און גרינוואַרג פאַר דער קיך פון דער קאַפע. די קעמלען קוקן און שווייגן יחסנותדיק, ווי עס וואָלט זיי נישט אָנגע־שטאַנען מיט קיינעם צו רעדן, אָבער די אייזעלעך צעשרייען־זיך מיט באַ־נומענע קולות, וואָס גרילצן ווי די פאַרזשאַווערטע זאַוויעסעס פון אַ שווערן טויער... זכריה רייבט זיך די אויגן: ווו געפינט ער זיך? צי חלומט ער נישט אַמאָל?... ער איז דאָך אַצינד אויפן פערסישן יאַרמאַרק!...

— און איר זענט פון מיר אַנטלאָפן אינמיטן דער נאַכט, האַ?... — שמייכלט זיידמאַן און וועקט זכריהן פון זיין פאַרטראַכטקייט — איך שטיי אויף אינדערפרי, והילד איננו. מיין שכן איז נישטאָ... מען האָט אייך אַרויסגעגנבעט, האַ?.. אַז מען פלעגט דאָ גנבענען פרויען, ווייס איך... אָבער אייך, אַ מאַן, וואָס איז די מציאה?...

— מיין זון... שוין, נעבעך, נישטאָ! — זיפצט אָפּ זכריה.

— געהערט, געהערט. איך ווייס. — האָט זיידמאַן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן! אַז איך קען גאָר צו זיך נישט קומען!

— יאָ־יאָ. קיין צרות און אומגליקן פעלן אונדז נישט. אַז מיר זענען

גאָר נישט די באַלעבאַטים איבער אונדזער גורל, נאָר דער גורל באַלעבאַ־טעוועט איבער אונדז...

— אוי באַלעבאַטעוועט ער! אוי־אוי־אוי, באַלעבאַטעוועט ער! — קרעכצט זכריה.

— נו, און ווי זעט איר אויס מיט אייערע פינאַנצן?... וואָס טראַכט איר צו טון?...

זכריה האָט אים דערציילט זיינע צרות מיטן באַגאַזש. ויידמאַן האָט זיך אויפגעקאָכט. ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין:

— איידן?! אייך מאַכט מען נאָך אויך אַזעלכע שוועריקייטן?!

— ווער און וואָס בין איך? אַן אויסנאַם? אַ יחסן?...

— יאָ, יאָ, יאָ! — האָט ויידמאַן פאַרזיכערט — פאָלגט מיך: נעמט קודם־כל אַ בריוו פון אייער זונס אלוף... ער איז דאָך אייער שכן... זאָל ער שרייבן, ווען און ווו ער איז געפאַלן... און זאָל אייער צווייטער זון מיטפאָרן מיט זיינע שפּיטאָל־פּאַפּירן און מיט זיין אינוואַלידן־שטעקן... און זאָל ער זיך מיטנעמען נאָך עטלעכע קאָלעגן זיינע, מיט זייערע אינוואַלידן־שטעקנס... אַלע צוזאַמען... הערט וואָס איך זאָג אייך!... מען וועט דאָרט דאַנקען גאָט, אַז איר וועט זיך צונעמען אייער באַגאַזש און גיין געזונטערהייט... אַז איר ווילט, קען איך אייך צוהעלפן צו דעם ספּעקטאַקל...

— און איר מיינט, אַז זיי וועלן זיך אָפּשרעקן?...

— הערט וואָס איך זאָג אייך!... פאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר!... אָבער וווהין וועט איר עס פירן? אַ לאָקאַל האָט איר שוין?

— ניין.

— ניין?! אויף וואָס־זשע האָט איר געוואַרט ביז איצט? איר זענט דאָך געקומען אַהער, דאַכט זיך, דער סאַמע ערשטער! איר זענט דאָ געשלאָפן, פאַניע קאַרלסבאַד!... פאַרשלאָפן אַ וועלט־אונטערגאַנג!.. שטעט מיט פאַ־בריקס־לאָקאַלן זענען דאָ געשטאַנען ליידיק און איר...

— נו, איר ווייסט דאָך, וואָס מיר איז געשען...

— אַך, יאָ. אָבער איר האָט נאָך גאָרנישט פאַרשפּעטיקט. אין יפו זענען נאָך דאָ ריזיקע לאָקאַלן! וואָס טויג אייך, אייגנטלעך, דזשעבעליאַ? יפו איז נענטער צו תל־אביב. אַ דרוקעריי האָט דווקא ליב צו זיין אין אַ צענטער. מען דאַרף נאָר אַ ביסל פּראָטעקציע און איר האָט עס... מיט אייערע זינס פּאַפּירן? — אָהאָ!...

זכריה האָט זיך פאַרקרימט: עס שמעקט אים נישט צו גיין מיט זיינע זינס פּאַפּירן און מיט קיין בריוו פון זיין שכן, דעם אלוף. ער וויל נישט קיין פּראָטעקציע און קיין טובהלעך פאַר זיינע זינס בלוט. עס איז ווי בעטלעריי! ווי יענער שנאָרער, וועלכער דעקט אויף זיינע וווּנדן, זיינע

קאַליקע הענט און פיס און בעט דערפאַר אַ גראָשן! פוי! ער וועט נישט גיין אין זייגע זינס זכות, נאָר אין זיין אייגענעם. עס קומט אים! ער בעטלט נישט ביי דער רעגירונג גאָרנישט, נאָר פאַרקערט: ער ברענגט אַריין אין לאַנד־אַריין מאַשינען, שטעלט־אויף אַ דרוקעריי און וועט געבן אַ צענדליק משפחות באַשעפטיקונג און פרנסה! פרנסה פאַר אַ צענדליק משפחות, אין דער איצטיקער צייט פון אַרבעטלאָזיקייט! דאַנקען דאַרף מען אים דערפאַר!

זיידמאַן באַמערקט די אומצופרידנקייט אויף זכריהס פּנים און דרייט באַלד אויס דעם דישעל:

— ווייסט איר גאָר וואָס? אַז איר דאַרפט גאָרנישט זייער פּראָטעקציע! וואַרט נאָר... איר דאַרפט זי אַלע אויף כּפּרות! פייפט זיי אָן!... טוט אַזוי ווי איך און ווי אַלע!...

— דהיינו?

—שפייט אויף זייער רשיון און שטעלט זיך אויף אַ קיאָסק!...

— מיט סאָדע־וואַסער?... אָן איינפאַל!...

— וואָס איז דער אונטערשייד? זאָל זיין ציבעלע מיט רעטאַך, אַבי אַ קיאָסק!...

איך דאַרף דאָך אָבער נישט קיין קיאָסק, נאָר אַ לאָקאַל פאַר דער דרוקעריי?...

— איז כאַפּט נישט!... איר זענט אַ סוחר, צי נייןְ?... שטעלט זיך קודם־כּל אויף אַ קיאָסק. זאָל זיך אייער זון אויך אויסשטעלן אַ קיאָסק און אייער צוקונפטיקע שנור אויך... וועט איר האָבן דריי קיאָסקן! איר וועט נאָכדעם קריגן דריי דערלויבענישן אויף דריי ערטער אין מאַרק...

— נאָכוואָס דאַרף איך עס?

— צום פאַרקויפן... פאַר די דריי קיאָסקן מיט די רשיונען וועט איר אָפּנעמען אַ פיינע סומע און האָבן צושטייער צו אַ לאָקאַל... הלוואות אין בענק האָט איר שוין גענומען? ניין? נאָך גאָאָרנישט? אין עערגעץ? און אין דער ליי־קאַסע פון אייער לאַנדסמאַנשאַפט? אויך נישט? נו, האָט איר דאָך ווו צו קריגן עטלעכע הונדערט פונט!... מילא, נו, איך זע שוין, אַז פאַר אייך בין איך אויסגעזאָרגט... אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן און איך בין אויך אַ ייד!... אייער דירה וואָלט איר אויך געמעגט פאַרקויפן... קודם־כּל איז אַ געשעפט! און ווו זענען עפּעס אַ פּאָר גוטע פריינט?... שייך צו זאָגן, אַז אַזאַ ייד ווי איר האָט נישט קיין עטלעכע פאַרמעגלעכע פריינט אין לאַנד ביי וועלכע צו קריגן אַ הלוואה?...

זיידמאַן האָט גערעדט גיך, געדיכט, אָבער מיט סוחרישער לאָגיק, מיט אַ וועלט סוחרישע קאָמבינאַציעס, רעאַל, צו דער זאַך. יעדעס וואָרט האָט טאַקע זכריהן אונטערגעהייצט... עס האָבן זיך צעבליצט מונטערע פלאַמע־

לעך אין זיינע אויגן. זיינע באַקן האָבן באַקומען קאָליר. און ווי תמיד, ווען ער באַקומט קוראַזש, האָט ער אָנגעהויבן פאַרדרייען און שטייף־אויסצי׳ען זיינע באַראָן־הירש־וואָנצעס...

אמת טאַקע, ער האַלט נישט פון דער קאָמבינאַציע מיט די קיאָסקן. עס איז נישט פאַר אים. קיין פּראָטעקציע־בריוו פון זיין שכן, דעם אלוף, וועט ער נישט גיין בעטן. קיין דאָקומענטן וועגן זיינע קינדערס בלוט־פאַרגיסן וועט ער דאָ אויך נישט אויסנוצן. איז וואָס־זשע האָט אים דאָ מונטער געמאַכט? מיט וואָס האָט עס אים זיידמאַן אויפגעלעבט? אונטער־געהייצט? — מיט גאַרנישט מער, ווי מיט זיין „פּיסק־מלאכה״... אַ מויל אויף שרויפן, אַ סוחרישע זשילקע און אַ קאָפּ מיט קאָמבינאַציעס!... און דאָס אייגנטלעך איז דאָך אַ סוחר: ער טאָר נישט רוען. ער דאַרף כסדר סמבטיונען... כסדר קאָמבינירן, דערפינדן, געפינען אויסוועגן פון אַלע סי־טואַציעס. מען טאָר קיינמאָל נישט אָפּלאָזן די הענט. שטענדיק זוכן, ביז מען געפינט. און דאָס הייסט טאַקע: סוחרישע בערזע... אַ סוחר דאַרף זיך טרעפן מיט סוחרים. איינער הייצט־אונטער דעם אַנדערן, שלאָגט אים אַריין אין דער אַמביציע. מען רעדט זיך דורך און מען הערט אויס צענדליקער עצות. וואָרעם יעדערער האָט זיך זיין איינפאַל און זיין סמעקאַלקע. זיין ביסל אייל אין קאָפּ. אָט, אַזאַ זיידמאַן... ער איז דאָך געגרעכט: ווו זענען טאַקע די בענק? די לייקאָסע פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, פריינט? ער קומט דען צו זיי ווי אַ קבצן, וואָס בעטלט אויף ברויט? — ער האָט דאָך אַ סמך! עס איז דאָך דאָ אויף וואָס... אַ קלייניקייט: מאַשינען! אַ פאַבריק!... ווער וועט עס אויף דעם נישט געטרויען קיין געלט?...

נאָר וואָס דען? — טראַכט זיך זכריה — אַז מען קריגט איבער דער פּאַטילניצע אין קלאָפּ נאָכן אַנדערן, ווערט מען אַזוי זאַטשמעליעט, אַז מען פאַרלירט דעם מוט און דעם שכל... וואָס איז ער טאַקע אַזוי געפאַלן ביי זיך? דער הימל ליגט נאָך נישט אויף דער ערד! ער האָט זיך באַזעצט אין דעם הקדש־פּאַלאַץ זיינעם, אין סאַמע לעצטן העק ,ביים ים, ווו די וועלט ענדיקט זיך, זעט נישט קיין מענטשן, קיין סוחרים, ווייסט נישט וואָס אין שטאָט טוט זיך. און זיך אָפּגעלאָזן ווי אַ ייִדענע. מען מוז קומען צווישן מענטשן, מוז מען! מען מוז זיך קאָכן אין אַלגעמיינעם קעסל, אַנישט ווערט מען פאַרגליווערט, ווי אַן איבערגעשטאַנענע קאַרטאָפל... קאָפּ אויף אַקסל, קאַרלסבאַד!... — זאָגט זכריה צו זיך אַליין — דו טו און גאָט וועט דיר העלפן!...

— איז וואָס־זשע זאָגט איר?

—נו... מען וועט נאָך קלערן וועגן דעם... — האָט זיך זכריה צע־שמייכלט — און וואָס הערט זיך ביי אייך? אַ דירה האָט איר כאָטש אַ גוטע?

— שוין איינמאָל אַ גוטע!... מיט קאָמפאָרט!... און דער עיקר האָב איך שכנים... אַ רומענער, אַ בולגאַר און אַ פערד...

— אַ פערד?...

— יאָ, אַ פערד! דער רומענער איז אַ באַלעגאָלע, האָט ער אַ פערד. ער האַלט אים טאַקע אויפן הויף, אָבער דער הויף האָט נישט קיין טויער. דער אַריינגאַנג צום הויף איז דורך אונדזער בשותפותדיקן האָל... און אַז דאָס פערד גיט אַ שפּאַן־דורך מיט זיינע פּאַדקאָוועס איבער די שטיינערנע באַלאַטן, הילכט עס און דונערט, אַז עס קען אויפוועקן אַ טויטן. איר פאַרשטייט? אין די צימערלעך איז ענג, זייער ענג און, צוליב דעם וואָס דער דאַך ליגט אויפן קאָפּ, איז דושנע און הייס. נו, עסן מיר אַלע אין האָל. און אַז דאָס דורכשפּאַצירנדיקע פערדל גיט אַ הירזשע און אַ בלאָז מיט זיינע פּייכטע נאָזדרעס, האָב איך שוין אַ פולן טעלער מיט שוים!... און אַז עס פאַרגליסט זיך אים נאָר, גיט ער אַ בריק מיטן פוס און צעברעכט מיין אייזקאַסטן, קערט־איבער דעם טיש מיט די בענקלעך, צעברעכט דאָס געפעס און אַלץ פליט כּאַדאַראַם...

און וואָס זאָגט דער באַלעגאָלע דערצו?

— וואָס זאָל ער זאָגן? פּשעפּראַשאַם? קען ער נישט קיין פּויליש!... און אַז עס פאַרגליסט זיך אים, הויבט ער גאָר אויף דעם ווידל און... אמת, דער באַלעגאָלע נעמט עס תיכף צונויף. ער קערט אויס און מאַכט ריין. אָבער מיר קריכט שוין מער נישט דער ביסן אין האַלדז אַריין!...

— און איר זאָגט אים גאָרנישט?

— וועמען? דעם פערד?...

— דעם טאַטן זיינעם... דעם באַלעגאָלע...

— חלילה! ער איז זייער אַן איידעלער פאַרשוין!... אַ יתום נעבעך... ער איז כסדר „מזכיר־נשמות" דעם טאַטן און דער מאַמען... און קריגן־זיך האָט ער פיינט! וואָרעם וואָס טויג אים דאָס קריגן־זיך, אַז ער קען זיך בעסער שלאָגן?... ער כאַפּט אַ האַק, אַ שטיק האָלץ, אַ מעסער... דאָס פערד, דאַרפט איר וויסן, איז ביי אים אַ בן־יחיד... און פאַר זיין בן־יחיד — אַהאַ!...

אויך אַט די געשיכטע האָט זכריהן פריילעך געמאַכט: טשיזשיק איז דאָך נאָך גאָלד אַנטקעגן אַט די אַלע פערדישע פאַרשוינען... און מיט וואָס איז ער עס מער יחסן פון טויזנטער יידן אין דזשעבעליאַ? אַ בן־יחיד איז ער ביי דער מדינה, וואָס? און בלייבן דאָ לעולם ועד מוז ער דאָך אויך נישט! זיידמאַן איז דאָך גערעכט: מען דאַרף פאַרקויפן די דירה און פּטור... יאָ, אַז דער אויבערשטער וועט אים העלפן, וועט ער טאַקע אַ שפּיי־טון אויף גאַנץ דזשעבעליאַ, און וועט זיך באַזעצן אין תל־אביב מיט מענטשן גלייך!... וואָס איז? פּערל־ליבע מעג וווינען אין תל־אביב און ער נישט?...

זיי זענען אַרויס פון דער קאַפע. אַן אַראַבער איז געשטאַנען איבער אַ וועגעלע מיט סאַברעס און געליאַרעמט אויף ייִדיש:

—סאַברעס! סאַברעס! פרישע סאַברעס! האָניק! אַ האַלבן פּיאַסטער אַ שטיק!

— לאָמיר פאַרזוכן דאָס מאכל... — האָט זיידמאַן פאַרגעלייגט.

— מהיכא־תיתא...

איבער דעם באַרג גרינע, ראָזלעכע און ברוין־רויטלעכע סאַברעס זע־נען צעלייגט שטיקער אייז צום קילן. די נאָדל־שטעכעדיקע פּרוכטן נעמט דער אַראַבער מיט די בלויזע הענט און שיילט זיי, נישט־צעשטעכנדיק זיך די פינגער. דאָס קופּערנע קליינגעלט וואַרפט ער אין אַ בלעכענע כלי מיט וואַסער, פון וואַנען ער גיט אויך אַרויס רעשט. זכריה און זיידמאַן האָבן פאַרזוכט די זיס־זאַפטיקע פּרי, מיט אַן אַ שיעור קערנדלעך, און פעסט־געשטעלט, אַז עס איז אַ געשמאַקע, נאַרהאַפטע פּרוכט. זיי האָבן אויפגעגעסן צו פינף שטיק און זיך אָפּגעווישט די הענט און דאָס מויל.

זיידמאַן האָט גענומען זכריהן אונטערן אָרעם און אים געפירט ווייזן די קיאָסקן. זכריה האָט, אָבער, בעסער געוואָלט אָנקוקן די גרעסערע לאָ־קאַלן, די געשעפטן און פאַבריקלעך. זיי האָבן זיך איצט געפונען אין סאַמע האַנדלס־ און אַרבעטס־צענטער. בלעכער און שלאָסער־מעכאַניקער האָבן געקלאַפּט און געהאַמערט. פּרימוס־מאַשינקעס האָבן געגרוישט. אין אַ סטאָ־לערײַ האָט אַ זעג־מאַשין געשניטן מיט אַ פּייף. אַ טאָקערײַ האָט געגרילצט און אין אַ רעזורע מיט אַ רוסישער אויפשריפט „סאַשאַ" האָט מען גע־גרימפּלט אויף עטלעכע מאַנדאָלינעס...

„דזשעבעליאַ אַרבעט, שאַפט און פּראַצעוועט!... — האָט זיך זכריה געטראַכט — דזשעבעליאַ איז צעזאַפּעט מיט אומרויִקן אָטעם פון פּראָ־דוצירן, קאָנקורירן, וואַקסן, שטייגן און אַרויפאַרבעטן זיך"...

נײַן, עס דענערווירט אים שוין נישט מער דאָס קלאַפּערײַ, קלימפּערײַ, גרילצערײַ און גערויש. פאַרקערט: ער דערפילט איצט אין זיך זײַן אייגענע ענערגיע, וואָס האָט אין אים ביז איצט געדרימלט... ער דערפילט זיך, ווי ער וואָלט שוין אַליין געשטאַנען בײַ זיך אין דער דרוקערײַ, צווישן די זינגענדיק־קלאַפּנדיקע לינאָטיפּן, צווישן די אויטאָמאַטישע פּעדאַלן און דער ראָטאַציע־מאַשין... עד, איז דאָס אַ כלי!... אין וואַרשע האָט ער דאָך עס נישט פאַרמאָגט... און די צוויי דרוק־מאַשינען זענען אויך נישט קיין קיי־און־שפּײַ!...

אַפילו ווען זיי פאַרנעמען זיך אין די זײַטיקע גאַסן און זכריה זעט די צענדליקער, צענדליקער לולן מיט די הונדערטער מילך־ווײַסע אינקו־באַטאָר־הינער, ווי אין מאַמע וואָלט זיי געהאַט... ווען ער זעט די צענד־

ליקער, צענדליקער גרינס־גערטנדלעך און סעדער מיט יונגע באַנאַנען־בוימלעך, גויאוועס און יונגע ווייַנטרויבן... ווען ער זעט ווי זאָרגפעליק, ציכטיק און שיין דאָס איז אַלץ באַאַרבעט... ווי די מענטשן, וועלכע קערן זיך איצט אַהיים פון שווערן אַרבעטס־טאָג, שטעלן זיך אַוועק מיט די שפּריץ־גומעס באַגיסן, באַשפּריצן און אָנטרינקען די פאַרשמאַכטע גע־וויקסן... — פילט ער זכריה, אַז ער אַליין גיסט זיך איצט אָן מיט דראַנג און ענערגיע, ווי אַ פּרוכט — מיט זאַפט..... דער אַרבעטס־ און האַנדלס־צענטער האָט אים אויפגעוואַכט און איצט איז ער שוין ווי אַן אָנגעדרייטער וואַנט־זייגער, וואָס מוזן שוין גיין, שלאָגן און קלינגען... די ענערגיע זאַמלט זיך אין אים. ער וועט זי אויסלאָדן, ער וועט!...

— יאָ, זיידמאַן טייערער!... ווי זאָגט איר? פאַרשלאָפן אַ וועלט־אונ־טערגאַנג?... געגנוג געשלאָפן!... מ׳עט זיך נעמען אין די הענט אַריין!...

— אָט אַזוי פאַרשטיי איך!...

## קאַפּיטל עלף

# פּערל־ליבעס נעכט

מיט צוויי שעה צוריק האָט זיך פאַרענדיקט דער פייערלעכער אָפּ־שיידס־באַנקעט פאַר מר גפני (מאַר גאַפּני — הער גאַפּני).

מר גפני איז, מיט אַ גרויסער צאָל שטימען, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער פאַסיקסטער שליח קיין חוץ־לארץ. דאָס איז פאַר אים אַ גרויסער זיג, אַ גרויסער כבוד און אַ גרויסער פּערזענלעכער שאַנס...

דער באַנקעט איז געווען אַ פייערלעכער, אַ רוישיקער און האָט זיך פאַרצויגן ביז האַלבער נאַכט. רעדעס, טאָאַסטן, לחיימס און שמייכעלעך און ווינקעלעך פון דעם שיינעם מין, וואָס מר גפני האָט קיינמאָל נישט פיינט געהאַט...

יאָ, מיט צוויי שעה צוריק איז מר גפני געווען דער העלד פון אָוונט. אַ זיגערישער גענעראַל באַקומט נישט אַזוי פיל כבוד, אַזוי פיל ליבע און פאַרערונג.

אָבער איצט, נאָך האַלבער נאַכט, שטייט מר גפני ווי אַ נעבעכדיקער בעטלער הינטער דער טיר פון זיין פרויס צימער און בעט זיך:

— פנינה... נו, עפן־אויף, פנינה... נו, מאַך דיר נישט נאַריש, פנינה... נו, וויפל איז דער שיעור?...

ער ווייסט, אַז זי שלאָפט נישט. אָבער זי שטומט דאָרט, אין אַנדערן צימער, אין אַ פאַרעקשנטן שווייגן. וואַרט ער אַ ווײַלע און קלאַפּט ווידער אָן אין דער טיר:

— נו, פנינה?... עפנסט? נו, עפן שוין אויף. ווי לאַנג וועסטו מיך פּייניקן, האַ? דוכט מיר, אַז אַ שטיין קען דאָך עס רירן!...

— איך בעט דיך, — דערהערט זיך עַנדלעך אַ פאַרשטיקטע, שאַרסטקע שטימע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פרויען ערב און נאָך ספּאַזמען — גיי שלאָפן. לאָז מיך היינט צו־רו.

מר גפני באַמיט זיך צו רעדן מילדער, ווייכער, ווי אַ דערוואַקסענער צו אַ צעקאַפּריזעט קינד:

— ניין, פנינה. פאַרשטיי אַז איך קאָן איצט נישט גיין שלאָפֿן. איך מוז דיך פֿריִער זען... נו, זיי נישט קיין קינד, פנינה... האַ? נו, מילא, ווילסט נישט, איז נישט. אָבער לאָמיר זיך דורכרעדן... אפשר וועל איך דיך פֿאַרשטיין... איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, לאָמיך וויסן... נו, עפֿן אויף. מיר וועלן זיך נאָר דורכרעדן...

— נישט איצט — ענטפֿערט פנינה קורץ.

— פֿאַרוואָס נישט איצט?

— איך קאָן נישט.

— פֿאַרוואָס קענסטו נישט?

פנינה שווייגט.

— ווען דען?

— בייטאָג...

— דו שלאָפֿסט דאָך איצט סיי־ווי נישט... פֿאַרוואָס דווקא בייטאָג?...

דער כיטרער מר גפני ווייסט, ווי נאַריש זיינע פֿראַגן זענען. ביידע ווייסן דאָך גאַנץ גוט, פֿאַרוואָס נישט איצט, נאָר דווקא בייטאָג. זי, פנינה, האָט אים שוין דערקענט און ער אַליין קען זיך אַוודאי: אַלס נאָכאַל, אַלס ברוטאַל, וואָס רעכנט זיך נישט מיט קיינע שום סענטימענטן און שטימונגען. אַריינקומענדיק מכלומרשט זיך „דורכצורעדן", קען ער זי נעמען מיט כוח, ווי ער האָט עס שוין, אָן סקרופּולן, נישט איינמאָל געטון. ער האָט פֿיינט די ווייבערישע קאַפּריזן און האָט נישט קיין געדולד מיט זיי זיך צו צערעמאָניען. בפֿרט נאָך מיט פנינהן. ממה־נפֿשך: ווינט זי מיט אים אונטער איין דאַך, איז זי זיין ווייב און ער האָט אַ רעכט אויף איר צו יעדער צייט, ווי דאָס האָבן אַלע מענער איבער זייערע געזעצלעכע ווייבער.

ער וואַרט אַ ווייל און נעמט קלאַפּן צודרינגלעכער מיט דער קליאַמקע:

— פנינה! עפֿן אויף, זאָג איך דיר! אַנישט ברעך איך באַלד אויף די טיר!

— זאָלסט נישט וואַגן! — וואַרנט פנינה היסטעריש.

— איך וועל יאָ! — דראָט מר גפני — עפֿן אויף!

— גיי אַוועק, זאָג איך דיר! איך וועל מאַכן אַ געוואַלד! אַ סקאַנדאַל, אַז די גאַנצע גאַס וועט זיך צוזאַמענלויפֿן!

מר גפני טוט אַ קריץ מיט די ציין. ער גיט בייז אַ צי־אַרויף די פּיזשאַמע־הויזן, וואָס האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזן און נעמט אַרומשפּאַנען אין די שטעקלאַטשן איבערן צימער.

ער איז נאָך צופֿיל באַרוישט פֿון זיין היינטיקן דערפֿאָלג, אַז ער זאָל

קענען גיין שלאָפֿן. די אויסגעבעטע ספה (קאַנאַפּע) בלייבט צו אים קיל און שפּאַטיש. עס ציט אים נישט אַפילו זיך צוצוזעצן אויף איר. ער פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעט און דערמאָנט זיך ווידער אָן זיין היינטיקן דערפֿאָלג: ווער עס האָט היינט אַלץ גערעדט און וואָס מען האָט אַלץ גערעדט וועגן אים!... וואָס פֿאַר אַ טאָאַסטן!... וויפֿל לחיימס!... ארנונה, די סעקרעטאַרין זיינע, איז היינט געווען באַזונדערס רייצנד... און ווייל פנינה איז היינט נישט געקומען אויפֿן באַנקעט, האָט זיך טאַקע ארנונה געפֿילט פֿרייער און פֿריילעכער. ווי אַ צעשטראַלטע הויפּט־מחותנתטע האָט זי אַרומגעפֿלאַטערט צווישן די געסט און געפֿלאַפּלט... אין דער געהויבענער שטימונג פֿון נאָך דעם וויפֿלטן „לחיים", איז עפּעס פֿאַרשוווּנדן דער דיסטאַנץ צווישן איר, דער סעקרעטאַרין און אים, איר שעף. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען אַ שותּפֿטע צו זיינע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער באַוועגונג, צו זיין דערפֿאָלג און כּבֿוד. דאָס האָט אים שוין אָנגעהויבן אַ ביסעלע צו פֿאַרדריסן, אָבער ארנונה האָט צו אים אַזוי ליב, אַזוי געטריי און פֿיל־צוזאָגנדיק געשמייכלט, אַז... — אַ שאָד, וואָס זי האָט נישט קיין טעלעפֿאָן!

מר גפֿני שליידערט אַוועק דעם נישט־דעררויכערטן סיגאַרעט אויף דער פֿאָדלאָגע און צעטרעט אים מיטן פֿוס. ער איז בייז אויף זיך אַליין: ווו איז זיין שטאָלץ? ווו איז זיין אַמביציע? אַ שמאַטע איז ער דאָ ביי איר! שטייט הינטער דער טיר און בעטלט ליבע ביי אַ פֿאַרזויערטער אוגערקע! טאָמער ווייסטו די מציאה! אין דער צייט ווען ביי אַזאַ בליִענדיק־יונגער, ביי אַזאַ שמעקנדיקער און רייצנדער ארנונה, איז עס אַ כּבֿוד און אַ גליק! ארנונה האָט אים היינט שטיפֿעריש געפֿרעגט, מיט אַ הייסן קוש אין אויער־אַריין, וואָס פֿאַר אַ מתּנה ער וועט איר ברענגען פֿון חוץ־לאַרץ... און ער האָט איר געענטפֿערט, אַז אויב זי וועט עס ווערט זיין... — וועט ער זי דאָרט אינזינען האָבן... איז וואָס טראַכט ער נאָך, ווען יענע האָט זיך דאָרט פֿאַרעקשנט??!

שוין צוויי וואָכן ווי פנינה פֿירט אים אַזוי ביי דער נאָז. שוין צוויי וואָכן ווי זי האָט זיך פֿון אים אָפּסעפּאַרירט און שלאָפֿט דאָרט, אין אָפּגעשלאָסענעם עס־צימער, אויפֿן פּאַטענט־פּאַטעל, וואָס לייגט זיך אויס אין אַ בעטל. אמת, ער ווייסט אַז זי לעבט־איבער אַ טראַגעדיע, אַז זי שלאָגט זיך דאָרט קאָפּ אָן וואַנט און קאָן זיך נישט דעצידירן, נישט אַהין און נישט אַהער. אָבער וואָס איז ער דאָ שולדיק? פֿאַרוואָס דאַרף ער דאָ עפּעס ליידן? ווילסט זיך דעצידירן, דעצידיר זיך און אַ סוף זאָל עס נעמען!

נאָר מאָדנע: כּל־זמן פנינה איז געווען גוט צו אים, געטריי און אײַבערגעגעבן, האָט ער זי גאָרנישט אַזוי אָפּט און אַזוי שטאַרק באַגערט. פֿאַרקערט גאָר, ער האָט זי אָפּטמאָל פֿאַרנאַכלעסיקט. ער איז מערסטנטייל גע־

ווען מיד און נערוועז פון די פּאַרזאַמלונגען און זיצונגען. ער פלעגט אַהיים־קומען מיד און שלעפּעריק, אָן אַפּעטיט צו קיין שום זאַך. און דווקא היינט, דווקא ווייל זי האָט זיך אָפּגעשלאָסן און לאָזט אים נישט אַריין צו זיך, בענקט ער נאָך איר און געפינט זיך קיין אָרט נישט. ער וואָלט איצט באמת פעיִק געווען אויפצוברעכן די טיר, ווען ער האָט נישט מורא פאַר איר געוואַלד, פאַר אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל.

— אַלזאָ, פנינה! זאָלסט וויסן, אַז דו ציסט־איבער די סטרונע! באַרעכן זיך גוט, צו וואָס דו דערפירסט! דו אַליין וועסט שפּעטער זיין פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר אַלע קאָנסעקווענצן!

פנינה ענטפערט נישט. זי הערט ווי ער שליידערט אַוועק די שטעק־לאַטשן און עס נעמען קלאַפּן די אָבצאַסן פון זיינע שיך. ער טוט זיך, הייסט עס, אָן. ער בורטשעט דערביי, שפּייט און טראַסקעט מיט די שאַנק־טירן. ער באַשפּריצט זיך מיט קעלניש וואַסער, פאַרהאַקט די טיר און גייט אַוועק.

פנינה ווייסט וווהין ער גייט. זי איז אים שוין פון לאַנג חושד אין אינטימע באַציִונגען מיט זיין סעקרעטאַרין, מיט דער ארנונה דאָרטן. ער האָט עס, אָבער נישט געוואָגט צו טון אַזוי אָפן, אַזוי דעמאָנסטראַ־טיוו. נאָך האַלבער נאַכט, זיך צוריק אָנטאָן און אַוועקגיין! אָבער דאָסמאָל איז זי דאָך אַליין שולדיק: ער האָט דאָך איר געוואָרנט און זי מיט איר עקשנות, האָט אים איצט אַליין געטריבן דערצו! געדאַרפט אים אפשר עפּע־נען און נישט איבערציִען די סטרונע. יאָ, זי זעט שוין איין צו וואָס זי דערפירט. נישט קיינער, נאָר זי אַליין וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע קאָנסעקווענצן!

אַזוי לאַנג ווי פנינה האָט נאָך געהערט, ווי ער פאָרעט זיך דאָרטן, אין אַנדערן צימער און טוט זיך אָן אַוועקצוגיין, האָט עס איר נישט געאַרט. „זאָל ער גיין! זאָל ער לויפן! — האָט זי זיך געטראַכט פאַרעקשנט — אַבי ער זאָל איצט מיד לאָזן צורו!" זי האָט נאָר געהאַט איין פאַרלאַנג: זיין אַליין. אַליין מיט אירע פינצטערע מחשבות, מיט אירע ווייטיקן און יסורים. דער קאָפּ שפּאַלט זיך איר דאָך, דער קאָפּ!

אָבער ווי נאָר גפני האָט פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר און איבער־געלאָזן אַ געשפּאַנטע שטילקייט, וואָס קלינגט אין די אויערן, האָט פנינה אויפגעפלאַטערט. זי איז שטיין געבליבן אינמיטן צימער ווי אַ פאַרווירטע. מיט ביידע הענט האָט זי אָנגעכאַפּט דאָס מויל און זיך צוגעהאַלטן, נישט אַרויסצולאָזן קיין ווילד־היסטעריש געשריי. די שטיינערנע באַלאַטן אונטער אירע באָרוועסע פיס האָבן זיך גענומען וויגן, הוידען, זיך פאַנאַנדערפאַלן. און פנינה האָט דערפילט, אַז זי זינקט. ווי אַ שווערער שטיין זינקט זי אַלץ טיפער און טיפער אין אַן ענדלאָזן, פינצטערן אָפּגרונט.

יצחק פערלאָוו

***

ווער איז מר גפני?

זכריה האָט אים אין וואַרשע געקענט אַלס אינזשיניער ווינאַגראַד. גערופן האָט מען אים דאָרט „דאָס אינזשיניערל״. מען האָט אים טיטולירט, ווייל ער האָט דאָס ליב געהאַט. אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז עס קומט אים נישט. ער איז קוים געווען אויפן ערשטן סימעסטער, ווען מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט פאַר עפּעס אַן אַוואַנטורעלע.

ער איז נאָך דאַן געווען אַ רעוויזיאָניסט. געלעבט האָט ער אַ גוטן טאָג אויף זיין פאַרמעגלעכן טאַטנס חשבון און זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט און מיט מושטרירן די יוגנט פון „ביתר״. ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון אַ ייִדישן לעגיאָן וואָס זאָל, מיט ביקס און מיט שווערד, גיין איינגעמען פּאַלעסטינע. וועגן דעם האָט ער אָפט געהאַלטן רעפעראַטן פאַר דער „ביתר״־יוגנט און צוליב דעם האָט ער זיך תמיד באַמיט צו גיין מיט אַן אָפיצעריש־שטייף געגנגעלע. פון וואַנען ער האָט גענומען אָט דאָס געגנגעלע, די ידיעות אין ספּאָרט, אין מושטרירונג און אין לעגיאָנען, — איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש. וואָרעם בסך־הכל האָט ער דאָך אין פּוילישן מיליטער אויך נישט געדינט. זיין טאַטע מיטן אָפענעם טייסטער האָט שוין געפינען אַ צו־טריט צום הויפּט־דאָקטער פון דער מיליטערישער קאָמיסיע, וועלכער האָט אים באַפרייט „אויף די אויגן״...

און כאָטש זיין בענקשאַפט נאָך ציון איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך אַזש אַוועקגעלאָזן, מיט אַ גרופּע ייִנגלעך, צו־פוס קיין ארץ־ישראל און דערגאַנגען אַזש ביז צו דער וואַרשעווער ראָגאַטקע... — האָט ער שפּע־טער נישט אויסגענוצט דעם סערטיפיקאַט וואָס ער האָט באַקומען, צו פאָרן לעגאַל. ער האָט פּונקט דאַן געליטן אויף ציין־ווייטיק...

דאָס האָט אים, אָבער, נישט געשטערט ווייטער צו האַלטן זיינע לעגיאָן־רעפעראַטן און רופן די יוגנט צו זיין גרייט.

און די יוגנט איז געווען גרייט. איבערהויפּט — די מיידלעך מיט וועלכע ער פלעגט מושטרירן... וואָרעם געהאַט האָט ער אַ קאָפּ מיט געדיכטע, שוואַרצע קרויזן, ווי ביי אַ מולאַט. אַ טונקל־אַליוו געזיכט מיט אַ פּאָר פלינ־קע, שפּיציקע אויגעלעך וואָס פאַרן פּוילישן מיליטער האָבן זיי טאַקע נישט געטויגט, אָבער פאַר ראָמאַנטישע מיידלעך, האָבן זיי „געשפּריצט מיט פונ־קען״, זיי פלעגן אים טאַקע אָפט אונטערזינגען סעגאַלאָוויטשעס לידל:

שוואַרצע אויגן האָבן פייער, —
דיינע זענען שוואַרץ...
האָסט געוואָרפן הייסע פונקען
אין מיין מיידלשן האַרץ...

ער איז נישט געווען אַזוי הויך, ווי ער האָט אויסגעזען אַ דאַנק זיין שלאַנקייט. געריידט האָט ער מיט טעמפּעראַמענט, מיט פייער, מיט ציטאַטן פון ציון-לידער, זשאַבאָטינסקיס אַרטיקלען און פסוקים פון תנ״ך. דערביי פלעגט ער אַרטיסטיש זשעסטיקולירן מיט די הענט און אַזוי באַוועגן מיט זיינע לאַנגע, שמאָלע פינגער, ווי ער וואָלט פידל געשפּילט.

נאָך אַזאַ רעפעראַט, איז שוין יעדעס מיידל גרייט געווען צו גיין מיט אים שפּאַצירן אין די טונקעלע אויאַזדאָווער אַלעען...

אָט אין דעם „ביתר״-קרייז האָט זיך „דאָס אינזשיניערל״ ווינאָגראַד באַקענט מיט פנינהן.

פנינה האָט נאָך דאַן געהייסן פּערל-ליבע. און כאָטש „דאָס אינזשיניערל״ איז איר געפעלן, האָט זי פון דעסטוועגן געפּאָלגט טאַטע-מאַמע און געטון אַ לייטישן שידוך.

ווען פּערל-ליבע האָט חתונה-געהאַט מיט זכריה קאַרלסבאַכן, האָט זי ווינאָגראַדן איינגעלאַדן און ער איז עטלעכע מאָל געווען ביי זיי אין שטוב. זכריהן איז דאָס „אינזשיניערל״ נישט געפעלן, אָבער עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען דאָס אַרויסצוווייזן. זכריה האָט געוווּסט, אַז פּערל-ליבען געפעלט דאָס „אינזשיניערל״ יאָ, אָבער פאַרליבט אין אים איז זי נישט. דאָס פאַרברענגען מיט ווינאָגראַדן איז גיכער געווען פאַר די חברטעס, ווי פאַר זיך אַליין: אָט, זאָלן זיי זי מקנא זיין!...

פּערל-ליבע איז דווקא אַ געטריי ווייב און אַ גוטע מאַמע צו אירע צוויי געראָטענע זינדעלעך, וועלכע האָבן געירשנט פון איר די ליבע צו מוזיק. עזריאלקע האָט געלערנט פידל און לייבישל — קלאַוויר. די קינדער און די באַלעבאָטישקייט האָבן אַרויסגעשלאָגן אַלע נאַרישקייטן פון פּערל-ליבעס קאָפּ. זי איז שוין אין „ביתר״ מער נישט געקומען און וועגן „אינזשיניערל״ אַפילו נישט געטראַכט.

אויך ווינאָגראַד האָט פאַרגעסן פּערל-ליבען. אויך ער האָט, מיט דער צייט, אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן דעם „ביתר״ און אָנגעהויבן אָפטער צו קומען אין קאָרטן-קלוב, וווּ ער פלעגט פטרן דאָס געלט וואָס ער פלעגט שלעפּן פון טאַטנס טיש-קעסטל אַרויס.

אויך דאָ האָט ווינאָגראַד געהאַט זיין קרייז פאַרערערינס. דאָס זענען שוין נישט געווען קיין יונגע, בליענדיקע נאַיווע מיידלעך, נאָר מיטל־אַריקע, געהייראַטע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט מער אינטערעס פאַר קאָרטן, סיגאַרעטן און אַלקאָהאָל, ווי פאַרן פאַמיליען-לעבן. פון דעסטוועגן איז ווינאָגראַד, אַ דאַנק אָט די פרויען, געבליבן אַ בחור ביזן געטאָ און ביזן קאָנצענטראַציע-לאַגער.

מיט פּערל-ליבען האָט ער זיך ווידער געטראָפן ערשט נאָך דער באַ-

פרייזונג, אין מינכען. זיי האָבן בײדע נישט געגלויבט, אַז איר מאַן, זכריה, מיט די קינדער לעבן. ביי הונדערטער, הונדערטער צוריקגעקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט. אָבער קײנער האָט דעם נאָמען קאַרלסבאַך אַפילו נישט געהערט. עלנט זענען זיי בײדע געווען, האָבן זיי זיך צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן ווי צוויי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אומלעגאַלע עליה, זענען זיי געווען פון די סאַמע ערשטע, זיך אַוועקצולאָזן מיט דעם געפערלעכן וועג קיין ארץ־ישראל.

זיי זענען אָנגעקומען בשלום.

און באַלד די ערשטע טעג אין לאַנד האָט „דאָס אינזשיניערל" ווינאַ־גראַד דערשמעקט, אַז דאָס איז אַ לענדעלע פון פּאַרטייען, אַן „ארץ זבת פּאַרטייען און ריכטונגען". אָן אַ פּאַרטיי קען מען דאָ נישט עקזיסטירן און אָן פּראָטעקציע קען מען דאָ פאַרלוירן־גיין. צו די רעוויזיאָניסטן, אָבער, האָט ער זיך שוין נישט צוריקגעקערט. די רעוויזיאָניסטשע פּאַרטיי האָט שוין דאָ געהייסן „חרות" און, אַלס אונטערגרונט־באַוועגונג אצ"ל („אירגון צבאי לאומי"), געקעמפט קעגן די ענגלענדער. עס האָט געשמעקט מיט געפאַר. און דווקא „דאָס אינזשיניערל", וואָס האָט אַזוי שיין גערעדט וועגן גיין קיין ארץ־ישראל צו־פוס און אויסקעמפן דאָס לאַנד מיט ביקס און מיט שווערד, — ער האָט איצט געהאַלטן אַז דאָס זענען אַוואַנטורעס. און די „אַוואַנטורעס" זענען גוט פאַר יוגנטלעכע, אָבער נישט פאַר אים. ער האָט שוין זיינס אָפּגעקעמפט מיט זיינע אַמאָליקע רעפעראַטן... און וואָס שייך דער מורא פאַר געפאַר, איז ער נישט קיין פּחדן און האָט נישט קיין מורא. אלא וואָס דען? — ער האָט זי שוין גענוג געהאַט, די געפאַר! גאַנצע זיבן יאָר האָט ער זי געהאַט! זיבן יאָר געפּלאָנטערט צווישן לעבן און טויט. גענוג! ער וויל נישט מער!

און ווייל דעם טאַטן מיט זיין אָפענעם טייסטער און אָנגעפּראָפּטן טיש־קעסטל, האָט ער דאָ שוין נישט געהאַט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן פּראַקטיש: וועלכע איז די מערהייטס־פּאַרטיי? ווער האָט מער איינפלוס? דורך וועמען קען מען גיכער קריגן אַ גרינגע שטעלע? און ווי קען מען זיך שנעלער אַרויפאַרבעטן?

אינזשיניער ווינאַגראַד איז אַריינגעטראָטן אין דער מפא"י. ער האָט באַלד פּאַרטוישט זיין נאָמען פון ווינאַגראַד אויף: מר גפני, כדי דער נאָ־מען זאָל מיט גאָרנישט דערמאָנען אָן דעם שוויצערישן זונדל פון גלותדיקן טאַטן מיטן אָפענעם טייסטער. מר גפני זאָגט שוין גאָר עפּעס אַנדערש... מר גפני איז אַ וותיק, אַ תושב אין לאַנד פון קדמונים. אַ באַרופענער צו הויכע פּאָסטנס און פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיעס... מר גפני!...

אויך פערל־ליבען האָט ער תיכף משנה־שם געווען אויף: פנינה. פערל־

ליבע, האָט ער געזאָגט, איז אַ גלות־ייִדענע, אַ יענטע. עס פּאַסט נישט פאַר אים. מר גפּניס פּרוי דאַרף הייסן פנינה!... איבערהויפּט, אַז פּערל־ליבען איז עס אַלץ איינס געווען: צי מען האָט זי גערופן אין וואַרשע „ליובאַ", אָדער מען זאָל זי דאָ רופן „פנינה". איר טייערער באָבען, נאָך וועלכער מען האָט זי אַ נאָמען געגעבן און אָנדערציילט, אַז דאָס איז געווען אַ צדיקית, האָט זי סיי־ווי נישט געדענקט.

מר גפּני האָט טאַקע באַלד באַקומען אַרבעט און טאַקע אין דער פּאַרטיי גופא. וואָרעם נעמענדיק אַ וואָרט אויף אַ פאַרזאַמלונג און שיטנדיק פּעך און שוועבל אויף דער רעוויזיאָניסטישער „חרות" מיט אירע „געפּער־לעכע אַוואַנטורעס", האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוטער רעדנער און גלענצנדער אַגיטאַטאָר. ער האָט אויך באַקומען אַ וווינונג און אַ הלוואה אויף איינצואָרדענען־זיך.

יאָ, מר גפּני איז אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי מיטן רעכטן פוס. עס האָט אים כסדר געגליקט און ער איז געשטיגן, פון שטאַפּל צו שטאַפּל, אויפן לייטער פון קאַריערע. אינגאַנצן דרייטהאַלבן יאָר איז ער אין לאַנד און שוין איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער פּאַסיקסטער שליח, אין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מיסיע, קיין חוץ־לארץ.

**
*

יאָ, פּערל־ליבע איז זכריהן געווען אַ געטריי ווייב און אַ געטרייע מאַמע צו אירע קינדער. די זין זענען געוואַקסן געראָטענע. זי האָט געקוואָלן פון זייער מוזיקאַלישער באַגאַבונג און מיט מאַמעשן נחת שטאָלצירט פאַר משפחה און באַקאַנטע. עס איז איר גוט געווען צו קיניגן אין איר שטובי־קער באַלעבאַטישקייט, מאַכן אויפנאַמעס פאַר געסט, פייערן געבורטס־טעג און אַנדערע יום־טובים. אין די שבתים פלעגט מען זיך אויסקלייבן אין אַ קינאָ אָדער טעאַטער, אין אַ דאַנסינג אָדער אויף אַ פשוטן אָוונט־שפּאַציר. יעדן זומער איז זי מיט די קינדער אַרויסגעפאָרן קיין פאַלעניץ אויף „פרי־שע לופט". זכריה פלעגט בלויז אַרויסקומען צו זיי פרייטיק נאָכמיטאָג און פאַרבלייבן ביז זונטיק אינדערפרי.

צי זי האָט זכריהן ליב געהאַט? — עס איז דאָך געווען אַ גערעדטער שידוך. אָבער זי האָט זיך צוגעוווינט צו אים און ער איז איר געפעלן. זי איז אים געווען געטריי, ווי אַ כשרע ייִדישע טאָכטער דאַרף עס זיין צו איר מאַן. ביי איר טאַטן אין שטוב האָט זי געהערט, אַז ליבע איז בכלל נישט קיין ייִדישע זאַך. ליבעס פירן הולטייסקע פּריצים און שיכורע גענערעלער מיט זייערע צעלאָזענע שיקסעס דאָרטן! עס איז הפקרות און אויסגעלאַסנקייט!

און פוי! עס קערט דערפון די גאַל. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע איז צניעות. צניעות איז די קרוין פון דער ייִדישער פרוי... — איז טאַקע פערל־ליבע נישט געווען פאַרליבט אין זכריהן, אָבער זי האָט אים ליב געהאַט לויט אַלע דינים, ווי די מאַמע האָט איר געלערנט און ווי טויזנטער אַנדערע צניעותדיקע טעכטער האָבן ליב זייערע מענער און די טאַטעס פון זייערע קינדער. אַן איידעלער מענטש איז ער, זכריה. אַ געניטער און ענערגישער געשעפטסמאַן, אַן איבערגעגעבענער מאַן און פאָטער און אַ פרנסה־געבער און פאַרזאָרגער מיט אַ ברייטער האַנט. זי האָט אים געשעצט און געאַכטעט ווי דעם קאָפּ פון דער משפחה. זענען טאַקע נישט פאָרגעקומען ביי זיי קיין באַזונדערע צוזיפּטרייסלונגען, וואָס זאָלן צעשטערן זייער שלום־בית. דאָס לעבן איז זיך געפלאָסן רויק, באַלעבאַטיש און, ווי שכנים האָבן געזאָגט: אידיליש... ביז — — —

אין יענער פאַרשאָלטענער, מהומהדיקער נאַכט, ווען דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז אַלע מענער זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע, — האָט פערל־ליבע אַליין געוועקט איר מאַן און געטריבן אין וועג אַריין:

— זכריה, שטיי־אויף! אַנטלויף! די דייטשן קומען־אָן! מען זאָגט, אַז פרויען וועלן זיי גאָרנישט טון, אָבער אַלע מענער וועלן זיי די צינגער אויסשניידן! דערבאַרעם־זיך! נעם די קינדער און אַנטלויף!

זכריה האָט נישט געוואָלט לויפן. ער האָט זיך געאַמפּערט. אָבער פערל־ליבען איז באַפאַלן אַזאַ פּאַניק, אַז זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און זיך געשונדן די הויט פון פנים. איר פּאַניק האָט זיך איבערגעגעבן די קינדער, וועלכע האָבן זיך געצאַפּלט און געיאָמערט: „טאַטעשי, קום!". עס זענען אויך אָנגעלאָפן עטלעכע שכנות, וועלכע האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זייערע מענער און זין זענען שוין אַוועק, אַנטלאָפן פון וואַרשע. אַלע מענער אַנטלויפן. וווהין? — איבער דער ווייסל, אויף מזרח זאָגט מען. אָט די אַלע שכנות האָבן געהאָלפן פערל־ליבען, פשוט מיט כוח, אַרויסצושטופּן זכריהן מיט די קינדער פון שטוב. ווי אַלע צעטומלטע ווייבער, איז זי זיי נאָכדעם נאָכגעלאָפן אויף דער גאַס מיט אַ סוועטער, אַ וואַרעם שאַליקל און אַ האַלבן לאַבן ברויט.

עס איז נאָך געווען נאַכט, אָבער אַ פּורפּור־רויטער הימל פון שריפות־פלאַמען האָט באַלויכטן די גאַסן מיטן בהלהדיקן מענטשן־שטראָם. וואָלקנס שטויב און רויך און סאַדזע האָבן זיך־געטראָגן מיט אַן עיפּושדיקן סמאַלינעס־טשאַד און נאָך מער געררייצט נאָז און אויגן צום וויינען. באַגלייטנדיקע פרויען האָבן געשליוכצט, ספּאַזמירט. מען איז זיך געפאַלן אויף די העלדזער ביים געזעגענען. צעשיידט־זיך און פון דערווייטנס נאָכגעשריִען, אַנ־

געווונטשן, אָנגעזאָגט. וואָס? צי האָט דעז עמיץ, אין דער גאַנצער גרויליקער בהלה, געאָנט וואָס פֿאַר אַ מבול עס קומט?

דער גאַנצער הויף איז געבליבן אַ ווייבערשער הויף. די גאַנצע גאַס איז געבליבן אַ ווייבערשע גאַס. אויסער די פּוילישע סטרוזשעס, אַ קראַנקן, אַ זקן, אָדער אַ קאַליקע, האָט מען דאָ מער קיין מאַן נישט געזען.

אין די ערשטע שעהן איז פּערל־ליבע, ווי אַנדערע פֿרויען, גליקלעך געווען וואָס איר מאַן מיט די קינדער זענען אַוועק, האָבן זיך געראַטעוועט. שפּעטער, אָבער, איז איר באַפֿאַלן אַ פּחד: אַליין איז זי געבליבן! איינע אַליין! די אַליינקייט אין דער פּוסטער שטוב האָט איר געשראָקן, געגרוילט. זי האָט זיך דערפֿילט פֿאַרלאָזן, אַוועקגעוואָרפֿן און אומבאַהאָלפֿן, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעט קינד אין אַ נאַכטיקן וואַלד. וואָס האָט זי געטון? וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטון?! איצט איז זי דאָך פֿאַרלוירן! פֿאַרלוירן!!!

אין איר פֿאַרלוירנקייט האָט אָנגעהויבן יוירען אין איר אַ פֿאַרדרוס אויף זכריהן פֿאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזן צורעדן, איבעררעדן און אַרויסשטויסן פֿון שטוב?! ווי האָט ער געוואָגט זיך צוצוהערן צו אירע פּאַנישע ריידי? פֿרויען האָבן געמעגט היסטערעווען, פֿאַרלירן דעם שכל, אָבער ער? אַ מאַן?! ווי האָט ער עס געפּועלט ביי זיך, זי צו פֿאַרלאָזן אין אַזאַ גרויזאַמער נאַכט?! מיט די קינדער איז ער אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזן אַליין אויף הפקר, אין געפֿאַר! דאָס איז איר מאַן? איר פֿאַרזאָרגער און באַשיצער? — אַן עגאָיִסט! אַן עגאָיִסט איז ער! געלאָפֿן זיך ראַטעווען די אייגענע פעל! אַ טעות געהאַט, אַ ביטערן טעות! יאָרן געוווינט מיט אַ מאַן און אים נישט דערקענט. איצט אין אַ נויט, אין אַ געפֿאַר, האָט זי אים דערקענט, דעם עגאָיִסטישן פּחדן!

זי האָט געוויינט, ספּאַזמירט, געזידלט און אַפֿילו געשאָלטן. שכנות האָבן איר געטרייסט און באַרויִקט. זי איז נישט קיין אויסנאַם. אָט, זיי אַלע און טויזנטער ווי זיי זענען אין דער זעלבער לאַגע. אדרבא, עס איז אַ נס וואָס די מענער מיט די זין האָבן זיך געראַטעוועט. זיי וועלן דאָרט נישט רוען. וועלטן וועלן זיי איינלייגן! אַז מען האָט עמיצן אין דרויסן, איז דאָ אַ האָפֿענונג...

אָבער פּערל־ליבע איז געבליבן ביי אירס: זכריה האָט זי נישט געטאָרט איבערלאָזן. ער איז אַ וויסטער עגאָיִסט!

און שפּעטער האָט זי שוין געהאַט מיט זיך צו־טון. טאָג־טעגלעכע זאָרגן, געראַנגל פֿאַר דער עקזיסטענץ. הונגער. נויט. אַרבעטס־נאָרמעס. אַקציעס. סעלעקציעס. איין געדאַנק איז געווען: ברויט! איין דראַנג איז געווען: זיך ראַטעווען, איבערלעבן.

וועגן מאַן און קינדער איז שוין קיין צייט נישט געווען צו טראַכטן.

ענדלעך איז געשען דער נס. עס איז געקומען די באַפרייונג.

פּערל־ליבע איז אַרויס פון פאַרניכטונגס־לאַגער אַ נאַקעטע, מיט אַ גרינעם נומער אויף דער האַנט און מיט אַ גרינעם נומער אין דער נאַקע־טער, אויסגעהוילטער נשמה. עס איז קיין מענטש נישט געווען, עס איז קיין פרוי נישט געווען ,עס איז קיין פּערל־ליבע נישט געווען, — עס איז בלויז געווען אַן אויסגעברענטער, גרינער נומער.

דער גרינער נומער האָט זיך אַפילו נאָכגעפרעגט אויף אַ מאַן, אויף זין, וועלכע זענען אַוועק קיין רוסלאַנד. אָבער דאָס איז געווען אַ פרעגן־זיך אויף עפּעס אומבאַשטימטעס, וואָס איז פאַרלוירן־געגאַנגען ערגעץ אין אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט.

און ווען זי איז דאָך געקומען צו די כוחות, דאָך געוואָרן מענטש און פרוי, — איז זי, אָבער ,צוריק קיין פּערל־ליבע נישט געוואָרן. אמת, דאָס פאַרמלחמהדיקע לעבן איז נישט אינגאַנצן פאַרווישט־געוואָרן פון איר גע־דעכעניש, אָבער די דערמאָנונגען זענען געווען אַזעלכע ווייטע, ווי פון דורות צוריק. אין אַ פריִערדיקן גלגול איז זי געווען אַ פּערל־ליבע, אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַמע פון קינדער, אַ באַלעבאָסטע פון אַן איינגעפונדעוועטער היים. איצט איז זי אין אַן אַנדער גלגול. איצט איז זי נאָך אַ נומער אָן אַ נאָמען. זי דאַרף ערשט קריגן אַ נאָמען און קריגן אַ תיקון.

מר גפני האָט איר דעם נאָמען געגעבן. זי איז מגולגל־געוואָרן אין אַ „פנינה״, אין דער פרוי פון דעם אינזשיניער גפני, דעם איינפלוסרייכן גע־זעלשאַפטלעכן טוער און הויכן באַאַמטן.

פנינה האָט זיך שנעל צוגעוווינט צו איר נייעם גלגול. זי האָט זיך צוגעוווינט צו איר נייער היים און צו איר נייעם מאַן. נישט קיין ליבע און נישט קיין ליידנשאַפט האָט איר דערנענטערט צו מר גפני, נאָר די שרעק פאַר איינזאַמקייט און די בענקשאַפט נאָך אַ רויִק, פאַרזאָרגט לעבן. מר גפני האָט נישט פאַרמאָגט קיין סובטעלקייט, קיין צערטלעכקייט, קיין וואַרעמקייט, אַפילו אין זיין פריינטלעכקייט האָט זי געצוויפלט. ניין, זי האָט אים נישט ליב געהאַט, אָבער זי איז אים געווען געטריי. זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און געהאַט דאָס געפיל פון ערב־מוטערשאַפט מיט אַן ערשטלינג...

און דאַן האָט זי פּלוצלונג באַקומען די טעלעגראַמע פון דייטשלאַנד, פון זכריהן מיט די קינדער.

אַ גאַנצן טאָג איז זי דאַן אַרומגעגאַנגען אַ צעטרעוואָגעטע. די יענע־וועלטיקע אַמאָליקע פּערל־ליבע האָט אויפגעוואַכט ווי פון אַ הינערפלעט און זיך גענומען ראַנגלען מיט דער איצטיקער פנינהן. אַ גראַנגל ווי פון צוויי באַזונדערע ווייבער, וואָס ווילן זיך נאָר די אויגן אויסדראַפּען.

זי האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו עצהנען. פאַר וועמען זיך

צו פּאַרטרויען אַפילו. האָט זי געלאַכט און געוויינט אַ גאַנצן טאָג און זיך אַרומגעטראָגן איבער די צימערן, ווי אַ דולע.

שפּעט ביינאַכט איז געקומען מר גפני פון אַ זיצונג. זי האָט אים געוויזן די טעלעגראַמע:

— וואָס זאָגסטו צו דעם?

מר גפני האָט איבערגעלייענט, פאַרצויגן די ברעמען, פאַרביסן אַ ליפּ און גאָרנישט געזאָגט.

און נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט, איז ער געקומען צו איר ווי נעכטן און אייערנעכטן, ווי עס וואָלט גאָר קיין באַזונדערס נישט געשען.

פּערל־ליבע האָט געפּלאָטערט און זיך געבעטן:

— היינט נישט. איך בעט דיך, היינט נישט. איך בין צופיל צערו־דערט. איך קאָן צו זיך נישט קומען. איך בעט דיך, לאָז מיך היינט צו־רו...

מר גפני האָט זי נישט געלאָזט צו־רו. דווקא היינט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס שטעלט זיך אים אַנטקעגן פּערל־ליבע און נישט פּנינה. פּנינה האָט זיך אים קיינמאָל נישט אַנטקעגנגעשטעלט. און מר גפני פאַרטראָגט נישט, אַז מען שטעלט זיך אים אַנטקעגן. אַז זי זאָגט „היינט נישט", — איז דווקא היינט! און דווקא יאָ!

מיט זיין גאַנצער ברוטאַלקייט האָט ער זי גענומען. אָן פאַרשטענדע־ניש, אָן מיטגעפיל, אָן סענטימענט. און עס האָט אויסגעזען, ווי מיט אָט דעם בכוחדיקן באַהערשן זי, גיט ער איר אַ צינישן, אָבער קלאָר און דייט־לעכן ענטפער אויף איר פראַגע: „וואָס זאָגסטו צו דעם?"... און דער ענט־פער איז: ער, מר גפני, איז איר מאַן און באַלעבאָס! אַלע איבעריקע זענען פאַר איר געשטאָרבן! זאָל זי זיך אַלעמען אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַרויס!

פּנינה האָט זיך, פון אָט דעם ענטפער, דערפילט אָנמעכטיק, געפאַלן און באַליידיקט. און מר גפני, ווי ער וואָלט איר דערמיט טאַקע געוואָלט געבן צו פילן איר אָנמעכטיקייט און געפאַלנקייט, איז דאָס מאָל דווקא געווען צודרינגלעכער ווי תמיד.

זי איז געלעגן אַ צעשראָקענע, אַ צעטומלטע און געפילט בלויז עקל און האַס. אַן עקל צו זיך און אַ האַס צו אים.

ווען ער האָט זי צו־רו געלאָזן און איז אַוועק, האָט זי זיך ערשט צע־וויינט און צעהעשעט אין קישן־אַריין. דער האַס צו אים איז אין איר געוואַקסן. אָבער צוזאַמען מיטן האַס, איז געוואַקסן אין איר די מורא פאַר אים, דער דרך־ארץ פאַרן שטאַרקן, וואָס באַהערשט און געוועלטיקט.

אויך צומאָרגנס האָט זי נישט געהאַט דעם כוח, זיך אים אַנטקעגן־צושטעלן. פאַרקערט, זי איז געוואָרן שטילער, נאָכגיביקער, געפאַלענער. און דאַן האָט זי פאַרשטאַנען קלאָר און דייטלעך, אַז קיין וועג צוריק

צו זכריהן איז שוין נישטאָ. און אַז זכריה וועט איר, אַ באַשמוצטער און געפּאַלענער, שוין אויך נישט וועלן.

אַ רעזיגנירטע, אַ פאַרמשפּטע, האָט זי דאַן אָנגעשריבן דעם בריוו, דעם ענטפער אויף זכריהס טעלעגראַמע. און געשריבן האָט זי בלויז „צו מיינע ליבע, טייערע קינדער"...

ווען עזריאל און לייביש זענען געקומען צופאָרן, איז שוין פּערל־ליבע געווען אין זיבעטן מאָנאַט. ווי אויף צו־להכעיס האָט זי געשוואָנגערט זייער גרויס. איר הויך־אויפגעלאָפענער בויך האָט זיך בשום־אופן נישט געלאָזן באַהאַלטן. זי האָט זיך זייער געשעמט פאַר אירע דערוואַקסענע זין און געשטאַנען פאַר זיי, ווי אַ באַשולדיקטע — פאַר ריכטער. כאָטש עזריאל און לייביש האָבן איר גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן בלויז געפירט זייערע פייכטע בליקן פון איר בויך, צום מר גפני און פון מר גפני — צו איר בויך.

און אויב מר גפני איז דאָסמאָל יאָ געווען אין אַ פאַרלעגנהייט און האָט זיך עפּעס יאָ געקימערט, איז עס געווען גאָר צוליב אַן אַנדערער סיבה. עס האָט טאַקע פון אים באַלד אַרויסגערעדט:

— איז וואָס טראַכטן דאָ צו טון אַזעלכע בחורים ווי איר? גיין אין קיבוץ? אָדער זיך איינאָרדענען אין שטאָט?

— אַזעלכע בחורים ווי מיר... — האָט עזריאל געענטפערט — האָבן נאָך דערווייל גאָרנישט געטראַכט. מיר זענען דאָך ערשט היינט געקומען...

— מיר האָבן נאָר געוואָלט זען דער מאַמען. — האָט לייביש אַ פּישטש־געטון.

— דאָס איז זייער שיין... — האָט מר גפני צוגעגעבן — אָבער אַ טראַכט־טון וועגן איינאָרדנענען זיך, דאַרף מען... איך קען אייך צוהעלפן. כ'מיין, טאָמער דאַרף מען עפּעס אַ רעקאָמענדאַציע, אַ פּראָטעקציע. איך קען דאָס אייך פאַרזאָרגן... דערליידיקן, איינס־צוויי...

עזריאל האָט אָפּגעמאָסטן מר גפנין מיט אַזאַ בליק, צו וועלכן מר גפני איז גאָר נישט געוווינט געוואָרן און ער האָט אים רויק געענטפערט:

— באַמיט זיך נישט. ערשטנס קענען מיר זיך נאָך אַליין פאַרזאָרגן. צווייטנס האָבן מיר שוין ווער עס זאָל זאָרגן פאַר אונדז.

— מיר האָבן אַ טאַטן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! — האָט לייביש אַ כליפּ־געטון.

— כ'האָב גאָרנישט דערקעגן... אדרבא... — האָט זיך מר גפני אויפגעהויבן פון אָרט — יעדערער קען דאָ טון, וואָס ער וויל... עס איז אַ יידיש לאַנד, אַ פרייַ לאַנד... טוט ווי איר פאַרשטייט...

— אַזוי וועלן מיר טאַקע טון...

פֿערל־ליבע האָט גענומען גרייטן צום טיש, אָבער עזריאל און לייביש האָבן נישט געוואָלט עסן. עזריאל און לייביש האָבן זייער מאַמען נישט דערקענט, זייער צערטלעכער, ליבער, געטרייער מאַמען, צו וועלכער זיי האָבן זיבן יאָר אַזוי געבענקט! די שלאַנקע, מאַיעסטעטיש־שטאָלצע און שענסטע מאַמע פֿון אַלע מאַמעס, האָט זיך דאָ פֿאַרוואַנדלט אין אַן אויפֿגעלאָפֿענעם בויך. אַ גרין־פֿאַרזויערט פּנים מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און אַזאַ פֿאַרריסענער בויך! און איזן איז זי נישט מער דעם טאַטנס פֿרוי און הייסט נישט מער פֿערל־ליבע קאַרלסבאַך, נאָר פּנינה גפֿני הייסט זי. זי איז דאָס ווייב פֿון אָט דעם צינישן עגאָיסט!

עזריאל און לייביש האָט זיך געאיילט אַוועקצוגיין. מר גפֿני האָט אַפֿילו נישט געפּרוּווט, נישט געמאַכט דעם אָנשטעל זיי צו פֿאַרהאַלטן. פֿערל־ליבע האָט זיך געבעטן ביי זיי, אָבער די זין האָבן בשום־אופֿן נישט געוואָלט איבערנעכטיקן אונטער דער מאַמעס דאַך אַפֿילו איין נאַכט. זיי האָבן נישט געזאָגט, ווּהין זיי גייען און נישט געענטפֿערט קלאָר, ווען זיי וועלן קומען נאָכאַמאָל.

נאָך זייער אַוועקגיין האָט פֿערל־ליבע באַקומען ספּאַזמען. זי האָט אָפּגעשליוכצט אויף איר געלעגער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. און דאַן איז געקומען גפֿני.

ער איז געקומען צו איר ווי דאַן, ווען זי האָט באַקומען די טעלעגראַמע פֿון זכריהן און איז צוגעשטאַנען מיט דער זעלבער ברוטאַלקייט.

צומאָרגנס האָט פֿערל־ליבע אַריבערגעטראָגן איר צימער און זיך אָפּ־סעפּאַרירט פֿון אים. זי האָט, אָבער, פֿאַרגעסן צו פֿאַרשליסן די טיר...

חדשים האָט פֿערל־ליבע נישט געהערט פֿון אירע קינדער, נישט גע־וווּסט ווּהין זיי זענען אַוועק און ווו זיי צו זוכן.

און דאַן איז געקומען דער קימפּעט. זי איז זייער שווער געגאַנגען צו־קינד און דער געבורט איז געווען אַ קאָמפּליצירטער. מען האָט געמוזט מאַכן אַ קייזער־שניט. דאָס קינד, אינגאַצן ענלעך צו מר גפֿנין, האָט קוים געלעבט איין מעת־לעת. אָבער פֿערל־ליבע אַליין האָט זעקס וואָכן געפֿלאַ־טערט צווישן לעבן און טויט.

ווען זי איז אַרויס פֿון שפּיטאָל, האָט זי גפֿני אַוועקגעפֿירט אין אַן אפֿרו־הויז אויף אַ מאָנאַט צייט. פֿערל־ליבע איז דערפֿון זייער צופֿרידן געווען: נאָך אַ חודש זיין פֿריי, מיט זיך אַליין און מיט אירע געדאַנקען. נאָך אַ חודש נישט וווינען אונטער איין דאַך מיט דעם ברוטאַל...

אין דער צייט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז לייביש איז פֿאַרוווּנדעט אין אַ פֿוס און ליגט אין שפּיטאָל. צו־שוואַך איז זי נאָך געווען, צו קענען קומען צו אים. דער דאָקטער האָט עס איר נישט דערלויבט אויך. זי האָט אים, אָבער, געשיקט בריוו מיט געלט, וואָס ער האָט נישט אָנגענומען און נישט

אויפגעהערט, אָן גפניס וויסן, צו שיקן אים טעגלעך פּרוכטן און זיסקייטן, פאַר יעדער פרייער לירע וואָס זי האָט נאָר פאַרמאָגט.

און ערשט אויפן אַנדערן טאָג פון איר אומקערן־זיך אַהיים, האָט זי זיך דערוווּסט וועגן אומגליק מיט עזריאלן.

*****

מר גפני איז אַוועקגעפאָרן און פנינה איז געבליבן אַליין. אָבער ניין, דאָס איז שוין נישט געווען מער פנינה, — זי איז צוריק אַ פּערל־ליבע געוואָרן בלייבנדיק אַליין...

מיט יעדער שעה פון איר אַליינקייט, האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן דער טשאַד פון איר קאָפּ. זי האָט זיך אַליין גענומען פרעגן און פאַרענטפערן: וואָס איז דאָ געשען מיט איר און וואָס איז דאָס פון איר געוואָרן? פאַרוואָס איז זי אַזוי אונטערטעניק און געפאַלן ביי זיך? — ער אַליין זאָגט דאָך, אַז דאָ איז אַ ייִדיש לאַנד, אַ פריי לאַנד און יעדער איינער קען דאָ טון, וואָס ער וויל!... מיט וואָס איז זי ווינציקער ווי יעדער איינער? אין דעם לאַנד זענען דאָך פרויען נישט קיין בבל און אַוודאי נישט קיין האַרעם־שקלאַפן! אַלע אַרבעטן און זענען גלייכבאַרעכטיקט. זי קען דאָך אויך געפינען אַרבעט. בעסער גיין אַרבעטן ביי יענעם, מאַכן „ספּאָנדזשע״, איידער צו זיין אונטערגעוואָרפן אַזאַ ברוטאַל, אַזאַ טיראַן!

אמת, ביים גיין אַרבעטן און מאַכן „ספּאָנדזשע״ ביי יענעם, האָט עס נאָך דערוויל נישט געהאַלטן. דערווייל האָט איר גפני איבערגעלאָזן אַן איינגעפּונדעוועטע שטוב, אַ שיינע סומע געלט און אַ באַפולמעכטיקונג, אָפּצונעמען חודשלעך זיין געהאַלט. אויסער דעם, טראָגן איר די קרעמער אַלץ אין שטוב אַריין. מען פאַרלאַנגט נישט ביי איר קיין געלט. מען וועט זיך שוין אָפּחשבונען מיטן מר גפני, ווען ער וועט צוריקקומען...

אָבער פּערל־ליבען איז עס שוין דערעסן, פּערל־ליבען איז עס שוין דערווידער. מיט יעדער שעה פון איר אַליינקייט, האָט אָנגעהויבן אויפוואַכן אין איר דער שטאָלץ און די ווירדע פון איר יחוסדיקער משפחה און פון איר אייגענעם אַמאָל.

תיכף נאָך גפניס אַוועקפאָרן, האָט זי זיך געמאַכט אַ הייסע וואַנע, און נאָך דער הייסער וואַנע, האָט זי זיך געמאַכט אַ קאַלטן דוש. שעהן־לאַנג האָט זי זיך געוויקט, געבריט, געשוואָנקען און געפּליעסקעט אונטערן וואַסער, ווי וועלנדיק אָפּוואַשן פון זיך אַן איינגעפּרעסענעם שמוץ. דאָס גאַנצע לייב האָט זי זיך נאָכדעם באַגאָסן מיט פּערפום. זי איז אַפילו צופרידן־געווען, ווען דער ספּירט האָט ווו־נישט־ווו אַ ברי־געטון: עלעהיי יאַדינע פאַרברענט מיקראָבן...

און ווען זי האָט זיך אָנגעטון און זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, האָט זי צומערשט הנאה געהאַט פון איר אָפּגעפרישטקייט, פון איר יונגן, בליִענ־דיקן אויסזען. אין אירע אייגענע אויגן האָט זי איצט אויסגעזען נאָך ייִנגער און שענער פון אַמאָל... אויף אַלע אירע אַמאָליקע פאָטאָגראַפיעס איז זי עפּעס שלעכט אַרויסגעקומען. אומעטום איז זי אַ שיין קעלבל... עפּעס אַ נאַרעשעוואַטע שיינקייט... אָבער איצט... — איר דוכט־זיך, אַז זי איז נאָך קיינמאָל אַזוי אינטערעסאַנט און פּיקאַנט נישט געווען... דאָס איז אַ שיינ־קייט פון אַ רייפער פרוי, וועלכע פאַרשטייט דעם רייץ פון לעבן... אָט, צום ביישפּיל, ווען זי מאַכט די האָר אַזוי און קוקט דערביי אַהין... אָדער ווען זי פאַרלייגט דעם לאָק אויף רעכטס  און קוקט מכלומרשט שעמעוודיק אַראָפּ... אונטן, ביים דעקאָלט, וואָלט זי נאָך באַדאַרפט אַ גלאַנציק בראָש־קעלע, אָדער אַ קליינע רויז...

אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אָן עזריאלן. זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר אייגענעם לייכטזין, פאַר איר פּוסטן, נאַרישן קאָפּ. זי איז בייז געוואָרן אויף זיך אַליין, כאָטש אויסצופּאַטשן־זיך ביידע באַקן. נאָכוואָס האָט זי זיך באַגאַסן מיטן פּערפום פלוצלונג? וואָס שמעקט זי אַזוי?! וואָס פאַר אַ שמעקעניש אינמיטן דערינען? ווען עס קומט איצט אַריין אַ מענטש, וועלכער ווייסט פון איר בראָך, און ער דערשפּירט פון איר אָט דאָס שמעקעניש, — וואָס וואָלט ער געטראַכט און וואָס וואָלט ער דערציילט וועגן איר? — אויך מיר אַ מאַמע! אַ מאַטשאַכע טוט דאָך נישט אַזוי!

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העל־געבלימלט קליידל מיטן טיפן דעקאָלט און אָנגעטאָן אַ טונקלס, מיט לאַנגע אַרבל. זי האָט פאַרוואָרפן אַ שוואַרצן שאַל אויפן קאָפּ און די רייצנדע קאָקעטקע איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ טרויערנדיקער מאַמע.

זי האָט אַראָפּגעלאָזן די שטאָרן, פאַרהאָנגען דעם שפּיגל און אָפּגע־שטעלט דעם וואַנט־זייגער. אַזוי, געדענקט זי, האָט מען געטון ביי זיי אין שטוב, ווען אַ קינד איז געשטאָרבן. קיין שבת־לייכטער האָט זי נישט, האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ מנורה אויפן טיש, אָנגעצונדן צוויי ליכט, אַזויפיל, האָט זיך איר געדוכט, דאַרף מען און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ני־דעריקן פוסבענקעלע, מיט עזריאלס בילד אין דער האַנט. דאָס זעלבע בילד וואָס זכריה האָט איר געשיקט פון מינכען. אַזוי איז זי געזעסן ביז די צוויי ליכט אין דער מנורה זענען אויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אַ חלב־טשאַד אין דער אומהיימלעכער טונקלקייט.

דער חלב־טשאַד אין דער אומהיימלעכער טונקלקייט, האָט איר עפּעס דערמאָנט אָן אַ מתים־שטיבל. ניין, אָן דעם רויך פון דער קרעמאַטאָריע! אַנגסטן זענען איר באַפאַלן. זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב פאַרהאַקנדיק

די טיר. ערשט שפּעטער האָט זי זיך איבערצייגט, מיט דערלייכטערונג, אַז זי האָט ביי זיך דעם „יאַלע״-שליסעלע פון קלאָפּ-שלאָס.

זי איז געגאַנגען גאַס-אויס, גאַס-איין און געקוקט אין די שויפענצ־טער. ווי־זשע איז דאָס געשען? זי האָט דאָך פריִער קיין שום פּלאַן נישט געמאַכט!

דער נהג (דרייווער) האָט אויסגערופן:

— דזשעבעליאַ! גן-תמר!

און פּערל-ליבע האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי זיצט אין אַן אָנגעפּראָפּטן אויטאָבוס.

נאָכדעם האָט זי זיך געשלייכט דורך פינצטערע, אַראַבישע געסלעך, נישט באַמערקנדיק, ווי איינזאַמע מענער שטעלן זיך־אָפּ, ווינקען און קוקן איר נאָך. זי האָט אַריינגעקוקט אין יעדן הויף, געזוכט אין יעדן ליכטיקן פענצטער, צו דערזען אַ היימיש, אַן אייגן-נאָענט געזיכט. אָבער וואָס איז געווען דאָס זוכן און ווי האָט זי געקענט געפינען, אַז זי האָט אַפילו קיין אַדרעס נישט געהאַט...

שפּעט אין דער נאַכט איז זי אַהיים געקומען און זיך געלייגט מיט אַ באַשלוס, אַז מאָרגן וועט זי אַרויספאָרן קיין דזשעבעליאַ בייטאָג. זי וועט זיך נאָכפרעגן און זוכן דעם אַדרעס. זי מוז אים געפינען! זי מוז זיי זען, זי מוז!

און צומאָרגנס האָט זי טאַקע דעם אדרעס געפונען. אַ טאָג אַ גאַנצן האָט זי אַרומגעזוכט און ערשט אין אָוונט געפונען דאָס הויז.

זי האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרביי-געשלייכט פאַרן טויער און אַריינ־געקוקט. קיין מוט און קיין כוח נישט געהאַט אַריינצוגיין. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט ווי בעת אַ סעלעקציע, אײדער מען דערהערט דאָס וואָרט „רעכטס״ אָדער „לינקס״...

אויפן הויף זענען געווען עטלעכע מענטשן. עפּעס אַן עלטערער מי־ליטערמאַן, מיט אַ גרויער באָרד און ברילן, האָט געקניט איבער אַ בלומען־בייט, ווי אַ גערטנער. און לייביש... יאָ, דאָס איז דאָך טאַקע לייבישל!... ער איז געשטאַנען געאָרעמט מיט עפּעס אַ יונגער פרוי, אַ בלאָנדינקע. ווער איז זי? אַ שכנה? וואָס טוט זי דאָ ביי זיי? וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי מיט זיי? צו וועמען קומט זי דאָ? עפּעס אַ ביליק פּנים, עפּעס אַ צו-ביטערער בליק. — ניין, אָט די יונגע בלאָנדינקע געפעלט עפּעס נישט פּערל-ליבען. דערצו פאַרדריסט איר, וואָס זי האַלט אַזוי לייבישן געאָרעמט. דאָס האַלט זי אים אַזוי כסדר? ווען זי לאָזט אים כאָטש אַ רגע אָפּ, ער זאָל שטיין אַליין, ער זאָל מאַכן אַ פּאָר טריט... זי וויל דאָך אַזוי וויסן, וואָס מיט זיין פוס איז;

צי איז ער שוין פולקאָם געזונט? צי גייט ער נאָרמאַל?... לייביש... לייבישל... אַ יונג, קיין עין־הרע!... ווער איז זי דאָס, די בלאָנדע נקבה דאָרטן?!

נעבן דעם קנייענדיקן, עלטערן מיליטערמאַן, איז מיטן רוקן צו איר געשטאַנען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מאַן. זי האָט זיין פּנים נישט געזען, אַפילו קיין פּראָפיל נישט. קוים באַמערקט אַ פּרעמדלעכן, בלישטשענדיקן פּראָסט אויף די טונקעלע האָר ביי די שלייפן. און דאָך האָט זי דערפילט, אַז דאָס איז ער... זכריה... זי האָט קיין צווייפל נישט געהאַט און געוווּסט אויף זיכער, אַז דאָס איז ער און נישט קיין אַנדערער... איר זכריה... איר? ווי אַזוי איז ער איר? צו ווען געהערט זי? און ווער איז גפני, דער טיראַן וואָס געוועלטיקט איבער איר? — — —

זכריה האָט זיך אויסגעדרייט אין פּראָפיל. — יאָ! ער!... — אינסטינקטיוו איז זי אָפּגעטראָטן אַ צוויי טריט הינטערוויילעכטס, נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים איר בליק. זי האָט זי פּאַרטייעט אין שאָטן און געקוקט: יאָ, זכריה... איר מאַן... איר... אַ ביסעלע גרויליך, פּאַראומערט, עטוואָס געבויגן, אָבער ער... דער זעלבער...

פּערל־ליבע האָט זיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנטפלאַך דאָס מויל, אַז זכריה זאָל איר אומרויקן און הייסן אָטעם נישט דערהערן. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט ווי אַ פלעדערמויז. איר גאַנץ ווען האָט זיך געקראַמפּט און געצאַפּלט, געוויינט און געלאַכט.

אָך, ווען נישט די פּרעמדע דאָרטן! די נקבה מיטן מיליטערמאַן! זי וואָלט אַריין און...

נייך, זי מוז אים טרעפן באַזונדער... אַליין, אינגאַנצן אַליין! אָן לייבישן אַפילו... זי מוז מיט אים רעדן. זי וועט אים דערציילן אַלץ, אַלץ. יאָ, אַלץ פון ערשטן טאָג זינט זיי האָבן זיך צעשיידט, ביז היינט. זאָל ער זיין איר ריכטער, זאָל ער זי משפּטן. זי וועט יעדן פּסק זיינעם אָננעמען פאַר ליב. און אפשר וועט ער זי פאַרשטיין? און אפשר וועט ער איר אַלץ מוחל זיין? גאָט, צי איז עס גאָר מעגלעך? ווי גליקלעך וואָלט זי איצט געווען, ווען זי קען כאָטש זיין אַ דינסט ביי אים!... יאָ, אַ דינסט, אַבי זיין נאָנט, אַבי זיין צוזאַמען, אונטער איין דאַך...

דער עלטערער מיליטערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם בלומענבייט. ער האָט עפּעס גערעדט צו זכריהן. אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט. פּערל־ליבע האָט געזען, אַז זיי פאַרנעמען זיך צום טויער און זי האָט זיך שנעל דערווייטערט.

מיט אַ דערלייכטערט געמיט איז זי צוריקגעגאַנגען צום אויטאָבוס. זי האָט אים געזען... און לייבישן האָט זי געזען... זי ווייסט שוין דעם אַדרעס... אָט דאָ, הייסט עס, וווינען זיי... אָבער איצט איז נישט די צייט.

דער עלטערער מיליטערמאַן איז טאַקע אַוועק, אָבער די נקבה דאָרט איז געבליבן! און אים, זכריהן, מוז זי טרעפן אַליין, אינגאַנצן אַליין... מאָרגן אינדערפרי וועט זי קומען אַהער און אים אָפּוואַרטן. זי איז גרייט אַ גאַנצן טאָג צו וואַרטן, אַבי טרעפן אים אַליין, אויג־אויף־אויג...

גאָט! וואָס איז דאָס געווען מיט איר אין וואַרשע? ווו איז געווען איר שכל? פאַרוואָס האָט זי נישט אָפּגעשאַצט איר גליק? און זכריהן נישט דער־שאַצט! זי איז דאָך נישט געווען פאַרליבט אין אים. פאַרוואָס איז זי נישט געווען פאַרליבט? — ער איז דאָך ווערט אַזוי פיל ליבע!... זכריה... — אַזאַ גוטע, איידעלע נשמה!... אַזאַ טייער האַרץ... דער בעסטער פאָטער צו זיינע קינדער. און איר אַליין האָט ער דאָך אויף די הענט געטראָגן!... זי איז עס נישט ווערט געווען! ניין, זי איז דאָס גאָרנישט ווערט געווען! — — —

— גברת! איר רעכנט דאָ צו נעכטיקן אין אויטאָבוס?...

— האַ? ווו זענען מיר דען?

— אין תל־אביב, גברת... אויף דער תחנה־מרכזית...

פערל־ליבע האָט זיך אומגעקוקט: זי איז טאַקע די לעצטע און די איינציקע פּאַסאַזשירן אין אויטאָבוס...

— אַך, סליחה...

— אין דבר... לילה טוב... (שאַדט נישט... אַ גוטע נאַכט...)

זי איז אויסגעשטיגן און אַוועק צו־פוס.

יאָ, מאָרגן וועט זי ווידער פאָרן קיין דזשעבעליאַ. זי וועט וואַרטן פאַרן טויער ווי אַ גימנאַזיסטקעלע... ווי אַ בעטלערין! ווי אַ... — אַלץ איינס ווי וואָס! זי וועט אים אָפּוואַרטן און — — —

אין פערל־ליבעס האַרץ האָט דערוואַכט אַ ניי געפיל, פון וועלכן זי האָט ביז איצט נישט געוווּסט, זאָל דאָס זיין ליבע?... אויב אַזוי, האָט זי זיך איצט, דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, פאַרליבט!... זיך פאַרליבט אין איר אייגענעם מאַן...

# צווייטער טייל

## קאַפּיטל איינס

# דער „יודאַנער" מיטן „קלאַנג־פּילם"

זיידמאַן איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי קאַרלסבאַכן, אַ בן־בית.

מיט זיינע קיאָסקן האָט ער קיין גרויסע גליקן נישט געמאַכט. באַקומען אָפּטרעט־געלט און פּטור־געוואָרן. ער האָט איצט געהאַנדלט מיט מאַנופאַקטור, מיט פאַרטיקע קליידער, וועש און שיך. די אַלע גוטע מאַטעריאַלן זענען פלוצלונג פאַרשוווּנדן פון די שויפענצטער און פון די פאַליצעס אין די תל־אביבער געשעפטן. עס הייסט, אַז עס איז אויספאַרקויפט געוואָרן, צעכאַפּט, נישטאָ מער. זינט אין לאַנד איז איינגעפירט געוואָרן „צנע" (צענאַ: באַשיידנקייט. אָבער ריכטיקער: איינקויפס־באַשרענקטקייט) און אַ קאָרטן קליידל, אַ כאַקי־העמדל און אַ פּאָר אַרבעטס־הויזן קריגט מען נאָר אויף פונקטן, אויף די טאַלאָן־נומערן וואָס ווערן אַרויסגעשניטן פון די שפּייז־ביכעלעך, — זעט מען קיין גוט שטיקל סחורה נישט פאַר די אויגן. אָבער זיידמאַן קען זיך שוין מיט די געשעפטס־אינהאַבער, מיט די הורטאָווניקעס און זיי קענען אים... דורך הינטער־טירן און פון געהיימע סקלאַדן־אַרויס באַקומט ער פון שענסטן און פון בעסטן, וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט. און אַ געשמאַק האָט ער, דער זיידמאַן. ער קען זיך אויף סחורה און אויף מוסטערן. ער האָט שוין אויך זיינע קליענטן אין פאַרמעגלעכע הייזער, ביי וועלכע ער שעמט זיך נישט צו נעמען אַ לייטישן פּרייז. ער ווייסט אויך וועמען צו געטרויען, געבן אויף ראַטעס, אויף אויסצוצאָלן פאַר אַ באַזונדערן פּראָצענט... און ווייל די סחורה רייסט מען פון די הענט און ער אַליין „קען זיך נישט צערייסן", האָט ער אויך זכריהן אַריינגעצויגן אין דעם עסק. זכריה האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט. ער ווערט דאָך משוגע פון לײדיק־גיין. און ביז וואָס־ווען, דאָס הייסט ביז ער וועט אַרויסנעמען די מאַשינען פון פּאָרט און אויפשטעלן זיין דרוקעריי, גייט דאָך דערווײלע פּרנסה נישט צופוס...

זכריה האָט טאַקע פאַרדינט דורך זיידמאַנען אַ שיינע עטלעכע הונ־

דערט לירעס. ער האָט זיך פריִער אויך געלאָזן פירן דורך זיידמאַנען אויף דער ליליענבלום־גאַס אין תל־אביב, ווו עס איז די שוואַרצע בערזע. זיי האָבן דאָ געטוישט, געקויפט און פאַרקויפט „האַרטע און ווייכע" און געמאַכט שיין פרנסה. אָבער נאָך דער ערשטער פּאָליציי־אָבלאַווע האָט זיך זכריה אָפּגעטרייסלט דערפון און אויך אַרויסגעשלעפּט זיידמאַנען פון דעם עסק.

— עס איז אַ בלאָטע, פאַניע זיידמאַן! פאַר מיר, פאַר אייך, פאַר סאָלידע סוחרים איז עס נישט... קיינמאָל נישט געהאַט צו־טון מיט דער פּאָליציי און הלוואי ווייטער!...

אמת, דער מאַנופאַקטור־מסחר איז אויך שפּעקולאַציע און שוואַרצהאַנדל, אָבער עס איז נישט קיין בערזע, קיין שוואַרצע בערזע... דערצו איז עס אַ געזונטער מסחר, אָן ריזיקע. דאָס געשעפט בליט און גיט פרנסה ברווח.

דערוויל האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטער. עפּעס מאָדנע אומבאַמערקטערהייט האָט זיך דער ווינטער אונטערגעגנבעט. מיט אַ טאָג פריִער איז נאָך געווען אַ כאַמסין, דערדשטיקט צו ווערן. זכריה האָט שוין געמיינט, אַז צו דער היץ וועט דאָ קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. פּלוצלונג האָט עפּעס אַ טראַפּ־געטון. עס איז נישט געווען קיין רעגן און נישט קיין רעגנדל, בלויז עטלעכע שיטער־צעזייטע, אָבער שווערע און פולע טראָפּנס, ווי אַ שטיפערל וואָלט ערגעץ פון אַ דאַך אַראָפּגעגאָסן. זכריה האָט נישט געגלויבט אַז דאָס איז רעגן, וואָרעם אויף איין אָרט זענען די טראָפּנס יאָ געפאַלן און אויף אַ צווייטן — נישט. ער האָט אַרויפגעקוקט צום הימל. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט אַזוי ווי אין די כאַמסין־טעג, מיטן אונטערשייד וואָס בעת די כאַמסינען זענען די כמאַרעס זאַמדיק־ברוינלעך, אָדער געלבלעך־גרוי און איצט איז דער הימל ווי צעכוואַליעט מיט צעגאָסענעם שטאָל. נאָך אָט די ערשטע עטלעכע טראָפּנס, וואָס די כמאַרעס האָבן פאַרלוירן, איז געקומען אַ שטויביקער ווינט. דער ווינט איז געקומען ווי פון אונטער דער ערד־אָפּיר און אויפגעהויבן דעם זאַמד, דעם שטויב, פּאַפּירן און פאַרשיידענעם אָפּפאַל, שמייסנדיק עס זכריהן אין פּנים אַריין.

זכריה מיט זיידמאַנען האָבן זיך געאיילט אַ היים. דער אויטאָבוס האָט געמוזט פאָרן זייער לאַנגזאַם, ווייל אין געדיכטן שטויב האָט דער נהג (שאָפער) נישט געזען דעם וועג. ער האָט געזידלט דאָס וועטער מיט די עולים־חדשים צוזאַמען, בײַדן האָט עס דער טיול אַהער אָנגעבראַכט!

אין שטוב האָט רעניאַ געמאַכט טיי. און טאַקע בעת אָט דעם טייטרינקען, האָט זיך דערהערט אַ האַלדיקער געפּויק אין די פענצטער־

שוי׳בן, וואָס מען האָט צוליב דעם שטורעם פֿאַרמאַכט. און אין טונקעלן אָוונט־בלוי האָבן זיך שוין די שויבן געוואַשן מיט שווערע, מאַסיווע שטראָמען וואָס האָבן, דורך די צעטריקנטע פּראַמוגעס, אַריינגעפּלייצט אין שטוב אַריין. אַזוי האָט עס שוין גערעגנט אַ גאַנצע נאַכט און צומאָרגנס — אַ גאַנצן טאָג.

עס האָט זיך געשטעלט דער ארץ־ישראלדיקער ווינטער.

פֿאַר זכריהן, וועלכער איז געוווינט צו אַ ווינטער מיט טרוקענע, שרפֿהנדיקע פֿרעסט, מיט גליטשן, אייז־צעפּ און סקריפּענדיקע שנייען, האָט אָט דער ישראל־ווינטער אויסגעזען ווי חוזק, ווי אַ קינדער־שפּיל... און אינדעראמתן, מאַלע וואָס עס רעגנט? — אין וואַרשע רעגנט דאָך אין סאַמע מיטן זומער... און אַפֿילו דאָ — עס רעגנט און עס שיינט די זון... עס רעגנט און עס איז הייס! און אַז עס הערט אויף אַ שעה צו רעגענען, ווערט דאָך אַ חמימה און אַ פֿאַרעניש! — אויך מיר אַ ווינטער!...

און אַז אין אָט דער חמימה און פֿאַרעניש האָט זיך זכריה אַריינגעכאַפּט קיין תל־אביב, האָבן אים די וותיקים, די אַלטע תושבים דאָ, איבער־ראַשט: אַלע טראָגן זיי שווערע מאַנטלען און ציטערן פֿון קעלט... אים, זכריהן, איז צו שווער זיין לייכטער רעגן־מאַנטל. שטייט ער אַ צעשפּילע־טער און לאַכט פֿון זיי:

— אַ פֿראָסט, האַ?... סיביר?...

אָבער אַן אַלטער תושב ענטפֿערט אים רויִק און זאַכלעך:

— איר זענט אַן עולה־חדש, פֿילט איר נישט די קעלט. די ערשטע צוויי־דריי יאָר דאָ אין לאַנד האָבן מיר עס אויך נישט געפֿילט. ערשט שפּעטער, ביסלעכווייז, הייבט מען עס אָן צו פֿילן... אין אַ דריי, פֿיר יאָר אַרום וועט איר שוין נישט לאַכן פֿון אונדז!... אין אַ דריי־פֿיר יאָר אַרום, ווינטערצייט, וועט איר אַליין שוין בענקען נאָך אַ גוט פֿוטערל!...

— אַזוי?...

— אַזוי־ אַזוי!... אויב איר האָט אַ גוט פֿערדל, פֿאַרקויפֿט עס נישט! האַלט עס!...

זכריה איז נאָך אַלץ נישט זיכער געווען, צי דער ייִד מיינט עס ערנסט, אָדער ער שפּאַסט פֿון אים. וואָרעם עס איז דאָך פֿאַרט אויסטערליש: ווי קען דאָס איינער צעשמאָלצן ווערן פֿון היץ אין דער זעלבער צייט, ווען אַ צווייטער ציטערט פֿון קעלט?... אָט שטייט ער אַליין אַ צעקנעפּלטער, אַ צעשפּילעטער און פֿילט ווי עס פֿאַרעט אים די פּלייצע און שוויס־שטראָמ־לעך רינען אים אונטער די אָרעמס און אַנטקעגן אים שטייט אַ ייִד געטור־ליעט אין זיין מאַנטל, מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער און קלינגט מיט די ציין!...

נאָך אַ קאָמישערן איינדרוק האָבן אויף זכריהן געמאַכט די תל־אביבער וווינונגען און דווקא די פּאַרמעגלעכע, דאָרט ווו ער טראָגט זיידמאַנס טייערע סחורות צום פּאַרקויפן. קיין קאַכל־אויוונס, ציגל־אויוונס, אָדער אייזערנע אויוונס, ווי אין וואַרשע און ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע, זענען דאָ נישטאָ. מען הייצט דאָ נישט. אַפילו קיין קיך, ווי אין דער גאַנצער וועלט, צום הייצן מיט קוילן אָדער האָלץ, איז דאָ נישטאָ. מען קאָכט אויף „פּרימוסן" און אויף נאַפט־מאַשינקעס. נאַפט־לאָמפּן מיט קנויטן. און אויך די צימערן דערוואַרעמט מען מיט אַזעלכע גרעסערע נאַפט־לאָמפּן, וואָס מען רופט דאָ נאַפט־אויוונס. די „אויוונס" רויכערן, קאָפּטשען, עס פילט זיך נאַפט און טשאַד, צוליב וואָס מען מוז דאָ האַלטן אָפן אַ פענצטער. אָבער אנשטאָט דער טשאַד זאָל אַרויסגיין, גייט אַריין אַ קעלט, אַ נאַסער ווינט און אַ דין־זיפּנדיקער רעגן, וואָס עסט זיך אין לייב אַריין. די שטוב־מענטשן זיצן געטוליעטע אַרום די נאַפט־אויוונס און ציטערן פון קעלט.

— אַ שווערער ווינטער היינט! — זאָגט מען אים.

און זכריה פרעגט:

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, צו וואָס טויג אייך דער לאָמפּ מיטן טשאַד? לעשט אים אויס און פאַרמאַכט דאָס פענצטער, וועט דאָך אייך זיין טרוקן און וואַרעם...

קוקט מען אים אָן, ווי ער וואָלט געווען אַ חסר־דעה:

— ווו פילט איר טשאַד? דאָס איז דאָך אַ פּאַטענט־אויוון, תוצרת־האַרץ! זעט וואָס פאַר אַ בלויער פלאַם!... דאָס זענען דאָך „ביבליצעס" קנויטן! זיי קאָפּטשען נישט!...

— צו וואָס זשע האַלט איר אָפן דאָס פענצטער?...

— עס זאָל אַריין פרישע לופט.

— איז אייך וואַרעם, הייסט עס... וואָס זשע ציטערט איר?...

— נו, עס איז דאָך ווינטער...

דערפאַר אין די אָוונטן, איז שוין די תל־אביבער איינוווינער פריילעכער און וואַרעמער ווי זכריהן.

נאָך אַ גאַנצער רייע נצחונות אויף די שלאַכטפעלדער און זינט עס איז אָפּגעשטויסן געוואָרן די געפאַר פון לופט־אַנגריפן אויף דער שטאָט, איז תל־אביב צוריק ליכטיק געוואָרן. עס ברענען שוין ווידער, און נאָך העלער, די עלעקטרישע לאָמפּן אין די הייזער, עס זענען שוין ווידער באַלויכטן די שויפענצטער פון די געשעפטן און פאַרשיידנקאָליריקער נעאָן־ליכט מיניעט און בלענדעט אַרום די גרויסע סינעמאַ־רעקלאַמען. און אַז

עס איז דאָ עלקעטרי, איז אויך טעטיק דער ראַדיאָ. הערט מען נייעס, הערט מען מוזיק. דאָס אַליין מאַכט שוין וואַרעמער און היימלעכער אין רעגנדיקע ווינטער־נעכט.

אין דזשעבעליאַ איז נאָך קיין עלעקטריש ליכט נישטאָ. שוין אַ האַלב יאָר ווי מען האַלט דאָ אין איין קאָנטראָלירן די סלופּעס, די עלעקטרישע דראָטן, זייגערס און אינסטאַלאַציע־איינריכטונגען, שוין אַ האַלב יאָר ווי מען שרייבט און מען מעקט און מען מאַכט קאָנטראַקטן. מען זאָגט כסדר צו „מאָרגן־איבערמאָרגן" און דערווייל שטאַרצט דזשעבעליאַ אין פינצ־טערניש. אין די שטיבער קאַפּטשען בלייכע נאַפּט־לעמפּלעך, קאַפּט־שען אויפן געמיט, קאַפּטשען אין דער נשמה. קיין ראַדיאָ איז נישטאָ, קיין טעלעפאָן איז נישטאָ, נאָר אומעט און מרה־שחורה. און אַנשטאָט מוזיק — די קולות פון זיך קריגנדיקע שכנים. זכריה וואָלט גערן געפאָרן קיין תל־אביב פאַרברענגען דעם אָוונט, איז אָבער דאָס פאָרן אַליין אַ ביטער אַפּקומעניש. יעדער אויטאָבוס פון „דרום־יהודה" איז אַ גיהנום און די שאָפערן — מלאכי־חבלה! דערצו נאָך גייט אָפּ דער לעצטער אויטאָבוס אַרום האַלב־צוועלף אינאָוונט און מען קען נישט באַוויזן צו זיין אין אַ סינעמאָ, אָדער טעאַטער.

און ביינאַכט איז טאַקע קאַלט. דאָס הויז איז נישט געשיצט פון ווינט מיט קיין גאַסן הייזער. עס שטייט נישט אין צענטער שטאָט, נאָר ביים סאַמע באַרג־אַראָפּ צום ים צו. דער ים־ווינט נעמט עס אַרום פון אַלע זייטן, רייסט די קרעכצנדיקע לאָדנס, טירן־פענצטער און פאַטשט מיט מאַסיווע רעגן־שטראָמען אין די שוואַרצע שויבן. עס נעצט דער סופיט און עס נעצן די מערב־ און צפון־ווענט. אין שטוב איז טאַקע נישט קיין טרוקענער פראָסט, אָבער די ווילגאָטנעקייט, אַ פייכטע קעלט, וואָס זכריה רופט עס „אַ זשיאַמב". ער ליגט אין בעט אונטער אַ מיליטערישן קאָץ, מיטן מאַנטל פון אויבן פאַרוואָרפן, און קאָן נישט איינשלאָפן. דער „זשיאַמב" קריכט אים אין די ביינער אַריין. כאָטש טיר און פענצטער זענען צוגעמאַכט, פילט ער, אַז עס שפּאַצירן אַרום ווינטן אין צימער. ער צינדט אָן אַ שוועבעלע און עס לעשט זיך אויס. ער צינדט אַזוי לאַנג, ביז עס געלינגט אים און ער פאַררויכערט. ער רויכערט אַ האַלבע נאַכט און הערט זיך צו צום ווינט־ און ים־גערויש. אים דוכט זיך, אַז די כוואַליעס רייסן שטיקער באַרג, שווענקען אים אונטער. אָט באַלד, און דאָס גאַנצע הויז וועט אונטערגעשווענקט ווערן און וועט זיך אַראָפּקייקלען אין צע־שטורעמטן, פינצטערן ים!

צומאָרגנס באַגינען לויפט זכריה אַ צעשראָקענער צום ים־ברעג. ער מוז זען וואָס דאָרט איז געשען. די כוואַליעס האָבן טאַקע אונטערגעשווענקט

און אַוועקגעריסן דיקע באַרג־מאַסיוון. ריזיקע סקאַלעס וואָס האָבן געשטאַרצט פון באַרג־שפּיץ אָדער געהאָנגען איבערן באַרג־אָפּריס מיט שטיינערנער זיכערקייט, זענען טאַקע אַרונטערגעשמעטערט געוואָרן און ווערן איצט געלעקט און געוואַשן פון שוימיקע כוואַליעס, ווי פון סטאַיעס וועלף וואָס שפּרינגען איבער זיי. אָבער ביז צו זיין הויז איז נאָך גענוג ווייט!... ער קען נאָך שלאָפן רויִק נישט איין ווינטער!...

אויך זיידמאַן פאַרט נישט איינאָוונט קיין תל־אביב. אין שטוב, אָבער, קען ער אויך נישט איינזיצן. דער באַלעגאָלע פאַרעט זיך כסדר אַרום זיין בן־יחיד. דאָס פערדל האָט זיך צעקלאַפּט אַ קני און הינקט נעבעך... קיין שטאַל האָט ער אים נישט צוגעגרייט פאַרן ווינטער. דער רומענער האָט אויך געמיינט, אַז קיין רעגן וועט דאָ קיינמאָל נישט קומען און דאָס פערדל וועט ווייטער נעכטיקן אויפן הויף, אונטערן פרייען הימל.

— נו, און ווי קען מען לאָזן אַ צאַרבעלע־כאַיע (צער־בעלי־חיים) אויף אַזאַ רעגן, האַ? — פרעגט ער זיידמאַנען, זוכנדיק זיין יושר — און עס איז דאָך קראַנק אויך. מען מוז דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ דייטש, פון אַ מאַלעק! (געמיינט: עמלק...) די גאַנצע משפחה איז מיר אַוועק אין אויוון אַריין! איצט האָב איך נאָר אים... — ווייזט ער אויפן פערד אוןווישט זיך מיטן אַרבל אַ טרער.

איז שוין דאָס פערד געבליבן וווינען אין דורכגאַנגס־האָל, צווישן די אייז־קעסטלעך און קיך־טישלעך. אמת, בלויז ביז איבער די רעגנס, אָבער דערווייל הירזשעט ער, קלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס, בלאָזט מיט די נאָזדרעס און מיסטיקט. דער גערוך פילט זיך אין די צימערן. און אַז עס פאַרגלוסט זיך אים ביינאַכט, גיט ער אַ זעץ אין אַ טיר, פּראַלט עס אויף און שפּאַצירט זיך אַריין צו גאַסט...

מען קען נישט זאָגן, אַז זיידמאַן זאָל זיין געוואַלדיק צופרידן פון אָט די ביינאַכטיקע פערדישע וויזיטן. אָבער ביינאַכט האָט ער קיין ברירה נישט. ער וועט דאָך דערפאַר נישט אַרויסלויפן פון בעט. בפרט נאָך, ווען דער אייפערזיכטיקער באַלעגאָלע לויפט תיכף נאָך זיין צעלאָזענער קליאַטשע און שלעפּט איר צוריק אַרויס פון זיין צימער. אָבער אַפילו אַ גאַנצן אָוונט איז זיידמאַנען אָט די פערדישע געזעלשאַפט נישט זייער אינטערעסאַנט און ער כאַפּט זיך בעסער אַריין צו זכריהן אויף אַ גלעזל טיי, אַ קערטל און אַ רכילותל...

אמת, ביי זכריהן אין שטוב איז אויך פאַראַן אַ פערד מיט פּאָדקאָוועס. דער פערד איז אַ צוויי־פיסיקער און הייסט טשיזשיק. אַנשטאָט די אַנדערע פאָר פיס, האָט ער אַ פאָר ידים וואָס טראַסקען מיט די טירן. צוליב די רעגנס גייט ער נישט צו דער אַרבעט, כאָטש קיין קניעלע האָט

ער זיך נישט צעקלאַפּט, חלילה. אָבער דערפאַר אַרבעט ער אין שטוב: ער „אַרבעט מעשים״. אין וואַנע־צימער איז עס נישט אַריינצוגיין. זכריה זאָגט, אַז דאָרט איז אַ נאַסטאַיאַשטשער חזיר־שטאַל. רעניאַ ראַמט און ראַמט און קען פון אים נישט דערראַמען. אָן אַ גאַל איז זי, די רעניאַ. כאָטש לייביש זאָגט, אַז זי מעג שוין זיין אָן נאָך עפּעס אויך, די כּעלעמער גאַליציאַנערין! זי ראַמט פון טשיזשיקן און זאָגט אים קיין וואָרט נישט דערפאַר. און אַז עס קומט אים אָן דאָס משוגעת און ער נעמט טראַסקען מיט די טירן, לויפט זי תיכּף אַריין צו אים און באַרויקט אים „מיט גוטנס״ עס ווערט טאַקע תיכּף שטיל, אָבער, שוין צו שטיל, פאַרדעכטיק שטיל. אַ שטילקייט, בעת וועלכער לייביש בייסט זיך די נעגל פון די פינגער און ווערט בלייך ווי די וואַנט. זכריה זעט עס. עס צופּט אים ביים האַרצן און עס הויבט אים פון אָרט. אַפילו זיידמאַן באַמערקט עס און שמייכלט דערביי אַ ציניש שמייכל. ער ווינקט צו זכריהן, אָבער זכריה מאַכט זיך נישט זעענדיק און נישט פאַרשטייענדיק...

רעניאַ קומט אַרויס פון טשיזשיקן אַ צעשמייכלטע, אַ צעשטראַלטע, ווי אַ בערן־דרעסירערין אויף אַ צירק־אַרענע. זיידמאַן קוקט איר אָן און רוימט איין זכריהן אויפן אויער:

— מיין רומענער נעמט אויך אַזוי איין זיין פערדל, ווען עס צעבריקעוועט זיך... ער גיט אים אַ קוש אין די פייכטע נאָזדרעס, באַרויקט ער זיך... אָבער מיסטיקן, מיסטיקט ער ווייטער... און קלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס...

אַז רעניאַ דערזעט ווי לייביש שטייט מיט דער פּלייצע צו איר און בייסט זיך די נעגל, פאַרשטייט זי שוין וואָס דאָס באַטייט. זי גנבעט זיך צו צו אים אויף די שפּיץ־פינגער און לייגט אים אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל. לייביש גיט זיך קאַפּריזנע אַ טרייסל אָפּ פון איר.

— וואָס? דו ביסט גאָר בייז, מיין יינגעלע?... — פרעגט זי מיט שעלמישער קאָקעטעריע.

— ניין, איך בין גימל... מיין אומשולדיק מיידעלע... — ענטפערט לייביש איראָניש.

— נו, טאָ קום אַהער, וועל איך דיך איבערבעטן...

— איך דאַרף נישט קיין איבערבעטן!

— נאָר וואָס דאַרפסטו יאָ?...

— דו ווייסט שוין וואָס איך דאַרף!

— ניין, איך וויים נישט... איך זאָל אים לאָזן קלאַפּן מיט די טירן?... נו, גוט. וועל איך אַריינגיין אים זאָגן...

— גיי, גיי!

— ביזט, הייסט עס, בייז דערפאַר וואָס איך באַרויִק אים?...

— אויפן גנב ברענט דאָס היטל!

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— דו, כעלעמער גאַליציאַנעריק, ווייסט שוין גוט וואָס איך מיין!

— קינדער, קינדער!... — זאָגט זכריה און הייבט זיך אויף פון טיש.

ער שעמט זיך פאַר זיידמאַנען און וויל אַליין אויך נישט בייזיין די פיינלעכע אייפערזוכט־סצענע מיטן דורכוועבלען זיך. „פון דעם קאָרן וועט שוין קיין ברויט נישט זיין! — טראַכט ער זיך — עס איז נישט קיין פּאָר. זיי וועלן קיין זעקל זאַלץ צוזאַמען שוין נישט אויפעסן!"

זכריה גיט אַ ווונק צו זיידמאַנען און זיי גייען ביידע אַריין אין צווייטן צימער. זיי זעצן זיך דאָרט צום טיש און נעמען ווידער טאַשן די קאָרטן, אָבער קיין חשק צום שפּילן איז שוין מער נישטאָ. זכריהן איז עפּעס שטויביק אויף דער נשמה, זאַמדיק אויפן האַרצן. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט אויך אָט דעם זאַמד אין דער קעל, אויפן גומען, צווישן די ציין. זיידמאַן פּילט עס און פאַרשטייט. ער מיידט אויס צו רעדן וועגן דעם, אָבער די סצענע טשיזשיק־רעניאַ־לייביש אַסאָציאירט זיך אים מיט עפּעס אַנדערש. אויך וועגן אָט דעם „עפּעס אַנדערש" וויל ער איצט נישט רעדן, אָבער ער איז אַ היציקער סוחר און עס כאַפּט זיך ביי אים אַרויס:

— און וואָס איז מיט אייער פרוי? איר פרוווט עפּעס קומען צו אַ טאָלק?...

ביי זכריהן גיט קוים אַ ציטער אַ נערוו אויף דער לינקער באַק, אָבער ער ענטפערט רויִק:

— דערוויל נישט. איך האָב וויכטיקערע זאָרגן... — שמייכלט זכריה ווי וועגן עפּעס אַ קלייניקייט, וועגן וואָס עס לוינט זיך נישט צו רעדן. אָבער אין זיך שמייכלט ער נישט, נאָר ער לאַכט: אַ געלעכטער מיט „יאַשטשערקעס"...

— און איך האָב געמיינט, אַז איר האָט שוין לאַנג געענדיקט...

— וואָס איז דער געאײַל?

— און וואָס איז דאָס אָפּשלעפּעניש?

— איך האַלט דען ביי אַ שידוך?...

— פאַרוואָס נישט?...

— עט!...

זכריה פילט, אַז זיידמאַנס פרעגן איז נישט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. ער דערקענט אָן אים, אַז עפּעס ווייסט ער און האָט וואָס צו דערציילן. אפשר דאַרף מען אים אַ צי טון ביי דער צונג? — אָבער ניין, זכריהן פּאַסט נישט אַרויסצווייזן אַז ער איז אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער

טראַכט זיך: אויב זיידמאַן האָט וואָס צו דערציילן, וועט ער עס דערציילן אומגעבעטנערהייט...

זיידמאַן, אָבער, הייבט גאָר אָן צו רעדן וועגן דעם רעגן: מען האָט דאָ געוואַרט אויפן רעגן, ווי אויף אַ ברכה פון הימל און געקומען איז ער ווי אַ קללה. בלויז אומגליק האָט דער רעגן געבראַכט, מער גאָרנישט. די עולים־לאַגערן זענען פאַרפלייצט. דער ווינט האָט אַראָפּגעטראָגן די געצעלטן. טויזנטער משפחות וואַלגערן זיך איצט, אין אָט אַזעלכע הינטישע נעכט, ממש אויף דער גאַס! אַ טייל קינדער האָט מען אַריינגענומען אין די קיבוצים און אין אַ סך פּריוואַטע הייזער, אויף איבערן ווינטער. אָבער קיין עלטערע מענטשן וויל קיינער נישט נעמען. מען האָט מורא, אַז זיי וועלן נאָר אַריין מיט איין פוס, וועלן זיי שוין צוריק נישט אַרויס... און אין יפו ווייסט איר דאָך וואָס עס איז געשען: עטלעכע הייזער זענען איינגעפאַלן! אַראַבישע חורבות! מען האָט די מענטשן געוואָרנט, אַז אין די הייזער זאָל מען נישט וווינען, עס איז געפערלעך. עס זענען דאָ ריסן, שפּאַלטן אין די ווענט. אָבער אַז מען האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, קוקט מען נישט. מען כאַפּט דירות, כאַפּט מען! איצט זענען דאָ קרבנות! און צוריק גערעדט: ווייקן זיך אונטערן רעגן אין בית־עולים־געצעלטן און קריגן אַ לונגען־אָנצינדונג, איז דען נישט געפערלעך? אַפילו איצט וויל מען דאָך נאָך נישט פאַרלאָזן די איבעריקע באַדראָטע הייזער, וואָס האַלטן ביים איינפאַלן. וואָרעם וווהין זאָלן זיי גיין? און אין דזשעבעליאַ גופא איז דען בעסער? — נישטאָ דאָ כמעט קיין הויז, ווו עס זאָל נישט אַריינרעגענען. אומעטום נעצן די דעכער, די ווענט. מיט דער קאַנאַליזאַציע איז גאָר אַן אומגליק! אַז עס איז אינגאַנצן קיין קאַנאַליזאַציע נישטאָ! אַראַבער ווייסן נישט פון אַזעלכע איינריכטונגען. דזשאָרעס האָבן זיי דאָ געמאַכט. דאָס זענען גריבער אַזעלכע. און די דזשאָרעס זענען שוין איבערפולט. גאַנצע גאַסן זענען שוין פאַרפלייצט מיט שמוץ און עס עיפּושט. עס קען ווערן אַן עפּידעמיע. אָבער רעד צו דער וואַנט! — מען קומט נישט פאַרריכטן, מען קומט נישט אויסשעפּן, מען קומט נישט אויסרייניקן. די סאַניטאַר־קאָמיסיע שלאָפט, אָדער מאַכט זיך געפּגרט און דער „אַפּוטרופּוס" ווייסט נאָר צו מאַכן קאָנטראַקטן און נעמען געלט!

און פאַרענדיקט האָט זיידמאַן דערמיט וואָס זיין שוועסטער, פּאַניעטשקאַ, די קאָסמעטיקערין מיט די פּאָר גאָלדענע הענט, וואָס קען מאַכן די גרעסטע קאַריערע... אָט די, מיט וועלכער ער האָט זכריהן ערשט פּאַריקע וואָך באַקאַנט... שוין איינמאָל אַ מויד, האַ?... זי האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געפּרעגט אויף אים...

— גיט איר אָפּ אַ גרוס פון מיינעטוועגן... — שמייכלט זכריה.

— אַ דאַנק. נו, און דעם „יודאַנער" האָט איר שוין געזען?

— פינקעלשטיין? יאָ. אַ טייערער ייד! יענעם אַ טובה צו טון, איז ער גרייט צו לויפן איבער גאַנץ תל־אביב!...

— אַן אונדזעריקער... אַ משלנודיקער... שוין אַזויפיל יאָרן אין לאַנד און נישט קאַליע געוואָרן!... נישט געוואָרן קיין וותיק, קיין סאַברע!... נו, איז?...

— ער זוכט פאַר מיר אַ לאָקאַל. מאָרגן דאַרף איך זיין ביי אים, וועלן מיר גיין עפּעס אָנקוקן.

— אַהאַ. נו, גוט. אַז מיר וועלן זיך טרעפן צוויי אַזייגער, וועט איר שוין האָבן נייעס... אַלזאָ, צוויי אַזייגער, אין קאַפע ראָטשילד.

— זיצט נאָך אַ ביסל. וואָס איילט איר זיך?

— עס איז שוין שפּעט. איך וויל אים נישט איבערוועקן...

— דעם פערד?...

— דעם רומענער. עס איז אַלץ איינס...

**
*

פינקעלשטיין איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, מיט אַ גלאַט־געראַזירט געזיכט. אָבער ווען מען הערט אים רעדן עטלעכע מינוט, הייבט זיך אָן צו דאַכטן, אַז מען האָט פאַר זיך אַן עלטערן יידן מיט אַ הדרת־פּנימדיקער באָרד. ער האָט אַ העלן, לומדישן שטערן און אַ פּאָר טונקעלע, סענטימענטאַלע אויגן. ער רעדט אַ זאַפטיקן יידיש פאַר־ווירצט מיט פאָלקס־ווערטלעך, פּסוקים, מגידישע משלים, סוחרישע אַנעק־דאָטן, ציטאַטן פון משה נאַדיר און אייגענע חכמהלעך. דערצו האָט ער זיך זיינעם אַן אייגענעם זשאַרגאָן: אַ ייד הייסט ביי אים „אַ יודאַנער". אַ יידענע — אַ „יודאַנערין". אַ קונד איז אַ „קונדס", ביזנעס זענען ביי אים „בזיונות", מעבל איז ביי אים „מבול" און געלט איז ביי אים גאָר „קלאַנג־פילם"...

געוועזן איז ער אַ סוחר, געזאָלט ווערן אַן אַקטיאָר און געוואָרן איז ער גאָר אַ סטאָליער, אַ מעבל־פאַבריקאַנט. ער האָט אַ כוח־הדיבור, אַ טאַ־לאַנט צו רעדן מיט זיינע „קונדסעס". ער אַליין רופט עס: „פּיסק־מלאכה" און ער זאָגט אויף זיך, אַז ער איז „פון קאָפּ ביז די פיס, אָנגעשטאָפּט מיט תירוץ"... און ווייל דאָס אַקטיאָרישע בלוט קאָכט אין אים, שפּילט ער „טעאַטער" פאַר זיינע קונדסעס און יודאַנערינס. מעגן זיין די בעסטע אָפּערטעס פון זיינע גרעסטע קאָנקורענטן, אָבער אַז ער, פינקעלשטיין, גיט אַ קום אַריין מיט זיין „פּיסק־מלאכה" און גיט אַ שיט אויס אַ זאַק

מיט „תירוץ״, גייט ער שוין נישט אַרויס מיט לײדיקן: ער קריגט די באַ־שטעלונג מיט „קלאַנג־פילם״ האַנטגעלט...

ער האָט שוין דאָ אין לאַנד געפּאַקט און געמאַזלט און „געפּאַקט און געמזלט״ (געמאַזלט)... געמאַכט פאַרמעגנס און פאַרלוירן, געווען אַן אַר־בעטער ביי יענעם און האָט זיך איצט זיין אייגענע פאַבריק. אַן אַרבעט־זאַמער מענטש. שטייט אַליין ביי דער מאַשין און דערלאַנגט צו דער האַנט אַ דריי־פיר אַרבעטער. און כאָטש ער שטאָלצירט מיט זיין יעדן נייעם מאָדעל, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט אין די גרעסטע מעבל־געשעפטן, — האָט ער אָבער מער פאַרגעניגן פון גאַנץ אַנדערע ענינים: ער איז גרייט אוועקצוּוואַרפן די ברענענדיקסטע אַרבעט, ווען מען רופט אים צו זיין אַ בורר, צו זיין אַ מבין ביים אויסקלייבן אַ נייעם חזן אין בית־מדרש, צו זיין אַן עקספּערט אין אַ פּאַך־סיכסוך, אָדער אַן עדות אין בית־דין. צו הערן אַ גוטן חזן, אָדער מגיד, איז ער גרייט צו לויפן אינמיטן דער נאַכט.

דעם נאָמען קאַרלסבאַך קען ער נאָך פון פוילן. און וועגן זכריהס אַלע איבערלעבענישן און טראַגעדיעס, האָט אים שוין זיידמאַן דערציילט. פינקעלשטיין האָט טויזנט מיט דרייצן עצות, ווי אַזוי אַרויסצונעמען זכריהס באַגאַזש פון פּאָרט. ער האָט דאָרט אויך באַקאַנטשאַפט און פּראָטעקציע. קיין פאַרבינדונגען פעלן אים נישט אין גאַנצן לאַנד. און וואָס שייך אַ פאַבריקס־לאָקאַל פאַר זכריהס דרוקעריי, — זאָל אַזוי פעלן פאַר אַן אלמנה אַ גוטער שידוך!... זאָל אַדון קאַרלסבאַך קומען מאָרגן, וועט ער שוין האָבן פאַר אים אַ קלאָרע תשובה.

זכריה איז געקומען צומאָרגנס און פינקעלשטיין האָט אים טאַקע די קלאָרע תשובה געגעבן:

— אַדון קאַרלסבאַך, איך האָב עפּעס פאַר אייך... יגעתי־מצאתי...

— און איר מיינט, אַז עס וועט פּאַסן פאַר מיין דרוקעריי?

— צי עס וועט פּאַסן?... ווי פלעגט זאָגן דער שעדלעצער שדכן: „איך האָב נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַרומגעטאַפּט די זאַך און געזען, אַז עס פּאַסט״... אַ צען לאָקאַלן האָב איך אָנגעקוקט און דער איז ווי פאַר אייך געבוירן געוואָרן. פערציק טעג איידער איר זענט געקומען אין לאַנד אַריין, איז אין הימל אויסגערופן געוואָרן: „הלאָקאַל בת פלוני לבן פלוני״... פאַר זכריה קאַרלסבאַך, הייסט עס... עס איז טאַקע דאָ נישט ווייט, אין דער געגנט פון הרצל־סאַלימע.

— קען מען רעדן מיטן באַלעבאָס?

— יאָ. נאָר מען דאַרף האָבן צו אים אַ געזונט האַרץ, אַ בוזעם מיט תירוץ און אַזאַ קאַסטן מיט פּיסק־מלאכה... דאָס איז יענער יודאַנער! מען וואָלט געמעגט ביי אים רעדן לשון־קודש...

— ער פאַרשטייט נישט קיין יידיש?

— ער פאַרשטייט יאָ. נאָר עס וואָלט נישט געשאַדט צו רעדן ביי אים לשון־קודש און זאָגן אַזעלכע ווערטער ווי: גוסס, פּטירה, קדיש, חסד של אמת, מיטה, טהרה, לוויה, צדקה תציל ממות, מצבה, אַלמנה, שבעה, קריעה וכדומה...

— ס׳איז נישט קיין סך... — לאַכט זכריה — וואָס איז ער? נישט קיין אָרנטלעכער מענטש?

— פאַרקערט. קיין כאַפּער איז ער נישט. ער כאַפּט זיך נישט צום באַצאָלן, וואָס עמעצן קומט... קלאַנג־פילם האָט ער דווקא יאָ. פונדעסט־וועגן מעג ער מקנא זיין דעם הויקער. וואָרעם זיינע הייזער מיטן קלאַנג־פילם וועט מען אים דאָך נישט מיטגעבן אין קבר אַריין. דערקעגן דעם־אָ, וועט מען דעם הויקער יאָ מיטגעבן... דערפאַר האָט ער אַ ווייייייייייב!... דאָס איז יענע יודאַנעריין! אַ שליאַמפּער באַהאַנגען מיט צירונג. אַ פאַר־שנייטער מיסט־קאַסטן. ווען זי ליגט אַ יאָר צייט אין רינשטאָק, הייב איך זי נישט אויף! און דאָס באַשעפעניש איז געקומען צו מיר מיט אַן „אַכרי־טעקט״ (אַרכיטעקט). זי האָט זיך באַשטעלט מבול... אַן „עסן־צימער״ מיט אַ „שלאָפן־צימער״, אַ באַר מיט אַ „בולבעטעק״ (ביבליאָטעק). איר האָט שוין געמעגט אָנקוקן די ספרים וואָס זי האָט דאָרט אַריינגעשטעלט! אָט אַזעלכע דיקע בענדער! אַ קאָך־בוך, איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע, אַ לאַנדאַנער טעלעפאָן־בוך, שפּינאָזאַס „עטיק״, אַ כינעזיש־פראַנצויזישן ווער־טער־בוך, בערנאַרד שאָוס דראַמעס אין ענגליש, אַ בוך וועגן צענטראָפוגע־מילך און אַ פאָר עלעקטראָטעכנישע און שלאָסער־מעכאַנישע פאַך־ביכער. זי האָט אַפילו געטעס לידער אויך, ווייסט זי נישט די מעלאָדיעס מיט וועלכע זיי צו זינגען... אָבער צום לאָקאַל האָט עס נישט. דעם לאָקאַל דאַרף מען אָנקוקן.

— קענען מיר צוגיין?

— אדרבה, איך בין גרייט...

**
*

יאָ, דער פאַבריקס־לאָקאַל איז טאַקע ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר דער דרוקעריי פון „זכריה קאַרלסבאַך עט זאָהן״, אָדער פאַר „דפוס ז. קאַרלס־באַך את בנו״, ווי זכריה רעכנט עס אויפצושרייבן אין העברעיִש.

זעט אויס, אַז דער „יודאַנער״ פינקעלשטיין האָט טאַקע נישט בלויז אויסגעזוכט און אָנגעקוקט, נאָר ער האָט עס טאַקע אָנגעטאַפּט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, און געזען, אַז עס פּאַסט...

זכריה האָט אַבעראַמאָל און ווידעראַמאָל געמאָסטן די לענג, די ברייט און די הויך פון לאָקאַל און זיך איבערצייגט, אַז בעסער קען גאָרנישט זיין. פונדעסטוועגן, ווינקענדיק צו פינקעלשטיינען מיט צופרידענער דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג, האָט ער צום באַלעבאָס, ביי וועלכן „מען מעג רעדן לשון־קודש״, אַ זאָג געטון:

— מממממאַ!... עס איז נישט אינגאַנצן אַזוי ווי איך באַדאַרף, אָבער מען קען וועגן דעם רעדן... איר פאַרשטייט? די זאַך איז אַזוי: עס איז אַ ביסל צו שמאָל. איך וואָלט געדאַרפט אַ ביסל ברייטער. אַ ראָטאַציע־מאַשין — אַ ריז!... און די גאַלעריע דאָרט, וואָלט אויך געמעגט זיין אַ ביסל העכער. און די ביורא־צימערלעך זענען דאָך גאָר קליין! שטעלט אַריין אַ לייטישן שרייב־טיש מיט אַ פּאָר שטולן, האָט איר זיך שוין נישט ווו אויסצודרייען... אָבער מילא. נו. צוליב מיר וועט איר דאָך עס נישט איבערבויען, האַ?...

— אוודאי...

— נו, ווענדט זיך עס אָן פּרייז. איינס דאַרף דאָך מיר ענטשפּרעכן: אָדער דער לאָקאַל, אָדער דער פּרייז!...

— זייער ריכטיק! — האַלט אונטער פינקעלשטיין — אָדער עס דאַרף געפעלן די כלה, אָדער איר יחוס, אָדער דער נדן... וואָרעם אַ כלה מיט אַ חסרון, אַ בעדערס אַ טאָכטער און דערצו אָן קלאַנג־פילם... נו, פאַרשטייט איר דאָך אַליין...

אָבער דער באַלעבאָס, ביי וועלכן „מען מעג רעדן לשון־קודש״, ער ווערט נישט נתפעל פון זכריהס קרימען זיך און פון פינקעלשטיינס „פּיסק־מלאכה״. ער האָט שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט, וויפל ער דאַרף „זינגען״ און וויפל ער זאָל נעמען. עס וועט נישט אַראָפּגיין קיין פּיאַסטער, אַפילו מען זאָל שפּרינגען פון דאַך. דער „פאַרשנייטער מיסטקאַסטן״, זיין ווייב, די באַלעבאָסטע הייסט עס, איז אויך דאָ דערביי. זי שטייט מיט אַ פּנים, ווי זי וואָלט נאָרוואָס אַראָפּגעשלונגען דעם ענגלישן טעלעפאָן־בוך מיטן דיקן באַנד וועגן צענטראַפּוגע־מילך צוזאַמען. פינקעלשטייך קען איר פּאָר „נאָך אַ האַרטערן בייך״ פון אים. בפרט נאָך, אַז קיין בעלנים אויף דעם לאָקאַל פעלן נישט. נאָר ווייל דעם אַקטיאָר אין אים פאַרגלוסט זיך אַ שפּיל צו טון „טעאַטער״, שלעפּט ער זכריהן פאַרן אַרבל, אַז מען זאָל שוין גיין. אַ שאָד די רייד. עס איז מער נישט ווערט. אַזעלכע מציאות וועלן זיי נאָך קריגן. אָן אַ שיעור לאָקאַלן שטייען היינט ליידיק און קיין בעלנים זענען נישטאָ. סיידן דער באַלעבאָס וועט עפּעס אַראָפּלאָזן...

— וואָס זאָל איך אייך אַראָפּלאָזן? — פרעגט בייז דער באַלעבאָס.

— דעם פּרייז וואָס איר האָט געזאָגט, קענט איר נישט קריגן. בשום

אופן נישט! — פֿאַרזיכערט אים פינקעלשטיין — פון דעם וואָס איר האָט געזאָגט מוז אַראָפּגיין כאָטש...

— וויפל? פון וועלכן פּרייז? — וווּנדערט זיך דער באַלעבאָס — איך האָב אייך דען געזאָגט אַ פּרייז? איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט געזאָגט!

— האָ? נישט געזאָגט נאָך קיין פּרייז?

— ניק! נו, אדרבה, וויפל?...

ווייזט זיך אַרויס, אַז מען דינגט זיך שוין אַ האַלבע שעה צייט, אָן אַ פּרייז... דער באַלעבאָס האָט נאָך גאָרנישט געזאָגט און פינקעלשטיין דינגט זיך...

— נו, זאָגט: וויפל האָב איך אייך געזאָגט? — שטייט צו דער באַ־לעבאָס.

אָבער פינקעלשטיין בלייבט שוין ביי זיינס:

— יאָ געזאָגט, נישט געזאָגט, עס איז צו טייער! עס מוז עפּעס אַראָפּ־גיין!... אַנישט ווערט גאָרנישט ווערן פון געשעפט. קומט אַדון קאַרלסבאַד!...

פינקעלשטיין ציט קאַרלסבאַכן פאַרן אַרבל, אָבער קאַרלסבאַד איז עפּעס געוואָרן שווער און רירט זיך נישט פון אָרט: צווישן דעם באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, האָט זיך אַריינגעליטשט אַ קופּער־האָריקע דאַמע מיט בורשטינענע אויגן און אַ הויך־אונטערגעהויבענעם ביוסט. זי רעדט ענג־ליש, טוליעט זיך צו דער באַלעבאָסטע, שמייכלט צום באַלעבאָס און נעמט דערביי די אויגן נישט אַראָפּ פון זכריהן. מען שטעלט זי אים פאָר: אַ קו־זינקע, אַ גאַסט פון קאַנאַדע, אַ קאַנאַדער בירגערין, האָט דאָרט אַ הויז און אַ פאַבריקל פון דאַמען־טאַשן. אַ פּאָפּולערע פירמע אין מאָנטרעאַל. שוין דריי יאָר אַן אַלמנה... געקומען אַלס טוריסטין, אָנקוקן דאָס ייִדיש לאַנד...

אמת, אָנשטאָט אָנקוקן דאָס ייִדיש לאַנד, האָט זי דאָ שוין אָנגעקוקט אַרום אַ טוץ מענער, געררעדטע שידוכים און איצט קוקט זי אויף זכריהס וואָנצעס. די עלעגאַנטע, שטייפע וואָנצעס זיינע האָבן, „פון דעם ערשטן אויגנבליק" געפאַנגען איר אַלמנהיש האַרץ... זי לאַכט מיט די בורשטי־נענע אויגן, קנייפּט דער באַלעבאָסטע און שטורכעט דעם באַלעבאָס מיט אַ מאַניקירטן פינגער אונטערן אָרעם, אַז מען זאָל נאָך אונטערהאַנדלען... ער זאָל עפּעס אַראָפּלאָזן, דער קונה זאָל עפּעס דערלייגן און מען זאָל אַדורכקומען. מען איז דאָך עפּעס ייִדן אין אַן אייגן ייִדיש לאַנד נאָך צוויי טויזנט יאָר!... עס איז דאָך אין איזראַעל... דאַרף מען אַדורכקומען...

און כאָטש פינקעלשטיין האַלט זיך נאָך אַלץ ביי זיינס: אַז פריִער מוז דער באַלעבאָס אַראָפּלאָזן. אַז דעם פּרייז, וואָס ער האָט נאָך נישט געזאָגט, קען ער נישט באַקומען, ווייל עס איז צו טייער... — בלייבט אַז, מערצע־

שעם זונטיק, וועט מען זיך ווידער טרעפֿן און פֿאַרענדיקן אָדער אַהער, אָדער אַהין. די קופּער־האַריקע קאַנאַדערין מיט די בורשטינענע אויגן און שטענדערדיקן ביוסט לייגט זיך אַליין פֿאַר צו זיין די פֿאַרמיטלערין. אָן פּראָצענט, פֿאַרשטייט זיך... זי וויל דאָ נישט קיין מעקלעריי... עס איז דאָך איזראַעל, דאָס הייליקע לאַנד, נאָך צוויי טויזנט יאָר... זי וויל בלויז, אַז ייִדן זאָלן אַדורכקומען צווישן זיך...

— ווי געפֿעלט זי אייך? — פֿרעגט זכריה פֿינקעלשטיינען, אַרויס־גייענדיק אויף דער גאַס.

— דער פֿאַרשנייטער מיסטקאַסטן?...

— ניין... דאָס קאַנאַדער אַלמנהלע...

— מממאַ... בשעת הדחק, קען אַזוינס אויך צונוץ קומען...

— נאָר בשעת הדחק?...

— הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַדון קאַרלסבאַך: צווישן שלמה־המלכס טויזנט ווייבער, האָט זיך אַזאַ איינע אויך געקענט אַרומדרייען. ווע־מען אַרט עס?... אָבער היינטיקע צייטן, ווען אַ ייִד מעג האָבן נאָר איין ווייב און דאָס איז אויך צו פֿיל!... נו, פֿרעג איך אייך?...

— זייער גוט געזאָגט... כאָטש איר זענט בלויז טיילווייז גערעכט... און איך מיין, אַז דורך דער קאַנאַדערין, קען מען קוועטשן דעם באַלע־באָס... דעם פּרייז מיין איך...

— אָ, אָט דאָס, זעט איר, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש!... האָט איר דאָך באַלד געקענט זאָגן, אַז איר מיינט נישט איר, נאָר איר מיינט ס׳געע־שעפֿט!...

— המ... מיין באָבע פֿלעגט זאָגן, אַז פֿאַר פּרנסה־לעבן מעג מען אַפֿילו טאַנצן מיט יאַשעק־לעבן... און אַז דאָס אַלמנהלע וועט זיך אַריינ־לייגן צווישן אונדז און דעם באַלעבאָס, וועט מערצעשעם ווערן פֿון עסק...

— מיטן אויבערשטנס הילף... כעכעכעכע...

זכריה האָט זיך געוויצלט, אָבער דער קאָפּ האָט אים גוט געדרייט: ווו קריגט מען הלוואות? ווו קריגט מען זשיראַנטן? ווי פֿעדעמט מען דאָ איין? — עס איז געווען אַ וויצלען זיך, צו פֿאַררעדן זיך אַליין די ציין...

אמת, דאָס זענען שוין געווען גאָר אַנדערע זאָרגן. נישט די זאָרגן וואָס צעברעכן און אַנטמוטיקן, נאָר פֿאַרקערט: זאָרגן וואָס קרעפֿטיקן, וואָס צווינגען זיך אונטערצוגאַרטלען און נעמען זיך אין די הענט אַריין. זכריה האָט זיך איצט דווקא דערפֿילט אָנגעלאָדן און צערוישט, ווי אַן אָנגע־פּאָמפּעטער „פּרימוס". עס פֿעלט אים נאָר די פֿריינטלעך־אויסגעשטרעקטע האַנט מיטן פֿלעמעלע... ער חשבונט און חשבונט און בלייבט דערווײַלע אַלץ נאָך ביי די פֿיר בענק, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט הלוואות און ביי די ער־

שטע צווײ זשיראַנטן, פינקעלשטײן מיט זײדמאַנען, װעלכע האָבן זיך אים אַלײן פאָרגעלײגט. צוזאַמען מיט באַרעס געלט װאָס ער פאַרמאָגט און מיט דעם, װאָס ער האָפט צו קריגן אויף משכנות, װעט ער אַלץ נאָך האָבן אַריבערגעשװוּמען אַ האַלבן ים... װאָס־זשע טוט מען װײטער?...

אין ראָג אַלנבי־שדרות רוטשילד האָט זײ אַ כאַפּ געטון אַ מבולדיקער רעגן. דער רעגן האָט אַ פּליוך געטון אַזוי פּלוצלונג, אַז זײ האָבן שוין נישט באַװיזן אַריבערצולױפן צו דער קאַפּע אַנטקעגנאיבער און שטײן־געבליבן אונטער אַ לײװנטן דעכל, בײ אַ קאָנדיטערײ. אונטערן דעכל שטײענדיק, האָט זכריה אַריבערגעבליקט צו דער קאַפּע אַנטקעגנאיבער און געזען, אַז זײדמאַן װאַרט שוין אויף אים. ער זיצט דאָרט בײ אַ טישל מיט אַ דאַמע, װעלכע טראָגט אַ גרויסן הוט מיט ברײטע ראַנדן. עס איז כמעט מער הוט, װי דאַמע... װער קען דאָס זײן? — אַהאַ... זײן שװעסטער פּאַ־ניעטשקאַ... די קאָסמעטיקערין מיט די גאָלדענע הענט, װאָס קען מאַכן די גרעסטע קאַריערע און, פונדעסטװעגן, פרעגט זי זיך כסדר אויף אים...

***

דאָס איז געװען מיט אַ צען טעג צוריק, װען אין אַ רעגנדיקן פאַר־נאַכט איז זײדמאַן געגאַנגען צו זכריהן אויף אַ גלעזל טײ.

פון אונטערן דעכל אַפיר האָט אַרויסגעפּלאַטערט אַ פאַרשלײערטע פרוי און אים פאַרהאַלטן. זײדמאַן האָט קודם־כל געמײנט, אַז דאָס איז אײנע פון יענע „נאַכט־פײגעלעך“, צו װעלכע ער האָט איצט קײן שטימונג נישט געהאַט.

די פרוי האָט זיך זײער אַנטשולדיקט פאַר איר דרײסטקײט און פאַרן באַלעסטיקן אים. ער קען איר נישט, אָבער זי אים קען יאָ. זי װײסט װער ער איז און זי װײסט, אַז ער קומט אַרײן צו זכריה קאַרלסבאַכן... זי װײסט, אַז ער איז זכריה קאַרלסבאַכס אַ חבר און אַ פרײנט... דערפאַר װיל זי מיט אים עפּעס רעדן... עס איז אַן אינטימער ענין... זי װאָלט זיך עס פאַר קײנעם נישט פאַרטרויט. אָבער ער איז דאָך קאַרלסבאַכס אינטימער פרײנט, װעלכער װײסט בײ אים סײ־װי אַלץ...

און װער איז זי? — זי איז... פּערל־ליבע קאַרלסבאַך הײסט זי... דאָס הײסט? — יאָ... זכריה קאַרלסבאַכס פרוי... מיט װאָס ער קען איר דינען? — מיט אַ קלײניקײט... מיט איבערגעבן עטלעכע װערטער זכריהן...

אַלץ װאָס זי פאַרלאַנגט פון דעם הער זײדמאַן איז: ער זאָל איבער־געבן זכריהן, אַז זי װיל זיך מיט אים באַגעגענען און זיך דורכרעדן... ער װײסט דאָך, דער הער זײדמאַן, אַז דערבערענגען צו אַ שלום־בית איז בײ־

ייִדן אַ גרויסע מצווה... און ער פאַרשטייט דאָך, אַז אַלע פאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס און מיספאַרשטענדענישן האָט די פאַרשאָלטענע מלחמה אָנגעמאַכט... נאָך אַלע מלחמה־אומגליקן, זענען נאָך אַלץ דאָ נאָכווייענישן... און דער עיקר איז, וואָס מען איז אַזוי עלנט... וואָס קיין משפּחה איז נישטאָ, קיין מאַמע, קיין ברודער, קיין שוועסטער... זייער אָפט פעלט אַן אויפריכטיקער פריינט, וועלכער זאָל עצהנען, אַפילו, בלויז זאָגן אַ גוט וואָרט... איז... זאָל ער נישט נעמען פאַר אומגוט איר שליחות... אָט דאָס איז איר אַדרעס... — האָט זי אים דערלאַנגט אַ צעטעלע — זי בעט, עס איבערגעבן זכריהן און זאָל ער איר צו וויסן געבן, ווען און ווו ער איז מסכּים זיך מיט איר צו באַגעגענען... זי אַנטשולדיקט זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פאַרן באַמִיען אים און זי וועט אים זיכער אָפּדאַנקען אין פריידן...

זיידמאַן האָט, פאַרשטייט זיך, פייערלעך צוגעזאָגט צו רעדן מיט זכריהן. דאָס צעטעלע מיט איר אַדרעס האָט ער אַריינגעלייגט אין קעשענע. אַוודאַי איז דאָס אַריינלייגן זיך אין אַ שלום־בית, אַ גרויסע מצווה. ער וועט נאָך היינט מיט אים רעדן, טאַקע באַלד. ער גייט דאָך טאַקע איצט צו אים. ער וועט איר זיכער לאָזן וויסן...

אָבער גייענדיק צו זכריהן און איבערטראַכטנדיק נאָכאַמאָל פּערל־ליבעס ווערטער, אַז: היינטיקע צייטן איז נישטאָ קיין משפּחה, קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין אויפריכטיקער פריינט, וועלכער זאָל זאָגן אַ גוט וואָרט... — האָט ער זיך טאַקע דערמאָנט אָן זיין שוועסטער... ער איז דאָך יאָ אַ ברודער! און זיין שוועסטער איז אים נענטער און בילכער, ווי די פּערל־ליבע!... פאַניעטשקאַ ציילט שוין דעם פערטן צענערל. אין וואַרשע איז זי שוין געווען אַ כּלה, אָבער די מלחמה האָט אַלץ צעשטערט, צונישט־געמאַכט. ווי לאַנג איז דער שיעור צו פאַרזיצן? פּערל־ליבע, דערקעגן, האָט דאָך אַ מאַן! זי איז איינגעאָרדנט, סיטוִירט. וואָס פעלט איר דען? און וואָס שייך זכריהן, האָט זי דאָך אים אַוועקגעוואָרפן! און אַז אַוועקגעוואָרפן, איז אַוועקגעוואָרפן! בלויז אַ ראַק גייט צוריק... פאַר פאַניען וואָלט דאָך עס געווען אַ גליק־שידוך! אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ סאָלידער און ענערגישער געשעפטסמאַן! איין קלייניקייט: זכריה קאַרלסבאַך!... ער וועט ווידער אויפשטעלן אַן אייגענע דרוקעריי. שוין איינמאָל אַ דרוקעריי! אַ ראָטאַציע־מאַשין, זאָגט ער, האָט ער. לינאָטיפּן און אַנדערע מאַשינען. עס קען ווערן אַ גרויסע פירמע! אין אַ יאָר־צוויי אַרום וועט דער זכריה קאַרלסבאַך זיין אין די פעדערן!... פאַניעטשקאַ וואָלט געהאַט ביי אים אַ גוט לעבן. און ער אַליין וואָלט צו זכריהן, צו זיין שוואָגער, אויך נישט דערלייגט... נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער וואָלט אים אויך צוגענומען אַלס אַ שטיקל שותּף צו דער דרוקעריי... פאַרוואָס נישט? — שוואָגערס!...

און טרינקענדיק מיט זכריהן די טיי, איז עפּעס זיידמאַנען איינגאַנצן פון קאָפּ אַרויס די באַגעגעניש מיט פּערל־ליבען און ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם צעטעלע, מיטן אַדרעס, וואָס ליגט ביי אים אין קע־שענע...

ער איז איצט געווען זייער סענטימענטאַל, אין אַ שטימונג צו רעדן וועגן זכרונות... אַמאָליקע צייטן... האָט ער גערעדט וועגן זיין משפּחה, וועגן דער היים ביי טאַטע־מאַמע, וועגן זייער יחוס און עשירות און פאַרענדיקט מיט די צוויי שוועסטער, וועלכע זענען אים פון דער גאַנצער משפּחה גע־בליבן. טייערע צוויי שוועסטער! גאָלדענע צוויי שוועסטער! גאָלד? — ברי־ליאַנטן זענען זיי! אַ וועלט אויסצופאָרן און זוכן! מען געפינט נישט אַזעל־כע! ווו זיי זענען? — זיי זענען ביידע אין תל־אביב... די עלטערע איז פאַרהייראַט און האָט אַ פּערפומעריע־געשעפט אויף דער בן־יהודה־גאַס. אָבער די אמתע מייסטערין איז די יינגערע, פאַניעטשקאַ... זי איז אַ קאָס־מעטיקערין מיט אַ פּאָר גאָלדענע הענט!... אין פּאַריז אָדער אין ניו־יאָרק וואָלט זי געגאַנגען אין גאָלד! דאָ אַרבעט פאַניעטשקאַ ביי דער עלטערער שוועסטער אין געשעפט. עס רעדט זיך אַזוי: זי אַרבעט... — זי פירט דאָס גאַנצע געשעפט! זי ציט אַריין די גאַנצע קליענטעלע... דאָס איז דאָך עפּעס פייער־פלאַם!... מען רעדט איר די שענסטע שידוכים... מען שלאָגט איר פאָר פון די העכסטע פענצטער... אָבער זי קען זיך עפּעס נישט צוקלויבן... נישט אַלץ איז איר צום האַרצן... זי זוכט קודם־כל אַ מענטש... איר פאַר־שטייט דאָך: אַן אינטעליגענט מיידל... מאַטורע... רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער... אַ באַלעבאָסטע און קלוג ווי די וועלט... איז געפעלן איר נישט די אויפגעקומענע פּראָסטאַקעס... ביי איר איז אַ סאָלידער מענטש פון אַ פיינער היים, מער ווי געלט.

זכריה קאַרלסבאַך, דער דורכגעטריבענער סוחר, האָט זיך באַלד אַריענטירט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך: „ער לויבט מיר עפּעס צו פיל זיין סחורה"... — האָט ער אַ טראַכט געטון. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פינ־קעלשטיינען, דעם „יודאַנער מיטן קלאַנג־פילם, מיט תירוץ און פּיסק־מלאכה". פינקעלשטיין האָט אים דערציילט, ווי דער שעדלעצער שדכן פלעגט לויבן פאַר מחותנים זיינער אַ כלה און ער פלעגט זאָגן: „אַ כלה מיט אַזוי פיל מעלות! וואָס ווייסט איר? זי גייט דאָך אַזוי לייכט צו קינד! זי האָט דאָך אַזוי פיל צו זויגן!"...

אָבער באַלד צומאָרגנס, איילנדיק זיך מיט סחורה צו די קונדן, האָט זיך זיידמאַן פּלוצלונג דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן ביי דער שוועסטער אין געשעפט. און באין־ברירה האָט שוין זכריה געמוזט מיט אים מיטפאָרן, וואָס זיידמאַן האָט דאָרט פאַרגעסן, ווייסט נישט זכריה,

ער האָט אָבער גוט געדענקט צו באַקענען אים מיט דער עלטערער שוועס־טער, מיט איר מאַן און מיט דער ייִנגערער, מיט דער פּאַניעטשקען...

אמת, זכריהן האָט די עלטערע שוועסטער אויסגעזען סימפּאַטישער, קליגער און דער עיקר — ייִנגער, פיל ייִנגער פאַר דער ייִנגערער. אָבער געהנדלט צו אים האָט זיך דווקא די ייִנגערע, וועלכע האָט אויסגעזען היפּש עלטער פאַר דער עלטערער... זי האָט גערעדט צו אים העברעיש, ענגליש, פּויליש, רוסיש און ייִדיש. זי האָט געשאָטן מיט פּאָעזיע און מיט גלייכ־ווערטלעך. זכריה איז ביי איר צום וואָרט נישט געקומען. זי האָט אים געשטעלט פראַגן און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, ווייטער גערעדט. זכריה האָט אַפילו דאָס מויל נישט געעפנט. עס איז אים נאָר געבליבן צו שטיין און שמייכלען און צושאָקלען מיטן קאָפּ...

אָבער צומאָרגנס, ווען זיידמאַן האָט געטרונקען ביי אים טיי, האָט ער דערציילט זכריהן, אַז פּאַניטשקאַ קוועלט אָן פון אַלע זיינע חכמות און אַז זי האַלט אים פאַר זייער אַ קלוגן מענטש... זי האָט געזאָגט, אַז פּערל האָבן זיך געשאָטן פון זכריהס מויל... ער האָט געמאַכט אויף איר אַ וואָזש־נעם איינדרוק!... ער געפעלט ווייבער!... אַפילו אַזאַ איבערקלייבערין ווי זיין שוועסטער פּאַניעטשקאַ... זי האָט טאַקע געבעטן צו גריסן דעם הער קאַרלסבאַך גאָר פריינטלעך פון אירטוועגן... אַז ער וועט אַמאָל פאַרבייגיין די בן־יהודה־גאַס, מעג ער זיך אַריינכאַפּן. עס וועט איר זיין זייער אָנגע־נעם אים ווידער צו זען...

זכריה גייט זייער אָפט פאַרביי די בן־יהודה־גאַס. ווו ער זאָל זיך נאָר נישט דרייען, קומט ער תמיד אַרויס אויף דער בן־יהודה. אַז כמעט אַלע זיינע געשעפטן מיט קונדן האָט ער אין יענער געגנט. פונדעסטוועגן איז אים קיין מאָל „עפּעס נישט אויסגעקומען" פאַרבייצוגיין דאָס פּערפומעריע־געשעפט און ער האָט עפּעס „קיין צייט נישט געהאַט" זיך אַריינצוכאַפּן... ער האָט זיך דעריבער באַנוגנט מיט אָפּנעמען און צוריק שיקן זייער פריינטלעכע גרוסן דורך זיידמאַנען.

און אָט איז זי... איצט, אין דער צייט ווען זי דאַרף שטיין אין דער פּערפומעריע... און איצט, אין אַזאַ רעגן־טאָג, איז זי געקומען אָן „אויס־געשטראָנצלטע" אין אַזאַ קאַפּעליוש און האָט צייט צו זיצן מיטן ברודער אין אַ סוחרישער קאַפע... — עך, ווייבער, ווייבער!...

דער רעגן איז קלענער געוואָרן און זכריה מיט פינקעלשטיינען האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט די גאַס און אַריינגעכאַפּט זיך אין דער קאַפע.

פּאַניעטשקאַ האָט זיך זייער דערפרייט מיט אָט דער „צופעליקער באַ־געגעניש"... „אַזאַ אנגענעמע באַגעגעניש!... גיי, ווייס!..." און:

— פאַרוואָס זעט מען אייך עפּעס נישט? פאַרוואָס קומט איר נישט

אַמאָל אַריין? מיין עלטערע שוועסטער פרעגט זיך אויך אויף אייך. האָט מען אייך ביי אונדז, חלילה, מיט וואָס עס איז באַליידיקט?...

— חלילה, פאַרקערט... אָבער מען איז כסדר פאַרנומען געשעפט־לעך...

— איי, מענער, מענער... נאָר געשעפטן ליגן אייך אין קאָפּ!... דאָס גאַנצע לעבן פּטרט מען נאָר אויף געשעפטן און צום לעבן אַליין איז קיין צייט נישטאָ... מען לויפט און מען האַוועט און מען געניסט גאַרנישט... „טיים איס מאַני״, האָ?... „טשאָס טאָ פּיענ יאַנדז״?... אָבער שפּעטער, ווען מען קוקט זיך שוין אַרום, איז שוין „סטאַראָשטש ניע ראַדאָשטש״... דאַן זינגט מען שוין דאָס לידל: „ווו זענען מיינע זיבן גוטע יאָר״?... ניין, מיין פריינט... „אם אין אני לי, מי לי?״... פּאָז פּשעטשעזש זנאַ טאַז פּיאָסענקע: „ס׳איז נישטאָ קיין נעכטן, ס׳איז נאָך נישטאָ קיין מאָרגן, עס איז נאָר דאָ אַ פּיצעלע היינט, פאַרשטערט עס נישט מיט זאָרגן״...

זכריהן איז הייס געוואָרן. פינקעלשטיין האָט געציטערט פון קעלט, אָבער זכריה האָט באַשטעלט אַ קאַלטע גלאָז ביר... פאַניעטשקאַ האָט גע־רעדט אַזוי געדיכט, ווי זי וואָלט גאָר דעם אָטעם נישט געדאַרפט אָפּכאַפּן. זכריה האָט פאַרקאַטשעט די וואָנצעס, אָפּגעבלאָזן דעם ביר־שוים און גע־טראַכט, אַז די אַלע וויצן, ווערטלעך און לידלעך זענען פון אַלטע אַפּרייס־קאַלענדאַרן, פון הומאָריסטישע צייטונגס־ביילאַגעס און פאַרעלטערטע זשור־נאַלן. און אַז די פאַניעטשקאַ אַליין, מיטן גרויסן הוט מיט די ברייטע ראַנדן, איז אַליין אויך אַרויסגעקומען פון אַ פאַרעלטערטן זשורנאַל מיט קאַריקאַ־טורן. אים דאַכט זיך, אַז ער אַליין האָט אַמאָל אַזאַ קאַריקאַטור־צייכענונג געדרוקט...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דער צייט וואָס זכריה מיט פינ־קעלשטיינען זענען געווען באַקוקן דעם לאָקאַל פאַר דער דרוקעריי און זיך דאָרט געדונגען מיטן באַלעבאָס, — האָט שוין זיידמאַן באַזוכט די עטלעכע קונים און אַלץ דערליידיקט. ער איז „פונקט״ געווען אין יענער געגנט... האָט ער זיך געטראַכט, אַז ער וועט איינשפּאָרן זכריהן איבעריקע געגנג... נישטאָ וואָס צו דאַנקען. מיטן דאַנק זאָל זיך זכריה אויסשמירן די שיך... און איצט זענען זיי שוין פריי און האָבן זיך נישט וווהין צו איילן... מען קען דאָ זיצן אַ ביסל אין קאַפע און געמיטלעך שמועסן...

געשמועסט האָט קודם־כל, פאַרשטייט זיך, פאַניעטשקאַ... אָבער באַלד האָט זיך פינקעלשטיין געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ יודאַנערין מיט מויל־מלאכה, וועלכע איז פון קאָפּ ביז די פיס אָנגעשטאָפּט מיט תירוץ... ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן באַזיגן פון עפּעס אַ יודאַנערין מיט אַ קאַפעליוש. אויב שוין יאָ מויל־מלאכה, איז ער דאָ!... און לאָמיר זען, ווער עס פאַרמאָגט

מײַר תירוץ!... — פינקעלשטיין האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן פאַניעטשקען מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט. עס האָט זיך צעפּלאַקערט אַ דועל אויף לעבן און טויט... זי האָט געפּולעמיאָטעוועט מיט ענגליש־רוסיש־פּויליש און פינ־קעלשטיין האָט איר באַשאָטן מיט גראַנאַטן פון תורה־ווערטלעך און תרגום־לשון. צו זיידמאַנס עגמת־נפש און זכריהס פאַרגעניגן, האָט דאָס מאָל גע־זיגט פינקעלשטיין. פאַניעטשקאַ איז זיצן געבליבן אַן איבערראַשטע און מיט צעשראָקענע אויגן אָנגעקוקט דאָס פּנים מיטן מויל, פון וועלכן עס שיט זיך אַזוי פיל „תירוץ". און פינקעלשטיין האָט זיך נישט באַרויקט, ביז ער האָט פאַניעטשעקן אַרויסגעשלעפּט פון דער ענגלישער פּאָעזיע און האָט זי אַריבערגעשלעפּט אויף אַ יידישן טשאָלנט...

און דער פינאַל פון אָט דעם „געמיטלעכן שמועס" איז געווען טאַקע דאָס, וואָס פאַניעטשקאַ האָט אַלעמען איינגעלאַדן צו דער שוועסטער אויף טשאָלנט... פּונקט דעם שבת שטעלט איר שוועסטער טשאָלנט... קוגל מיט קישקע וועט אויך זיין... איר שוועסטערס טשאָלנט מעג אַפילו דער קייסער עסן. אַ מיניסטער, אַ מיטגליד פון דער „כנסת" האָט שוין טאַקע ביי זיי טשאָלנט געגעסן... טאַקיעגאָ טשולענטו ניע דאָסטאַטש וו צאַלים טעלאַ־וויוויע!... טשטאָ ניע בוד אָסאָביעננאָיע... אַ יוצא מן הכלל...

און זי האָט זיך פאַרזיכערט:

— אַלזאָ, קומט איר? יאָ?... מיר וועלן וואַרטן אויף אייך מיטן טשאָלנט...

— און באַגליקנדיק מיט אַ באַזונדער שמייכעלע זכריהן, האָט זי צוגע־געבן: — בודו אָטשען ראַדאַ...

קאַפּיטל צוויי

# לייביש ווערט אַ לייט

דעם ערשטן גרוס פון פרילינג ברענגען אין ישראל די צעבליטע מאַנדלביימער.

שוין אין שבט זענען די מאַנדלבוים־צווייגן באַקליידט מיט ווייסע און ראָזלעך־פיאָלעטאָווע, צאַרטע בליטן־בלעטלעך. און חמישה־עשר בשבט, אָדער אין „ט"ו בשבט" ווי דער יום־טוב הייסט אין ישראל, ברענגען שוין די קינדער און יוגנטלעכע גאַנצע בינטלעך צעבליטע מאַנדלבוים־צווייגן אין שטאָט אַריין, אַזוי ווי מען פלעגט אין פוילן ברענגען בוקעטן בעז. סיי די קאָלירן און סיי דער אַראָמאַט פון די מאַנדל־בליטן דערמאָנען טאַקע אָן דעם פוילישן בעז און דערמאָנען שוין אָן פרילינג. כאָטש דער אמתער פרילינג שטעלט זיך דאָ סוף אָדר, אָנהייב ניסן.

דער אויסגעוואַשענער לאַזורער הימל־קופּאָל איז דאַן העכער, לויטע־רער און ליכטיקער. און דורך די שיטערע וואָלקנדלעך ווו־נישט־ווו, ווי דינינקע, דורכזיכטיקע וואָלן, זעט מען די בלויע הויכקייטן נאָך ווייטער, לויטערער און העכער.

אין אָט די טעג איז בכלל דאָ די לופט דורכזיכטיקער ווי תמיד און דאָס מענטשלעך אויגן קען לייכט אַרומנעמען שטחים צוויי און דריי מאָל אַזוי ווייט ווי געוויינלעך. וואָרעם קיין כאַמסיניקע שטויבן טראָגן זיך איצט נישט אין דער לופט. דער הימל האָט זיך אויסגעגאָסן, אויסגעפּלייצט. די רעגנס האָבן אָנגעטרונקען די ערד, אָפּגעוואַשן די בערג, אויסגעצוואָגן די פּרדסים און די ווייגגערטנער, די אָליוון־וועלדלעך און די עאוקאַליפּטוסן ביי די זייטן פון די כבישים, די פייגנבוימער, פּאַלמען און שלאַנקע ברוּ־שים. דער גאַנצער חלל איז אַן אַדורכגעוואַשענער, אַן אַדורכגעשווענקטער, אַ לויטערער און פרישער. און פריש און מילד איז דאָס ווינטעלע, וואָס קומט אָנצופלאַטערן מיט דער פייכטקייט פון ים, אָדער מיטן אַראָמאַט פון פעלדער, גערטנער און פּרדסים.

די זון שיינט, אָבער זי שרפהט נישט. די זון שמייכלט מילד און צווינגט דעם מענטש מיטצושמייכלען. און נישט נאָר דעם מענטש, — דער גאַנצער אַרום איז דופטנדיק־צעשמייכלט. די פרימאָרגנס זענען צעשמייכל־טע און די טעג זענען צעשמייכלטע און די בלויע נעכט זענען לופטיקע, מע־לאַדישע און צעווונקענע מיט די לויטערסטע שטערן.

אין אַט אַזעלכע טעג קען טרעפן, אַז אַ וותיק (אַלטער תושב אין לאַנד) זאָל שמייכלען צו אַן עולה־חדש און דער עולה־חדש זאָל צוריק שמייכלען צום וותיק... אַפילו די שאָפערן פון די „דרום־יהודה"־אויטאָ־בוסן זענען היינט ווינציקער אויפגערעגט און זידלען זיך ווינציקער ווי תמיד... און די דזשעבעליער שכנים קריגן זיך היינט אויך ווינציקער. וואָרעם מען איז ווייניקער אין שטוב און מער אויף דער גאַס.

טירן־פענצטער זענען איצט אויפגעפּראַלט. עס טריקענען זיך די דורכגענעצטע סופיטן און ווענט. מען לופטערט דעם ווילגאָטש, דעם זשאַ־ווער און שימל. מענער פאַרען זיך אין די גערטנדלעך פאַר די הייזער, אין די סעדעלעך אויף די הייף און אַרום די לולים (היגער־שטייגן) מיט יונ־גינקע אינקובאַטאָר־עופהלעך. אויך די באַלעבאָסטעס זענען אינדרויסן. זיי לופטערן באַטגעוואַנט און מלבושים, קלאַפּן אַרויס דעם שטויב פון קישנס, מאַטראַצן און טעפּיכער. מען וואַשט די טישן, שענקלעך און טאַבורעטקעס. מען שייערט כלים מיט זאַמד. מען רייניקט מיט נאַפט, מען שיט נאַפטאַ־לין, מען פוצט שיך און מען וואַשט וועש. אויף אַלע דעכער, טעראַסן און הייף זענען שטריק פאַרצויגן און עס טריקנט זיך וועש. און אויף אַלע טע־ראַסן לופטערן זיך מלבושים, קאַלדרעס און אָפּגעצויגענע קישנס אין רויטע איינשיטן. ווו־נישט־ווו שטייען שוין מאַלאַרעס אויף לייטערס און, באַ־שפּריצנדיק אַלץ און אַלעמען מיט אַ געלבלעכן רעגן פון זייערע בערשט, קאַלכן זיי פון אינעווייניק און אויסנווייניק די הייזער לכבוד יום־טוב. דורך די אויפגעפּראַלטע פענצטער, וואָס צעזונגענע מיידלעך און פאַררויטלטע ווייבלעך וואַשן און פוצן, הילכן שוין די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן מיט מאַרשן, חזנות און דזשאַז־לידער. דזשעבעליאַ האָט שוין עלעקטריש ליכט באַקו־מען און אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן דאָ האָבן באַקומען לשון... און אַז דריי משפחות וווינען אין איין דירה, זענען דאָרטן דריי ראַדיאָ־אַפּאַראַטן פאַ־ראַן. ווער עס האָט זיך עס מיטגעבראַכט פון דייטשלאַנד און אויף וועמען עס האָט זיך מרחם־געווען אַ קרוב אין אַמעריקע. וויל איצט טאַקע יע־דערער שטאַלצירן, באַווייזן פאַר שכנים, וואָס ער פאַרמאָגט... מען שפּילט פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן און מען שפּילט אויף צעפּיקעניש דעם שכן. שטעלט איינער אָן מאָסקווע, שטעלט דער צווייטער אָן תל־אביב און דער דריטער — פּאַריז און דער פערטער — בעלגראַד. דריי, פיר ראַדיאָס

אין איין וווינונג און איינער מוז איבערהילכן און פאַרהילכן דעם אַנדערן. טענער און קולות ראַנגלען זיך, שטיקן און ווערגן איינער דעם אַנדערן. עס כאָרכלט אַראַביש, עס פּאָנפעט פראַנצויזיש. עס היסטערעוועט אַ רו־סישער שיקסע־כאָר און עס מוסרט זיי אַ מעטאַלענער פּאַסטאָראַלער ענג־ליש און איבער אַלעמען תקיפט זיך אַ סאַברישער ספרדית: שטילער, בבל־צעמישענישן! איך בין באַלעבאָס! ישראל! מדינה! קיבוץ־גלויות! הי, דרומה, הי, דרומה, הי, דרומה לאילת!...

און כאָטש דזשעבעליאַ האָט פון איין זייט דעם אָפענעם ים, און פון דער צווייטער זייט — אַ טאָל מיט געדיכטע פּרדסים; און כאָטש אין סאַמע צענטער שפּרייטן זיך אויס דריי גרויסע אַראַבישע בית־עולם־פעלדער און כמעט יעדעס הויז טונקט זיך אין גרינס פון ביימער, קוסטן, קלעטער־פלאַנצן און בלומען, — פונדעסטוועגן טראָגן זיך דאָ איצט גאַנץ אַנדערע ריחות, וואָס האָבן מיט די פרילינג־אַראָמאַטן קיין שייכות נישט... דאָס זענען די ריחות פון די איבערגעפולטע „דזשאָרעס״, וואָס פאַרפּלייצן גאַסן און געס־לעך מיט עיפּושדיקן שמוץ, אין וועלכן קינדער שפּילן זיך. דאָס זענען קו־פּע מיסט אויף די פרייע פּלעצער, וואָס די איינוווינער האָבן אַ גאַנצן ווינ־טער געשאָטן און אָנגעהויפט אין בערג. איצט פאַרברענט מען עס און אַ געדיכטער רויך און אַ טשאַד טראָגט זיך איבער דער גאַנצער געגנט. דאָס איז נאַפט, די־די־טי און נאַפטאַלין, מיט וואָס מען רייניקט מעבל און מען באַשיט מלבושים. און על־כולם — פּאַקאַסט, קאַלך, סמאָלע און אָפּפאַל מיט וועלכע מען רעמאָנטירט די הייזער און וווינונגען. — דאָס זענען די אַראָמאַטן פון דזשעבעליער פרילינג...

***

במשך דעם ווינטער האָבן זיך אַ סך זאַכן געענדערט אין זכריה קאַרלס־באַכס הויז. און קודם כל האָט זיך לייביש געענדערט.

לייביש איז במשך דעם ווינטער ערנסטער, רייפער און מענלעכער געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט קרייען ווי אַ יונג הענדעלע. זיין זיך־בייטנ־דיק שטימעלע האָט זיך נאָרמאַליזירט און זיך איינגעשטעלט אין אַ ריין, אָנגענעם טענאָרל. די פולע, רויטע בעקלעך זענען געוואָרן בלייכער, פלאַ־טשיקער און שטייפער, מיט אַ טונקל־שאָטנעם אויסשיט פון אַ יונג, מאַ־כיק־ווייך בערדל, וואָס ער ראַזירט שוין צוויי מאָל אַ וואָך... דערפאַר לאָזט ער איבער אַ דין שנירעלע וואָנצעלעך איבער דער אויבערשטער ליפּ, וואָס גיט אים דעם אויסזען פון אַן אַקטיאָר, פון אַ האָליוווּדער פילם־אַמאַנט... אָט די וואָנצעלעך האָט זיך לייביש פאַרלאָזן נישט אָן אַ סיבה און נישט

בלויז פאַר „פאַנטאַזיע". — ער האָט זיך טאַקע אַוועקגעלאָזן אויפן וועג פון אַ מוזיקאַליש־אַרטיסטישער קאַריערע און די וואַנצעלעך, וואָס געפעלן זייער און באַזונדערס — דעם שיינעם מין, העלפן אים־צו צו זיין דער־פאַלג...

אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך אין שפּיטאָל, ווו ער איז געלעגן מיטן פאַרגיפּסירטן פוס. ער איז דאָרט געווען דער פריילעכסטער חברהמאַן צווישן די אינוואַלידן אין אַלע פאַלאַטעס. מען האָט אים דאָרט ליב געהאַט פאַר זיינע שטיפערישע קונצן, פאַר זיינע חכמהלעך, וויצן און שפּאַסיקע לידלעך, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. באַזונדערס, ווען ער פלעגט זיך פאַרשטעלן און נאָכמאַכן די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס, פלעגט דער גאַנצער מעדיצינישער פּערסאָנאַל קייכן פון געלעכטער און די קראַנקע פלעגן פאַרגעסן אָן זייערע יסורים. שפּעטער, ווען דער טאַטע האָט אים געבראַכט פון דייטשלאַנד דעם אַקאָרדעאָן, האָט ער דאָרט טאָג־טעגלעך געגעבן „קאָנצערטן". ער האָט געזונגען און געשפּילט פּאָפּוריען פון רו־סישע און יידישע פאָלקס־לידער, פון פּוילישע טאַנגאָס און פאָלקע־מאַזור־קעס און העברעיִשע פּלמ"ח־לידער. צווישן די פאַרוואונדעטע זענען אויך געווען פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן און מוזיקער. זיי האָבן אים שטאַרק גע־לויבט, ערנסט געראָטן צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער און זינגער. זיי האָבן זיך מיט אים באַפריינדעט און גענומען זיין אַדרעס, אויף צום באַ־געגענען־זיך ווען מען וועט געזונט־ווערן און אַרויסגיין פון שפּיטאָל.

אָבער נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל, האָט לייביש פאַרגעסן אָן די אַלע יינגלשע קונצן און „שטיק", עס איז דאַן ווייט נישט געווען קיין צייט פאַר שפּאַס און הומאָר. דאָס איז געווען נאָך עזריאלס טויט. דער טאַטע איז געווען אַ צעבראָכענער. און אין אים אַליין האָט דאָס האַרץ נישט אויפגע־הערט צו וויינען און באַוויינען עזריאלן. חדשים און יאָרן איז אים עזריאל געווען סיי אַ ברודער און סיי אַ טאַטע מיט אַ מאַמען צוזאַמען. און כאָטש ער איז איצט געווען מיטן טאַטן, האָט זיך לייביש דערפילט ווי אַ קיילעכ־דיקער יתום אויף דער וועלט. ער האָט נישט געפונען קיין טרייסט בייטאָג און געוויינט אין די נעכט אויף זיין געלעגער. און שווער פלעגט אָנקומען רעניען און דעם אַלוף יצחק צו צעשטרייען אים און דעם טאַטן. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוווינט צום אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, ווי מענטשן געוווינען זיך־צו צו אַלע אומגליקן. עס האָבן זיך געצויגן טעג פון צער און טעג פון טרויער. לייביש האָט נישט געזונגען און דעם אַקאָר־דעאָן אין דער האַנט נישט גענומען.

און שפּעטער, ווען דער טייוול איז אַריין צו זיי אין הויז אין דער גע־שטאַלט פון טשיזשיקן, האָט רעניעס אויפפירונג, שוין גאָרנישט קיין צווײ־

פלהאָפטע, צו אַלע פאַרגעניגנס, פאַרשאַפט וויטיק און חרפה. עס איז גע־וועז מער דער פּאַרדרוס פון איר גרינגשעצונג, ווי לייבישעס אייפערזוכט. נייִן, עס איז געווען מער ווי גרינגשעצונג, — אַן אָפענער ציניזם, וואָס האָט אויפגערעגט און באַליידיקט. לייבישעס אייגנליבע האָט דערפון געליטן, אָבער קיין אייפערזוכט איז דאָס נישט געווען.

וואָרעם זינט לייביש האָט דערקענט אילנהן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז אייגנטלעך איז ער אין רעניען קיינמאָל נישט געווען פאַרליבט. דאָס האָבן אים נאָר די שפּיטאָל־חברים איינגערעדט, אַז עס איז אַ ליבע צווישן זיי... און די ביטרע „בעלעמער גאַליציאַנערין" האָט זיך טאַקע אַ נעם־געטון צו אים מיט אַן אמת. ער איז געווען אַליין, איינזאַם און עלנט. רעניאַ, — אַ יונגע מויד, נישט קיין מיאוסע און נישט קיין נאַ־רישע, — האָט זיך אים געוואָרפן אין די אָרעמס און פאַרטומלט זיין ייִנגלשן קאָפּ. מען האָט אים איינגערעדט אַז זיי זענען חתן־כלה און ער אַליין האָט שוין געמיינט, אַז אַזוי איז עס און מיט איר וועט ער טאַקע חתונה־האָבן.

יאָ, אַזוי האָט לייביש געמיינט ביז ער האָט דערקענט אילנהן און ביז רעניאַ האָט אָנגעהויבן צו פּראָווען אירע „הינטישע שטיק" מיט טשיזשיקן. און דאַן האָט לייביש דערזען דעם להבדיל פון אַ שד ביז אַ מלאך...

במשך דעם ווינטער האָט זכריה אַ דריי מאָל געשיקט לייבישן אין קיבוץ־אַריין, געוויר צו ווערן וואָס עס מאַכן אילנה און עזריאלקע, און האָט מיטגעשיקט פאַר זיי מתנות.. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, דער טאַטע, אַז זיין זונדל פאָרט דריי־פיר מאָל אַ וואָך צו אילנהן און פאַרברענגט מיט איר האַלבע טעג. וואָרעם געהייסן האָט דאָך עס, אַז ער פאָרט צו קאָ־לעגן, מוזיקער, מיט וועלכע ער אַרבעט אויף אַ קאָנצערט־פּראָגראַם...

פון רעניאַס אויפפירונג האָט זכריה געליטן מער ווי לייביש. ער האָט אָבער נישט געפונען קיין פּאַסיקן מאָמענט און קיין פּאַסיקע ווערטער, זיך אַריינצומישן אויף אַ בכבודיקן אופן. און די באַציִונגען צווישן לייבישן און רעניען האָבן זיך פאַרערגערט מיט יעדן טאָג, פאַרערגערט ביז אומדער־טרעגלעכקייט.

און דאַן איז עס, אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן, געקומען די רויטע מרים פון קיבוץ. זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פאַרסאָפּעטע, אַ פאַרקאָטערטע, אַן אַדורכגעווייקטע, מיט אַ סך „הייסט עסן" און „פאַרשטייט־זיכן". זיך פאַר־מאַכט מיט רעניען אין אַ באַזונדערן צימער און זיך לאַנג דאָרטן געשושקעט און געסודעט, ווי צוויי געטרייע חברטעס. תיכף נאָך דעם, נישט אויס־טריקענדיק אַפילו קיין גלאָז טיי, האָט זי זיך אָפּגעטראָגן אין מבולדיקן דרויסן אַרויס. זכריה האָט זיך פאַרווונדערט, וואָס די מרים האָט אים אַפילו

קיין רעכטן „שלום" נישט געזאָגט, נאָר בלויז עפּעס אַ פאָנפּע־געטון און־טערן, פאַרקאָטערטן נאָז.

נאָך מרימס אַוועקגיין, האָט זיך רעניאַ אַ נעם־געטון צו לייבישן:

— זאָג מיר נאָר, יינגעלע... וויפל מאָל ביסטו שוין געווען ביי אילנהן אין קיבוץ? האָ?...

לייביש האָט זיך באַלד אָריענטירט וועגן וואָס דאָ האַנדלט־זיך. די רויטע מרים האָט שוין אַריינגעשטעקט איר נאָז. זי האָט שוין אָנגערעכי־לעוועט, זי האָט אים שוין פאַרמסרט... עס איז אים שוין, אָבער, נישט גע־גאַנגען אין לעבן זיך צו פאַרענטפערן. פאַרקערט, — אַ טראַציקייט האָט זיך אין אים אַוועקגעשטעלט דיבאָם. ער האָט זיך אַ קער־געטון צו רעניען און פראָוואָצירנדיק אַ זאָג־געטון:

— כמעט אַזוי פיל מאָל, וויפל דו — ביי טשיזשיקן אין צימער...

רעניאַ איז רויט געוואָרן. אירע אויגן האָבן אַ שנאהדיקן בליץ געטון. אָבער פאַרגעזעצט האָט זי רויק, מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— וואָס אילנה קלאַפּט דאָרט אויך מיט די טירן?...

— דאָרט קלאַפּט די רויטע מרים מיטן גיפטיקן צינגעלע... און וואָס אילנה טוט, זאָל דיך נישט אַרן. זי איז נישט דיינע קיין פּשיאַטשולקע (חברטע)...

— און וואָס דו טוסט דאָרט מיט אילנהן?...

— איז גאָרנישט ערגער ווי דאָס, וואָס דו טוסט מיט טשיזשיקן!

— דו קומסט דאָרט צו עזריאלקען, האָ?... דו בענקסט נאָך אים?... אָבער קושן, קושסטו אילנהן?...

— זאָל מיר זיין צו געזונט! און ווער עס האָט אונטערגעקוקט דעם זאָלן די אויגן אַרויס!...

— אַזוי?... איז וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צו מיר?...

— געהאַט!... איצט איז מיר שוין אַלץ איינס...

— זענען מיר, הייסט עס, קוויט?... — לאַכט רעניאַ ציניש.

— הייסט עס... — דיין רויטער מרימס „הייסט עס"!... — שפּעט נאָך לייביש.

— זי איז מיר געטרייער, ווי דו!

— וואָס טויג דיר מיין געטריישאַפט? דו האָסט שוין, ווער עס זאָל דיר זיין געטריי...

— הם... ביסט מיר עפּעס געוואָרן, לייבישל, אַ גאַנצער... איך דערקען דיך נישט!

— אָבער איך האָב דיך שוין יאָ דערקענט...

— און איך געפעל דיר נישט מער?... — האָט זי אַ מכלומרשטן קאָקעטיר־געטון.

— ווי איך האָב דיך איצט דערקענט? — ניין.

— איך פאַרשטיי... איצט געפעלט דאָך דיר אילנה...

— די מעלות פון טשיזשיקן האָט זי אין אָבצאָס...

— ער איז מער מענטש פון דיר! — האָט רעניאַ אַ צישע געטון — מער מענטש!

— טאָ גיי צו אים! גיי!

— טאָמער ווערטו ואגן דאָס צו זאָגן נאָך איין מאָל, וועל איך דאָס טאַקע טון אויך! — האָט אים רעניאַ שוין זייער ערנסט אַ וואָרן־געטון.

אָבער לייביש האָט זיך נישט דערשראָקן. ער איז שוין געווען דע־צידירט:

— גיי! לויף! ווער האָלט דיך צו?!

— אַזוי? גייך? דו האַלטסט מיך נישט צו? — האָט רעניאַ איבער־געפרעגט מיט שנאהדיקער פאַראַכטונג — נו, גוט! איז גיי איך טאַקע!

זי האָט זיך דעמאָנסטראַטיוו אַ דריי־געטון אויפן קאָריק, דעצידירט אַרויס פון צימער און דרייסט און היימיש אָנגעקלאַפּט אין טשיזשיקס טיר:

— פּאַניע טשיזשיק?...

טשיזשיק, ווי ער וואָלט אונטערגעהערט דעם גאַנצן דיאַלאָג און אויס־געוואָרט דעם מאָמענט, האָט תיכף, טאַקע אויגנבליקלעך, אַ האַסטיקן פּראַל־אויף־געטון די טיר. ער איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל אין אַ געלער פּידזשאַמע מיט גרינע פּאַסן. ער האָט איצט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַן אַרעסטאַנט אויף אַ „ווידזעניע" (בעתן זעען זיך מיט קרובים). עס האָט נאָר געפעלט אַ ווערכטער מיט קראַטן...

— פּאַניע טשיזשיק... פון „דאָרט" האָט מען מיך „געהייסן גיין"... — האָט רעניאַ אַ דעקלאַמיר געטון מיט אַ מונטער־געמאַכטער היסטערישער שטימעלע — אויב איר האָט נישט דערקעגן, וועל איך מיך אַריינציִען צו אייך...

טשיזשיק האָט אויפגעלויכטן, ווי ער וואָלט דערהערט אַ באַפרייונגס־אורטייל:

— פּראָשע באַרדזשאָ!... ביטע זייער!... קימען זי אַריין!...

אַן טשיזשיקס „פּראָשע באַרדזאָ" און „קימען זי אַריין" האָט לייביש דערקענט, אַז די שפּיל איז סיי־ווי געווען צום טיוול. אַז די זאַך איז שוין צווישן זיי געווען אַן אָפּגערעדטע, אַן אָפּגעמאַכטע און פון פאָראויס גע־פּלאַנטע. מען האָט נאָר געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. און דער רויטער מרימען האָט מען מסתמא אויך אונטערגעשטעלט אים צו שפּיאָ־

נירן. גוט וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיקט. בעסער פריִער איידער שפּעטער.

טשיזשיק האָט רעניען אַריינגענומען צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט די טיר. לייביש האָט באַנומען אַ סמאַטשקען פון ליפּן, ווי מען וואָלט געגאָגט פעטע מאַרך־ביינער. ער האָט אויסגעשפּיגן. און געפילט האָט ער, ווי מען וואָלט אים אָנגעשפּיגן אין פּנים־אַריין. יאָ אָנגעשפּיגן און אויסגעפּאַטשט. ער איז שטיין געבליבן אַ בלייכער און געפילט ווי עס בורטשען אים די געדערים אין בויך.

פון איבער דער וואַנט האָבן זיך איצט געהערט געלעכטערס. רעניאַ האָט געערעדט גערדיכט און קוויטשיק, לאַכנדיק אַ פאַלש, נערוועז געלעכטערל און טשיזשיק האָט געהירזשעט ווי אַ פערד.

נאָכדעם האָט זיך צעגרילצט אַן אויסגעריבענע פּאַטעפאָן־פּלאַטע און צוויי פּאָר שיך האָבן זיך דאָרט גענומען שאַרן איבער די שטיינערנע באַלאַטן...

זכריה איז די גאַנצע צייט געווען אין צווייטן צימער. ער האָט אָבער אַלץ געהערט און אַלץ געזען. אויך אים האָט עס געדרייט אין די געדערים, כאָטש ער האָט שוין אויך לאַנג איינגעזען, אַז רעניאַ מיט לייבישן זענען נישט קיין פּאָר און זיי וועלן קיין זעקל זאַלץ צוזאַמען נישט אויפעסן. און אַז אויב צעשיידן־זיך, איז גלייכער וואָס־פריִער. פון דעסטוועגן איצט, הערנדיק די געלעכטערס און די גרילציקע פּאַטעפאָן־פּלאַטע אין טשיזשיקס צימער, האָט עס אים אונטערגעהויבן. דאָס יִינגל לײדט נעבעך. ער איז אַריין צו לייבישן און געטראָפן אים בלייך ווי די וואַנט.

— אַזוי... — האָט ער אַ זאָג־געטון, נישט וויסנדיק וואָס ווייטער צו רעדן און מיט וואָס אים צו טרייסטן. — אַזוי, אַזוי... — האָט ער איבערגעחזרט און איז שטיל געבליבן.

— ס'איז בעסער אַזוי, טאַטע... — האָט לייביש געזאָגט מיט האַרץ — זאָל זי גיין! טודא טיעביא דאראָגאַ!... צו איר גלייכן... — האָט ער אַ וויז געטון צו טשיזשיקס וואַנט.

— נו!... אַבי דו האָסט נישט קיין עגמת־נפש!... — האָט זכריה אַ שמייכל געטון.

— עגמת־נפש צוליב אַזאַ?... פאַרקערט! זאָל זי גיין!...

— נו, בין איך צופרידן... איך האָב שוין לאַנג איינגעזען, אַז זי איז נישט פאַר דיר... איך האָב דיר נאָר נישט געוואָלט זאָגן קיין דעה... ביסט שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און דו פאַרשטייסט שוין אַליין... און אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, איז אַוודאי גוט... וועסטו נאָך קריגן אַזאַ מציאה...

ביי טשיזשיקן אין צימער איז שטיל געוואָרן. אַ פאַרדעכטיקערע שטיל-

קייט ווי תמיד. אויך זכריה איז אַ רגע שטיל געבליבן און זיך איינגעהערט. באַלד אָבער האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געפרעגט:

— און וואָס איז די מעשה מיט אילנהן, האַ?...

לייביש איז רויט געוואָרן. עס האָט היפש געדויערט ביז ער האָט לשון באַקומען:

— כ׳ווייס דאָרט, וואָס די רויטע מרים האָט דאָ אָנגעפּלוידערט!...

— אָבער עס איז אמת די געשיכטע?...

— וועלכע געשיכטע? איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט.

— אָט דאָס וואָס די מרים האָט דאָ אָנגעפּלוידערט און רעניאַ האָט דיר פאַרגעוואָרפן... נו, וועגן אילנהן...

— זיי זענען ביידע נישט ווערט אילנהס מיסט! אילנה איז... — האָט זיך לייביש פאַרהאַקט — זי איז... אַ מלאך איז זי אַנטקעגן איר!

— און דו זעסט זי טאַקע אָפּט?...

— אַזוי... איך בענק נאָך עזריאלקען, פאַר איך צו אַהין פון צייט־צו־צייט... דאָס קינד וואָלט געדאַרפט זיין מיט אונדז... עס איז דאָך... עזריאלקע...

— דאָס קינד אַליין?... אָן דער מאַמען?... —האָט זכריה אים געצויגן ביי דער צונג...

— טאַטע... און אַז מיט אילנהן?... אילנה איז דאָך... טאַטע, וואָס זאָגסטו צו אילנהן?... — האָט לייביש געשטאַמלט ווערנדיק נאָך רויטער.

— וואָס איך זאָג?... אַ ווילע פרוי...

— זייער אַ ווילע!... און... עס איז טאַקע אמת...

— וואָס איז אמת?

— איך האָב זי ליב... — האָט לייביש אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. באַמערקנדיק, אָבער, מיט אַ ווינקל אויג, אַז דער טאַטע האָט דערויף אַ שמייכל געטון, האָט ער צוגעגעבן: — איך האָב זי זייער ליב!...

— אַזוי...

— און עזריאלקען האָב איך זייער ליב!... דאָס קינד האָט זיך צו מיר אַזוי צוגעבונדן!... — איז לייביש באַרעדעוודיק געוואָרן — געקומען אַהין בין איך, צום אָנפאַנג, טאַקע נאָר צוליב עזריאלקען... ער איז דאָך אַזוי ענלעך!... אַזאַ טייערער יאַט!... און אילנה... איך האָב זיך זייער צוגעוווינט צו איר... און ביסלעכווייז... פאַרשטייסט?...

— איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי...

— איך טראַכט וועגן דעם זייער ערנסט, טאַטע! — האָט לייביש מוט באַקומען.

— אויב טראַכטן, דאַרף מען ערנסט... — האָט זכריה געזאָגט אין האַלבן שפּאַס און באַלד דערנאָך, אים גוטמוטיק אַריינגעזאָגט: — ביסט שוין נישט קיין יינגל, לייביש. ביסט שוין אַ רייפער מאַן, אַ דערוואַקסענער מענטש. אַן אויסגעדינטער און פיל־געפּרוווטער סאָלדאַט! שויך צייט פאַר דיר צו טראַכטן ערנסט...

— זאָלסט טאַקע וויסן, טאַטע, אַז איך טראַכט זייער ערנסט! ערנסטער קאָן שוין גאָרנישט זיין! איך וואָלט גאָר געוואָלט וויסן, טאַטע... וואָס וואָלסטו געזאָגט צו דעם, ווען... ווען עס וואָלט געהאַלטן דערביי?... האַ, טאַטע?...

— האַלט עס טאַקע דערביי?...

— אויב דו וואָלסט נישט געהאַט דערקעגן...

— דערקעגן?... — האָט זכריה איבערגעפרעגט און זיך אַ רגע פאַר־טראַכט — אויב איר האָט זיך ליב?... פאַרוואָס זאָל איך זיין דערקעגן?... און ווען איך וואָלט יאָ געווען דערקעגן, וואָלט עס מיר עפּעס געהאָלפן?...

— טאַטע... דו ווייסט דאָך, טאַטע... איך וויל נישט קעגן דיין... איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט זאָגן...

— מזל־טוב?... נו, זאָל איך זיין מיט מזל!...

— טאַטע!... — איז לייביש צוגעשפּרונגען און אַרומגעכאַפּט זכריהן — טאַטע, ביסט אַ טייערער טאַטע!... אַז איך וועל עס דערציילן אילנהן, וועט זי זיין גליקלעך, הערסט, טאַטע!... איך...

לייביש האָט אָפּגעהאַקט. טשיזשיקס טיר האָט זיך געעפנט און רעניאַ איז צוריק אַריינגעקומען. אַ נערוועזער צו־להכעיס־שמייכל האָט געשפּילט אויף אירע רויט־אויסגעקניפּטע באַקן. זי האָט אַ הויכן פאַרהויב־געטון דאָס קליידל און זיך דעמאָנסטראַטיוו אַריינגעזעצט, האַלב־ליגנדיק, אין טיפן פאָטעל. זי האָט אַ פאַרלייג־געטון אַ פוס אויף אַ פוס און מיט אַן אַרויספאָ־דערנדיקן בליק געקוקט גלייך לייבישן אין פּנים אַריין.

— וואָס־זשע? חרטה געהאַט?... — האָט לייביש אַ פרעג געטון.

— ווער האָט חרטה געהאַט? — האָט רעניאַ ציניש אַ לאַך־געטון — איך?... כאַ־כאַ־כאַ!... נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן!...

— נאָכוואָס־זשע ביסטו צוריקגעקומען?

— איך בין געקומען צו זיך! — האָט רעניאַ תקיפדיק געענטפערט — איך בין ביי מיר אין צימער! דאָ זענען מיינע זאַכן און דאָ וווין איך!

— און איך האָב דאָ שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — האָט זכריה געפרעגט.

— צוליב אייך האָב איך פאַרלוירן מיין צימער אין „בית־חלוצות"! איצט בלייבט איך דאָ!

— דער צימער איז דערוויל מיינער — האָט זכריה זיך באַמיט צו רעדן רויִק — איך האָב אויף אים דעם חוזה (קאָנטראַקט)! אויף מיין נאָמען. איך צאָל דירה־געלט.

— האָט איר אַ ברירה פון היינט אָן נישט צו צאָלן... — האָט רעניאַ געשמייכלט מיט ביטול — איך וועל שוין אַליין צאָלן... און דעם קאָנטראַקט וועט מען איבערשרייבן!...

— אויב איך וועל וועלן. אָן מיין הסכמה שרייבט מען נישט איבער... היינט גייען שוין נישט די כאַפּעלעך...

— קען איך דאָ וווינען אָן אַ קאָנטראַקט אויך... עס וועט זיך מיר גאָרנישט שלאָפן האַרטער... — האָט רעניאַ זיך געררייצט — דאָס מעבל, אַז איר ווילט, קענט איר אַרויסנעמען. דאָס צימער איז מיינס!

— דו רעדסט זיך איין, רעניאַ! — האָט זיך לייביש אָנגערופן — וועסט בעסער ווערן און צוריקגיין אין „בית־חלוצות״. דיין בעטל דאָרט וועסטו צוריק קריגן.

— אין „בית־חלוצים״ קענט איר גיין. מיר איז דאָ גוט... אויב איר וועט אייערע זאַכן נישט אַרויסנעמען פון דאַנען, וועל איך זיי אַליין אַרויסטראָגן!

— וועסט נישט וואַגן צו רירן! — האָט זיך לייביש אויפגערעגט — איך שלאָף היינט דאָ! עס איז מיין צימער! מיין שטוב! טאַטע, דאָ שלאָף איך!

— עס וועט אייך נמאס־ווערן!... מירן נאָך זען, ווער עס וועט בעסער אויסשפּילן... — האָט זיך רעניאַ צעלאַכט מיט אַ צעלאָזן געלעכטערל פון אומפאַרשעמטע הפקר־פרויען.

— אָט וואָס פאַר אַ מציאה דו האָסט געכאַפּט! — האָט זכריה אַ זאָג געטון צו לייבישן — שוין איינמאָל אַ פרי!... אָבער די וועלט זאָגט טאַקע, אַז מען דערקענט נישט קיין מענטשן, ביז מען וווינט נישט מיט אים... אַזאַ טעות צו האָבן! אַזאַ טעות! אָהאָ!

— וועט איר זיך מיט מיר נישט משדך זיין!... — האָט זיך רעניאַ געררייצט — און איר האָט אַ ברירה נישט צו וווינען מיט מיר און זיך אַרויסצוציִען פון דאַנען!... קיין נחת וועט איר דאָ שוין סייווי נישט האָבן!... כאַ־כאַ־כאַ... טרייבן וועט מען מיר פון דאַנען, הערסטו גאָר!... איך וועל אייך געבן האַניק צו לעקן!... מיר טרייבט מען נישט!... איך בין פון...

— פון „לוטס טעכטער״!... — האָט איר לייביש דערמאָנט איר „יחוס״...

— וואָס? איז רעניאַ אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס־געטון — איך דראַפּע דיר באַלד די אויגן אויס!

און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ טראַסקען פון טירן. דאָס האָט

טשיזשיק „אײדל" געגעבן אָנצוהערן, אַז ער לעבט נאָך אויף דער וועלט, אַז ער איז דאָ און מען וועט נאָך האָבן מיט אים צו טון...

**
*

לײביש האָט טאַקע אַריבערגעטראָגן זײַן בעט אין רעניעס צימער, צו באַווײַזן אַז ער טרעט נישט אָפּ. אויך רעניאַ איז נישט אָפּגעטראָטן. בײדע זענען זײ געשלאָפן אין בײדע עקן צימער, מ׳טן טיש אַלס מחיצה אינמיטן, ווי צעקריגטע מאַן־און־ווײַב. אײנער האָט געזוכט צו דערגײן דעם אַנדערן די יאָרן, אַז עס זאָל אים נמאס ווערן און ער זאָל אַוועק. לײביש האָט זיך ספּעציעל אַרומגעדרײט אין די גאַטקעס, אַז עס זאָל איר שאָקירן, פֿאַרשעמען. רעניען, אָבער, האָט עס נישט שאָקירט און זי האָט זיך נישט פֿאַרשעמט. אַלס קראַנקן־שוועסטער איז זי געוווינט צו ערגערע זאַכן. פֿאַרקערט, זי האָט אים צוריקגעצאָלט מיטן זעלבן און זיך אויך אַרומגע־דרײט אין איר אונטערוועש און זאָל זיך „דאָס ייִנגל" פֿאַרשעמען. לײביש איז, אָבער, שוין נישט געווען מער ייִנגל, נאָר מאַן און רעניעס נאַקעט־קײט האָט אים נישט פֿאַרשעמט, נאָר געררײצט. ער האָט אַ קריך־געטון מיט די צײן און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. רעניאַ האָט, אָבער, צוריק אָנ־געצונדן דאָס ליכט און זיך געלײגט מיט אַ ביכל צום לײענען... און ווען זי איז מיד געוואָרן און אויסגעלאָשן, האָט לײביש צוריק אָנגעצונדן און גענומען לײענען אַ צײַטונג, אָדער לערנען־זיך עברית אויפֿן קול: אני הלכתי, אתה הלכת, הוא הלך, היא הלכה... האָט אײנער אײַנגעדרימלט, איז דער צווײטער אַראָפּ פֿון בעט און געקלאַפּט מיט די שטעק־לאַטשן... און ווי בײדע וואָלטן זיך פֿאַרמאָסטן, ווער עס וועט זיך שטאַרקער וואַרפֿן אין בעט און סקריפּען מיטן מאַטראַץ...

די פֿרימאָרגנס און פֿאַרנאַכטן זענען געוואָרן גאָר גיהנומדיקע. טשי־זשיק האָט שוין איצט געטראַסקעט מיט די טירן אַזוי, אַז די ווענט האָבן געציטערט, די שויבן האָבן געקלונגען און די לאָמפּן האָבן זיך צעהוידעט. רעניאַ האָט אים שוין מער נישט באַרויקט. פֿאַרקערט: מיט אַ צופֿרידענעם שמײכל האָט זי דערבײַ געקוקט זכריהן און לײבישן אין די אויגן אַרײַן, ווי זי וואָלט זײ געפֿרעגט: „ווי געפֿעלט עס אײַך?"... און זי האָט הנאה געהאַט פֿון זײער יעדן נערוון־ציטער... זי האָט זיך שוין אַלײן אויך גע־נומען לערנען, ווי אַזוי מען טראַסקעט עס מיט אַ טיר... און אַז רעניאַ האָט צוגעגרײט פֿרישטיק אָדער אָונטערברויט פֿאַר זיך מיט טשיזשיקן, האָט זי די גאַנצע קיך פֿאַרנומען און זיך צעלײגט מיט איר געשיר, אַז לײביש מיט זכריהן האָבן שוין נישט געהאַט וווּ עפּעס אַוועקצולײגן און וווּ עפּעס צו מאַכן.

אָבער אַ גאַנצן טאָג איז די שטוב געשטאַנען אַ פאַרלאָזענע, אַ פוס־טע, אַ טויב־שטומע. טשיזשיק האָט זיך זיינס אָפגעטראָסקעט, אָנגעשמוצט און אַוועק צו דער אַרבעט, באַגלייטנדיק רעניען אין שפיטאָל אַריין. זכריה איז אַרומגעלאָפן מיט זיינע געשעפטן און לייביש מיט זיינע.

יאָ, לייביש האָט שוין איצט געהאַט געשעפטן. לייביש האָט שוין איצט פאַרדינט געלט און געשטיגן אויפן לייטער פון קאַריערע.

און אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

אין איינעם אַן אָוונט, בעת אַ העפטיקער קריגעריי מיט רעניען, איז פלוצלונג געקומען צו אים אַ יונגער אַקטיאָר, מיט וועלכן ער איז צוזאַ־מען געלעגן אין שפיטאָל. דאָס איז דער זעלבער אַקטיאָר, וועלכער פלעגט שטאַרק לויבן לייבישעס שפילן און זינגען און וועלכער האָט אים איינ־גערעדט, אַז צווישן אים מיט רעניען איז אַ ליבע, און שפעטער — אַז זיי זענען חתן־כלה... איצט איז ער געקומען מיט אַ פראָפאָזיציע...

ער פאָרט לעצטנס אַרום מיט אַ קליינער אַקטיאָרן־בריגאַדע, אויפן סאָוועטישן שטייגער, איבער דער פראָווינץ. אַ רעציטאַטאָר, אַ זינגערין, אַ טענצער־פאָרל, אַ פידלער און זשאָנגליאָר. עס איז אָבער קראַנק געוואָרן זייער אַקאָרדעאָניסט און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אַקאָמפאַנירן. זיי דאַרפן אויך האָבן אַ זינגער פון דזשאַז און פאָלקס־לידלעך. נו, האָט ער זיך דערמאָנט אָן לייבישן, אַז מיט אים קען מען שיסן צוויי האָזן מיטאַמאָל. וואָרעם ער טוט דאָך ביידע: ער זינגט און ער שפילט...

— אַלזאָ, ווילסטו כאַפן מיט אונדז עטלעכע כאַלטורעס? דו קריגסט צוועלף לירעס אַ נאַכט. און אַז דו וועסט טויגן, וועסטו קריגן פופצן. וועסט זיכער טויגן!...

— פונקט ווי דו האָסט מיר איינגערעדט, אַז זי טויג!... — האָט לייביש אַ וויז געטון אויף רעניען — און צום סוף איז עס יענער שלאַק!...

— מיט אונדז האָסטו דאָך נישט חתונה געהאַט און וועסט זיך נישט דאַרפן גטן... — האָט דער אַקטיאָר געשפאַסט — און אין דיין דירה וועלן מיר אויך נישט ליגן... וואָס פאַרלירסטו דאָ? פרוביר... מאַך אַ פראָבע!...

לייבישן האָט דער ענין אָנגעהויבן צו אימפאָנירן. שוין בלויז דאָס אַרומפאָרן מיט פראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, האָט אים אימ־פאָנירט. דערצו נאָך, אַז אין היימישער געזעלשאַפט האָט ער תמיד דער־פאָלג, פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט פרובירן אויפצוטרעטן עפנטלעך? אפשר האָט ער טאַקע טאַלאַנט און וועט זיך טויגן?...

אָבער אַמשטאַרקסטן האָט צו אים געשמייכלט די צוועלף־פופצן לירעס אַ נאַכט, וואָס ער האָט נייטיק באַדאַרפט. עס האָט זיך אים גע־גלוסט, וואָס אָפטער און וואָס מער צו ברנגען עזריאלקען און אילנהן

מתנות. נישט קומען מיט ליידיקן, ווי ביז איצט... ווי אַ יִנגל... אַלס פּאַר־דינער און אַלס טאַלאַנטפולער אַקטיאָר מיט דערפאָלג, וועט ער אילנהן אויך מער געפעלן. ער וועט זי קענען נעמען אין אַ קינאָ, אין אַ טעאַטער, אין אַ קאַפע. ער וועט שוין מער נישט דאַרפן אָנקומען צום טאַטן נאָך טאַשן־געלט און דער טאַטע זאָל אים פרעגן „אויף וואָס דאַרפסטו?"...

— גוט. כ׳וועל פּרובירן!...

— טרעפן מיר זיך מאָרגן אין קאַפע „גנתי". פּונקט צוועלף אַזייגער פון דאָרט וועלן מיר גיין מאַכן פּראָבע. דו לייענסט דאָך נאָטן?

— איך לייען.

— געשריבענע אויך?

— מירן זען...

עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז די מעשה מיט דעם קראַנק־געוואָרענעם אַקאָרדעאָניסט איז געווען אַן אויסגעטראַכטע. זיי האָבן קיין אַקאָרדעאָניסט נישט געהאַט. אַקאָרדעאָניסטן האָט מען אַרומגעזוכט אי־בערן גאַנצן לאַנד, מען האָט זיי צעריסן און געצאָלט, וויפל זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט. וואָרעם אין ישראל איז אַ מאַנגל אין פּיאַנינאָס, אין פּאָרטע־פּיאַנען. אין די קינאָ־זאַלן אויף דער פּראָווינץ, ווו עס ווערן געגעבן די קאָנצערטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, זענען קיין קלאַווירן נישטאָ. נישט נאָר אַקטיאָרן פון לייכטערן זשאַנר, נאָר אַפילו אָפּערן־זינגער, באַלעט־טענצער און חזנים טרעטן־אויף באַגלייט פון אַקאָרדעאָנען. גוטע פּיאַ־ניסטן גייען דאָ אַרום אַרבעטלאָז. זיי לערנען זיך שפּילן אַקאָרדעאָן, אי־בערוואַרפן־זיך, ענדערן די פּראָפעסיע. זיי האַלטן דאָס פאַר אַ ירידה פון קונסט צו כאַלטורע, אָבער וואָס טוט מען נישט פאַר ברויט? — מען לערנט זיך שפּילן אַקאָרדעאָן, אָבער קויפן אַזאַ אינסטרומענט קענען זיי זיך נישט דערלויבן. זיי קענען דערצו פּשוט נישט צוקומען. יעדער עולה־חדש וואָס האָט זיך מיטגעבראַכט אַן אַקאָרדעאָן פון דייטשלאַנד, עסטרייך אָדער פוילן, וואָלט געוואָלט דערפאַר באַקומען כאָטש אַ דירה אין תל־אביב... עס איז דאָ אויך געווען אַ צייט, ווען פאַר אַ יִדישער שרייב־מאַשינקע האָט זיך אַן עולה־חדש געהייסן באַצאָלן מיט אַ דירה אין תל־אביב... איצט, נאָך דער לעצטער מאַסן־עליה, קען מען שוין אַפילו פאַר קיין פרידזשידער קיין דירה נישט קריגן!...

דער ערשטער אויפטריט ליבישעס איז געווען נישט גאָר קיין גע־ראָטענער. אַקאָמפּאַנירט זיינע חברים, דער זינגערין און דעם טענצער־פּאָר, האָט ער נישט שלעכט. וועדליק ווי מיט איין פּראָבע, האָבן זיי אים געזאָגט, האָט ער געשפּילט ווונדערבאַר. אָבער ווען עס איז געקומען צו זיין אייגענעם סאָלאָ־אויפטריט, האָט ער זיך דערשראָקן. ער איז געוואָרן

בלייך. הענט און פיס האָבן אים געציטערט. אין טונקעלן זאַל האָבן גע־בלייכט פּנימער. אַ סך פּנימער. ער האָט נישט געזען, צי די פּנימער לאַכן אָדער קרימען־זיך. ער איז געשטאַנען אין עפּעס נישט קיין באַקוועמער פּאָזע און מורא געהאַט זיך אויסצודרייען. עס האָט אים געפּלאַמט און גערוישט אין די אויערן און ער האָט נישט געהערט צי ער שפּילט צו־הויך, אָדער צו־נידעריק. ביים זינגען האָט ער זיין אייגענע שטים נישט דערקענט. פון דעסטוועגן, ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער דערהערט עטלעכע שיטערע פּעטשעלעך פון זאַל. אַנטקעגן דעם דונערנדיקן אַפּלאָדז פון דער טענצערין, האָבן זיינע עטלעכע פּעטשעלעך געהאַט אַ פּנים פון חוזק... ער האָט זיך שלעכט געפילט, לייביש, זיך געשעמט פאַר זיינע קאָלעגן, איבערהויפּט — פאַר די טענצער מיטן זשאַגליאַר. צו וואָס האָט עס אים געטויגט? — האָט ער זיך געפרעגט. און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איז דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל. מער טוט ער דאָס נישט.

אָבער צוריקפאָרנדיק האָט אים זיין חבר געמוטיקט. ער האָט אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און געזאָגט:

— עס איז גאַנץ גוט געווען. וואָס ביסטו אַזוי פאַרזויערט? ווערדליק ווי דאָס ערשטע מאָל, ווערדליק ווי פאַר אַ דעביוט, קען מען דאָך עס אַפילו אָנרופן, אַ סוקצעס! אלא וואָס דען? האָסט געהאַט טרעמע? זיך דערשראָקן פאַרן עולם? — ווּעסטו זיך צוגעווינען!... אַלנפאַלס, קאַליע געמאַכט האָסטו דאָך נישט. אויסגעפּיפן האָט מען דיך נישט... פאַרקערט, מען האָט געפּאַטשט און גאַנץ שיין געפּאַטשט. איך קען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל גאַנץ לייטיש באַמאַכט און מען האָט זיי פון דער בינע אַראָפּגעטריבן. נו, זענען זיי היינט נישט קיין גאַנצע צעלייגערס? פאָדערן נישט קיין גרויסע שריפט מיט קלישעען? קיין טאָפּלטע מאַרקע? דו פאַלג מיך און לאַך פון גאַנצן עולם! פייף אויף אים! משה־טעס, וואָס מען דער־לאַנגט אים, פרעסט ער אויף! דו שפּיל און זינג אַזוי ווי אין שפּיטאָל, פאַר אייגענע חברה... פאַרשטייסט? האַלט זיך פריי, לאַך, גיב אַ שמייכל... זיי אַזאַ לץ ווי דו ביסט דאָרט געווען!... אַלע ווייבער וועלן דאַ אַזוי ווערן דיין כפּרה, ווי די קראַנקן־שוועסטערס אין שפּיטאָל... שאַ, ווילסט האָבן אַ סימן אַז עס איז גוט געווען? — דו קריגסט שוין היינט דרייצן פונט אנשטאָט צוועלף...

לייביש האָט זיך געלאָזן איינרעדן. נאָכן דריטן אויפטריט, האָט ער זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַרן עולם. ער האָט נישט געלאַכט פון אים, נישט געפּיפן אויף אים, אָבער זיך צוגעווינט צום עולם און זיך דערפילט מיט אים היימיש —עלעהיי אייגענע חברה אין שפּיטאָל. ער האָט געשפּילט און געשמייכלט און ביים זינגען — שוין געמאַכט זיינע

„פוילע שטיק״, פון וועלכע דער עולם האָט געלאַכט און הנאה געהאַט. ער איז אַרויף אויף דער בינע אַ זיכערער און איז צוריק אַראָפּ אַ רויִקער און צופרידענער. ער איז שוין געווען אויף אַזויפיל ניכטער, אַז זיין אויער האָט שוין פּאַכמעניש געמאָסטן און פאַרגליכן די פריִערדיקע אַפּלאָדיס־מענטן פון זיינע קאָלעגן, צו זיין אַפּלאָדז... יאָ, זיין אַפּלאָדז איז אַ שטאַר־קערער... ביי זיי האָט מען נישט געשריִען „ביס״! און ביי אים — יאָ!...

די ערשטע וואָכן האָט לייביש גאַנצע טעג געאַרבעט איבער זיך. ער האָט זיך דערמאָנט רוסישע און פוילישע לידלעך, געלערנט יִדישע און העברעיִשע. אַליין צוזאַמענגעשטעלט פּאָפּוריִען. שעהן איז ער אָפּגע־שטאַנען מיטן אַקאָרדעאָן ביים שאַנק־שפּיגל און אויסגעפּרובירט פאַרשיי־דענע פּאָזעס, ווי צו שטיין און האַלטן דעם אינסטרומענט. ער האָט גע־שמייכלט, געלאַכט און געמאַכט מינעס צו זיך אַליין. ביים ראַזירן־זיך, איז אים איינגעפאַלן צו פאַרלאָזן זיך די וואָנצעלעך און ער האָט זיך איבער־צייגט, אַז זיי קליידן אים... ער האָט אויך געקעמט די האָר אין אַלע זייטן, געשמירט זיי מיט ברילִיאַנטין. ער האָט זיך געקויפט אַ רויטן קראַוואַט מיט אַ פּערל־שפּילקע און אַריינגעשטעקט אַ קליין בלימעלע אין לינקן לאַץ. איצט, האָט ער פעסטגעשטעלט, זעט ער אויס אַקטיאָרישער פון אַלע זיינע קאָלעגן!... ער איז אינטערעסאַנט ,אַמוזאַנט און פּיקאַנט... און זיינע חנדלעך האָבן טאַקע אַ חן...

מיטן באַקומען די זיכערקייט אין זיך, האָט ער אויך געוווּנען דעם קרעדיט פון עולם. זיינע חנדלעך האָבן טאַקע אימפּאָנירט און זיין דער־פאָלג איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. לייביש קאַרלסבאַד האָט זיך אַ נאָ־מען געגעבן „ליאָוואַ באַד״ און ליאָוואַ באַד איז געוואָרן אַ ליבלינג און דער „טשוואָק״ פון קאָנצערט־פּראָגראַם...

ער האָט אָנגעהויבן צו קומען אין דער תל־אביבער קאַפע „גנתי״, ווו עס קומען אַלע אַקטיאָרן, מוזיקער און אימפּרעסאַריאָס. קאַפע „גנתי״ איז אַן אַקטיאָרישער יאַריד, אַ מוזיק־בערזע. ביי אַ גלעזל טיי ווערן דאָ געמאַכט אַלע געשעפטן. דאָ אָרגאַניזירט מען כאַלטורעס, דאָ קלייבט מען זיך צו אַקטיאָרן צו פאַרשיידענע נשפים, דאָ זוכט מען מוזיקער, אָדער פאַרטרעטער. מען שרייבט אָפּמאַכן, מען נעמט האַנט־געלט. מען קריגט־זיך און מען בעט זיך איבער. און ווען אַפילו נישט צוליב געשעפט, — איז דאָ דער טרעף־פּונקט פון דער גאַנצע באָהעמיע.

אָט אין דער קאַפע „גנתי״ האָט זיך לייביש דערוווּסט, אַז ער איז אַ „יאָלד מיט אַ קאַפּעליוש״, אַ „פּרייער״, אַ שוטה בן פּיקהאָלץ! אַז מען נוצט אים אויס, מען קוועטשט אים אויס ווי אַ ציטרין און מען מאַכט פון אים מיץ. וואָס איז היינט פּופּצן לירעס אַן אָוונט פאַר אַן אַקאָרדעאָניסט?

ווער נעמט עס היינט אונטער פינאַנצוואַנציק? קאַליקעס, וואָס דרימפּלען מיט איין פינגערל, נעמען פינפאונצוואַנציק! בפרט ער, — אַ זינגער דערצו!

לייביש האָט זיך טאַקע אַ שטעל אַוועק געגעבן דיבאָם. און כאָטש זיין חבר האָט אים איבערצייגט, אַז מען פירט אים אונטער, אַז מען שטעלט אים אויס פאַר אַ נאַר, פון דעסטוועגן האָט ער אים דערלייגט אַ פינפערל...

איצט האָט ער שוין געהאַט אַ פרייען פונט אין טאַש און איז שוין מער נישט געפאָרן צו אילנהן מיט לײדיקע הענט... נאָר וויל ער האָט וועגן אילנהן טאַקע געטראַכט ערנסט, ווי ער האָט עס דעם טאַטן פאַר־זיכערט, איז ער געוואָרן שפּאָרזאַם און אָנגעהויבן אָפּצולייגן אַ לירע צו אַ לירע. לייבישעס חלום איז איצט געוועזן: אַ שיכון... אַן אייגענע דירה אין דער געגנט אַרום תל־אביב...

## קאַפּיטל דריי

# „עולים" און „יורדים"

אַזוי ווי די ווינטער־רעגנס זענען דאָסמאָל, אַנשטאָט אַ ברכה פאַר די פעלדער, געווען אַ קללה פאַר דער באַפעלקערונג אין די עולים־געצעלטן, באַראַקן און אַראַבישע חורבות, — אַזוי האָט אויך דער גע־גאַרטער פרילינג געבראַכט צער און בהלה, אַנשטאָט פרייד און האָפענונג.

אַ גאַנצן רעגנדיקן ווינטער זענען דאָ גאָר נישט געווען אַזוי פיל גריפּעס, אַנגינעס און לונגער־אַנצינדונגען, ווי דווקא אין דעם שיינעם, זוניקן פרילינג. אַפילו די טיפוס־פאַלן האָבן זיך איצט געמערט. אָבער גרויל און פּאַניק האָט געבראַכט דער באַפעלקערונג אַ נייע עפּידעמיע, פון וועלכער דער ישוב האָט ביז איצט נישט געוווּסט: — שיתוק ילדים! דאָס מיינט: קינדער־ליימונג, קינדער־פּאַראַליזש.

מען האָט געלייענט וועגן אַזעלכע עפּידעמיעס אין אַמעריקע. מען האָט דערציילט, אַז אַזעלכע טרויעריקע פאַלן טרעפן דאָרט אָפט, ביזן היינטיקן טאָג. עס זענען געווען השערות, אַז די וואַסערן פון איסט־ריווער טראָגן אין זיך אָט די שווידערלעכע באַקצילן. און אפשר געפינען־זיך די באַקצילן אין אונדזער ים, וואָס איז באַשמוצט מיט די קאַנאַליזאַציע־אָפּפלוסן פון דער שטאָט תל־אביב. אָבער נאָכן פאַרבאָט צו באָדן־זיך אין ים, האָט זיך די עפּידעמיע נאָך פאַרשטאַרקט. אין אַמעריקע, ווייסט מען דאָ, זענען פאַראַן דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן אויף דער מחלה, ספּע־ציעלע שפּיטעלער, אינסטרומענטן און מעדיקאַמענטן וואָס באַקעמפן די מחלה. ישראל האָט עס נישט. די מעדיצינער פון דער יונגער ייִדישער מדינה האָבן זיך באַוואָפנט קעגן אַלע עווענטועלע קראַנקייטן פון איינצל־נעם און מאַסן־כאַראַקטער. באַזונדערס — קעגן די קראַנקייטן, וואָס זע־נען אַן אָפּטע דערשיינונג אין דעם קלימאַט. אָבער אויף אַן עפּידעמיע פון שיתוק־ילדים, קינדער־פּאַראַליזש, האָט מען זיך נישט געריכט.

מען האָט אַלאַרמירט קיין אַמעריקע נאָך דרינגענדער הילף און אַמעריקע האָט תיכף געשיקט אייניקע „אײַזערנע לונגען". אָבער די פֿאַלן פֿון פּאַראַליזש מערן־זיך אַלץ און די פּאָר „אײַזערנע לונגען" זענען צו־זווייניק אויף צו באַרויִקן די בהלה אין לאַנד.

די בהלה איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס נאָך אַלע אויפֿקלערונגען און אָנווייזונגען, ווייסט קיינער נישט גענוי די סימפּטאָמען פֿון דער קרענק. ווי נאָר אַ קינד באַקומט אַ ביסל היץ, קריגן שוין מאַמעס היס־טעריע און שלעפּן אינמיטן דער נאַכט דאָקטוירים פֿון די בעטן אַרויס. און אַז דער דאָקטער שטעלט־פֿעסט, אַז דאָס קינד האָט „נאָר" אַ טיפֿוס, אָדער „בלויז" אַ לונגען־אָנטצינדונג, דערפֿילט־זיך די מאַמע געטרייסט...

אויך זכריה קאַרלסבאַכס הויז האָט די פּאַניק נישט געמיטן. און עס איז באַשערט געווען, אַז דער יונגער, אומבאַקאַנטער, בולגאַרישער דאָק־טער ראזעטי זאָל דורך זכריהס אייניקל ווערן באַרימט און מאַכן אַ קאַריערע.

דאָקטער ראזעטי איז אַן עולה־חדש פֿון בולגאַריע. נישט קאָנענדיק איז ערגעץ זיך דערשלאָגן, האָט ער געפּרוווט זיך איינאָרדענען פֿאַר־זיך. אויף דער דזשעבעלי׳ער הויפּט־גאַס האָט ער אָפּגעקויפֿט אַ קיאָסק, וואָס וואָלט גוט געווען צום פֿאַרקויפֿן דאָרט סאָדע־וואַסער. דאָקטער ראזעטי האָט, אָבער, אין דעם קיאָסק אַריינגעשטעלט אַ טישל מיט צוויי שטולן און זיך איינגעאָרדנט אַ „גאַבינעט". צום גליק איז ראזעטי אַ קינדער־דאָקטער און באַטראַכטן אַ קינד אויף דער מוטערס שויס, פֿאַרנעמט נישט קיין סך פּלאַץ. אַ דערוואַקסענער מענטש וואָלט אין אָט דעם „גאַבינעט" נישט געהאָט ווו זיך אויסצוציִען. און וויל וועגן אַ וואַרטע־זאַל, אין דעם קיאָסק, האָט שוין בכלל קיין רייד נישט געקאָנט זיין, האָט דאָקטער ראַ־זעטי אַרויסגעשטעלט צוויי בענק אינדרויסן, אונטערן שאָטן פֿון אַ ברייט־צעצווייגטן פֿייגנבוים... ביים אַריינגאַנג האָט ער אויפֿגעהאָנגען אַ שילדל, ווו אנשטאָט „גזוז" אָדער „סיגריות", איז געווען אויפֿגעשריבן: „רופֿא־ילדים" — קינדער־דאָקטער. און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויסקוקן פּאַציענטן. דערוואַקסענע פֿלעגן, אָבער, פֿאַרבייגיין דעם קיאָסק מיט אַ שמייכל. אַ לץ האָט זיך אָפּגעשטעלט בעטן אַ גלאָז מיץ, אָדער אַ שאַכטל סיגערעטן. אַ כאַליאַסטרע קינדער האָט געבערענגט צושלעפּן אַ צעטרעטענע ליאַלקע פֿון אַ מיסטקאַסטן אַרויס, אָדער אַ געפּגרט קעצל און גערופֿן:

— דאָקטער! היילט אונדז אויס דאָס קינד!...

דאָקטער ראזעטי, ווי ביטער עס איז אים געווען אויפֿן הארצן, איז אָבער נישט בייז געוואָרן. פֿאַרקערט: ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט, ווי פֿון אַ וויץ וואָס געפֿעלט אים, און די קינדער נאָך מכבד געווען מיט צו־

קערקעס. אַ דאַנק דעם האָבן זיי אויפגעהערט צו שלעפּן צו אים געפּגרטע קעצלעך און שמאַטעדיקע ליאַלקעס. קיין פּאַציענטן, אָבער, זענען צו אים אַלץ נישט געקומען. ווארעם דער סאָדע־וואַסער־קיאָסק האָט, אָנשטאָט צוטרוי צום דאָקטער, אַרויסגערופן חוזק און ביטל צו אים. ערשט דער פאַל „קאַרלסבאַד" האָט דעם דאָקטער ראַזעטי באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער שכונה און מאַמעס האָבן אָנגעהויבן באַלאַגערן זיין קיאָסק, ווי ביי אַ גוטן ייִדן, אַ בעל־מופת.

און געשען איז דאָס אַזוי:

אילנה האָט זיך ענדלעך אויסגעקליבן מיט איר ערשטן וויזיט צו זכריהן. אַז די טעג זענען געוואָרן זוניקע און וואַרעמע, האָט זי באַשלאָסן צו נעמען עזריאַלקען און ברענגען אים אַ ביסעלע צום זיידן...

דער זיידע האָט זיך מיט דעם „גרויסן" גאַסט אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט צוליב אים אָוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און רעזיגנירט פון פאָרן דעם טאָג קיין תל־אביב. אייך קלייניקייט: עזריאַלקע!... דאָס איז דאָך עזריאל מיט די ביינער!... ער האָט דאָס געטוליעט, געהוידעט, געקושט, געקיצלט און זיך גאָרנישט געקאָנט פון דעם אָפּרייסן, דערקעגן איז עזריאַלקען גאָרנישט געפעלן דעם זיידנס וואָנצעס, וואָס האָבן אים גע־שטאָכן אין פּנימל, געקיצלט דאָס העלדזל, אונטער די אָרעמלעך און אין דער פּלייצקע. ער האָט זיך געריסן פון דעם זיידנס אָרעמס און נאָר גע־וואָלט אַרומפּויזען אויף דער ערד.

— אַזוי זענען זיי די קיבוצישע קינדער... — האָט אילנה געשמייכלט

— ווילן נישט מען זאָל זיי צערטלען... נאָר אַרומפּויזען, נאָר אַרומקריכן...

— האָט זי גענומען דאָס קינד פון זכריהס שויס און אָוועקגעזעצט אויפן גראָז — זאָל ער פּויזען... זאָל ער זיך שפּילן מיט די בלומען־קוסטן. אַ דאגה...

און אַלע דריי זענען געזעסן אויף דער גאָרטן־באַנק און זיך נחתדיק צוגעקוקט ווי דער קליינער כאַפּט זיך־אָן אָן די קוסטן־צווייגלעך און שטעלט־זיך אויף די פיסלעך, האַלט זיך־אָן און גייט אַזוי פון קוסט, צו קוסט...

לייביש האָט אַרויסגעבראַכט טיי מיט ביסקוויטן און שאָקאָלאַדקעס, וואָס ער האָט אינבזיגען געהאַט איינצוקויפן. ער האָט דערציילט וועגן זיינע אַרטיסטישע דערפאָלגן און וועגן זיינע פּלענער אויף ווייטער. דער עיקר: אַז ער האָט שוין איינגעצאָלט די ערשטע ראַטע אויף אַ שיכון (אייגענע דירה) אין דער געגנט פון תל־אביב. אַז במשך אַ האַלב־יאָר, וועט שוין דער שיכון זיין פאַרטיק, זיך אַריינצוציען... אילנה האָט דערציילט וועגן איר קיבוץ־לעבן און וועגן דעם טרויעריקן וועג וואָס זי האָט דורכגע־

מאַכט ביזן קיבוץ. זכריה האָט געהערט און אינזינען געהאַט זיינע אייגענע זאָרגן: דעם לאָקאַל פאַר דער דרוקעריי, די חובות וואָס ער האָט זיך אָנגעמאַכט און די מאַשינען וואָס שטייען אין חיפהער פּאָרט.

און פּלוצלונג איז עזריאלקע אַנידערגעפאַלן מיט אַ געוויין. ער איז געפאַלן אויפן בייט־בערגל מיטן נגב־שטיין, צום אָנדענק פון זיין טאַטן. די ערד איז דאָרט ווייך און ער האָט זיך נישט געקאָנט צעקלאַפּן, אָבער זיין געוויין איז נישט געווען קיין געוויינלעכס און האָט דעריבער אילנהן אַ הייב־געטון פון אָרט. אילנה איז צוגעלאָפן, געכאַפּט עזריאלקען אויף די הענט. זי האָט, אָבער, איר אייגן קינד נישט דערקענט, אַזוי האָט זיך עס מאָמענטאַל פאַרענדערט. עס האָט געהאַט אַ פאַרפלאַמט פּנימל מיט אַ פאַר פאַרגלאָצטע אויגעלעך. אויף די ליפּלעך איז אַרויס אַ שוים. דאָס גאַנצע קערפּערל האָט געבריט און די הענטלעך און פיסלעך האָבן זיך געצאַפּלט אין קאָנוווּלסיע. אילנה האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געקלאָגט אַזוי, אַז שכנים און שכנות זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. קיינער האָט דאָס שוידערלעכע וואָרט איבער די ליפּן נישט געבראַכט, אָבער ווי אַ בליץ איז עס אַדורכגעלאָפן יעדערנס געהירן: שיתוק־ילדים! קינדער־פּאַראַליזש!

לייביש און זכריה האָבן זיך געלאָזן לויפן נאָך דאָקטוירים. עס איז געווען מיטאָגצייט און די „קופּת־חולים" (קראַנקן־קאַסע) איז געווען גע־שלאָסן. קיין טעלעפאָן איז נישטאָ. צו אַ שפּיטאָל דאַרף מען לויפן אין יפו. די פּאָר פּריוואַטע דאָקטוירים זענען פּונקט נישטאָ אינדערהיים. באין־ברירה האָט זיך זכריה אַריינגעכאַפּט צו דאָקטער ראזעטין. ווען ער האָט אים געבראַכט אין שטוב־אַריין, איז שוין דאָרט געווען אַ דאָקטער, וועלכן לייביש האָט געבראַכט פון בת־ים. דער בת־ימער דאָקטער האָט פעסט־געשטעלט, לויט אַלע סימפּטאָמען, אַז דאָס איז שתוק־ילדים. דאָקטער ראזעטי האָט אויך באַטראַכט דאָס קינד און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַזוי, אַז עס האָט געקאָנט הייסן: עס איז יאָ און עס איז נישט... ער האָט נאָכ־אַמאָל באַטראַכט דעם שוים אויף די ליפּלעך און זיך פאַרטראַכט. ער האָט דערביי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. און פּלוצלונג, ווי ער וואָלט אין גאָרטן עפּעס דערזען, איז ער האַסטיק אַרויסגעלאָפן, אַ כאַפּ־געטון אַ צוויגעלע פון אַ קוסט און איז דערמיט צוריק אריינגעלאָפן, רופנדיק:

— זאָגט מיר: האָט זיך דאָס קינד היינט געשפּילט אין גאָרטן?

— יאָ! — האָט אילנה אויסגערופן — דאָרט איז עס טאַקע געשען. ווײ איז מיר!

— געבן די־אָ קוסטן?

— יאָ!

— האָט עס נישט גענומען אַמאָל עפּעס פון די־אָ בלומען אין מויל אַריין?

— קען זיין.

— מיר האָבן נישט באַמערקט.

— זיך פאַררעדט! — האָט אויך לייביש אַ וויין־געטון.

ראַזועטי האָט אַריינגעשטעקט אַ פינגער אין קינדס מיילעכל, נאָכ־אַמאָל באַטראַכט דעם שוים, געשמעקט צו דעם און באַפוילן:

— שוין נעמען דאָס קינד אין שפּיטאָל־אַריין און אויספּאָמפּען דעם מאָגן! דאָס איז נישט קיין שיתוק! נישט קיין פּאַראַליזש! דאָס קינד האָט זיך פאַרסמט מיט די בלומען! תיכף אויסשווענקען דעם מאָגן און דאָס קינד וועט געזונט ווערן!

און נישט וואַרטנדיק אויף קיינעם, האָט דאָקטער ראַזועטי אַליין געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און געלאָפן דערמיט אין שפּיטאָל־אַריין. לייביש מיט אילנהן זענען נאָכגעלאָפן מיטן בת־ימער דאָקטער און נאָך זיי — די שכנים פון דער גאַנצער גאַס.

אין שפּיטאָל האָט מען פעסטגעשטעלט, צו דער סאַטיספאַקציע פון בת־ימער דאָקטער, אַז דאָס איז יאָ קינדער־פּאַראַליזש. דאָקטער ראַזועטי האָט, אָבער, געפאָדערט תיכף אויסצושווענקען דעם מאָגן. וואָרעם צוליב אַזאַ פאַטאַלן טעות, קען דאָס קינד דערווייל פאַרסמט ווערן! ער וועט נישט אַוועקגיין פריער, ביז מען וועט נישט מאַכן קיין דורכשווענקונג.

מען האָט עס דאָקטער ראַזועטין געמוזט נאָכגעבן און דאָס האָט טאַקע עזריאלקען געראַטעוועט...

פון דעם טאָג־אָן איז אַריין די מזל־ברכה צו דאָקטער ראַזועטין אין קיאָסק; די גאַנצע שכונה האָט גערעדט וועגן דעם נס. צום בת־ימער דאָקטער האָט שוין איצט קיינער מער נישט אַריינגעשמעקט. ער האָט געקאָנט פטרן דאָס קינד! און:

— קיינער שטעלט נישט אַזוי אַ דיאַגנאָז, ווי דאָקטער ראַזועטי!...

מען האָט זיך אויך איצט דערמאָנט ראַזועטיס ליבע צו קינדער בכלל. ווי ער גלעט זיי די קעפּלעך, רעדט צו זיי אויף בולגאַריש, רוסיש און דייטש און טיילט זיי צוקערקעלעך... נישט אַזוי ווי די דאָקטוירים פון קופּת־חולים, וועלכע בייזערן זיך אויף די קינדער, וואָס האָבן מורא פאַר אַן איינשפּריצונג...

פאַראייַנוועגס האָט מען זיך שוין גענומען צום קריטיקירן די „קופּת־חולים" און אירע דאָקטוירים. אַ חבר פון הסתדרות איז אויטאָמאַטיש אַ חבר פון דער „קופּת־חולים", במילא מוז ער צאָלן. ער צאָלט פאַר זיך און ער צאָלט פאַר דער משפחה. אָבער דאַרף מען אַ דאָקטער, גייט מען

פּריוואַט. אין „קופּת־חולים" איז כמעט קיינמאָל נישטאָ דער דאָקטער, וועלכן מען דאַרף. און אַז ער איז שוין יאָ דאָ, דאַרף מען וואַרטן אַ האַלבן טאָג אין דער ריי, ביז מען קומט־אָן צו אים. און ועל־כּולם, פאַרשרייבט ער דיר אַ ביסל אַקוואַ־דעסטילאַטאַ... אַז אים איז פאַרבאָטן אויסצושרייבן אַ קאָסטבאַרן אויסלענדישן פּרעפּאַראַט. אַ ביסל פּעניצילין פאַרשרייבט מען אין זעלטענע אויסנאַם־פאַלן, ווען דער הויפּט־דאָקטער באַשטעטיקט. און באַשטעטיקן, באַשטעטיקט ער ערשט דאַן, ווען עס העלפט שוין נישט... דאָקטער ראַזועטי, דערקעגן, פרעגט נישט ביי קיינעם. ער פאַרשרייבט פּעניצילין יעדן צווייטן פּאַציענט... און אַז מען קריגט עס נישט אין אַפּטייק, קריגט מען עס ביי אים. ער הייסט זיך טאַקע לייטיש באַצאָלן דערפאַר, אָבער וואָס טוט מען נישט צו ראַטעווען אַ קינד? און נישט נאָר קיין אויסלענדישע פּרעפּאַראַטן — ביי דאָקטער ראַזועטין קריגט מען אַלץ וואָס מען קריגט נישט אין קיין אַפּטייק; מען קריגט ביי אים אַ סאַכאַרינקע און מען קריגט ביי אים אַ שטיקל וואַטע, מען קריגט אַ באַנדאַזש און אַ פּעקל ליגנין. און בײדע זײַנען צופרידן: סיי דאָקטער ראַזועטי און סיי דער פּאַציענט...

דאָקטער ראַזועטי איז שוין, אָבער, אין זיין סאָדע־וואַסער־קיאָסקל לאַנג נישט געבליבן. אין איינעם אַ טאָג פון זעלבן פרילינג, האָבן די פּאַציענטן דערזען אַ שילדל אויפן קיאָסק, מיט דער אויפשריפט: „דאָקטער ראַזועטי האָט זיך איבערגעצויגן אין הויז אַנטקעגן־איבער".

און אין הויז אַנטקעגן־איבער האָט שוין דאָקטער ראַזועטי געהאַט אַן אויסמעבלירטן וואַרטע־צימער און אַ גאַבינעט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַריכמטן, דערפאַלגרייכן דאָקטער.

אילנה, זכריה און לייביש זענען אָפּגעקומען מיט שרעק. עזריאלקע איז געזונט געוואָרן. נאָך די זעלבע וואָך האָט ער געשטיפט אין קיבוץ און באַוויזן, אַז ער קען שוין מאַכן עטלעכע טריטלעך, נישט צוהאַלטנדיק זיך אָן גאָרנישט...

אָבער זכריה האָט זיך לאַנג־לאַנג נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז דאָס מזל האָט זיך פון אים אָפּגעקערט לעולם־ועד. אַז דער שלימזל פאַרפאָלגט אים אויף טריט און שריט. אַלע צרות און אַלע אומגליקן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אַ שאָט געטון נאָר אויף אים.

**
*

זכריה קאַרלסבאַך איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן מיט די פּראַכטן פון זיין באַגאַזש. ער האָט שוין געהאַט אַ שווערן פאַרטפעל מיט געחתמעטע

פּאַפּירן. אָבער עס האָט אים נאָך אַלץ אויסגעפעלט נאָך אַ פּאַפּירל און נאָך אַן אונטערשריפט. וואָרעם יעדעס מאָל, ווען ער האָט שוין באַקומען דאָס לעצטע פּאַפּירל און די וויכטיקסטע אונטערשריפט, האָט מען אים פּייערלעך צווויסן־געטון, אַז איצט דאַרף ער זיך ווענדן „דאָרט־און־דאָרט״ און באַקומען דאָס סאַמע לעצטע צעטל מיטן סאַמע ענדגילטיקסטן אונטערשריפט...

אַן אַדוואָקאַט האָט זיך שוין דערמיט פּאַרנומען און ער האָט עס אַוועקגעוואָרפן. אַ שפּיליטער האָט שוין זכריהן אָפּגעשלעפּט עטלעכע וואָכן און אַריינגעשלעפּט אים אין פרישע הוצאות. אויפגעטון האָט ער נאָר דאָס, וואָס ער האָט באַקומען זיין שכר־טרחה. ער האָט נאָך זכריהס פּאָרטפעל פולער און שווערער געמאַכט און די ענדגילטיקע אונטער־שריפט — אַלץ נישט באַקומען. זכריה איז אַלץ טיפער געשווומען אין ים פון הלוואות און חובות. אַריינגעבראָכט אַ לייטישן האַנט־געלט דעם באַ־לעבאָס פון לאָקאַל פאַר דער דרוקעריי און איצט מוז ער, צום טערמין, צוצאָלן דאָס איבעריקע.

אויך מיטן לאָקאַל איז עס צוגעגאַנגען נישט לייכט. דער הויזווירט, ביי וועלכן מען מעג רעדן „לשון־קודש״, האָט זיך געהאַלטן שטייף ווי שטאָל. אָבער פון איין זייט די „מויל־מלאכה״ פון פינקעלשטיינען, דעם „יודאַנער מיטן קלאַנג־פילם״, ווי זיידמאַן האָט אים אַ נאָמען געגעבן... און פון דער צווייטער זייט — די קאַנאַדער קוזינקע מיט אירע אַרגומענטן פון „צוויי טויזנט יאָר גלות״, — האָבן דעם שטייפן שטאָל איינגעבראָכן... אַפילו די הויזווירטין, דער „פאַרשנייטער מיסטקאַסטן״, איז שוין מיד גע־וואָרן פון דינגעניש און געהייסן דעם מאַן „צוקלאַפּן״... זי האָט געשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש קאָניאַק און אַן אַלטגעבאַקענע עוגה (קוכן). די קאַ־נאַדער קוזינקע איז געווען אויסער־זיך פון שמחה. און באַלד נאָכן ערשטן לחיים האָט זי זיך געמוזט, „נאָך צוויי טויזנט יאָר״, מיט אַלעמען צעקושן... אָנגעהויבן האָט זי פון דער קוזינקע און דער ענד־ציל איז, פאַרשטייט זיך, געווען זכריה... די ערגסטע מפּלה האָבן געהאַט זיינע שטייפע וואָנ־צעס, וואָס זענען נאָך „צוויי טויזנט יאָר״, ווייך און פייכט געוואָרן פון אירע פעטע ליפּן...

איצט וואַרט דער לאָקאַל אויף זכריהן און זכריה וואַרט אויף זיינע מאַשינען, וועלכע וואַרטן אין חיפהער פּאָרט אויף דער ענדגילטיקער אונטערשריפט...

דערווייל זיצט נישט זכריה מיט קיין פאַרלייגטע הענט. זיידמאַן האָט אויפגעוועקט אין אים דעם פאַרמלחמהדיקן ענערגישן געשעפטסמאַן. רעד־צו לאָזן די חובות נישט רוען, וואָרעם יאָ געמאַכט אַ געשעפט, צי נישט

געמאַכט קיין געשעפט — צאָלן מוז מען! און לעבן דערווייל מוז מען דאָך אַוודאי...

אמת, ביי די לייטישע פאַרדינסטן, איז סיי אים און סיי זיידמאַנען דער גאַנצער מסחר נישט ניחא. אַ לעבן לאַנג געפירט כשרע, סאָלידע געשעפטן. פּאָפּולערע, בכבודיקע פירמעס געווען. אַ האַלבע פּוילישע פּראָווינץ האָט פון זיי געוווּסט און געשטאַנען מיט זיי אין געשעפטלעכן קאָנטאַקט. און איצט... — ירידה! יאָ, יורדים זענען זיי. געפאַלן צו דער מדרגה פון מעקלערלעך, בערזע־יידעלעך, הענדלער מיט „שוואַרצע סחורה". דעם אייגענעם כבוד און דעם אייגענעם פּנים פאַרשוואַרצן זיי זיך מיט אָט דעם שוואַרץ־האַנדל. יאָ, עס איז זיי דערווידער, נאָר זיי זע־נען אַריין אין דעם און האָבן נישט דעם כוח — צוריק־אַרויס. דעריבער טרעפט, אַז ביי אַ גלעזל טיי רעדן־זיך די שותפים אַראָפּ פון האַרצן. מען מאַכט־זיך אַליין פאַרוווּרף און מען פאַרענטפערט־זיך.

— אַזוי, אַזוי, פּאַניע זיידמאַן... יורדים זענען מיר...

— אַזוי, אַזוי, פּאַניע קאַרלסבאַך... וואָס זאָל מען מאַכן?...

— און אַמאָל גיב איך אַ טראַכט, אַז אפשר בין איך אַליין שולדיק? וואָרעם מענטשן וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אַריין אָן פּרעטענזיעס, אָן אַמביציעס, האָבן זיך דאָך דווקא יאָ איינגעאָרדנט ווער פריִער און ווער שפּעטער, ווער בעסער און ווער ערגער, אָבער אַלע האָבן געקראָגן ווירנונגען. קיינער ליגט נישט אויף דער גאַס. די, פון בית־עולים, וועלן זיך אויך דערוואַרטן זייער טאָג. און אַלע אַרבעטן! דער שניידער, דער סטאָליער, דער מולער און דער שלאָסער. אַפילו פּאַכלאָזע טאָג־אַרבעטער קריגן זייער טאָג שוואַרצע אַרבעט ביי בנין. נאָר איך, זכריה קאַרלס־באַך, פּאַראַזיטעווע!

— וואָס רעדט איר, פּאַניע קאַרלסבאַך? איר זעט נישט טאָג־טעגלעך די שוואַרצע רייען ביי דער לשכת־עבודה (אַרבעט־ביוראָ)? איר האָט נעכטן נישט געזען די דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטלאָזע איבער די תּל־אביבער גאַסן, מיט דער אויפשריפט „לחם ועבודה" (אַרבעט און ברויט).

— דאָס איז אַ קאָמוניסטישע העצע! עס איז טאַקע שווער מיט אַר־בעט, אָבער קיינער שטאַרבט דאָ נישט פון הונגער! קיין פליישׁ עסט דאָ נישט דער גרעסטער גביר יעדן טאָג! און ברויט האָט דאָ יעדער אָרעמאַן גענוג! פּוסטע מעשהס! שוואַרצע אַרבעט, בנין־אַרבעט, ערד־אַרבעט און אין די פּרדסים, איז דאָ גענוג. אלא וואָס דען? יעדערער וויל אין שטאָט אַריין! יעדערער וויל תּל־אביב און וויל ווערן אַ פּקיד!... אָט, נעמט מיין שוסטער. ר' יוחנן הסנדלר, מיין שכן... אין וואַרשע איז ער אויך געווען מיין שכן. אין אַ נאַסן קעלער געוווינט מיט אַ ווייב און אַ האַלב טוץ קינ־

דערלעך. געלאַטעט אַלטע שקראַבעס און געהונגערט אויפֿן פּיסק. אַ גאַנצע וואָך — ברויט מיט אַ ציבעלע, אָדער מיט אַ פּענעצל הערינג... דאָ האָט ער אַ וווינונג און אַ וואַרשטאַט. „תּיקון נעלים״ (שיך־פּאַרריכטן) האָט ער אויפֿגעשריבן אויף דער שילד. ווער עס פּראַוועט תּיקון־חצות, ער פּראַוועט תּיקון־נעלים... נו? איז ער נישט צופֿרידן? ער זינגט־זיך „העמערל, העמערל, קלאַפּ״ און זיין ווייב טראָגט יעדן טאָג פֿון שוק (מאַרק) אַ פֿולן קיישל... אַ בונדעווע איז ער, אָבער צוריק אין גלות אַריין בענקט ער נישט...

— און איך בענק יאָ. צוליבן לידעלע „סוציאַליזם בימינו״ (סאָציאַ־ליזם אין אונדזערע טעג), מאַכט מען אומגליקלעך אַ לאַנד און מען מאַכט אומגליקלעך מענטשן. אַוודאי, ווער עס האָט קיינמאָל גאָרנישט געהאַט און קיינמאָל גאָרנישט פֿאַרלוירן, דער האָט נישט קיין אַמביציעס און לעבט צופֿרידן, ווי אייער שוסטער. הוליע־קבצן!... אָבער ווער דאַרף דאָ דעם אינטעליגענט? דעם סוחר? דעם פֿאַבריקאַנט? דעם קאַפּיטאַליסט? — קבצנים דאַרף מען דאָ! קבצנות וועט שטאַרקן דעם סאָציאַליזם אין לאַנד און דעם מגבית אין אויסלאַנד!... און אייערע מאַשינען, פֿאַניע קאַרלסבאַד, דאַרף מען נישט! עס איז קאָנקורענץ פֿאַר די וותיקים!... דערפֿאַר מאַכט מען אייך אַלע שוועריקייטן!... איר ווילט ווערן אַ מענטש און זיך שטעלן אויף די פֿיס. איר האָט געבראַכט אַ פֿאַבריק און איר ווילט נישט קיינעמס הילף. איר קענט אַליין האָבן פּרנסה און געבן פּרנסה אַ צענדליק משפּחות. אָבער מען וויל עס נישט. מען דאַרף עס נישט און מען לאָזט אייך נישט!... נאָר קבצנים גיט זיי! אַן עליה פֿון הונגערמאַנס און קבצנזאַנס...

— אָבער אַלע קבצנזאַנס אַרבעטן ערלעך און מיר פּאַראַזיטעווען...

— ווייל מען לאָזט אייך נישט לעבן ערלעך... אָט, זאָל מען אייך אַרויסגעבן אייערע מאַשינען, וועט איר אַרבעטן ,פֿירן אייער דרוקעריי... איר זענט ערשט נעכטן אַכצן יאָר געוואָרן, וואָס איר וועט זיך גיין אַוועק־שטעלן אַרבעטן ביי יענעם?...

— און גיין איבער די הייזער מיט „שוואַרצע סחורה״ איז בעסער?...

— נו, איז דאָך עס אַ צייטווייליקע זאַך! כל־זמן עפּעס בעסערס איז נישט. ביז וואָס־ווען, דאַרף מען דאָך די הענט צענעמען!... סוף־כּל־סוף וועט איר דאָך אַרויסקריגן אייערע מאַשינען. און איך...

— און איר?...

— איך וועל אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען! אַנטלויפֿן ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן!

***

דער אַנטלויפן „ווו די אויגן וועלן טראָגן" איז לעצטנס געוואָרן אַ מאַסן־פּסיכאָז. עס איז לעצטנס באַדייטנד קלענער געוואָרן די עליה אין לאַנד־אַריין און עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די „ירידה" פון לאַנד־אַרויס. די כוואַליע פון צוריקרייזנדע האָט זיידמאַנען מיטגעריסן. ער איז דאָך איינער פון די טויזנטער, וועלכע זענען אַריין אין לאַנד „מיטן לינקן פוס און האָבן דאָ דעם לינקן פוס אויך אויסגעלענקט"... ער געהערט צו דער קאַטעגאָריע, וואָס קאָן זיך נישט דערשלאָגן צו קיין דאַך איבערן קאָפּ און צו קיין סאָלידער פּרנסה. קיין פּאַרטיי־פונקציאָנאַר איז ער אַוודאי נישט. דאָס לעבן איז דאָ שווער. די חודשלעכע צוטיילונגען אויף די שפּייז־ביכלעך באַפרידיקן ווייט נישט זיידמאַנס אַפּעטיט... פון ווייסן מאַרק וועט ער דאָ „אויסצינען די קאַפּיטעס" און דער „שוואַרצער מאַרק" קאָסט אים באַלד מער וויפל ער פאַרדינט. דערצו געפעלן אים נישט די „סאָוועטישע אָטשערעדן" דאָ, די לאַנגע רייען צו די שפּייז־געוועלבער. מען שטייט דאָ אָפּ האַלבע טעג און מען קריגט נאָר „געשוואָלענע פיס"... מען שטייט אין די רייען און מען שעלט דעם אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער ד״ר דב יוסף. עס ווערט דערפון טאַקע לייכטער אויפן האַרצן, אָבער נישט שווערער דער מאָגן... קומט מען פאַרביטערטע אַהיים און מען זעצט־זיך שרייבן בריוו צו קרובים אין אויסלאַנד. מען בעט זיך רחמים: אַ וויזע, אַ שיפס־קאַרטע, אַ לאַנדונגס־פּערמיט.

זיידמאַן האָט נישט קיין קרובים אין אויסלאַנד און האָט נישט צו וועמען צו שרייבן. אָבער אַרום די קאָנסולאַטן און רייזע־ביוראָען דרייט ער זיך. פון טאָג־צו־טאָג וואַקסן אויך דאָ די רייען. מאַכערס און מאַכערלעך זאָגן־צו גליקן און נעמען געלט. ווו זיידמאַן קומט איצט, רעדט מען נאָר וועגן עמיגראַציע. טייל שעמען־זיך און רעדן וועגן דעם שטיל, אויפן אויער. וואָרעם להיפּוך צו די אימיגראַנטן, וועלכע הייסן דאָ „עולים", האָט מען די צוריקרייזנדע אַ נאָמען געגעבן „יורדים". אָבער אַנדערע שרייען הויך אויפן קול:

— איך זאָל זיך שעמען?! זאָלן זיי זיך שעמען! אומעטום האָב איך געטויגט, נאָר דאָ טויג איך נישט!... איז דאַרף מען נישט; „יורדים" רופן זיי אונדז! אַ יורד בין איז דאָ סיי־ווי־סיי! און איידער צו זיין אַ יורד דאָ, לאָמיר בעסער פּרוּוון דעם מזל ערגעץ אַנדערש!...

אויך זיידמאַן ווייסט, אַז ער איז סיי־ווי אַ יורד און ער שעמט זיך שוין מיט גאָרנישט. פאַרקערט, אַז ער קוקט־אָן ווער די אויפגעקומענע זענען דאָ און ווער עס זענען די יורדים, איז ער שוין אַפילו שטאָלץ מיט.

זיין ירידה... ערגער איז אים נאָר, וואָס ער געפינט נישט קיין ריכטיקן קאָנטאַקט. אויף די מאַכערלעך מיט די פרומע מינעס, איז ער אַ מביז און ער וועט זיי זיינע עטלעכע פונט נישט געטרויען. ער האָט געפּרוווט איינרעדן זכריהן, אַז זיי זאָלן צוזאַמען זוכן אַ וועג:

— פאַרפאַלן. מיר האָבן דאָ געמאַכט אַ שלעכט געשעפט. לאָמיר אָפּהאַקן...

אָבער זכריה האָט אים געענטפערט, אַז חרטה איז נישט סוחריש... דאָס געשעפט איז דערווייל טאַקע אַ ביטער געשעפט, אָבער ער איז אַ ייִד אַן עקשן!... די גרויסע וועלט האָט ער שוין געזען און ער איז פון איר נישט באַגייסטערט... גענוג זיך אַנגעוואַלגערט און אָנגעוואָגלט! ער איז שוין נישט קיין ייִנגעלע פון אַכצן יאָר! ווידער צעברעכן־זיך? פאַרקויפן די מאַשינען און אַנטלויפן? ווו וואַרטן דאָס אויף אים בעסערע גליקן? דאָ האָט ער אַ זון און אַן אייניקל און עזריאלס קבר. ער וועט שוין אין ערגעץ נישט פאָרן. אָט דאָ וועט ער שוין „אָפּדאָסן" די פּאָר יאָר, וואָס אים איז באַשערט צו לעבן. פאַרפאַלן. עס איז טאַקע אַ שווער לאַנד, אָבער מען דאַרף זיך דאָ איינבייסן מיט ציין און נעגל. דערקעגן זיידמאַנען, וועלכער איז דעצידירט אַוועקצופאָרן, איז ער גרייט צו העלפן. און:

— יאָ!... איך האָב טאַקע פאַר אייך דעם ריכטיקן אויסוועג!...

און זכריה קאַרלסבאַד האָט דאָ געשאָסן צוויי האָזן מיטאַמאָל: ער האָט זיידמאַנען געטון אַ טובה און זיך — באַפרייט פון אַ האָרב... ער האָט זיידמאַנען באַקענט מיט דער קאַנאַדער קוזינקע, וועלכע איז געקומען קיין „איזראַעל נאָך צוויי טויזנט יאָר" געפינען איר ריכטיקן זיווג... דאָס פּאָרל איז זיך מיט מזל געפעלן און זיידמאַן טרינקט שוין מער נישט קיין טיי ביי זכריהן אין די לאַנגווייליקע אָוונטן... דערפאַר דאַנקט ער זכריהן אָפּ מיט זיין „ייִנגערער" שוועסטער, מיט פאַניעטשקען, וועלכע איז אַ מלאך און וועט אים פאַרזיסן זיינע עלטערע יאָרן...

זכריה, אָבער, איז נישט קיין נאַשער און האָט נישט ליב קיין זיסע זאַכן, בפרט נאָך — אַזאַ לאַקריץ־זיסקייט ווי די „ייִנגערע" פאַניעטשקאַ... און כאָטש ער איז מיט זיידמאַנען געבונדן געשעפטלעך, האָט ער עס אים אָפּן געזאָגט. זיידמאַן האָט זיך אָבער, געמאַכט „געפּגרט" און עד־היום פאַרפעלט ער נישט קיין געלעגנהייט, זייביידן צוזאַמען־צופירן. אָט היינט דאַרפן זיי זיך ווידער טרעפן אין דעם ייִדישן „גאָלדפאַדען"־טעאַטער אין דזשעבעליִאַ. זיידמאַן וויל באַקענען זיין כלה מיט דער גאַנ־צער משפחה. עס וועט דאָרט זיין די עלטערע שוועסטער מיט איר מאַן און עס וועט זיין די ייִנגערע. און זכריה איז דאָך סיי דער שדכן און סיי

דער הויפּט־מחותן! — מוז ער דאָך אַוודאי זיין... בפרט נאָך, אַז ויידמאַן האָט שוין פּאָר אַלעמען געקויפט בילעטן...

איז מילא, וועט ער היינט זיין אין טעאַטער, זכריה. כאָטש עס ליגט אים נאָך גוט אין טעם דער טשאָלנט, וואָס ער האָט ווינטער געגעסן מיט דער „יינגערער" ביי דער „עלטערער"...

ביידע שוועסטערלעך זענען דאַן געזעסן ביים טיש און דער עלטע־רערס מאַן האָט דערלאַנגט... ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ ווייבערשן פאַרטוך, געוואַשן די געשיר און דאָס ווייב האָט אים כסדר געמאַכט פאָרוווּרפן פאַר זיין נישט־זגראַבנעקייט. דערביי האָט זי זכריהן געגעבן אָנצוהערן, אַז עס זענען אַוועק די אַלטע צייטן, ווען דער מאַן איז געווען דער מלך אין שטוב. היינט דאַרף אַ מאַן קענען פירן די באַלעבאַטישקייט און באַדינען זיין ווייב, וועלכע אַרבעט צוזאַמען מיט אים...

— „נייע צייטן, נייע לידער"... — האָט פאַניעטשקאַ אַ זינג־געטון.

— די זעלבע פליכטן און די זעלבע רעכט!...

דער עלטערערס צוויי יינגעלעך, אַ צווילינג פון אַ יאָר צוועלף, האָבן געכאַפּט פון טיש און געטומלט.

— זה לא יפה — האָט זיך די מאַמע געבעטן — עס איז נישט שיין צו כאַפּן פון טיש...

— זה כן יפה! — האָט איין יינגעלע געענטפערט — עס איז יאָ שיין.

— נו, עס פון דעם טעלערל.

— לא רוצה! — האָט ער זיך געוואָרפן. נאָר פון דער טאַץ מוז ער כאַפּן.

— שקט! שטיל זאָל זיין! — בייזערט זיך די מאַמע.

און דאָס יינגעלע ענטפערט:

— אמא חמורה! — די מאַמע איז אַן אייזעליכע.

— עובדיה! דו שעמסט זיך גאָרנישט פאַרן גאַסט? עס איז דאָך דאָ אַ דוד, אַן אורח אין שטוב!

און עובדיה ענטפערט:

— גם הדוד, האורח שוויצער וחמור! — דער פעטער, דער גאַסט, איז אויך אַ שוויצער און אַן אייזל.

— עובדיה! איך אתה מדבר?! ווי רעדסטו צו דער מאַמען? אין בית־ספר לערנט מען דיך אַזוי צו רעדן? דער מורה דיינער לערנט עס דיר? — פרעגט דער טאַטע.

— גם אתה חמור! גם חמורה! אתם כולם חמורים! איר זענט אַלע אייזלען! — האָט דאָס יינגל זיך צעשריגן און אַנטלאָפן פון טיש.

— איז שיין אַזוי, עוזי? איז בסדר אַזוי? — פרעגט די מוטער דעם צווייטן זון.

אָבער עוזי נעמט זיך־אָן דעם ברודערלס קריוודע:

— עובדיה דווקא בסדר! הוא חברהמאַן! הוא אייזן־בעטאָן! הוא צדק!

און ער איז אויך אַוועק פון טיש.

— נו, ווי געפעלן אייך אונדזערע סאַברעס?... — האָט די מוטער אַ פרעג־געטון זכריהן, נישט אָן שטאָלץ. — אַזעלכע עקשנים זענען זיי!... איינער פאַרן צווייטן, אָהאָ!...

— זייער פיין... — האָט זכריה געשמייכלט — אָבער אַ ביסל דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע און פאַר עלטערע מענטשן בכלל, וואָלט נישט געשאַדט...

— קיין דרך־ארץ, זעט איר, איז ביי קיין סאַברעס נישטאָ! — האָט דער פאָטער צוגעגעבן — אָבער אַ דאַנק זייער חוצפה און עקשנות, האָבן מיר אַ לאַנד!... — האָט ער זיך געווישט די נאַסע הענט אָן פאַרטוך.

עטלעכע מאָל און אויף פאַרשיידענע ערטער האָט שוין זכריה גע־הערט דעם זעלבן פסוק, אַז נאָר אַ דאַנק דער חוצפה פון די סאַברעס, האָט מען דאָס לאַנד. און ביי יעדעס מאָל, גיט עס אים אַ שטאָך אין האַרצן: ס'טייטש?! נאָר די סאַברעס? און די טויזנטער יונגלייט, די גרעאַטעוועטע פון געטאָס און קאַצעטן, פון פאַרטיזאַנקעס, בונקערס און פון סאָוועטישע פאַרשיקונגען, וועלכע זענען געקומען אַהער און דאָ געלייגט די קעפּ? — צי ווייסט מען טאַקע נישט וועגן דעם אין ישוב? אָט די קינדער פון אייראָפּע האָבן טאַקע געהאַט אַן אַנדער דערציִונג, געהאַט דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע, נישט געוווּסט פון אַזעלכע צערטלעכקייטן ווי „חמור" און „חמורה". אָבער זייער בלוט האָבן זיי דאָך דאָ פאַרגאָסן! אַזאַ גאָלדענער, האַרציקער יונג ווי עזריאל, נעבעך! — ווערט אים ביטער אין דער נאָז — און אַזאַ ייִנגל ווי לייביש, וואָס האָט זיך קוים אויף די פיס געשטעלט! עך! — — —

כאָטש אַלץ אין זכריהן האָט דערווידערט, פּראָטעסטירט, האָט ער גאָרנישט געענטפערט. ערשטנס טאַקע צוליב דער ביטערקייט אין דער נאָז און דער פאַרשטיקטקייט אין דער קעל און צווייטנס — איז ער דאָרט בכלל צום וואָרט נישט געקומען. זכריה האָט זיך איבערצייגט, אַז ביי די־אָ שוועסטערלעך האָבן מענער בכלל נישט קיין שטים־רעכט... אויף רעדן זענען זיי אַליין דאָ! מענער דאַרפן נאָר צושמייכלען, צופּאַטאַקעווען און צושאָקלען מיטן קאָפּ... ניין, ער איז זיי מוחל דאָס גליק!... מוחל דעם ווייבערישן פאַרטוך, די שטוב־ווירטשאַפט, מוחל דעם איידעלן, צערטלעכן „חמור" פון די טייערע סאַברעס און ער איז מוחל פון גאַנצן האַרצן,

דעם גרויסן כבוד און גליק פון באַדינען אַזאַ „יינגער״ ווייב מיט אַזוי פיל „מויל־מלאכה״!...

נאָך אָט דעם מיטאָג, האָט זיך פאַניעטשקאַ וואָכנלאַנג נאָכגעפרעגט אויף זכריהן. זיידמאַן האָט אים טאָג־טעגלעך געברענגט אירע גאָר פריינט־לעכע גריסן און צוריקגעטראָגן זיין שוועסטערל זכריהס גאַנץ פוילע תירוצים, פאַרוואָס ער קומט נישט...

אָבער היינט גילט שוין נישט קיין תירוץ. דאָס „גאָלדפאַדען״־טעאַ־טער שפּילט דאָך אין דזשעבעליאַ גופא. קיין געשעפטן האָט ער נישט אין אָוונט. און ער איז דאָך דער שדכן און דער מחותן פוןביידע צדדים...

דערפאַר, אָבער, האָט זיך זכריה פאַרזאָרגט מיט פינקעלשטיינען, דעם „יודאַנער מיטן קלאַנגפּילם״, אַז ער זאָל אים אַרויסראַטעווען פון יעדער עווענטועלער סיטואַציע... פינקעלשטיינס „מויל־מלאכה״ האָט דאָך שוין איינמאָל פאַניעטשקען געפּלעפּט... עס איז דאָך געווען אַ נחת אָנצו־קוקן, ווי זי איז שטיל־געבליבן!...

## קאַפּיטל פיר

# טעאַטראַליאַ...

פּינצטערע נעכט וואַרפן־אָן אַ פּחד אויף קליינע קינדער. דערקעגן ליכטיקע נעכט, לבנהדיקע, ברענגען אָפט דערוואַקסענע צו מעלאַנכאָליע.

און היינט איז אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט.

ווו האָט עס זכריה קאַרלסבאַך געזען אַזעלכע ליכטיקע, ווייסע נעכט? — אַך, יאָ... אין לענינגראַד... אין אַזאַ נאַכט האָט אים די לענינגראַדער אייזנבאַן־מיליץ פאַרהאַלטן מיטביידע זין. מען האָט זיי געפירט פון וואָקזאַל צו דער „ענ־קאַ־ווע־דע״ און פון דאָרט — צוריק צום וואָקזאַל... די לענינגראַדער ווייסע נעכט האָבן דעם שוואַרצן ייִדישן גורל נישט פאַרטראָגן און זיי האָבן זכריהן מיט ביידע ייִנגלעך אַריינגעשפּיגן אין אַ פינצטערער, פאַרשלאָסענער טיעפּליושקע. — — —

און איצט האָט אַ לענינגראַדער ווייסע נאַכט פאַרבלאָנדזשעט אַהער, קיין דזשעבעליאַ... פאַרחידושט גלאָצט דער גרין־שפּיגלדיקער ים־פּלאַך. מעוועס צעפּאַכען זייערע ווייסע פליגל, ווי עס וואָלט ערשט איצט אויפסניי טאָג געוואָרן, און לאָזן זיך אַוועק נאָך רויב, נאָכן זילבערנעם געצאַפּל פון קליינע פישעלעך...

אַ לענינגראַדער ווייסע נאַכט הענגט איבער תנ״כישע פּאַלמען און פייגנביימער, איבער אָליוון־וועלדלעך און מאַראַנצן־סעדער, איבער אַראַ־בישע בית־עולמס, מעטשעטן און בנינימלעך מיט קופּאָל־דעכער, ווי ביי דער מוטער רחלס קבר... איבער פּאַלאַצן מיט רויט־גרין־געל־בלויע שייַ־בעלעך און לאַנגע, גאָטישע פענצטער און איבער חורבות, אין וועלכע עס האָט געוווינט די אָרעמקייט.

און איבער די ליכטיקע גאַסן איז אַ לעבהאַפטע באַוועגונג, ווי ערב־שבת אין ייִדישע שטעטלעך, ווען מען איילט זיך אין שול אַריין. דאָס איילט מען זיך איצט אין ייִדישן טעאַטער־אַריין. פּלאַקאַטן אויף די ווענט

האָבן צוויסן־געגעבן, אַז היינט וועט דאָס „גאָלדפאַדען״־טעאַטער שפּילן „צווי קונילעמל״. איז ווער זענען זיי דאָס, די צווי קונילעמל וואָס אַלע לויפן זיי אָנקוקן? אַלע: דער קאַצעטלער און דער פּאַרטיזאַן, דער סיבירער קאַטאָרזשניק און דער מלחמה־אינוואַליד. אַ וועלט איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט. אַ וועלט איז חרוב געוואָרן. יעדער איינער דאָ איז אַן אַלמן אָדער אַ יתום, — אַ קדיש־זאָגער נאָך אַ גאַנצער משפּחה! סיי דאָס פּובליקום און סיי די אַקטיאָרן — על־פּי־נס ניצול־געוואָרענע — האָבן נאָך רעכט די פּיס נישט אויסגערוט פון זיבניאָריקן נע־ונדן וואָגל. מען איז נאָך צו־מיד און צופיל צעווייטיקט אויף צום פאַרדייען רעכט דעם נס פון דער ייִדישער מדינה און אָנצופרייען זיך מיט דער גרויסער פרייד. און... —

די אַלט־באַקאַנטע „צווי קונילעמל״ האָבן אַ כוח צו שלעפּן אַן עולם אין טעאַטער אַריין!... עס גייען קראַנקע אויף שטעקנס אָנגעלענט, אינ־וואַלידן מיט פּראָטעזן, שוואַנגערע פרויען אין די הויכע מאָנאַטן און קינ־דער פון חודשדיקן עלטער־אָן... קינדער ביי דער ברוסט און אין קינדער־וועגעלעך... נאָר קיין זקנים זעט מען נישט. דער געבויגענער גרייז־גרויער ייִד איז אַ „זקן״ פון פופציק יאָר. איין נאַכט פון גרויל האָט עס אים ווייס געמאַכט. דער מלאך־המות האָט זיך מיט אים צעקושט און פון זיין פּראָס־טיקן הויך זענען דאָס די גאָלד־בלאָנדע קרויזן אָפּגעוועלקט־געוואָרן.

עס שטראָמט, קיין עין־הרע, אַן עולם אין ייִדישן טעאַטער־אַריין...

דער כביש (אַספאַלט) פון דער הויפּט־גאַס גיסט זיך אַראָפּ מיט אַ בלוי־גרויען, שטאָליקן גלאַנץ, צו די טונקעלע פּרדסים אין טאָל. דאָרט ווערט דער כביש פאַרלוירן, דערטרונקען אין אַ ים פון צעכוואַליעטע זאַמדן. דאָ שלעפּט מען איין פּוס אַרויס און דער צווייטער זינקט אַריין. און פאַרלירט מען אַ לאַטש, איז גיי זוך אים!... דאָ שטופּט מען שוין נישט די קינדער־וועגעלעך, נאָר טאַטע־מאַמעס טראָגן זיי שוין, מיט די קינדער צוזאַמען, איינדערלופטן...

— ווו בין איך דאָ אין דער וועלט? איז עס נישט אַמאָל אַ חלום? — פרעגט זיך זכריה קאַרלסבאַך.

וואָרעם אָט האָט ער זיך גאָר איבערגעטראָגן פון די לעגינגראַדער ווייסע נעכט, צום „זוניקן אוזבעקיסטאַן״... אין טאַשקענט, דער „שטאָט פון ברויט״...

עס איז ערב יום־כיפור געווען. זכריהן האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ שול מיט ייִדן. עס האָט זיך אים געוואָלט אויסיאָמערן דאָס שווערע געמיט ביי „כל נדרי״... ער האָט זיך דערוווסט וועגן אַ מנין, מיט וועלכן עס וועט דאַוונען דער ציוניסטישער מנהיג הרב נוראָק פון ריגע. טאַקע דער זעלבער הרב נוראָק, וועלכער איז דאָ איצט כנסת־דעפּוטאַט אין ישראל.

מען האָט זיך געריכט, אַז הרב נוראָק וועט דאָרט האַלטן אַ דרשה. אַזאַ פּערזענלעכקייט קען דאָך אַמאָל עפּעס מרמז־זיין און ברענגען דעם עולם אַ טרייסט... און די פאַרוואָגלטע פּליטים דאַרפן דאָך אַזוי אַ טרייסט! אוי, דאַרפן זיי אַ טרייסט! — — —

זכריה איז דאַן געגאַנגען דורך שטילע טאַשקענטער הינטערגעסלעך. געדרייטע, שמאָלינקע געסלעך מיט נידעריקע, ליימענע קיביטקעס (הייז־קעס). אוזבעקן אין זייערע קאָליריקע, געבלימלטע טיבעטייקעס (יאַרמל־קעס) זיבן ביי די אריעקן (רינשטאָקן מיט לויטערן קוואַל־וואַסערן), די פּיס פאַרלייגט הינטער זיך און טרינקען גרינעם טיי פון ליימענע פּיאַלעס (שיסעלעך). די אוזבעטשעקס האַלטן אויך אַזוי די פּיס הינטער זיך, נאָר זיי זיצן באַזונדער און עסן לעפּיעאָשקעס (פּלעצל) מיט ווייַנטרויבן. אַלע גאַפן זיי אויפן אויסטערלישן עולם, וואָס איילט מתפּלל זיין. און זכריהן אַליין איז אויך אויסטערליש סיי דער עולם און סיי די אומשטענדן: בו־כאַרער יידן און רוסישע יידן, ליטוואַקעס און בעסאַראַבער, פּוילישע און דייטשע יידן. פאַרשלייערטע פרויען און באָרוועסע קינדער — מען שלייכט זיך דורך הינטערגעסלעך, אין גאָטלאָזן לאַנד, צו אַ געהיימען מנין... אַט, ווי אַ צינד — צום יידישן טעאַטער אין דזשעבעלי:אַ...

— צי איז עס נישט אַמאָל אַ חלום?...

זכריה קאַרלסבאַך איז קיינמאָל נישט געווען קיין בעל־חלומות. ער האָט פעסט און זיכער געטראָטן איבער די טראָטואַרן פון די וואַרשעווער גאַסן, וואָס זענען געווען זיינע... ער האָט געלעבט מיט דערווירקלעכקייט. אַלץ איז פאַר אים געווען רעאַל. אָבער זינט ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון דער היים און פאַרוואָרפן־געוואָרן אין אַזעלכע ווייטע מקומות, פון וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געאַנט, — האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו פרעגן: „איז עס ווירקלעכקייט? איז עס נישט אַמאָל אַ חלום?"...

וואָרעם חלום איז ביי אים אַלץ, וואָס זיין ניכטערער מוח האָט פון פאָראויס נישט פּלאַנירט, נישט דורכקאַנטראָלירט און נישט געגעבן קיין הסכמה דערויף... חלום זענען אַלע נישט־דערוואַרטעטע, נישט פאָראויס־געאַנטע נסיעות, אומשטענדן, סיטואַציעס. אָט איצט, צום ביישפּיל, גייט ער דאָ איבער תנ"כישע וועגן, צווישן ווייַנגערטנער און מאַראַנצן־סעדער...

— ווי קומט ער אַהער?... ער גייט אין אַ לענינגראַדער ווייסער נאַכט, איבער אוזבעקישע געסלעך, מיט יידן פון עדהס, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט... — ווי קומט ער צו זיי?... ער שלעפּט זיך־מיט צו אַ גע־היימען מנין אין אַ פאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן פּרדס, ווו מען וועט דאַווענען „צוויי קונילעמל" אויף יידיש...

צי איז עס נישט קיין חלום?...

נײַן, עס איז נישט קיין חלום. אַט טוקט־זיך שוין פון דער ווייטנס דער עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס הענגט פאַרן אַרײַנגאַנג צום טעאַטער.

**
*

— מײַן רבי האָט מיך געלערנט: אַז מען גייט הערן אַ ייִדיש וואָרט, האָט מען שכר־הליכה. און איך בין דאָ אַהער געקומען אַזש פון תל־אביב, כּדי צו פאַרלירן דאָ אין זאַמד מײַן „פּאַרקער 51״... מילא. אַ כּפּרה זאָל עס זײַן פאַר מיר, פאַר אַלע מײַנע קונדאַסעס, פאַר אײַך און פאַר כּלל־ישׂראל... אַבי מיר טרעפן־זיך דאָ אַלע צו־נויף (צונויף)... איך האָב ליב חתונות, לוויות, חזנים און ייִדיש טעאַטער... פאַר ייִדיש טעאַטער גיב איך נישט אַוועק קיין זאַק מיט באַרשט. כע־כע־כע...

אָט דעם, פאַרהעלטניסמעסיק־קורצן מאָנאָלאָגל, האָט אָפּגעזאָגט פינקעלשטיין, דער „יודאַנער מיטן קלאַנג־פילם״, באַגעגענענדיק זכריהן. אָט אַזאַ טבע האָט ער שוין, פינקעלשטיין: ער זאָגט קיינמאָל נישט קיין „גוט־מאָרגן״ אָדער „גוטנאָוונט״, נאָר הייבט גלייך אָן מיט אַ מעשׂה. אויף אַלץ האָט ער אַ מעשׂה מיט אַ תּירוץ. און די מעשׂיות מיט די תּירוצים שפּאָרן פון אים אַזוי, אַז ער האָט נישט קיין צײַט פאַר אַזעלכע איבעריקע צערעמאָניעס, ווי זאָגן אַ „גוטנאָוונט״. און צו וואָס זאָל ער דאָס זאָגן, צו וואָס? — מען פאַרשטייט דאָך עס אַליין!...

דער אַרײַנגאַנג אין טעאַטער איז דורך אַ שמאָל טירל, דורך וועלכן עס קען זיך אַדורכשפּאַרן איין פּערזאָן אין פּראָפיל. און שפּאַרט שפּאַרן זיך אַהין אַ הונדערטער־קעפּיקער עולם. זיידמאַן מיט זײַן געזעלשאַפט איז שוין דאָ, זעט אויס, פון די ערשטע. וואָרעם ער שטייט ביים סאַמע אַרײַנגאַנג, אַרומגערינגלט פון זײַן כּלה, פון זײַנע ביידע שוועסטער, פון שוואָגער און דער כּלהס קוזינען. ער דערזעט זכריהן און פאָכעט צו אים מיט די אײַנטריטס־בילעטן. אָבער זכריה צעשפּרייט הילפלאָז ביידע הענט און ווײַזט אים פון דער ווייטנס, אַז ער קאָן נישט צוקומען. די מחותּנים פון דער כּלהס צד, די באַלעבאַטים פון הויז ווו זכריה האָט געדונגען דעם לאָקאַל פאַר זײַן דרוקערײַ, באַגריסן־זיך אױך מיט אים גאָר פרײַנטלעך. אָבער אַז פינקעלשטיין דערזעט זיי גיט ער אַקטיאָריש אַ פאַרקרים דאָס נעזל:

— שיינע מחותּנים!... מען קען נישט זאָגן!... ער איז דאָך אַ נואף־ישׂראל (אַן אוהב־ישׂראל)!... און זי איז אויך אַ זונה (אַזוינע, אַזאַ ווי ער)...

— איר האָט זיי „זייער ליב״, וועדליק איך זע... לאַכט זכריה.

— שטאַרק!... ווי שטאַרקן פעפער אין דער נאָז...

זכריה האָט זיך נישט געוואָלט שטופּן און האָט איבערגעוואַרט, אַרום אַ שעה צייט, ביז דער גאַנצער עולם איז אַריין אין טעאַטער. זיידמאַן, שוין אָן זיין געזעלשאַפט, האָט געוואַרט אויף אים ביים אַריינגאַנג, מיט די אײנטריטס־בילעטן. די בילעטן זענען נומערירטע: דריטע ריי, פּלעצער ניין־צען. זיי זענען אַדורך דורכן שמאָלן טירל, פּאַרביי אַ בייזן קאָנטראָ־לאָר, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ „מעביר צאנו תחת שבטו״... פון דאָרט האָט זיי אַ לאַנגער, פּריש־געקאַלכטער קאָרידאָר, געפירט אין „זאַל״ אַריין.

דער זאַל איז קיין זאַל נישט. עס איז אַ זאַמדיקער פּלאַץ אַרומגע־צוימט מיט שטעכל־דראָט, וואָס זענען באַצויגן מיט קלעטערפּלאַנצן. דאָ זענען אָנגעשטעלט רייען מיט קרומע און לאָמע בענק, באַצייכנטע מיט קרייד־נומערן. אָבער ווער קוקט עס דאָ, אין יידישן טעאַטער, אויף נומע־רירטע רייען און נומערירטע זיץ־פּלעצער? — ווער עס איז געקומען פריִער, דער זיצט... די רייען זענען אויך צערוקט־געוואָרן אַזוי, אַז יעדע מאַמע זאָל קאָנען האָבן נעבן זיך איר קינדער־וועגעלע און אָנזויגן, „אײ־בערלייגן״, אָדער פּאַרוויגן דאָס קינד, טאָמער עס צעוויינט זיך...

פון אויבן הענגט אַ פּאַרטאָגיק־ליכטיקער הימל און אונטן ראַיעט־זיך אַ געדיכטע מאַסע. מען קריכט איבער בענק, איבער קעפּ, איבער קינדער־וועגעלעך. מענער כאַפּן זיך שלאָגן און פרויען קוויטשען, ווי דער שטייגער איז... און ווען עס איז געלונגען צו כאַפּן אַ זיץ־פּלאַץ, דער זיצט־זיך געמיטלעך און קנאַקט באַניקערן, באַזייענדיק דעם פּאָדערשטן שכנס פּלייצע מיט די אויסגעשפּיגענע שאָלעכצן. אַנדערע גריזשען גע־שמאַק היפּש־באַזאַלצענע און באַפּעפּערטע הייסע תירסן (קוקורודזע) און פּאַרטרינקען מיט זיסע טיי פון פלעשלעך, וואָס מען האָט זיך מיטגע־בראַכט פון שטוב. מען שיילט פּאָמעראַנצן און מען וואַרפט־אַריבער די שאָלעכצער, איבער אַלעמענס קעפּ, צו באַקאַנטע אַלס באַגריסונג און אַלס צייכן, אַז מען איז אויך דאָ אויף דער פּאַרשטעלונג אין יידישן טעאַטער... יענע וואַרפן צוריק און עס ווערט אַ ספּאָרט־פּאַרוויילונג...

ביים מזרח־פּלויט שפּיגלט זיך די בינע, אַ באַשלאָגענע מיט נייעם, גלאַנציקן, קאַרבירטן בלעך. דעם דינעם, דורכזיכטיקן פּאַרהאַנג, אַ צו־נויפגעשטוקעוועטן פון עטלעכע ליילעכער, האָט דער ווינט אָנגעבלאָזן און אויפגעהויבן איבער דעם „קאָמפּאַרט״־מעבל און דעקאָראַציעס. די עלעק־טרישע לאָמפּן פון דער אויבערשטער „ראַמפּע״ — נישט זיי ברענען און נישט זיי זענען אויסגעלאָשן. עס טוקן־זיך אין זיי רויט־צעגליטע דרעטע־לעך. אַ בחור קריכט אַרויף און אַראָפּ אויף אַ לייטער און קען בשום־אופן

נישט געפינען דעם „קורץ־שליוס״. דער אומגעדולדיקער עולם קלאַפּט, פּייפט און שרייט, מען זאָל שוין אָנהייבן.

— שוין באַלד חצות!

— מ׳עט אַהיים־גיין מאָרגן!...

ענדלעך געפינט דער בחור דעם פעלער און עס ווערט ליכטיק. דער עולם מאַכט אַ „הוררראַ״... עס דערהערט זיך דער דריטער קלונג. אין אַ פּאָר מינוט אַרום הערט מען אַ פערטן קלונג, אַ פינפטן און אַ זעקסטן... אָבער אָנהייבן, הייבט מען נאָך אַלץ נישט אָן. הינטער די „קוליסן״ טומלט זיך עפּעס אומגעווײנלעך.

— אַ יודאַנערין מאַכט צו איך חנדעלעך... — האָט פינקעלשטיין אַ שטורכע־געטון זכריהן מיטן עלנבויגן.

— ווו? אַ... דאָס איז דאָך זיידמאַנס שוועסטער... די פאַניעטשקאַ...

פאַניעטשקאַ מיטן קאַפּעליוש מיט די ברייטע ראַנדן, אין וועלכן זי איז מער קאַפּעליוש ווי דאַמע, האָט געפּאַכעט צו זכריהן מיט אַ בלייכער האַנט און געוויזן, ער זאָל צוקומען, ווייל זי האָט פאַר אים אַ רעזערווירטן זיץ־פּלאַץ נעבן זיך. זכריה האָט אָבער צוריק געוויזן, אַז ער קאָן נישט קלעטערן איבער קיין קעפּ און קען זיך נישט דערשטופּן. ער וועט שוין ווי־עס־איז שטיין... דערוויל האָבן אירע ברייטע ראַנדן פאַרפאָרן אַ צווייטער דאַמע אין די אויגן־אַריין. יענער דאַמעס קאַוואַלער איז נישט פויל געוועזן, אַראָפּגעריסן דעם קאַפּעליוש פון פאַניעטשקעס קאָפּ און אַ שלייַדער־געטון אין דער לופטן. איצט איז שוין דער קאַפּעליוש געפלויגן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פוטבאָל. ווער עס האָט אים געכאַפּט, דער האָט אים צוריק געשליידערט... דער עולם האָט זיך געווילט און געלאַכט, ביז די שפּיל איז נמאס געוואָרן. צו פאַניעטשקען איז שוין צוריקגעקומען נישט קיין קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן, נאָר עפּעס אַ צעקוועטשטער המן־טאַש... דער עולם האָט זיך ווידער דערמאָנט, אַז עס איז שפּעט און אָנגעהויבן ענערגישער פּאָדערן:

— אָנהייבן!

עס האָט זיך דערהערט דער זיבעטער קלונג און אויף דער בינע איז אַרויפגעלאָפן אַ האַלב־גרימירטער אַקטיאָר, מיטן פּאַרוק און מיט דער באָרד אין בײדע הענט. ער איז, נעבעך, געווען זייער אויפגערעגט און הייזעריק.

— חשובער עולם! — האָט ער גערופן טרעוואָגעדיק.

— שאַ! שאַ! לאָזט הערן אַ וואָרט! — האָט איין האַלבער עולם געשריִען צום אַנדערן.

עס איז דאָך שטיל געוואָרן.

— חשובער עולם! — האָט זיך דער הייזעריקער אַקטיאָר געריסן — ווי איר ווייסט, זענען מיר יידישע אַקטיאָרן נישט פון היינט.

— אוודאי ווייסן מיר! — האָבן עטלעכע שטימען געענטפערט.

— אַ סך פון אייך קענען אונדז פון פוילן — האָט דער אַקטיאָר פאָרגעזעצט — פון וואַרשע, לאָדזש, לעמבערג, קרוקע...

— און פון בזשעזשין! איך בין אַ בזשעזשינער! — האָט זיך אַ יונ־גערמאַן אַ ריס געטון פון אָרט.

און באַלד נאָך אים, איז אויפגעשפּרונגען אַ צווייטער:

— כמיעלניק! געדענקסט כמיעלניק? ביי מיר אין שטוב האָסטו גע־געסן געגדזענע גריוון און געטרונקען ביר! יאַק־שע־מאַש פּשיאַטשיעלו?...

דער אַקטיאָר האָט נישט געהערט די צווישנרופן און פאָרגעזעצט:

— מיר זענען דאָ עולים־חדשים. מיר קאָנען נישט קיין עברית. מיר ווילן שפּילן יידיש טעאַטער, נאָר מען לאָזט אונדז נישט!

— ווער?! — האָבן עטלעכע שטימען אַ פרעג געטון.

— משטרה! (פּאָליציי).

— אין זייער מאַמען אַריין!

— מיר האָבן נישט קיין דערלויבעניש און אָן אַ דערלויבעניש לאָזן זיי אונדז נישט עפענען דעם פאָרהאַנג!

— ער איז דאָך אָפן!...

— חשובער עולם! פרעגן מיר ביי אייך: וואָס זאָלן מיר טון?

— שפּילן!!! — האָט דער עולם אַ שטורעם־געטון. — שפּילן!!!

און עטלעכע שטאַרקע האָבן זיך אַ לאָז־געטון צו דער בינע, שפּרינ־גענדיק איבער בענק און איבער מענטשן.

— מיין טויט און זייער טויט! — האָבן זיי געשריען אַריינלויפנדיק הינטער די „קוליסן". און באַלד זענען צוויי יונגע, צעשראָקענע שוטרים (פּאָליציאַנטן) אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע, ווי זיך צו ראַטעווען פון פאַרפאָלגער, וועלכע ווילן זיי לינטשן.

— שפּילן!!! — האָט דער עולם געשטורעמט — ברעכט זיי די ביי־נער, די הינטישע זין!

און די „הינטישע זין", די צוויי צעשראָקענע שוטרים, האָבן זיך געבעטן:

— וואָס האָט איר צו אונדז? וואָס זענען מיר שולדיק? מיר האָבן אַליין ליב אַ יידיש לידל. מיר ווילן אַליין זען אַ יידיש טעאַטער. אָבער מיר האָבן אַזאַ באַפעל! מיר זענען דאָך שוטרים! וואָס קענען מיר טון!

די עטלעכע יונגעלייט זענען אַרויף אויף דער בינע און אַראָפּגע־טראָגן פון דאָרט די צוויי שוטרים, ווי צוויי געבונדענע קעלבער. מען

האָט זיי אָוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי און, ביילנדיק די פויסטן פאַר זייערע נעז, האָט מען זיי אָנגעזאָגט:

— אָט דאָ זאָלט איר זיצן און שווייגן! איר זענט אַרעסטירט! טאָמער רעדט איר אַ וואָרט, וועט איר זיך זען מיט דער עלטער־באָבען! זיצט און קוקט ווי מען שפּילט יידיש טעאַטער אין בן־גוריונס מדינה! אייער דאָקטער דב־יוספן אויף צעפּיקעניש! מאָרגן וועט ער אונדז דערפאַר געבן מיט אַ פּעקל מאַרגאַרין און אַן איי ווינציקער!...

— נו, אַז איר רעדט מיט גוטנס... איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש...

— האָט איין פּאָליציאַנטל, אַ ליטוואַק, זיך געוויצלט.

און דער צווייטער, אַ סאַברע, אַן עקשן, האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— אָבער אַ פּראָטאָקאָל וועל איך נאָכדעם מוזן מאַכן.

— נאָכדעם קאָנסטו מאַכן מיט די זייטן אויך! — האָט אים אַ יונג געענטפערט — און איצט ליג איינגעלייגט ווי אַן ענגלישע מאַלפּע!

— שפּילן!!! — האָט דער עולם געפאָדערט.

— אָנהייבן!!! — האָבן די שטאַרקע באַפוילן.

און באַלד האָט אַ הילך־געטון אַן אָרקעסטער פון דריי פּערזאָן: אַ פידל, אַן אַקאָרדעאָן און אַ פּויק מיט טאַצן. דער פּייקלער האָט אויך געהאַלטן אַ מעשענעם טראָמפּייטער, אין וועלכן ער האָט פון צייט צו צייט, געגעבן אַ בלאָז.

אַז דער „אָרקעסטער" האָט אָפּגעשפּילט די „אוווערטורע", איז געוואָרן שטיל און מען האָט נאָר געהערט די יללה פון מחנות שאַקאַלן אין די אַרומיקע פּרדסים.

צוויי הענט האָבן פאַנאַנדערגענומען דעם לייוונטענעם פאָרהאַנג אין ביידע זייטן און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

**
*

אינמיטן דער פאָרשטעלונג האָבן ביידע קונילעמלס פלוצלונג אויפגעהערט אַרומצוהינקען און צו שטאַמלען. זיי זענען שטייק־געבליבן מיט פאַרריסענע קעפּ און מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל. דער גאַנצער עולם האָט אַ ווענד־געטון די אויגן צום הימל און דערזען, אַז דער העל־בלויער הימל איז פלוצלונג צונטער־רויט געוואָרן. די פלאַמען זענען געשטיגן פון צפון־זייט. ריזיקע פייער־זיילן און געדיכטע, פעטע רויך־קנוילן האָבן זיך דאָרט דערהויבן וואָס אַמאָל העכער און ברייטער. דער גאַנצער אַרום איז אילומינירט געוואָרן מיט רויט־מיסטיש ליכט. דער גאַנצער עולם האָט איצט געהאַט אַן אויסזען, ווי מען וואָלט יעדן איינציקן פאַרגרימירט מיט שלעכטן גרים.

— עס ברעעענט!!!
— געוואַלד, אַ שריפה!!!
עס איז געוואָרן אַ בהלה. מאַמעס האָבן געכאַפּט זייערע קינדער, טאַטעס — די וועגעלעך. מענער זענען געשפּרונגען איבער בענק, איבער פּלויטן. ביידע קונילעמלס האָבן שוין איצט געקוקט הילפלאָזע, ווי דאָס געערטע פּובליקום שפּאַרט־זיך צום אַרויסגאַנג און קריכט איבער די גלייכע ווענט, אַרויסצובאַקומען זיך וואָס גיכער אין דרויסן.
זכריה מיט פּינקעלשטיינען, וועלכע זענען אַריין די לעצטע אין „זאַל“, זענען איצט געווען די ערשטע אַרויסצולויפן.
— ווו ברענט?
— איר זעט דאָך: אין יפו.
— וואָס־זשע איז דאָ די בהלה?
— נו, אַ האַלבער עולם איז דאָך אַהערגעקומען פון יפו.
דאָס געערטע פּובליקום האָט איצט פאַרקאַטשעט די הויזן און קליי־דער און געהויבן די פיס איבער די כוואַליעס זאַמדן. מאַמעס האָבן גע־טראָגן די קינדער אויף די הענט, מענער — די וועגעלעך אויף די פּליי־צעס. מען איז געלאָפן צו דער הויפּט־גאַס, צום כביש וואָס פירט קיין יפו.
און כאָטש דזשעבעליאַ האָט נאָך נישט קיין טעלעפאָן, האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז:
— ס׳איז גאָרנישט! קיין מענטשן זענען דאָרטן נישטאָ.
— אַפילו קיין עולים־חדשים אויך נישטו!...
— אַ מחסן ברענט. אַ סקלאַד!
— וואָס פאַר אַ מחסן? וואָס פאַר אַ סקלאַד?
— פון באַגאַזש. געפּעק פון עולים־חדשים.
זכריהן האָט עס אַ זעץ־געטון אין האַרצן:
— ווייַ, ווייַ! מענטשן וועלן דאָ ווערן בדיל־הדל!
— אַ טעות, ר׳ זכריה!... — האָט פּינקעלשטיין אַ פּילדייטיקן ווונק־געטון — מענטשן וועלן דאָ רייך ווערן!... — די עולים־חדשים זענען שוין פון לאַנג בדיל־הדל, נאָר זיי ווייסן נאָך נישט דערפון... זיי האַלטן־זיך מיט זייערע צעטעלעך... אשר יצר־פּאַפּירלעך... אָבער די, וועלכע האָבן דאָ געמאַכט הבדלה, בורא מאורי האש... — זיי האָבן פריִער אַלץ אַרויס־געטראָגן... גוט בודק־חמץ־געווען... נו, דער שוואַרצער מאַרק דאַרף דאָך אויך האָבן מיט וואָס צו האַנדלען... גלייבט מיר, פאַניע קאַרלסבאַך: זיי זענען בעסערע אַקטיאָרן, ווי די דאָ... דאָ שפּילט מען „קונילעמל“ נעבעך, אויף ייִדיש און דאָרט שפּילט מען די „רויבער“ אויף לשון־קודש... דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס אַהער שיקט מען פּאָליציי צום אָנפאַנג און

דאָרט, וועט שוין די פּאָליציי קומען נאָך אַלעמען... פּאָליציי ווייסט תמיד, ווען צו קומען!...

פינקעלשטיין האָט דערזען, ווי זכריה איז בלייך געוואָרן און, ער האָט תיכף חרטה געהאַט אויף זיין גאַנצן מאָנאָלאָג. „אַ געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן נישט ווייזן" — האָט ער געטראַכט — נאָכוואָס האָט עס אים געטויגט? ער האָט געפּרוווט דרייען דעם ספּאָדיק צוריק: חיפה איז נישט יפו און יפו איז נישט חיפה... — עס האָט זיך שוין, אָבער, נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

זכריה האָט זיך געטאַפּט די בוזעם־קעשענע, וווּ עס ליגן די פּראַכטן, די פּאַפּירן און געחתמעטע דאָקומענטן אַרויסצונעמען זיין באַגאַזש. די קנ׳עצן האָבן אים געציטערט און עס האָט אים געבורטשעט אין בויך, ווי ער וואָלט זיך דעם מאָגן קאַליע־געמאַכט.

— חיפה איז נישט יפו און יפו איז נישט חיפה? — האָט ער איבער־געפרעגט — אָבער ארץ־ישראל איז דאָך עס! אַז מען קען דאָ שפּילן „די רויבער" און מאַכן „הבדלה", בורא מאורי האש, קען מען עס דאָך דאָרטן אויך!

אין המון האָט מען שוין געוווּסט צו דערציילן, אַז די עולים־חדשים זענען, נעבעך, וואָכן און חדשים נאָכגעלאָפן, מען זאָל זיי אַרויסגעבן זייער געפּעק. מען האָט עס אָפּגעלייגט פון טאָג־צו־טאָג, ביז מען האָט עס „פּאַרטיק געמאַכט".

— מיין מעשה! — זאָגט זכריה — נאָך אַ צעטעלע, נאָך אַן אונ־טערשריפטעלע, ביז מען וועט מיך „פּאַרטיק מאַכן"!

פינקעלשטיין קוקט אויף זיין בלייך־געגרונצלט געזיכט, — אַ פּנים פון אַ נשרף, וועלכן מען דאַרף טרייסטן. פינקעלשטיין טרייסט אים טאַקע, אַז עס האַלט נאָך נישט דערביי. מחסנים האָבן אַ טבע צו ברענען איינציק־ווייז. זיי האָבן נישט ליב צו ברענען אַלע מיטאַמאָל... און אַז סוף־כל־סוף וועט ער זיינס אַרויסקריגן. און אַז ער, פינקעלשטיין זאָגט, מעג זכריה רו׳ק אהיימגיין שלאָפן. עס איז ווי אַ ברכה פון אַ גוטן־יידן...

זכריה האָט נישט געהערט וואָס פינקעלשטיין רעדט צו אים. ער האָט אויך נישט באַמערקט, ווען יענער האָט אים געזעגנט און איז אַוועק.

מיט אַ שווער געמיט און מיט געבראָכענע קנ׳עצן האָט ער זיך גע־שלעפּט אַהיים, פילנדיק כסדר, אַז ער זינקט צו דער ערד און זינקט נאָך טיפער.

עס איז שוין געווען אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט, ווען ער איז אַ־היים געקומען. צו זיין שטוינונג, איז אין שטוב געווען ליכטיק. ער האָט געעפנט די טיר און איז שטיין־געבליבן אַ פאַרחידושטער אויף דער

שוועל: ווו איז ער ערגעץ אין דער וועלט? צי איז ער אין זיין שטוב, אָדער ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ וואָקזאַל? אָדער גאָר אין אַ שענק?!

אַרום אַ צוואַנציק יונגעלייט זענען דאָ צעזעצט און צעלייגט אויף די שטולן, פּאָטעלן, קאַנאַפּעס און בעטן. וואָס קומט דאָ פאָר?

באַלד איז לייביש אים אַנטקעגנגעקומען אַ פאַררויטלטער:

— וואָס ביסטו אַזוי בלייך, טאַטע? דיר איז עפּעס חלילה?

— עט. וואָס קומט דאָ פאָר?

— אַ פאַרזאַמלונג, טאַטע... איך וועל דיר באַלד זאָגן וועגן וואָס... אָבער זעץ דיך, טאַטע. דו זעסט דאָך אויס ווי...

— ס'איז גאָרנישט. די שריפה... לייטיש האָב־און־גוטס! מען מאַכט מענטשן פאַר אָרעמעלייט! און ווער ווייסט, וואָס זיי וועלן מיט מיר טון? מיט מיינע מאַשינען?

— אָט וועגן דעם טאַקע איז די פאַרזאַמלונג, טאַטע!... די אַלע מענטשן וואָס דו זעסט דאָ, זענען מיינע און עזריאלס חברים. אַלע אינ־וואַלידן! אַלע האָבן מיר דאָ בלוט פאַרגאָסן פאַר דער ייִדישער מדינה. און איצט וועלן זיי נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל נאָך עזריאלס טאַטן דאָס בלוט אויסצאַפּן! מיר, אינוואַלידן האַלטן זיך איצט צוזאַמען: איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם! אַנישט וועלן מיר דאָ אַלע זיין די כפרה... זיי ווייסן שוין פון אַלץ, טאַטע! זיי ווייסן... ווייז נאָר דאָס פּעקעלע אשר־יצר־פּאַפּירן...

— נישט געזאָרגט, אדון קאַרלסבאַד! — האָט יגאל, אַ יונג אַ ריז, אויסגערופן — עזריאל איז געווען מיין חבר! מיר האָבן דאָ ביידע געגעבן די פעל! אוי, האָבן מיר געטאַפּט אַ וואַנט!... אָבער זאָרגט נישט! מאָרגן וועט אַלץ זיין בסדר...

— ווי אַזוי?... — האָט זכריה אַ פרעג־געטון, מיט פייכטע אויגן פון גערירטקייט.

— אָט אַזוי! — האָבן אַלע צוואַנציק יונגען אַ הילך־געטון אין כאָר, הייבנדיק אין דער הויך זייערע קוליעס, פּראָטעזן און קולאַקעס...

— קינדער, נייַן! קינדער... מען טאָר דאָך נישט... דאָס הייסט דאָך...

— זאָרגט נישט, פאַניע קאַרלסבאַד!... מיר זענען ייִדישע גזלנים...

— עס וועט אַלץ זיין בסדר...

— זיי דאַרפן אונדז דאָרט נאָר אָנקוקן, נישט מער...

— היינט גייען מיר מיט אייער לייבישן און מאָרגן וועט אייער לייביש מיטגיין מיט אונדז. אָט זיין מאַמען האָט מען צוגעכאַפּט אַ האַלבע דירה. מאָרגן וועלן מיר די פאַרכאַפּערס געבן עקסמיסיע!... און זיין אַלטן טאַטן וויל מען אַרויסוואַרפן פון אַ געשעפט. מיר וועלן נישט דערלאָזן! דאָס

לאַנד איז אונדזערס! מיר האָבן דאָ געקעמפט און געבלוטיקט! אונדז קיין עוולות טאָר נישט געשען!

— זייער שיין, אָבער...

— פּאַניע קאַרלסבאַד, עס איז אַ באַשלאָסענע זאַך! באַסטאַ!

— אינדרויסן וואַרט אַ מאַשין, טאַטע... אין אַ צוויי שעה אַרום פאָרן מיר קיין חיפה. קיינער גייט שוין נישט אַהיים שלאָפן... עס לוינט שוין נישט... עס איז שוין האַלב דריי און אַרום פינף וועלן מיר אַרויספאָרן... דו קענסט זיך צושפּאַרן אויף אַ פּאָר שעה. וועסט מיטנעמען אַלע בריוו און דאָקומענטן.

— איך האָב זיי מיט־זיך.

— איז גוט. מיר וועלן זיי דאָרט אָפּשפּילן דאָס אמתע טעאַטער!...

זכריה איז געוועזן צו־מיד, ער זאָל רעאַגירן. די אַוואַנטורע האָט אים עפּעס געשראָקן. ער איז, אָבער, געוועזן צו מיד, צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען און זאָגן, וואָס יאָ און וואָס נישט. ער האָט באַקומען אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און, כאָטש ער האָט נישט געוואָלט, האָט ער דאָך געמוזט גיין זיך־צושפּאַרן.

איינשלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. פון שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, האָט אים אַזש געגודזיעט און געדריקט אונטערן „לעפעלע". לייביש האָט אים געגעבן אַ גלאָז טיי מיט ציטרין און נאָכדעם, אים איינגעדעקט מיט אַ קאָץ.

אין צווייטן צימער האָט מען געטרונקען טיי, געטרונקען טיי, קלאַפּנדיק מיט די גלעזער און לעפעלעך. מען האָט גערעדט וועגן שלאַכטן, שפּיטאָלן, וועגן פאַרדינסטן פאַרן לאַנד און עוולות פון דער רעגירונג. זכריה האָט אָנגעהויבן דרימלען. ער האָט, דאַכט־זיך אים, נאָר־וואָס די אויגן צוגעמאַכט און שוין האָט אים לייביש געוועקט:

— טאַטע... זיי מוחל, טאַטע...

— האַ? וואָס? — האָט זיך זכריה אַ כאַפּ געטון — האָט דאָך געזאָגט, אַז אַרום פינף.

— עס איז שוין נאָך פינף, טאַטע... חברה זיצט שוין אין אויטאָ. מיר גייען שוין פאָרן...

***

דער זעלבער פּקיד (באַאַמטער), מיטן זעלבן פּנים, וואָס בעט־זיך מען זאָל עס פּאַטשן... טאַקע דער זעלבער, וועלכער האָט זכריהן אַרומגעיאָגט ווי אַ לערן־יינגל, ער זאָל ברענגען נאָך אַ דאָקומענט און נאָך אַן אונטערשריפט און דער האַלבער־קילאָדיקער פּאַק מיט פּאַפּירן איז אים נאָך אַלץ צו־ווינציק געווען... אָט דער זעלבער תקיף און אכזר איז איצט

געשטאַנען אַנטקעגן זכריהן, ווי אַ לאַקיי אַנטקעגן אַ פּריץ... אין פּאַר־לעגנהייט, האָט ער זיך געריבן די הענט, זיך געבויגן און געשמייכלט סיי צו זכריהן, סיי צו לייבישן און סיי צו אַלע צוואַנציק אינוואַלידן מיט די שטעקנס אין די הענט... זכריה האָט ביז איצט געמיינט, אַז אָט דאָס פּאַר־גליווערטע פּנים קאָן גאַרנישט שמייכלען. אַז עס איז געליימט. אָבער עס שמייכלט... קען זיין אַז, אין אַנבליק פון די צוואַנציק באַשטעקנטע יונגען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין קאָלעגע, וועלכער האָט זיך נעכטן געהאַלטן שטייפלעך אין אַזאַ סיטואַציע און מען האָט אים באַלד אַוועקגענומען אין שפּיטאָל. ניין, ווען צוואַנציק מאַן קומען מיט שטעקנס, פּאַסט נישט צו האַלטן זיך שטייף. צו שטעקנס דאַרף מען זיין העפלעך און שמייכלען...

— נו, יאָ... האָב איך דאָך אייך באַלד געזאָגט!...

— וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט זכריה נישט פאַרשטאַנען.

— אָט די אַ אונטערשריפט האָט געפעלט. אָבער איצט איז אַלץ בסדר...

זכריהן האָט זיך געגלוסט אויסצושרייען, אַז דווקא די אַנגעוויזענע אונטערשריפט האָט ער שוין אַ דריי חדשים! ער האָט עס אָבער נישט געזאָגט.

— אַלץ איז ביי אייך בסדר... — האָט דער פּקיד פאַרזיכערט. — איר קענט שוין אַפילו מאָרגן קומען אַרויסנעמען אייער...

— נישט מאָרגן, נאָר היינט! שוין! — האָט לייביש באַפוילן.

— גוט פון מיינטוועגן... אַז איר ווילט שוין, איז וועל איך אָנ־קלינגען...

— גענוג געקלונגען — האָט יגאל, דער ריזיקער יונג, אַ הייב געטון זיין שטעקן — ווארעם עס וועט אייך דאָ באַלד קלינגען אין קאָפּ!

— וואָס זענט איר אַזוי נערוועז, מיינע פריינט?... איך מיין דעם טראַנספּאָרט... די טרעגער־בריגאַדע... מיט וואָס וועט איר פירן?

— נישט אייער עסק! דאָס איז שוין אונדזער זאַך! לאַסט־אויטאָס שטייען שוין גרייט. און צו קיין טרעגערס קלינגט נישט! קומט מיט אונדז!... פון אויג וועלן מיר אייך נישט אָפּלאָזן! איר וועט זיך פון אונדז נישט אַרויסדרייען!...

— מיינע פריינט... אַז פאַרוואָס זאָל איך זיך דאַרפן אַרויסדרייען? עס איז דאָך מיין פליכט... אייך צו באַדינען... איך בין אַ פּשוטער פּקיד... אַ באַאַמטער... איך מוז דאָך אויך פילעווען מיין פּאָסטן, מיין שטיקל ברויט... אַז פּאַפּירן זענען נישט אין אָרדענונג, אַז עס פעלט אַ אונטער־שריפט, מיינען באַלד די מענטשן, אַז עס איז אַ שלעכטער ווילן פון מיין זייט... חלילה! וואָס וועט מיר דען אַרויסקומען דערפון? איך האָב נישט

מער ווי מיין געהאַלט... און ביי איך איז דאָך שוין אַלץ בסדר... אַלץ איז בסדר...

— אַז עס איז בסדר, וואָס־זשע רעדט איר אַזוי פּיל? געגאַנגען!

— איך האָב נישט דערקענט... קומט.

און ווידער האָט זיך זכריה נישט צוגעגלייבט צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט, צו דער בליץ־שנעלער, ראַדיקאַלער ענדערונג וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— נישט אַנדערש, נאָר אַ חלום!... אַ חלום איז עס, נישט מער!...

— האָט ער, אַן אויסערזיכיקער, געמורמלט צו לייבישן.

— אַ חלום, זאָגסטו? — האָט לייביש איבערגעפרעגט און געענטפערט: — אַ וויסטער חלום אויף זייערע קעפּ!

עס איז אָבער געווען אַ זיסער חלום אויף זכריהס קאָפּ... לייביש האָט אים געזאָגט, אַז מען וועט דאָ אָפּשפּילן דאָס אמתע טעאַטער, אָבער זען זעט ער דאָ איצט אַ פילם. דאָס שענסטע קינאָ־בילד, וואָס ער האָט ווען עס־איז געזען אין זיין לעבן: מעכאַנישע לאַסט־הייבערס מיט ריזיקע קראַנען, ווי אויסגעשטרעקטע שטאַלענע לאַפּעס כאַפּן־אָן זיינע שווערע קאַסטנס און „ליפטן" און הייבן זיי אינדערהייך, ווי קינדער־שפּילצייג... יעדער קאַסטן איז אים אַזוי באַקאַנט... אויף יעדן קאַסטן איז דאָ זיין נאָמען... ער אַליין האָט עס מיט אַ פּענדזל אָנגעמאַליעוועט... אין די קאַסטנס ליגן די טיילן פון זיינע מאַשינען. אַלע קאַסטנס צוזאַמען זענען אַ גאַנצע, אַ גרויסע, אַ מאָדערנע דרוקעריי... אָט הייבט אַ קראַפט־הייבער אַ „ליפט" מיט אַ צוויי מעטער־לאַנגער שורה: זכריה קאַרלסבאַך, תל־אביב. די פירמע הענגט אינדערלופטן... זיין נאָמען, זיין שילד... און אָט לאָזט ער זיך צוריק אַראָפּ אויף אַ לאַסט־אויטאָ...

איןביידע זייטן, ווי אַ שפּאַליער פון אַ מיליטערישער ערן־וואַך, שטייען די צוואַנציק באַשטעקנטע יונגען און זיי נעמען קיין אויג נישט אַראָפּ פון דעם פּקיד, וועלכער איז איצט עפּעס איינגעקורטשעטער, קלענער און דאַרער געוואָרן...

און דער „שענסטער פילם" אויפן עקראַן פון חיפהער פּאָרט, איז איצט געלאָפן שנעל, מישנדיק בילד נאָך בילד. די אַקציע האָט זיך אַנטוויקלט מיט שפּאַנענדן טעמפּאָ: אַן אָנגעלאָדענע מאַשין איז אָפּגעפאָרן און אַ ליידיקע איז אונטערגעקומען. אַזוי — מאַשין נאָך מאַשין — אַ גאַנצע אויטאָ־קאַלאָנע!... אויף יעדן אויטאָ האָבן זיך אַרויפגעזעצט צוויי אינוואַלידן, אַלס „קאָנוואָי"... און אָט איז די לעצטע מאַשין מיט זעקס קאַסטנס, אויף וועלכע לייביש מאַכט זיך שוין זיין זיץ־פּלאַץ...

„לייביש!... ווער וואָלט זיך עס געריכט אויף אים? אויף אָט דעם

ציטערדיקן, צעפּיעשטשעטן יינגל?... אַ גאַנצער מענטש געוואָרן, קיין עין־הרע!... אַ פּאָלנער מאַנפּערשוין!... — טראַכט זיך נחתדיק זכריה — וואָס אַ יונגאַטש קען!... אַ געזונט אים אין די ביינער־אַריין!... אַט אַ יונגאַטש!...״

— טאַטע! — רופט אים לייביש — נו, וואָס שטייסטו, טאַטע? זעץ דיך אַריין אין דער שאַפּערקע און לאָמיר פאָרן!...

זכריה האָט זיך געלאָזן צום אויטאָ. דער פּקיד איז אים נאָכגעגאַנגען, פּאַנפּנדיק עפּעס אונטער דער נאָז. ווען זכריה איז שוין געזעסן אין דער שאַפּערקע, האָט זיך דער פּקיד אָנגערופן:

— איר מעגט מיר זאָגן „שלום״...

און געשמייכלט האָט ער דערביי אַ משרת־שמייכעלע, וואָס בעט־זיך ביר־געלט...

— שלום? — האָט זכריה איבערגעפרעגט — זייט אַ מענטש, וועל איך אייך זאָגן „שלום״. זייט אַ ייִד און נישט קיין היִענע! צאַפּט נישט דאָס בלוט פון עולים־חדשים, פון וועלכע עס איז שוין גענוג בלוט פאַרצאַפּט געוואָרן! וועלכע קומען אַהער פון אַלע גיהנומס! רויבט נישט זייער האָב־און־גוטס און צינדט נישט־אונטער די מחסנים!

— אַז אין יפו איז געשען אַן אומגליק איז...

— „הבדלה״! — האָט זכריה איבערגעחזרט פינקעלשטיינס ווערטער — בורא מאורי האש!...

— איך בין אַ רעגירונגס־באַאַמטער! רעכנט־זיך מיט די ווערטער! — האָט דער פּקיד געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ באַליידיקטן.

— גענוג זיך גערעכנט! — האָט לייביש אַראָפּגעשריִען פון די קאַסטנס אַראָפּ — זעט אָקאָרשט, אַז מען זאָל זיך מיט אייך נישט אָפּרעכענען! שאַקאַלן!

— נו, מילא, זעט מען דאָך שוין... הערט מען דאָך שוין... — האָט דער פּקיד געוואָלט דערמיט עפּעס אַרויסברענגען.

ער האָט נאָך עפּעס גערעדט, געשטאַמלט, אָבער דער שאָפער האָט שוין געלאָזן דעם מאָטאָר, וועלכער האָט אים פאַררוישט.

דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן און דער באַאַמטער איז שטיין־געבליבן געהילט אין אַ וואָלקן גאַז, וואָס דער אויטאָ האָט אים איבערגעלאָזן „לעצט־געלט״...

— טאַטע! האָסט זיך געריכט אויף דעם, טאַטע?!... — האָט לייביש אַראָפּגעשריגן פון די קאַסטנס אַראָפּ, ווען דער אויטאָ איז אַרויסגעפאָרן פון פּאָרט.

— נייִן, לייבישו!... — האָט זכריה אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פֿון דער שאָפערקע און אַרויפגעשריִען. — אויף דעם האָב איך זיך שוין איבּ־גאַנצן נישט גערעכנט!...

— אָבער מיר האָבן אָפגעשפּילט אַ טעאַטער, האַ?!...

— דאָס אמתע טעאַטער, לייבישל... בראַוואָ!...

— אַ שיינע קאָמעדיע, האַ?!...

— שוין איינמאָל אַ קאָמעדיע! מיט „געזענגעע אונד טענצעז!"...

— נו, בין איך אַן אַקטיאָר, טאַטע?!...

— טשאַרלי טשאַפּלין מעג זיך פֿאַר דיר באַהאַלטן... פֿון דעסט־וועגן, לייבישל, ווינטש איך דיר, אַז אין אַזעלכע שונד־פּיעסן זאָלסטו מער נישט דאַרפֿן אָנטייל־נעמען!...

די אויטאָ־קאָלאָנע האָט זיך איצט געשניטן מיט שווערן מאָטאָרן־גערויש איבערן כביש חיפה — תל־אביב. זכריהן איז איינגעפאַלן אַז די שאָפערן, לויטן באַפעל פֿון די אינוואַלידן, יאָגן עס אַזוי שנעל די מאַשינען, כדי דער פּאַרט־באַאַמטער זאָל זיי נישט קאָנען נאָכיאָגן מיט פּאָליציי...

אַ צערודערטער, אַ נערוועזער, האָט ער נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. מיט אַ גרויסן טאַשן־טוך האָט ער זיך געווישט דעם ווייס פֿון פּנים, האַלדז און נאַקן. דער ווייכער לעדערנער זיץ־פּלאַץ, אויף ספּרוזשינעס, איז אים עפּעס צו־האַרט געווען. די שאָפערקע — צו ענג. ווי אַ געפֿאַנגענער אָדלער איז ער דאָ איצט געזעסן. עס האָט אים געהייבן און געטראָגן ער וואָלט איצט געדאַרפֿט זיין אינדרויסן, אויף דער פֿריי, לויפֿן, פֿליִען און שרייען פֿון גרויס גדולה „הוררראָ!"...

„לייבישל!... אַ געזונט אים אין די ביינער אַריין!... אַזאַ יונגאַטש!... אַהאַ!... אַזאַ טעאַטער אָפּצושפּילן!... אַז ווער וואָלט זיך עס גערעכנט אויף לייבישן?!... און דווקא דורך לייבישלען איז געקומען די ישועה!"...

אָבער ביסלעכווייז באַרויִקט ער זיך און געוווינט זיך־צו צום געדאַנק, אַז זיין חלום איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. ער האָט זיין פֿאַרמעגן... ער האָט די דרוקעריי... זכריה קאַרלסבאַך איז ווידער אויפֿן פֿערד...

מיט יעדן קילאָמעטער, וועפּט זיך אויס דער טשאַד פֿון זיינע געהירן און ער נעמט טראַכטן ניכטער: וואָס טוט מען ווייטער? ווו נעמט מען געלט? צו וועמען ווענדט מען זיך?

ער כאַפּט־זיך, אַז זיינע טאַשן זענען אים שוין לידיק. ווי נישט ווי, האָט ער איצט אין פּאָרט איבערגעלאָזן אַ שיינע פּאָר לירעס. ער האָט דאָך נישט אַפֿילו פֿאַר די אויטאָס צו באַצאָלן!... זכריה קאַרלסבאַך!... דער גאַנצער קנאַקער!... אָן אַ פּרוטה אין טאַש!... יאָ, פֿון גרויס צעטומלעניש, האָט ער זיך דאָך אַפֿילו מיט די שאָפערן נישט באַדונגען! ווער ווייסט, וויפֿל

זיי וועלן זיך איצט הייסן געבן פאַר אַזאַ נסיעה?! אַז מען האָט זיך מיט די שאָפערן נישט באַדונגען, וועלן זיי איצט אַ זינג־טון!... מילא, נו. אַז ער הענגט ביים קאָפּ, וועט ער שוין הענגען ביי די פיס... מ׳עט זיך שוין אַן עצה־געבן ווי־עס־איז...

און קוקנדיק פאַראויס אויף דער לאַנגער אויטאָ־קאָלאָנע, ווי אַ גע־נעראַל — אויף זיין אַרמיי, האָט ער זיך דערמאָנט אָן עזריאלן.

— עך, עזריאל, עזריאל!... פאַרוואָס האָסטו דאָס נישט דערלעבט?!... וואָס וואָלט דיר איצט ביי מיר געפעלט? — — —

און ער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז נישט ער האָט היינט געוויזן זיין חכמה און גבורה. דאָס האָבן געטון עזריאלס חברים! לייבישל מיט זיינע חברים. בלוט־ברידער זענען זיי. בלוט פאַר בלוט האָט זיך דאָ אָנ־גענומען. ווען נישט זיי, — וואָלט ער געבליבן אָן עובר־בטלדיקער יורד! יאָ, דאָס איז אַלץ אין זכות פון עזריאלן... פון לייבישלען... עך, עזריאל, עזריאל! — — —

די אויטאָס האָבן אַריינגערוישט אין די תל־אביבער גאַסן און זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז, וווּ זכריה האָט געדונגען דעם לאָקאַל. אמת, ער האָט נאָר געגעבן האַנט־געלט און דאַרף נאָך צוצאָלן, אָבער די קאַנאַדער קוזינקע, אין וועמענס גליק זכריה האָט אַ חלק, האָט זיך שוין באַמיט, אַז דער באַלעבאָס זאָל געבן דעם שליסל און לאָזן אַריינשטעלן די מאַשינען...

לייביש מיט זיינע חברים זענען געבליבן אַכטונג צו געבן ביים אַראָפּ־לאָדן די „ליפטן" און זכריה איז געלאָפן שאַפן געלט פאַר די שאָפערן. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו פּינקעלשטיינען אין דער מעבל־פאַבריק, וואָס עס איז אים געווען אַמנאָענטסטן.

—ר׳ יחיאל, גיט מיר אָפּ מזל־טוב!...

— מזל־טוב!... זאָלן זיין שמחות ביי איך, ביי מיר, ביי מיינע קונ־דאַסעס און ביי אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט! וואָס איז געשען?...

— איך האָב מיינע מאַשינען!...

— ווו?!

— דאָ!... מען דאַרף זיי דאָרט אָפּלאָדן... אָבער עס פעלט מיר...

— „קלאַנג־פילם"?...

— איך האָב אַפילו קיין שטומען פילם אויך נישט!...

— קרעכצט נישט, פאַניע קאַרלסבאַד... איר לאַכט שוין איצט פון קורחס טאַטן...

— וויפל דאַרפט איר?

— וואָס מער... אָבער איך וועל נעמען עפּעס וויניקער אויך...

— טאָ נאָט אייך דערוויל פינף מאות. איך וועל באַלד צוקומען און וועל אייך ברענגען נאָך. איך מוז זיך שאַפן...

— פאַניע פינקעלשטיין!... איר זענט דאָך עפּעס אַ...

— מילא, מילא, מילא, מילא... זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה!... גייט, ר׳ זכריה און זעט, אַז אַלץ זאָל זיין ביי אייך בסדר... איך וועל באַלד צו־קומען. און אגב, האָב איך מיט אייך עפּעס צו רעדן אויך...

— עפּעס וויכטיקס?...

— זייער וויכטיק! עס איז אייערער אַן ענין...

— אַ שותפות?...

— אפשר אַ שותפות און אפשר אַ שותפטע... מילא, איך האָב אייך נאָך גאָרנישט געזאָגט...

— אָבער איר האָט מיך שוין פאַראינטריגירט...

— מיטן רעכטן פוס, ר׳ זכריה!... איר איילט זיך דאָך... און דאָס איז אַן ענין, נישט על רגל אחת... איך וועל באַלד זיין ביי אייך...

זכריה איז נישט געגאַנגען — ער איז געלאָפן!... נאָך פון דער וויטנס האָט ער געזען, ווי די לאַנגע שטאָלענע לאָפּע פון קראַפט־הייבער שלעפּט די „ליפטן״, הייבט זיי און לאָזט זיי אַראָפּ אויף אַן אייזערן וועגעלע...

— לייבישל!... איך בין דאָ, לייבישל!... — האָט ער אַ קלאַפּ־געטון זיין זון אין דער פּלייצע —איך וועל דאָ שוין פילעווען, און דו... נאַ דיר אַ הונדערטער און לויף, שאַף שנאַפּס מיט צובייסן!... קיין איינער פון דער חברה זאָל נישט אַוועקגיין!... מיר וועלן אַלע „באַגיסן״ די מאַשינען!... אַלע האָבן אַ חלק אין אונדזער שמחה!... ווילע, טייערע בחורים! גאָט זאָל זיי באַצאָלן דערפאַר!... אָבער היינט מוז מען דאָ פראַווען אַ שמחה כיד המלך!... אַלע מוזן זיך דאָ וואַלגערן שיכור אויף דער ערד!... הערסט?... מיר וועלן „באַגיסן״ די דרוקעריי פון „זכריה קאַרלסבאַך את בנו״!...

— טאַטע!...

— מען וועט טרינקען ביז מאָרגן אינדערפרי!...

— אָט אַ טעאַטער!...

## קאַפּיטל פינף

# נאָכן מבול

ווען וואָלט עס זכריה קאַרלסבאַך ביי זיך געפּועלט, זיך אוועקצו־זעצן שמועסן מיט אַ שוסטער?... — ווי אַלע פון זיין פאַרמעגלעכער און יחוסדיקער משפחה, האָט ער דאָך געהאַלטן פון פּוילישן ווערטל: „שעווצי אי קראַווצי — ניע לודזיע" (שוסטער און שניידער זענען נישט קיין מענטשן). קבצנים און עם־הארצים זענען זיי. אַ פינצטערע מאַסע...

פלעגן דאָך טאַקע אָט די לייט שטענדיק שטיין ביי אים ביי דער טיר, נישט גייענדיק ווייטער פון דער שוועל. און דאָס — נישט בלויז ווען מען פלעגט אים אָפּטראָגן אַ פּאָר פאַרריכטע שיך, אָדער אַ נייעם אנצוג, נאָר אויך דאַן ווען מען פלעגט אַרויפקומען בעטן איבערצולייענען אַ בריוו, אָדער אָנצושרייבן אַן אַדרעס.

אויך אין רוסלאַנד, ווו אַלע זענען געוועזן היימלאָזע פליטים, זענען זיי אים נישט אָנגעשטאַנען. און אין רוסלאַנד איז דאָך די לאַגע דווקא געווען אַ פאַרקערטע: דאָרט זענען שוסטער און שניידער געווען די גבי־רים ,די עליטע. זיי האָבן געגעסן ברויט מיט פּוטער צו דער זעט און גע־טרונקען זיסן טיי מיט צוקער, אין דער צייט ווען דאָקטוירים און אינזשי־ניערן זענען געגאַנגען אין געלאַטעטע קאַלאָשן, אָדער אין צעריסענע וואַ־ליקעס און געשוואָלן געוואָרן פון הונגער... אויך דאָרט האָט זיך זכריה נישט אונטערגעגעבן און געהאַט אויף דעם זיין אויסטייטש:

— אַזוי איז תמיד בעת אַ פאַרפלייצונג: גאָלד און זילבער גייט צום אָפּגרונט, אָבער טינופת שווימט אויף דער אויבערפלאַך... עס איז אַ מבול אויף דער וועלט, אַ מהומה. אָבער ווען די וועלט וועט ווידער ווערן אַ וועלט, וועט יעדערער צוריקגיין אויף זיין פּלאַץ... עס וועט זיין די גע־ווען: אַ מזרח־וואַנט און אַ פּאָליש!...

די וועלט איז טאַקע ווידער געוואָרן אַ וועלט. אָבער צווישן דער מזרח־וואַנט און דעם פּאָליש איז עפּעס פאַרשוונדן דער מרחק און די

מחיצה... און זעלטן־ווער עס איז טאַקע צוריק געגאַנגען אויף „זיין" פּלאַץ... דאָס האָט זיך זכריה איבערצייגט אין דעם „נייעם" פּוילן, אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד און אַפילו אין פראַנקרייך.

און אין ישראל, האָט זיך זכריה אַרומגעזען, איז עפּעס גאָר אַן אַנ־דערע וועלט. די איצטיקע מיוחסים פון דער מזרח־וואַנט זענען דאָ יאָרן אָפּגעשטאַנען אין פּאַליש, ביז זיי זענען אַרייַן אַ שפּאַן טיפער... דער חלוציזם האָט דאָ אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער. דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן האָבן דאָ יאָרן־לאַנג געקערט די גאַסן און געאַרבעט ביי בנין. טאַטעשע זינדלעך פון גבירישע הייזער האָבן דאָ געטון שווערע, שוואַרצע אַרבעט. זיי האָבן דאָ געטריקנט זומפּן, געפלאַסטערט כבישים, אָדער אַוועק אין די קיבוצים אַרבעטן ערד־אַרבעט. פּויערים געוואָרן. מיט קיין אַרבעט האָט זיך דאָ קיינער נישט געשעמט. פּאַרקערט: עס איז געוואָרן אַ יחוס! נאָך היינט רעדט מען מיט שטאָלץ וועגן מיניסטאָרן, וועלכע האָבן דאָ גע־טון כל עבודת פּרך, ביז זיי זענען געוואָרן אַרבעטער־פירער, פירער פון ישוב און פירער פון דער מדינה. אמת, זינט עס איז געוואָרן אַ מדינה, האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּצוואַרפן פון זיך די קורצע כאַקי־הייזלעך, די גופיות (אָן־אַרבלדיקע לייבעלעך) און די סאַראַפאַנען. מען טראָגט שוין לאַנגע הויזן, אויבערהעמדער מיט קראַוואַטן, וואָס מען האָט דאָ חוזקדיק גערופן „דג־מלוח" (הערינג) און פאַרטפּעלן אונטער די אָרעמס. קיינער וויל שוין מער נישט אַרבעטן שווער. אַלע ווילן זיין הויכע מלוכה־אָנגעשטעלטע אויף לייכטע און גוט־באַצאָלטע פּאָסטנס... אָבער מיט דעם, וואָס מען האָט פריער געטון, שעמט מען זיך נישט. איצטיקע סוחרים און פאַבריקאַנטן דערציילן מיט שטאָלץ וועגן אַלע זייערע גלגולים, ביז זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און זיי פרעגן:

— ווער האָט דאָ נישט געגעבן די פּעלץ? און ווער האָט דאָ נישט געטאָפּט קיין וואַנט?

— ווער האָט זיך עס דאָ נישט געוואַלגערט? בלויז די היינטיקע עולים־חדשים ווייסן נישט דערפון! זיי האָבן באַלד געקראָגן דירות און אַרבעט!...

— אויף אַ באַנק אין די שדרות ראָטשילד בין איך געשלאָפן... ביים ברעג פון ים... געווען גליקלעך מיט אַ טאָג שוואַרצע אַרבעט! ברויט מיט כאַלוואַ געגעסן! ברויט מיט מאַראַנצן. און געטאַנצט האָט מען „האָראַס" האַלבע נעכט!...

— סטודענטן האָבן געאַרבעט אויפן כביש און סטודענטקעס זענען געגאַנגען וואַשן וועש און מאַכן „ספּאָנדזשע"!...

אין פּוילן, ווען באַלעגאָלעס זענען געוואָרן שאָפערן און אויסגע־

טוישט די פערד אויף אויטאָס, זענען זיי אַלץ געבליבן די זעלבע באַלע־גאָלעס. אָבער דאָ, — פּרוּוו נאָר זאָגן צו אַ נהג (נעהאג: שאָפער), אַז ער איז אַ באַלעגאָלע, וועט ער דיר באַלד ענטפערן:

— דער אונטערשייד פון דעם אַמאָליקן באַלעגאָלע ביז מיר איז דער, וואָס אַ באַלעגאָלע האָט געהאַט זיינע פערד פון פאָרנט און איך האָב מיינע פערד פון הינטן!...

ניין, קיינער איז נישט צוריק געגאַנגען אויף „זיין פלאַץ" און פון דער מזרח־וואַנט ביז צום פאָליש איז פאַרשוואונדן די דיסטאַנץ.

זיין וואַרשעווער שכנס זונדל, דעם דאָקטער קאַנפּערס בן־יחידל, דער גימנאַזיסטל מיט די גלאַנציקע קנעפּ, איז דאָ היינט אַ בריוו־טרעגער און אַט דעם שוסטערס בחורעץ שטודירט גאָר אין דעם ירושלימער אוניווער־זיטעט!...

און ער, זכריה קאַרלסבאַך, איז שוין דאָ געווען אַ בערזע־מעקלערל און אַ „האַנדי־האַנדי"־יידל... אַ זעקל־יידל איז ער דאָ גאָר געוואָרן!... און וויפל האָט עס געפעלט, אַז ער זאָל גאָר ווערן אַן אָנגעשטעלטער, אַ דרוי־קער־אַרבעטער ביי יענעם?... אמת, ער האָט עס נאָך נישט געטון, אָבער בלויז טראַכטנדיק דערפון, האָט ער זיך שוין דערפילט אין דער הויט פון אַ באַעוולטן, עקספּלואַטירטן אַרבעטער און שוין געפילט זיין טעם...

און זכריה קאַרלסבאַך האָט דאָ געעפנט זיינע אויגן און דערזען דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט דערוואַרט. ער האָט דערזען, אַז שוסטערס און שניידערס זענען דווקא יאָ מענטשן און שוין דווקא נישט קיין „פינצ־טערע מאַסע". אפשר דערפאַר, ווייל יידישע באַלמעלאָכעס זענען נישט קיין שענק־שיכורים, געגאַנגען אין אַ חדר־אריין און קענען די קליינע אותיותלעך פון סידורל?... — אָבער אַ לשון האָבן זיי! זיי רעדן פון דער־פאַרונג, רעדן באַוווסטזיניק און וויסן וואָס זיי ווילן!

אָט צום ביישפּיל, זיין שכן, דער שוסטער. אַ לעבן־לאַנג האָט ער אָפּגעהוסט אין דעם נאַסן, פינצטערן קעלער, ביים פּאַמעשאַף מיט גע־ווייקטן לעדער. זיין ווייב פלעגט יעדן פרימאָרגן אויסוויינען ביים קרעמער נאָך אַ לאַבן ברויט מיט אַ הערינג אויף באָרג. ווער וואָלט זיך עס געריכט, אַז אָט דאָס מענטשל מיט די רויטע אויגן, וואָס האָט תמיד געשוויגן ווי אַ פיש, זאָל פלוצלונג באַקומען לשון?!... — ניין, זכריה האָט זיך גאָרנישט געריכט צו הערן פון אים רייד, וואָס פּאַסן פאַר אינטעליגענטן פון דער העכערער געזעלשאַפט, פאַר מענטשן מיט בילדונג!

נאָכן „באַגיסן" זיינע מאַשינען און טרינקען מיט דער חברה „ביזן ווייסן טאָג אַריין", האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט באַרויקט, זכריה. אַ צע־רודערטער, אַן אויסערזיכיקער און אַ באַרעדעוודיקער, פעלט אים אַלץ

נאָך עמיצער, מיט וועמען זיך אויסצוטוענהן, די צונג וואָס האָט זיך ביי אים ווי פון גווינט אַרויסגעשרויפט, זאָל זיך באַוועגן...

אַז ער האָט אַריינגעטראָגן צום שוסטער די שיך צום פאַרריכטן און זיך צוגעזעצט וואַרטן, האָט ער אים, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, היימיש אַ פרעג געטון:

— נו, איז וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס אייך? ווי האָט איר זיך דאָ איינגעאָרדנט?

— אַ דאַנק, פאַניע קאַרלסבאַך. מילא, איר ווייסט דאָך, ווי איך האָב אַמאָל געלעבט... איז וואָס וועל איך דאָ גיין קרעכצן?...

יאָ, זכריה ווייסט, אַז דער שוסטער האָט נישט וואָס צו קרעכצן. איבערן וואַרשטאַטל שפילט אַ ראַדיאָ... זיין ווייב האָט איצט קוים דער־שלעפּט דעם קויש פון שוק (מאַרק)... אָבער וווּנדערן, וווּנדערט אים דעם שוסטערס אויפריכטיקייט: אַלע קרעכצן היינט... ווער עס האָט געוווינט ערגעץ אין אַן אַלקערל ,שרייט היינט, אַז ער האָט געהאַט אַ פיר צימער־דיקע וווינונג און געהאַלטן אַ דינסט מיט אַ באָנע... גיי, קאָנטראָליר דאָס איצט און פאַרגיטיק אים דערפאַר... זכריהן געפעלט דעם שוסטערס תמי־מותדיקע אויפריכטיקייט.

— זענט איר, הייסט עס, צופרידן?...

— יאָ, פרנסה איז דאָ, אַ לייטישע דירה. מעבל... עס זאָל נאָר זיין רויק אויף דער וועלט...

— וואָס גייט אייך אָן די וועלט?... — שפּאַסט זכריה — דער עיקר איז דאָך פרנסה...

— אַ טעות, פאַניע קאַרלסבאַך... מיר לעבן נישט אויף דער לבנה... אונדזער מצב דאָ איז אָפּהענגיק פון דער לאַגע אויף דער וועלט... פון ייִדן אין דער וועלט און פון צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען...

זכריהן פאַרגייט דאָס שמייכעלע. עס האָט זיך ערגעץ אַראָפּגעגליטשט פון די באַקן אין די וואָנצעס אַריין. ער קוקט שוין נישט מער אויף זיין שוסטערל פון אויבן־אַראָפּ. פאַרקערט: ער האָט איצט דווקא אַ קוק־געטון אויף אים פון אונטן־אַרויף און אָפּגעשטעלט זיין בליק אויפן שוסטערס ערנסטן פנים. נייִן, דאָס איז עפּעס גאָרנישט דאָס זעלבע נעבעכדיקע שווינדזוכט־פנימל פון וואַרשעווער קעלער! — אַ סובטעל געזיכט פון אַ דענקענדיקן מענטשן. ער פאַרעט־זיך איבערן שוך, ווי אַ כירורג איבער זיין פאַציענט און רעדט דערביי לאַגיש, איבערצייגנדיק. אַפילו זיין טאָן איז סיי אַ געמיטלעכער און סיי אַ תלמיד־חכמדיקער. אַזוי וואָלט געדאַרפט רעדן אַ דיין ביי אַ רב...

פון דעסטוועגן פאַרדריסט עס זכריהן. דער אַלטער, יחוסדיקער קאַרלסבאַך האָט זיך אין אים אַ שטעל אָוועק געגעבן דיבאָם: ס׳טייטש?! ווי וואַגט עס דער שוסטערוק אים צו זאָגן „אַ טעות, פּאַניע קאַרלסבאַך״?! ווער וועמען זאָגט עס דאָ אַ „טעות״?! ניין, ער וועט עס אים נישט דורכלאָזן. ער מוז אים „פּלאַטשיק מאַכן״ דערפאַר, שטעלן אים אין אַ פאַרלעגנהייט.

— איר זענט דאָך, דוכט מיר, אַ „בונדיסט״?... — טוט ער אים אַ פרעג מיט אַ שפּילקעדיק איראָניש טענדעלע — ווי־זשע האָט איר עס געפּועלט ביי זיך, צו פאָרן קיין ארץ־ישראל? אין דעם ציוניסטישן לאַנד, האַ?... און ווי קען עס דאָ אַ „בונדיסט״ זיין צופרידן?... עס איז דאָך אינגאַנצן קעגן אייער אידעאָלאָגיע פון „דאָ׳קייט״...

— הם... וואָס ווייסט איר וועגן דער „בונדישער״ אידעאָלאָגיע, פּאַניע קאַרלסבאַך? — האָט דער שוסטער גוטמוטיק געשמייכלט — האָט איר זיך דען אַמאָל פאַראינטערעסירט מיט דער „בונדישער״ אידעאָלאָגיע? און מיט אידעאָלאָגיעס בכלל? — עס איז דאָך נישט קיין מסחר... קיין סחורה עובר לסוחר...

זכריה האָט עס שווער אַראָפּגעשלונגען, נישט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן. דער שוסטער האָט פאַרגעזעצט:

— און „דאָ׳קייט״... וואָס איז דען אַזוינס „דאָ׳קייט״? עס איז דאָ ווו מען איז...

— אין פּוילן... אין ליטע, אין רוסלאַנד... — האָט זיך זכריה אָנגעכאַפּט — קעגן ארץ־ישראל און קעגן ציוניזם האָט איר דאָך געקעמפט!... הייסט עס, אַז איר האָט קאַפּיטולירט?... די „דאָ׳קייט״־אידעאָלאָגיע האָט באַנקראָטירט?...

— פאַרקערט... — האָט דער שוסטער נישט פאַרלוירן זיין געמיטלעכקייט — דאָס אומגליק אין אייראָפּע האָט באַוויזן, אויף וויפל דער „בונד״ איז געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַ פאַרטיי פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן. כל־זמן עס האָבן דאָרטן געלעבט קאָמפּאַקטע ייִדישע פאָלקסמאַסן, איז דאָרט געווען דער „בונד״. דער „בונד״ איז נישט אַנטלאָפן פון זיינע מאַסן, איבערלאָזנדיק זיי אויף הפקר אין דער שווערער, גורלדיקער שעה. די „פאָלקס־ציייטונג״ איז נאָך דערשינען דאַן, ווען קיין אין ייִדישע צייטונג איז שוין מער נישט דערשינען אין וואַרשע. דער „בונד״ האָט געקעמפט אין די געטאָס, אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט צוזאַמען מיט די לעצטע פּוילישע ייִדן. און היינט, ווען קיין ייִדישע פאָלקסמאַסן זענען מער נישטאָ אין פּוילן, זענען דאָרטן געבליבן אַלע פאַרטייען, אויסערן „בונד״... די שארית־הפליטה האָט אויס־

געוואַנדערט. אַ טייל — אין די אַמעריקעס און אַ טייל אַהער. און ווו יידי־שע מאַסן לעבן, דאָרט איז זייער „דאָיקייט"... מיר האָבן באַקעמפט דעם ציוניזם, זאָגט איר? ריכטיק. מיר באַקעמפן אים היינט אויך. אָבער קעגן אַן אייגענער יידישער מדינה האָבן מיר נישט געקעמפט. מיר האָבן עס נאָר געהאַלטן פאַר אַן אוטאָפּיע...

— נו, נו, נו!... זעט איר שוין!...

— וואָס זע איך? עס איז דאָך עפּעס געשען אויף דער וועלט! יעדע ערד־ציטערניש ברענגט אומגליקן און נסים... עס זענען געשען אַ סך זאַכן, אויף וועלכע מען האָט זיך נישט געקאָנט ריכטן. ווען די ציוניסטן וואָלטן געווען נביאים, וואָלטן זיי דאָך אויך נישט אומגעקומען אין די קאַצעטן... און נאָכן „מבול" האָט זיך די וועלט טאַקע געענדערט. איך בין נישט מער דאָס, וואָס איך בין געווען און איר זענט נישט מער דאָס וואָס איר זענט געווען... און די בריטישע אימפּעריע איז דען יאָ דאָס, וואָס זי איז געווען?... דאָס „יודענריינע" פּוילן מיט די אַנטיסעמיטישע וואַנצעס, ליגט אונטערן סאָוועטישן שטיוול און יידן האָבן אַ מדינה!...

— אנערקענט איר, הייסט עס, די יידישע מדינה?...

— פאַרוואָס נישט? מיר האָבן טאַקע נישט געגלויבט אין איר אַנט־שטייונג, אָבער אַז זי איז שוין דאָ, טאָ זאָל זי אונדז זיין!... יעדעס פאָלק מעג האָבן אַ מדינה און מיר — נישט?

— אָבער ארץ־ישראל?!...

— איז וואָס? מיר האָבן דען אויסגעמעקט דאָס פּינטעלע אויף דער מאַפּע?.... עס לעבן דאָך דאָ אַן אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן! און יעדער ייד איז אונדז היינט צענפאַכיק־טייער! אַ יידישער ישוב מיט אַזאַ קאָמפּאַק־טער מאַסע, — נאָר נחת זאָלן מיר האָבן פון אים!...

— הייסט עס, אַז דער „בונד" איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס ער איז געווען?... אַלץ ענדערט־זיך?...

— זיכער. שטייענדיקע וואַסערן ווערן פאַרשטונקען... דער ציוניזם האָט זיך אויך געענדערט... אָט נעמט די היינטיקע „יורדים", וואָס פאַר־לאָזן דאָס לאַנד. איר וועט צווישן זיי אָנציילן מער ציוניסטן, ווי בונדיסטן... וותיקים אַנטלויפן! סאַבּרעס! עפּעס האָט זיך געענדערט...

— זענט איר אויך קעגן עמיגראַציע פון ישראל?

— חלילה! ביי מיר איז אַן עמיגראַנט נישט קיין יורד. און ער פאַרט נישט ביי מיר אין „גלות" אַריין. גלות איז דאָרט, ווי ס'איז שלעכט. ווו יידן ליידן צרות. אָבער דאָרט ווו מען בעסערט זיך אויס די לאַגע, ווו מען אָרדנט זיך איין און מען מאַכט אַ שיין לעבן, איז קיין גלות נישט... אַפילו די רעליגיעזע יידן, וועלכע האָבן תמיד געבעטן „לשנה הבאה בירושלים",

האָבן דאָך יעדע שטאָט אין „גלות" אָנגערופן „קהילה קדושה"!... און ווילנע האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „ירושלים דליטאָ". בוענאָס־איירעס איז אויך אַ קהילה קדושה און קען הייסן „ירושלים דאַרגענטינע"! און ניו־יאָרק — „ירושלים דאַמעריקע"... און אַז ייִדן פאָרן פון תל־אביב קיין מאָנטרעאַל, — פאָרן זיי דאָך פון איין קהילה קדושה אין דער אַנדערער!... און אַ ייִד פון ירושלים דארץ־ישראל מעג דאָך עולה־זיין קיין ירושלים דאַרגענטינע!... פאַרוואָס נישט?... און בכלל איז דאָך עמיגראַציע נישט קיין נאַציאָנאַלער ענין, נאָר אַ פּריוואַטער, אַ ריין־פּערזענלעכער. ווער עמיגרירט? — אַ מענטש וועלכער קאָן זיך נישט איינאָרדענען דאָ, וועלכן עס איז דאָ שלעכט. אַזעלכער איז פאַרביטערט, אַנטוישט און די מדינה קאָן סיי־ווי פון אים קיין גוטס נישט דערוואַרטן. פּרוווט אים נישט אַרויס־לאָזן, וועט ער ווערן אַ שונא דער מדינה. דערקעגן אין „גלות" וועט ער עסן געענדזנס און בענקען נאָכן „בשובך לציון"... ער וועט דאָרטן קויפן שקלים, „באָנדס" און מיטהעלפן אין אַלע קאַמפּיינען...

— איר רעדט דאָך עפּעס אַזוי... גאָרנישט ווי קיין „בונדיסט"!... עפּעס קאָן איך אייך נישט דערטאַפּן... אַזוי האָבן זיך עס באַוועגונגען געענדערט?...

— אַלץ ענדערט זיך, פּאַניע קאַרלסבאַך... די בורזשואַזיע האָט זיך געענדערט, די רעליגיע, די אַריסטאָקראַטיע. די צייט ענדערט. דאָס לעבן ענדערט.

— אמת, אמת! — גיט זכריה צו, רעדנדיק שוין מיטן שוסטער, ווי מיט אַ זיינס גלייכן — אַ סך מחיצות זענען אומגעשליידערט געוואָרן נאָכן „מבול". עס איז געקומען צו אַ שטיקל דערנענטערונג צווישן מענטש און מענטש...

— דאָס וואָלט איך דווקא נישט געזאָגט... — דערווידערט דער שוס־טער צו זכריהס געפּאַלנקייט ביי זיך... — עס איז נאָך קיינמאָל נישט גע־ווען אַזאַ וואַנט צווישן מענטשן און מענטש, ווי נאָכן חורבן! אָט די וואַנט האָט איר דאָך דאָ ביי אונדז אויף שריט און טריט: צווישן דעם עולה־חדש און דעם וותיק... צווישן די עולים פון אייראָפּע און די „פרענקן". צווישן „שוואַרצע" און „ווייסע", צווישן אַלע עדהס און שבטים דאָ... שוין אָפּגערעדט, — צווישן קלאַס און קלאַס, צווישן פאָלק און פאָלק, צווישן מזרח און מערב... אַפילו מיט אונדזער קומען אַהער, נענטער צו די אַראַ־בער, האָבן מיר זיך נאָכמער דערווייטערט... אָך, אַנטשולדיקט מיר, איך האָב פאַרגעסן... ביי איין דערנענטערונג האַלט עס יאָ... צו איין דערנענ־טערונג, האָב איך מורא, וועט בקרוב יאָ קומען...

— דהיינו?

— צווישן ייִדן און דייטשן... צווישן מדינת־ישראל און דעם עמלק־לאַנד...

— נו, דאָס איז שוין איבערגעטריבן! די נאָנטסטע הונדערט יאָר — נישט!

— נו־נו... הלוואי איך זאָל זיין אַ ליגנער!... נאָר עפּעס פיל איך, אַז דער באָדן דערצו ווערט שוין צוגעגרייט... ביי אונדזער געפאַלענער מאָראַל, איז אַלץ מעגלעך...

— דאָס איז שוין צופיל פּעסימיזם! גייט שויך, גייט. עס איז ווייט פון יעדער לאָגיק! ייִדן וועלן אַזוי גיך נישט פאַרגעסן! — האָט זכריה קאַטעגאָריש באַטאָנט.

— איר זוכט ביי ציוניסטן לאָגיק?...

— איך זוך עס ביים „בונד“ אויך... אַז עס קומען אַהער „בונדיסטן“, וועלן זיי דאָך וועלן אויפשטעלן אַ „בונד“ אין ישראל?...

— און זיי וועלן דאָס טון אויך...

— איז ווי־זשע, שטעלט איר זיך עס פאָר, וועלן אין דעם ארץ־ישראל קענען הויזן צוזאַמען דער ציוניזם מיטן „בונד“?...

— אַזוי ווי זיי האָבן געהויזט צוזאַמען אין פּוילן, פאַניע קאַרלסבאַך... יעדער וועט זיך אינזינען האָבן זיינע אינטערעסן.

— הייסט עס, ווידער פאַרטיי־קאַמף?

— צום באחרית־הימים איז ווייט, פאַניע קאַרלסבאַך...

— פאַרטייען עליך ישראל!... — גיט זכריה אַ צעפּליגל ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטריבן פון אַ היישעריק־אָנשיקעניש — קיין שום פאָלק אין דער וועלט פאַרמאָגט נישט אַזויפיל פאַרטייען, ווי מיר! געמיינט, אַז נאָכן „מבול“ וועלן שוין מער אַזויפיל פאַרטייען נישט זיין. ווינציקער ייִדן — ווינציקער חלוקי־דעות! און דאָ — אַ פאַרקערטע מעשה! אָנשטאט צוויי פאַרטייען זאָלן זיך פאַראייניקן, שפּאַלטן זיי זיך און עס ווערט פיר... אַזוי מיט די ציוניסטן און אַזוי מיט די סאָציאַליסטן. זאָלט איר מיר געזונט זיין: וואָס וויל דאָ דער „בונד“? סאָציאַליזם? — האָט איר דאָך דאָ אַ מפּ״ם, אַ מפּא״י, אַ הפּועל־המזרחי, קאָמוניסטן, ווער דאַרף נאָך אַ פאַרטיי?

— אַזוי דענקען אַלע אומפאַרטייאישע, פאַניע קאַרלסבאַך. און איך וועל אייך דערוויזן, אַז עס פעלט נאָך אַ פאַרטיי אויף דער ייִדישער גאַס. און נישט סתם אַ פאַרטיי, נאָר עס פעלט די פאַרטיי!

— בונד?...

—לאו דווקא. זי מעג הייסן „בונד“ און מעג הייסן אַנדערש. נישט אין דעם נאָמען גייט עס...

— כאַ־כאַ־כאַ... צו אַלע קאָכנדיקע טעפּלעך, פּעלט נאָך אויס אַ שטערצל...

— נישט שלעכט געזאָגט, פּאַניע קאַרלסבאַך!... עס פעלט טאַקע אויס דאָס שטערצל, וואָס זאָל צודעקן אַלע טעפּלעך...

— טשיקאַווע... — מאַכט זכריה אַ מינע פון צוטרווילאָזער פאַראינ־טערעסירטקייט — אדרבה, גיט עס מיר צו פאַרשטיין...

— מהיכא־תיתי. אַלע יידישע פּאַרטייען וואָס איר קענט, וועמען דינען זיי? — אָדער דער מדינת־ישראל, אָדער דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָדער דעם רבונו של עולם... אָבער ווו האָט איר אַ פּאַרטיי, וועלכע זאָל דינען דאָס פאָלק?...

— נו, רעליגיע איז נישט קיין פּאַרטיי. די רעליגיעזע ווילן כשרות, שבת, מצוות. מיטן פּאָליטישן לעבן האָט דאָך עס קיין שייכות נישט...

— נאָך ווי! ווייניק דעות זאָגן זיי איך אין דער כנסת? אַן אויטאָבוס צום פאָרן שבת האָט איר? חתונות און גטן ליגן אין זייערע הענט? זייערע מיידלעך דינען נישט אין דער אַרמיי? און וואָס מיר האָבן היינט נישט קיין שטיקל פליש צו עסן, איז נישט צוליב זיי? נאַר, מילא. עס לוינט זיך נישט צו שפּאַרן. און די קאָמוניסטן?

— דינען טאַקע מאָסקווע. מיטן יידישן פאָלק און מיטן יידישן לעבן האָבן זיי קיין שייכות נישט.

— בלייבן, הייסט עס, די ציוניסטישע פּאַרטייען. די פּאַרטייען, וועלכע זעען נישט דאָס פאָלק, נאָר דאָס לאַנד. פאַרן לאַנד זענען זיי גרייט מקריב צו זיין יידן, מקריב צו זיין קהילות גאַנצע! נאָר דאָס לאַנד! און איך, זעט איר, בין גרייט מקריב צו זיין דאָס לאַנד פאַרן פאָלק, ווען דאָס איז נייטיק! מיך אינטערעסירט מער דאָס פאָלק אַן אַ לאַנד, איידער דאָס לאַנד אָן דעם פאָלק... מיך וועט מען דאָך נישט נעמען מיטן חומש־סענ־טימענט, באשר אדם־הראשון האָט דעם געפּ... ווייל אברהם האָט דאָ גע־פירט יצחקן צו דער עקידה, ווייל יעקב האָט דאָ אָפּגענאַרט עשון און ווייל שלמה המלך האָט דאָ געהאַט זיינע טויזנט לינקע ווייבער... קיין איין רעכ־טע איז נישט געווען צווישן זיי... די מדינה איז מיר טייער נאָר דערפאַר, ווייל עס לעבן דאָ אַן אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן!

— נו, דאָס מיינט מען דאָך! די אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן טאַקע! און די מיליאָנען וואָס וועלן נאָכקומען!

— וויפל וועלן נאָכקומען? לאָמיר זאָגן אַז, מיט דער צייט, וועט מען אין דעם טל־ומטר מדינהלע אריינקוועטשן נאָך אַ צוויי מיליאָן. נו, און די איבעריקע? עס זענען דאָך פאַראַן עפּעס אַרום אַ צען מיליאָן יידן אויף דער וועלט מחוץ דער מדינה! די „קהילות־קדושות“ פון די פאַראייניקטע

שטאַטן, אַרגענטינע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און אַנדערע, זיי האַלטן זיך נאָך נישט ביים ליקווידירן!... און די רוסישע יידן לאָזט מען נישט אַרויס! נאָך נישטאָ דער משה וועלכער זאָל פאָדערן „שלח את עמי״ (שיק אַרויס מיין פאָלק!). איז וואָס־זשע וועט זיין מיט אָט די יידן? זיי וועלן בלייבן מחוץ למחנה? אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל?

— חלילה! ווער שליסט זיי אויס?

— די מדינה!

— ס'טייטש?!

— אַ לעבן־לאַנג האָב איך געוווסט, אַז מיר זענען דאָס פאָלק ישראל. איצט איז געקומען די מדינה און האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „ישראל״... איצט הייסט עס, אַז ישראלים זענען נאָר די בירגער פון לאַנד ישראל. יידן פון אַנדערע לענדער זענען אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פראַנצויזן, נאָר נישט קיין ישראלים!... אויס פאָלק ישראל!... צו די יידן אין דער וועלט וועט מען טאָקע קומען נאָך „מגביתן״, מען וועט זיי שיקן שליחים. אָבער זאָרגן פאַר אָט די יידישע קהילות אין „גלות״ וועט נישט די מדינה. זיי זענען דאָך נישט קיין ישראלים!... פרעמדע בירגער!...

— דאָס, זאָלט איר מיר מוחל זיין, איז געדרייט מיטן גראָבן פינגער! — קרימט זיך זכריה — דאָס פּאַסט פאַר ישיבה־בחורים, פאַר תלמודיסטן, נישט פאַר אייך... אָבער מיר זענען סיי־ווי אַראָפּ פון וועג. איר האָט דאָך מיר געזאָלט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס פעלט אונדז נאָך אַ פאַרטיי... און נישט אַ, נאָר די פאַרטיי...

— צו דעם טאָקע ציל איך, פאַניע קאַרלסבאַך. און שוין דווקא נישט ווי קיין ישיבה־בחור... ווי אַ שוסטער ציל איך... איר זעט: מיט דער אַל גלייך אין דער פאָדעשווע... אַלזאָ, די ציוניסטישע פאַרטייען דינען בלויז דער ישראל־מדינה.

— אירע בירגער, פאַרשטייט־זיך...

— די ישראלים... יאָ... און ווער זאָל זאָרגן פאַר די „קהילות קדושות״ אין דער וועלט? יידן אין דער וועלט, מיינט איר, האָבן נישט זייערע אייגענע פּראָבלעמען, אויסער „מגביתן״ און אויסער מדינת־ישראל? ווער זאָל שיצן זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן? זייערע קולטור־באַדערפענישן? אָפּהאַלטן דער יוגנט פון אַסימילאַציע? אויפהיטן די קולטור־אוצרות? ווער זאָל סטימולירן שעפערישע כוחות? אויפהאַלטן אַ שול־וועזן? אַ פאַרלאַגס־וועזן? שטיצן דאָס יידישע טעאַטער און די יידישע ליטעראַטור? וואָרעם אָן דעם, וווהין וועט דאָס פאָלק אַוועקגיין?

— וועגן דעם דאַרפן זאָרגן די אָרטיקע קהילות.

— יעדע קהילה פאַר זיך? אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער? וועלן

דאָך, מיט דער צייט אויפקומען אָפּגעפּרעמדטע שבטים, ווי תימנער מיט „פרענקן", אָדער ווי בוכאַרער מיט ליטוואַקעס... איז דאָך עסווידער אויס פאָלק ישראל!... מיר וועלן האָבן געוווּנען אַ מדינה פאַר אַ פּאָר מיליאָן ישראלים און מיר וועלן פאַרלוירן־גיין אַלס פאָלק! אין אָפּגעפּרעמדטע שבטים וועלן מיר פאַרוואַנדלט ווערן!... ניין, פאַניע קאַרלסבאַך! דאָס שטערצל איז נייטיק!... דאָס אַלגעמיינע שטערצל, וואָס זאָל צודעקן אַלע טעפּלעך... איין פאָלקס־באַוועגונג פאַר אַלע יידישע קהילות אויף דער גאַנצער וועלט! אָט אַזאַ פאַרטיי פעלט אונדז!

— איך האָב מורא, אַז איר זענט גערעכט... — האָט זכריה צוגעגעבן, דרייענדיק פאַרטראַכטערהייט די וואָנצעס.

— איר דאַרפט גאָרנישט מורא האָבן, פאַניע קאַרלסבאַך... און צו די פאַרטיי זאָל הייסן „בונד" אָדער אַנדערש, איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז אַזאַ פאַרטיי פעלט אונדז און אַז אַזאַ פאַרטיי מוז אַנטשטיין! און דערוויל זענען אייערע שיך פאַרטיק...

***

דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט קענען־זיך און וווינען צוזאַמען אין איין הויז, האָט זכריה דערלאַנגט דעם שוסטער די האַנט... און אַ געפיל האָט ער געהאַט דערביי, נישט ווי ער וואָלט זיך גרויסמוטיק אַראָפּגעלאָזן צו אַ נידעריקערן פון אים, נאָר פאַרקערט...

— יוחנן, דוכט זיך, הייסט איר? — האָט ער אים איבערגעפרעגט

— איר מעגט הייסן ר' יוחנן הסנדלר!... איך ווייס נישט, צי יענער תנא איז געווען מער ייד פאַר אייך?...

און גייענדיק אַהיים, האָט זיך זכריה דערטראַכט, אַז פאַקטיש פעלט נאָך אַ פאַרטיי... עס פעלט די פאַרטיי וועלכע זאָל עפענען מענטשן די אויגן, אַז זיי זאָלן זען און דערקענען מענטשן... וואָס זאָלן לערנען צו שעצן יענעם נישט לויט זיין מאַטעריעלער לאַגע, קליידונג און מלאכה. און אפשר געהערט עס נישט צו קיין פאַרטיי, נאָר צו דער מעדיצין? די מעדיצין וואָס היילט אַלע מחלות, זאָל אויך אויסהיילן דעם מענטשן פון פוסטער גאווה. די גאווה איז דאָך ווי אַ בעלמע אויף אַן אויג, וואָס לאָזט נישט זען דעם אמתן, פולווערטיקן מענטשן.

וואָרעם צי האָט ער, זכריה, אַמאָל אַזוי אַ טראַכט־געטון וועגן פאָלק און גורל? וועגן יידן און יידישקייט, ווי אָט דער שוסטער? — וועגן אַ „פּאָקער" האָט ער געטראַכט! וועגן אַ „דערדע", אַ „רעמי ברידזש" און ענלעכע מעשות! און אַז מען האָט שוין גערעדט אַמאָל וועגן פּאָליטיק,

איז עס געווען מער צוליב אינטעליגענטעווען... צוליב ספּאָרט און אויס־פיינערייִ. זיין וויסן?... — מיט דער הילף פון אַ גוווערנאַנטקע און אַ הויז־לערער, האָט מען אים דאָך קוים דערשטופּט ביזן זיבעטן קלאַס גימנאַ־זיע... אין דער צייט, ווען אַזאַ יוחנן שוסטער האָט הונגערדיקערהייט גע־גריזשעט בילדונג פון די ווענט!! געשעפּט זיין וויסן פון שמות און פון אַלטע צייטונגען, אין וועלכע מען האָט אים געבראַכט שיך צו פאַריכטן. געהערט רייד פון אַ שוסטער?!... אָט ,רייד: „קהילה קדושה״, „באחרית הימים״, „לא־דווקא״, „מהיכא־תיתי״, „שלח את עמי״, „מחוץ למחנה״...

— אויב אַזוי רעדט אַ שוסטער, איז ווי־זשע דאַרף שוין רעדן אַ ראש־ישיבה?!... סיידן דער יוחנן איז אַ לאַמעד־וואָווניק, אָדער טאַקע אַ גלגול פון אַלטן ר׳ יוחנן הסנדלר!...

און אפשר האָבן עס די צרות, די שווערע מלחמה־איבערלעבענישן, קליגער געמאַכט דעם מענטשן? עס האָט אַ פּאַרקע־געטון אין די געהירן, ווי אין דעם פאַרזשאַווערטן געווערק פון אַן אַלטן וואַנט־זייגער, און עס האָט אָנגעהויבן צו גיין?... עפּעס האָט זיך דאָך אָנגעהויבן צו באַוועגן אין יידישע מוחות! — — —

אין שטוב האָט אויף אים געוואַרט פינקעלשטיין. ער איז געווען פאַרטון אין אַ שמועס מיט לייבישן. דערזעענדיק זכריהן, האָבן זיי דעם שמועס אָפּגעהאַקט און לייביש האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער. זכריהן האָט עס אויסגעזען פאַרדעכטיק.

„וואָס באַהאַלטן זיי פון מיר? — האָט ער אַ טראַכט געטון — מען סודלט־זיך!״...

— אַ גוטן אָוונט אייך, פאַניע פינקעלשטיין. אַז איר זענט געקומען צו מיר אַזש פון תל־אביב, האָט איר מסתמא אַ וויכטיקן ענין... איר וואַרט שוין לאַנג?

— איי, ר׳ זכריה, ר׳ זכריה! — האָט פינקעלשטיין אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער איז, אָן אַ „גוטנאָוונט״ — איך האָב נעכטן פאַרדינט צוליב אייך אַן עבירה...

— צוליב מיר? דהיינו?

— כאָטש דעם אמת־געזאָגט, זענען דאָ עבירות, וואָס עס איז אַ מצווה אַז מען טוט זיי... און עס זענען פאַראַן מצוות, וואָס עס איז אַן עבירה אַז מען טוט זיי... „באַגיסן״ נעכטן אייערע מאַשינען האָט מען גע־מוזט. דאָס איז אַ מצווה! איך בין אַ חסיד, דאַרפט איר וויסן. אַ חסיד זאָגט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון קיין טרונק בראַנפן... בפרט נאָך, אַז מיט אַ לחיים קען מען אַמאָל צערייסן אַ גזר מן השמים!... מיין רבי האָט מיר געלערנט, אַז דאָס וואָס אַ חסיד קען מתקן־זיין מיט אַ טרונק בראַנפן,

קאָן עס נישט קיין מתנגד מיט קיין יום תהילים!... נאָר וואָס דען? — אַז איך האָב אַ ביסעלע איבערגעכאַפּט די מאָס, האָט זיך שוין די מצווה פאַרוואַנדלט אין אַן עבירה...

— נעם איך די עבירה אויף זיך, פּאַניע פינקעלשטיין!... — האָט זכריה געלאַכט.

— דאָס נישט... מיין אייגענעם פּעקל האָב איך ליב אַליין צו טראָגן... און אויף שמיץ, האָב איך אַן אייגענעם איך־בעט־אייך־איבער... אָבער מיין מאַמע ע״ה פלעגט זאָגן, „אַז מען האָט נישט אין קאָפּ, האָט מען אין די פיס״... און אַז איך האָב נישט אויסגעפירט נעכטן מיין שליחות צו אייך אין תל־אביב, האָב איך דערפאַר איצט געמוזט קומען צו אייך עקסטרע קיין דזשעבעליִאַ...

— מיט אַ שליחות צו מיר? — וווּנדערט זיך זכריה.

— יאָ, אַ וויכטיקע שליחות! נאָר פריִער וועל איך ווידער מוזן טון אַן עבירה, וואָס איז אַ מצווה: איך מוז רעדן אַ ביסל לשון־הרע אויף אונדזערן אַ פריינט!

— אַך... מהיכא־תיתי... אויב נאָר אַ געשמאַק לשון־הרעלע, איז ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ דערפון?... וואָס אַ מתנגד קאָן מתקן־זיין מיט אַ לשון־הרעלע, קאָן עס נישט קיין חסיד מיט קיין טרונק בראָנפן!... — האָט זכריה געשפּאַסט. — איז וועמען נעמען מיר אויפן טיש אַרויף?...

— זיידמאַנען.

— זיידמאַנען?

— יאָ. נישט קיין אָרנטלעכער מענטש, אונדזער פריינט זיידמאַן! — האָט פינקעלשטיין ערנסט געזאָגט.

— וואָס האָט ער אַזוינס געטון?

— ער האָט גאָרנישט געטון. גאָרנישט! נאָר מיט אַזאַ גאָרנישט טון, קען מען אויך חרוב מאַכן אַ וועלט! — האָט פינקעלשטיין באַקומען פייכטע אויגן — מיט אַזאַ גאָרנישט טון, קאָן מען אויך אַמאָל ברענגען אַ מענטשן צו זעלבסטמאָרד!

— האַ? פּאַניע פינקעלשטיין?! וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד?

— ער איז נישט קיין פיינער מענטש, אונדזער פריינט זיידמאַן. גאָר־נישט קיין פיינער מענטש! — האָט פינקעלשטיין איבערגעחזרט, באַקו־מענדיק דערביי אַ כל־נדרי־פּנים — פאַרן אויספירן אַזוי אַ שליחות, ווי ער האָט עס אויסגעפירט, קומט אים גיהנום!

— וואָס רעדט איר? וואָס פאַר אַ שליחות האָט ער דען געהאַט?

— צו אייך, ר׳ זכריה. אַ שליחות פון אייער פרוי... — האָט פינקעל־

שטיין געזאָגט שטיל, אָבער דייטלעך, אַראָפּלאָזנדיק דערביי זיין בליק צו די גלאַנציקע קאַמאַשן.

דער אײדעלער ייִד האָט נישט געוואָלט קוקן זכריהן גלייך אין פּנים־אַריין, ווען זכריה וועט אַזאַ ידיעה דערהערן. ער האָט אַזוי אַפילו אויסגעוואַרט די גאַנץ־לאַנגע פּויזע, ביז זכריה האָט געלאָזט פאַלן דאָס ערשטע וואָרט.

— האַ?! ווען איז דאָס געווען?

ערשט איצט האָט פינקעלשטיין אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען, אַז זכריה איז טאַקע בלייך ווי פּאַרמעט.

— ווען דאָס איז געווען? נאָך אָנהייב ווינטער. ער האָט אייך עפּעס געזאָגט?

— נײַן.

— זעט איר שוין! און די סיבה דערפון, פאַרשטיי איך!...

— דהיינו?

— פּאַניעטשקאַ!... דאָס „יונגע" שוועסטערל מיטן אַלטן קאַפּעלוש!...

— ריכטיק... האָט זכריה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נאָכן מלאך־המוות וואָלט מען אים געדאַרפט שיקן! — האָט פינקעלשטיין ווידער אָנגעהויבן — אַ מענטש וואָרט אַ ווינטער צייט אויף אַ תשובה! שיקט איינמאָל און אַ צווייטן מאָל דעם זעלבן שליח! מען קען דאָך, מיינע שונאים, משוגע ווערן פון איבערקלערן! איך זאָג אייך: סקילה, שריפה, הרג וחנק איז פאַר אים ווייניק! איך וועל אים דאָס זאָגן אויך! זי האָט דאָך היינט געוויינט פאַר מיר, אין דער פאַבריק, ווי אַ קליין קינד! דאָס האַרץ האָט געשניטן! איר זאָלט אַזוי האַנדלען? נישט וועלן אַפילו אויסהערן?! זיך דורכרעדן אַפילו?!

— אַז איך האָב דאָך גאָרנישט געוווּסט! — האָט זכריה אַ צעשפּרייט געטון ביידע הענט און זיך פאַרענטפערט.

— אָט דאָס האָב איך איר טאַקע געזאָגט. איך האָב איר קוים איבערצייגט, אַז דער שאַרלאַטאַן האָט אייך גאָרנישט איבערגעגעבן און אַז איר הייבט נישט אָן צו וויסן פון קיין בייזער וועטשערע!

זכריה איז געזעסן אַנטקעגן פינקעלשטיינען מיט אַ פּאָר גלאַנציקע, לעבעדיקע אויגן אין אַ טויטן, גיפּסענעם פּנים. די אויסגעגלאָצטע אויגן, די ציטערנדיקע וואָנצעס, און די אָנגעצונדענע שפּיצן אויערן וואָס האָבן געפלאַמט, זענען געווען די איינציקע סמנים, אַז דאָס איז נישט קיין גיפּסענע ליאַלקע, נאָר אַ לעבעדיקער מענטשן. אַ היפּשע ווײַלע איז ער אַזוי געזעסן אָן אויסערלעך־פאַרשטאַרטער, אָבער מיט אַ קראַמף אין די געדערים און מיט אַ ים־גערויש אין די אויערן.

פינקעלשטיינס סענטימענטאַלע אויגן האָבן געפינקלט און געפּינטלט. זיינע ליפּן האָבן זיך כסדר און שנעל באַוויגן. אָבער צוליבן ים־גערויש אין די צעפּלאַמטע אויערן, האָט זכריה קיין וואָרט נישט געהערט.

„אַנהייב ווינטער... אַנהייב ווינטער... — האָט ער זיך געגומען דער־מאָנען — אַנהייב ווינטער האָט ער מיך באַקענט מיט פּאַניעטשקען, געשלעפּט אויף טשאַלנט, טעגלעך געבראַכט פון איר „גאַר פריינטלעכע גריסן", אונטערגעשטעלט „צופעליקע באַגעגענישן" און וועגן פּערל־ליבען, קיין וואָרט נישט! געמיין! טאַקע זייער געמיין! און זי, פּערל־ליבע..."

דאָס אָפּגעלאָפענע בלוט פון פּנים האָט אָנגעהויבן האַסטיק צוריק צו קומען. די גיפּסענע באַקן האָבן באַקומען לעבנס־קאָלירן. רויט זענען זיי איצט געוואָרן, ווי אויסגעקניפּט און אויסגעפּאַטשט. נייך, ווי ער וואָלט אַ פּעסטן שנאַפּס געמאַכט. דער ים־געריוש אין די אויערן האָט זיך גענומען איינשטילן און עס האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען קלאַנגען, ווערטער, זאַצן. פּינקעלשטיין האָט נאָך אַלץ געפּינטלט מיט די אויגן און שנעל־שנעל באַוויגן מיט די ליפּן. אָבער איצט האָט שוין זכריה באַנומען דעם זין פון זיינע רייד:

— אַפילו אַ פּאַרמשפּטער קריגט דאָך אויך דאָס לעצטע וואָרט! אַפילו ווען אַ משומד וויל זיך מתוודה־זיין, קומט מען אים אויך אויסהערן! נישטאָ קיין נישט־אויסהערן! אַ פּראָקוראָר הערט אויך אויס!

— וואָס וויל זי? — האָט זכריה ענדלעך אַ פרעג־געטון מיט אַ פּאַר־שטיקטער שטים, ווי פון אונטער אַ קישן־אַפּיר.

— איי, פּאַניע קאַרלסבאַד!... איך דאַרף אייך אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל?... וואָס וויל אַ ווייב, נאָך אַזוי פיל צרות?... אויב נישט וועגן שלום־בית, וואָלט איך דען געקומען צו אייך?...

— שלום־בית?! זי איז דאָך...

— איז, שמיז, דריז!... — מאַכט עס פּינקעלשטיין, מיט אַ ביטול־טאָן, צו קליינגעלט — לא יזכר ולא יפּקד! געווען אַ פינצטערער חלום! זי האָט אייך נאָך ליבער ווי די היינטיקע געטרייע ווייבעלעך, וועלכע פּאַראַטן אויף טריט־און־שריט זייערע מענער! און חסידישע ווייבלעך היטן היינט וואָזשנע טהרת־המשפּחה! גייט שוין, גייט! איר זענט נעכטן אַכצן יאָר געוואָרן?... און ווען איר נעמט אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה?... און די פּאַניעטשקאַ, מיינט איר, איז אַ בתולה? נישטאָ קיין צנועות, נישטאָ! און זי איז אייך נאָך אַלץ געטרייער ווי... נייך, נישטאָ עפּעס געטרייערס, ווי אַן ערשטע פרוי! איינס קען איך אייך יאָ זאָגן: די אַלע יודאַנעריינס וואָס איר קענט דאָ, גרייכן נישט צו אייער פּערל־ליבעס אָבצאַס! אַ מענטש! אַן אָסאָבע! עס איז דאָ מיט וועמען זיך צו באַווייזן!... מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט!... זיי זענען

אַלע נישט ווערט איר מיסט! נאָר וואָס דען? היטלער, ימח־שמו! האָט אָנ־געמאַכט אַ ביסל צרות אויף דער וועלט! אַ גיהנום! אָבער נאָך אַלעמען, זעט זי דאָך אויס ווי דער פּאַניעטשקעס אַ טאָכטער, ווי איך בין אַ ייִד!... איר הערט? ווי איר טאָכטער זעט זי אויס!... יונג און שיין... און אַ בעל־תשובה־טע! און אַ בעל־תשובהטע איז הייליקער און צניעותדיקער ווי אַ רביצן, זאָג איך אייך! איר הערט?... היינט פאַרליבט איז זי דאָך אין אייך, טאַקע ווי אַ גימנאַזיסטקעלע... כע־כע־כע... זינט זי האָט אייך געזען...

— ווער? ווען? ווו? וואָס געזען? וועמען?

— אייך! אייך, פּאַניע קאַרלסבאַך... זי איז נישט איין נאַכט אָפּגע־שטאַנען אָט דאָ פאַרן טויער... הינטער אייערע פענצטער...

פינקעלשטיין האָט דערזען, ווי זכריהס אויגן זענען פאַרצויגן־געוואָרן מיט אַ נעץ פון רויטע פעדימלעך און זענען איבערפולט־געוואָרן מיט אַ פּערלמוטערנער פליסיקייט. „מייך מויל־מלאכה ווירקט!“ — האָט ער אַ טראַכט־געטון און באַקומען מער קוראַזש, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן!

— וואָס ווייסט איר?! אין רעגנדיקע ווינטער־נעכט איז זי דאָ אָפּגע־שטאַנען! נעבעך, אויסגעווייקט געוואָרן! דעם קאַטאַר באַקומען!...

— פאַרוואָס איז זי נישט אַריין?!

— אַלץ צוליב זיידמאַנען! אַז אויף אירע בריוו, דורך אים, האָט איר נישט געענטפערט... האָט זי נישט געוווסט, ווי איר וועט האַנדלען... נישט געוואָלט פאַרשעמט ווערן... שוין גענוג פאַרשעמט געוואָרן!

— פאַרשעמען?!

— נו, עס רעדט זיך אַזוי... אָבער זי האָט נישט געהאַט דעם מוט. און פרעמדע מענטשן זענען תמיד געווען ביי אייך... עס איז טאַקע נאַריש... אָבער איר ווייסט נישט? — אַ פרוי... געשטאַנען הינטער די פענצטער און...

אינסטינקטיוו האָט זיך זכריה אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער... ער האָט אַרויסגעקוקט צום גאָרטן, צום טויער... ניין, קיינער איז דאָרט איצט נישט געווען. בלויז אַ פאַרטייעטע קאַץ האָט געלויערט אויף אַ יאַשטשערקע ביים פּלויט. אַן אומגאַטירלעך־גרויסע זון, אַ פייערדיק־רויטע, האָט שוין געלאָשן איר צעגליטן רונד אין זילבערנעם ים־פּלאַך. נאָך אַ פּאָר מינוט — און זי וועט אַראָפּטויכן אין קאַלטן תהום.

— איז וואָס־זשע זאָגט איר, פּאַניע קאַרלסבאַך?

— האַ? — האָט זיך זכריה, אַ נישט־דאָ־קער, אומגעקערט פון פענצ־טער.

— מען קאָן זי דאָך לענגער נישט לאָזן אָן קיין תשובה...

— אַוודאי.

— הייסט עס?...

— לאָזט מיך צונויפנעמען די געדאַנקען. דעם אָטעם אָפּכאַפּן... ע... מיין לייביש... ער ווייסט פון עפּעס?...

— אַוודאי ווייסט ער!

— וואָס זאָגט ער?...

— דאָס וואָס אַ זון דאַרף זאָגן!... וואָס איז ער? פון אַ שטיין געבוירן? זי האָט נישט פאַרגאָסן אויף אים קיין בלוט. וואָס? אייער עזריאל, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, וואָלט אויך אַנדערש נישט געזאָגט! פּאַרט אַ מאַמע! געדאַרפט זען, ווי זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און געוויינט!... וואָס מיינט איר? אַ שפּילעכל?

— ווער איז געפאַלן אין די אָרעמס?

— וואָס הייסט, ווער? לייביש!

— ווען איז דאָס געווען?

— היינט אינדערפרי. אַ שטיין האָט עס געקאָנט רירן! נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָרן צום אייניקל...

— צום אייניקל?

— צו, יאָ, צו עזריאלקען... אין קיבוץ אַריין... באָ קרעוו, טאָ ניע וואָדאַ!... (בלוט איז נישט קיין וואַסער...). פּאָרט אַ מאַמע! אַ באָבע הייסט עס... אַ שוויגער... געדאַרפט זען די פּאָר ברליאַנטענע אוירינגלעך, וואָס זי האָט געשאָנקען אילנהן!...

— אָבער מיין קאָפּ באַנעמט עס נישט: וואָס עפּעס אַלץ אַזוי פּלוצלונג? וואָס האָט זיך דאָרט פּלוצלונג איבערגעדרייט ביי איר?

— פּלוצלונג, זאָגט איר? — פון ערשטן טאָג אָן! אַ שיינער פּלוצלונג! ווייל ויידמאַן, דער פּאַסקודניאַק, האָט געמאַכט אַ שוויינ? — יענע איז דאָך שוין אויס־מענטש! צווייטנס, וואָס ווייס איך? איר דאַרפט זיך באַגעגענען און זיך דורכשמועסן אונטער צוויי נעזער... איז, ווען זאָגט איר?...

— לאָזט מיר צו־זיך קומען... זיך מיישב־זיין...

— זיך מיישב־זיין? מיט וועמען?... הערט, פּאַניע קאַרלסבאַד! — האָט פינקעלשטיין „געשלאָגן דעם אייזן כל־זמן ער איז הייס״... — ווי אַ גוטער פריינט רעד איך צו אייך: וואָס טויג אייך אַ רב און וואָס טויגן אייך מענטשן? עס איז לייטיש געלעכטער!... קולטורעלע מענטשן דאַרפן זיך אַליין פאַרשטענדיקן. עס איז דאָך אַן אינטימער ענין... קיינער וועט נישט זען, ווען איר וועט זיך קושן און קיינער דאַרף נישט זען, ווען איר וועט זיך דורכרעדן... וואָס איר וועט שפּעטער באַשליסן, איז אייערע אַ זאַך. איר זענט

אַ מענטש אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן... איר דאַרפט זיך נאָר באַגעגענען... אַט היינט, צום ביישפּיל... איר זענט דען פּאַרנומען?...

— פאַרנומען? — האָט זיך זכריה געדרייט אָן אָן אויסוועג, פּילנדיק ווי היץ־כוואַליעס יאָגן זיך אים איבערן לייב. — יאָ, היינט איז די יערלעכע אזכרה נאָך די קדושים פון אונדזער שטאָט. יאָרצייט נאָך...

— אַן אזכרה? נו, דאָס איז עפּעס אַנדערש! דאַרף מען גיין! ווו קומט עס פאָר? אין תל־אביב?

— יאָ. אין בית־חלוצות.

— ווען?

— אַכט, דרייסיק. — האָט זכריה אַ קוק געטון אויפן זייגער און אייליק צוגעגעבן: — יאָ, איך דאַרף שוין גיין! לייביש! — האָט ער אַ רוף געטון — ביסט פאַרטיק צום גיין?

— יאָ, טאַטע! — איז לייביש אַריינגעקומען מיט אַ קאַפּעליוש אין דער האַנט, אַ סימן, אַז ער איז גרייט צו גיין צו דער אזכרה.

אָבער פינקעלשטיין האָט הינטער זכריהס פּלייצעס, געפּאַכעט צו לייבישן מיט אַ האַנט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, וואָס לייביש האָט באַלד פאַרשטאַנען...

— טאַטע... איך וועל אפשר שפּעטער קומען... — האָט לייביש געשטאַמלט אַ פאַרוויטלטער, באַהאַלטנדיק תיכף דעם קאַפּעליוש הינטער זיך...

— פאַרוואָס שפּעטער?

— דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי... כ'וועל נעמען אַ פּראָשיק און זיך אָפּרוען אַ ביסל.

— אַזוי גאָר? וואָס איז דיר?

— גאָרנישט. סתם אַ מיגרענע...

— נו, מילא. וועסט קענען, וועסטו צוקומען. האָסט נישט קיין היץ? — האָט ער אים אַ טאַפּ געטון דעם קאָפּ.

— עט, נאַרישקייטן, טאַטע. איך וועל מסתמא צוקומען...

אָבער פינקעלשטיין האָט אים ווידער געוויזן אויף ניין... און ווען זכריה האָט זיך פּלוצלונג אומגעקערט, האָט פינקעלשטיין מיט דער פּאַכענדיקער האַנט צו לייבישן, געמוזט פאַרטרייבן עפּעס אַ זלידנע פליג...

— מאָדנע פליגן ביי אייך!... איר הערט, פאַניע קאַרלסבאַד: ווען איך ווייס אויף זיכער, אַז דאָרט וועט זיין אַ גוטער חזן...

— עס וועט טאַקע זיין... אונדזער געוועזענער שטאָט־חזן...

— גיי איך מיט, אויב איר האָט נישט דערקעגן... — האָט זיך פינ־

קעלשטיין אָנגעכאַפּט — איר ווייסט דאָך, אַז צו אַ חזן לויף איך אין עק וועלט!...

— אדרבה, קומט. — האָט זכריה געזאָגט מיט אַ האַלב מויל.

וואָרעם געגלוסט האָט זיך אים איצט דווקא צו זיין אַליין, מיט זיך. נאָכאַמאָל איבערצוקייען און פאַרדייען אַלץ וואָס ער האָט זיך היינט דער־וווּסט. דער פינקעלשטיין איז טאַקע אַ טייערער און קלוגער ייִד, אָבער ער פאַרמאָגט אַ כוח־הדיבור, קיין עין־הרע און זכריה איז איצט געגניגט צו שווייגן און זיך אָפּגעבן מיט זיינע מחשבות.

— אַזוי־ אַזוי, פאַניע קאַרלסבאַד... וועגן וואָס מען זאָל נאָר נישט רעדן, קומט מען תמיד אַרויף אויפן טויט... מיר האָבן, דאַכט־זיך, גערעד־ט וועגן שמחות!... וועגן שלום־בית, וועגן אַ ביסל נחת... איז נאָ דיר גאָר אַן אזכרה אינמיטן דערינען!... וואָס פאַר אַ פאָלק זענען מיר, האַ?...

— אַ יתום־פאָלק, פאַניע פינקעלשטיין! אַן אלמן־פאָלק! אַ פאָלק פון קדושים! ביי לייטן עפּנט מען אַ ראַדיאָ, הערט מען רעקלאַמעס פון פאַר־שיידענע פירמעס, גליקוווּנטשן, פראַגן און ענטפערס ווי צו האָדעווען הינט, קעץ, פערד, וועגן פיש־פאַנג און ספּאָרט... און ביי אונדז, נאָך די עטלעכע ידיעות, הערט מען גאָר וועגן אזכרות, וועגן צעריסענע משפחות און קרו־בים, וואָס זוכן זיך אַרום...

— ריכטיק, פאַניע קאַרלסבאַד! אַז מען געפינט זיך שוין, דאַרף מען זיך אויפהערן אַרומזוכן!... צעריסענע משפחות דאַרפן צוריק גאַנץ ווערן!...

אויף דער „תחנה מרכזית" (צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע) אין תל־אביב, איידער זיי האָבן זיך איבערגעזעצט אין אויטאָבוס וואָס פירט צו דער גאַס קינג־דזשאָרזש, ווו עס געפינט־זיך דער „בית־חלוצות", האָט פינקעלשטיין אַ זאָג־געטון צו זכריהן:

— איך מוז טעלעפאָנירן צו מיין אַרכיטעקט און באַשטעלן אים צו אַ קונדאַס... איך בעט אייך איבער אויף צוויי מינוט, פאַניע קאַרלסבאַד...

— און ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם עפנטלעכן טעלעפאָן־ביידל.

זכריה האָט זיך דערווייל געשטעלט אין דער ריי צום אויטאָבוס. די ריי האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט פאָראויס און ביז ער איז צוגעקומען צום אַריינגאַנג, איז שוין אָנגעלאָפן פינקעלשטיין. ער האָט איצט געהאַט אַ פּאָר צעפלאַמטע בעקלעך און פריידיק־צעפינקלטע אויגן. זכריה האָט אים אָנגעקוקט און זיך געפרעגט: „וואָס האָט ער אַזוי, דער פינקעלשטיין? וואָס איז ער אַזוי צעיאַכמערט? עס שטייט אים דאָ אָן צו געווינען דאָס גרויסע געווינס?... איך האָב דאָך קיינמאָל, ביי מיינע געשעפטן, אַזוי נישט געפיבערט. ביי מיר איז געשעפט — געשעפט, אָבער נישט קיין אָפּגאָט!...

ער האָט טאַקע נישט געצוימט זיין נייגער און תיכף אַ פרעג־געטון:

— אַ גרויסע באַשטעלונג באַקומען, וואָס?...

— מממאַ!... די באַשטעלונג, ווי די באַשטעלונג, נאָר דער פּלאַן איז אַ גרויסער!... און אַז עס וועט געלינגען...

— וועט איר פאַרדינען אַ קימאַ־לן פון...

— פאַר עולם־הבא אַרבעט איך נישט... און נישט אַלץ איז עולם־הזה... אַ געלונגען שטיקל אַרבעט, אַ נייער, אָריגינעלער מאָדעל, איז ביי מיר מער ווערט פון געלט... און דאָס איז שוין איינמאָל אַ שטיקל אַרבעט!... איר מעגט שוין אָנקוקן דעם מאָדעל...

דער „בית חלוצות" איז שוין געווען פול. אין זאַל איז געווען ליכטיק און רעשיק. ווי תמיד פאַר די „אזכרות", איז דאָ געווען טומלדיק־פריילעך. אויף אַלע „אזכרה"־אָוונטן איז פריילעך. וואָרעם דער אָוונט פון דער „אזכרה" איז דאָך דער אָוונט פון באַגעגענישן. אויף דער „אזכרה" קומען זיך צוזאַמען אַלע לאַנדסלייט און נישט בלויז פון תל־אביב, מיט וועלכע מען טרעפט זיך פון צייט צו צייט. — מען קומט פון די ווייטסטע שטעט און שטעטלעך, פון די פאַרוואָרפנסטע מושבות און קיבוצים פון גאַנצן לאַנד. דאָ טרעפן־זיך מענטשן וועלכע האָבן זיך שוין יאָרן, אָדער יאָר־צענדליקער נישט געזען. נישט געוווסט אַפילו איינער פון דעם צווייטנס עקזיסטענץ. יוגנט־פריינט דערקענען־זיך, כאַפּן זיך־אַרום, קלאַפּן־זיך פריי־דיק אין די פּלייצעס. יוגנט־חברטעס, געוועזענע שלאַנקע שילערינס מיט חנעוודיקע צעפּעלעך, איצט — צעיוירענע דאַמען מיט געפּאַרבטע פריזורן, — באַגעגענען זיך מיט געשמינקטע ליפּעלעך, גיבן אַ וויש אַ טרער און נעמען גלייך אויספרעגן און אויסדערציילן פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרצענד־ליקער...

פון איבערפולטן זאַל יאָגט אַ היץ, אַ שווייסיקע צעפּאַרעטקייט גע־מישט מיט פּערפומען, נאַפטאַלין פון די שבת־יום־טוב־אַנצוגן און סיגאַ־רעטן־רויך.

קאַרלסבאַך איז שטיין־געבליבן ביי דער טיר. קיינער האָט אים נישט באַגריסט און ער — קיינעם נישט. בלויז צוויי דאַמעלעך זענען אים אַנט־קעגן־געקומען. איינע האָט צוגעשפּילעט אַ בלימעלע צו זיין לאַץ און די צווייטע האָט אונטערגערוקט אַ טעלער מיט קליינגעלט, ווו ער האָט אַריינ־געוואָרפן אַ האַלבע לירע. איצט קוקט ער אויפן „קאָפּ־אויף־קאָפּ" פון אי־בערפולטן, טומלדיקן זאַל. אַ צעכוואַליעטקייט פון קאַפּעליושן און יאַרמל־קעס, פון געקניפּלטע נאַזטיכלעך אויף קעפּ און פון פראַנטישע פריזורן און בכבודיקע, פייערלעך־גלאַנציקע פּליכן. קיין איין פּנים איז אים, אָבער, נישט באַקאַנט. קיין איין פּנים נישט!

אמת, אַן ענלעך געפיל פלעגט ער אויך האָבן פאַר דער מלחמה, ווען

ער פלעגט זיך אַמאָל אַראָפּכאַפּן אין זיין געבורט־שטאָט. די צוואַנציק יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין וואַרשע האָבן אים אָפּגעפרעמדט פון זיין יוגנט־סביבה. אָבער דאָך פלעגט ער עמיצן דערקענען. אַנדערע פלעגן אים דער־קענען און אָפּשטעקן אַ שלום־עליכם. און איצט — אַ פרעמדער עולם! ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן גאָר אין אַ פרעמדער לאַנדסמאַנשאַפט... וואָס געהערט ער זיך דאָ אָן מיט זיי? — קיין איין באַקאַנט פּנים נישט! — — —

פלוצלונג האָט זכריה דערפילט, ווי ער וואָלט עס דערזען מיט אַ דריט אויג ערגעץ אין דער פלייצע, אַז פינקעלשטיין מאַכט עפּעס ווידער באַ־וועגונגען הינטער זיין רוקן. ער האָט זיך אומגעקערט און דערזען, אַז דער „יודאַנער" פאָכעט מיט אַ האַנט אינדערלופטן, ווי ער וואָלט עמיצן באַ־גריסט, אָדער געגעבן סמנים.

— איר כאַפּט שוין ווידער פליגן?... — האָט אים זכריה אַ פרעג געטון, ווי ער וואָלט זיך עפּעס אָריענטירט — וואָס האָבן זיך עפּעס די פליגן היינט אָנגעזעצט אויף אייך?...

— דאָס איז נישט קיין פליג, נאָר אַ שמעטערלינג... אַ באַקאַנטע יודאַנערין...

זכריה האָט געכאַפּט וווהין פינקעלשטיינס בליקן צילן און ער האָט אויך אַ ווענד־געטון זיין בליק אין יענער ריכטונג. ער האָט געזוכט, גע־זוכט און...

דער מהומהדיקער יאַרצענדליק האָט זיך געשפּאָלטן, ווי דער ים־סוף, און אינמיטן די צערוקטע כוואַליע־ווענט, איז אָנגעקומען: פּערל־ליבע!...

פּערל־ליבע... די זעלבע פּערל־ליבע... אויף קיין האָר נישט געעלטערט... פאַרקערט, זי איז נאָך שענער און ווייבלעכער געוואָרן... און דאָס היטעלע... דאַכט־זיך, דאָס זעלבע חנעוודיקע היטעלע מיטן שיטערן, לילאָוון וואָאַל ביז איבער די צעפינקלטע אויגן... ווי ערשט נעכטן וואָלט ער זי געזען... ערשט נעכטן!...

אירע צעפינקלטע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט איבער קעפּ, געזוכט און אויפגעכאַפּט פינקעלשטיינס פלאַטערנדיקע האַנט און באַלד האָבן זיך אירע בליקן באַגעגנט מיט זכריהס. דאָס איז געווען אַ בליק, אַן אינטים־היימישער און גלייכצייטיק — אַ ווייטער, ווי פון איבער ימען, ניין: ווי זיי וואָלטן אין זיין חלום אויפגעטויכט...

זכריה האָט געזען, ווי זי איז רויט געוואָרן. זי האָט זיך אַ וואַקל־געטון. די דאַמעלעך מיט די „בלימלעך" און דעם געלט־טעלער זענען איר דעם וועג פאַרלאָפן און פאַרשטעלט. זכריהן איז אומנאַטירלעך־הייס גע־וואָרן. עס האָט אים פאַרפעלט לופט צום אָטעמען. די קני פון לינקן פוס

האָט אים מאָדנע גענומען ציטערן. פון דעסטוועגן, האָט ער נאָך געהאַט גענוג כוח אַ שפּאַס צו טון צום „יודאַנער":

— דער אַרכיטעקט, האַ?... דער אָריגינעלער מאָדעל... אַ געלונגען שטיקל אַרבעט...

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט: צעריסענע משפּחות... ר' זכריה מען דאַרף...

פינקעלשטיין האָט נישט פאַרענדיקט. די דאָמעלעך האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג און פּערל־ליבע איז צוגעקומען מיט אַ דעצידירטן טראָט. צוגע־קומען און שטיין געבליבן האַרט פאַר זכריהן מיט אַ זשענירט־פאַררויטלט און פאַרשולדיקט שמייכעלע. זי איז געווען נישט־געשמינקט און נישט־געפּודערט, נאָר דער היימיש־אַנגענעמער און אינטים־באַקאַנטער אַראָמאַט פון „רעוו־דאָר"־פּערפום איז אַריינגעדרונגען אין זכריהס נאָזלעכער און אַ זועק־געטון זיין באַוווסטזיין: מאַך דיך נישט נאַריש... דאָס איז דיין ווייב!...

— זכריה!... — האָט פּערל־ליבע הייזעריקלעך אַ זאָג־געטון, מיט אַ פאַרלייגטער פלעגמע אויף די שטים־בענדער.

דער „זכריה" איז אַרויסגעקומען ווי מיט אָנגענומענעם קוראַזש און מיט אַ פאַרמעסטן־זיך אויף אַ סך מאָראַלישע, לעבנס־דערפאַרענע און קלוגע רייד צו זיין האַרץ און געוויסן. אָבער נאָכן איינעם וואָרט „זכריה", איז מער גאָרנישט נאָכגעקומען. עס האָט איר אויסגעפּעלט דער מוט, ווי דער בענזין אין אַ מאָטאָציקל און זי איז שטיין געבליבן. דאָס נישט קענען רעדן האָט איר צעמישט. דאָס איז שוין נישט געווען קיין פאַרלעגנהייט, נאָר אַ פאַרלוירנקייט. זי האָט געאָטעמט קורץ, הייס און שנעל. און די בראָשקע מיט די פייערדיקע רובינען אויף איר ברוסט, האָט זיך האַסטיק געהוידעט אַרויף־און־אַראָפּ...

— אַזוי, אַזוי, פּערל־ליבע... — האָט זכריה אַרויסגעבערענגט שאָק־לענדיק מיטן קאָפּ. אַ שאָקלען מיט ווייכער טענה, מיט פאָטערלעכן פאַר־וווּרף און מיט באַדויער צוזאַמען.

— זכריה!... — האָט פּערל־ליבע אָנגעכאַפּט זיין האַנט מיט אַ באַ־וועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט די האַנט קושן, אָדער צולייגן צו איר פלאַ־טערנדיק האַרץ. אירע אויגן זענען פול און פולער געוואָרן. — זכריה! איך וויל מיט דיר רעדן. הער מיך אויס, זכריה...

די טרערן האָבן האַסטיק אַ פליייץ־געטון איבער אירע באַקן און זי איז צוגעפאַלן מיט איר פּנים צו זיין ברוסט.

זכריהן איז ביטער געוואָרן אין דער נאָז און אויך זיינע אויגן זענען באַבעלמעט געוואָרן מיט מוטנע טרערן. ער האָט זי אָנגענומען ביי ביידע אַקסלען:

— פערללליבע... — האָט זיין שטים געציטערט — נישט דאָ... מענטשן... פערללליבע...

— דו מוזט מיך אויסהערן! דו מוזט מיך אויסהערן! — האָט פערל־ליבע געהעשעט אויף זיין ברוסט.

— גגגוט. מ׳עט רעדן. אָבער...

— איך קאָן נישט לענגער, זכריה! פאַרשטיי...

— פאַס זיך, פערללליבע... מענטשן... נו, גוט. קום אַרויס אויף דער גאַס...

אירע טריטלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט. זי האָט זיך געוואַקלט, ווי זי וואָלט פלוצלונג שוואַך געוואָרן. זי האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט און געקלאַמערט אָן זכריהס רעכטן אָרעם.

זכריהן איז אַפילו איינגעפאַלן, אַז אין אַזאַ צושטאַנד וואָלט ער גע־דאַרפט מיט איר זיך געפינען נאָענט פון אַן אַפּטייק ערגעץ. אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען אַ שוואַכקייט, אין וועלכער עס ליגט דער שטאַרקסטער ווייבלעכער כוח... זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין אָרעם. אָנגעכאַפּט, אויף נישט אָפּצולאָזן צוריק פאַר קיין שום פּרייז...

פינקעלשטיין איז אַרויס נאָך זיי און האָט זיך, פון דער ווייטנס, גע־שאַרט ביי דער וואַנט. ער איז געווען זייער גערירט פון אָט דער באַגעגע־ניש, וואָס ער אַליין האָט דערבראַכט. פון דער הויזן־קעשענע האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסע, אַ רויטע, אַ חסידישע פאַטשיילע און אַ וויש־געטון זיינע פאַרלאָפענע אויגן. נאָכדעם האָט ער אין אָט דער חסידישער פאַטשיילע, טאַקע אויף אַ חסידישן אופן, ווי נאָך אַ גוטן שמעק טאַבאַק, געשמאַק און פעסט אַריינגעשנייצט...

ער האָט נאָכגעקוקט דער געאָרעמטער פּאָר ביזן ראָג פון דער גאַס און אַ זאָג־געטון צו זיך אַליין:

— נו!... ביי קיין גט, זע איך, האַלט עס נישט... מיטן אויבערשטנס הילף וועט שוין אַלץ זיין רעכט...

## קאַפּיטל זעקס

# פּאַראַדיע...

אין קיין קאַפע האָט זכריה מיט פּערל־ליבען נישט געוואָלט אַריינגיין. זי האָט כסדר געוויינט און ער האָט זיך געשעמט פאַר מענטשן.

פּערל־ליבע האָט אים אַפּילו געפּרוווט אַרויפרופן צו זיך, אָבער זכריה האָט זיך אָפּגעטרייסלט דערפון:

— אַך, ניין! — האָט ער שאַרף אַ זאָג געטון — וואָס פאַר אַ זין האָט עס?!

ער האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן צו זיין שטאַרקער פון פּערל־ליבעס טרערן, נישט אונטערגעבן־זיך קיין סענטימענטן און נישט מאַכן קיין אי־בערגעאיילטע שריט. „פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס״! אַרויפ־גיין צו איר גאָר! עס האַלט נאָך נישט דערביי! ער וועט זיך נאָך גוט אי־בערלייגן. אַט, זאָל ער נאָר אָקאָרשט הערן, וואָס זי האָט אים צו זאָגן.

זיי זענען אַריין אין טונקעלן פּאַרק „גן־מאיר״ און זיך געזעצט אויף אַ ליידיקער באַנק אין אַ זייטיקער אַלעע.

אויך אין פּאַרק איז געווען דושנע. קיין ווינטל האָט פון ערגעץ נישט אָנגעפלאָטערט און קיין מינדסט בלעטעלע אויף קיין בוים האָט זיך נישט באַוועגט. די געדעמפּטע אַראָמאַטן האָבן זיך דאָ דעריבער געשטיקט, ווי אין אַן ענגן חלל.

זכריה האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און זיך אַוועקגעזעצט מיט אָנ־געשפּיצטע אויערן און מיט אַ וואַכן, ניכטערנעם מוח: „אַט לאָמיר אָקאָרשט הערן וואָס זי האָט צו זאָגן״.

פּערל־ליבע האָט, אָבער, מער געוויינט ווי גערעדט. זי האָט געהע־שעט מיטן פּנים אויף זיין שויס, געצוקט מיט די פּלייצעס, געשנייצט אין נאָזטיכל־אַריין און כסדר איבערגעחזרט מיט אַ פאַרכריפּעט און פאַרקאַ־טערט טענדעלע:

— אַ קאַשמאַר איז דאָס געווען! אַ וויסטער חלום!... — — —

זכריהס האַנט האָט זיך, נישט איינמאָל, אויפגעהויבן אַ גלעט צו־טון אירע צוקנדיקע אַקסלען, איר צעשויבערטן קאָפּ האָר. עס איז דאָך זיין ווייב, די מאַמע פון זיינע קינדער. זי איז דאָך אים אַזוי נאָנט געווען. וואָס קען זיין נענטער און אינטימער? ער קען דאָך זי אַזוי ווי זיך אַליין. פון קאָפּ ביז די פיס קען ער זי — דאָס גאַנצע לייב. זיינע איז זי דאָך געווען, אינגאַנצן זיינע... אָבער —

ניין! אַ צווייטער קען זי דאָך שוין אויך אַזוי ווי ער! זי איז דאָך מיט יענעם אויך אַזוי אינטים־נאָנט געווען! געלעגן אין יענעמס אָרעמס, גע־שאָנקען אים ליבע און געווען זיין ווייב!

עס האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז פון אירע האָר, פון איר פּיכטן קאַרק און פון הינטער אירע אָרעמס, פילט ער דעם גערוך פון יענעמס שווייס ,פון יענעמס תאווהדיק־הייסן אָטעם. אַלע אירע ווייבלעכע סודות־דיקע פאַרהוילנקייטן, וואָס האָבן געהערט נאָר צו אים, האָט זי פאַרעטעריש אַנטפּלעקט פאַר יענעם. „יענער“ האָט געטאָפּטשעט אין זיין וויינגאָרטן און זכריה קאָן זיך איצט נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז ער פילט „יע־נעמס“ עקלדיקע שפּורן פון איר לייב. און... —

אָנשטאָט אַראָפּצולאָזן זיין האַנט, אַ טרייסטנדיקן גלעט צו־טון פּערל־ליבעס צוקנדיקע אַקסלען, האָט ער זיך גאָר אויפגעהויבן העכער, צו די וואָנצעס זיינע, וואָס ער האָט גענומען דרייען מיט עקשנותדיקער פאַר־ביסנקייט...

און ווייל זכריה האָט, אויף פּערל־ליבעס געוויין, מיט גאָרנישט רעאַ־גירט, האָבן אירע שמאָלן אַקסלען געצוקט נאָך עלנטער.

— זכריה, אַ קאַשמאַר איז דאָס געווען! אַ וויסטער חלום! — האָט זי געשליוכצט, געהעשעט און געשנייצט אין פערפומירטן נאָזטיכל.

און זכריהן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זי זיך אַזוי אָנגעפערפומירט מיטן „רעוו־דאָר“, צו פאַרשלאָגן „יענעמס“ גערוך...

זי האָט גערעדט וועגן דעם עלנט און הפקר, אויף וועלכן ער האָט זי איבערגעלאָזט, ווען ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע. זי האָט דערציילט וועגן אירעליידן אין געטאָ און אין קאַצעט. וועגן איר איינזאַמקייט נאָך דער באַפרייונג. זי האָט אים אַרומגעזוכט, אים און די קינדער. זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלע צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד. פון קיינעם, פון קיינעם האָט זי דעם מינדעסטן גרוס נישט געקראָגן. דאַן האָט זי געטראָפן גפנין...

זי האָט נישט געזאָגט „גפני“, נאָר „אים“. זי האָט גפניס נאָמען נישט דערמאָנט. אָבער זכריה האָט גוט געוווסט, וועמען זי מיינט און וואָס דאָס הייסט ביי איר „געטראָפן“...

פּערל־ליבע איז שוין איצט געשווומען אין טרערן און אין רייד. סיי די טרערן און סיי די רייד זענען איצט געפלאָסן אָן אָפּהאַלט און אָן קאָנטראָל. זי האָט אַלץ דערציילט, אַלץ. מער וויפל מען דאַרף און מער וויפל מען מעג. זי האָט זיך מתוודה־געווען ווי אַ קינד, וואָס וויל בעסער געשמיסן־ווערן, איידער צו טראָגן די זינד אויפן געוויסן.

זכריה האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט מתוודה זיין, נישט פאַר קיין רב און נישט אַפילו פאַר גאָט אַליין, בפרט נאָך — פאַר אַ ווייב... ווו איז איר שטאָלץ? ווו איז איר ווירדע?

פּערל־ליבעס רייד האָבן איר זעלבסט אויסגעטון נאַקעט און בלויז און די נאַקעטקייט האָט געשריגן: „קוק, זע מיין בראָך און מיין שאַנד!".

און זכריה האָט געקוקט און געזען. ער האָט געזען נישט בלויז די נאַקעטקייט פון איר לייב, וואָס זי האָט אַנטבלויזט פאַר „יענעם", נאָר אויך די נאַקעטקייט פון איר נשמה. אַ פּוסטע נשמה, ווי אַ חורבה אין וועלכער עס יאָמערן קעץ, אין וועלכער עס וואָיעט און קלאָגט דער ווינט.

פּערל־ליבע האָט אויך דערציילט וועגן די קינדער, וועגן עזריאלן און לייבישן: ווי זי האָט זיי געוואָלט געווינען און זי האָט זיי פאַרלוירן. דאַכט־זיך דערוואַקסענע בחורים? — און דאָך ,קינדער... זיי האָבן דערזען דער מאַמען אין אַ צושטאַנד, וואָס האָט זיי שאָקירט, באַליידיקט און ווײ־געטון. זיי האָבן געזען דער מאַמען אין איר געפאַלנקייט און האָבן געפלאַמט פון חרפה און פאַראַכטונג. זיי האָבן איר נישט געוואָלט פאַרשטיין און נישט געקאָנט מוחל־זיין. בלוט פון איר האַרצן האָט זיך געצאַפּט, אָבער זי האָט זיי נישט געקאָנט איינבעמען און געווינען. דערצו נאָך איז „ער" אַ ברוטאַל! אַ גראָביאַן און אַ דעספּאָט! ער האָט זיך אַפילו נישט באַמיט אירע קינדער מקרב צו זיין, דער וויסטער עגאָיסט! די נשמה האָט זי זיי געוואָלט אַוועק־געבן, אָבער די קינדער זענען דאַן אַוועק און נישט געוואָלט מער וויסן פון איר. קינדער... וואָס האָט זי זיי געקאָנט זאָגן? ווי האָט זי זיך געקאָנט פאַר זיי פאַרענטפערן? וואָס האָט זי געזאָלט טון? — אים, זכריהן זאָגט זי איצט דעם גאַנצן נאַקעטן אמת. אים דערציילט זי אַלץ, אַלץ. יאָ, איצט ווייסט ער שוין אַלץ און זאָל ער איר משפּטן! אָבער איינס דאַרף ער וויסן, אַז צו „אים" וועט זי מער נישט צוריקגיין, פאַר קיין פאַל אין דער וועלט! אַפילו ווען „ער" זאָל איר צושטעלן אַ רעוואָלווער צום קאָפּ! אַפילו ווען ער, זכריה, זאָל איר פאַרשטויסן פון זיך. אויב ער וועט זי פאַרשטויסן, האָט זי נאָר איין וועג וווהין צו גיין: אין דער ערד אַריין! זי האָט אים אַלץ דערציילט, אַלץ און זאָל ער משפּטן. זי וועט יעדן פּסק זיינעם אָננעמען פאַר ליב. וועט ער איר הייסן שפּרינגען אין ים אַריין, וועט זי שפּרינגען, וועט ער איר הייסן, זיך אַראָפּוואַרפן פון אַ פערטן שטאָק, וועט זי דאָס

טון! זי האָט זיך געמוזט פאַר אים מתוודה־זיין, געמוזט. אפשר וועט ער זי דאָך וועלן פאַרשטיין און... מוחל זיין.

— זכריה, זכריה! אַ קאָשמאַר איז דאָס געווען! אַ וויסטער, פינצ־טערער חלום!

— יאָ, אַ קאָשמאַר! אַ וויסטער, פינצטערער חלום! — האָט זכריה נאָכגעזאָגט.

— און איצט משפט מיך! טו מיט מיר וואָס דו ווילסט!

— איך? וואָס בין איך? אַ שופט? אַ ריכטער?

— זיי מיין שופט, זיי מיין ריכטער! איך וועל יעדן פסק דיינעם אָננעמען פאַר ליב! זאָל איך זיך וואַרפן אין ים אַריין?!

— חלילה! וואָס זענען דאָס פאַראַ ריידן?! אַה!

— זכריה, זכריה... איז... וועסטו מיר קענען מוחל־זיין?

— איך? אַלץ וואָס דו האָסט געטון, האָסטו דאָך געטון קעגן זיך אַליין. דו מוזט זיך אַליין...

— באַשטראָפן?

— פאַרקערט. מוחל־זיין.

— איך בין עס ווערט, זכריה, איך בין עס ווערט, אָבער פייניק מיך נישט. איך בין שוין גענוג צעבראָכן! איך בין מיד און פאַרצווייפלט, זכריה. לאָז מיך נישט מער אין עלנט און אויף הפקר מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג. לאָז מיך נישט, זכריה, וואָרעם איך וועל זיך אַ מיינסע־אָנטאָן.

— דו האָסט גאָרנישט קיין סיבה דערצו, פערל־ליבע. באַרויק־זיך, נעם־זיך אין די הענט אַריין! מיט וואָס ביסטו דען הפקר? פאַרוואָס ביסטו דען עלנט? דו האָסט דאָך... און דו האָסט אַ זון... אַן אייניקל... אַ שנור וועט באַלד זיין... עס איז אַלץ דיין משפחה!...

— פאַרשטויס מיך נישט פון זיך, זכריה, פאַרשטויס מיך נישט פון זיך! — האָט זיך פערל־ליבע ווידער צעהעשעט, איינגיורענדיק דאָס פנים אויף זיין שויס.

זכריה האָט ווידער אויפגעהויבן די האַנט און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַ גלעט צו טון איר צוקנדיקן אַקסל, איר צעשויבערטן קאָפּ.

אין שויס, ווו זי האָט אים אַריינגעכליפּעט און אַריינגעהעשעט, איז אים מאָדנע הייס געוואָרן. עס האָט אים דאָרט געבריט, ווי אירע טרערן און גאַנצער וואָלטן זיך דורך זיינע קליידער דורכגעזאָפּט און אַדורכגעדרונ־גען ביזן לייב. די היץ האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ־אַריין. ער האָט אַזש געסאָפּעט און געבלאָזן פון זיך, ווי אַ צעגאַלאָפּירט, צעפּאַרעט פערד. עך, ווען דאָס וואָלט נישט זיין ווייב אַזוי געלעגן אויף זיין שויס, אין דעם טונקעלן, פוסטן פאַרק, נאָר אַן אַנדערע, אַ פרעמדע, פאַר וועלכער ער האָט

אַפילו קיין סענטימענטן נישט!... אָבער דאָס איז דאָך פּערל־ליבע... — האָט ער געבלאָזן פון זיך די הייך־כוואַליעס, וואָס זענען אים געקומען פון שויס אין קאָפּ אַריין און געקעמפט סיי מיט די סענטימענטן און סיי מיטן יצר־הרע.

— זכריה, זכריה... — האָט זיך פּערל־ליבע געבעטן — שווייג נישט אַזוי אומברחמנותדיק. רעד אַ וואָרט... זאָג עפּעס, זכריה...

— נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פּערל־ליבע?

— האָסט פאַר מיר קיין איין גוט וואָרט נישט.

— זיי נישט אַזוי געפאַלן ביי זיך. נעם זיך אין די הענט אַריין. ביסט דאָך אַ פרייער מעטש, פּערל־ליבע, אַ יונגע פרוי. וווינסט אין תל־אביב. וואָס פעלט דיר? וואָס ביסטו אַזוי צעבראָכן?

— איך דאַרף אַ ביסל טרייסט... זאָג מיר אַ וואָרט... דו האָסט מיך, האַ? דו פאַראַכטסט מיך?

— חלילה! וואָס עפּעס פאַראַכטונג? וואָס עפּעס האַס?

— איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט מיך וועלן פאַרשטיין...

— איך פאַרשטיי.

— און?...

— איך האָב צו דיר גאָרנישט, פּערל־ליבע... איך בין דיר אַ גוטער פריינט... איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס! מיר האָבן אַ זון... ער גייט חתונה־האָבן מיט עזריאלס... מיט אילנהן... אַן אייניקל... עזריאלקע..

— און דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן, זכריה?...

— אַלץ?... איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט.

— באַדענק זיך נאָך, זכריה... אפשר... אפשר וועלן מיר דאָך... ווידער פּרווון אויפבויען אונדזער חרובע היים?... דער שטורעם איז אַריבער, זכריה. אַלע פאַרהיילן זייערע וווּנדן און אַלע בויען־אָפּ זייערע חרובע היימען... מיר זענען ביידע געווען אין גיהנום, ביידע! שוין אָפּגעקומען פאַר אַלע זינד! גענוג געשטראָפט געוואָרן, גענוג צעבראָכן געוואָרן, גענוג זיך אַנגעוואַלגערט. מיר זענען דאָך ביידע עלנט. וואָס ווערט פון אונדז ביידן באַזונדער ווערן? זכריה, זכריה... פּרווו, פאַרנעם... פּרווו מוחל זיין... פּרווו אפשר אָנהייבן פון דאָס ניי...

— איך האָב מורא, פּערל־ליבע, אַז עס וועט שוין נישט זיין דאָס... דאָס וואָס געווען... עס וועט זיין אַ פּאַראַדיע... יאָ, אַ פּאַראַדיע אויף אונדזער אַמאָליקן לעבן... און איך, ווייסטו דאָך, האָב ליב פּאַראָדיעס איבער יענעם... נישט איבער זיך...

— זכריה! נישט קיין פּאַראָדיע! איך האָב דיך ליב, זכריה, ווי איך האָב דיך גאָר קיינמאָל אַזוי נישט ליב געהאַט!... איך האָב דיך דאַן אַזוי

נישט אָפּגעשאַצט... איך האָב נאָך דאַן אַזוי דאָס לעבן נישט פאַרשטאַנען... אין גיהנום האָב איך זיך איבערגעשמאָלצן, געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע...

— אַן אַנדערע... און איך האָב ליב געהאַט דווקא יענע...

— ניין, זכריה. יענע איז געווען אַ נאַרישע גאַנדז, אַן עגאָיסטקע, אַ פּוסטער קאָפּ! אָבער איצט... עס וועט זיין אַ סך בעסער ווי געווען... אַ סך שענער... זכריה...

— וואָס טוט מען, אָבער, מיטן זכרון?... איי, פּערל־ליבע, פּערל־ליבע!...

— אַ זכרון דאַרף מען אויך אויסהיילן. מיט אַ שיין, אנגענעם לעבן קען מען אַ זכרון אויסהיילן... און צווייטנס: אַ שלעכטער מענטש געדענקט נאָר דאָס שלעכטע... און דו ביסט דאָך קיין שלעכטער קיינמאָל נישט געווען... איז... זאָג מיר נישט אָפּ, זכריה... איל זיך נישט מיט קיין בעגאַטיוון ענטפער... באַטראַכט־זיך...

— גוט, פּערל־ליבע. איך האָב אַלץ געהערט. עס איז אַלץ געשען צו־פּלוצלונג פאַר מיר, צו־האַסטיק. לאָז עס איבער אויף אַ שטיקל צייט. זאָל זיך עס איבערקאָכן. ביסט גערעכט: מען דאַרף זיך נישט איילן מיט קיין באַשלוס אין אַזעלכע פאַלן... איך וועל טראַכטן דערוועגן. מ׳עט זען... און דו, זע זיך דערווייל מיט לייבישן ,באַזוך פון צייט צו צייט אילנהן מיטן קינד... האָב דערווייל נחת פון זיי... און פיל זיך נישט עלנט...

— איך האָב זיי שוין געזען און וועל זיי ווייטער זען. אָבער... ווי אַ בעטלערן קום איך צו זיי. מיר דוכט־זיך, אַז זיי קוקן אויף מיר פון אויבן־אַראָפּ... מיט רחמנות און מיט... איך ווייס, אַזוי וועלן זיי קוקן אויף מיר די גאַנצע צייט, כל־זמן...

— דו רעדסט זיך איין, פּערל־ליבע... נאַרישקייטן!... וואָס איז דאָס פאַר אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל? אַ קאָמפּלעקס! אָט פון דעם באַפריי־זיך און הייל זיך־אויס!... פון אויבן אַראָפּ, גאָר!... פאַרקערט: לייביש איז געוואָרן אַ מענטש, קיין עין־הרע!... אַ בר־דעת!... אַ מאַנצפּערשוין!... מען קען שוין מיט אים רעדן!... און אילנה קומט אויך נישט פון קיין גן־עדן... זי האָט אויך קיין האָניק נישט געלעקט. דו זיי גוט צו זיי און זיי וועלן זיין גוט צו דיר...

— און דו?...

— מירן נאָך זען, פּערל־ליבע, מירן נאָך זען...

זכריה האָט גערעדט מיט אַזאַ האַרציקער אויפריכטיקייט, אַז פּערל־ליבע האָט זיך דערפילט נישט בלויז געטרייסט, נאָר פול מיט האָפענונג. זי האָט אַזש אָנגעכאַפּט זיינעביידע הענט און זיי געגומען קושן.

— אוי, וואָס טוסטו? מען דאַרף נישט... פּערל־ליבע, דו ביסט דאָך אַ פרוי!...

— זכריה, זכריה... איך האָב דיך קיינמאָל נישט דערשאַצט... איך בין קיינמאָל דיין גוטסקייט נישט ווערט געווען... אַרויפקוקן דאַרף איך צו דיר! יאָ, אַרויפקוקן!...

— נו־נו... איך בין נישט קיין מלאך.

— ביסט!... ביסט!... — האָט זי געקלאַמערט זיינע הענט אין אירע

— און וועגן זיך... האָסטו גאָרנישט דערציילט...

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? געבראַכט מאַשינען. איך שטעל אויף אַ דרוקעריי.

— דאָס ווייס איך... און ווי פילסטו זיך? וואָס מאַכסטו? ווי לעבסטו?...

— אַזוי... זעסט דאָך... מען לעבט...

— זעסט אויס, קיין עין־הרע, נאָך שענער ווי געווען... ווער פּאַסט־אויף אויף דיר? ווער קאָכט איידך? ווער פרעסט־אויס אַ העמד?...

— עט, נאַרישקייטן! מען גיט זיך אַן עצה. די מלחמה־יאָרן האָבן אַלץ אויסגעלערנט!

— איך שטעל זיך פאָר, ווי אייער באַלעבאַטישקייט זעט דאָרט אויס...

— פּאָ קאָוואַלערסקו!... (בחורישמעסיק...). אָבער נישט געפּערלעך...

— עס איז אָפּגעקומען... וועגעטירט... עס איז נישט געלעבט.

— מילא, מאָ!...

עס האָט אַ בלאָז־געטון אַ קיל ווינטל. פּערל־ליבע האָט אויפגעשווי־דערט. זכריה האָט אַ קוק־געטון אויפן זייגער און געזען, אַז עס איז שפּעט. ער וועט באַלד פאַרלירן דעם לעצטן אויטאָבוס קיין דזשעבעליאַ. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק. פּערל־ליבע האָט אָנגעטאָן דאָס היטעלע מיטן וואָאַל איבער די אויגן. זכריה האָט אַ גלעט־געטון זיינע צעקנייטשטע הויזן און פאַרריכערט אַ סיגאַרעט. זי האָט זיך ווידער אָנגעהאָנגען אָן זיין אָרעם און זיי זענען אַרויס פון פוסטן פּאַרק.

— וועסט מיך באַגלייטן?... — האָט פּערל־ליבע געפרעגט אומדרייסט.

— ווינסט ווייט?

— נישט גאָר...

פּערל־ליבע האָט געשמייכלט דורכן וואָאַל מיט פאַררויטלטע אויגן. זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. פון צייט צו צייט האָט זי אָפּגעזיפצט, אָדער אָפּגעשלוכצט מיט דערלייכטערונג. זכריה האָט גערויכערט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן.

— רויכערסט צופיל...

— דער טייוול וועט מיך נישט נעמען.

— רעד נישט אַזוי...

פּערל־ליבע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ניי הויז מיט פרישע „מאָר־קיזן" איבער די טעראַסן. אויף איין טעראַסע אַזאַ האָט זי אָנגעוויזן:

— דאָ וווין איך...

— גאַנץ פיין.

— האָסט נאָך אַן אויטאָבוס?

— איך ווייס נישט, צי איך וועל נאָך באַווייזן.

— און אפשר?...

זכריה האָט פאַרשטאַנען דעם „אפשר" און אָפּגעהאַקט:

— אַ גוטע נאַכט, פּערל־ליבע.

— און ווען וועל איך דיך זען?

— ווען? כ'ווייס? אויף לייבישעס קאָנצערט אין „אהל־שם" וועסטו דאָך איבערמאָרגן זיין?

— זיכער! אָט האָב איך זיין איינלאַדונג... לייביש אַן אַרטיסט!... האָסטו דאָס געגלויבט?... וועט שטיין אויף דער בינע פון „אהל־שם"!... אַך, גאָט מיינער!...

— יאָ, יאָ... נו, גוט. וועלן מיר זיך זען... אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, זכריה... גיי געזונטערהייט... — האָט זי אים גע־וווּנטשן, נישט־מאַכנדיק די מינדעסטע באַוועגונג אַוועקצוגיין.

דערביי האָט זי זיך דערמאָנט זייער חתן־כלה־צייט. יענע אָוונטן, ווען ער פלעגט זי באַגלייטן אַהיים פון אַ קינאָ, פון אַ טעאַטער, פון אַ קאָפע אָדער פאַרוויילונג. אויך דאַן פלעגן זיי אַזוי שטיין פאַרן הויז. נאָר דאַן פלעגט נישט זי, נאָר ער פרעגן: „ווען וועל איך דיך ווידער זען?"...

— נו, וואָס־זשע שטייסטו? גיי אַרויף.

— איך וויל נאָך שטיין אַ ביסל אינדרויסן...

— אָבער איך מוז זיך,ליידער, איילן.

— נו, שטער דיר נישט...

עס איז אים פיינלעך געווען אַוועקצוגיין און לאָזן זי אין דרויסן. אָבער נישט־ווינציקער פיינלעך איז אים געווען מיט איר פאַרן הויז, ווי אַ גימנאַזיסטל מיט אַ גימנאַזיסטקע, אָדער ווי אַ זעלנער מיט אַ דינסט־מויד. זיי פירן דען אַ ליבע, וואָס?...

ער האָט צום דריטן מאָל געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט" און זיך געלאָזן גיין. פּערל־ליבע איז שטיין־געבליבן אויפן זעלבן פּלאַץ און אים נאָכגע־קוקט. זכריה האָט לאַנג געפילט איר בליק אויף זיך. עס האָט אים געבריט אין קאַרק און אַ לייכט שווייסל האָט אים דאָרט געקיצלט. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט אַ קוק־טון צי זי שטייט נאָך, ער האָט זיך אָבער נישט

אומגעקוקט. עקשנות איז שטאַרקער ווי אייזן. ער האָט געשפּאַנט מיט אייליקע טריט. אויפן וועג איז אים אונטערגעקומען אַ „שרות" (אַ טאַקסי וואָס נעמט־אויף עטלעכע פּאַסאַזשירן) צו דער „תחנה מרכזית". אַ דאַנק דעם, האָט ער נאָך באַוויזן צו כאַפּן דעם לעצטן אויטאָבוס קיין דזשעבעליאַ. דער אויטאָ איז געווען האַלב־ליידיק. ער האָט פאַרנומען אַ באַקוועמען זיץ־פּלאַץ און זיך אַ רייב־געטון דעם שטערן:

„אפשר ווידער פּרווון אויפבויען אונדזער חרובע היים?"... — האָט ער נאָכגעטראַכט פּערל־ליבעס ווערטער — פּרווון מוחל־זיין און אָנהייבן פון דאָס ניי?... פאַרגעסן אַלץ וואָס איז געווען"...

„מוחל־זיין... איך בין איר מוחל! וואָרעם עס איז דאָך טאַקע געווען אַ גיהנום־קאָשמאַר, אַ בייזער חלום! אָבער ווי פאַרגעסט מען? ווי ווישט מען אַלץ אָפּ פון זכרון? ניין, זכרון איז דאָך נישט קיין קרענק, וואָס מען קען עס אויסהיילן...

„אָט האָב איך דאָך אויף קיין איין מינוט נישט געקאָנט פאַרגעסן אָן „אים"... זיין שוייס, זיין הויך האָב איך דאָך געפילט פון אירע האָר, פון איר האַלדז־און־נאַקן... און ווען איך וועל נאָר צוגיין צו איר, וועל איך דאָך דאָס זעלבע פילן... תמיד געדענקען אָן „אים"! אין די אינטימסטע מינוטן, נישט־ווילנדיק, וועל איך „אים" אינזינען האָבן! „ער" איז מיט איר אויך אַזוי געווען...

„טהרת־המשפּחה, הייליקייט און ריינקייט פון פאַמיליע־לעבן"... מאַן און ווייב זענען איין זעל און איין לעב"... — ווי פאַלש דאָס וועט זיין! מען קען דאָך דעם באַוווסטזיין נישט אָפּנאַרן. ווי קאָן עס שוין זיין הייליק און ריין, ווען „ער" קען אַלע אירע אינטימקייטן?! דעם אַראָמאַט און דעם פיבער פון איר לייב?

„אַ וויינגאָרטן האָב איך געהאַט, אַ שמעקנדיקן און אַ זאַפטיקן. האָט זיך אַ חזיר אין אים אַריינגעכאַפּט, געטאָפּטשעט און פאַראומריייניקט!..."

זכריה האָט זיך דערמאָנט אָן פינקעלשטיינס ווערטער, ווי דער האַר־ציקער „יודאַנער" האָט, פאַר שלום־בית, ביטולדיק צונישט־געמאַכט זיינע אַרגומענטן:

— איז, שמיז, דריז!... — האָט ער זכריהן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — לא יזכר ולא יפקד! געווען אַ פינצטערער חלום! זי האָט אייך נאָך ליבער ווי די היינטיקע געטרייע ווייבעלעך, וועלכע פאַראַטן אויף טריט און שריט זייערע מענער! און חסידישע ווייבלעך היטן היינט וואַזשנע טהרת־המשפחה! גייט שוין, גייט!... איר זענט נעכטן ערשט אַכצן יאָר גע־וואָרן? און ווען איר נעמט אַן אלמנה אָדער אַ גרושה?... און די פּאַניעטשקאַ, מיינט איר, איז אַ בתולה?... נישטאָ היינט קיין צנועות, נישטאָ! און זי איז

איך נאָך אַלץ געטרייער ווי... ניין! ניטאָ עפּעס געטרייערס ווי אַן ערשטע פרוי!

„אַ טייערער יודאַנער!... אַ קלוג יודאַנערל... און ער איז דאָך גערעכט, דער יודאַנער... קיין אַכצן־יעריק מיידל וועט דאָך מיך נישט נעמען... מיט וואָס איז פערל־ליבע ערגער פון אַ גרושה, אָדער פון אַן אלמנה? און וואָס ווייסט מען היינט בכלל וועגן אַ גערעדטן שידוך? וועגן איר פאַרגאַנגענהייט? און אַפילו וועגן דער קעגנוואַרט?... ווייניק זיך אָנגעהערט וועגן די היגע ווייבעלעך, וועלכע פאָרן אַרויס אויף דאַטשע קיין טבריה?... פערל־ליבע דערעקגן, וועט דאָך אַזוי נישט זיין. אויף יעדן געשלאָגענעם הונט ציטערט דאָך די פעל... ניין, זי האָט מיך טאַקע ליב און עס איז טאַקע נישטאָ עפּעס געטרייערס ווי אַן ערשטע פרוי. אַ מלחמה, אַ מהומה געווען! אַ פינצטער־ער חלום! וואָס איז זי שולדיק? זי לעבט דאָך נאָך היינט אין אַ קאָשמאַר!

„איז אפשר טאַקע אַ מאַך־טון אויף אַלץ מיט דער האַנט און פרווון אָנהייבן פון דאָס ניי? אויפבויען צוריק די חרובע היים?...״.

אָבער זכריה דערמאָנט זיך ווידער אָן „אים״ און זיין פּנים פאַרקרימט זיך:

„עס וועט דאָך שוין, אָבער, פאַרט נישט זיין מער דאָס, וואָס איז געווען... אַ פאַראַדיז וועט עס זיין. אַ פאַראַדיז אויף אַ מענטשלעך פאַמי־ליענלעבן... אַ פאַראַדיז אויף פאַמיליענגליק... יאָ, נאָר אַ פאַראַדיז!

„און צוריק־גערעדט... — הייבט זכריה אָן צו פילאָזאָפירן — איז דען נישט אַלץ אַ פאַראַדיז?... דאָס גאַנצע נאָכן־חורבן־לעבן פון דער שארית־הפליטה איז אַ פאַראַדיז אויף לעבן... דער היינטיקער מסחר איז אַ פאַ־ראַדיז און די היינטיקע מאָראַל איז אַ פאַראַדיז... אָט בין איך היינט גע־ווען אויף אַן אזכרה־אָוונט, — איז דאָס נישט געווען קיין פאַראַדיז?... און די בלייכע פאַרווילונגען, אויף וועלכע מען מאַכט־זיך קוראַזש און מען לאַכט מיט געקינצלטע געלעכטערלעך?... — פאַראַדיז!... אַזוי איז מיט דער היינטיקער פרומקייט, מיט דער פּאָליטיק, מיט פריינטשאַפט, מיט ליבע און מיט אידעאַליזם: פאַראַדיז!...

„נאָר וואָס דען? — מען נאַרט זיך אַליין. אַז מען וויל היינט לעבן און נישט אַריינפאַלן אין קיין מרה־שחורה, מוז מען נאַרן זיך אַליין! איך מוז זיך איינרעדן, אַז סיי פערל־ליבע און סיי איך זענען די זעלבע פון אַמאָל, אַז מיר לעבן נישט היינט אין קיין צווייטן גלגול!... אַז דאָס איז עס, דאָס אמתע, דאָס עכטע, אַז עס איז נישט קיין פאַראַדיז!...״.

**
*

צוקומענעדיק צום אייזערנעם טויער פון זיין ווילע, האָט זכריה אַ קלאַפּ־געטון אין האַרץ עפּעס איז דאָרט צו־רוישיק, צו־ליכטיק און צו־פריילעך. וואָס איז דאָרט שוין ווידער געשען?

זינט דער טיוול, איז דער געשטאַלט פון טשיזשיקן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין הויז, האָט שוין זכריה דאָ מער קיין רו נישט געהאַט. בלויז פון דעם טראַסקען מיט די טירן און פון דעם זעצן מיט די באַטשוועקעוועטע זעלנער־שיך אָן די שטיינערנע באַלאַטן פון דער פּאָדלאָגע, סיי פאַרטאָג און סיי ביינאַכט, האָט זכריה אָנגעהויבן ליידן אויף מיגרענע. גאַנצע טעג גייט ער אַרום מיט אַ קאָפּ־ווייטיק און שלינגט „פּיראַמידאָן"־פּאַסטילקעס. אין גאַס, צווישן מענטשן, האַלט ער זיך נאָך, פּילט־זיך ווי אַ מענטש. ער איז פאַרטון מיט זיינע געשעפטן און פאַר־געסט אָן טשיזשיקן. נאָר ווען ער קומט אַהיים, גיט אים אַ זבענק אין האַרצן, ער גייט אַריין צו זיך אין שטוב מיט אַ געמיט — ווי אין אַן אינקוויזיציע־הויז. ער איז דאָ תמיד אויסגעשטעלט אויף פאַרשיידענע „סיורפּריזן", אויף פלוצלונגדיקע שגעון־אָנפאַלן, גראָבקייטן און צו־להכעיסן מצד טשיזשיקן און רעניען. זיי האַלטן אין איין פּראָוואָצירן צו אַ סקאַנדאַל. זכריה, אָבער, דריקט אין זיך און שווייגט.

רעניאַ האָט זיך, מיט איר באַלעבאַטישקייט, צעשפּרייט איבער דער גאַנצער קיך. זכריה האָט שוין נישט אַפילו ווו אַ גלאָז טיי אויפצוקאָכן. ער מוז שטענדיק איבערוואַרטן ביז זיי גייען אַוועק, אָדער לייגן־זיך פּאָפּן. טשי־זשיק מאַכט זיינע עקספּאַנסיעס וואָס אַ טאָג — ווייטער און ברייטער. אין באָד־צימער האָט ער אָנגעשטעלט אַ האַלב טוץ גומענע אויטאָ־רעדער און עטלעכע בלעכן מיט נאַפט, פאַרב און שמירעכץ. עס שטינקט און עס איז נישטאָ דאָרט ווו זיך אויסצודרייען. אין דורכגאַנגס־האָל האָט ער אָנגעשטעלט פאַרשיידענע גראַטעס, זעק און קעסטלעך. אומעטום איז אָנגעשמוצט און אָנגעגאָסן. אין באַקוועמלעכקייטס־צימערל איז עס נישט אַריינצוגיין. עס איז קיינמאָל אַפילו דאָס וואַסער נישט אַראָפּגעלאָזן. עס קלינגט, עס הילכט, עס טראַסקעט. זכריה שאַרט זיך דאָ שטיל און פאָרזיכטיק, ווי צווישן לייבן־שטייגן. ניין, אין אַ דינאַמיט־סקלאַד געפינט ער זיך און יעדע מינוט קען עס אויפרייסן.

אַפילו זיידמאַן האָט שוין אויפגעהערט אַריינצוקומען אויף אַ גלעזל טיי. אים איז שוין ליבער, זאָגט ער, זיין רומענער באַלעגאָלע מיטן שטו־ביקן פערד.

זכריה האָט שוין לאַנג באַשלאָסן, אין דעם גיהנום נישט צו בלייבן. ווי נאָר לייביש וועט חתונה־האָבן און אַריבער אין זיין נייעם שיכון, וועט ער זיך אויך אַ זוך־טון אַ דירה אין תל־אביב. יאָ, נישטאָ דאָס שלעכטע וואָס זאָל נישט אויסגיין צום גוטן: דער גיהנום דאָ וועט אים פאַרטרייבן פון דעם דזשעבעליאַנער העק און ער וועט ווידער וווינען אין אַ שטאָט, צווישן מענטשן. לייבישעס שיכון דאַרף פאַרטיק ווערן אין אַ צוויי וואָכן

אַרום. די אַרבעט גייט דאָרט מיט אַ טעמפּאָ. און ווי נאָר זכריה וועט לאָזן אין גאַנג די דרוקעריי, דאַן...

טשיזשיק מיינט דאָך, אַז ער וועט אים אַרויסשטויסן און ירשענען... צונעמען די גאַנצע ווילע בלי־כלום... — ער מאַכט אַ שלעכטן חשבון!... זכריה קאַרלסבאַד וועט אים נאָך ווייזן וואָס ער קאָן!... ער האָט דאָך דעם קאָנטראַקט אויף דער גאַנצער דירה מיט דער קיך. ער איז באַלעבאָס! טשיזשיק און רעניאַ וועלן נאָך ביידע האָבן פון אים צו זינגען און צו זאָגן... ווען ער וועט אַוועק, וועט ער זיי דאָ איבערלאָזן אַזאַ גיהנום, אַז זיי ביידע וועלן אויך מוזן אַנטלויפן פון דאַנען. נישט אים און נישט זיי!... נאָך אַ פּאָר וואָכן... ער מוז דערווייל צולײַדן און ליגן שטיל ווי אַ לעמעלע. דערפאַר וועט ער זיי שפּעטער ווייזן די ציין פון אַ לייב!...

ער איז אַרײַן אין שטוב. די טיר פון טשיזשיקס צימער איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט. אַ בגילופמדיקע געזעלשאַפט איז דאָרט געווען ענג צעזעצט אַרום אַ לאַנגן טיש. עס האָט געקלונגען געשיר און געהילכט געלעכטער. עס האָט געזעצט פון דאָרט אַ פּאַרע, אַן אָנגערויכערטקייט און אַן אַלקאָהאָלגערוך.

מיט איין בליק האָט זכריה באַוויזן אַרומצונעמען די גאַנצע „נעטע געזעלשאַפט"... טשיזשיק איז געזעסן אויבנאָן מיט רעניאַן אויף דער שויס. ביידע זענען זיי געווען אויסגעשטראָנצלט ווי „חוהלע צום גט"... נאָך אַ פינף מענער מיט טשיזשיק־פּנימער און רויטע קראַוואַטן, מיט פּריזורן פון סאָוועטישע קאָמיסאַרן, וואָס פאַרענדיקט־זיך מיט אַ שאַרפן קאַנט אויף די רויטע ,פּעסטע, אָפּראַזירטע קאַרקן, זענען געזעסן מיט צעשפּרייטע, באַשטיוולטע פיס און געהויבן צו חתן־כלה זייערע כוסות. אין איין האַנט אַ כוס און אין דער צווייטער — אַ קוויטשיקע „דאַמע"... אויבער אַ צוויי אומבאַקאַנטע, זענען די איבעריקע „דאַמען" אַלע רעניעס חברטעס, די „צניעותדיקע טעכטערלעך פון לוט"... אַפילו דער מאַנצפּערשוינישער רויטער מרימען האַלט פּעסט אַרום ביי דער טאַליע, ווי אַ טייערע מציאה, אַ באַשטיוולטער יונג מיט אַ רויטן קראַוואַט...

ביי זכריהס אַרײַנקומען, איז אַ סעקונדע שטיל געוואָרן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו אים. און ווי ער וואָלט געהאַט אַן אויסטערליש־קאָמישן אויסזען, — האָבן באַלד אַלע אַרויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן קאַזאַרמעגעלעכטער.

זכריה איז אַרײַן צו זיך אין צימער און נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. לייביש איז נישט געווען. ווו קען ער דאָס זיין אַזוי שפּעט? — אַהאַ... — האָט זיך זכריה דערמאָנט — ער האָט דאָך עפּעס געזאָגט וועגן אַן אוידיציע אין ראַדיאָ... נישט פאַרשפּעטיקט? — האָט ער אַ קוק געטון אויפן זיי־

גער — נייִן. באַלד דאַרף עס טאַקע זײַן. אינטערעסאַנט צו הערן לײַביש־לען דורך ראַדיאָ... אַ שאָד וואָס עס גיט נישט אים „קאַרלסבאַד״! „ליאָוואַ באַך״ האָט ער זיך גאָר אַ נאָמען געגעבן! מיט וואָס קלינגט דער „באַך״ שענער פון „קאַרלסבאַד״? — באַך, טראַך, מאַך... אויך מיר אַ נאָמען!... מען קען מיינען: בויך... מילא, נו...

זכריה האָט עטוואָס געפּפנט דאָס קנעפּל פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אַ סאַב־ריש פרויען־שטימעלע האָט גערעדט אַ געדיכטן ספרדית מיט אַ סך אַראַביש־גאַרגלדיקע „כ״אָפן... ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט און עס איז נישט געווען מעגלעך צו הערן אויך. וואָרעם די שטוב האָט געהילכט פון „לחיים!״, „פּראָזיט!״, „פאַרן גליק פון יונגן פּאָר!״, „סטאָ ליאַט״, „אייער לייבענס־וועג זאָל אַאַך זאַאַן מיט בלימען אונד רויזן באַשפּרייט!״ און מיט „לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם כאָסן־קאַלע קאַבל פּאַאָאָנעם זאַאַן!״...

נאָכדעם איז אָוועק אַ „קאָנצערט״ פון אַזאַ סאָרט לידער־רעפּערטואַר: „אין פּאָוויאַק ביי די קראַטן״, „וועלוול קאַנאַריק גייט אַרום אין מאַריק״, „איך וועל שוין מער נישט גנבענען״, „אַ מויד אַ צימעס״, „כאַפּ אַריין ברי־דער״ און „איך וויל זיך האָטשקען״...

און אַז עס איז שוין געקומען צום „איך וויל זיך האָטשקען״, האָבן זיך אַלע ראַפּטום אויפגעשטעלט און אַוועקגערוקט די טישן מיט די שטולן אַן אַ זייט:

— טאַנצן! טאַנצן!...

— אַ טענצעלע!...

— אָנשטעלן טאַנץ־מוזיק!

די פּאָרלעך האָבן זיך באַצייטנס אַרומגענומען און רעניאַ האָט אַ דריי־געטון דעם ראַדיאָ. אָבער אָנשטאָט אַ „רומבאַ״ אָדער אַ „סאַמבאַ״, איז געקומען אַ מעלדונג:

— און איצט וועט איר הערן אייניקע לידער פון דעם יונגן און באַ־ליבטן שטערן פון דער ישראל־עסטראַדע: ליאָוואַ באַך.

— האַ?! — האָט רעניאַ אַ קוויטש געטון און איז שטיין געבליבן אַ בלייכע, אַ פאַרגליווערטע מיט ברייט־צעפראַלטע מויל און אויגן.

פון רעניאַס קוויטש האָט די גאַנצע געזעלשאַפט איינגענומען אַ שטו־מעניש. זיי האָבן זי אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געוואָרגן מיט אַ פיש־ביינדל. באַלד האָט זיך דערהערט לײַבישעס אַנגענעם טענאָרל. ער האָט געזונגען אַ פּלמ״ח־ליד און זיך באַגלייט אויף זיין אַקאָרדעאָן. איבער רע־ניעס בלייך־פאַרגליווערטע באַקן האָבן גענומען פלייצן זילבערנע שטראָ־מלעך טרערן.

— וואָס איז מיט דיר?

— רעניאַ?

— וואָס איז געשען?

— טרערן גאָר?!

— פאַרוואָס?! — האָבן איר די געסט אַרומגערינגלט דערשראָקענע.

בלויז טשיזשיק האָט נישט געפרעגט „פאַרוואָס?". ער האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, דעם „פאַרוואָס"... נישט אַראָפּנעמענדיק זיינע גזלנישע בליקן פון רעניען, האָט ער אַ ריטשע־געטון ווי אַ חיה:

— נעמט מיר אַוועק דעם כניאַק! פאַרשטאָפּט אים דעם פּיסק, דעם קרייענדיקן האָן!

און נישט־וואָרטנדיק, אַז עמיץ אַנדערש זאָל דעם „כניאַק" פאַרשטאָפּן דעם פּיסק, איז ער אַליין צוגעלאָפן צום ראַדיאָ און אים אויסגעלאָשן. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּראָוואָצירנדיקער פּאָזע אַנטקעגן רע־ניען און, קוקנדיק איר שאַרף אין די אויגן־אַריין, האָט ער געציילט די ווערטער:

— אפשר האָסטו חרטה, האַ? ביזט נאָך אַלץ פאַרליאַפּעט אין דיין כניאַק? קיין חופּה־נאַכט איז נאָך נישט געווען!... דיין אוצר, וואָס דו האָסט נישט געהאַט, האָב איך דיר נישט צוגענומען... אויב דו האָסט זיך פאַר־בענקט צו דיין שמענטילעגנטן ראָצער, קענסטו גיין!

— ניי־יי־יי־ן! — האָט רעניאַ היסטעריש אויסגעשריִען, אַרומכאַפּנדיק טשיזשיקן און קושנדיק אים אין זיין צעשפּאָלטענעם, פאַרשוויצטן פליך — זאָל ער זיין דיין כפּרה, דער קרייענדיקער האָן!!!

טשיזשיקס גזלנישער פּנים האָט זיך צעשמייכלט:

— כ'האָב געמיינט... טרינקט, חברה!... — האָט ער אויסגערופן פייער־לעך צו דער ערנסט־געוואָרענער געזעלשאַפט — עס וועט שוין היינט יאָ זיין אַ חופּה־נאַכט!...

— מען קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן!... האָט עמיץ געענטפערט און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

פון פלאַש־העלדזער האָט עס געגומען בולבול־בול־בען. גלעזער האָבן זיך צעקלונגען.

— לחיים!...

אַזוי אַז טשיזשיק האָט אויסגעטרונקען, איז זיין רויט, גזלניש פּנים געוואָרן יינגלש־שטיפעריש:

— קוקעריקו־ו־ו־ו!... האָט ער זיך צעקרייט ווי אַ האָן. — געהערט אַ געזאַנג?... ווי קומט אַזאַ כניאַק צום ראַדיאָ?... קוקעריקו־ו־ו־ו!...

— לחיים! — האָט רעניאַ אַ כאַפּ־געטון אַ פול גלאָז בראָנפן, אויס־

זופנדיק עס מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און מיט איין שלונג, ווי אַ מאַנצ־פערשוין.

זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אָבער גאָרנישט פאַרביסן. אַ רגע איז זי געשטאַנען מיט דער גלאָז אין דער האַנט און מיט בייזע בליצעלעך אין די אויגן. באַלד האָט זי די ליידיקע גלאָז אַ הויב־געטון און אַ שליידער־געטון אין האַל־אַריין, צו זכריהס טיר, ווו עס האָט זיך צעבראָזגעט אויף פּיץ־פּיצלעך.

— הורררראַאַאַ!!! — האָט די געזעלשאַפט אַ הילך־געטון באַגייסטערט.

און באַלד האָבן אַלע נאָכגעטון רעניעס ביישפּיל: אויסגעזופט די גלעזער בראָנפן „פראָזיט!" און געשליידערט, איינער נאָכן אַנדערן, צו זכריהס טיר.

זכריה איז אויפגעשפּרונגען אַ צעשראָקענער פון דעם פּלוצלונגדיקן גלעזערנעם האָגל און פון דעם געבראָזג און געשפּריץ פון די צעבראָכענע כוסות. מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער האָט ער זיך געשאַרט צו דער טיר הינטערוויילעכץ, אַז די גלאָז־שפּליטערן זאָלן אים נישט טרעפן אין פּנים, אין די אויגן. ער האָט פאַרמאַכט די טיר און איבערגעדרייט דעם שלאָס.

ער האָט געוווּסט, אַז די טיר וועלן זיי נישט ברעכן. אויף דעם זענען זיי נאָך צו־ניכטער...

און אַז די שרעק איז אים אַריבער, האָט ער, אַנשטאָט פאַרדרוס, גע־האַט גאָר אַ געוואַלדיקע הנאה... רעניאַס טרערן האָבן אים באַלוינט פאַר אַ סך, אַ סך עגמת־נפשן. אָט אויף ווּעמען זי האָט לייבישן פאַרביטן!... ביי זיי וועט זיין דאָס אמתע פאַמיליע־גליק!... אַזוי זעט אויס דער חתונה־מאַלצייט... די ערשטע נאַכט... מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי עס וועט ווייטער זיין... ביין, קיין זעקל זאַלץ וועלן זיי שוין צוזאַמען נישט אויפעסן!...

דער גלעזער־האָגל האָט אַ רגע אויפגעהערט. אַ רגע איז שטיל גע־ווען, ווי מען וואָלט זיך עפּעס סודותדיק באַראַטן. זכריה האָט געכאַפּט אַ קוק דורך זיין פאַרקראַטעוועטן פענצטער, דורך וועלכן, אין אַ בויט־פּאַל, קאָן מען נישט אַרויס. אויף דער גאַס איז געווען פּוסט און פינצטער. דער ים האָט גערוישט. „אַ העק — האָט ער אַ טראַכט־געטון — אַ וויסטער העק! דאָ קען מען שעכטן אַ מענטשן און קיין הילפס־רוף זאָל צו קיינעם נישט דערגיין! צוליבן ים־גערויש, וועלן אַפילו די נאָענטסטע שכנים נישט הערן קיין געשריי".

די געשפּאַנטע שטילקייט הינטער דער טיר האָט געפּלאַצט און מיט־געריסן מיטן געלעכטער פון אַ ראָטע סאָלדאַטן. די פרויען האָבן געקוויטשעט. די מענער האָבן זיך צעהירזשעט ווי פערד און גרילציק צערעוועט ווי אייזלען.

פאַר קוראַזש האָט זכריה אָנגעשטעלט העכער דעם ראַדיאָ זיינעם. לייביש האָט איצט געזונגען אויף ייִדיש „די מוזינקע אויסגעגעבן״... אָבער באַלד האָט, אנשטאָט אַ „האָגל״, גענומען דונערן אין האָל. יאָ, דונערן. וואָרעם איצט זענען שוין נישט געשליידערט געוואָרן קיין גלעזער און כוסית אין זכריהס טיר, נאָר פלעשער, טעלער, טאַצן, וואַזעס און בלומען־טעפּ...

זכריה האָט זיך איינגעבויגן און אַ זאָג־געטון צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט:

— הערסט, לייבישל?... ליאָוואַ באַך, דו הערסט?... דאָס קריג איך פאַר דיר אַפּלאָדיסמענטן!... דאָס וואַרפט מען מיר פאַר דיר באָמבאָניע־רעס מיט בלומען!... בראַוואָ, לייביש! בראַוואָ, ליאָוואַ באַך!...

## קאַפּיטל זיבן

# צוליב אַ הון...

צוליב אַ הון מיט האָן איז אַמאָל חרוב געוואָרן ביתר.

און צוליב אַ הון, אָן אַ האָן, איז היינט שיעור חרוב־געוואָרן דזשע־בעליאַ.

שיעור... — אָבער צוויי משפחות זענען, צוליב דער הון, טאַקע חרוב־געוואָרן.

זעט־אויס, אַז אין ארץ־ישראל איז תמיד געווען אַ מאַנגל אין עופות. אַז נאָך אין די אַלטע צייטן איז דאָ אַ הון טייערער געווען, ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש און ווי די עקזיסטענץ פון דער מדינה.

כאָטש הינער אין ישראל זענען דווקא אַנזעעוודיקער, ווי אויף דער גאַנצער וועלט. און דאָס — נישט בלויז דערפאַר, ווייל אויף דער וועלט קוקט מען זיך נישט אום אויף זיי ספּעציעל, אין דער צייט ווען דאָ קוקט מען זיי דווקא אויס... — די היגע אינקובאַטאָר־הינער ציִען טאַקע באַזונ־דערס די אויפמערקזאַמקייט סיי מיט זייער ווייסקייט ווי אין ווייסע מאַמע וואָלט זיי געהאַט, און סיי מיט זייער קאָנצענטרירטקייט אין די ענגע לולן (שטייגן).

פריי אַרומשפּאַצירן אויף אַ גרעסערן שטח באַדן, פלעגט מען דאָ זען נאָר אַראַבישע הינער. יענע זענען טאַקע געווען אויסגעזעסענע דורך קוואַ־קעס און דעריבער אויך — פון פאַרשיידענע קאָלירן. און ווייל זיי האָבן זיך דערנערט מיט גרינוואַרג און ווערימלעך פון דער ערד, וואָס זיי האָבן געפּיקט וויפל זיי האָבן געוואָלט, זענען די געלעכלעך פון זייערע אייער טאַקע געווען געל...

דערקעגן די ייִדישע הינער פון אונדזער „ארצנו הקטנטונת", פון אונ־דזער פּיטשינקן לענדעלע הייסט עס, שפּאַצירן נישט פריי. זיי פילן אַ ייִדישן טעם פון זיצן אין ענגשאַפט און קריגן צוגעטיילט אַ באַשרענקטע שפּייז־נאָרמע, פון וואָס זייערע אייער־געלעכלעך זענען, נעבעך, זייער בלייך...

# דזשעבעליאַ

אין דזשעבעליאַ זעט מען אָט די הינער־שטייגן, נישט ווינציקער ווי אין אַנדערע ישובים פון לאַנד. די עולים־חדשים האָבן זיך שנעל אויס־געלערנט די מלאכה פון הינער־צוכט, פון געבן זיי וואָס ווינציקער שפּייז און אַרויסבאַקומען פון זיי וואָס מער אייער... כמעט אין יעדן דריטן הייפל און גערטנדל איז דאָ פאַראַן אַ לול. קיין סך אַרבעט אַרום די הינער איז טאַקע נישטאָ, אָבער אַ סך צו רעדן וועגן זיי איז דווקא יאָ דאָ. אַ העלפט פון די שמועסן וואָס ייִדן און ייִדענעס פירן דאָ אין די שטיבער, אין גאַסן, און אין די רייען צו די געוועלבער, איז וועגן הינער ,אייער, הינער־שפּייז און הינער־גנבים. דער מאַנגל אין ברויט וואָס דאָ איז לעצטנס געוואָרן, זאָגט מען, איז נישט דערפאַר וואָס די בעקער קריגן נישט גענוג מעל צום באַקן, נאָר ווייל מין פאַשעט מיט ברויט די הינער...

אין תל־אביב גופא זעט מען נישט קיין הינער, אָבער די הענער לאָזן זיך גאַנץ לייטיש הערן, מיט זייער דאַרפישן „קוקעריקווו", פון אַ סך דע־כער אין סאַמע צענטער שטאָט...

און דאָך איז אַ מאַנגל אין עופות, וואָס מען קריגט נישט צו קויפן פריי אויפן „ווייסן" מאַרק.

זינט זכריה קאַרלסבאַך איז דאָ אין לאַנד, האָט ער נאָך קיין שטיקל עוף נישט געגעסן. וואָרעם די פּאָר גראַם עוף אַ חודש ווערט דאָ צוגע־טיילט, אויף ספּעציעלע קאַרטן, בלויז פאַר קראַנקע, שוואַנגערע פרויען און קליינע קינדער.

וויצלט מען זיך דאָ טאַקע:

— ווען עסט אַ ייִד אַ שטיקל הון אין ישראל? — אָדער ווען דער ייִד איז קראַנק, אָדער ווען די הון איז קראַנק...

עס איז אויך קיין סוד נישט, אַז אַ סך פון די „יורדים" (אויסוואַנדע־רער) פאַרלאָזן דאָס לאַנד אויס בענקשאַפט נאָך אַ שטיקל פלייש. זיידמאַן אַליין האָט זיך עס פאַר זכריהן מודה־געווען...

אמת, פאַרטייער וואַרפן זיי פאָר ,אַז זיי זענען דער „ערב־רב", דער „דור־המדבר", וואָס בענקט צוריק קיין מצרים נאָכן טאָפּ פלייש. אָבער די „יורדים" בלייבן נישט שולדיק און טענהן, אַז יענעם „דור המדבר" האָט משה רבינו דאָך געגעבן צו עסן קוראָפּאַטוועס און דעם היינטיקן „דור־המדבר" קאָרמעט מען מיט מאַרגאַרין און „לבניה"...

„לבניה" (לעבעניאַ) דאָס איז אַ מין קעפיר, וואָס ווערט דאָ אויסגע־אַרבעט פון אַמעריקאַנער מילך־פּודער. אָבער דעם סוד דערפון, ווי דאָס ווערט אויסגעאַרבעט, זאָגט מען דאָ, ווייסט נאָר ישראל... און די „יורדים" וויצלען זיך מיט גאַל:

— „לבניה" איז דאָך אַ סוד־צבאי!... (אַ מיליטערישער סוד!...).

— בן־גוריון האָט זיך דאָך געווענדעט צו טרומאַנען, ער זאָל אים אַרויסגעבן דעם סוד פון דער אַטאָם־באָמבע, וועט ער אים דערפאַר אויסזאָגן דעם סוד פון „לבניה"...

ווי עס זאָל נישט זיין, איז „לבניה" נישט קיין עוף. און אַפילו ערב יום־כיפור קאָן מען מיט קיין „לבניה" קיין כפרות נישט שלאָגן...

די „יורדים" זאָגן אַפילו „נביאות", אַז גאַנץ תל־אביב וועט שלאָגן כפרות מיט איין האָן און מיט איין הון, וואָס אַן עראָפּלאַנען וועט אַרומדרייען אינדערלופטן איבער דער גאַנצער שטאָט... אָבער פּאַקטיש איז זכריה קאַרלסבאַכן טאַקע נאָך נישט אויסגעקומען צו זען דאָ, אין הייליקן לאַנד, אַז ערב יום־כיפור זאָלן פרומע ייִדן שלאָגן כפרות מיט הענער און הינער. דערקעגן האָט ער שוין יאָ געזען, ווי צוליב הינער שלאָגט מען כפרות מיט ייִדן...

דאָסמאָל איז די כפרה פאַר אַ הון געווען אַן עולה־חדש פון בולגאַריע, וועלכער איז פאַרטאָג געגאַנגען צו־פוס צו בנין־אַרבעט אין בת־ים.

פאַרטאָג איז דאָס געווען. ווען זכריה איז אויפגעשטאַנען, איז שוין לייביש לאַנג געווען אויף. זכריה האָט געהערט, ווי ער פאַרעט־זיך אין פאָדערהויז, קערט און שאַרט די שערבלעך פון צעבראָכענע טעלער און שטיקלעך גלאָזוואַרג, וואָס דאָ איז נעכטן צעשליידערט און צעבראָזגעט געוואָרן.

ער האָט אים אַ רוף געטון:

— לייביש!

— יאָ, טאַטע. עס איז נאָך פרי, שלאָף.

— וויפל איז דען דער זייגער?

— נאָך קיין זעקס נישט.

— וואָס־זשע פאַרעסטו זיך דאָרט אַזוי פרי?

— איך ראַם אָביסל אויף, טאַטע... אילנה דאַרף שפּעטער קומען... מיר וועלן פאַרן אָנקוקן אונדזער שיכון... ער ווערט דאָך שוין פאַרטיק די אַנדערע וואָך... האָסט מיך נעכטן געהערט, טאַטע?...

— געהערט, געהערט, ליאָווואַ באָך!...

— נו?...

— גוט... זייער גוט!... געוואַלדיק הנאה געהאַט!... — האָט זכריה געזאָגט מיט אַ נחתדיקן טאָן, נישט דערציילנדיק וועגן דעם נעכטיקן „פּאָגראָם".

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חורבן, טאַטע? אַזויפיל גלאָזוואַרג, אַזויפיל...

— עט, אַ שמחה געווען ביי טשיזשיקן... דוכט מיר, אַ חתונה־מאָל־

צייט... מען האָט זיך אָנגעזויפּט און... מילא, נו... אָבער געזונגען האָסטו!...
אַז „איר" זענען אַזש די אויגן איבערגעגאַנגען...

— דער כּלה?... זי האָט געהערט?...

— נאָך ווי!...

— אַזוי... — איז לייביש שטיין־געבליבן אַ פאַרטראַכטער, מיט דער באַרשט אין דער האַנט. באַלד, אָבער, האָט ער ווי אויפגעוואַכט און געענ־דערט דעם טאָן: — האָסטו, הייסט עס, נחת פון דיין זון?...

— גאָט צו דאַנקען!...

— אָבער דיין זון וויל אויך נחת האָבן פון זיין טאַטן... — האָט לייביש געזאָגט מעשה־מאַנצפּערשוין, רויט־ווערנדיק דערביי ווי אַ יינגל וועלכן מען דאַרף נאָך אָפּווישן די נאָז...

— נו, אַז די דרוקעריי וועט אַוועקגיין...

— נישט די דרוקעריי מיין איך...

— נאָר וואָס דען? — האָט זכריה געפרעגט, זיך גוט אָנשטויסנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט־זיך.

— איך מיין... עס איז שוין צייט, אַז דיר זאָל אויך גוט זיין... נישט וואַלגערן־זיך מער... לעבן אַ מענטשלעך לעבן...

— אַזוי... מממאַ! נישט אַלץ איז ווי מען וויל...

— הערסט, טאַטע... — האָט זיך לייביש צוגעזעצט אויפן טאַטנס בעט, נישט־קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין — איך האָב היינט געהאַט אַ מאָד־נעם חלום... עזריאל איז מיר געקומען צו־חלום...

— עזריאל! — האָט זכריה אָפּגעזיפצט.

— ער האָט מיך אַרומגענומען, געקושט און געווונטשן מזל־טוב... געבעטן, איך זאָל זיין אַ טאַטע צו זיין קינד, וועט ער... — האָט זיך לייביש געווישט די אויגן — וועט ער קענען רויק איינליגן אין זיין קבר.

— אין צען טעג אַרום איז זיין יאָרצייט. — זענען אויך זכריהס אויגן איבערגעגאַנגען.

— יאָ. און ער פאַרלאַנגט, אַז די גאַנצע משפּחה זאָל זיך דאָ פאַרזאַמ־לען, אַרום דעם־אָ שטיין... — האָט לייביש אַ ווייז־געטון דורכן פענצטער צום גערטנדל און ווידער אַ וויש־געטון די אויגן — איך, אילנה מיטן קינד... און דו מיט... מיט דער מאַמען... ער האָט געבעטן, אַז די מאַמע זאָל אים מוחל־זיין... און אַז מיר אַלע זאָלן מוחל־זיין דער מאַמען. זי האָט אויך געענוג געליטן!...

זכריה האָט אָנגעקוקט זיין זון מיט באַבלמעטע אויגן. דורך אַ טרערן־נעפּל האָט ער געזען, ווי לייביש צוקט מיט די אַקסלען, אַזוי ווי פּערל־ליבע און שנייצט אין נאָזטיכל־אַריין. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט וויסן, צי

לייבישעס חלום איז טאַקע אַ חלום, אָדער ער האָט עס אויסגעטראַכט מיט אַ כוונה... אַלץ־איינס האָט ער אים געוואָלט אַרומנעמען און אַ קוש־טון אין קאָפּ. ער האָט עס, אָבער, נישט געטון.

לייביש האָט אָפּגעכליפּעט און אַ זאָג־געטון:

— טאַטע... מען דאַרף דער מאַמען מוחל־זיין! און... זאָל זיין ווי גי־וועןן... עזריאל האָט אויך אַזוי... מען דאַרף... טאַטע...

זכריה האָט אים נאָר געענטפערט מיט אַ שטומען, פאַטערלעכן פּעטש־לען איבערן אַקסל.

אינדעם איז אָנגעקומען זיידמאַן. נישט־אָנקלאַפּנדיק, האָט ער אויפ־געפּראַלט די טיר און איז אַריינגעלאָפן אַן אויפגערעגטער:

— געהערט וואָס סי געשען?!

— וואָס איז געשען?

— אַ מאָרד!

— אַ מאָרד?! ווו?

— דאָ אין ראַג. שכנימלעך אונדזערע!... סאַברעס! חיילים. איינער איז דאַכט־זיך אַ קצין! (אָפיצער). צוויי ברידער. באשר־בכן, עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז מען האָט געוואָלט באַגנבענען זייער לול. עמיץ איז געשפּרונ־גען איבערן פּלויט און אַנטלאָפן צום ים. איז מען אַרויס מיט מעסערס און געשאָכטן דעם בולגאַר! אַן אומשולדיקער אַרבעטער! נאָר ווייל ער האָט געהאַט דעם אומגליק צו טראָגן אַן ענלעכן בערעט צו יענעמס, וועלכער איז געשפּרונגען איבערן פּלויט, האָבן זיי אים צעשטאָכן אויף טויט!

— אַ בולגאַר? — האָט זכריה איבערגעפּרעגט, אַרויפּצי׳ענדיק נערוועז די הויזן — נו, נו! עס וועט שוין זיין היימלעך! די מלאכה פון מעסער־שטעכעריי קענען די בולגאַרן בעסער. זיי וועלן זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע־אַריין! איך האָב מורא פאַר אַ נקמה!

— אַוודאי! אין שטאָט איז אַ פּאָגראָם־שטימונג! דערווייל האַלט זיך עס נאָך אין דערוואַרעמען. אָבער ווער ווייסט, וואָס שפּעטער וועט זיין!

זיי זענען אַרויס אין גאַס. אין צווייטן געסל האָט זיך שוין געראַ׳עט אַ מאַסע פון הונדערטער מענטשן. זיידמאַן האָט זיך דורכגעשפּאַרט מיט זכריהן און אים געוויזן אַ ריטשקע פאַרגליווערש בלוט, וואָס האָט זיך גע־צויגן פון אַ ליימיק בערגל־אַראָפּ, צום כביש־צו.

— אויף דעם בערגל זענען זיי אים באַפאַלן און צעשטאָכן. ער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט ביז אונטן און דאָרט האָבן זיי אים פאַרענדיקט.

— ער האָט, נעבעך, געשרי׳ען און זיך געבעטן: „אני לא גנב״! (איך בין נישט קיין גנב!) — האָט אַ שכנה זיך אַריינגעמישט צו דערציילן, וואָס זי ווייסט — אָבער זיי האָבן אים סיי־ווי געשאָכטן!

— ווער איז דער „זיי״?

—ביידע ברידערלעך, דער טאַטע מיט דער מאַמען! אַלע!

— איר האָט אַליין געזען?

— ווען איך האָב דערזען, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. זיי זענען נאָך אַלע געשטאַנען איבער אים און צוגעקוקט, ווי ער גוססט! איך האָב געשריִען צו זיי, זיי זאָלן רופן „מגן־דוד־אדום״ (גיכע הילף), האָבן זיי געענטפערט, אַז ער וועט שוין לעבן אויף יענער וועלט! אַזעלכע באַנדיטן!

אַ פאַרוואָרלאָזטער, קודלאַטער הונט האָט זיך דורכגעשאַרט צווישן די פיס, אַ שמעק־געטון צו דער פאַרגליווערטער ריטשקע און זשעדנע גענומען לעקן.

— פּאַשאָל־וואָן! — האָט מען אים גענומען טרייבן און בריקען מיט די פיס.

ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פוס, האָט אים געהויבן. דער הונט איז געלאָפן אין אַ קרייז פון בריקנדיקע שטיוול און שיך, זוכנדיק אַן אויס־וועג, וואָס קיינער האָט אים נישט געגעבן. ער האָט שוין געהונקען מיט אַן אונטערגעהאַקטן פוס און צעמזיקטע ריפּן. געהונקען און געוואָיעט, ביז זכריה האָט זיך אויף אים מרחם־געווען און דורכגעלאָזן, ער זאָל אַנטרינען פון דער צעיושעטער מאַסע. עס האָט אויסגעזען, ווי דער עולם וואָס האָט זיך נישט געקאָנט נוקם־זיין אָן די מערדער, וועלכע די פּאָליציי האָט שוין אַוועקגענומען, האָט געוואָלט אויסלאָזן דעם צאָרן קעגן אָט דער שטומער חיה.

די שכנה, וועלכע האָט שוין אַוודאי אַמאָל הונדערט איבערגעחזרט די זעלבע מעשה, האָט שוין איצט גערעדט אַ הייזעריקע, פּאַטשנדיק מיט אַ פּאָר טרוקן־בלויע ליפּן:

— פּאַר גאָרנישט! יענער איז צו דער אַרבעט געגאַנגען. ברויט מיט פלפל האָט ער געהאַט, מער גאָרנישט. ברויט מיט פלפל (גרינע פעפער־לעך), מיט אַ ציבעלע. אַן אָרעמער אַרבעטער. געלאָזן, נעבעך, דריי יתומים און אַ ווייב אין קימפּעט. אין שפּיטאָל ליגט זי, ווי איז מיר! און זי ווייסט נאָך נישט פון איר גרויסן אומגליק!

אַ נידעריקער, ברייטלעכער יונגערמאַן אין פאַרוואַפּנעטע קליידער, מיט אַ שיטער־ווייבערישן פּנים, האָט געקלאָגט מיט אַ צאינה־וראינה־ניגון:

— אַזאַ טייערער אַרבעטער געווען! ווען איר ווייסט, וואָס פּאַר אַ פּאָר גאָלדענע הענט ער האָט געהאַט! מיר האָבן דאָך ביידע געאַרבעט צוזאַמען! ערשט נעכטן נאָך...

מען הערט אים, אָבער, נישט. דער עולם האָט מער אינטערעס פּאַר אַ

פאַרשוויצטן בחורל מיט פלינקע, בליציקע אייגעלעך, וועלכער האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז מען האָט שוין געפונען נאָך אַ מעסער — דאָס פערטע מעסער! אַ סימן, אַז די גאַנצע משפּחה, אַלע פיר, האָבן אָנטייל גענומען אין מאָרד. דער הונט אויך... אָבער זכריה איז נייגעריק צו וויסן:

— איז וויפל מעסערס האָט מען עס געדאַרפט האָבן צום שעכטן איין אָרעמען אַרבעטער?...

אויף דעם חשבון מאַכט נישט דער עולם. מעסערס האָט מען געפונען!

— און מען לאָזט זיך צו דער ווילע פון די מערדער. ביידע זין האָט טאַקע די פּאָליציי אַוועקגענומען, אָבער טאַטע־מאַמע זענען נאָך דאָ! זיי באַהאַלטן זיך אינעווייניק פאַרן צאָרן פון צעיושעטן המון.

בײַם טויער שטייען צוויי יונגע שוטרים (פּאָליציאַנטן). זיי זענען הילפלאָז און צעשראָקן. די בלייכקייט פון זייערע פּנימער בעט זיך: טשעפּעט אונדז נישט... זיי קענען נישט און פּרוּוון אויך נישט געבן זיך קיין עצה מיטן המון, וועלכער וואַרפט איבערן פלויט אַריבער שטיינער, ציגל און קללות:

— מערדער!

— מכשפה לא תחיה!

— לינטשן דאַרף מען זיי!

זכריה קוקט אַריבער איבערן פלויט: דער לול איז אָפן. די הינער פליִען־אַרום איבערן גאַנצן הויף. אַ צעבלוטיקטער הונט יאָגט זיך נאָך זיי און נאָכן הונט — פליִען ציגל און שטיינער. אַלע פענצטער פון דער ווילע זענען אויסגעזעצט. די פראָנט־טיר איז צעבראָכן, פון צימער צו צימער פּלאַטערן דאַרט אַרום אַן עלטערער מאַן און אַ צעפּטאַלטע פרוי, וועלכע האָבן זיך נישט ווו צו באַהאַלטן פון שטיינערנעם געהאָגל.

— נאָכוואָס האָט מען זיי דאָ איבערגעלאָזט? — וווּנדערט זיך זכריה — מען וועט דאָך זיי טאַקע לינטשן!

— זיי האָבן נישט געוואָלט לאָזן אויף הפקר דאָס פאַרמעגן... די זיבעלעך האָבן געשאָנקען טאַטע־מאַמע אַ ווילע... אַ פּאַלאַץ!... אַ הויף!... עס ווילט זיך נישט ווערן אויס פּריצים!...

— און איינשטעלן דאָס לעבן, יאָ?!

— מיר זענען דאָ היינט אַלע איינגעשטעלט, פּאַניע קאַרלסבאַד! — מאַכט זיידמאַן אַן אַ פּאַניק — קוקט אָן די בולגאַרן! זעט, ווי זיי זאַמלען זיך גרופּנווייז! איצט זענען זיי נאָך ווייניק, אָבער אין אָוונט, ווען זיי וועלן אַלע קומען פון דער אַרבעט און זיך דערוויסן, אַז פּוילישע האָבן...

— וואָס פאַר אַ פּוילישע?! — קומט אונטער מיט אַ טענה יוחנן דער

שוסטער — וותיקים זענען זיי!! שוין אַ דרייסיק יאָר אין לאַנד! און די זינ־דעלעך זענען סאַבּרעס!

— אָבער די עלטערן שטאַמען דאָך פון פוילן! — וואַרפט אַריין דראָענ־דיק דער רומענער פון שפּיז־געוועלב.

— דו רעדסט אויך?! — גיט זיך דער שוסטער אַ שטעל אַוועק אַנט־קעגן רומענער, ווי אַ קריגערישער האָן — און אַז דיין טאַטע איז אַ רו־מענער, האָט ער נעכטן נישט געכאַפּט קיין מעסער צו אַ פּקיד?

דאָס פאַרשוויצטע בחורל מיט די פלינקע, בליציקע אייגעלעך, האָט געבראַכט אַ פרישע ידיעה:

— מען האָט שוין געפונען די דאָקומענטן פון דעם דערמאָרדעטן! דאָרט, הינטער יענעם פּלויט איז עס געווען אונטערגעוואָרפן!

— אַהאַ, דאָס באַשטעטיקט טאַקע, אַז אַ געוווינהייט איז אַ צווייטע נאַטור!... — האָט יוחנן דער שוסטער באַמערקט פילאָזאָפיש.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— זיי זענען דאָך „אצלניקעס״, די ברידערלעך. און די „אצלניקעס״ האָבן זיך דאָ אַזוי געפירט מיט די ענגלענדער: ווי נאָר זיי האָבן אַוועקגע־לייגט אַן ענגלישן זעלנער, האָבן זיי באַלד ביי אים צוגענומען די דאָקו־מענטן. דאָס איז געווען זייער טאַקטיק.

— מן־הסתם האָט דאַן די אונטערגרונט־באַוועגונג באַדאַרפט צו האָבן אָט די ענגלישע דאָקומענטן... זייער געווער און מונדירן אויך... אין מלחמה...

— יאָ, אָבער אַ געוווינהייט בלייבט אַ געוווינהייט... — פאַרנעמט־זיך יוחנן אויף אַ לענגערער דערקלערונג — וואָרעם וויסן דאַרפט איר, אַז די סאַמע אידעאַליסטישסטע מלחמות און רעוואָלוציעס דעמאָראַליזירן דער יוגנט! אַז מען געוווינט זיך־צו צו שעכטן בעת די פעלד־שלאַכטן, שעכט מען שוין שפּעטער, אין שלום־צייט, אויך... אַן אַ פינטל מיטן אויג!... און פון געוווינהייט, האָבן זיי ביי אים אַרויסגעשלעפּט די דאָקומענטן... ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי דאַרפן דאָס נישט, האָבן זיי עס אַוועקגעוואָרפן... געוווינהייט... דאָס איז די הכשרה וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג. לערנט מען זיך נאָר איינמאָל אויס, אַז מענטשלעך לעבן איז ביליק און הפקר, איז שוין נאָכדעם אַלץ־איינס: צי מען שעכט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אַ מדינה, פאַר דער אייגענער באַפרייונג, אָדער פאַרן בלויזן חושד־זיין אין וועלן גנבענען אַ הון... אָט, נעמט ראַטנפאַרבאַנד, צום ביישפּיל: זינט דער בלוטיקער רעוואָלוציע, האַלט דער ראַטנפאַרבאַנד אין איין בלוטיקן! מען האַלט זיך דאָרט אין איין „ריי־ניקן״ אין אייגענעם בלוט... די געוווינהייט איז דאָרט געוואָרן די צווייטע נאַטור. מען קאָן זיך דאָך שוין מער נישט פאָרשטעלן, ווי עס וועט אויסזען

רוסלאַנד אָן אָט דער כסדרדיקער, „נאַטירלעכער" בלוט־פאַרגיסונג און „רייניקונג"!...

— פון וואַנען ווייסטו, דו וואָל־סטריט־אַגענט, וואָס עס טוט זיך אין רוסלאַנד? ביזט דאָרט געווען?! — האָט זיך אַ געלער „רויטער" אַ נעם־געטון צו יוחנען.

— אַוודאי געווען! — האָט זיך יוחנן אַ ווענד־געטון צו יענעם — אָבער אויף דער וואָל־סטריט ביזט דאָך נישט געווען! פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין אַן אַגענט?!

באַלד זענען אויסגעוואַקסן צוויי קעגנערישע גרופן, וועלכע האָבן אינ־גאַנצן פאַרגעסן אָן מאָרד צוליב אַ הון און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ פאָליטישע דיסקוסיע וועגן מענטשהייט־פאַרקנעכטונג און פעלקער־מאָרד...

— ווער איז דאָס? — האָט זיידמאַן געפרעגט קאַרלסבאַכן — אַ זשור־נאַליסט? אַ פאַרטיי־טוער? אַ רעגירונגס־באַאַמטער?

— ניין. דאָס איז מיין שוסטער... מיין פילאָזאָפישער שוסטער...

— רעדט ווי אַ פּראָפעסאָר!... איך וואָלט...

עס האָבן זיך דערהערט קולות:

— זי חלשט!

— וואַסער! וואַסער!

— אַ דאָקטער!!!

און איבערן ים קעפ האָט אַ מענטשן־כוואַליע אַוועקגעטראָגן אַ פרויען־קערפּער אין שוואַרצע קליידער.

פון מויל צו מויל האָט זיך דערטראָגן די נייעס, אַז דאָס איז די מוטער פון דעם דערמאָרדעטן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז זיין פרוי, וועלכע איז אַנטלאָפן פון שפּיטאָל. מען האָט שוין געוווּסט, אַז איר האַרץ האָט שוין נישט געקלאַפּט, אַז דער פּולס האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַז זי איז טויט ווי אַלע טויטע. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין בולגאַרקע, נאָר אַ גאַליציאַנערין. אַן אייפערזיכטיקע ליטוואַטשקע האָט איר צעגראַטשעט דאָס פּנים פאַרן האָבן צו־טון מיט איר מאַן... די ליט־וואַטשקע האָט איר מאַנס געליבטע אַזוי צורעכט־געמאַכט, אַז מען האָט זי געמוזט אַוועקנעמען אין שפּיטאָל.

אָט די צווייטע ידיעה האָט, אָבער, נישט געמילדערט דעם איינדרוק פון דער ערשטער און אַ גרופּע היציקע יונגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויף. באַלד האָבן זיך דערהערט גרויליקע קולות פון דעם באַפאַלענעם פּאָר אין דעם דעמאָלירטן הויז.

אינדעם האָט זיך דער עולם אַ צעוויג־געטון. עטלעכע שאָסן האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופט. עס איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פּאָליציי און

אַן אָפּטיילונג זשאַנדאַרמעריע. פּאָליציי־שטעקנס האָבן זיך געהויבן איבער קעפּ. מיט ביקסן און סטענגען האָבן זיי זיך געשניטן פּאַראויס צו דער ווילע. דער עולם איז אָפּגעטראָטן פֿאַלנדיק איינער איבערן אַנדערן.

— קומט, פּאַניע קאַרלסבאַך!

— יאָ. איך האָב עס גענוג!

— איך דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס איך אַנטלויף שוין פֿון דעם גיהנום! — האָט זיידמאַן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— אַזעלכע זאַכן געשען אין דעם קאַנאַדער גן־עדן אויך!... — האָט אים זכריה אַריינגעזאָגט — דער ענין איז טאַקע אַ פּאַסקודנער, זייער אַ פּאַסקודנער! אָבער וואָס מיינט איר, אין מאָנטרעאַל, אָדער אין טאָראָנטאָ איז נאָך נישט געשען קיין מאָרד?...

— עפּעס זענט איר מיר לעצטנס געוואָרן אַ גאַנצער פּאַטריאָט, פּאַניע קאַרלסבאַך!... איר לאָזט נישט רעדן אויף דער מדינה קיין שלעכט וואָרט!...

— וואָס טויג אייך די שלעכטע ווערטער, אַן לאָגיק?... בלויז צוליבן פּאַרענטפערן אייער אַוועקפאָרן?... פּאָרט אייך געזונטערהייט, געפינט אייער מזל אין קאַנאַדע און שפּייט נישט אין אונדזער ברונעם, פֿון וועלכן ייִדן טרינקען וואַסער!...

— איך האָב דאָך נישט געוווּסט, אַז איר זענט אַ ציוניסט?!..

— איך ווייס עס אויך נישט... נאָר קריטיק האָב איך אַלעמאָל ליב געהאַט לאָגישע... אין אונדזער לאַנד איז פֿאַראַן גענוג פֿעלערן, וועלכע עס איז אַ מצווה צו קריטיקירן. מען מוז נישט, צו די אַלע פֿעלערן דאָ, צו־טראַכטן פֿרישע... אַמווינציקסטנס זענען ייִדן גענויגט צו מערדערייען!

— נו, שוין. וועל איך, אין אייער אַנוועזנהייט, מער נישט קריטיקירן...

— קריטיקירט יאָ, נאָר מיט באַצײונג! קריטיק פֿון אַ פֿריינט לערנט, העלפֿט עפּעס אויסבעסערן, מתקן זיין. און קריטיק פֿון אַ שונא, איז אָפּט־מאָל לעכערלעך... דאַן איז עס נישט קיין קריטיק, נאָר סתם בייזוויליקע לשון־הרע!... אַפֿילו אַז איר פֿאָרט אַוועק, בלייבט דאָס לאַנד אַ ייִדיש לאַנד! און דאָ ווינען אַנדערהאַלבן מיליאָן ייִדן! איר הערט? ייִדן! אייערע ברידער! אייערע צוויי שוועסטער מיט זייערע סאַברעס בלייבן דאָ אויך און זיי זענען דאָס לאַנד! איז נישט שיין, אַז איר זאָלט באַרעדן אייערע אייגענע שוועס־טער...

— וואָס טויגן די פֿילאָזאָפֿיעס?... עפּעס זענט איר מיר היינט באַזונ־דערס שלעכט געשטימט... יאָ, דער מאָרד, איז אַ פּאַסקודנע געשיכטע. עס ווירקט שלעכט אויפֿן געמיט.

—אַלע פּאַסקודנע געשיכטעס ווירקן שלעכט און נישט בלויז אויפֿן געמיט...

זיידמאַן האָט אַרויסגעפּילט אַ באַזונדערן מיין אין קאַרלסבאַכס רייד. זכריה קאַרלסבאַך איז דאָך נישט פון יענע „אויפגעקומענע גבירים״, וועלכע מיינען אַז זיי האָבן שוין אָנגעכאַפּט גאָט ביי דער באָרד און קוקן דעריבער אויף זייערע נעכטיקע פריינט פון אויבן־אַראָפּ... וואָס־זשע פאַר אַ שוואַרצע קאַץ איז דאָס דורכגעלאָפן צווישן זיי? — ער פילט דאָך בחוש אַז זכריהס באַציִונג צו אים איז לעצטנס אָפּגעקילט געוואָרן... און וועגן פּאַניעטשקען וויל ער אַפילו נישט הערן! אַ שאָד! זי עסט־זיך, נעבעך, דעם סוכות ווערט זי דאָך שוין אַלט אַכט־און־פערציק יאָר! זי האָט זיך אַפילו אַראָפּגענומען אַ צוועלף שטיקלעך, אָבער ווער ווייסט, צי צו איר זעקס־און־דרייסיקסטן געבורטסטאָג, צו וועלכן זי גרייט זיך אַזוי, וועט זכריה יאָ קומען, ווען ער, זיידמאַן, וועט שוין דאָ נישט זיין...

אמת טאַקע, זכריה האָט שוין נישט געוואָלט פאַרפירן קיין שמועס מיט זיידמאַנען ,וועגן דעם ענין, וועגן וועלכן ער האָט זיך דערוווּסט פון דעם „יודאַנער״. ער האָט זייער מיאוס געהאַנדלט קעגן אים און סיי קעגן פּערל־ליבען. אָבער אַריינזאָגן אים און אָנמוסרן, אָדער אויסשגצן פאַרן אַוועק־פאָרן, לוינט שוין נישט. צו וואָס זאָלן זיי זיך בלייבן שונאים פון דער ווייטנס? — בעסער צו האָבן מיט איין פריינט ווינציקער, ווי מיט איין שונא מער... מאָרגן פאָרט ער אָפּ, וועט מען זיך געזעגענען און פאַרגעסן...

— פּאַניע קאַרלסבאַך... איך קאָן אייך עפּעס נישט אָנטאָפּן... איך פיל, אַז עפּעס קוועטשט אייך ערגעץ דער שוך... אָבער אויך אונדזער היינטיקן אָפּשיידס־אָוונט וועט איר דאָך זיין?... וועט מען אויסטרינקען און די צונג וועט זיך אויפבינדן...

— איר מיינט: „וואָס ביי אַ ניכטערנעם אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג״?... — ניין... ביי אַזאַ אָנשיכורן־זיך האַלט איך נישט!...

— אויב איר וועט נישט קומען מיט אונדז זיך צו געזעגענען, איז ווען נאָך וועט מען זיך זען?...

— איך וועל קומען. אַוודאי וועל איך קומען.

— מאָרגן, אין דער צייט, וועלן מיר דאָך שוין זיצן אין עראָפּלאַן!... און אין דריי טעג אַרום, עסנדיק דאָרט אַ פּערטל גענדזנס, וועל איך אייך נאָר קענען אינזינען־האָבן...

— מען דאַרף נישט. איך וועל נאָך שליקעכצן... — האָט זכריה גע־שפּאַסט — אָבער עס איז טרויעריק, אַז צוליב אַ פּערטל טויט גענדזנס, זאָל אַ מענטש ווערן אַ לעבעדיקער פויגל און פליען פון איין קאָנטינענט צום אַנדערן...

***

זכריה האָט געהאַלטן וואָרט: ער איז געקומען צו זיידמאַנס געזעגע־נונגס־אָוונט, צוזאַמען מיט פינקעלשטיינען.

אמת, זיי האָבן ביידע געלאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיך. אַזוי לאַנג, אַז מען האָט די סעודה שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן אָן זיי. כאָטש פאַניעטש־קען איז, נעבעך, גאָרנישט געקראָכן אין האַלדז אַריין...

אַ תירוץ האָט זכריה געהאַט, אַז ביים מאָנטירן די ראָטאַציע־מאַשין, האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט און מען האָט, ביז איצט, נישט געקאָנט געפינען די סיבה. ער איז אַפילו צוליב דעם, נישט מיטגעפאָרן מיט די קינדער אָנצוקוקן דעם שיכון זייערן. אָבער איצט האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און דאָך געקומען, מען זאָל, חלילה, נישט מיינען עפּעס... נו, בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט... גיסט־אָן אַ גלעזעלע...

אויך דער „יודאַנער" האָט באַלד געהאַט מיט־זיך אַ פולן זאַק אָנ־געפּראָפּט מיט תירוץ:

— פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס... — האָט ער גע־טענהט — און ווייל איך האָב זיך אַזוי געאיילט, האָב איך פאַרשפּעטיקט!... דער שטן האָ׳ן קאַטאַר... (דער שטן איז מקטרג). איך האָב אַוועקגעוואָרפן אַלע מיינע בזיונות (ביזנעס...) און געקומען צו דער סעודה, האָט מען עס שוין פאַרטיק געמאַכט אָן מיר!... אַז אויף מיין מזל שלאָפט (קלאָגט) דער נביא... אָבער אַ שנעפּסל, זעט איר, איז נאָך דאָ... אַ לחיים קען מען נאָך מאַכן!...

ער האָט זיי אַלעמען פאַרטומלט, דער „יודאַנער"... די שטימונג איז באַלד אַריבער פון מינאָר אויף מאַזשאָר. מען האָט געהויבן די כוסות. פאַר־זייערטע פּנימער האָבן זיך גענומען רויטלען מיט מאַלינע־זיסקייט. אויגן האָבן זיך ווייניק צעפינקלט.

— לחיים!...

און באַלד דערנאָך, האָט מען זיך אַזש צעזונגען אין כאָר:

אוי, אוי, אוי, אוי,
יאַשקע פאָרט אַוועק,
לאָמיר זיך געזעגענען, —
דער פאַיעזד גייט אַוועק!...

די קאַנאַדער כלה, אַן אויסערזיכיקע, האָט זיך אַזש צעיאַכמערט:

— אַז איך האָב עס דערלעבט... נאָך צוויי טויזנט יאָר... נאָך צוויי טויזנט יאָר... אין איזראַעל... נאָך צוויי טויזנט יאָר, אַז איך האָב דערלעבט...

— האָט זי געטאָפּטשעט אין אַ בלאָטע ווו זי איז פֿאַרקראָכן און נישט געקאָנט אַרויסקריכן — אין איזראַעל, דאָס הייליקע לאַנד... נאָך צוויי טויזנט יאָר...

דער „יודאַנער״ האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעזיבענקעט:

— צו געפינען דאָ אייער „דיבוק״ (זיווג) מן השמים... איז לאָמיר אויסטרינקען לחיים!...

— לחיים!... — האָט זי אים געדאַנקט מיט די אויגן, פֿאַרן אַרויסהעלפן איר און זיך געכאַפּט צו איר קראָקאָדיל־לעדערנעם טאַש מיטן געגילדעטן שלאָס — איך גיב אַ טשעק! פינף טאָלער גיב איך! — האָט איר שטים געציטערט פון גערירטקייט — פֿאַרן קרן־הדאָס, ווי הייסט עס? יאָ, היסוד!... פינף טאָלער! — האָט זי געפאַכעט מיטן טשעק און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל עס צונעמען.

— מען דאַרף נישט... — האָט זיידמאַן אַ זאָג־געטון שטיל, פֿאַר־שעמט, אַרויסנעמענדיק דעם טשעק פון איר האַנט און אַריינלייגנדיק אים צו זיך אין קעשענע...

— לחיים!...

— און צובייסן... — האָט זכריה אַ שטורך־געטון פינקעלשטיינען אין דער זייט.

פינקעלשטיין האָט געוואַרט אויף דעם סיגנאַל און האָט זיך אויפֿ־געהויבן:

— און וואָס שייך צובייסן, איז אויך נישט געפערלעך... איך האָב פֿאַראויס געפילט, אַז איך וועל פֿאַרשפּעטיקן, האָב איך עפּעס מיטגעבראַכט מיט־זיך... איך האָב זיך פיינט צו פֿאַרלאָזן...

און דער „יודאַנער״ האָט אויפגעעפנט זיין גרויסע, לעדערנע טעקע, ווו ער האַלט די פּראָיעקטן פון זיינע אַרכיטעקטן און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פעקעלע אין ציטונגס־פּאַפּיר. ער האָט פֿאַרזיכטיק אָפּגעוויקלט אין צייטונג נאָך דער אַנדערער, ווי די בלעטער פון אַ גרויס הויפּטל קרויט און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גרויסע, אַ פעטע, אַ געבראָטענע הון... דער עולם האָט געמאַכט אַ „הוררראַאַאַ!״... און פינקעלשטיין, אַרויפלייגנדיק די הון אויף אַ טעלער, האָט עס פייערלעך אונטערגעטראָגן פאַניעטשקען, אַז זי זאָל צעשניידן און צעטיילן די געסט.

פאַניעטשקאַ האָט זיך געפילט גליקלעך פון אַזאַ אויפמערקזאַמקייט. זי האָט גענומען דאָס מעסער און זיך פֿאַרמאָסטן צו באַווייזן איר באַלע־באַסטעשע בריהשקייט... זי האָט, אָבער, געפידלט און געפידלט מיטן מע־סער און בשום־אופן נישט געקאָנט איינשניידן אין פלייש.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די הון איז אַ בוטאַפאָרסקע, אַ היל־

צערנע, אַן אָפּגעפּאַליטורטע. — דעם „יודאַנערס" אַ קונסט־ווערק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע הון...

פאַניעטשקאַ האָט נישט געוווּסט, צי זי זאָל זיך יאָ באַליידיקן, צי נישט. זי איז שטיין געבליבן מיט אַ צעשפּרייט נעזל און אָפן מויל, ווי זי וואָלט געוואָלט ניסן... איבער אירע אונטערגעפּאַרבטע בעקלעך האָט זיך פאַרצויגן אַ גרימאַסע פון האַלבן שמייכל און האַלבן געוויין. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און נישט געזאָגט...

די כלה, דערקענט, האָט זיך מיט דער מציאה דערפרייט:

— איך וועל עס מיטנעמען קיין מאָנטרעאַל!... זאָלן דאָרטן ייִדן זען, ווי מען הונגערט אין איזראַעל! אַז מיר האָבן שוין יאָ דערלעבט אַ ייִדישע מדינה, נאָך צוויי טויזנט יאָר, סערווירט מען דאָרט הילצערנע הינער צו אַ יום־טוב־טיש! בלויז מיט אידעאַליזמוס לעבט מען דאָ! מיט ציוניזמוס און חלוציזמוס! אַמעריקאַנער ייִדן דאַרפן דאָס אײַנזינען האָבן און שיקן הילף קיין איזראַעל נאָך צוויי טויזנט יאָר! איך וועל דאָרט מאַכן אַ קאַמפּיין! פירן אַגיטאַציאָן! זאַמלען טאַלערס פאַר איזראַעל!...

עס איז שוין געווען שפּעט און דער עולם האָט זיך גענומען הייבן פון די ערטער. זכריה האָט זיך האַרציק געזעגנט. פאַר פאַניעטשקען האָט ער ווידער געהאַט אַ תירוץ, פאַרוואָס ער קאָן זי, ליידער, נישט באַגלייטן אַ היים:

— איך וועל פאַרשפּעטיקן דעם לעצטן אויטאָבוס קיין דזשעבעליִאַ... ליידער, ליידער... עס טוט מיר זייער לייד, נאָר איך מוז זיך אײַלן...

***

אין דזשעבעליִאַ איז איצט זכריה אַריינגעפאַלן, ווי אין אַ שטאָט וווּ עס איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַם־צושטאַנד. די גאַנצע הויפּט־גאַס איז איצט געווען פּוסט און לער. אויסער פּאָליציי־פּאַטרולן, האָט מען דאָ קיין מענטש נישט געזען. ערשט ווען ער איז צוגעקומען צו געסל, וווּ עס געפינט זיך די ווילע פון די מערדער, האָט ער דערזען אַ המון — דרייפאַכיק ווי באַגינען.

יוחנן דער שוסטער איז אים אַנטקעגן־געקומען.

— פאַניע קאַרלסבאַך, וווּ זענט איר דאָס געווען אין אַזאַ הייסן טאָג?... איר ווייסט דען, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון?...

— וואָס האָט זיך אָפּגעטון?

— בירגער־קריג!... בולגאַרן האָבן זיך געוואָרפן אויף רומענער, רומענער — אויף פּוילישע, פּוילישע — אויף סאַבּרעס און ותיקים... חושך!

מען האָט געהאַקט שויבן, געבראָכן פּלויטן, צעריסן קליידער — אַ פּאָגראָם! אייער שכן, דעם טשיזשיקן, האָט מען דאָך אויך גוט מכבד־געווען!...

— טשיזשיקן?!...

— יאָ, מען האָט אים דעם של־ראש (קאָפּ) געפּלעטט!... ער איז אַריין צום בולגאַר קויפן מאַראַנצן, האָט אים דער בולגאַר געזאָגט, אַז קיין פּוי־לישע באַנדיטן פאַרקויפט ער נישט... טשיזשיק האָט געכאַפּט אַ געוויכט, אָבער די בולגאַרן מיט די מעסערס זענען געווען פלינקער. דאָס בלוט האָט פון אים געכליאַפּעט, ווי פון אַ געקוילעטן חזיר. זיין ווייבל האָט אים קוים אַ היים געשלעפּט.

— ביי אים בליב עס... און וואָס הערט־זיך דאָ?... — האָט ער אַ וויי־געטון צו דער ווילע.

— שוין דריי מאָל האָט משטרה (פּאָליציי) געפּרוווט אַרויסציִמען פון דאָרט די פּאָר אַלטוואַרג, אָבער יעדעס מאָל האָט זיך דער המון דורכגע־ריסן און זיי שיעור געלינטשט! די משטרה וואַרט איצט אויף אַ פּאַסיקערע געלעגנהייט. אָבער מיר דאַכט־זיך, אַז קיין לעבעדיקע וועט מען זיי פון דאָרט נישט אַרויסנעמען. הונדערטער בולגאַרן זענען דאָ אויף דער וואַך. זיי דרייען זיך דאָ אַרום מיט אַזעלכע מעסערס און אייזערנע דרענגער! זיי טראַכטן גאָרנישט צו גיין שלאָפן... מען האָט שוין דריי מאָל אונטערגעצונדן דאָס הויז. פאַרברענט די פאַרהאַנגען, דאָס מעבל... אַלע הינער האָט מען צערויבט... מען זאָגט, אַז די הינער האָט מען אָוועקגעטראָגן פאַר די יתומים פון דעם הרוג. אַ וואַזשנע טרייסט... און אַז מען וועט „זיי" אָוועקנעמען פון דאַנען, זאָגט מען, וועט מען די ווילע אָפּגעבן פאַר אַ „גן ילדים" (קינ־דער־גאָרטן) אויפן נאָמען פון הרוג... דערוויל, זאָגט מען, גרייטן די בול־גאַרן אויף מאָרגן אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון תל־אביב. אין דער שפּיץ פון דער דעמאָנסטראַציע וועלן זיי טראָגן די יתומים... זיי וועלן פאָדערן טויט־שטראָף פאַר די מערדער. די לוויה וועט אויך נישט אַדורכגיין אַזוי רויק... בולגאַרן, פאַרשטייט איר מיר...

אינדעם האָט אַ בליציקע העלקייט אַ בלענד־געטון אין די אויגן. העלע פלאַמען האָבן זיך געריסן פון דער ווילע, דורך טיר און פענצטער. אַ מיס־טיש ליכטיקייט איז אויפגעגאַנגען איבער דער געגנט. פון די פלאַמען אַרויס האָבן זיך געהערט הייזעריק־פאַרמאַטערטע גערעמערן.

— אַ גאַנצן טאָג שרייען זיי אַזוי. זיי האָבן שוין קיין כח נישט צו שרייען, און אַרויסנעמען זיי פון דאָרט, קאָן מען נישט!

אנשטאָט רחמנות, האָבן אָט די קרעכצנדיקע הילפס־רופן אַרויסגערופן אַ נצחונדיקן יובל־געשריי:

— הוררראַאַאַ!!!...

און אַ פרישער האָגל פון שטיינער, פלעשער און בלעכענע קאָנסערוון־פּושקעס האָט זיך אַ שאָט־געטון צו די פלאַמענדיקע פענצטער.

— און עס איז גאָר נישט פאַראַן קיין געגנוג?! — האָט זכריה געצי־טערט פון אויפרעגונג — זיי זענען דאָך שוין חבוט־הקבר איבערגעקומען! און אפשר זענען זיי גאָר נישט שולדיק אויך?! ווער איז דער עדות? ווער האָט געזען? מעסערס האָט מען געפונען! פיר מעסערס, זעקס מעסערס, דרייצן! צעהיצטע פאַנטאַזיעס!

— אַזוי איז די מאַסע... איינער דאַרף אַ רייץ־טון — און די מאַסע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בלוט־דורשטיקע סטאַיע וועלף!

— אָבער „סאַמאָסאָנד"?! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?! אַנאַרכיע!

— נישטאָ קיין צוטרוי צום געריכט. קיין טויט־אורטייל איז דאָך ביי אונדז נישטאָ דערוויל. די בולגאַרן זאָגן, אַז מען וועט נאָך די „זינדעלעך" אַרויסלאָזן אויך... געבן זיי אַ מעגלעכקייט, צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד... בכן, איינער איז אַ קצין (אָפיצער) און ביידע האָבן געקעמפט פאַרן לאַנד... אַלנפאַלס גלייבט מען נישט, אַז זיי זאָלן קריגן אַ האַרבע שטראָף...

זעט אויס, אַז די העלע פלאַמען וואָס האָבן געזעצט פון דער ווילע־אַרויס, זענען פון אַריינגעפּליוכעטן בענזין. וואָרעם די העלע פלאַמען זענען באַלד פאַרשטיקט געוואָרן פון קנוילן רויך און דאָס הויז איז נאָך פינצ־טערער געוואָרן, ווי געווען. אויך דאָס קרעכצן פון אינעווייניק האָט שוין איצט געצאַנקט און געטליִעט — — —

***

זכריה איז נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דער געזעגענונג מיט זיידמאַנען. צוזאַמען געקומען אין לאַנד־אַריין, צוזאַמען זיך געוואַלגערט אין געצעלט פון בית־עולים, צוזאַמען געהאַנדלט און פאַרבראַכט טעג און נעכט. איצט פליט ער אַוועק איבער ימען און ווער ווייסט, צי מען וועט זיך נאָך אין לעבן אַמאָל באַגעגענען?... אַוודאי איז ער, צוליבן וועלן אים אַריינ־שלייערן זיין שוועסטערל פאַניעטשקען, באַגאַנגען אַן עוולה. אָבער אייגנט־לעך איז דאָך עס נישט קיין עוולה, נאָר אַ נאַרעשקייט. זכריה איז עס אים מוחל פון גאַנצן האַרצן. פאַרט אַ ווילער חבר און אַ גוטער פריינט. ער האָט דאָך געמיינט זיין שוועסטערס גוטס...

זיידמאַן, זיידמאַן... אַ פריילעכער חברהמאַן! ער נעמט דאָס לעבן לייכט. צי עס געפעלט אים יאָ די קאַנאַדעריין, צי נישט — ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און פליט אַוועק צו אַ נאָרמאַל, מענטשלעך לעבן.

און ער, זכריה, ער דרייט זיך דאָ אַרום איינזאַם ווי אַ קאָלעק. שטעקט אין דער פינצטערער דזשעבעליאַ צווישן אַזאַ ערב־רב, צווישן אַזאַ מין

אַנגעלויף, צווישן אַן עולם טשיזשיקעס! אַ הינטיש לעבן לעבט ער דאָ! און וואָס וועט ווייטער זיין? — עס איז אַ שווער לאַנד! וויפל בלוט ווערט אים פאַרצאַפּט ביים אויפשטעלן די דרוקעריי! צי וואָלט ער אויך נישט געדאַרפט אַזוי אַ שפּיי־טון אויף אַלץ און אַלעמען, פאַרקויפן די מאַשינען און אַנטלויפן אין דער וועלט־אַריין, ווו די אויגן וועלן אים טראָגן? — מענטשן נעמען זיך דאָך אין די הענט־אַריין. מענטשן כאַפּן־אָן זייער גורל ביי די הערנער! ווו איז דאָס אַהינגעקומען זיין ענערגיע? זיין אַמביציע?!...

די פּאָר גלעזלעך „לחיים" וואָס ער האָט דאָרט אויסגעטרונקען, האָבן זיך נאָך איצט אַלץ געלאָזן פילן. אָפּגעוווינט פון טרינקען. איצט רוישט עס אים אין קאָפּ און יאָגט שנעלער די געבלוטן.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער געמויערטער באַריער, וואָס פאַרן האַסטיקן באַרג־אַראָפּ צום ים־צו. עס איז אַ העלע לבנה־נאַכט. דער לבנה־דיקער קוועקזילבער איז צעפּלייצט און צעריזלט איבער דער געגרונצלטער אָיבערפלאַך פון אַ האַלבן ים־קיילעך. אין דעם כאָר פון די גרילן און קוואַקען פון די פרעש, הערט מען קוים ווי די פלאַכע וועלעכלעך פּליעס־קען דעם ברעג.

— פאַרוואָס שטייט זיך אַ יונגערמאַנטשיקל אַליין, אין אַזאַ שיינער לבנה־נאַכט?...

זכריה האָט זיך אומגעקוקט און דערזען נעבן זיך אַ יונגע פרוי. ער האָט גאָרנישט געהערט, ווען זי איז צוגעקומען. אַ העלע שאַטינקע איז זי, מיט געקרייזלטע רייך־לעקעלעך. זי איז אים פאַרגעקומען זייער באַקאַנט. ער האָט זיך, אָבער, בשום־אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, ווו ער האָט זי געזען.

— אַ יונגערמאַנטשיקל ווי איך?... כאַ־כאַ־כאַ... — האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — אַזאַ יונגערמאַנטשיקל ווי איך, פרויליין, וואָלט שוין געקענט זיין אייער טאַטע!...

— מיין טאַטע איז טאַקע אויך געווען אַ יונגערמאַנטשיקל... אָבער ער האָט נישט ליב געהאַט צו שטיין אַליין אין אַזעלכע לבנה־נעכט... צו זעכציק יאָר, האָט ער נאָך אַלץ נישט פיינט געהאַט דעם שיינעם און שוואַכן מין...

— איך האָב עס אויך נישט פיינט... כאָטש צו זעכציק בין איך נאָך גאַנץ ווייט...

— פאַרוואָס־זשע קוקסטו אין ים אַריין, ווען פרויען־אויגן זענען טי־פער און אינטערעסאַנטער ווי דער ים?... — איז זי באַלד אַריבער אויף „דו"

— אַט, גיב אַ קוק אין מיינע אויגן!...

— שיינע אויגן...

— און מיט אַזעלכע אויגן שטיי איך באַזונדער און דו — באַזונדער... עס איז דאָך לאַנגווייליק!...

— אמת. עס איז טאַקע לאַנגווייליק...

— דאַרף מען זוכן געזעלשאַפט... אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט... אַ דאַמען־געזעלשאַפט...

— איך אַנטלויף פון געזעלשאַפט.

— און פון מיין געזעלשאַפט וועסטו אויך אַנטלויפן?...

— וואָס טויג דיר אַן אַלטער ייִדן?...

— איך טרינק זייער גערן אַלטן וויין...

— הם...

— האָסט אַ סיגאַרעט?

— יאָ.

זכריה האָט אַרויסגענומען זיין זילבערנעם פּאַרטסיגאַר און איר מכבד־געווען. ער האָט איר אויך דערלאַנגט פייער.

— פאַררויכער דיינעם פּרי׳ער.

זכריה האָט פאַררויכערט און זי האָט איר סיגאַרעט פאַררויכערט אָן זיינעם. דערביי האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים מיט דער ברוסט און מיט אירער אַ קני — באַרירט זיינע. עס איז אים הייס געוואָרן. און כאָטש ער האָט פון דער ערשטער מינוט־אָן פאַרשטאַנען מיט וועמען ער האָט דאָ צו־טון, האָבן זיך זיינע געבליטן שנעלער צעיאָגט. זי זעט דאָך גאָרנישט אויס צו זיין אַזאַ... אַ יונגע, שיינע, רייצנדע מויד! — האָט ער זיך געטראַכט. דער מאַן אין אים, וואָס האָט שוין יאָרן געדרימלט, האָט איצט דערוואַכט מיט יוגנטלעכן דורשט און נייגער. אין זיין פאַרנעפּלטן מוח האָט נאָך עפּעס דערווידערט. אָבער די נאַקעטקייט פון דער יונגער פרוי, דער אינטימער אַדעקאָלאָן־אַראָמאַט פון איר פולער ברוסט, איר פּראָוואָצירנדיקער בליק און איר הייסע קני וואָס שפּאַרט זיך־אָן אָן זיינע מיט אַזאַ אומצווייידייטיקער אָנצוהערעניש, — האָבן זיין ניכטערער דערווידערונג פאַרשלעפּערט.

„וואָס בין איך דען אַ צדיק? — האָט ער זיך געפרעגט — איך האָב זיך דען אַ נדר־געטון צו זיין אַ נזיר? איך פאַראַט דען עמיצן? פייניק זיך אין די נעכט, ווי אַ ישיבה־בחור! מאַראַל־שמאַראַל — עס איז הפקר אַ וועלט! אָפּזאָגן־זיך פון אַזאַ מויד, דאַרף מען זיין אַ בטלן און עסן שטרוי! כאַפּט עס דער וואַטעמאַכער! — — —״.

זי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם נישט־דעררויכערטן סיגאַרעט און אַ זאָג־געטון:

— קום, גייסט מיט מיר?...

— וווּ ווילנסטו?

— נישט ווייט. דאָס הייסט: מיינע אַ חברטע וווינט דאָרט. זי איז איצט נישטאָ אין דער היים... איך האָב דעם שליסל...

— און טאָמער קומט זי?...

— ווערסטו זיך מיט איר אויך נישט סמען... קום, עס וועט שוין גוט זיין...

ער איז געגאַנגען.

דער הויכער און ברייטפּלייציק־צעוואָקסענער ייִד איז נאָכגעגאַנגען דעם שלאַנקן, רירעוודיקן מיידל, ווי אַ שעמעוודיק יינגל, וועלכער גייט באַ־גיין די ערשטע זינד. מיט אומרו האָט ער זיך געהאַלטן כסדר אין איין אומקוקן אין אַלע זייטן: קיינער זאָל אים, חלילה, נישט באַמערקן! לייביש זאָל אים נאָר, חלילה, נישט אַנטקעגן קומען!

זי האָט אים געפירט דורך שמאָלע, זאַמדיקע געסלעך, איבער בערג־לעך גרוז, מיסט, פאַרזשאַווערטע בלעכן און שטעכל־דראָט. אַראַבישע געס־לעך, אַראַבישע פלעצער, אַראַבישע חורבות. זי האָט געזאָגט „נישט ווייט" און שלעפּט אים שוין באַלד אַ קילאָמעטער!

— וווּהין פירסטו מיך?

— האָב נישט קיין מורא... דו קאָנסט שוין מיך נישט פאַרפירן און איך וועל דיך נישט פאַרפירן...

— אָבער האָסט דאָך געזאָגט „נישט ווייט".

— דאָס איז דאָס...

זי איז שטיין געבליבן ביי אַ ליימען שטיבעלע, ווי אַ קיאָסק די גרויס. אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ הענג־שלאָס. זי האָט אויפגעשלאָסן און אָנגעצונדן אַ נאַפט־לאָמפּ אונטער אַ ראָזן אַבאַזשור.

דאָס גאַנצע שטיבל איז באַשטאַנען פון איין צימערל און דאָס גאַנצע מעבל איז דאָ געווען אַ טיש, אַ טאַבורעטקע און אַן אייזערן בעטל. די ווענט זענען דאָ געווען אויסטאַפּעטירט מיט לויטער שיינהייטס־קעניגנס פון אי־לוסטרירטע זשורנאַלן.

זי האָט פאַרקייטלט די טיר און אים אַרומגענומען:

— וואָס שטייט אַ יונגערמאַנטשיקל אַזוי דערשראָקן?... מאַך זיך באַ־קוועם... — האָט זי אים אַ קוש געטון אין די וואָנצעס און אַ שנעל־געטון אין דער נאָז...

זי האָט אַן צערעמאָניעס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קליידל און איז שטיין־געבליבן אין אַ קורץ העמדל, אַן אַ ביוסט־האַלטער. מיט די לאַטשן האָט זיך זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט און עטוואָס אַראָפּגעדרייט דעם קנויט אונטערן ראָזן אַבאַזשור.

— נו, וואָס שטייסטו?... דייך מיידעלע וואַרט...

***

זי האָט אַרויפגעדרייט דעם לאָמפּ און זכריה האָט זיך גענומען אָנטון.

— יונגערמאַנטשיקל... וועסט נאָך קומען צו מיר?...

— קען זיין... ווי רופט מען דיך אייגנטלעך?

— מיך רופט מען ליובאַ... ליובאַ איז ליבע. און ווער עס וויל ליבע, דער קומט צו ליובאַן!...

— ליובאַ...

— מען רופט מיך אויך „לוטס טאָכטער״...

— „לוטס טאָכטער״?! — האָט זכריה אַ ציטער געטון.

— וואָס ציטערסט אַזוי? לוטס טעכטער זענען דען נישט געווען קיין גוטע מיידלעך?...

— יאָ, אָבער... כ׳האָב נישט געוווּסט...

זכריה האָט באמת נישט געוווּסט, וואָס ער רעדט איצט... דאָס וואָרט „לוטס טאָכטער״ האָט אים אַן עפן־געטון אַ פענצטערל אין זכרון און ער האָט זיך דערמאָנט און ער האָט זי דערזען: ליובאַ... יאָ, זי איז דאָך טאַקע איינע פון „לוטס טעכטער״!... רעניאַס חברטע... ער האָט זי געזען צוזאַמען מיט רעניען און מרימען ביים בית־חלוצות, ווען זיי זענען אַלע צוזאַמען אָנגעקומען...

— אַך, אַזוי!...

— וואָס? דו קאָנסט מיך?

— ניין... פון וואַנען דען?... — האָט זכריה געלייקנט — נאָר דער נאָמען איז אַן אינטערעסאַנטער... אָבער עס וווּנדערט מיך...

— וואָס אַזוינס?

— אַזאַ יונג, שיין מיידל...

— נאָר נישט קיין מאָראַל, מיין ליבער... נאָר נישט קיין מאָראַל... איך האָב נישט ליב, אַז מיינע ליבהאָבער פּרעדיקן מיר מאָראַל...

— חלילה! אָבער מיט אַזאַ לייב, מיט אַזעלכע אויגן... מיט אינטעליגענץ, מיט יונגקייט און מיט רייץ... — די גאַנצע וועלט איז דאָך אָפן פאַר דיר!...

— איך שפּיי אויף דער וועלט!

— די בעסטע קאַריערע וואָלסטו דאָך געקאָנט מאַכן...

— וואָס טויגן מיר קאַריערעס? איינמאָל לעבט מען און איינמאָל שטאַרבט מען!...

— און דאָס איז אַ לעבן?...

— איך האָב שענערע קליידער, צירונג און וועש, ווי אַלע מיינע חבר־טעס מיט „קאַריערעס"... איך פאַרברענג מיט וועמען איך וויל... אָט אַ שטייגער: מיט אַזעלכע געשמאַקע יונגעלייטעלעך ווי דו... זעסט, דאָ האָב איך פאַרנצויזישן פּערפיום... פאַריזער וווּרשט... איך רויכער „קעמל"־סיגאַרעטן, נאַש גוטן שאָקאָלאַד און עס אַלע טאָג אַ פּערטל הון... וואָס איז מיר שלעכט?...

— אַך, די הון...

— יאָ, דאָס שטיקל הון!... איר זעט דאָך: מען הרגעט דערפאַר מענטשן... מען פאָרט צוליב דעם קיין אויסלאַנד... איך האָב עס דאָ און אָן שוועריקייטן... מיינע ליבהאָבער ווילן דאָך נישט, אַז איך זאָל אויסזען שלעכט...

— אַוודאי דאַרפסטו נישט אויסזען שלעכט... ביזט אַ וווּיל מיידל...

— וועסט קומען צו מיר?...

— דאָ, הייסט עס, געפינט מען דיך? אין אָט דעם פּאַלאַץ?...

— ניין. איך וווין אין יפו. דאָס צימערל האָב איך נאָר בשותפות מיט מיינער אַ חברטע פאַר דזשעבעליער ראַנדעוווּען...

— דאָס איז, הייסט עס, אַ פיליע פון דיין יפוער פירמע?...

— יאָ. און טרעפן קענסטו מיך אין יפו, אויפן שטח־הגדול... — האָט זי זיך צערטלעך אַ טוליע־געטון צו אים.

זכריהן זענען שוין איצט אירע אַלע צערטלעכקייטן געווען איבעריק און דערווידער. אמת, ער האָט נאָך אַ טראַכט־געטון צו באַזוכן איר אַמאָל דאָ, אין דעם צימערל. אָבער דאָס וואָרט „שטח־הגדול" האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אימה.

— אַזוי? שטח־הגדול?... — האָט ער איבערגעפרעגט, טראַכטנדיק דערביי: „אָט אַזאַ פייגעלע ביסטו גאָר?! קאָנסטו שוין אויף מיר לאַנג וואַרטן!...".

וואָרעם דער „שטח הגדול" אין יפו, איז דער באַרימטער פּלאַץ פון דער ערגסטער אונטערוועלט. מיט דער אומקאָנטראָלירטער מאַסן־עליה זענען אָנגעקומען פאַרברעכער פון דער גאַנצער וועלט און דאָרט טאַקע, אויפן יפוער שטח־הגדול איז זייער בערזע. דאָרט זענען די מאַלינעס פון פּאַסערס, גנבים, רויבער און גאַסן־פּרויען. שוין אייניקע מאָל האָט זכריה אין דער פּרעסע געלייענט וועגן רויבערייען, אַפערעס, פּאָליציי־רעוויזיעס און אַפילו וועגן אַ מאָרד אויפן „שטח־הגדול". — וווּהין־זשע איז ער דאָס אַריינגעפאַלן?! אין אַזאַ שמוץ?! אין אַזאַ פאַרברעכערישער אונטערוועלט?!

עס איז שוין געווען אַרום דריי אַ זייגער ביינאַכט. זכריה האָט געאײַלט אַ היים, היפּערנדיק איבער בערגלעך גרוז, מיסט, פאַרזשאַווערטע בלעכן

און שטעכל־דראָט. ער איז געלאָפן פון ליובאַס הייזל אַן אויסגעניכטערטער און צעטרעוואָגעטער. עס האָט זיך אים שטאַרק פאַרגלוסט רויכערן. ער האָט געזוכט אין אַלע טאַשן זיין זילבערנעם פּאַפּיראָסניק און נישט געפונען. האָט ער עס דאָרט איבערגעלאָזן? פאַרגעסן? אָדער זי האָט עס אים פשוט אַרויסגעגנבעט?

ער איז אַ רגע שטיין־געבליבן ,טראַכטנדיק, צי ער זאָל גיין צוריק. באַלד, אָבער, האָט ער אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און גענומען שפּאַנען ווייטער.

— מיין כפּרה איז זי! דער זייגער איז דאָ, די שליסלען האָב איך. נאָך גוט וואָס איך האָב קיין סך געלט נישט געהאַט מיט זיך. יאָ, דער פּאָרט־פּעל איז אויך דאָ...

עס האָט אים איצט געעקלט פון זיך אַליין. ער האָט זיך אַליין פיינט געקראָגן, ווי אַ פרעמדן אויסוואורף.

— ווי קום איך צו אַזאַ־אָ?! — האָט ער זיך געמאַכט פאַרוואורפן — אַלץ די איינזאַמקייט, דעם עלנט! אין ערגסטן אָפּגרונט קען עס מיר פאַר־שלעפּן! אין שמוץ, אין קאָמפּראָמיטאַציע, אין מיאוסע קרענק און אין פאַר־ברעכן! איך זאָל נאָר נישט האָבן געכאַפּט פון איר קיין „מציאה"! נאָך דאָס פעלט מיר! איך קום אַהיים, מאַך אין גלייך אַ וואַנע. וועל מיך אָפּבאָדן און איבערטון פרישע וועש. ברררר!

ער האָט זיך דערמאָנט אַן פּערל־ליבען און זיך דערפילט נידעריקער געפאַלענער און זינדיקער פאַר איר. ניין! מיט וואָס אייגנטלעך איז פּערל־ליבע געפאַלן? מיט וואָס איז זי דאָס נידעריקער און זינדיקער פאַר אים?! פּערל־ליבע איז דאָך אין אַזאַ שמוץ נישט געזונקען! זי האָט געמיינט, אַז ער, זכריה, איז טויט, איז זי אַוועק לעבן מיט אַ צווייטן. נאָך דער מלחמה זענען דאָך געשען אַ סך אַזעלכע פאַלן! אַזוי פירט זיך דאָך אויף דער וועלט. עס איז דאָך נאַטירלעך, נאָרמאַל. און איצט, אַז ער איז צוריקגעקומען, ווייל זי זיך אומקערן צו איר מאַן. עס איז דאָך פאַרשטענדלעך. עס איז דאָך מענטשלעך! און ער?

מיט אַ גאַסן־מויד איז ער געלעגן! מיט אַ שמוציקער גאַסן־מויד! מיט לוטס אַ טאָכטער!... טפוי! אַ מאַן איז אַ חזיר! אַ נאַסטאַיאַשטשער חזיר! אין אַלדע בלאָטעס קריכט ער! און אַלץ די איינזאַמקייט, דער עלנט! ניין, עס קאָן אַזוי ווייטער נישט גיין! עס טאָר אַזוי ווייטער נישט גיין!

...פּערל־ליבע... און אפשר איז שוין טאַקע צייט צו מאַכן אַ סוף צו דעם גאַנצן קידער־ווידער? וואָס געווען, איז געוועזן! אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט, פאַרגעסן! פּערל־ליבע צאַנקט נעבעך ווי אַ ליכט. זי האָט אים אמתדיק ליב.

און, נאָכדעם ווי זי איז אַזוי געפּרוווט־געוואָרן, וועט זי אים זיין אַ געטריי ווייב!

און צוריק־געשמועסט: פאַר וועמען לייגט ער דאָ אַוועק זיינע כוחות? פאַר וועמען שטעלט ער דאָ אויף אַזאַ דרוקעריי? וויפל דאַרף דען איין מענטש אין זיינע יאָרן? בויט אַ פאַבריק און לעבט אַן איינזאַם־הינטיש לעבן! די רעסטאָראַן־מיטאָגן קריכן אים שוין נישט אין האַלדז. דאַרף זיך אַליין פאַרען ביי אַ גלאָז טיי, זאָרגן וועגן אַ שקאַרפעט, וועגן אַ העמד און וועגן אַ קנעפּל. עס איז דאָך טאַקע ווי פּערל־ליבע זאָגט: „וועגעטירט"!

פרוווּן צוריק אויפשטעלן אַ היים און אַ משפחה פאַר גאָט און פאַר לייט?... און פאַרוואָס טאַקע נישט פאַר זיך אַליין?... וואָס איז ער? — קיין מאַן נישט? שוין עובר־בטל? צו וואָס זאָל ער עס דאַרפן ביישטיין אַזעלכע נסיונות ווי היינט? אין גרויסן שטייט ער! — וואָס האָט ער נאָך צו שטיין אַנטקעגן פּערל־ליבען אין גרויסן? וואָס האָט ער דאָ אַזוי פיל אַריינצוטראַכטן? די ברירה איז דאָך דערוייל ביי אים. דערקעגן מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען „יענער" וועט צוריק־קומען, קען זיך אַמאָל די לאַגע ענדערן... ער וועט איבערצייַען די סטרונע און שפּעטער וועט זיין פאַרפאַלן!

פּערל־ליבע... יאָ, אויף לייבישעס קאָנצערט וועט זי דאָך זיין. לייביש רעדט אים אויך צו... דער גאַנצער פאַרדרוס איז דאָך געווען ביי אים מער צוליב די קינדער ווי צוליב זיך אַליין... און אַז די קינדער... וואָס האָט ער געזאָגט, לייביש, וועגן עזריאלן? — — —

## קאַפּיטל אַכט

# קאָנצערט

דאָס קאַסע־פענצטערל פון „אהל־שם״ איז שוין געווען פאַרמאַכט, ווען טשיזשיק און רעניאַ מיט זייער כאַליאַסטרע זענען אָנגעקומען.

טשיזשיק האָט רוגזהדיק געקלאַפּט אין פאַרמאַכטן פענצטערל, אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפערט. וואָרעם דאָס ביסל איבערגעבליבענע בילעטן איז שוין געלעגן אין די קעשענעס פון די אויסקויפער, וועלכע האַנדלען דערמיט פאַרן טעאַטער, אויף דער גאַס.

זכריה קאַרלסבאַד איז פּונקט געשטאַנען אינדרויסן, פאַרן אַריינגאַנג. ער האָט געריוכערט און אָבסערווירט דעם עולם, קיין עין־הרע, וואָס שטראָמט און שטראָמט אין טעאַטער־אַריין, זען און הערן זיין זון... ער האָט געקוקט אויפן עולם, געקוקט אויף די אַפישן מיט דער דיקער, רויטער שורה:

### ליאָוואַ באַד

און געטראַכט האָט ער, אַז „ליאָוואַ באַד״ איז שוין מער פירמע, ווי זכריה קאַרלסבאַד... לייבישל איז שוין אין ישראל פּאָפּולערער, ווי זכריה קאַרלסבאַדס דרוקעריי איז געווען אין וואַרשע... ניין, ליאָוואַ באַד וועט שוין קיין דרוקער נישט זיין... אָט אַן עולם, קיין עין־הרע... סאַמע סמעטענע!... אַלץ תל־אביבער, זעט־אויס. קיין איין עולה־חדש זעט מען נישט. קיין איינעם פון דער שיף, פון בית־עולים. ער וואָלט כאָטש געוואָלט טרעפן דאָ אַ שכן פון דזשעבעליאַ...

און ווי זכריה וואָלט עס אַרויסגעטראַכט אין אַ שלעכטער מינוט, האָט ער פּלוצלונג דערזען טשיזשיקן מיט רעניען, בראש פון זייער כאַליאַסטרע.

— געטראַכט פון אַ מלאך, איז געקומען אַ גלח! — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטון מיט אַ ביטערן שמייכל.

זייער וויל־יונגערישער גאַנג, די בגילופנדיקע פּנימער און דער

פריילעך־ באַלעגאַלישער רעדן אַלע צוזאַמען און הויך אויפן קול, איז זכריהן נישט געפעלן. עס איז אים תיכף איינגעפאַלן ,אַז דאָס זענען זיי גע־קומען אָרגאַניזירטערהייט, עפּעס אויפצוטון. אַלנפאַלס — נישט אָפּצוגעבן לייבישלען קיין כבוד... וואָס טוט מען דאָ? — האָט ער זיך געפרעגט, רויכערנדיק נערוועז זיין סיגאַרעט און פילנדיק אַ בורטשעניש אין די געדערים.

טשיזשיקס טראַסקען אין פאַרמאַכטן פענצטערל האָט אים דווקא פאַר־שאַפט הנאה: קיין בילעטן זענען שוין נישטאָ... ער קען דאָרט רעדן צו דער וואַנט!... פאַרשפּעטיקט... וועלן צוריקגיין מיט עגמת־נפש...

באַלד, אָבער, איז זיין בליק געפאַלן אויף די דרויסנדיקע בילעטן־הענדלער. אָט דאָס טויג נישט! לשם פאַרזיכטיקייט, מוז ער זיך מיט זיי פאַרזיכערן!

— העי חבר! — האָט ער אַ רוף געטון איינעם פון זיי.

— בבקשה.

— הער נאָר: מיט בילעטן אינדרויסן איז פאַרבאָטן צו האַנדלען. דאָס ווייסטו. אָבער מיך אַרט עס נישט. האַנדל און פאַרדין. נאָר דו זעסט אָט יענע חברה? — האָט ער געוויזן אויף טשיזשיקן און זיינע לייט — זיי זענען געקומען שטערן דעם קאָנצערט. אויב דו, אָדער ווער פון דיינע חברים וועט זיי פאַרקויפן איין בילעט, רוף איך גלייך משטרה! פאַרשטאַנען?!

— בסדר.

— זאָג עס אַלע דיינע חברים! איך וועל אַכטונג געבן אויף אייך!

— בסדר!

נאָכדעם איז זכריה צוגעגאַנגען צו די קאָנטראָלערן ביים הויפּט־אַריינ־גאַנג און זיי אָנגעזאָגט דאָס זעלבע.

עס האָט זיך דערהערט דער דריטער קלונג. דער דרויסנדיקער עולם האָט אַוועקגעוואָרפן די סיגאַרעטן און גענומען אַריינגיין אין זאַל.

זכריה האָט זיך פאַרטייעט אין אַ ווינקל, אָפּצוואַרטן און זען מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן...

ווען דער גאַנצער עולם איז אַריין, איז אויך טשיזשיק צוגעקומען. ער האָט געפאַכעט פאַר דער נאָז פון בילעטיער מיט אַ נייעם, קנאַקעדיקן פּופציק־פּונטיקן באַנקנאָט און געמאַכט קולות, מען זאָל אים אַריינלאָזן מיט זיין געזעלשאַפט. די בילעטיערן האָבן אים צוריק געשטויסן און פאַר־מאַכט די טיר. טשיזשיק איז אַריין אין רציחה און גענומען זעצן אין דער טיר מיט די פיס.

— אך וויל אָנקוקן ווי דער כניאָק מאַכט זיך דאָרט פאָ...וואַטע! —

האָט ער געגוואַלדעוועט — איך וויל הערן ווי דאָס כפּרה־הענדל קריייעט דאָרט קוקעריקו־ו־ו־!... — האָט ער אַריינגעקרייעט.

עס זענען אָנגעקומען צוויי שוטרים, וועלכע האָבן אים, אויף אַן „איידעלן אופן" באַזייטיקט פון דער טיר.

ערשט איצט האָט זכריה אָפּגעאָטעמט דערלייכטערט און אַ צופרידע־נער אַריין אין זאַל.

אין זאַל איז שוין געווען טונקל. דער אָרקעסטער האָט שוין געשפּילט די אוווערטורע. אַ בילעטער מיט אַ טאַשן־לעמפּל איז געגאַנגען פאָראויס און זכריהן געוויזן זיין פּלאַץ אין דער דריטער ריי. פון צופרידנקייט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן אַ סקאַנדאַל און עגמת־נפש, האָט ער דעם בילעטער אַריינגערוקט אַ האַלבן פונט.

— סליחה... אַנטשולדיקט... פּשעפּראַשאַם... — האָט ער איבערגעבעטן די זיצנדיקע, דורכשטופּנדיק־זיך צווישן די ענג־צוזאַמענגערוקטע רייען און פאַרנומען זיין זיץ־פּלאַץ.

— גוטנאָוונט, זכריה...

— שלום, אדון קאַרלסבאַך...

— מזל־טוב, בעל־שמחה! אַ מחותן קומט דער לעצטער?...

פון אַלע זייטן איז עס אים געקומען... נאָך איידער זכריהס אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט און נאָך איידער ער האָט דערזען, ווו ער געפינט־זיך, האָט ער לויט די שטימען פון די באַגריסער, דערקענט וווער זיינע שכנים זענען דאָ:

רעכטס זיצט פּערל־ליבע... לינקס — אילנה... און הינטער זיינע פּליי־צעס, אין דער פערטער ריי — דער „יודאַנער"...

— מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל, מאחורי רפאל... — האָט זכריה געלאַכט. — גאָרנישט געזען...

— אָבער מלפני וועט זיין שכינת־אל... — האָט דער „יודאַנער" גע־וויזן צו דער בינע. — דאָס גאַנצע משפחהלע... אַ היימישע שמחה...

— יאָ, יאָ... — האָט זכריה צוגעבאָמקעט און געטראַכט: „לייבישלס איינפאַל!... דער „ממזרוק" האָט עס עקסטרע אַזוי געמאַכט... איינס נעבן צווייטן געזעצט און פריער נישט אויסגעזאָגט... שוין איינמאָל אַ ממזר־יונג, אַ געזונט אים אין ביינער אַריין!"...

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט, זכריה?... — האָט אים פּערל־ליבע אַ שעפּ־טשע־געטון אין רעכטן אויער.

— געשטאַנען אינדרויסן. געררויכערט. באַטראַכט דעם עולם... אַן עולם, קיין עין־הרע!...

— און איך בין שוין געווען אומרו:ק... — האָט פערל־ליבע געפליס־טערט.

— אומרו:ק? — ווייבערישע מעשׂות!

— זיך קוים דערוואָרט דעם היינטיקן אָוונט, זכריה...

— נו, וועסטו דאָך באַלד האָבן נחת...

זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט, פערל־ליבע, אַריינצוצי:ען זכריהן אין אַן אינטימען שמועס. אויף אַלץ ענטפערט ער אַזוי זייטיק, אַרויסדרייענדיק־זיך פון אַ דירעקטן ענטפער אויף דער פראַגע. צי פילט ער נישט? צי פאַרשטייט ער נישט?... צי מיידט ער עס טאַקע אויס בכיוון? זי וואָלט דאָך שוין אַזוי געוואָלט וויסן, ווו זי האָלט מיט אים אין דער וועלט! מאָרגן קומט שוין גפני... מאָרגן! נו, ווי זאָל זי האַנדלען? וואָס זאָל זי טון? — אַז קיין גלייך וואָרט ענטפערט ער נישט זכריה. און דאָ, האָט זי לייביש באַזעצט צווישן עדות! צווישן פינקעלשטיי־נען און אילנהן! אַ קינד בלייבט אַ קינד! געמיינט, ער פאַרשטייט אַן ענין... נאָכוואָס האָט זי דאָ איצט באַדאַרפט אילנהן און פינקעלשטיינען מיט די אַנגעשפּיצטע אויערן?! ווען זיי זיצן אַליין...

— און וואָס מאַכסטו, אילנה?

— ס׳קלאַפּט מיר דאָס האַרץ...

— דאָס איז גוט... אין דיינע יאָרן, האָט עס ביי מיר אויך געקלאַפּט...

— האָט זכריה געזאָגט, נישט מודה־זייענדיק, אַז אויך איצט קלאַפּט אים דאָס האַרץ... עס קלאַפּט צוליב לייבישעס אויפטריט און עס קלאַפּט צוליב פערל־ליבעס טוליען־זיך צו אים, ווי אַ קעצל...

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן. פאָרן פאָרהאַנג איז אַרויסגעלאָפן אַ קליין פאַרשווינדל מיט אַ גרויסן פּליך. דער קאָנפעראַנסיע. ער האָט גע־טראָגן אַ געל העמד, אַ בלויען קראַוואַט מיט גרינע בלומען, ווייסע הויזן און שוואַרצע שיך. ער האָט צעפּראַלט אַ מויל מיט מעטאַלענע ציינער, ווי צום געגעצן און אַ זאָג־געטון, שאַרנדיק מיט אַ פיסל, ווי אַ הון אין זאַמד:

— ערב־טוב, רבותי!... אנחנו מתחילים בתכניתינו...

רייבנדיק אַ האַנט אין אַ האַנט, האָט ער גערעדט אַ זייער געדיכטן און זייער שנעלן עברית, ווי ער וואָלט געדאַרפט אָפּשטיין אַ שנעלע שמונה־עשׂרה, איילנדיק־זיך צו אַ צוג. זכריה האָט קיין וואָרט נישט פאַר־שטאַנען, אָבער דער עולם האָט געלאַכט און אַפּלאָדירט.

דער קאָנצערט־פּראָגראַם האָט זכריה דערמאָנט אָן די סאָוויעטישע פילהאַרמאָניע־בריגאַדעס, ווו עס פלעגן אויפטרעטן איינער נאָכן אַנדערן: אַ פידל־ווירטואָז, אַ טעלעפּאַט, אַן אָפּערן־זינגער, אַן אייזן־ברעכער, אַ

באַלעט־טענצערין, אַ האָקוס־פּאָקוסניק, אַ רעציטאַטאָר פון קלאַסישע ווערק און אַ פייער־שלינגער...

אויך דאָ איז איצט געווען אַזאַ שעטנז־געמיש: אַלס ערשטן נומער פון פּראָגראַם, האָט אַ גאַנץ־געשיקטער קסילאָפאָניסט מיט אַ טשופּרינע וואָס איז אים כסדר געפאַלן אין די אויגן־אַריין, אויסגעקלאַפּט מיט זיינע העמערלעך אַ פּאָפּורי פון ישראל־מעאָדיעס.

נאָך אים, איז געקומען אַ פידל־סאָליסט. ער האָט געשפּילט אַן איי־גענע קאָמפּאָזיציע אונטערן נאָמען „עם ישראל חי״. דער קאָנפעראַנסיע האָט אַפילו געמאָלדן ,אַז די קאָמפּאָזיציע איז ערשט די לעצטע וואָך גע־שאַפן געוואָרן און אַז דער קאָמפּאָזיטאָר־ווירטואָז וועט עס היינט שפּילן צום ערשטן מאָל פאַר קהל. פון דעסטוועגן האָט זיך זכריהן געדאַכט, אַז ער הערט שוין די קאָמפּאָזיציע צום הונדערטסטן מאָל. וואָרעם אין דעם נייעם „עם ישראל חי״ האָט ער דערקענט צענדליקער אַלטע פראַגמענטן פון רוסישע, אוקראַינישע און ווייסרוסישע לידער. עס איז געווען אַ כאַ־כאָלסקער, אַ קאָזאַצקער „עם ישראל חי״... פון דעסטוועגן, האָט ער גע־האַט נישט־ווינציקער דערפאָלג פון דעם קסילאָפאָניסט. דאַן איז געגעבן געוואָרן אַ סקעטש, אין וועלכן צוויי סוכנות־באַאַמטע איזדיעקעוועון־זיך איי־בער אַן עולה־חדש. איינער שיקט אים צום אַנדערן און דער אַנדערער — צוריק צום ערשטן. ערשט ווען דער „עולה־חדש״ חלשט און מען מינטערט אים אָפּ, ווייזט זיך אַרויס ,אַז דאָס איז גאָר אַ מיניסטער... פון דעם סקעטש האָט שוין אַפילו זכריה שטאַרק הנאה געהאַט. דאָ האָט ער שוין שטאַרק אַפּלאָדירט און געשריגן „בראַוואָ!״ העכער פון גאַנצן עולם...

ערשט נאָך אַ טאַנץ־דועט (אַ פּאָלקע־מאַזורקע אין אוקראַינישע קאָס־טיומען), האָט דער קאָנפעראַנסיע פייערלעך געמאָלדן:

— הכוכב שלנו ליאַוואַ באַד!...

און כאָטש „באַד״ און נישט קאַרלסבאַד, האָט עס זכריהן אַ זעץ־געטון אין האַרץ. עס איז אים געוואָרן הייס אין קאַרק, אין די אויערן. אַ דינער שווייסל איז אים אַרויס אויפן שטערן. עס האָט זיך אים פּלוצלונג שטאַרק פאַרגלוסט רויכערן. פערל־ליבע האָט אָנגעכאַפּט זיין רעכטע האַנט, זי שטאַרק געדריקט און צוגעלייגט צו איר פלאַטערנדיק האַרץ. אויך אילנה האָט אַ פלאַטער־געטון מיט אַ קורצן אָטעם און אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אָן זכריהס לינקן אַקסל.

— ששש... וויבער... האַלט־זיך... — האָט זכריה געזאָגט צו די „וויבער״ און געמיינט נישט־ווינציקער זיך אַליין...

לייביש, דערקעגן, איז אַרויף אויף דער בינע היימיש און פריי, ווי ביי זיך אין שטוב. דער עולם האָט אַפּלאָדירט און ער האָט זיך געגריסט

מיט אַ לצנות־שמייכעלע פון אַ ייִנגל אַ שטיפער, וועלכער וועט באַלד אַלע־מען אָפּטון עפּעס אַ פריילעך שפּיצל... אָבער אָנגעהויבן האָט ער גאָרנישט מיט קיין פריילעכס, ווי עס איז געוועזן פון אים צו דערוואַרטן און דווקא אויף עברית. ער האָט געזונגען דאָס ליד „באַב־אל־ואַד״ (באַב־על־וואַד), וועגן די שלאַכטן פאַר ירושלים. ער אַליין איז דאָך דאָרט פאַרוווּנדעט־געוואָרן. דער לצנות־שמייכל איז פאַרשוווּנדן און אין זיינע פּייכט־פאַרנעפּלטע אויגן, האָט מען געזען, אַז ער לעבט ווידער איבער יענע טעג און נעכט, וועגן וועלכע ער זינגט:

פּה רתחו בשמש זפת ועופרת,
פּה עברו לילות באש וסכינים.
פּה שוכנים ביחד עצב ותפארת,
משורין חרוך ושם של אלמוני.
באב־אל־ואד! —
לנצח זכור נא את שמותינו...
(דאָ אונטער דער זון האָט פּעך און בליי געזאָטן,
און נעכט זענען דאָ דורך מיט פייער און מיט שווערד
צוזאַמען רוען דאָ אי פּראַכט, אי טרויער־שאָטן,
אַ פאַרברענטער פּאַנצער און רום פון אומבאַקאַנטן העלד.
באַב־על־וואַד! —
געדענק אויף אייביק אונדזערע נעמען!...)

זכריה האָט געקוקט אויף לייבישעס פייכט־פאַרנעפּלטע אויגן און זיינע אייגענע אויגן זענען אים אויך אַזוי פאַרלאָפן־געוואָרן. אַ ביטערקייט אין דער נאָז האָט געבריט צו טרערן: באַב־על־וואַד, וואָס פאַר ירושלים, האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעגאָסן מיט עיראַק־סואַידאַן, די פעסטונג פון נגב. אין זידנדיקן פּעך און בליי, אונטער בלאַנקענדיקע מעסערס, האָט ער איצט געזען לייבישן אַ פאַרוווּנדעטן און עזריאלן, אַ צעריסענעם, ווי ער צאַפּלט־זיך אין גסיסה־קראַמפּן. דאָס הייליקע לאַנד איז נאָכאַמאָל געהייליקט־געוואָרן מיטן בלוט פון זיינע קינדער. זיין בלוט איז עס און זיין לאַנד איז עס! זאָלן די זיידמאַנס פאַרן! זאָלן זיי לויפן! ער, זכריה, בלייבט דאָ! ווי קען ער ער גאָר טראַכטן צו פאַרלאָזן די ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט זיין בלוט?! אלא, די ביוראָקראַטישע פּקידימלעך, וועלכע איזדיעקעווען־זיך איבער אים און מאַכן אים אָן אַלע שווערקייטן? — מיט דער צייט, וועט מען זיך מיט זיי עצהנען! ווי קרעץ פון לייב, וועט מען זיי באַזייטיקן און דאָס לאַנד וועט זיין אַ געזונט לאַנד! ער איז נישט מער קיין עולה־חדש! ער איז דאָ נישט אויף קיינעמס חסד! אַ גלייכער שותּף איז ער דאָ

צום לאַנד! אַ גלייכבאַרעכטיקטער! — האָט זכריה שטאָלץ אַ הויב־געטון דעם קאָפּ...

פּערל־ליבע האָט זיך געווישט די אויגן. אילנה, מיט צעפּלאָנטע בעקלעך, האָט שטאַרקער פון אַלעמען אַפּלאָדירט. זכריה האָט זיך אומגע־קערט און געקוקט צום עולם. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג: דער גאַנצער עולם זאָל וויסן, אַז דאָס איז ער... ער... — דער טאַטע פון די זין... פון די רומפּולע זין... ער — דער גלייכבאַרעכטיקטער שותף צום לאַנד!...

און ווידער האָט זיך אויף לייבישעס פּנים צעשפּילט דאָס לצנות־שמייכעלע. ער האָט אַ צי־געטון דעם אַקאָרדעאָן און געמאָלדן:

— אַ פּאָפּורי פון יידישע פאָלקס־לידער!... אילנהן געווידמעט...

— אוי... — האָט אילנה אַ פלאַטער־געטון און זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט...

— „אוי, מאַמע, בין איך פאַרליבט!"... — האָט לייביש געזונגען.

און ווייל די פאָלקס־לידער זענען גוט באַקאַנט, האָט דער עולם אין זאַל מיטגעברומט, מיטגעזונגען אין כאָר. די שטימונג איז געוואָרן הייטער און הייטערער פון אַלע איז איצט געווען זכריה. אָבער אַז לייביש האָט צו אים, פון דער בינע־אַראָפּ, אַ שקאָצישן ווונק־געטון און גענומען זינגען דירעקט צו אים:

לאָמיר זיך איבערבעטן,<br>
איבערבעטן,<br>
שטעל דעם סאַמאָוואַר...<br>
לאָמיר זיך איבערבעטן,<br>
זײַ־זשע נישט קיין נאַר... —

איז זכריה רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. ווי אַן אָפּגעשמיסן חדר־ייִנגל. ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך גענומען איינקורטשען, אַז מען זאָל אים נישט זען, נישט מערקן... אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער עולם קוקט איצט צו אים און לאַכן פון אים, ווי פון עפּעס אַ שלימזל... בפרט נאָך, אַז דער „יודאַנער" האָט אים געגעבן אַ פּעטשל אין דער פּלייצע און אַ זאָג־געטון:

— ר' זכריה... דאָס מיינט ער נישט מיך!...

און פּערל־ליבע האָט נאָך שטאַרקער געדריקט זיין האַנט צו אירער...

***

צומאָרגנס איז געקומען גפני.

באַאַינען איז דאָס געווען. פּערל־ליבע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן.

אַ שאַרפֿער קלונג האָט איר אַ הייב־געטון פֿון בעט. אין די פּידזשאַמעס איז זי געלאָפֿן צו דער טיר עפֿענען.

— ווער איז?

— איך, פּנינה.

פּערל־ליבע האָט געשטוינט: גפּני איז געקומען אַן וואַליזן, אַן פּעק־לעך. נאָך אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַן אורח: עפּעס אַ דאַר פֿאַרשווינדל אין אַ צעדרייטן קאַפּעליוש, מיט דיקע ברילן־גלעזער אויף אַ שאַרפֿער, ביינערנער נאָז און מיט אַן אַקטן־טאַש אונטערן אָרעם. ווי אַ שרייבערל ביי אַ ווינקל־אַדוואָקאַט האָט ער אויסגעזען.

— שלום, פּנינה! — האָט גפּני געזאָגט מיט פֿרעמדלעכער קילקייט.

ער האָט זי נישט אַרומגענומען און נישט געקושט, ווי תמיד ווען ער קומט פֿון אַ נסיעה. אַפֿילו די האַנט נישט דערלאַנגט. צוזאַמען מיטן צווייטן פֿאַרשווין איז ער גלייך אַריין צו זיך אין צימער. דאָרט האָבן זיי זיך עט־לעכע מינוט געסודעט און דאַן האָט גפּני אַ רוף־געטון, מיט אַ טאָן פֿון אָפֿיציעלער העפֿלעכקייט:

— פּנינה, זיי מוחל אויף אַ פּאָר מינוט. איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן.

— איך קום באַלד. — האָט פּערל־ליבע געענטפֿערט און פֿיבערנ־דיק אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך איר מאָרגן־קלייד.

מיט אַלע חושים האָט זי דערפֿילט, אַז עס איז געקומען אַן ערנסטער, אַן אַנטשיידנדיקער מאָמענט. עפּעס האָט דאָ גפּני צוגעגרייט. קיין גוטס דערוואַרט זי נישט פֿון אים. אַ באָמבע וועט דאָ באַלד פּלאַצן!

— זאָל געשען וואָס עס וויל זיך! — האָט זי אַ זאָג־געטון צו זיך אַליין

— מיר איז שוין אַלץ איינס!

און זי איז אַריין אין גפּניס צימער.

— זיץ, פּנינה. — האָט גפּני העפֿלעך געבעטן — איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן.

פּנינה האָט זיך געזעצט מיט אַ געמיט, ווי אין וואַרטע־צימער פֿון אַ צאָן־דאָקטער. זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן פֿאַרשווינדל מיט די דיקע ברילן־גלעזער, וועלכער האָט זיך שלימזלדיק געפּאָרעט ביי זיין אַקטן־טאַש. „וואָס וויל דאָ דער שלימזל?" — האָט זי זיך געפֿרעגט.

גפּני האָט פֿאַרשטאַנען איר בליק און באַלד אויפֿגעקלערט:

— דאָס איז מיינער אַ מענטש, פּנינה... איך וויל טאַקע, ער זאָל זיין אַנוועזנד ביי אונדזער שמועס...

— אַן עדות?... — האָט פּערל־ליבע אַ געקינצלטן לאַך־געטון.

— אַ כמו עדות...

— נו, נו...

— עס האַנדלט זיך וועגן דעם, פנינה, וואָס... דו ווייסט? איך בין שוין דריי טעג אין תל־אביב...

— ניין. איך האָב נישט געוווּסט.

— יאָ. שוין דריי טעג. און אויך איצט בין איך געקומען אויף נישט צו בלייבן. דו הערסט?

— איך הער.

פון פערל־ליבעס קורצע ענטפערס און פון איר גאַרנישט איבער־ פרעגן, האָט גפני פאַרלוירן זיין קוראַזש. ער האָט איצט אינגאַנצן געענ־ דערט זיין טאָן:

— דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, פנינה, אַז אַזאַ לעבן, ווי מיר האָבן לעצטנס געפירט, איז אומדערטרעגלעך?

— יאָ.

— און אַז לענגער אַזוי קאָן עס נישט אָנהאַלטן...

— ניין.

— פריִער אָדער שפעטער, עס וואָלט דאָך דערצו געמוזט קומען... איך האָב אַלץ אַרומגעטראַכט. די שולד איז נישט מיינע.

— נישט וויכטיק.

— עס איז יאָ וויכטיק. איך ווייס נישט, צי דו ביסט אַנטשלאָסן. אָבער אַנדערש קאָן עס שוין נישט זיין.

— וואָס האָסטו באַשלאָסן?

— מיר זאָלן זיך צעגיין ווי גוטע פריינט.

— אַמ...

— קיין שום אומאָנגענעמע פאָרמאַליטעטן דאַרפן מיר נישט אַדורכ־ מאַכן. מיר האָבן נישט חתונה־געהאַט און מיר דאַרפן זיך איצט נישט גטן... איך האָב באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן אַלץ דערליידיקן צווישן־זיך שטיל, סאָ־ ליד, ווי אייראָפּעער. נישט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער... מיר דאַרפן זיך דורכרעדן און פאַרשפאָרן גיין צו מענטשן.

— דאָך האָסטו געבראַכט אַן עדות...

— דאָס איז מיינער אַ מענטש. אַן אָנפאַרטרויטער. ער ווייסט סיי־ווי אַלץ.

— איך האָב נישט דערקעגן...

— איך האָב באַשלאָסן צו פאַרענדיקן ווי אַ דזשענטלמען. וואָס בעיזען איז געווען. מיר דאַרפן זיך צעגיין ווי גוטע פריינט.

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך? גאַרנישט. איך מיין, אַז דו פאַרלאַנגסט?...

— אויך גאָרנישט.

— הער, פנינה: ווי געזאָגט, בלייב איך דאָ נישט. איך גיי אַוועק. איך לאָז דיר איבער די וווינונג, דאָס מעבל און אַלץ וואָס איז דאָ אין שטוב. איך וועל נעמען בלויז מיין מענער־גאַרדעראָב און מיינע פּערזענלעכע קליי־ניקייטן, וואָס דיר קענען זיי סיי־ווי נישט נוצן...

— נעם וואָס דו ווילסט.

— און ווי זעסטו אויס מיט געלט?

— ווילסט אַ גענויעם חשבון?...

— ניין. איך וויל נישט מער פון דיר קיין חשבונות. איך וויל נאָר וויסן, צי דו האָסט געלט? אָדער דו דאַרפסט עפּעס געלט?

— איך האָב נישט און דאַרף נישט.

— נו, אינגאַנצן אָן געלט וועל איך דיך נישט לאָזן. כאָטש איך ווייס נישט ווו דו האָסט אַהינגעטון...

— ווילסטו יאָ אַ חשבון?...

— ניין. נישט וויכטיק. אַלזאָ, איך לאָז דיר נאָך דריי טויזנט לירעס.

— מען דאַרף נישט.

— ניין. נעם דריי טויזנט לירעס! — האָט גפני אַוועקגעלייגט אַ פּעקל נייע אַסיגנאַציעס אויפן טיש — ביז דו וועסט זיך באַטראַכטן, וואָס דו האָסט צו טון, ביז דו וועסט זיך אראַנזשירן... אַנדערהאַלבן יאָר קענסטו, פאַר דעם געלט, לעבן אָן זאָרג.

— איך דאַרף נישט דאָס געלט.

— דאַרפסטו נישט היינט, וועסטו דאַרפן מאָרגן. איבעריקנס, איך האָב עס דיר אַוועקגעגעבן. עס איז דיינס און טו דערמיט וואָס דו ווילסט. איך פאַרלאַנג נאָר פון דיר דו זאָלסט זאָגן, אין דעם מענטשנס אַנוועזנ־הייט, אַז איך בין פולשטענדיק אין אָרדענונג לגבי דיר און אַז דו האָסט צו מיר גאָרנישט.

— איך האָב צו דיר גאָרנישט...

— קיינע שום פּרעטענזיעס?

— קיינע שום פּרעטענזיעס!... ביסט פריי צו גיין חתונה־האָבן מיט וועמען דו ווילסט.

— קענסט עס מיר אונטערשרייבן?...

— מיטביידע הענט...

דאָס פאַרשווינדל מיט די דיקע ברילן־גלעזער, ווי ער וואָלט נאָר אויס־געוואַרט דעם מאָמענט, האָט גאַנץ שלימזלדיק אַ דרוק־אונטער געגעבן אַ בויגן פּאַפּיר אונטער פּערל־ליבעס נאָז.

— ביטע, מאַדאַם... אָט דאָ, אונטן...

דער צוגעגרייטער בויגן פּאַפּיר איז געווען געדיכט באַשריבן מיט מאַשין־שריפט. אָן אַ שיעור אָפּזאַצן, פּונקטן, פּאַראַגראַפן. די שורות און אותיות זענען איר געשפּרונגען פאַר די אויגן. אַ צעוויגטער וואַלד פון ווערטער. און אפשר וויגט זיך עס ביי איר אין קאָפּ? יאָ, עס שווינדלט איר בכלל פאַר די אויגן. הענט און פיס ציטערן איר אויך. וואָס ציטערט זי אַזוי? זי דאַרף דאָך זיין גליקלעך!...

זי האָט גענומען פון גפנין די פּילפּעדער און אונטערגעשריבן.

— איר דאַרפט איבערלייענען, מאַדאַם... — האָט דאָס פאַרשווינדל געזאָגט.

— ניין, נישט וויכטיק. גאַנץ עגאַל.

— אויב איר ווילט אַ קאָפּיע...

— איז... — האָט גפני געצויגן.

— געענדיקט... ביסט פריי...

— איך האָף, אַז דו נעמסט עס נישט טראַגיש?...

— ניין...

— קען איך נעמען מיינע זאַכן?

— נעם אַלץ וואָס דו דאַרפסט. — האָט זיך פּערל־ליבע אויפגעהויבן פון טיש, ווו זי האָט איבערגעלאָזט דאָס פּעקל אַסיגנאַציעס, און זי האָט זיך פאַרנומען אַרויסצוגיין פון צימער.

— פּנינה, זיי פון דעסטוועגן... זע וואָס...

— עס איז מיר נישט אינטערעסאַנט. נעם אַלץ וואָס דו ווילסט. אַ ליידיקע וואַליזע ליגט אויף דער אַנטראָסאָלקע אין באָד־צימער.

זי האָט זיי איבערגעלאָזן און איז אַריין צו זיך. זי האָט זיך קודם־כל אַ שליידער־געטון אויף דער סאָפע, אָבער באַלד האָט עס איר פון דאָרט אונטערגעהויבן. עס האָט איר געפעלט לופט. היץ־כוואַליעס האָבן זיך צעיאָגט איבער איר גאַנצן קערפּער. זי איז אַרויס אויף דער טעראַסע זיך אָפּקילן. זי האָט זיך, אָבער, באַלד געכאַפּט, אַז אירע האָר זענען צעשויבערט און די באַקן — צעפלאַמט. שכנים קענען עס מערקן... זי איז צוריק אַריין אין צימער און זיך אָפּגעפרישט מיט אָדעקאָלאָן. דאָס האַרץ האָט איר מאָדנע געקלאַפּט. זי האָט געסאָפּעט קורץ און שנעל, ווי זי וואָלט געלאָפן און זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. די קני האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן און זי האָט זיך ווידער געזעצט אויף דער סאָפע, אָבער באַלד ווידער אויפגעשפּרונגען...

— בישט שוין־זשע?... ווער איך פריי?...

יאָ, זי האָט איצט געהאַט דאָס געפיל פון אַ לאַנג־טערמיניקן אַרעסטאַנט, וועלכער דאַרף היינט באַפרייט ווערן... ער ווייסט נאָך נישט, וואָס

ער וועט טון אויף דער פריי, וווהין ער וועט גיין, ווער עס וועט אים אויס־שטרעקן דעם ערשטן אויפריכטיק־פריינטלעכן שלום־עליכם. אָבער אָט באַלד — און ער וועט זיך געפינען אויף יענער זייט פון געשלאָסענעם תפיסה־טויער...

אין לעצטן טאָג קריגט דער אַרעסטאַנט אויך אַ וואַרעם געפיל אַפילו פאַר זיין תפיסה־שומר, וועלכן ער איז גרייט צו דריקן די האַנט... און אַזאַ געפיל האָט איצט פערל־ליבע פאַר גפנין.

ווי אַ דזשענטלמען וויל ער ענדיקן... און ער ענדיקט ווי אַ דזשענטל־מען! וואָס האָט דאָס מיט אים פאַסירט? ווי קומט דאָס צו אים, ער זאָל אַזוי פיין האַנדלען? צי פאַרלאַנגט עס פון אים זיין סעקרעטאַרשע, מיט וועלכער ער גייט חתונה־האָבן?... צי וויל ער זיך דערמיט פאַרזיכערן, אַז זי, פערל־ליבע זאָל מער נישט האָבן צו אים קיין פּרעטענזיעס און נישט מאַכן אים קיין סקאַנדאַלן? אָדער ער וויל טאַקע פשוט: זיך צעגיין ווי גוטע פריינט?... — אַלץ איינס!... ווי עס זאָל נישט זיין ,איז גוט. ער האַנדלט סאָליד און אנשטענדיק. זי האָט צו אים גאָרנישט. זי בלייבט אים אַ פריינט און ווינטשט אים אַלדאָס־גוטס!...

און שפּעטער... יאָ, באַלד ווי זיי וועלן אַוועקגיין ,וועט זי גיין צו זכריהן אין דער דרוקעריי... זי מעג דאָך אָנקוקן, ווי עס ווערן מאָנטירט די מאַשינען... מיט אַ געהויבענעם קאָפּ וועט זי איצט צו אים אַריינקומען!... ער ווייסט נישט, זכריה, אַז די צוויי טויזנט פונט וואָס פינקעלשטיין האָט אים שוין אָנגעבאָרגט, איז איר געלט, וואָס זי רוקט אים כסדר אונטער... און אַז ער וועט דאַרפן, וועט זי געבן נאָך... די גאַנצע דריי טויזנט פונט, וואָס גפני לאָזט איר איצט איבער לעצט־געלט, איז זי גרייט אים אַוועקצו־געבן און ער זאָל אַפילו נישט וויסן דערפון... ער איז נעכטן אַזוי גוט געווען צו איר, זכריה... ער האָט טאַקע גאָרנישט געזאָגט קיין קאָנקרעטעס, אָבער באַגלייטנדיק זי אַהיים, נאָכן קאָנצערט, איז ער געווען צוגעלאָזן, היימיש, מיט דער משפחהדיקער וואַרעמקייט פון אַמאָל... אפשר... אפשר...

— פנינה.

— יאָ.

— דאָס פאַרשוינדל איז שוין געשטאַנען אין פאָדערהויז מיט דער וואַליזע אין דער האַנט. גפני האָט געדרייט זיין הוט. געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן און נישט געפונען קיין פּאַסיקס.

— זיי געזונט, פנינה!... — האָט ער איר דערלאַנגט זיין האַנט.

— גיי געזונטערהייט און זאָל דיר גוט זיין...

— דערמאָן מיך נישט צום שלעכטן... עס געשעט אַזוי צווישן מענטשן....

— יאָ, עס געשעט... האָסט פאַרגעסן דיין פּאָרטרעט...

— אַך, יאָ... — איז גפני צוריק אַריין אין צימער און אַראָפּגענומען זיין פּאָרטרעט פון דער וואַנט — שלום, פנינה!...

— שלום גפני...

און שוין.

פנינה איז שטיק־געבליבן אָנגעלענט אָן דער פּאַרמאַכטער טיר און געהערט ווי גפניס טריט נידערן אַראָפּ פון די שטיגן. גפניס טריט... אָ, ווי זי קען זיי!... זיי נידערן און נידערן און וועלן שוין קיינמאָל מער צוריק נישט אַרויפשטייגן...

זי איז צוגעלאָפן צום פענצטער, זיך פאַרטייעט הינטערן גאַרדין און אַראָפּגעקוקט ווי זיי זעצן זיך אַריין אין דער מאַשין. אַ נייע לוקסוס־מאַשין... דאָס איז די מאַשין, וואָס ער האָט איצט געקויפט אין אויסלאַנד... כמעט אָן גערויש האָט זיך די מאַשין אַ ריר־געטון און זיך אַוועקגעגליטשט לענגאויס דעם אַספאַלט...

ערשט איצט האָט זי זיך אַ קער־געטון מיטן פנים צום צימער. דער פלעק אויף דער וואַנט, וווּ דער פּאָרטרעט איז געהאָנגען און דאָס פּעקל אַסיגנאַציעס אויפן טיש, האָבן איר נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, אַז עס איז נישט קיין חלום... מיט אַנדערע אויגן האָט זי איצט געקוקט אויף איר וווינונג, אויף איר מעבל, אויף אַלע שטומע חפצים... ענדלעך איז זי פריי!... ענדלעך איז זי אַליין!... אַליין מיט זיך און באַלעבאָס איבער זיך!... אַליין, כאַ־כאַ־כאַ!... פריי! כאַ־כאַ־כאַ!...

זי איז צוגעלאָפן צום פרידזשידער און זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלט וואַסער. זי האָט געגאָסן דאָס וואַסער אַזוי האַסטיק אין איר דורשטיק מויל, אַז זי האָט זיך אַזש פאַרגאָסן דעם האַלדז, די ברוסט. נאָכדעם האָט זי אַ כאַפּ־געטון דעם סיפאָן סאָדע־וואַסער און גענומען שפּריצן זיך אין פנים, אין האַלדז, אויפן קאָפּ... מיטן נאַסן קאָפּ צעפּלאָשעטע האָר האָט זי איצט אויסגעזען, ווי אַ דולע.

— איך בין פריי!... כאַ־כאַ־כאַ!... כאַ־כאַ!... — האָט זי געלאַכט און געשריִען אין שפּיגל אַריין.

וואָלט זי איצט געווען אַ יונג מיידעלע, וואָלט זי זיך געשטעלט אויפן קאָפּ און געמאַכט קאָזשעלקעס פון שמחה... אַזוי פלעגט זי דאָך טון אַמאָל, אינדערהיים, ווען דער טאַטע אָדער די מאַמע פלעגט איר מאַכן אַ גרויסן סיורפּריז... ניין, קיין קאָזשעלקעס קאָן זי איצט מער נישט מאַכן, אָבער טאַנצן מוז זי!... די גאַנצע וועלט דרייט זיך דאָך איצט מיט איר!... זי האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ און, כאָטש עס איז פּונקט נישט געווען קיין טאַנץ־מוזיק, האָט זי זיך גענומען דרייען איבער אַלע צימערן. זי האָט געטאַנצט אין האָל, אין באָד־צימער, אין קיך... געטאַנצט און געזונגען:

— פריי, פריי, פריי!... אָט אַ קאָנצערט!... דאָס לעבן איז אַ קאָנצערט!...
זי האָט היינט דעם שענסטן קאָנצערט אין איר לעבן!... די זעלבע ווענט
פון איר וווינונג, וואָס האָבן לעצטנס געקלאָגט אויף איר מזל, זיי לאַכן
איצט און זינגען... אַלץ זינגט און שפּילט די סימפאָניע פון באַפרייונג!...

*****

ערשט שפּעטער האָט זיך פּערל־ליבע דערוווסט, אַז גפּני גייט טאַקע חתונה־האָבן מיט זיין סעקרעטאַרשע. אַז אויסער דעם לוקסוס־קאָטש, האָט ער זיך מיטגעבראַכט אַ קלאַוויר, אַ פרידזשידער און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. דערווייל וווינט ער אין אַ האָטעל, אָבער ער בויט זיך אַן אייגענע ווילע אין רמת־גן.

עפּעס איז געווען וועגן אים אַ קאָמפּראָמיטירנדיקע נאָטיץ אין דער פּרעסע און ביי קאַפע־טישלעך האָט מען געשמועסט, ער זאָל האָבן געמאַכט מיסברויכן מיט קהלשע געלטער. מען האָט גערעדט וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן משפט און וועגן אַראָפּזעצן אים פון זיין אַמט.

פון זיין אַמט האָט מען אים טאַקע שפּעטער באַפרייט, אָבער נישט אַראָפּגעזעצט. ווי מען האָט געשמועסט, זאָל ער האָבן געדראָט, אַז אויב מען וועט אים קאָמפּראָמעטירן, וועלן אויך קאָמפּרימיטירט ווערן אַ צענדליק אַנדערע הויך־געשטעלטע פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע ער איז געקניפּט און געבונדן אין די אַלע מעשים. די פּראָמינענטע פּערזענלעכ־קייטן האָבן זיך, זעט אויס, טאַקע פאַר גפּניס דראָונג דערשראָקן .וואָרעם קיין שום משפט איז גפּנין נישט געמאַכט געוואָרן. דער גאַנצער ענין איז דערשטיקט געוואָרן.

גפּני האָט באַקומען אורלויב און נאָכן אורלויב איז ער דערהויבן־געוואָרן צו אַ פיל העכערן אַמט...

## קאַפּיטל ניין

# שאַנעמאַקעס, שאַנעמאַזל...

פינקעלשטיין, דער „יודאַנער", איז אַריינגעפאַלן צו זכריהן אַ פּאָר־סאָפּעטער:

— פּאַניע קאַרלסבאַך, איך האָב עפּעס פאַר אייך!... — האָט ער אויס־געשריִען. און באַלד שטיל אַ פרעג־געטון: — אייערע טשיזשיקעס זענען דאָ?

— ניין. וואָס איז דען?

— גאָלד מיט זילבער מיט בריליאַנטן!... אייער טשיזשיק וועט שוין טאַנצן ביזן סופיט און איר וועט אים שוין קענען זינגען דאָס לידעלע:

טשיזשיק - פּיזשיק
גדזיע טי ביל? —
נאַ פאָנטאַנקע,
וואָדקו פּיל!...

— נו, לאָמיר שוין הערן!...

— איך האָב אייך געבראַכט קונים אויף אייער דירה. חשובע לייט! שיינע ייִדן! לאַווניקעס!

— לאַוויקעס פון שטאָטראַט?

— ניין... דאָס זענען אַזעלכע לאַוניקעס, פאַרשטייט איר מיר, וואָס עס איז נישטאָ קיין איין לאוו אין דער תורה, אויף וועלכן זיי זענען נישט עובר... באַלעגאָלעס פון באַלעגאָלע־לאַנד! ייִדן מיט הדרת־ידים!... אַז זיי גיבן אַ גלעט אַ פּנים, מוז אים שוין אַ דאָקטער באַנדאַזשירן... אייער טשי־זשיק איז אַ קימפּעט־קינד אַנטקעגן זיי... וועגן אַפּוטרופּוס (פאַרוואַלטונג איבער די פאַרלאָזענע אַראַבישע גיטער) דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן. זיי נעמען אַלץ אויף זיך. זיי האָבן שוין עפּעס אַ צד אין דעם אַפּוטרופּוס און

פאַר אַ צוויי מאות, ווען מען זיי איבערשרייבן דעם קאָנטראַקט. מען דאַרף זיי נאָר ווייזן די דירה, זאָלן זיי אָנקוקן.

— אדרבא, זאָלן זיי קומען.

— איך האָב זיי געבראַכט! זיי זענען דאָ. אינדרויסן שטייען זיי.

— נו, זאָלן זיי אַריינגיין!

פינקעלשטיין האָט, דורכן פענצטער, אַ פּאָכע־געטון מיט דער האַנט און באַלד זענען אַריינגעקומען דריי פאַרשוינען — איינער ברייטער און מגושמדיקער פאַרן אַנדערן. אַלע דריי האָבן, נאָך אינדרויסן שטייענדיק, אַראָפּגעכאַפּט די היטלען פון די קעפּ און לאַנג געווישט און געריבן די שיך אָן דעם דראָטענעם טעפּיכל וואָס פאַר דער שוועל. אינעווייניק האָבן אַלע דריי איידל זיך אויסגעהוסטלט און איינער נאָכן אַנדערן האָט געזאָגט דעם:

— שלום!

— שלום, שלום. — האָט זכריה געענטפערט און אָנגעקוקט די דריי פאַרשוינען אומהיימלעך.

וואָרעם די דריי גבורים, מיט די פייערדיק־רויטע טשופּרינעס, מיטן קלייען־אָנשיט אויף די ברייטע פּנימער, ברייטע נעזער און ברייטע אויגן, האָבן אויסגעזען ווי דריי ברידער, וואַלד־גזלנים. אָבער געווען זענען זיי — אַ טאַטע מיט בנים.

— פון וואַנען זענען יידן? — האָט זכריה געפרעגט פאַר היימלעכקייטס־וועגן...

— פון דער מאַבאַרא (מעברה: איבערגאַנגס־לאַגער פאַר עולים). — האָט דער טאַטע געענטפערט מיט אַ פאַרזשאַווערטער שטים.

— איר ווילט, הייסט עס, אָנקוקן די דירה?

— קיין קאַץ אין זאַק קויפט מען נישט, כע־כע־כע...

— קוקט...

זכריה האָט זיי אַרומגעפירט איבער אַלע צימערן און איבערן גאַנצן הויף.

— פאָדכאָדיאַשטשע!... — האָט דער טאַטע אַ זשוואַוועדיקן סקריפּ־געטון און כיטרע אַ ווונק־געטון צו די בנים.

— פאָדכאָדיאַשטשע!... — האָבן די בנים צוריקגעסקריפּעט, צוריק־ווינקענדיק צופרידן צום טאַטן.

— איז קומט אַריין, וועלן מיר רעדן צום ענין. — האָט זכריה געזאָגט.

— צום מנין? וואָס פאַר אַ מנין? — האָט זיך דער טאַטע געוווּנדערט — אויפן הויף דאַרפן מיר אַ שטאַל פאַר פערד און ניש קאַ שיל פאַר קאַ מנין. איך בין ניש קאַ רבי!...

— דאָס ווייסט מען... — האָט „דער יודאַנער" זיך אַריינגעמישט — קיינער איז עס אייך חלילה, נישט חושד... און מען רופט אייך נישט צום מניין, נאָר רעדן צום ענין, צו דער זאַך, הייסט עס...

— אַ?... — איז דער רויטער ייד נאָך רויטער געוואָרן. — כהאָ ניש געזייען וואָס איר זוגט.

זיי זענען אַריין אין שטוב. זכריה האָט זיי אַלע געבעטן זיצן, ווייזנדיק אויף די פאָטעלן. אָבער געזעצט האָט זיך נאָר דער טאַטע. די בנים האָבן געדאַנקט, נאָך רויטער געוואָרן און זיך געשטעלט, ווי צוויי אַדיוטאַנטן, הינטערן טאַטנס רוקן.

— איז ווען ציט איר זיך? — האָט דער טאַטע קודם־כל געוואָלט וויסן.

— ווען? — האָט זכריה איבערגעפרעגט און זיך פאַרטראַכט.

— דינסטיק, אין אַ מזלדיקן טאָג!... — האָט פינקעלשטיין אַ זאָג־געטון.

— שאַנעמוקעם, שאַנעמאַזל... — האָט דער טאַטע אַריינגעבראַקט אַ לאָקשן־קוידעש־וואָרט.

— וואָס הייסט?... פונקט דינסטיק?... — האָט זכריה אָנגעקוקט דעם „יודאַנער" פאַרווונדערט.

וואָרעם כאָטש לייבישעס חתונה איז זונטיק און נאָך דער חופה, פאָרן זיי צו זיך, אין זייער נייעם שיכון, וואָס איז שוין פאַרטיק און איינגעאָרדנט, — האָט אָבער זכריה נאָך ערנסט וועגן זיך נישט געטראַכט און פאַר זיך נאָך קיין אכסניה נישט צוגעגרייט. וווהין־זשע וועט ער זיך עס ציִען דינס־טיק?... צו די קינדער? — ער האָט עס אַפילו נישט בדעה!

— פאַניע קאַרלסבאַך, פאַרלאָזט אייך אויף מיר!... — האָט אים פי־קעלשטיין פאַרזיכערט — איך האָב עפּעס פאַר אייך... אויף דער גאַס וועט איר נישט בלייבן!... און דינסטיק איז אַ מזלדיקער טאָג צום ציִען־זיך... ווי זאָגן די יידן? שאַנעמוקעם, שאַנעמאַזל!... איר קומט נאָר אַדורך מיטן פּרייז. איך האָב זיי געזאָגט צוויי טויזנט. טאָמער ווילן זיי געבן מער, איז אַדרבא!...

— אַ סך געלט! — האָט דער טאַטע אַ גרילץ־געטון.

— אַ סך געלט! — האָבן די בנים אונטערגעהאָלפן.

— אַ סך? גאָרנישט קיין סך! הערט, יידן... — האָט זיך זכריה אַ וועגד־געטון צו זיי פאַרטרוילעך — צוויי טויזנט לירעס גיט מיר איינער אַ פּקיד, אַ בוכהאַלטער. אָבער אים וויל איך נישט פאַרדינגען בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַ צו־איידעלער און צו־שוואַכער מענטש. אַזעלכע יידן ווי איר, האָב איך געזוכט!... און אָט פאַרוואָס: אין יענעם צימער האָט זיך מיר אַריינגע־כאַפּט אַ שכן, אַ גאַנצער „שטאַרקער"... ער וועט דעם שוואַכן בוכהאַלטער

דערגיין די יאָרן... קיין קאָנטראַקט האָט ער נישט אויף זיין צימער. זיך אַריינגעכאַפּט אויפס כוח, ווען מיר זענען נישט געווען אין שטוב. אָבער פירן פירט ער זיך, ווי ער וואָלט דאָ געווען דער גאַנצער באַלעבאָס. צו אים דאַרף מען האָבן געזונטע מענטשן, וועלכע האָבן שכל צו געבן אַ לייטישן קלאַפּ... איר, זע איך, ווערט זיך מיט אים אַן עצה־געבן!...

—מירן זיך שוין מיט אים אַן עצה־געבן!... — האָט דער טאַטע אַ רויטן, אומהיימלעכן לאַך־געטון און אַ ווונק־געטון צו זיינע בנים.

— ביי אונדז וועט ער ליגן איינגעלייגט, ווי אַן ענגעלישע מאַלפּע!

— האָט איין זון אַ זאָג־געטון.

— איך בייס אים איבער דעם גאָרגל!... — האָט דער צווייטער צוגעגעבן.

— אָ, אָ, אָ!... אָט דאָס מיין איך טאַקע... — האָט זיך זכריה צעשמייכלט — אַן איידעלער, שוואַכן בוכהאַלטער קען ער אָנטון צרות. אָבער אייך?... אָט, גיט אַ קוק אין פאָדערהויז — האָט ער אַ וויַיז־געטון מיט דער האַנט — אַלע גראַטעס זענען זיינע. אָנגעשטעלט דאָ, אָנגעשטעלט אין באָדצימער, אַריינגעקראָכן אין קיך...

— מיר טראַסקען דאָס אַלץ אַרויס אין דרויסן!

— און טאַמער קומט ער אַריין אין קיך, שרויף איך אים אַרויס אַ האַנט מיט אַ פוס!

— איך גיב אים אַ „גלעט" איבערן „ברעטל", וועט ער ביי מיר שפּייען מיט די רויטע!

— מיין ווייב אַליין קען אים געבן אַ פאַרפאַר מיט אַ גאָפּל אין די אויגן און מיט אַ האַקמעסער אין די געהירן, כע־כע־כע... אַזעלכע הערינג שניידט מען ביי אונדז אויף שטיקלעך.

— אַ שטאַרקער, הערסטו גאָר!... ביי אונדז זענען נישטאָ קיין שטאַרקע...

— איר זעט? אָ! — האָבן זיך אַלע דריי אַ הייב־געטון צעיאַכמערטע, פאַרקאַטשעט די אַרבל, באַוויזן די מוסקולן און זיך אַ פאַרמעסט־געטון קעגן זכריהן, ווי ער וואָלט דאָס געווען טשיזשיק.

זכריה האָט זיך צוריקגעצויגן און זיך פאַרשטעלט מיט די הענט:

— הערט אויף...

— האָט ניש קאָ מוירא... ידיש פאַרשטייט ער, דער העכט?

— יאָ.

— איך קען אים אויפטרענען דעם בויך אויף ספרדית אויך, כעבעבע...

— מלאכים מן השמים!... — האָט דער „יודאַנער" געזאָגט — פאַניע קאַרלסבאַד, פון הימל זענען זיי אייך צוגעשיקט געוואָרן!... דאָס זענען דאָך

הייליקע יידן פון חומש־אַרויס! וועגן זיי איז דאָך דאָ אַ בפירושער פסוק: הידים ידי עשו... אַז טשיזשיק וועט דערזען זייערע הענט, וועט ער שוין נישט קלאַפּן מיט די פיס!...

— זייער ריכטיק... — האָט זכריה געלאַכט — אָבער אייגנטלעך דאַרף ער בכלל דורך דאַנען נישט גיין. נאָכוואָס זאָל ער דאָ גיין דורכן פראָנט, אַז ער האָט אַ צווייטע טיר דורך יענער זייט?...

— אַזוי? — איז דער טאַטע נאָכאַמאָל אויפגעשטאַנען צו באַטראַכטן די טירן — אַט די טיר וועל איך באַלד פאַרקלאַפּן מיט טשוועקעס. ער קען זיך וואַשן אויף דער גאַס און ק... אויפן ים! טאָמער דברט ער איין וואָרט, טראַסקען מיר אים אַרויס פון זיין צימער אויך. קאַ קאָנטראַקט, זאָגט איר, האָט ער ניש?

— נייין!

— קויף איך די גאַנצע דירה. יענעם צימער אויך. ער וועט שוין פּליען!

— איר קענט מיט אים טון, וואָס איר ווילט...

— פאַרלאָזט זיך אויף אונדז... איז וויפל?

— אַזוי ווי ער האָט אייך געזאָגט: צוויי טויזנט.

— אַכצן הונדערטער צייל איך געלט. פּאַטשט־צו.

— ער רעדט דאָך טאַקע ווי אַ בן־תורה, ר׳ זכריה!... — האָט דער „יודאַנער" פאַרמיטלט — אַכצן, ווייסט ער, איז חי און חי איז צום לעבער... איז פּאַטשט טאַקע צו!...

— מסכים, יידן!... דעם שוואַכן בוכהאַלטער וואָלט איך פאַר קיין דריי טויזנט נישט אָפּגעגעבן! ווייל דאַן וואָלט דעם „שטאַרקן" מיינעם צו־ווויל געוועזן... איך וויל אים אַזאַ נחת נישט אָנטון... אייך גיב איך עס אַוועק פאַר אַכצן הונדערטער און איר וועט אים שוין באַצאָלן פאַר מיר אויך...

— באַצאָלן און קיין רעשט נישט נעמען!...

— אינדז שפּייט מען ניש אין זעקל האָבער!...

— שעטשקע מאַכן מיר פון אים!...

— איז גיט האַנטגעלט, יידן, און זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט פינקעלשטיין אויסגעזונגען מיט אַ הפטורה־ניגון.

— כיל זאָלץ־איין אַ פינפערל! — האָט דער טאַטע באַפוילן זיין בכור פון דער רעכטער זייט.

דער בכור האָט „איינגעזאַלצן" און ביידע צדדים האָבן זיך געדריקט די הענט:

— אין אַ מזלדיקער שעה!

— שאַנעמוקעם, שאַנעמאַזל!

***

פינקעלשטיין האָט שוין גוט געוווסט, פאַרוואָס ער האָט דעם באַלעגאַלע צוגעזאָגט דעם טערמין: דינסטיק. דער דינסטיק איז אים היינט אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין קאָפּ און גאָר נישט צופעליק האָט ער זיך מיט אים אַרויסגעכאַפּט...

זכריהן האָט ער אַפילו איינגערעדט, אַז ער האָט שוין פאַר אים געפונען אַ קאָמפאָרט־צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און טאַקע נישט ווייט פון זיין דרוקעריי. אַז די באַלעבאָסטע וועט אים דאָרט טראָגן אויף די הענט... זי וועט אים מאַכן פרישטיקן מיט קאָלאַציעס און קאָסטן וועט עס אים „חי־קאַק־ פּיעטנאַשטשע״. אַכצן מיט דרייצן הייסט עס... אַז מאָנטיק איז שוין דאָס צימער פריי, זיך אַריינצוציִען. אָבער די אמתע סיבה איז געווען גאָר אַן אַנדערע:

פערל־ליבע איז היינט געווען ביי אים... אַ גאַנצע „רעוואָלוציע״ האָט זיך דורכגעמאַכט במשך די לעצטע עטלעכע טעג.

דעם זלעבן טאָג, נאָך גפּניס אַוועקגיין, האָט זי זיך מיישב־געווען, אַז עס איז איר שוין נמאס די שטוב מיטן מעבל. זי וויל נישט מער זיין אין דעם הויז, וווּ יעדע קלייניקייט קען איר דערמאָנען אָן גפּנין. אין אַ נייער היים וויל זי אַריינפירן זכריהן... אין אַ נייער דירה מיט ניי מעבל און אָנהייבן אַ ניי לעבן...

און שוין דעם זעלבן טאָג איז זי אַרומגעלאָפן מיט מעקלערס און באַקוקט אַ צענדליק וווינונגען. דעם זעלבן טאָג האָבן די זעלבע מעקלערס אָנגעשיקט אַ היישעריק פון קונים אויף איר דירה, פון וועלכער זי וויל אַרויס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געקלונגען און געקלאַפּט אין טיר און געגאַנגען אַריין און אַרויס, ווי אויף אַ וואָקזאַל.

קוים דריי טעג האָט עס געדויערט און פערל־ליבע האָט פאַרקויפט איר דירה, דאָס מעבל, די טעפּיכער, די פאָרהאַנגען, דאָס געפעס און קיך־געשיר...

געקויפט האָט זי אַ וווינונג אויף דער אַרלאָזאַראָוו־גאַס. אַ נייע וווינונג אין אַ ניי הויז, וואָס איז ערשט די לעצטע וואָך פאַרענדיקט געוואָרן. עס שמעקן נאָך די פרישע פאַרבן פון טירן־פענצטער, עס בליאַנקען די ווייסע קאַכל־ווענט פון קיך און באָד־צימער, די נייע קראַנען פון דער וואַסער־לייטונג, עס פּעכלען די העלע באַלאַטן פון דער פּאָדלאָגע. אין די העל־געקאַלכטע צימערן איז אָנגעגאָסן אַזוי פיל זון, אַזוי פיל פרייד, האָפענונג און בשורות־טובות!... אויך די דירה איז אויף אַ צווייטן שטאָק, איבער די עמודים. אַ גרויסע טעראַסע גייט אַרויס אויף דער אַרלאָזאַראָוו־

גאַס, ווו די באַוועגונג איבערן ברייטן, גלאַנציקן אַספאַלט, איז נישט קיין רוישיקע, נאָר אַ פריילעכע...

זי איז געגאַנגען פון געשעפט צו געשעפט און איינגעקויפט אַ נייע באַלעבאַטישקייט: בעטצייג און וועש, פאַרהאַנגען און טעפּיכער, זשיראַנ־דאָלן און קרישטאָלן, געפעס און קיך־געשיר. אַפילו בילדער אויף די ווענט און סטאַטועטקעס, אויפן ראַדיאָ און בופעט צו שטעלן, האָט זי געקויפט.

מעבל קויפן, איז מיטגעגאַנגען מיט איר דער „יודאַנער", וועלכער האָט געזען, אַז זי זאָל טאַקע קויפן „מאָבל" און נישט קיין „שפּענער"... און דער עיקר — זי זאָל נישט איבערצאָלן קיין „קלאַנג־פילם"...

נאָך איצט לויפט זי אַרום איבער די געשעפטן, פון פרי ביז נאַכט. דאָס געלט שווימט ארויס אין די דלאָניעס. זי וועט קיין רו נישט האָבן, ביז זי וועט צעטרענצלען די לעצטע לירע... זכריה מוז אַריינקומען אין אַן אויסגעשטאַטער היים מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן... אַז די היים וועט אים ליב זיין, וועט אים אַלץ ליב זיין... זאָל ער נאָר איינמאָל אַוועקלייגן זיין קאָפּ אָט אויף דעם־אָ פרישן, פוכענעם קישן!...

און היינט אינדערפרי איז זי ווידער געווען ביי פינקעלשטיינען. איר גאָלדן שטייגעלע איז שוין פולקאָם פאַרטיק, נאָר דער פויגל איז אַלץ נאָך נישטאָ... ווי פאַנגט מען אים? ווי קריגט מען אים אַריין?...

נאָר דער „יודאַנער" לאָזט נישט אויסרעדן. ער האָט שוין זיין פאַר־טיקן תירוץ:

— משנה מקום, משנה מזל!... אַ נייע וווינונג דאַרף מען „באַגיסן"!...

— אַ חנוכת־הבית!... — האָט פערל־ליבע פריידיק אַ פּאַטש־געטון מיטביידע הענט — דאָס איז מיר גאַרנישט איינגעפאַלן!...

— אַ חנוכת־הבית, אַ חנוכת־המאַן, אַ חנוכת־הפאַמיליען־לעבן!... איינ־לאַדן די קינדער, לייבישן מיט אילנהן... אַז איר וועט מיך איינלאַדן, וועל איך אויך קומען. פון קיין גלעזל משקה זאָג איך זיך קיינמאָל נישט אָפּ!...

— אוי, וואָס רעדט איר?... פאַניע פינקעלשטיין!... אייך?... דער אָנ־געלייגטסטער גאַסט!

—און איך וועל שוין קומען צוזאַמען מיטן „חתן־בחור"!...

— און טאַמער...

— פאַרלאָזט אייך אויף מיין מויל־מלאכה!... קיין תירוץ פעלט מיר נישט... איך וועל אים באַשיטן מיט תירוצים פון קאָפּ ביז די פיס, אַז ער וועט זיך איינגאַנצן נישט אַרויסזען! איך וועל אייך שוין ברענגען דאָס יינגעלע אין חדר־אַריין!...

און ביידע צוזאַמען האָבן אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן:

מאָנטיק אין אָוונט, צומאָרגנס נאָך לייבישעס חתונה, אָרדנט־איין

פערל־ליבע ביי זיך איר חנוכת־הבית. פינקעלשטיין האָט גענומען אויף זיך, צו ברענגען זכריהן. דאָס וועט זיין זיין מתנה צום חנוכת־הבית... אין אַ זאַק וועט ער אים ברענגען, אַ לעבעדיקן, אָדער אַן אָפּגעבראָטענעם!... וועט זכריה נישט וועלן גיין צו קיין חנוכת־הבית, וועט אים פינקעלשטיין ברענגען אַלס סובלאָקאַטאָר... ער וועט אים פירן ווייזן אַ קאָמפאָרט־צימער מיט באַקוועמלעכקייטן, מיט אַ גוטער באַלעבאָסטע און ביליק... פרישטיקן מיט קאָלאַציעס זאָל זי אים אויך געבן. דער עיקר טאַקע — די קאָלאַציעס!...

— און דער סאַמע־עיקר, דאַרף מען זען, אַז אויף לייבישעס חתונה זאָל זכריה איבערכאַפּן די מאָס... ער זאָל נישט וויסן צו אונטערשיידן פון ברוך מרדכי, ביז ארור המן!... ער זאָל זיין אַזוי באַשניאַשקעט, אַז אויך צומאָרגנס זאָל ער נישט וויסן, ווער עס האָט אים פאַרשלייערט... דאַן וועט עס שוין גיין ווי געשמירט... יאַק פּאַ מאַשליע!... פון איין שמחה אַרויס און אין דער צווייטער אַריין!... איז גייט, פּערל־ליבע, מיטן רעכטן פוס און גרייט־צו אייער שמחה...

***

הײנט איז זכריהס גרויסער טאָג!

הײנט איז דער טאָג פון זיין גרעסטן נצחון!

נצחון? — וואָס פאַר אַ נצחון? — זיין תחית־המתים איז הײנט!... אַ קנאַפּן יאָרצענדליק איז ער געווען אַ הפקרער וואָגלער, אַ טרעמפּ איבער גרענעצן און לענדער און ווו געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט. אַן עלנטער אָרעמאַן. און „עני חשוב כמת"... זעלטן ווער עס האָט געוווסט זיין נאָמען. און דער, וועלכער האָט יאָ געוווסט, האָט זיך שוין אויך מער נישט גע־רעכנט מיטן יחוסדיקן יורד... אָבער הײנט...

הײנט לעבט צוריק אויף זיין נאָמען... הײנט לעבט ווידער אויף זיין פירמע דווקא — אין האַרץ פון תל־אביב!...

הײנט איז די פייערלעכע דערעפענונג פון דער דרוקערײ: דפוס זכריה קאַרלסבאַך את בנו!...

אַזוי איז עס טאַקע אויפגעמאָלן מיט פרישער פאַרב אויף דער נייער, גלאַנציקער, פיר מעטער לאַנגער שילד, וואָס איבערן פריש־רעמאָנטירטן אַריינגאַנג.

אין גרויסן און טיפן ליכטיקן שויפענצטער פלאַמען און רויטלען־זיך די רויזן און גלאַדיאָלן אין דעם פרישן גרינס פון פינף גרויסע בלומען־קוישן...

דעם ערשטן קויש בלומען האָט זיך זכריה אַליין געקויפט, צום באַ־שיינען זיין שויפענצטער. וואָרעם ער האָט זיך נישט געריכט, אַז עמיץ

אַנדערש זאָל אים מאַכן אַזאַ סיורפּריז... דעם צווייטן קויש רויזן האָט ליאָוואַ באַך געקראָגן פון זיינער אַ פּאַרערערין, צו זיינעם אַ קאָנצערט. ער האָט נאָר אַראָפּגענומען דאָס ראָזאַ בריוועלע, וואָס איז דאָרט געווען צוגעשפּי־ליעט און אויפגעהאָנגען אַ ווייס קאָנווערטל, אין וועלכן ער האָט אַריינגע־לייגט אַ סך ברכות פאַרן טאַטן פון זיך מיט אילנהן...

נאָכדעם זענען געקומען די סיורפּריזן: אַ קויש רויזן פון פּערל־ליבען... דער גרעסטער, דער שענסטער, דער זיך־רעפּרעזענטירנדיקסטער... זכריה האָט אים טאַקע אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מיטן פון שויפענצטער. זיך פאַרענדיק דערביי, האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן דער גאַסן־מויד, אָן דער ליובאַ דאָרטן און אַוועקגעכאַפּט זיינע הענט פון די רויזן, ווי פון אַ ריינקייט וואָס מען טאָר נישט פאַרשוועכן...

דאָן האָט מען געבראַכט דעם קויש גלאַדיאָלן פון פּאַניעטשקען.

— גאַנץ פיין פון איר זייט. מילא, נו... — האָט ער אַ זאָג־געטון און אַוועקגעשטעלט דעם קויש אין סאַמע טיפסטן ווינקל.

דער לעצטער קויש איז געווען פון פינקעלשטיינען.

— ווי פּאַסט עס פאַר אים, בלומען?... — האָט זיך זכריה אַ פרעג געטון —אַז אַזעלכע זאַכן פּאַסן גאַרנישט צו זיין משניות־פּנים!... פאַר אים וואָלט זיך גיכער געפּאַסט, ער זאָל ברענגען מזוזות אויף די טירן אָנצו־קלאַפּן!...

און ווי לשם וויץ, האָט ער דעם „יודאַנערס" קויש בלומען אַוועקגע־שטעלט קעגנאיבער פּאַניעטשקעס...

אַ שויפענצטער מיט בלומען... ווען נישט די עטלעכע מוסטערן פון דרוק־אַרבעט, שריפט און ליניעס, וואָס זענען צווישן די בלומען־קוישן צעלייגט און צעוואָרפן מיט אַרטיסטישער אומאָרדענונג, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ האָט זיך געעפנט אַ ניי בלומען־געשעפט...

נאָך אַלע זיינע אַרומלויפענישן ,האָט זכריה געמיינט ,אַז טאַקע בלויז מיט די־אַ פאָר מוסטערן און נישט מער, וועט ער דערעפענען די דרוקעריי... און כדי דורכן גרויסן שויפענצטער און דורך דער גלעזערנער טיר זאָל מען זען, אַז די דרוקעריי אַרבעט, האָט ער קודם־כל אָפּגעדרוקט אַ גרויסן, צוויי־קאָליריקן אַפיש מיט אַ קלישע פון ליאָוואַ באַך צווישן די דרוק־מוסטערן האָט ער אויך צעלייגט לייבישעס חתונה־איינלאַדונגען, זיינע קאָנ־צערט פּראָגראַמקעס און טעאַטער־בילעטן ער האָט אויך אָפּגעדרוקט וויזיט־קאַרטן פאַר זיך, לייבישן און פינקעלשטיינען. פירמע־בלאַנקעטן, קאָנווערטן און חשבון־בויגנס. — אָט די אַלע דרוק־מוסטערן זענען צעלייגט און צע־האָנגען צווישן די בלומען־קוישן אין שויפענצטער.

אָבער אין דער סאַמע לעצטער מינוט, פאַר דער דערעפענונג פון דער

דרוקעריי, זענען דווקא אַריינגעפאַלן צוויי גרויסע און וויכטיקע באַשטע־לונגען. וויכטיק דערמיט, וואָס די באַשטעלער וועלן שוין וואַרשיינלעך בלייבן סטאַבילע קליענטן. די ערשטע גרעסערע אַרבעט איז אַ וואָכנבלאַט, וואָס דאַרף בקרוב פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָג־צייטונג. די צווייטע אַרבעט איז אַ ראָמאַן פון אַרום פיר הונדערט זייטן. דאָס איז די באַשטעלונג פון אַ גרויסן און פאָפּולערן תל־אביבער ביכער־פאַרלאַג. איצט אַרבעט שוין דער לינאָטיפּ און עס אַרבעט שוין די ראָטאַציע־מאַשין!... זיי אַרבעטן? — זיי זינגען!... אַן אָרקעסטער שפּילט!... דאָס איז דאָך די שענסטע מוזיק אין זכריהס אויער!... ווי לאַנג האָט ער שוין נישט הנאה־געהאַט פון אָט דער מוזיק?...

פאַר די פיר אַרבעטער און צוויי געהילפן, לערנייִנגלעך, האָט זכריה געלאָזן אויפנייען בלויע ספּעציעלע קליידער מיט זילבערנע קנעפּ... ווי אין אוניפאָרמען זענען זיי אויס... טאַקע ווי מוזיקער אין אַ דזשאַז־אָרקעסטער... אַפילו דאָס שוואַרצהנעוודיק מיידל מיט די שמאָלע מאַנדל־אויגן, וואָס זיצט ביים באַשטעלונגס־טיש מיטן טעלעפאָן, טראָגט אַזאַ בלויען פאַרטוך מיט זילבערנע קנעפּ... דער איינפאַל איז געווען לייבישעס און זכריהן איז עס געפעלן. אַביסל צו־טעאַטראַל, אָבער עס מאַכט אַן איינדרוק... עס ציט טאַקע די אויפמערקזאַמקייט... אָט שטעלן זיך טאַקע אָפּ צענדליקער און צענדליקער פאַרבייגייער און קוקן נייגעריק אַריין...

זכריה אַליין איז אָנגעטאָן אין זיין טונקל־גרויען אַנצוג מיט די רויטע שפּרענקעלעך. ער טראָגט אַ רויטן קראַוואַט וואָס וואַרפט אויך אַ פייערלעכן אָפּשיין אויף זיינע פולע, גלאַט־אויסראַזירטע באַקן. ער איז זאָרגפעלטיק פאַרקעמט און זיינע באַראַן־הירש־וואָנצעס זענען שוין לאַנג אַזוי שטייף נישט געווען... ער שפּאַנט־אַרום אַן אומרויקער, אַ פריידיק־אויפגערעגטער. דער אַנצוג קרעמפּירט אים. עס איז צו־הייס. ער וואָלט גאָר געדאַרפט אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס רעקל. אָבער ווי פּאַסט עס פאַר אַזאַ פייערלעכן טאָג?...

„אַן אונטערנעמונג!... אַ גמאָך!...“ — טראַכט ער. אָבער דווקא דער גמאָך מאַכט אים אַזוי אומרויק. עס שרעקט אים. אויפגעשטעלט אַזאַ אונ־טערנעמונג און אַריינגעקראָכן אין אַ ים פון חובות! דער „יודאַנער“ ברענגט נאָך אַ טויזנטער און נאָך אַ טויזנטער און ווען וועט ער עס אָפּצאָלן?! אָפּ־צאָלן? — ווו נעמט מען דערווייל אויף די טעגלעכע אויסגאַבן? אָט דרייט ער זיך דאָ אַרום, אין דעם יום־טובדיקן טאָג, אָן אַ צענער־פונט אין טאַש... אַ מלך־אביון איז ער דאָך איצט, ביי דער גאַנצער אונטערנעמונג!... אַ מלך־אביון, און קיינער ווייסט דאָ נישט דערפון!...

פרייד און זאָרג, נחת און עגמת־נפש כוואַליען־זיך אין זיין האַרץ.

אין דייטשלאַנד, ווו ער האָט מיט דער נאָז די ערד געאַקערט, ביז ער איז געקומען צו די מאַשינען, — האָט ער זיך גאָר אַנדערש פאַרגעשטעלט די דערפּעפענונג פון זיין דרוקעריי אין ארץ־ישראל. עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז דווקא אין פריידן וועט ער זיין אַליין... עס איז דאָך ווי דאָס פויערישע לידל: „סאַם פּיו, סאַם גולאַיו“... אַן עלנטער שטיין!

פונקט היינט האָט לייביש געמוזט אָוועקפאָרן געבן אַ קאָנצערט אין באר־שבע! לייביש, דער שותף און דער יורש זיינער... די צווייטע העלפט פון דער פירמע, דער „את בנו“!... אַליין קיין דרוקער וועט ער שוין נישט זיין. מילא. אָבער די גאַנצע דרוקעריי אינטערעסירט אים דאָך ווי דער פאַראַיאָריקער שניי!...

— איי, זאָל ער געזונט און שטאַרק זיין! — גיט זכריה אַ זאָג מיט אַ פאַרזויערטער מינע, ווי ער וואָלט אים געזאָגט: „קרעפּלעך זאָלסטו עסן!“...

— און עזריאל, נעבעך... אוי, עזריאל, עזריאל! — זיפצט ער אָפּ, דערפילנדיק אַ לאָך אין הארצן — נישט דערלעבט! נישט דערלעבט! וואָס וואָלט אים איצט דאָ געפעלט?... און פערל־ליבע... — וואַרפט ער אַ בליק צום שויפענצטער — בלומען האָט זי געשיקט... געשיקט... געמעגט אַליין קומען... איך האָב דאָך איר געזאָגט, אַז... אָט איז זי!...

מיט פינקעלשטיינען איז זי אָנגעקומען. שטיין־געבליבן אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן טראָטואַר אַ צעשטראַלטע און באַטראַכט די שילד, דאָס שויפענצטער, דעם אַריינגאַנג... עס דרייט איר, מן־הסתם, גוט אין בויך...

— טראַכט ער — אָבער ווי שיין זי זעט איצט אויס!... ווי געשמאַקפול זי איז אָנגעטאָן!... טאַקע ווי צו אַ שמחה...

דער „יודאַנער“ האָט זי, אויף אַ חסידיש־אומגעלומפּערטן אופן, געשלעפּט ביים אָרעם און אַריבערגעפירט די גאַס. ער האָט זי געפירט דאָרט, ווו מען טאָר נישט אַריבערגיין, צווישן אַ געדיכטער באַוועגונג פון אויטאָס. פאַרן אַריינגאַנג איז זי ווידער שטיין־געבליבן. זעט־אויס, אַז עס איז איר עפּעס אַריין אין אויג. פינקעלשטיין וויל איר העלפן, אָבער זי מאַכט אים אָוועק מיט דער האַנט. מן־הסתם איז עס גאָרנישט... דער „יודאַנער“ האָט אַ פּראַל־געטון די טיר און אונטערגעשטופּט דער אומדרייסטער פערל־ליבען:

— מיטן רעכטן פוס, מחותנתטע, מיטן רעכטן פוס!...

זכריה איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען אַ יום־טובדיקער, אויסשטרעקנדיק צוביידן — ביידע הענט מיטאַמאָל:

— אַ דאַנק פאַר די בלומען!...

— מזל־טוב, זכריה... — האָט פערל־ליבע געזאָגט מיט אַ גערירטער

הייזעריקייט און אירע צעשמייכלטע אויגן האָבן זיך צעשימערט מיט אַ נחתדיק טרערל...

— „בלומען וועלקן און שקאַרפּעטקעס זענען אייביק!" האָט אַמאָל געזאָגט אַ יידישער דיכטער!... — האָט פּינקעלשטיין אַ דעקלאַמיר־געטון ווי זיין שטייגער איז, אָן אַ באַגריסונג. און ערשט דאַן האָט ער צוגעוווּנטשן:

— זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה!...

— זיץ, פּערל־ליבע... זעץ דיך... — האָט איר זכריה אונטערגערוקט אַ בענקל.

אָבער פּערל־ליבע האָט זיך נישט געוואָלט זעצן:

— באַלד... איך וויל פריִער באַטראַכטן דיין... די דרוקעריי...

אין דער וואַרשעווער דרוקעריי האָט פּערל־ליבע אַפילו נישט אַריינגעשמעקט. אויך אין שטוב האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט קיין געדולד צו הערן וועגן די דרוקעריי־ענינים, וועגן וועלכע זכריה האָט אַמאָל געהאַט עפּעס צו דערציילן. די געשעפטס־ענינים זענען ביי איר געווען עפּעס אַזוינס, וואָס זכריה דאַרף אַראָפּוואַרפן פון זיך צוזאַמען מיט די אַרבעטס־קליידער, איידער ער קומט אַריין אַן אָפּגעוואַשענער און איבערגעאָטענער אין עס־צימער...

אָבער איצט האָט זי דאָ אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן אינטערעס צו יעדער קלייניקייט. זי האָט באַוווּנדערט די מאַשינען, באַטראַכט די געקעסטלטע שופלאָדן מיט האַנט־זאַץ, קאָפּ־שריפט, אָרנאַמענטן און ליניעס. זי האָט זיך געחידושט ביי יעדן שטיקל בלייען מאַטעריאַל. איבערגעפרעגט וואָס דאָס הייסט „גאַרמאָנד", „ציצעראָ", „פּעטיט", „קוואַדראַט". זי האָט באַקוקט די מיט שפּאַגאַט אויסגעבונדענע עמודים, וואָס אויפן טיש מיט דער גלאַטיקער אייזערנער פּלאַטע. באַטראַכט די אויסגעפורעמטע שטיקער בליי, וואָס ווערט געשמאָלצן אין לינאָטיפּ.

און מיט אַ באַזונדערן פרויען־בליק, אַ דורכדרינגענדיקן און אָפּשאַצנדיקן, האָט זי באַטראַכט דאָס שוואַרצהנעוודיקע מיידל אין בלויען פאַרטוך מיט די זילבערנע קנעפּ, וואָס זיצט פאַרן ביוראָ־טיש... עפּעס אַן אייפערזוכט און אַ קנאה האָט זי דערפילט צו איר, פּערל־ליבע... ווי גערן וואָלט זי דאָ געזעסן אויף יענערס אָרט און געהאָלפן זכריהן אין זיין אַרבעט!...

— פּאַניע קאַרלסבאַך, נו... און באַגיסן?!... — האָט פּינקעלשטיין געהאַט אַ מכלומרשטע טענה — אַזוי אויף טרוקן? פע!...

— געהערט... גערעכט... אָבער... — האָט זכריה געשמייכלט אַ זשענירטער, רייבנדיק מיט צוויי פינגער אַלס סימן, אַז ער איז אַ גאָלענער, אָן אַ פּיאַסטער.

— איך האָב דאָך גאָר פֿאַרגעסן! — האָט זיך פֿינקעלשטיין אַ כאַפּ־געטון צו זיין בוזעם־טאַש — איך האָב דאָך געשאַפֿן פֿאַר אייך נאָך אַ טויזנטער... נאַט, נעמט־צו...
— פֿינקעלשטיין! איר...
— נו, נו, נו, נישטאָ קיין צייט... מ'עט שוין רעדן אַן אַנדערשמאָל...
— אָבער עד מתי?!... אַ גרענעץ?!...
— עד כשירחיב...
— דאָך, אַ טערמין?!...
— איר שרייבט דאָך נישט אונטער קיין וועקסל... וואָס־זשע אַרט עס אייך?...
— ווי וואַקסן אַזעלכע ייִדן, האַ?... מיר דרייט דער קאָפּ און...
— איר זעט נאָר ,אַז די רעדער זאָלן זיך דרייען!...
— יודאַנער, יודאַנער!... — זאָגט זכריה געריירט — איר זענט ווערט מען זאָל אייך קושן!...
— גייט שוין, גייט... קושט אייער ווייב... יאָ, איר ווייסט? ביי איר איז דאָך אויך אַ שטיקל יום־טוב... געקויפֿט אַ נייע וווינונג... זי מאַכט אַ חנוכת־הבית...
— אַזוי? ווען?
— מאָנטיק, אין אַ מזלדיקן טאָג... זי וועט אייך מסתמא איינלאַדן!... אייער יום־טוב איז אויך איר יום־טוב. מיין איך, אַז איר יום־טוב וועט אויך זיין אייער יום־טוב... זי איז געקומען... געשיקט בלומען... איצט איז די ריי אויף אייך...
— אַז מען וועט מיך איינלאַדן, וועט מען זען...
— נו, מיטן אויבערשטנס הילף... עס וועט שוין זיין רעכט... ע... הם...
— האָט פֿינקעלשטיין אַ הוסטל־געטון אַלס וואָרנונגס־סימן.
פּערל־ליבע איז אונטערגעקומען.
— אַ שיינע דרוקעריי, זכריה... נאָר מיט אַ גוט געזונט און מיט אַ גוט געמיט!...
— און מזל־ברכה וועט שוין קומען! — האָט פֿינקעלשטיין צוגעגעבן
— אַז עס איז נאָר דאָ אַן אָפֿענע טיר...
— ווען קומען בעלי־חובות!... — האָט זכריה געלאַכט.
— וואַרפֿט מען זיי אַרויס!...
— וועל איך דאָך אייך אויך דאַרפֿן אַרויסוואַרפֿן...
— מיר זענט איר נישט קיין בעל־חוב...
— וואָס הייסט? איר האָט מיר געשאָנקען?... פֿאַר מיינע שיינע אויגן?... איך וועל אייך נישט דאַרפֿן אָפּגעבן?...

— מיר?! — האָט פינקעלשטיין געמאַכט אַ פאַרחידושטע מינע — נייןǃ... איר וועט שוין אָפּגעבן אייער ווייבǃ...

— האַ? וואָס?

— דאָס וואָס איר הערט... איר וועט שוין אַדורכקומען צווישן־זיך... אין ערגסטן פאַל וועט זי זיין ביי אייך אַ שטילער שותף...

— פערל־ליבע? דדדו?... — האָט איר זכריה אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פייכט־געוואָרענע אויגן און איז עפּעס פיל־פיל קלענער געוואָרן.

— פרעמדע מעגן און איך נישט?... — האָט זיך פערל־ליבע געררויטלט

— זאָל נאָר זיין מיט גליק און הצלחה...

## קאַפּיטל צען

# פאַרגעסן ליב צו האָבן...

ווען לייביש האָט געהאַט איינגעצאָלט די ערשטע ראַטע אויף זיין שיכון, איז זכריה מיטגעפאָרן באַקוקן דאָס אָרט, ווו מען וועט זיך ערשט שטעלן בויען.

ער האָט דאַן געזען אַ וויסטן פּלאַץ, ווי אין האַרץ פון מדבר. אַ האַלבער שטח איז באַשטאַנען פון אויסגעסאָכניעטער, פאַרהאַרטעוועטער, רויט־פאַר־זשאַווערטער ערד, אויף וועלכער עס שמאַכטן ווו־נישט־ווו די שטעכעדיקע סאַברעס און אָפּגעוועלקטע דערנער. דאָ זענען אויך געווען אָנגעשאָטן בערג מיסט, אייזן־ברוך, אויסגעשניטענער בלעך־אָפּפאָל וואָס פאַבריקלעך וואַרפן אַרויס. דאָ האָבן זיך געוואַלגערט ביינער, פאַרפוילטע שיך, שמאַטעס און געפּגרטע קעץ. דער צווייטער האַלבער שטח איז געווען אַ העל־געלבלעכער, אַן אָנגעכוואַליעטער מיט וואַנדערנדיקע זאַמדן. צווישן איין האַלבן שטח און דעם אַנדערן, האָט זיך געשלענגלט אַ טיפע וואַדי (טייך־קאָרעטע פון רעגן־וואַסער). די וואַדי איז געווען אַן אויסגעטריקנטע, אָבער אַן עיפּוש־דיקע. עס האָבן דאָרט אַרומגעפּויזעט יאַשטשערקעס, זשוקעס און פּערציק־פיסיקע. פאַרטריקנטע קראָען האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט און פעטע שטשורעס זענען אַרומגעלאָפן מיט אַ סיקען און געפייף. בייזע פליגן, קאָ־מאַרן און אַנדערע אינזעקטן זענען דאָ אַרומגעפלויגן מחנותווייז מיט אַן אומהיימלעך געזשומעריי.

זכריהן האָט זיך דאַן געדוכט, אַז עס וועט דאַרפן נעמען יאָרצענדליקער, ביז דאָ, אין דעם העק, זאָל אויפקומען אַ ישוב. עס איז ווייט פון כביש. נישטאָ נאָך קיין וואַסער־רערן, קיין קאַנאַליזאַציע, קיין עלעקטרי־פאַרביג־דונג. און אַפילו ווען מען זאָל דאָ אַוועקשטעלן עטלעכע הייזער, וועלן זיי שטיין אין אַ העק, ווייט פון שטאָט און פון מענטשן, פון קאָמוניקאַציע און פון אַלע באַקוועמלעכקייטן.

„וואָס האָט ער דאָ אָפּגעטון, דער לייביש?! — האָט ער זיך געזאָרגט — אָדער ער האָט באַגראָבן די עטלעכע אויסגעהאָרעוועטע הונדערטער, אָדער ער באַגראָבט דאָ זיך אַליין?!“.

זכריה האָט עס לייבישן נישט געזאָגט און דעם עגמת־נפש געדריקט אין זיך. דאָס געלט האָט ער דאָך דאָ שוין אַריינגעבראַכט — האָט ער גע־טראַכט — נאָכוואָס־זשע זאָל ער אים נאָך זאַלצן אויף די ווונדן? מאַכן אַ שווער געמיט?

איז זכריה טאַקע אַליין צוריקגעפאָרן מיט אַ שווער געמיט. דערקעגן לייביש איז געווען מונטער און גליקלעך פון זיין אויפטו.

און וויפל מאָל לייביש האָט דעם טאַטן געבראַכט ידיעות, אַז עס בויט־זיך, אַז אין קורצן וועט שוין דער שיכון זיין פאַרטיק, — האָט עס זכריה אויסגעהערט מיט אַ האַלבן אויער. ער האָט קיין צוטרוי נישט געהאַט צום גאַנצן עסק און נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס „יינגל“ פרייט זיך אַזוי... וועגן צופאָרן אַ קוק־טון, ווי עס בויט־זיך, האָט ער אַפילו הערן נישט געוואָלט.

איצט שטייט זכריה אויפן זעלבן פּלאַץ און גלויבט נישט זיינע אייגענע אויגן... עפּעס אַ כישוף איז דאָ אָפּגעטון געוואָרן, אָדער עפּעס אַ נס איז דאָ געשען, נישט אַנדערש...

— ווו איז דער וויסטער העק? — פרעגט ער זיך — ווו איז דער ווילדער מדבר?!

נישטאָ... נישט קיין העק און נישט קיין מדבר, נישט קיין זאַמדן און נישט קיין דערנער, נישט קיין בערג מיסט און נישט קיין עיפּושדיקע וואַדי!...

אַ נייע שטאָט איז דאָ אויסגעוואַקסן! אַ שטאָט מיט צענדליקער מאָ־דערנע, וויס־געקאַלכטע הייזער־בלאָקן אויף הויכע, שלאַנקע עמודים (זיילן)

די שלאַנקע עמודים, אויף וועלכע עס האַלטן־זיך די הייזער־פיגורן זעען־אויס אין זכריהס אויגן ווי יונגע, אומרויקע פרויען־פיס, אַנטבלויזטע ביז איבער די קני, וואָס רייסן־זיך צום טאַנצן... און אפשר זענען דאָס די אַלע הייזער־בלאָקן, טאַקע אויף אָט די שלאַנקע פיס, אַהערגעקומען פאַר־טיקע און זיך אויסגעשטעלט אין רייען אַלס אַ שטאָט?... ווארעם עס קאָן דאָך פאָרט נישט געמאָלט זיין, אַז במשך אַזאַ קורצער צייט, זענען זיי דאָ אויסגעבויט־געוואָרן!...

מילך־ווייסע הייזער מיט העל־בלויע טעראַסן, אַרומעגרינגלטע מיט חנעוודיקע בלומען־גערטנדלעך. און ווי הויז מיט הויז וואָלט זיך געשפּילט אין דער קינדער־שפּיל „שטריק־בעטעלעך“, — זענען זיי פאַראייניקט מיט דראָטן פון דער צוגעצויגענער עלעקטרי... בעטגעוואַנט אויף טעראַסן אין

ראַדיאָ־אַנטענעס אויף די דעכער זענען סימנים, אַז אַ גרויסער טייל פון די נייע דירות זענען שוין באַוווינט...

צווישן די רייען הייזער זענען דורכגעשניטן אַספּאַלטירטע גאַסן און יונגע בוימלעך וויגן־זיך שוין לענגאויס די טראָטואַרן... עס איז אויך דאָ אַ סקווער מיט אַלעען און אַ וואַסער־באַסיין, ווי אַ לויטער אויג וואָס קוקט פאַרחידושט אַרום זיך...

און דער „העק" איז שוין מער קיין העק נישט און ליגט נישט „פאַר־וואָרפן ערגעץ הינטער די הרי־חושך!"... — די נייע שכונה איז דאָך אַ המשך פון תל־אביב!... אַ נייער שטאָט־פערטל, ווו עס לויפן די שטאָטישע און הינטערשטאָטישע אויטאָבוסן הין־און־צוריק... אָן אויטאָבוס ביז מוג־ראַבי־פּלאַץ און אַן אויטאָבוס ביזן צפון!...

לייבישעס דירה איז אַ רחבות! טאַקע נישט מער ווי צוויי צימערן, אָבער דערפאַר — מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. „ווו האָט מען עס אין פוילן געוווּסט פון אַזעלכע הערלעכע וווינונגען?! — פרעגט זיך זכריה — פון אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן? אַז אין גרעסטן־טייל וואַרשעווער הייזער זענען דאָך אַפילו קיין באַד־צימערן נישט געווען!... אָט דאָס הייסט קולטור־ניוואָ!... אַ נייער לעבנס־סטאַנדאַרט!"... נישט מער ווי צוויי צימערן, אָבער אַ וואַלד פון טירן און פענצטער!... אַ לופטיקייט, אַ זוניקייט, אַ נחת!...

די דירה איז אויפן צווייטן שטאָק און לייביש האָט שוין דאָ „אָנגעאַרבעט מעשים": ער האָט שוין זיין פּאָסט־קעסטל אונטער אַ מעשן־בלעטל אויף דער טיר מיטן נאָמען „ליאָוואַ באַך"... אָנשטאָט זשיראַנדאָלן, האָט ער געמאַכט באַהאַלטענע קינקעטן אין די ווענט, אַרטיסטיש־מעסיק... נעאָן־ליכט אין פאָדער־הויז און נעאָן־ליכט אויף דער טעראַסע. זכריה שמייכלט הנאהדיק פון זונס געשמאַק. „איך האָב, קיין עין־הרע, נחת"!... דאָס מעבל איז דווקא „צנוע"־מעבל, דאָס ביליקע סטאַנדאַרט־מעבל פון דער הרצל־גאַס, אָבער נייערהייט זענען זיי באַקוועם און מאַכן אַן איינדרוק...

לייביש ווייזט דעם טאַטן דאָס בעטצייג, די נייע קישנס, קאָלדרעס, ציכן און ליילעכער:

— דאָס האָט די מאַמע געגעבן אויסשטייער... צוויי חדשים צייט האָט זי דאָס געגרייט... געהאַלטן אין איין איינקויפן און נייען... און איך האָב דערפון נישט געוווּסט... בלויז אילנה... נעכטן האָבן זיי דאָס געבראַכט...

— אַזוי... —איז זכריה גערירט — אַ מאַמע איז פאַרט אַ מאַמע... זעסטו שוין!...

דעם „זעסטו שוין" האָט לייביש געוואָלט זאָגן דעם טאַטן, אָבער דער טאַטע האָט עס אים שוין פאַרשפּאָרט... לויטן טאַטנס רויט־ווערן, לויט זיינע

מוטנע געוואָרענע אויגן און לויט זיין נערוועזן פאַררויכערן, האָט לייביש פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף שוין מער נישט זאָגן קיין וואָרט...

זכריה איז אַרויס אויף דער טעראַסע. ער האָט נאָך געטראַכט אַ ביסל וועגן פערל־ליבען, וועגן איר אַלע מעשים־טובים לעצטנס; פערל־ליבע איז פאָרט פערל־ליבע... און נישט אַבי, כ׳וויס דאַרט ווער!... אָבער באַלד האָט זיין בליק פאַרכאַפּט די פּאַנאָראַמע פון דער יונגער, בליִענדיקער שטאָט. זיינע אויגן האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט גענוג אָנקוויקן־זיך און אָנטרינקען זיך מיט דער שיינקייט פון דער געגנט.

— נו, וואָס זאָגסטו, טאַטע?... — האָט לייביש טריִומפירט.

— אַ רחבות, קיין עין־הרע, אַ רחבות!... מממ! ווי דאָ שמעקט!... — האָט ער געצויגן אין זיך אַריין די פרישע לופט מיטן פּרדסים־אַראָמאַט — אַ דאַטשע, ווי איך בין אַ ייִד! אַ דאַטשע!... זאָל אייך נאָר זיין מיט גליק, קינדער!... נאָר נחת זאָלן מיר דאָ האָבן פון אייך!...

— און מיר — פון אייך!... — האָט לייביש אַ זאָג־געטון, אָפּנעמענדיק ביים טאַטן דאָס לשון מיט וואָרט „אייך"...

וואָרעם זכריה האָט זיך דערפילט ווי עפּעס אַ ייִנגל אַנטקעגן זיין זון... אַ ייִנגל, וועלכן לייביש זאָגט אַריין און ער קאָן אים גאָרנישט ענטפערן אויף...

„די אייער זענען היינט קלוגער פאַר די הינער... — האָט ער גע־טראַכט — וואָס זאָל איך מאַכן?... און ער איז דאָך גערעכט אויך"...

זינט זכריה האָט אַוועקגעלאָזן אין גאַנג זיין דרוקעריי, האָט זיך אָפּ־געטון פון אים יעטוועדע אומצופרידנקייט, יעטוועדע פאַרביטערונג. אַן אויפ־געהייטערטער איז ער לעצטנס גרייט יעדן מוחל צו זיין. אַפילו די ביוראָ־קראַטישע פּקידים, וועלכע האָבן אים אַזויפיל בלוט פאַרצאַפּט. מיט גאָר אַנדערע, אויסגעניכטערטע אויגן קוקט ער איצט אויפן לאַנד און אויף אַלץ וואָס עס טוט זיך דאָ, אין דעם לענדעלע...

— עס בויט זיך... קיין עין־הרע, קיין עין־הרע!... טראָץ אַלע פעלערן, טראָץ אַלע חסרונות — עס בויט זיך דאָך פאָרט!... און צוריקגערעדט, וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן אָט די אַלע חסרונותלעך, קעגן אַזאַ אימפּעט, קעגן אַזאַ טעמפּאָ פון בויען?!... ווי יונג און קליין דאָס מדינהלע איז, איז עס אַזוי אַמביציעז און טעמפּעראַמענטפול, אַז עס איז בכוח אַריבערצויאָגן פיל, פיל אַלטע, איינגעפונדעוועטע מדינות!...

— מיט דער צייט, טאַטע... מיט דער צייט!... אָבער דאָס וואָס דו זעסט דאָ, איז נאָך גאָרנישט!... ווען דו גיסט אַזוי אַ פאָר אַרום איבערן לאַנד, ווי איך... פון דן ביז באר־שבע... וואָלסטו געזען ווי עס בויט זיך!...

— בין איך דאָך נישט קיין אַקטיאָר... און נישט קיין טוריסט...

— אָבער זען דאַרף מען! מיט אַ גרינג געמיט מעג מען מאַכן אַ נסיעה איבערן לאַנד... וואָלסט געזען צענדליקער און צענדליקער נייע ישובים!... וואָלסט אָבער אויך געזען די צענדליקער מעברות און בתי־עולים, מיט די הונדערטער און טויזנטער לייווענטענע געצעלטן... יאָרן וועט נאָך געדויערן, ביז מען וועט זיי קענען באַזיצן אין מענטשלעכע הייזער!

— יאָרן? אָבער מען וועט זיי באַזעצן... ביי אַזאַ טעמפּאָ!... ביי אַזאַ וווּקס, קיין עין־הרע!... אין זייערע אַלטע היימען האָבן זיי אַזוי באַקוועם נישט געוווינט, ווי זיי וועלן נאָך דאָ וווינען!... און דאַן וועט די שטימונג אויך זיין אַן אַנדערע...

— ביי דיר, טאַטע, ווי איך זע, איז די שטימונג, קיין עין־הרע, שוין אַן אַנדערע... געוווינסטו זיך צו צום לאַנד?... מיט דער צייט וועסטו דאָס ליב קריגן אויך!...

— איך האָב עס שוין ליב... עס איז דאָך אונדזער לאַנד!...

— די וותיקים זאָגן, אַז מען דאַרף האָבן אַ טאַלאַנט צו ישׂראל...

— גיי שוין, גיי... מען דאַרף האָבן טאַלאַנט צו די וותיקים!... צו די פּאַרטייעלעך, וואָס פירן אַזוי טאַלאַנטלאָז און שלימזלדיק די מדינה... ווען נישט זיי, וואָלט נישט געווען אַזויפיל פאַרביטערונג. אַלץ הייסט ביי זיי אַ „פּאָזיציע" און יעדער וויכטיקער אַמט איז ביי זיי אַ „שליסל־פּאָסטן". און ווו עס דאַרף זיצן אַ ספּעציאַליסט, אַ פאַכמאַן, אַ בראַנזשיסט, דאָרט זיצט אַ וותיק מיט פּאַרטייאישן סטאַזש און פאַרדינסטן...

— אַזוי־ווי אין רוסלאַנד...

— דערפאַר טויג עס טאַקע נישט... דערפאַר ליידט טאַקע די באַ־פעלקערונג און איז פאַרביטערט. אָבער ווי זאָגסטו? „מיט דער צייט"?... מיט דער צייט וועט מען זיך טאַקע פון אָט די מחלות אויך אויסהיילן... אַ פאָלק, אַ מדינה, די צייט, דאָס לעבן — דאָס זענען אַלץ זאַכן וואָס זענען שטאַרקער פון אַלע פּאַרטיי־כיטרעקייטן!... די צייט וועט צוריקשיקן יעדן פּאַרטיי־וותיק אויף זיין פּלאַץ און הויכע אַמטן וועלן טאַקע פאַרנעמען ספּע־ציאַליסטן... און זאָל נאָר זיין שלום אויף דער וועלט און שלום צווישן אונדז מיט אונדזערע שכנים, וועט מען קענען לעבן אַ רויק און שיין לעבן אין אונדזער מדינהלע...

— טאַטע!... דו רעדסט דאָך עפּעס ווי אַ... ווי...

— ווי אַ ייִד, זון מיינער!... ווי אַ בירגער פון מדינת־ישׂראל!...

— יאָ... אָבער דו האָסט טאַקע ליב די מדינה!... און איך האָב גע־מיינט...

— אַז וואָס?...

— אַז דו... ס׳הייסט, אַז מיר... ייִדן פון איראַפּע... האָבן שוין בכלל פאַרגעסן ליב צו האָבן...

— פאַרגעסן ליב צו האָבן?... קאָמיש... וואָס מיינט עס?...

— איך מיין גאַנץ פּשוט: אין איראָפּעיִשן גהינום האָבן זיך אונדזערע ייִדן אויסגעלערנט האָסן, נישט־פאַרגינען, חושד־זיין, דערווידערן, קריטי־קירן. — אַלץ אויף ניין... מען שטייט באַלד אויף פון שלאָף מיט אַן אומצו־פרידנקייט, מיט אַ נעגאַטיווער באַציִונג צו אַלץ און צו אַלעמען... און נער־וועזע, אויפגערייצטע, דרייט מען זיך שוין אַרום אַזוי אַ גאַנצן טאָג... דער־קעגן, אַזעלכע זאַכן, ווי: בענקען, שטרעבן, גלויבן, זיך־באַגייסטערן, פאַר־ערן, פאַרהערלעכן און ליב האָבן, האָט מען פּשוט פאַרגעסן!... מען האָט זיך אָפּגעוווינט דערפון... עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז אַ מענטשן מיט פּאָ־זיטיווע שטימונגען, האַלט מען פאַר סענטימענטאַל און נאַיִוו... מען לאַכט פון אים...

— אַזוי?... אינטערעסאַנט... און איך האָב עס גאָרנישט באַמערקט?... — לאַכט זכריה, נאָכדענקענדיק זיין זונס אַנטפּלעקונג — און וועלכע ליבע מיינסטו דען? די ליבע צום לאַנד, צום פאָלק? אָדער צו אַ פרוי?...

— אַלץ איינס... איך מיין, אַז אַ מענטש וועלכער קאָן נישט ליב האָבן קיין פרוי, דער קאָן בכלל גאָרנישט ליב האָבן!... גאָרנישט און קיינעם, אַפילו נישט זיך אַליין!...

— אָהאָ, אָהאָ, אָהאָ... — האָט זכריה אָנגעקוואָלן פון זיין זונס מענלעך־רייפער פילאָזאָפיע...

— וואָס? נישט ריכטיק?...

— פאַרקערט... דאָס איז דווקא שיין געזאָגט... עס קלינגט אַפילו ווי אַן אַפאָריזם, אָבער עס איז פאָרט ריכטיק... האָסט עס ווו געלייענט?

— ניין. פון מיין אייגענעם קאָפּ...

— האָסט דאָך עפּעס גאָר אַ טייערן קאָפּ באַקומען!...

— נו, איך האָב דאָך אין וועמען געראָטן צו זיין... יאָ, טאַטע: מיר האָבן פאַרגעסן ליב צו האָבן... מען דאַרף זיך עס צוריק דערמאָנען...

— און אפשר וואָלסטו אריינגעטראָגן אַזאַ פּראָיעקט אין דער כנסת, אַז מען זאָל איינפירן קורסן פון ליבע פאַר דער יוגנט?... שפּאַסט זכריה.

— פאַר עלטערע אויך, טאַטע... עס וואָלט נישט געשאַדט...

*****

לייבישעס חתונה איז פאָרגעקומען אין תל־אביב, אין זאַל פון „ויצו״, אויף רחוב הירקון (האַיאַרקאָן). אַן עולם האָט זיך דאָרט צונויפגעזאַמלט

אַ קיין עין־הרעדיקער און אַ פאַרשיידנאַרטיקער: פון לייבישעס צד זענען געקומען זיינע חברים פון דער צבא (מיליטער), שפּיטאַל־חברים און קאָלעגן פון דער אַרטיסטיש־מוזיקאַלישער וועלט. און טאַקע דער זעלבער אָרקעס־טער פון זיין אייגענער קאָנצערט־בריגאַדע האָט עס דאָ געשפּילט די „ווי־וואַטן״, די חתונה־מאַרשן און די טאַנץ־מוזיק.

פון דער כלהס צד זענען געקומען איבער אַ צענדליק מענטשן פון קיבוץ, צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעפּייערט דער רויטער קאָפּ פון מרימען...

יאָ, מרים איז אויך געקומען... אילנה האָט זי אַפילו איינגעלאַדן מיט אַ האַלבן מויל, אָבער מרים האָט געענטפערט מיט אַ גאַנץ מויל און מיט אַן אָפן האַרץ:

— הער, אילנה... איך ווייס, פאַרשטייט־זיך, אַז דו האָסט אויף מיר אַ שווער האַרץ. דו מיינסט, הייסט עס, אַז איך בין דיר אַ שונא. דו ביסט, פאַרשטייט־זיך, נישט אומגערעכט. וואָרעם דו ווייסט דאָך, הייסט עס, אַז איך האָב דערטראָגן רעניען... וויל איך, הייסט עס...

— עס איז נישט וויכטיק, מרים... איך געדענק עס נישט... עס איז נישט אויף איצט.

— ניין, אילנה, אויב דו ווילסט, הייסט עס, אַז איך זאָל קומען אויף דיין חתונה, מוז איך, פאַרשטייט־זיך, דיר קענען קוקן גלייך אין די אויגן אַריין... דאַרפסטו, הייסט־עס, וויסן דעם גאַנצן אמת. נישט מיינען, פאַר־שטייט־זיך ,אַז איך בין דיר, חלילה, אַ שונא...

— חלילה. איך מיין עס נישט.

— איז די זאַך, הייסט עס, אַזוי: דו ביסט, פאַרשטייט־זיך מיינע אַ קיבוץ־חברטע און זי, רעניאַ הייסט עס, איז מיינע אַ קאַצעט־חברטע... איך האָב אייך, הייסט עס, ביידן ליב און איך ווינטש אייך, פאַרשטייט־זיך, ביידן אַלדאָס־גוטס... — איז מרים נאָך רויטער געוואָרן, פלאָנטערנדיק־זיך אין אירע אייגענע „הייסט עסן״ און „פאַרשטייט־זיכן״. זי האָט אַזש באַקומען אַנגעדראָלענע אָדערן אויפן האַלדז און די זון־שפּרענקעלעך איר אויפ־געגעגט פּנים זענען עפּעס נאָך רויטער, געדיכטער און גרעסער געוואָרן. — אָבער ער, לעאָן, מיין איך ליאָווא, לייביש הייסט עס... ער איז דאָך געווען קודם־כל איר חתן, רעניעס הייסט עס... און איך האָב געמיינט, פאַרשטייט־זיך, אַז זי האָט אים טאַקע אויפריכטיק ליב און... זי ליידט, הייסט עס... איך מיין, הייסט עס, וואָס ער פאַראַט איר מיט דיר... מיין חבריש געוויסן, פאַרשטייט־זיך, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז איך זאָל, הייסט עס, באַ־האַלטן פון איר אַזאַ סוד...

— וואָס פאַר אַ סוד?

— נו... אַז אירביידע, הייסט עס... דאָרט, אין אֶליון־וועלדל... איך האָב, נישט־ווילנדיק פאַרשטייט־זיך... גאַנץ צופעליק, הייסט עס, אַלץ געזען... נו, האָב איך געמיינט, פאַרשטייט־זיך, אַז ביי דיר איז עס בלויז אַ פלירט, אַ ראָמאַנס הייסט עס... און ביי רעניען, האָב איך געמיינט, פאַרשטייט־זיך, איז עס אַן ערנסטע זאַך...

— ווי אַזוי „ערנסט“, אַז זי האָט אים פאַרביטן אויף אַזאַ טשיזשיקן?...

— אָט אין דעם, הייסט עס, גייט עס טאַקע... איך האָב דאָך פון דעם, פאַרשטייט־זיך ,פריִער נישט געוווּסט. אָבער איצט, אַז זי האָט שוין, הייסט עס, חתונה געהאַט און לעבט פאַרשטייט־זיך מיט אים, מיט טשיזשיקן הייסט עס... איז דאָך לייביש בסדר... ער איז פריי, הייסט עס, און ער האָט, פאַרשטייט־זיך, אַלע רעכט... און דו — אַוודאי!... בין איך סתם אַריינגעקראָכן, הייסט עס, דאָרט ווו מען דאַרף נישט. און איצט בעט איך דיר, פאַרשטייט־זיך, זאָלסט מיר מוחל־זיין, אילנה...

— אַז איך האָב צו דיר גאָרנישט, מרים...

— גלייב מיר, אילנה, אַז איך האָב אייך ביידן ליב, דיר מיט רעניען הייסט עס, ווי צוויי לייבלעכע שוועסטער!... איר בלייבט ביידע, פאַרשטייט־זיך, מיינע חברטעס... און פונקט ווי איך האָב נישט געוואָלט, הייסט עס, אַז רעניאַ זאָל האָבן אַן עוולה פון דיר, אַזוי וויל איך נישט, פאַרשטייט־זיך אַז דו זאָלסט איצט האָבן אַן עוולה פון איר...

— איך פון איר? וואָס פאַר אַן עוולה?

— רעניאַ, הייסט עס, און טשיזשיק פאַרשטייט־זיך, ווייסן דאָך אַז איר האָט חתונה און אַז לייביש מיטן טאַטן ציִען זיך אַרויס... ווילן זיי, הייסט עס, פאַרכאַפּן די גאַנצע ווירונג... און אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט, הייסט עס, געוואָרנט רעניען, אַזוי פאַרשטייט זיך, וואָרן איך איצט דיר: זאָלן זיי ביידע, לייביש און דער טאַטע זיינער הייסט עס, זיין אויף דער וואַך!... זיי זאָלן זיך, פאַרשטייט־זיך, נישט לאָזן...

— אַ דאַנק, מרים... גוט, איך וועל זיי איבערגעבן... און דו, קום אומבאַדינגט אויף מיין חתונה!...

— פאַרשטייט־זיך; איך ווינטש אייך פון גאַנצן האַרצן, דיר מיט ליאָוואַן הייסט עס, אַ סך מזל און גליק! זאָל אייך, ווי זאָגט מען עס, אייער לעבנס־וועג, זיין מיט בלומען באַ... — האָט זיך מרים צעוויינט.

און ביידע חברטעס האָבן זיך צעקושט.

— און דו, מרים... ווען?... לייבל איז אַ וווילער בחור!... יאָג־צו!...

— פאַרשטייט־זיך. אָבער עס ווענדט זיך נישט אָן מיר... מען דאַרף אונדז פריִער, הייסט עס, צוטיילן אַ צימער. אָן אַ צימער, הייסט עס, אַז איך זאָל וווינען דאָ און ער דאָרט, פאַרשטייט־זיך...

— נו, און דו וועסט באַקומען דיין צימער?... לייבל האָט אַזוי געדולד צו וואַרטן?...

— אַ ברירה, הייסט עס, האָט ער?... עס איז נישט גוט, פאַרשטייט זיך, אָבער...

— אָבער מען גיט זיך אַן עצה?...

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין גאָרנישט... איך בין אויך, צופעליק הייסט עס... פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָליוון־וועלדל און האָב אויך עפּעס, פאַרשטייט־זיך, געזען...

— אילנה!...

— איך האָב גאָרנישט געזאָגט... איר זאָלט ביידע קומען!... אויף אייער חתונה וועל איך אָפּטאַנצן...

און זיי האָבן זיך ווידער צעקושט.

און מרים איז טאַקע געקומען מיט לייבלען. אַלע קיבוצניקעס, אין זייערע שבתדיקע קליידער, האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער געזעלשאַפט. זיי האָבן פאַרנומען אַ באַזונדערן טיש, ביי וועלכן זיי האָבן מער געזונגען, ווי געגעסן און געטרונקען. די פלעשער זענען דאָרט געשטאַנען אויפן טיש, ווי איבעריקע...

דערפאַר האָבן שוין געטרונקען לייבישעס חברים. פאַר זיי איז שוין געווען ווינציק די פלעשער אויפן טיש און זיי האָבן זיך צוגעגרייט אַ גאַנץ־היפּשן רעזערוו אונטערן טיש...

עלטערע מענטשן זענען דאָ ווייניק געווען. פון אילנהס צד האָבן זיך בלויז אַראָפּגעיאָוועט עפּעס אַ וויטער, שטייפער פעטער מיט אַ ברייטער, צעווירעוועטער מומע. ביי דער צעווירעוועטער מומען האָט זיך עפּעס אַלץ געשאָקלט אויף יאָ. דערקעגן דער פעטער, האָט עפּעס געהאַט אַ נערוון־קורטש אין האַלדז, צוליב וועלכן ער האָט כסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין... פערל־ליבע איז געקומען מיט אַ צוויי שכנות אירע. די זעלבע שכנות, וועלכע האָבן איר געהאָלפן באַקן די טאָרטן, מאַכן די סאַלאָטן, צוגרייטן די סאַנדוויטשן, פאַרזוכן פון אַלץ און זאָגן זייער מבינות... און כאָטש דאָ האָבן שוין סערווירט די טישן פראָפעסיאָנעלע קעלנער פון „ויצו"־זאַל, האָבן דאָ אַלץ די חבר'טעס נישט אויפגעהערט אַרומצולויפן און פאַרען זיך און שמאַיען, ווי אמתע מחותנתטעס. אויך דער „יודאַנער" האָט זיך געפּאָרעט ווי אַ מחותן. ער האָט, אָבער, צייט געהאַט אַ טשעפּע צו טון דאָ איינער און דאָ אַ צווייטער פון די „מחותנתטעס" און זאָגן, אַז זי זאָל אויף אים נישט רעכענען. ווייל ער האָט נישט קיין צייט...

אויסער די אַלע, איז נאָך געווען עפּעס אַ שלעפּעריקער רבל מיט רויטע אויגן, וועלכער איז מסדר־קדושין־געווען און דער שמש מיט די פּעטע

תאווה־ליפּן, וועלכער האָט געבראַכט די חופּה. אַ מגושמדיקער פאָטאָגראַף האָט זיך געשטופּט צווישן די געסט מיט זיין אַפּאַראַט אויף דריי לאַנגע אייזערנע פיס און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַן עלעקטרישן דראָט, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן אַלעמענס פיס. ער האָט געשטויסן מיט די עלנ־בויגנס די איבעריקע מענטשן אָן אַ זייט, געבליצט מיט מאַגנעזיע און געמאַכט אויפנאַמען.

און כאָטש לייביש, אין זיין בינע־סמאָקינג, האָט אויסגעזען ווי אַ פילם־אַמאַנט און אילנה, אין ווייסן חופּה־קלייד מיטן שלייער, וואָס זי האָט גע־באָרגט אויף קויציע אין אַ געשעפט, האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַרכישופטע בת־מלכה אין אַ קינדער־מעשהלע, — דאָך, ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיי געפירט צו דער חופּה, האָבן אַלע געקוקט אויף זכריהן מיט פּערל־ליבען און זיך דערביי געסודעט... וואָרעם זכריה און פּערל־ליבע האָבן דערביי אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיי אַליין געדאַרפט פירן צו דער חופּה... און לייביש, ביי זיין גאַנצער שמחהדיקער גערירטקייט, האָט טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס, זיך אַ ווייצל־טוענדיק:

— טאַטע, פיר מיך אונטער... איך וועל דיר אָפּדינען...

אויף וואָס זכריה האָט זיך שוין געמוזט אַ בייזער־טון:

— שטילער, שגץ! מעגסט זיין אַ ביסל ערנסטער אין אַזאַ מאָמענט!...

דער אָרקעסטער האָט גערוישט דזשאַז־מוזיק.

אין איין זאַל האָבן זיך שטאָטישע פּאָרלעך צעוויגט און צעהאָצקעט אין אַ קדחתדיקן „סאַמבאַ“. אָבער אין צווייטן זאַל האָבן די קיבוצניקעס גע־הערט דער מוזיק ווי דעם קאַטער. דער אָרקעסטער האָט זיך טאַקע געמעגט רוישן „סאַמבאַ“, אָבער זיי האָבן נאָך העכער געזונגען „מים, מים, מים, מים!“... זיי האָבן זיך ביי די הענט גענומען, אַ ברייטן קרייז געמאַכט און עס האָט זיך צעפּלאַקערט אַ קיבוצישער „הורה“, אַז די סערווירטע טישן און די הענגענדיקע זשיראַנדאָלן האָבן אַזש מיטגעטאַנצט...

אין „שטאָטישן“ זאַל האָט די כלה, נאָכן ערשטן טאַנץ מיטן חתן, גע־מוזט טאַנצן מיט זיינע חברים, וועלכע האָבן געוואָרט דערויף לויט אַ ריי. אָבער דאָ האָבן זיך די קיבוצניקעס דערמאָנט, אַז אילנה איז דאָך אייגנט־לעך זייערע... אַז די מצווה פון ערשטן טאַנץ קומט נאָר זיי!... און נישט סתם אַן אינטעליגענטיש טענצל, נאָר דווקא אין צעפּלאַקערטן קרייז פון קיבוצישן „הורה“!...

האָבן זיך טאַקע באַלד אַ פּאָר דרייסטערע בחורים אַ לאָז־געטון און געקידנעפּט די כלה פון אַ שטאָטישן פּראַנטלס אָרעמס אַרויס...

די שטאָטישע זענען אַ רגע שטיין־געבליבן צעמישט. זיי האָבן זיך אויף אַזאַ איבערפאַל נישט געריכט... מען האָט אויפגעהערט טאַנצן און די

מוזיק איז דערוואַרגן־געוואָרן אינמיטן אַ טאַקט.

און ווען מען האָט זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז געשען, איז שוין די כלה געווען פאַרשלאָסן אינמיטן פון צעוויגטן „הורה“־רינג...

ושאבתם מים בששון,
ממעיני הישועה...
מים, מים, מים, מים,
מים, מים בששון!...

**
*

— לחיים, מחותן!... נאָר אויף שמחות!...

— לחיים, פינקעלשטיין... מערצעשעם ביי אייער בן־יחיד!...

— איז נאָך אַ גלעזעלע, ר׳ זכריה... טאַקע נאָר אויף שמחות!...

— לחיים!...

פינקעלשטיין האָט געטרונקען. אָבער ער איז געווען גענוג ניכטער, אָנצושיכורן זכריהן. ער האָט אינזינען געהאַט, אַז ער האָט גענומען אויף זיך אַן אויפגאַבע, אַז ער האָט „אַ פּלאַן“ דורכצופירן. ער מוז „האַלטן קאָפּ“ און נישט „איבערכאַפּן די מאָס“, כדי זכריה זאָל דווקא יאָ איבערכאַפּן די מאָס און יאָ „פאַרלירן“ דעם קאָפּ... ער האָט געציילט די כוסות. און אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיטן חשבון פון די „לחיימס“, האָט ער שוין גענומען ציילן די פלעשער...

זכריה האָט געלאַכט אין זיך אַריין: נאָך יעדן „לחיים“, האָט ער גאַנץ גוט באַמערקט, ווי דער „יודאַנער“ ווינקט זיך איבער מיט פּערל־ליבען... ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט און וואָס מען איז דאָ אויסן... עס איז אים אָבער איינגעפאַלן, אַז עס איז דווקא גוט צו מאַכן־זיך צום־נאַר... אַז עס וועט אים דווקא זיין פיל באַקוועמער, ווען זיי וועלן מיינען, אַז ער איז שיכור...

וואָרעם זכריה האָט זיך קיינמאָל נישט געשפּילט מיט זיין ווייב אין ברוגזלעך און עס איז אים נישט אויסגעקומען דורכצומאַכן אַ פּראָצעדור פון איבערבעטן־זיך... און דאָ — וואָס מער דער „יודאַנער“ האָט זיך „אָנגעזעצט“ אויף אים, וואָס מער לייביש האָט אים אַריינגעזאָגט, געגעבן אָנצוהערענישן און וואָס מער דער ענין האָט זיך פאַרצויגן אין דער „לאַנגער באַנק“ אַריין, — אַלץ באַקוועמער איז עס אים געוואָרן.

פּערל־ליבע קוקט אים אין די אויגן־אַריין מיט דער געטריישאַפט און אונטערטעניקייט פון אַ געשלאָגענער צויג. זי סקאַמליעט ביי אים אַ גוט וואָרט. און דאָס גוטע וואָרט ליגט דאָך אים די גאַנצע צייט אויף דער שפּיץ

צונג און ער ווייסט נישט, ווי מען לאָזט עס אַראָפּ... דאַרף ער זיך מיט איר טאָקע פרי:ער דורכרעדן? אָדער אַלץ איז שוין באַוווסט און יעדעס וואָרט איז איבעריק?... זיכער איבעריק! אָבער אָן ווערטער, ווי קומט מען עס פּלוצ־לונג צוגיין און?... וואָס פאַר אַ פּנים האָט מען, אין אַזאַ פאַל, אין די אויגן פון די אונטערפירערס?... וואָלטן כאָטש קיין אונטערפירערס נישט געווען!...

אַוודאי איז עס נאַריש, אַוודאי איז עס יונגלש! — טראַכט זכריה — עס פּאַסט גאָרנישט פאַר קיין דערוואַקסענעם מענטשן. אינטימקייט. אָפנ־האַרציקייט דאַרפן דאָך נישט קיין ווערטער. ער וואָלט געדאַרפט פּשוט... לייביש איז גערעכט: „מיר האָבן פאַרגעסן ליב צו האָבן!"... יעדע נאַטיר־לעכקייט פאַרוואַנדלט־זיך נאָר אין אַ פּאַראַדיע... ווי האָט ער געזאָגט: „פון סענטימענטאַלע מענטשן לאַכט מען"...

און ווייל זכריה האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו זיין לעכערלעך ניכטערערהייט, איז אים איצט גוט געווען צו שפּילן די ראָל פון אַ שיכור...

זכריה האָט שוין איצט באמת געהאַט „מער אין קאָפּ, ווי אין פלעשל". ער האָט נישט געוווסט ווי שפּעט עס איז. דער אָרקעסטער האָט נאָך גע־שפּילט, אָבער דער זאַל איז שוין געווען אַ האַלב־ליידיקער. ער האָט שוין נישט געזען לייבישן מיט אילנהן. זענען זיי אַליין אַ היים געפאָרן, אָדער האָט זיי ווער באַגלייט? און די קיבוצניקעס זענען שוין אויך נישטאָ. דער „יודאַ־נער" שטייט נאָך אַלץ איבער אים און האַלט נאָך אין איין אָנגיסן. פּערל־ליבע בעט זיך שוין ביי אים, עס זאָל שוין זיין גענוג. אָבער פינקעלשטיין ענטפערט, אַז פון קיין טרונק בראָנפן איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן... ער איז שוין אַליין אויך היפּשלעך בגילופן, דער „יודאַנער". ער וויגט־זיך אויף די פיס און רעדט הויך, ווי אויף אַ יאַריד. ער איז אַפילו נישט פאַר־זיכטיק מיט קיין וואָרט און פרעגט פּערל־ליבען:

— אפשר מאַכט איר זיך דעם חנוכת־הבית היינט?... צו וואָס זאָלט איר עס אָפּלייגן אויף מאָרגן ,אַז היינט איז אויך אַ נאַכט פון גאָט?... איר זעט דאָך, אַז ער איז שוין אינגאַנצן אַ פאַרטיקער... אַ חנוכת־הביתדיקער!...

פּערל־ליבע איז רויט. אירע אויגן גלאַנצן. דער זאַל וויגט־זיך. זיי נעמען אים אונטער די אָרעמס. הינטער זיינע פּלייצעס לאַכט ווער. איינ־דרויסן איז קיל און לופטיק. ער וואָלט זיך דאָ איצט גערן אויסגעצויגן אויף אַ באַנק און געאָטעמט די פרישע לופט. אָבער מען שטופּט אים אַריין אין אַ טאַקסי. ער זיצט צווישן פּערל־ליבען און דעם „יודאַנער". די טאַקסי גליטשט־זיך איבער פּוסטע, נאַכטיקע גאַסן. ווי פאָרט ער עס נישט אַרויף אויף קיין הויז, דער שאָפער, ווען די גאַסן וויגן־זיך אַזוי?... אָט־אָט! ניין, ער איז שטיין־געבליבן.

פינקעלשטיין און פּערל־ליבע האָבן אים אַרויפגעשלעפּט אויף אַ שטאָק

שטיגן. זיי האָבן אויפגעשלאָסן אַ טיר און זענען אַריין אין אַ פרעמדער דירה. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל, אָבער דער פאָטעל האָט עפּעס געהאַלטן אין איין זינקען, אין איין פאַלן. עס האָט אים געפּייניקט אַ דורשט. ער האָט געבעטן וואַסער. פינקעלשטיין האָט אים געגעבן סאָדע־וואַסער מיט ווײַן. צו וואָס גיט ער אים נאָך אַלץ ווײַן? — ער פאַרטראַגט דאָך שוין נישט דעם גערוך פון ווײַן!

פערל־ליבע האָט ערגעץ געקלאַפּט קישנס און דער „יודאַנער" האָט אים אַראָפּגעצויגן די שיך. וואָס טוט ער מיט זײַנע שיך? וואָס וויקלט ער זיי איין אין אַ צײַטונג און נעמט זיי אונטערן אָרעם?... ער האָט עפּעס געלאַכט, דער „יודאַנער", זיך געזעגנט מיט פערל־ליבען און איז אַוועק מיט זײַנע שיך. פערל־ליבע האָט געשריִען, אַז מען דאַרף נישט, אָבער פינקעלשטיין האָט זיך עפּעס געפּאָרעט פון יענער זײַט טיר און געשלאָסן. ער פאַרשליסט זיי!... דער „יודאַנער" מיט זײַנע שטיקלעך!...

— ווי פילסטו זיך ,זכריה?...

— אַ טרונק.

פערל־ליבע האָט אים געגעבן זאָדעוואַסער. ריינע זאָדעוואַסער, אָן ווײַן...

— ווילסט נאָך עפּעס?...

— לופט!

זי האָט אַוועקגעשאַרט אַ גאַרדין און געעפנט אַ פענצטער. אַ פריש ווינטעלע האָט אַריינגעפלאַטערט און זכריה האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

ער געדענקט ניט, צי ער האָט זיך אַליין אויסגעטאָן, אָדער עמעץ האָט אים געהאָלפן. זײַן מידער קאָפּ האָט אַריינגעטויכט אין אַ ווייכן, פוכענעם קישן. וואָס איז דאָס פאַר אַ בעט? אַזאַ בעט האָט ער דאָך ניט געזען יאָרן! אַ ברייטקייט אַ ביסל! אַ מגרש (פלאַץ) אַ גאַנצער! פון בעטצייג שמעקט מיט פרישקייט, מיט נייקייט. עס שמעקט מיט היימישקייט און מיט... — וואָס טוט זיך עס מיט אים? טאַקע פאַרגעסן ליב צו האָבן?

אָן אינטים־באַקאַנטער אָדעקאָלאָן־אַראָמאַט האָט אַ רייץ־געטון זײַנע נאָז־לעכער. עס איז אים טונקל־געוואָרן אין די אויגן. אין דער טונקלקייט האָט געווונקען צו אים אַ קליין לעמפּעלע פון אַ טיר־ווינקל אַראָפּ. אַ לעמ־פּעלע ווי פון אַ טאַשן־באַטערייקע. אָבער אָט דאָס קאַרגע ליכט איז געווען גענוג, ער זאָל זען אַ לאַנג, ראָזאַ נאַכט־העמד אויף אַ שלאַנקן פרויען־קערפּער. ווער זאָל דאָס זײַן? ליובאַ? רעניאַ? דאַכט־זיך אַז נאָר פאַניעטשקאַ וויל עס אים כאַפּן אין אירע נאַקעטע אָרעמס! ווי קומט ער צו פאַניען? ווי האָט זי געוואַגט אַזוי... נייך, ס'איז פערל־ליבע... אירע בעקלעך זענען פאַר־צעלייען־קיל און גליטשן־זיך אַזוי גלאַטיק איבער זײַן הייסן שטערן...

— זכריה... זכריה... — איך האָב דיך ליב, זכריה...

איבער זיינע הילצערנע באַקן גליטשן זיך אַראָפּ צאַרטע, וואַרעמע ווייכקייטן. ער דערפילט דעם אינטימען אַראָמאַט פון איר לייב, וואָס טו־ליעט־זיך איבער אים.

— זיי גוט צו מיר, זכריה... זאָג עפּעס...

— „פאַרגעסן ליב צו האָבן?" — חלילה! וואָס עפּעס פאַרגעסן? — ענטפערט ער זיך.

זיינע הענט נעמען פיבערדיק לויפן איבער איר לייב. ער כאַפּט זי פעסט אַרום און זויגט זיך איין אין איר האַלדז:

— ליב, פערל־ליבע, ליב! — — —

***

ווען זכריה האָט די אויגן געעפנט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. דורך די האַלב־פאַרמאַכטע לאָדנס האָבן זיך אַריינגעריסן זון־שטראַלן, וואָס האָבן געשפּיזלט פאַר זיין בליק.

אין צווייטן קישן, וואָס נעבן אים, איז געבליבן אַן איינגעקוועטשט גריבעלע פון דעם קאָפּ וואָס האָט דאָרט גערוט.

פערל־ליבע האָט זיך שוין געפּאָרעט אין קיך. פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן צו אים דער דינער, פריילעכער געקלאַנג פון גלעזער־טעצע־לעך־לעפעלעך און דער גערוך פון אויפגעבריטער קאַווע און פריש גע־בעקס...

— וואָס ליג איך? — האָט ער זיך אַ זעץ־אויף געטון און געגומען רייבן די אויגן.

פערל־ליבע איז אַריינגעקומען מיט אַ טאַץ. אין איר געבלימלטן שלאָפ־ראָק האָט זי איצט אויסגעזען יינגער, גראַציעזער און רייצנדער ווי מיט צען יאָר צוריק...

זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר אַ פאַרויטלטע און אַ קוק־געטון אויף זכריהן מיט אַן אומדרייסט־פאַרזיכטיקן און פאַרשנדיקן בליק, דער בליק האָט ווי געפרעגט: „וואָס וועסטו זאָגן איצט, אַן אויסגעניכטערטער?... ווי וועסטו איצט רעאַגירן?" — אַ גוטמאָרגן דיר, זכריה...

— גוט־מאָרגן, פערל־ליבע... קום אַהער... — האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר ביידע הענט.

זי האָט אויפגעשליוכצט און אויפגעשטראַלט ווי דאָס פלימל אין אַ נאַפט־לאָמפּ. אַ לויף־געטון צום טיש, אַ האַסטיקן שטעל אַוועק געגעבן די טאַץ מיטן געבעקס און קאַווע, אַז עס האָט זיך אַזש פאַרגאָסן. ווי אַן אַכצנ־

יעריקע איז זי צוגעשפרונגען און אַריינגעפאַלן אין זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

— זכריה!...

— ששש... רעד גאָאָרנישט... — האָט ער זי אַרומגעכאַפּט און, איינ־זויגנדיק זיך אין אירע ליפּן, צוריקגעפאַלן אין קישן.

עס איז אַראָפּגעפאַלן איין שטעקלאַטש, אַ צווייטער און צוויי שעמעוו־דיקע פּיסלעך האָבן זיך אַרונטערגעגליטשט אונטער דער קאָלדרע.

די זון־שטראַלן האָבן זיך געשפּילט מיט זייערע האָר, געשפּיזלט ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויף אייביק בײַדע קעפּ צוזאַמענשפּינען...

אַ פייגעלע האָט זיך געשטעלט ביי דער שפּאַרונע פון דעם האַלב־געעפנטן לאָדן און אַריינגעטשוויטשערט אַ פריילעכן גוטמאָרגן... עס האָט, אָבער, געמוזט גאַנץ לאַנג טשוויטשערן, ביז זכריה און פּערל־ליבע האָבן עס דערהערט און זיך צעשמייכלט...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. דאָס איז נישט גע־ווען קיין קלאַפּן פון אַ גאַסט, וואָס וויל אַריינגיין, נאָר ווי מען וואָלט דאָרט געזעצט מיט אַ האַמער.

פּערל־ליבע אין שלאָפראָק איז די ערשטע אַראָפּגעשפּרונגען. דער ערש־טער געדאַנק אירער איז געווען, אַז גפני האָט זיך צוריקגעקערט! וואָס וויל ער?!

זכריה האָט געזוכט עפּעס אַרויפצוכאַפּן אויף זיך. „ווער קאָן דאָס זיין?" — האָט ער זיך געפרעגט, אַרויפשלעפּנדיק אויף זיך די הויזן.

זיי האָבן געפּרוווט עפענען די טיר און בשום־אופן נישט געקאָנט אָבער באַלד האָט מען פון דער צווייטער זייט אויפגעשלאָסן און די טיר האָט זיך געעפנט. דער „יודאַנער" איז דאָרט געשטאַנען מיט אַ האַמער אין האַנט און מיט מעשענע שרייפעלעך צווישן די ליפּן.

— שטערט מיר נישט... — האָט ער געבעטן מיט אַ האַלב־פאַרמאַכט מויל, האַלטנדיק די שרייפעלעך — איך קלאַפּ־אָן אַ מזוזה, אַז קיין שד זאָל אַהער נישט קומען...

און ער האָט זיך רויק פאַרגעזעצט דאָס האַמערן אין דער טיר...

די „מזוזה" וואָס ער האָט געהאַלטן אין אָנקלאַפּן, אַלס אַ סגולה קעגן שדים, איז געווען אַ נײַ, מעשן בלעטל מיט דיק־אויסגעקריצטע אותיות: זכריה קאַרלסבאַד...

— יודאַנער!... וואָס האָט איר מיר די שיך צוגענומען?... ווו האָט איר מיינע שיך?...

— אָט האָב איך זיי... איך האָב געמיינט אַז זיי קוועטשן אייך, אַז זיי זענען אייך ענג, האָב איך זיי אַוועקגענומען און געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ קאָפּעטע...

— נו, קומט שוין אַריין, וועלן מיר טרינקען קאַווע...

— קאַווע? מהיכא תיתי... פאַרוואָס נישט?... איז מזל־טוב אייך און גוטמאָרגן — האָט ער זיך צום סוף דערמאָנט, ווי זיין שטייגער איז...

און ווען מען האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל ביי דער טיר. דאָסמאָל איז עס געווען אַ פּאָטשטער. ער האָט גע־בראַכט אַ טעלעגראַמע. די טעלעגראַמע איז געווען פון ליאָווען און אילנה באַך און געשטאַנען זענען דאָרט די פּאָר ווערטער:

„טאַטע מאַמע מזל טוב"...

## קאַפּיטל עלף

# אַדיע, דזשעבעליאַ!...

עס איז אָפּגערעדט געוואָרן אויף צען אַזייגער אינדערפרי, ווען טשיזשיק און רעניאַ וועלן זיין ביי דער אַרבעט.

צען אַ זייגער אינדערפרי דאַרף לייביש קומען מיט אַ לאַסט־אויטאָ, צוצו־נעמען דאָס מעבל און אַלע איבעריקע זאַכן פון הויז.

צען אַ זייגער אינעדדפרי דאַרפן שוין זיין אויפן אָרט דער רויטער טאַטע מיט די בנים, מיט די ווייבער און בעבעכעס.

עס דאַרף אויך זיין דער „יודאַנער“, וועלכער איז דער פאַרטרויונגס־מאַן פוןביידע צדדים און ביי וועלכן עס איז איינגעלייגט געוואָרן דאָס געלט.

ניין אַ זייגער אינדערפרי איז שוין זכריה געווען אויף דער תחנה־מרכזית (צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע) אין תל־אביב. ער איז אויסגע־שטיגן פון דעם באַקוועמען „דן“־אויטאָבוס און זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן אין דער לאַנגער ריי, צום דרינדעוואַטן „דרום־יהודה“־אויטאָבוס, וואָס פירט קיין דזשעבעליאַ.

און כאָטש ניין אַ זייגער אינדערפרי איז די באַוועגונג פון תל־אביב קיין דזשעבעליאַ אַ קלענערע, ווי פון דזשעבעליאַ קיין תל־אביב, — איז אויך איצט אין אויטאָבוס געווען ענג. קרעמער האָבן איצט אַהיימגעפירט פון די הורט־סקלאַדעס קעסטלעך געוויכערטע פיש, בלעכן מיט מאַרינירטע הערינג און זויערע אוגערקעס, עמערס ברינדזע און זויערקרויט. פאַרקאַלכ־טע און פאַרוואַפּנעטע מאַלאַרעס און מולאַרעס זינען דאָ אַריין מיט זייערע לייטערס, קיבלעס פאַרב און בוטלעס פאַקאָסט. אַ שוסטער האָט געשלעפּט אַ גרויסן, צונויפגעראָלטן האַרטן לעדער. אַ גלעזער איז אַריין מיט זיין קאַסטן גלאָז און כסדר געוואָרנט „פאָרזיכטיק־אָסטראָזשנע־זהירות!“. אַ קאַ־נאַליזאַטאָר האָט זיך אַריינגעשטופּט מיט אַ נייער קלאָזעט־שיסל. דער אויטאָ

האָט זיך געהאַצקעט און געשליידערט. די פאַרקאַלכטע מאַלאַרעס האָבן אויסגעשמירט אַ טוץ „פראַנטן". ביי אַ ידנע אויפן שויס האָט געפּלאַצט אַ גאַנשער בוימל „שמן־זית". זי האָט פאַרפעטסט די קאפּעטע ביי אַ רב און דאָס קלייד ביי אַ קלויסטער־שוועסטער. געשרייען, זידלערייען, קללות.

די אַלע שאַרפע גערוכן רייצן אין זכריהס נאַזלעכער, אַז ער צעגיסט זיך אַזש. ער פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. אָבער דער נהג (שאָפער), אויך מיט אַ סיגאַרעט אין מויל, שרייט אַז דאָ איז פאַרווערט צו רויכערן!...

אין יפו שטייגן־אויס אַ זעקס פערזאָן, אָבער עס קוועטשן זיך צוריק אַריין אַ פופצן. איצט איז עס שוין נישט צום אָטעמען. בפרט נאָך, אַז עס איז עפּעס געשען מיט אַ זויג־קינד און די מוטער מוז עס אַרומווישן און איבערלייגן. אַ דאַמעלע כאַפּט אַרויס אַ פלעשעלע פּערפום. אַ בחור רייסט אויף אַ פּאַמעראַנץ. די איבעריקע האַלטן־זיך צו די נעזער און טרייסטן־זיך, אַז עס איז שוין נישט ווייט.

— גן־תמר! — רופט אויס דער נהג און גיט באַלד צו מיט חוזק: — דזשונגאַליאַ!

דזשעבעליאַ הייסט עס ביי אים די דזשונגל, „דזשונגאַליאַ", וווהין ער האָט דאָס געבראַכט צוריק צופירן די חיות און ווילדע ברואים...

— דרך־ארץ, באַלעגאַלע־יונג! — גיט אים ווער אַ זאָג, אויסשטייגנדיק.

גן־תמר איז די ערשטע סטאַציע פון דזשעבעליאַ. דאָ שטייגט־אויס דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן. דער אויטאָ דאַרף פאָרן ווייטער מיטן הויפּט־כביש, ביז דער גרענעץ צווישן דזשעבעליאַ און בת־ים. דער שאָפער איז אָבער בייז פאָרן וואָרט „באַלעגאַלע־יונג". זיין באַליידיקטער האָנאָר לעכצט נאָך נקמה.

— לרדת! אויסשטייגן! — באַפעלט ער — איך פאָר נישט ווייטער!

— וואָס הייסט, איר פאָרט נישט?!

— פאָרט מיט באַלעגאַלעס!

— זע נאָר, זע נאָר! מען האָט אים דעם פאַרך צעקראַצט!

— יעדער לאַטיק האַלט זיך דאָ ווי אַ וותיק!...

— האָט איר אַ ברירה צו גיין צו־פוס! לרדת! אויסשטייגן!

דער עולם זיצט נאָך אַ ביסל און וואַרט: אפשר וועט ער ווייכער ווערן און דאָך ווייטער פאָרן. דער נהג ווערט אָבער נישט ווייכער:

— איך פאָר נישט ווייטער! לרדת!

— מיין כפּרה איז ער! — שפּייט אויס זכריה, אויסשטייגנדיק אַ צע־קנאַדערטער פון דער „קוועטש־און־שטינק־מאַשין"...

ער איז בייז, וואָס ער דאַרף נאָך איצט גיין אַ קילאָמעטער צו־פוס. גלייכ־

ציִיטיק איז ער צופרידן וואָס ער קען זיך שוין אויסגלייכן די ביינער און פרייער אָפּאָטעמען. עס איז אַ קילער האַרבסט־טאָג. עס שמעקט שוין מיט רעגן. קיין צען אַ זייגער איז נאָך נישט און מען קען מאַכן אַ שפּאַצירל. אין אפשר איז דאָס געווען די לעצטע גהינום־רייזע אין דער שטאָט און דאָס לעצטע שפּאַצירל דאָ?... באַשערט, זעט אויס, נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן דזשע־בעליַאַ... דער ערשטער איינוווינער איז ער דאָ געווען... אַ ראָבינזאָן קרוזאָ אויף אַן אומבאַוווינטן אינדזל... ער האָט דאַן געבענקט נאָך מענטשן און זיך געפרייט מיט די ערשטע טראַנספּאָרטן, וואָס מען האָט דאָ אַהערגעבראַכט... געפרייט זיך, זעענדיק ווי די שטאָט וואַקסט און ווערט אַ ייִדישער ישוב... וואָס איז דאָ געוואָרן פון דעם פאַרכישופטן אינדזל מיט די פּרעכטיקע פּאַ־לאַצן? — אַן עמק־הבכא, אַ יאָמער־טאָל! אַ גהינום! טאָקע אַ דזשונגל, ווו מענטשן פרעסן־זיך איינער דעם אַנדערן! ניין, קיין נחת וועט מען שוין אין דעם דזשעבעליַאַ נישט האָבן! אַ גליק, וואָס ער אַנטלויפט פון דאַנען! וואָס ער איז דאָ איצט אפשר דאָס לעצטע מאָל!

ווי נאָר עס איז אויסגעשטיגן דער לעצטער פּאַסאַזשיר, האָט זיי דער שאָפער אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג און אַ רוף־געטון:

— דזשונגאַליַאַ!... בעעע!...

ער האָט געלאָזן דעם מאָטאָר מיט רעש און געטראַסק. איבערגעלאָזן אַ וואָלקן רויך מיט גאַז און מיט אַ ליידיקן אויטאָבוס דווקא יאָ פאָרגעזעצט זיין רייזע מיטן הויפּט־כביש, צו דער גרענעץ פון בת־ים...

— ייִדישע קאָמוניקאַציע!... — לאַכט זכריה מיט יאַשטשערקעס — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?! צי וואָלטן זיך די אַנטיסעמיטישע טראַמווייאַ־זשעס אין וואַרשע אויף עפּעס ענלעכעס דערלויבט אויף דער דזשיקע? אָדער אויף די נאַלעווקעס?... ניין, עס וועט דאָ מוזן אַמאָל אַ סוף נעמען צו דער ממשלה פון די „דרום־יהודה"ניקעס! מיט אַן אייזערנעם בעזעם וועט מען זיי אויסקערן! אויב דאָס לאַנד וויל זיין מיט לענדער צוגלייך, דאַרף די קאָ־מוניקאַציע זיין אַ באַקוועמלעכקייט פאַר דער באַפעלקערונג און נישט קיין פּלאָג! מיט דער צייט...

זכריה האָט זיך פאַרנומען פון דער הויפּט־גאַס, ווו עס איז פול מיט רויך און חלב־טשאַד פון געבראָטן פלייש, שאַשליק, פאַלאַפעל, פּאָנטשקעס און געברענטע קאַשטאַנעס. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צום ים־צו, ווו עס האָבן אים אַרומגעכאַפּט פרישע, פייכטע ווינטעלעך מיטן גערוך פון פיש און פוילנדיקע ים־גראָזן.

צווישן אַראַבישע רויִנעס, האָט ער דערזען אַ הייזל, ווי אַ קיאָסק די גרויס, מיט אַ הענג־שלאָס אויף דער טיר. ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז ער איז דאָ געווען, אַז דאָס איז דער ליובאַס הייזל... ער קען זי דאָ נאָך

באַגעגענען און זי וועט אים רופן! — איז אים איינגעפאַלן און ער האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז פון די מערדער. דער דעמאָלירטער פּאַלאַץ איז שוין צוריק אויסרעמאָנטירט געוואָרן. אויף דער טעראַסע שטייען נידעריקע טישעלעך מיט בענקעלעך. אויפן הויף זענען שוין דאָ הוידעכ, וויג־ברעטער, אַ קאַרוזעלע. עס וואַלגערן זיך דאָ הילצערנע פערד, שיפן און עראָפּלאַנען. דורך טירן־פענצטער קוועלט אַ קינדערישער כאָר־געזאַנג. אַ סימפּאַטישע שטים פון אַ יונגער לערערין פאַנגט־אָן:

יום הולדת של אפרים,
חג גדול לילדים!...

און די קינדער־שטימעלעך דראַפּען זיך נאָך אומדרייסט:

בידים הך, הך, הך...
ברגלים טרך, טרך, טרך...
לאלאלא, לאלאלא, לאלאלא, לאלאלא,
אחת, שתים, שלש!...

זכריה שמייכלט. ער באַמערקט איצט די גרויסע שילד ביים טויער, מיט דער אויפשריפט: „גן־ילדים“.

— און אפשר וועט אָט דער נייער דור שוין ענדערן דאָס פּנים פון דער שטאָט?... — טראַכט ער זיך — ווען אַלדאָס־בייז וואָלט זיך דאָ אַזוי פאַרענדיקט מיט אַזאַ קינדער־כאָר, וואָלט דווקא פיל, פיל געווען צו דער־וואַרטן...

**
*

ווען זכריה איז צוגעקומען, האָבן שוין אַלע געוואַרט. דער טאַטע מיט די בנים האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היטלען און באַוויזן זייערע קופּער־רויטע טשופּרינעס. די בעבעכעס האָבן זיי געבראַכט אויף זייערע אייגענע פּלאַט־פאָרמעס. אויף די בעבעכעס זיצן דריי רויטע ווייבער מיט צעשויבערטע האָר, ווי רויטע ציגיינערטעס פון אַ וואַלד אַרויס. זיי פילעווען זייער פאַר־מעגן פון אַ „גוט־אויג“. אַרום זיי זאַמלען זיך טאָקע נייגעריקע שכנים און טשאַטעס קינדער, ווי אַנצוקוקן אַ פריילעכע פאַרשטעלונג...

— נו, ווו זענט איר? מען דאַרף דאָך עפּעס מאַכן דעם „שיינע מוקעס, שיינע מייזל“... — איז אים דער „יודאַנער“ אַנטקעגן־געקומען מיטן באַ־לעגאַלישן „לאָקשן־קוידעש“, ווינקענדיק טאָקע אויף זיי — אַ גוטער מאָרגן!... — האָט ער זיך צום סוף דערמאָנט.

— איינגעצאַלט האָבן זיי?

— „קלאַנג־פּילם״ איז שוין ביי מיר אין הינטן־קעשענע!...

— איז איינס־צוויי!... נישטאָ וואָס צו באַלעמוטשען!...

זיי זענען אַריין אין שטוב און דערזען, אַז מרים איז געווען גערעכט: טשיזשיק מיט רעניען האָבן דאָ געמאַכט די אמתע עקספּאַנסיע!... זיי האָבן זיך צעשפּרייט מיט זייערע גראַטעס כמעט איבער דער גאַנצער שטוב. אין לייבישעס צימער, אין קיך, אין פּאָדערהויז, אויף בײדע טעראַסן — אומעטום. די אַלע גראַטעס האָבן אַנטקעגן־געגלאָצט מיט חוצפּהדיקער וואָרענונג, אַז דאָס גאַנצע הויז איז זייערס און מיט אַ שטרענגער דראָונג, מען זאָל זיי נישט וואַגן פון אָרט צו רירן!...

— דאָס אַלץ איז זייערס... — האָט זכריה געוויזן דעם רויטן ייִדן, מיט אַ פּיל־דייטיקן שמייכל.

— מיר שליידערן דאָס אַרויס! קיין שפּענדל וועט דאָ נישט בלייבן!

— די דירה איז אייערע... איר זענט איצט די באַלעבאַטים...

— וואָדען?! מירן עס אַרויסשטעלן דאָרטן, אין יענעם ווינקל הויף און שוין!

— טאַטע... — איז לייביש צוגעקומען עטוואָס זשעניִרט — וואָס גייט צו דיר און וואָס גייט צו מיר?... איך מיין... איך וויל וויסן, ווי אַזוי צו לאָדעווען אויף דער מאַשין...

— אַלץ גייט צו דיר, לייבישל... אַלץ!... — האָט זכריה פּאַטערלעך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל — דאָס מעבל איז נישט ערגער ווי דאָס, וואָס דו האָסט איצט געקויפט... און ביז דו וועסט געהאָלפן־ווערן און קויפן מאָדערנע, וועט איך דאָס אויך דינען מיט מזל... נעם די כלים, די קיך־געשיר, אַלץ. אין אַ יונגער באַלעבאַטישקייט קומט אַלץ צו־נוץ...

— און דו...

— איך דאַרף גאָרנישט. עזריאל, עליו־השלום... און דו, צו לאַנגע יאָר, איר האָט דאָ געקעמפט... בלוט פאַרגאָסן. אָבער איך בין דאָך געקומען אויף אַלעם פאַרטיקן. געקומען אַהער מיט אַ טשעמאָדאַן און וועל אַוועק מיט מיין טשעמאָדאַן... יאָ, און אָט דעם שטיין וועל איך מיטנעמען... — האָט ער אַ ווייז־געטון אויפן בלומען־בייט מיטן נגב־שטיין פון עיראַק־סואַדאַן. — דו האָסט דאָך אַן אָנדענק פון עזריאלן, ע״ה. אַ לעבעדיקן עזריאלקען, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!... איך וועל זיך נעמען דעם שטיין און... אַ ביסל בלומען פון דאַנען... נו, ייִדן! — האָט ער זיך אַ ווענדגעטון צו די באַלעגאָלעס, וואָס האָבן אים געקוקט אין די אויגן און געוואָרט אויף זיין וואָרט — העלפט מיין זון אַרויסטראָגן און נאָכדעם וועט איר אייערס אַריינטראָגן...

— דאַוואַי!... — האָבן דער טאַטע מיט די בנים זיך אָנגעשפּיגן אין די דלאָניעס, אַ הייב־געטון די הויזנס און פאַכמעניש זיך אַ נעם־געטון צו דער אַרבעט.

— איך וועל דערווייל צוגיין, זיך געזעגענען מיט מיין גרויסן שכן...

— האָט זכריה געזאָגט פינקעלשטיינען — ער האָט מיר דאָ געגעבן דעם ערשטן שלום־עליכם...

— ווער איז דאָס?

— דער אלוף יצחק...

— אַ ייִד?...

— נאָך וואָס פאַר אַ ייִד!... ער האָט מיר טאַקע צוגענומען מיין עלטערן זון, אָבער ער האָט עס אַליין געגנוג איבערגעווייטיקט. זייט מוחל. — און ער האָט זיך געלאָזן צו דער ווילע ביים ברעג פון ים.

די גרינע, הילצערנע קאַליטקע איז געווען אינעווייניק פאַרקייטלט. אין ווייכן גראָז אויפן הויף האָט זיך געשפּילט דעם אלופס זעקס־יעריק זונעלע מיט זיין הונט. זיי האָבן זיך פריילעך געקייקלט אין גראָז איינער איבערן אַנדערן.ביידע זענען זיי צוגעלאָפן צו דער קאַליטקע.

— דער טאַטע איז אין שטוב? — האָט זכריה געפרעגט.

— ניין. ער איז אין שפּיטאָל. — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט.

— וואָס מאַכט ער?

— ככה... (אַזוי־זיך...)

„ככה... — טראַכט זיך זכריה — וואָס ווייסט אַ קינד? ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס די מאַמע מאַכט, האָט ער דאָך אויך געענטפערט „ככה". און דאָס איז געווען אַ טאָג פאַר איר טויט... ווי שיין זי איז געשטאָרבן, ווי רויִק!"...

זכריה דערמאָנט זיך דעם פאַרנאַכט, ווען לייביש האָט זיך דאָ געבאָדן אין ים. שווימען קאָן ער נישט און אַוועקגעקראָכן איז ער אַ קילאָמעטער ווייט פון ברעג. ער, זכריה, איז דאַן געשטאַנען דאָ, פאַרן הויז, און אַראָפּגעשריגן צו לייבישן, ער זאָל נישט פאַרקריכן אַזוי ווייט. דעם אלופס פרוי איז דאַן געזעסן אין וויג־שטול, אין יונגן וועלדל און געלייענט אַ בוך. אויף זיין געשריי צו לייבישן, וואָס האָט איר פילייכט געשטערט אין לייענען, האָט זי זיך אָנגערופן צו אים מיט געלעכטער: „וואָס ציטערט איר אַזוי, אדון קאַרלסבאַך? וואָס האָט איר אַזוי מורא פאַרן טויט?...".

און געווען איז זי דאַן שוין נאָך דער צווייטער אָפּעראַציע און גוט געוווּסט, אַז איר לאַגע איז האָפנונגסלאָז... דער ראַק האָט זיך שוין געהאַט צו־ווייט צעוואַקסן.

דעם זעלבן אָוונט טאַקע, ווען זי האָט געלאַכט פון אים, פאַרוואָס ער

האָט אַזוי מורא פֿאַרן טויט, איז זי צוריקגעגאַנגען אין שפּיטאָל. דער מאַן האָט איר, מיטן אייגענעם דזשיפּ אָוועקגעפֿירט. אַ שמייכלענדיקע, ווי זי וואָלט געפֿאָרן אויף אַן אויספֿלוג, האָט זי זיך געזעגנט מיט די שכנים, וועלכע זענען צופֿעליק געווען אויף דער גאַס. אָבער צומאָרגנס באַגינען האָט שוין דאָס יינגעלע דערציילט זיינע חברים, אַז ער איז אַ יתום, אַז די נאַכט איז זיין מאַמע געשטאָרבן.

האָט טאַקע די העלדישע אָפּיצערין נישט מורא־געהאַט פֿאַרן טויט? האָט זי אים טאַקע געקוקט אַזוי גלייכגילטיק און רויק אין די אויגן אַריין? זאָל זיין, אַז די צענדליקער און הונדערטער טויטן, וואָס זי האָט געזען אויף די שלאַכט־פֿעלדער, האָבן ביי איר יעטוועדע שרעק אָוועקגענומען און איר היימיש געמאַכט מיטן מלאך־המות? — ווי שיין זי איז געשטאָרבן!... ווי רויק און ווי העלדיש!...

און פּונקט אַזוי שיין האָט יצחק געטרויערט. ער האָט נישט געוויינט און נישט געקלאָגט, כאָטש דער טרויער האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע קלוגע אויגן.

שפּאַצירנדיק מיט זכריהן אין יונגן וועלדל, האָט ער אים געוויזן אַ פּלאַץ, אַ ווינקעלע ביים סאַמע באַרג־אַפּריס, וווּ ער רעכנט צו שטעלן זיין פֿרוי אַ קינסטלערישן דענקמאָל. אַ חבר, אַ סקולפּטאָר אַרבעט שוין איבער איר סטאַטוע, וואָס וועט דאָ אָוועקגעשטעלט־ווערן מיטן פּנים צום ים, ווי זי זעלבסט פֿלעגט דאָ ליב האָבן צו שטיין און צוקוקן אַ פֿורפֿורענעם זון־פֿאַרגאַנג...

און ווען זיי זענען אַריין אין שטוב אויף אַ שנעפּסעלע, האָט דער תּמיד גערן־שמועסנדיקער אלוף שווער געשוויגן, פֿאַרקוקנדיק־זיך אויף דער פֿרויס צענדליקער פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס זענען צעלייגט געווען אונטערן גלאָז, איי־בער זיין גרויסן, טונקעלן טיש מיטן העל־אויספּאַנירטן פּלמ״ח־צייכן אינ־מיטן...

זכריה האָט אויך געוווּסט וועגן אַן אַנדער שווערער איבערלעבונג, וועגן וועלכער יצחק האָט נישט גערעדט. דער פֿרויס טויט איז אַ צווייטער שווערער קלאַפּ פֿאַרן אַלטיטשקן. אַליין איז ער געבליבן אין זיינע צער־פֿולע טעג. ער, דער „באַפֿרייער פֿון נגב״, דער דעראָבערער פֿון פֿעסטונגען, דער זיגער אין פֿיל דעצידירנדיקע שלאַכטן, איז נאָך אַלע נצחונות באַ־זייטיקט געוואָרן פֿון זיין הויכן פּאָסטן. אויף וויפֿל זכריה אָריענטירט זיך נישט אין פּאַרטיי־פּאָליטיק, האָט ער געוווּסט אַז דאָס איז געשען צוליב פּאָליטישע חילוקי־דעות צווישן יצחקן און בן־גוריונען. און נאָך די אַלע נצחונות וואָס יצחק האָט געבראַכט דעם לאַנד, האָט מען אים, ווי דעם נעגער וואָס האָט אָפּגעטון זיינס, געהייסן גיין... מען האָט אים אַפֿילו צו־

געגומען דעם מיליטערישן דזשיפּ, וואָס איז תמיד געשטאַנען צו זיין דיס־פּאָזיציע... און דער אלוף, וועלכער פלעגט שטענדיק גערן אויפנעמען אויף די וועגן יעדן איינציקן, ווער עס האָט נאָר אויפגעהויבן זיין האַנט, — ער האָט זיך איצט אַליין געמוזט אָוועקשטעלן אין דער לאַנגער ריי, צום אינקוויזיציע־אויטאָבוס פון „דרום־יהודה"...

יצחק האָט אויסגעטון זיין אלוף־מונדיר און אָנגעטון אַרבעטס־קליי־דער. ער איז אַוועק אין אַ שטיין־האַקעריי, ווו ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ספּעציאַליסט. אין די פרייע שעהן האָט ער געשריבן אַרטיקלען פאַר זיין פּאַרטיי־אָרגאַן, פאַר אַ מיליטערישן זשורנאַל און אַ פּיעסע פאַר עפּעס אַן עקספּערימענטאַלן טעאַטער. פריִער זענען דאָס געווען ביי אים זייטיקע באַשעפטיקונגען, ווי זיין גייסטיקער ספּאָרט, זיין האָבבי. אָבער איצט איז דאָס געוואָרן ביי אים אַלץ...

אָט די קלעפּ האָט יצחק אויפגענומען מיט אַן אויסערלעכער רויִקייט. די ווירדע פון אַלטן קאַמפּסמאַן האָט אים נישט דערלויבט אַרויסצוווייזן קיין אינערלעכע צעבראָכנקייט, קיין דערשיטערטקייט. אַ סאָלדאַט און אַ מוסטער פאַר סאָלדאַטן. וויפל מאָל זכריה האָט געטרונקען מיט אים טיי, האָט יצחק זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן זיין גאַסט מיט אַ געמיטלעכן שמועס וועגן בלומען־גאָרטן ,וועגן וואַלד, וועגן דעם דזשיפּ וואָס ער האָט געקויפט בשותפות מיט אַ חבר און וועגן דער תל־אביבער באַהעמיע, אין וועלכער ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען. זכריה האָט, אָבער, געפילט, אַז דער פאַרשטיקטער ווייטיק ברענגט זיין פריינט מער פיזישן שאָדן, ווי ער וואָלט געזעדט און זיך פאַרטרויט.

און איצט, ווער ווייסט וואָס עס איז אים? אויסטערלישע מחלות האָבן זיך פלוצלונג גענומען טשעפּען צו דעם קרעפטיקן ספּאָרטסמאַן. שוין צוויי אָפּעראַציעס דורכגעמאַכט און קאָן זיך אַלץ נישט אַרויסרייסן פון שפּיטאָל. ווי זיין פרוי פריִער, ליגט ער דאָרט אָפּ אַ פּאָר וואָכן, קומט אַהיים אויף אַ שטיקל צייט און פאָרט ווידער צוריק אין שפּיטאָל־אַריין.

אַזאַ שיינע ווילע... אַזאַ וווּנדערבאַרער בלומען־גאָרטן... מיט וויפל ליבשאַפט האָבן זיי ביידע אָט דעם בלומען־גאָרטן באַאַרבעט און מיט וויפל פאַרשטענדעניש, זאָרגפעליקייט און צערטלעכקייט — יעדן פלאַנץ גע־פלעגט!... און דער וואַלד... „אין אַ דריי יאָר אַרום, וועט דאָ זיין אַ וואַלד מיט געדיכטע קרוינען... אַ וואַלד וואָס וועט געבן שאָטן און שיצן די בלו־מען פון ווינט און ים־פייכטקייטן"... — האָט אים דער אלוף געוויזן אויף די יונגע, דאַרע ביימעלעך, וואָס ער האָט פאַרזעצט איבערן גאַנצן באַרג־אַראָפּ צום ים־צו. קיין דריי יאָר זענען נאָך נישט פאַרביי און דער וואַלד איז שוין אַ וואַלד... אַ חנעוודיק, אַראָמאַטיש סאָסנע־וועלדל...

אין אַט דעם וועלדל האָבן זיי, ערשט דאָ נישט לאַנג, געפּייערט צו־זאַמען זייער הונדערטסטן געבורטסטאָג... זיין זעכציקסטן און איר פער־ציקסטן... אויפן גראָז צווישן די ביימער זענען געשטאַנען קוישן מיט וויינ־טרויבן און געבעקס, פלעשער מיט ווין און ביר און די שטיקער פון אַ געבראָטענעם שעפס אויפן אַראַבישן שטייגער... צו זייער שמחה זענען זיך צונויפגעקומען פריינט פון גאַנצן לאַנד. די גאַנצע גאַס דאָ איז געווען באַשטעלט מיט פּריוואַטע און מיליטערישע אויטאָס. עס זענען געקומען פלמ״ח־חברים, אָפיצירן, שריפטשטעלער, אַקטיאָרן, קינסטלער און פּראָנט־אינוואַלידן. עס זענען געקומען פּאַרטיי־פירער און דעפּוטאַטן פון כנסת. די עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן פון וועלדל אַרויס געוווּנקען צום גאַנצן אַרום און די געזאַנגען האָבן זיך געהערט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין...

אַ שמחה... האָט דען וועמען פון די נאָענטסטע פריינט, וועלכע האָבן געוווּנטשן די סאָלעניזאַנטן לאַנגע יאָרן, געקאָנט איינפאַלן אַז זיי לאַכן פון אַט די אַלע גוטע ווונטשן, ווייל זיי אַליין ווייסן בעסער זייער לעבנס־חשבון?... — — —

דער וואַלד וויגט זיינע גרינע צווייגן און עס וויגן־זיך די שאָטנס איבער די פּוסטע אַלעען. דער ים רוישט און וואַשט דעם ברעג מיט שוי־מיקע כוואַליעס. די בלומען ווינקען מיט אַלע קאָלירן, קוקן אַרום זיך פאַרחי־דושט און פאַרבענקט נאָך די גוטע, פלעגערישע הענט. אין ווייכן גראָז שפּילט זיך דאָס ייִנגעלע מיטן הונט און אין דער זוניקער ווילע איז פאַראַן נאָר איין מענטש, אַ מומע זיינע, וועלכע איז דאָ געבליבן אַכטונג צו געבן אויף אים.

— מאָרגן, בלי־נדר, וועל איך צופאָרן אין שפּיטאָל מבקר־חולה־זיין. — באַשליסט זכריה, וואַרפנדיק אַ געזעגענענדיקן בליק אויף דער ווילע וואָס טונקט־זיך אין זון און אין גרינס, ווי אין אַ בלי־ענדיקן אומעט.

**
*

לייבישעס לאַסט־אויטאָ איז שוין געווען אָנגעלאָדן אַ שטאָק די הויך און פאַרבונדן מיט שטריק.

טשיזשיקס און רעניעס „גראַטעס״, זייערע נאָפּט־מאַשינקעס און קיך־געשיר איז שוין געווען אַרויסגעשליידערט און אָנגעבערגלט אין אַ ווינקל פון הויף. אַפילו די קעסטלעך, גאַנשערס און גומי־רעדער פון אויטאָס, וואָס טשיזשיק האָט אָנגעשלעפּט און אָנגעשטעלט אין באָד־צימער, זענען שוין געלעגן אַרויסגעשליידערטע אינדרויסן. ווי תקיפדיק אָט די גרויסע גומי־רעדער האָבן אויסגעזען זכריהן אין באָד־צימער, אַזוי נעבעכדיק האָבן

זיי איצט אויסגעזען אינדרויסן, אויף דער זון... ווי נאָך אַ שריפה, אָדער ווי נאָך אַן עקסמיסיע זענען זיי דאָ געלעגן, צו דער געוואַלדיקער הנאה פון זכריה קאַרלסבאַך...

און אין שטוב, אין האָל, אין די צימערן און איך קיך, האָט עס איצט געהילכט פון פּוסטקייט... געהילכט, ווי אין דער ערשטער, פּינצטערער, אומהיימלעכער נאַכט, ווען זכריה איז אַהער געקומען...

די באַלעגאַלישע בעבעכעס זענען שוין געווען אַראָפּגענומען פון די פורן, אָבער נאָך געלעגן אינדרויסן. וואָרעם די צימערן זענען איצט פול געווען מיט שטויב, מיט מיסט, מיט פּאַפּירן און שמאַטקעס און מיט שפּינ־וועבס אין די ווינקלען פון וואַנען מען האָט אַוועקגענומען בופעטן און שענק. און די רויטע ווייבער האָבן, מיט עפּעס אַ באַזונדערער רויטער בריהשקייט, פאַרקאַטשעט די אַרבל, פאַרקאַטשעט די קליידער און זיך אַ נעם־געטון צום ראַמען, צום קערן, ווישן און וואַשן.

— מיאַאַאַוווו!

זכריה האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אויף אַ פענצטער־פּאַראַפּעט, הינטער די קראַטן, אַ שוואַרצע קאַץ מיט גרינע פאָספאָר־אויגן.

„די זעלבע קאַץ! דאָס איז דאָך די זעלבע קאַץ!" — איז אים איינגעפאַלן — די אַראַבישע קאַץ מיט וועלכער ער האָט דאָ געקעמפט באַלד דעם ערשטן פרימאָרגן, ווען ער איז דאָ אַהערגעקומען און זי פאַריאָגט! די גאַנצע צייט האָט זי זיך מער נישט באַוויזן. אין די נעכט בלויז, האָט זיך אים אָפט געדוכט, אַז ער הערט איר מיאַוקען הינטער די פענצטער, ווי זי וואָלט אים צו וויסן געגעבן, אַז זי איז דאָ און פּילעוועט איר שטוב... אַן אומ־היימלעכקייט, אַ פחד האָט דאָס מיאַוקען אָנגעוואָרפן אויף זכריהן אין די ווינטערדיקע נעכט. אָבער בייטאָג האָט ער זי מער קיינמאָל נישט געזען ביז היינט. און איצט האָט זי זיך באַוויזן... דאָס בילד פון אַרויסטראָגן און אַריינטראָגן מעבל האָט איר אפשר אַן עפּעס דערמאָנט... אפשר האָט זי געמיינט, אַז אירע אַלטע באַלעבאַטים זענען צוריקגעקומען און זי וועט ווי־דער געפינען ביי זיי אַ היים? — זי איז אַרויס פון איר פאַרטייעטער באַ־העלטעניש, גלאָצט אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט מיט אירע אומהיימלעכע פאָספאָר־אויגן און מיאַוקעט פאַרוואָגלט און פאַרבענקט...

די רויטע ווייבער זענען נישט אַזוי סענטימענטאַל ווי זכריה. זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין שוואַרצע קעץ און פאַר קיין שוואַרצע קאָטערס. זיי האָבן זיך גאָר מיט דער קאַץ דערפרייט.

— קיטשי, קיטשי, קיטשי... — האָבן זיי זי גערופן.

איינע האָט זי גענומען אויף דער האַנט און געגלעט און אַ צווייטע האָט איר געגעבן עפּעס עסן.

דער טאַטע מיט די בנים האָבן איצט געטון אַ סטאָלערישע אַרבעט, מיט ברעטער, לייסטן און לאַנגע טשוועקעס האָבן זיי איצט געהאַלטן אין פאַרהאַקן און פאַרמויערן טשיזשיקס טיר אַזוי, אַז מען זאָל זי שוין נישט קאָנען עפענען ביז משיח וועט קומען...

— זייער זוואַניע זאָל זיך אונדז דאָ נישט ווייזן! אַט מיט דער האַק פלעט איך זיי ביידן די קעפּ! — האָט דער רויטער טאַטע געוויזן זיין האַק, אונטער אַ הירזשענדיק געלעכטער פון זיינע רויטע בנים. — דורך יענער זייט! דורך דער הינטער־טיר זאָלן זיי גיין צו זיך אין שטאַל אַריין! אַנישט קאָנען זיי גיין ביי מיר אויף קוליעס!...

— אַט דאָס הייסט דיפּלאָמאַטיש גערעדט!... האָט פינקעלשטיין אַ וווּנק־געטון צו זכריהן — דאָס איז אַ מין דיסקרעטע אָנצוהערעניש...

— דעליקאַט, האַ?... — האָט זכריה געלאַכט.

— וואָדען... אַ רענדל אַ וואָרט!... און איר מעגט אים גלויבן אויך, וואָרעם אַז אַ ייִד אַ תלמיד־חכם, וואָס איז בקי אין אַ געשפּאַן, גיט זיך אַ נדר, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן!... יאָ, און מיר, פאַניע קאַרלסבאַך, האָבן דאָך שוין מער נישט דאָ וואָס צו טון... זיי וועלן זיך שוין עצהנען, איר זעט דאָך... איז קומט, עס ווערט שפּעט.

— וויפל איז דען דער זייגער?

— עס איז שוין נאָך אַכט...

תמיד איז ביי פינקעלשטיינען „נאָך אַכט“... מעג זיין צוועלף אַ זייגער, איינס, צוויי, — ווען מען פרעגט אים, איז „נאָך אַכט“...

— נו, ייִדן... איז זייט מיר געזונט! ציט זיך אַריין אין אַ מזלדיקער שעה און האָט הצלחה!... — האָט זכריה געוווּנטשן, זיך געזעגענענדיק.

— איר אויך... איר אויך... — האָט די רויטע משפּחה געענטפערט.

— שיינע מוקעם, שיינע מייזל!... — האָט דער „יודאַנער“ צוגעגעבן

— האָט נחת פון אייערע פערד און פון אייערע ווייבער!...

— איר אויך.. איר אויך... — האָבן דער טאַטע מיט די בנים צוריק־געוווּנטשן.

און די רויטע ווייבער האָבן דאַנקבאַר געשמייכלט.

זיי זענען אַרויס צום אויטאָ. אין דער שאָפערקע זענען געווען אָנגע־שטעלט צעברעכלעכע כלים. אַזוי אַז אויסער פאַרן שאָפער, איז מער פאַר קיינעם קיין פלאַץ נישט געווען דאָרט צום זיצן. צופוסנס איז דאָרט אויך געלעגן דער נגב־שטיין פון עיראַק־סואיזדאַן און אַ בונט בלומען פון בייט. דערפאַר האָט דער שאָפער און לייביש איינגעאָרדנט צוויי סאָפעס אינדער־הויך, אויפן אויטאָ, ווו מען קען אַרויפקריכן און זיך זעצן באַקוועם, ווי די פריצים...

שכנים און שכנטעס זענען אַרויסגעקומען זיך געזעגענען. זיי האָבן לייבישן געווונטשן מזל־טוב און זכריהן — אַ סך גליק און נחת. פאַר־איינוועגס האָבן זיי שוין זיך אַליין אויך געווונטשן „פטור צו ווערן פון דער פינצטערער דזשעבעליאַ און ווינען ערגעץ מיט לייטן צוגלייך". און:

— ווי דערלעבט מען עס שוין?...

— און ווי האַלט מען עס שוין דערביי?... — האָבן זיי געזיפצט און געקוקט מיט קנאה־בליקן צום אָנגעלאָדענעם אויטאָ.

זיי זענען אַרויפגעקראָכן איבער שאַפעס, שפּיגלען און קאָמאָדן און זיך געזעצט אין די וויכע, פּליושענע סאָפעס. דער שאָפער האָט געלאָזן דעם מאָטאָר. אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער יוחנן דער שוסטער.

— פאַניע קאַרלסבאַד, פאַניע קאַרלסבאַד! — האָט ער געגרופן — אפשר קען איך זיך מיטכאַפּן מיט אייך קיין תל־אביב? איך וואַרט שוין אַנדערהאַלבן שעה אויף אַן אויטאָ! איך מוז דאָרט דרינגנעד...

— פאַרוואָס נישט? קריכט אַרויף! שנעלער!...

— אַ דאַנק. — האָט זיך יוחנן אַרויפגעדראַפּעט אויף דער מאַשין אַרויף. און ווען ער האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט, האָט ער באַדווירענדיק געגומען שאָקלען מיטן קאָפּ: — אַזוי, אַזוי... די אינטעליגענץ פאַרלאָזט אונדז...

— איר ,יוחנן הסנדלר, זאָלט אַזוי רעדן?... — האָט זיך זכריה גע־חידושט — ביי אייך איז דען אויך אַן אונטערשיד צווישן ייִדן און ייִדן? אַלע זענען דאָך ברידער און שוועסטער?... חברים און חברטעס...כל ישראל חברים!...

— איך וואָלט עס נישט געזאָגט... — האָט יוחנן דערווידערט — פונקט ווי דער קאָצקער רבי איז נישט מיינער קיין חבר, אַזוי זענען די גנבים און מעסער־שטעכער פון דער אונטערוועלט נישט מיינע קיין חברים...

— זענען דען אַלע דאָ פאַרברעכער?...

— חלילה! אַוודאי טאָר מען נישט פאַראַלגעמיינערן! מיט דער צייט, אפשר, וועט מען זיך איינלעבן... זיך דערנענטערן.

— איך צווייפל אין דעם שטאַרק! — זאָגט פינקעלשטיין מיט אַן ערנסטקייט, וואָס קליידט אים נישט צום פנים — תל־אביב איז שוין אַלט פערציק יאָר און שבטים זענען דאָרט געבליבן באַזונדערע שבטים... יעדער שבט האַלט זיך באַזונדער. און נישט נאָר מען איז זיך זעלטן מתחתן, נאָר אַ פוילישער הויזווירט שטעלט נאָך אַלץ זיין לאָקאַטאָר אַ באַדינג, ער זאָל די דירה נישט אָפּטרעטן קיין פרענק...

— עס קאָן נישט זיין!

— וועל איך עס אייך איבערצייגן!... וואָס דאַרפט איר מער? מען דערציילט, אַז אונדזער גרויסער חיים נחמן ביאַליק האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט פיינט די אַראַבער דערפאַר, ווייל זיי זענען ענלעך צו פרענקן... און אין יעדן וויץ איז דאָך דאָ עפּעס אמת...

— זעט איר שוין!... — זאָגט יוחנן — און צו דעם אַלעמען, איז נאָך די סכנות באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, אַפּזונדערנדיק די עולים־חדשים. ווען מען צעוואַרפט אונדז איבערן גאַנצן לאַנד, צווישן די אַלטע תושבים, וואָלטן מיר זיך גיכער איינגעלעבט אין דער היגער אַטמאָספער... מיר וואָלטן גאַנץ שנעל פאַרגעסן, אַז מיר זענען עולים־חדשים... מענטשן מיט שטאָטישע פּראָפעסיעס, האָט מען געדאַרפט שיקן אין שטאָט. די איבעריקע האָט מען געדאַרפט באַזעצן אויף לאַנד, ביי פּראָדוקטיווער ערד־אַרבעט. אין מושבות, אין דערפער. נישט־קשה, מען וואָלט גאַנץ גוט אויסגעקומען מיט אַ פּאָר טויזנט „גזוז"־געוועלבלעך ווייניקער!... און שיינע טויזנטער לאַ־יצלחס וואָלטן זיך נישט געריסן קיין תל־אביב, אַרומצוטראָגן־זיך מיט פּאָרטפעלן אַלס פּקידים און פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן... מען וואָלט זיך פאַרנומען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, מיט מלאכה. מען וואָלט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד און זיך דאָרט אַליין פאַרוואָרצלט! און אַז מען דערפילט דעם טעם פון שטיקל ברויט, וואָס איז אויסגעוויקט אין אייגענעם שוויס, קריגט מען גאָר אַנדערש ליב די ערד און דאָס לאַנד... דאָס ווירקט אַ סך מער, ווי די שענסטע פראַזן פון אַלע אַגיטאַציע־רעדעס!... און אַזוי האָט מען אויך געדאַרפט אויסמישן די עדהס. נישטאָ קיין פרענקן באַזונדער און קיין תימנער באַזונדער! אַלע צוזאַמען! לעבט מען זיך מיט דער צייט איין און עס פאַרשווינדן די ראַסן־אונטערשיידן...

און אַזוי, — לעבט מען דאָ, ווי אין אַן „אונרראַ"־לאַגער אין דייטשלאַנד... מען לעבט נאָך אַלץ מיט דער לאַגער־פּסיכאָלאָגיע, מיט די לאַגער־ספסוכים, מיט די לאַגער־חשדים און מיט אַ געמיט פון פּליטים, וואָס זענען נאָך אַלץ נישט דערשוווּמען צו קיין ברעג... מען אַרבעט אויף דערווייל. מען אָרדנט זיך איין אויף דערווייל און מען האַנדלט אויף דערווייל... אַלץ אויף דערווייל... מען בירגערט זיך נישט איין און מען געוויינט זיך נישט צו צום געדאַנק, אַז דאָ בלייבט מען שוין לעולם־ועד...

— די צייט וועט אַלץ אויסהיילן, חבר יוחנן... נאָך אַ דור, נאָך צוויי... שפּילן דען אַ פּאָר דורות אַ ראָלע אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק?... עס וועט זיך איבערקאָכן.

— יאָ, עס וועט זיך איבערקאָכן... און אַז עס וועט פאַרטיק ווערן, וועט מען עסן... נאָר וואָס אַזוינס עס וועט זיך אויסקאָכן, ווייסט מען נישט...

אין רוסלאַנד קאָכט זיך שוין אַזוי אַריבער דרייסיק יאָר!... און דערווייל עסט נאָך דאָרט איינער דעם אַנדערן...

דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן אין פעטן טשאַד־נעפּל פון די געראָי־כערטע שאַשליקן און פאַלאַפעל. פאַרבייגעפאָרן דער קאַפע גן־תמר, וווּ אַמאָל איז געווען די ראַגאַטקע פון דזשעבעליאַ און דער שטעכל־דראָטיקער צוים אַרום דעם אַראַבישן געטאָ. איצט איז דאָ אַ יאַריד פון הענדלער מיט געפאַרבטע צוקערלעך, סאַבּרעס, שוואַרצע פאַנטשקעס, שטרויענע ניסלעך און פאַרשיידענע ירקות. אַ געזאַנג, אַ געשריי, אַ געררודער.

זכריה האָט זיך אומגעקערט און געוואָרפן זיין לעצטן בליק אויף דער שטויביקער, רויכיקער שטאָט, וואָס איז אַמאָל געווען זיין פאַרכישופטער, אומבאַוויינטער אינדזל...

— אַדיע, דזשעבעליאַ!... — האָט ער אַ זאָג געטון. — וועסט נאָך זיין אַ לייטישע שטאָט מיט שטעט צוגלייך!...

און אין זיין געמיט איז אויפגעגאַנגען דער קינדערשער כאָר־געזאַנג פון דעם נייעם גן־ילדים, אין דעם אויסרעמאָנטירטן הויז פון די מערדער:

יום־הולדת של אפרים,
חג גדול לילדים!...

## פון זעלבן מחבר דערשינען אין אַרגענטינע פאָלגענדע ביכער:

1. „די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1951

2. „דער צוריקגעקומענער" — באַנד I
פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1952

3. „דער צוריקגעקומענער" — באַנד II
פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1952

4. „אין אייגענעם לאַנד" (דערציילונגען)
פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס־איירעס, 1952

5. „מאַטילדאַ לעבט" (דערציילונג)
אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון בריסק דליטא און אומג. ב. איירעס, 1954
(פרעמירט פון „צבי־קעסעל"־פאַנד פאַר ליטעראַטור אין מעקסיקע)

6. „דזשעבעליאַ" (ראָמאַן)
פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס־איירעס

## בקרוב וועלן דערשיינען:

1. פלאָראַ אינגבער — ראָמאַן
2. וואַרשעווער קאַוואַלערן — ראָמאַן
3. אַ הויז אין תל־אביב — ראָמאַן
4. עלדאָראַדאָ — דערציילונגען
5. דער ליטווישער קאַפּעלמייסטער — ראָמאַן
6. אויסדערוויילטע לידער און באַלאַדן
(פון דערשינענע און נישט־דערשינענע ביכער)

---

אַדרעס פון מחבר:

**I. Perlov**

**Tel-Aviv. 82, Sokolov St. (Israel)**

para uso personal
sin fines comerciales

**ITZJOK PERLOW**

# DYEBELIA

(NOVELA)

*

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

Buenos Aires — 1955